STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09533

TSVISHN HURBN UN OYFBOY

Herman Frank

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

BETWEEN RUIN AND RECONSTRUCTION

THE SOCIAL AND POLITICAL WORLD CRISIS AND THE JEWS

by

Herman Frank, Ph. D.

EDUCATIONAL COMMITTEE
BIALYSTOKER BIKUR CHOLIM
CENTER OF BROOKLYN
NEW YORK 1940

צווישן חורבן און אויפבוי

דער פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלט־קריזיס און די ייִדישע לאַגע

פון

ד״ר. הערמאַן פראַנק

בילדונג־קאָמיטעט
ביאַליסטאָקער בקור חולים
צענטער פון ברוקלין
ניו יאָרק ת״ש — 1940

אין דער אויסגאַבע האָבן מיטגעאַרבעט:

יוסף לעווין — **צייכענער פון עמבלעם;** ראובן ליף — צייכענער **פון קאָפּ פון שער־בלאַט.** זשייקאָב שעפּס — **אַלגעמיינער פאַרוואַלטער.**

מאַקס וועבער — **בילד אויפן דזשעקעט**

Copyright, 1940
by
HERMAN FRANK

געזעצט און געדרוקט אין
פאַרלאַג אַטלאַנטיק — ניו יאָרק
33 גרענד סטריט
178

Printed in the United States of America

דאָס בוך איז דערשינען ביי
דער טעטיקסטער מיטוויקונג
פון מר. לואיס פּאַלטער

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן:

וואָלף בן ר׳ שמואל פראַנק

(געב. קאָוונע, געשט. ביאַליסטאָק, ב׳ חשון, תרע״ח, 10.18.1917)

שרה פראַנק בת ר׳ הירש גינזבורג

(געב. מינסק, געשט., דיסלדאָרף, כ״ט סיון, תרפ״ו, 6.11.1926)

אינהאַלט

פאָרוואָרט — 11

1. צײַט־פראַגן און וועלט־פּראָבלעמען

אַרײַנפיר — 19

וואוהין גייט אַמעריקע? — 22

פאַלשע און עכטע דעמאָקראַטיע

1. פרײַהײַט און גלײַכהײַט. — 2. אַ באַלערנדיקער בײַשפּיל. — 3. גוטע דעמאָקראַטן און עכטע דעמאָקראַטיע — 28

נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַמעריקע

1. מינדערהײַטן אין אַמעריקע. — 2. אַמעריקאַניזאַציע. — 3. נײַע פונקציעס פאַר מינדערהײַטן — 36

נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אין אַמעריקע

1. דער קולטור־קריזיס. — 2. אַ טראַגישער פעלער — 50

דער מענטש און די מאַשין

1. צוויי פעריאָדן פון מעכאַניזאַציע. — 2. מעכאַנישע אַרבעט און מאַשין־אַרבעט. — 3. די שטרעבונג צו פאַך־געניטשאַפט. — 4. דער פרײַז פון טעכנישן פּראָגרעס — 61

דער אַמעריקאַנער אַרבעטער: פון נעכטן ביז הײַנט — 72

2. צילן און וועגן פון אויפבוי

אַרײַנפיר — 81

יידישער חורבן און אויפבוי אין אייראָפּע

1. די קריטישע לאַגע. — 2. פאַרצווייפלונג און האָפענונג. — 3. דער וועג צום אויפבוי — 84

צווישן חורבן און אויפבוי

פינף־און־צוואַנציק יאָר ייִדישע קאָאָפּעראַציע

1. ייִדישע קאָנסום־פאַראיינען אין דער וועלט־מלחמה. 2. קרעדיט־קאָאָפּעראַציע ביי די ייִדן אין פוילן (1921—1938) — — — — — — 103

דער ארץ ישראל אויפבוי און די אַרבעטער

1. לאַנד און פאָלק. — 2. די ייִדישע שטעט. — 3. די ייִדיש־אַראַבישע פראַגע. — 4. אַרבעטער קאָאָפּעראַציע און קעגנזייטיקע הילף. — 5. קאָלעקטיוויסטישע קאָלאָניעס (קבוצות) — — — — — — — — — — 123

צו דער פראַגע פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע

1. טעריטאָריעלע האָפענונגען און אילוזיעס. — 2. קאָלאָניזאַציע פּראָיעקטן און פּערספּעקטיוון. — 3. טעריטאָריעס און אַנדערע פּלענער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 175

אַ זשורנאַל פאַר דער ייִדישער עקאָנאָמיק — — — — — — — — 195

3. דער ייִד אין אַמעריקע

אַריינפיר — 205

א. עקאָנאָמישע פּראָבלעמען

צו דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אַמעריקאַנער ייִדן

1. אינדוסטריעלע ענדערונגען. — 2. ייִדן און דער קראָם־האַנדל. — 3. אורבאַניזאַציע און די ייִדן. — 4. דער „ניו דיל” און די ייִדישע פּרנסות. — 5. דער ייִדישער אַרבעט־מאַרק — — — — — — — — — 208

אונדזערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אויפגאַבן

1. די לאַגע נאָך דער מלחמה. — 2. די גרויסע דעפּרעסיע. — 3. גלגולים פון ייִדישן געשעפט־מאַן. — 4. דיסקרימינאַציע און באָיקאָט. — 5. גייסטיקע יסורים פון יונגן דור. — 6. אַלטע און נייע פּרנסות — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 226

די צוקונפט פון ייִדישער פאַרמעריי

1. איבערבליק און סך־הכל. — 2. דער יונגער דור און די פאַרמעריי. — 3. ייִדן אין די פאַרמער קאָאָפּעראַטיוון. — 4. אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה — — — — — — — — — — — — — — 255

אינהאַלט

יידן אין דעם געשעפט־לעבן פון אַמעריקע

1. פינאַנץ און שווערע אינדוסטריע. — 2. לייכטע אינדוסטריע און האַנדל. — 3. צייטונג־פאַרלאַג און פילם־עסקים. — 4. אויספיר — 277

ב. צו דער פראַגע פון קהילה־אויפבוי

אונדזערע געזעלשאַפטלעכע צדקה־טעטיקייטן

1. היסטאָרישער איבערבליק. — 2. יידישע צדקות זינט 1880. — 3. צדקה פעדעראַציעס, „קאָמיוניטי טשעסטס" און „וועלפעיר פאָנדס". — 4. פילאַנטראָפיע און די דעפּרעסיע. — 5. אויפן שדייוועג — — — 297

נייע וועגן פון קהילה־אויפבוי

1. ענדערונגען אין די צדקה פעדעראַציעס. — 2. די ערשטע קהילה־ראַטן. — 3. פונקציעס פון קהילה־ראַט. — 4. דריי מדרוגות פון אויפבוי. — 5. יידישע „צענטערס". — 6. קהילה פערספּעקטיוון — 325

אַ בוך וועגן אונדזערע קהלישע אָרגאַניזאַציעס — — — — — — 348

ג. קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם

יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט

1. יידן ווי אַן אַמעריקאַנער מינדערהייט. — דער נייער אַנטיסעמיטיזם. — 3. פאַשיזם און די מינדערהייטן. — 4. רדיפות אויף די „פרעמדע" — — — — — — — — — — — — — — — — — 353

דער נעגערשער אַנטיסעמיטיזם

1. ראַסן־סכסוכים אין אַמעריקע. — 2. עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם צווישן נעגערס. — 3. די נאָדל־טריידס און די נעגערס — — — — — 366

ווי זאָל מען באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם ?

1. דער וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם. — 2. קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם אין ענגלאַנד. — 3. אַרבעט־פּלאַן פאַר אַן אַנטי־דיסקרימינאַציע ביוראָ. — 4. צילן פון פאַרטיידיקונג־קאַמף — — — — — — — — — 380

ביבליאָגראַפישע הוספה — — — — — — — — — — — — — 397

זוכצעטל — 399

מאַפּע פון ארץ ישראל — — — — — — — — — — — — — — — 127

פאָרוואָרט

מיר לעבן אין אַ צווישן־צײַט, אַ צײַט צווישן חורבן און אויפבוי... אַלטע וועלטן ווערן חרוב און נײַע וועלטן האַלטן אין געבאָרן ווערן. אַמאָליקע באַגריפן פאַרשווינדן און נײַע סאָציאַלע אידייען און אידעאַלן שווימען אַרויס און פאַרענדערן די וועלט.

די איבערגאַנג־צײַט באַרירט די ייִדן און ניט־ייִדן. אָבער ווי אין יעדער מהומה־עפּאָכע לײַדן ייִדן מער פון אַלע פעלקער. לאָמיר זיך דעריבער אַרײַנטראַכטן אין די שווערע צײַט־פראַגן, כדי צו וויסן וואו מיר, אַלס מענטשן, ייִדן און אַמעריקאַנער, האַלטן אין דער וועלט, דאָס מיינט — בכדי צו פאַרשטיין און צו פּראָגרעסירן. די אָפּהאַנדלונגען, וועלכע, דאָס בוך צווישן חורבן און אויפבוי ברענגט, זוכן בײַצוטראָגן צו אָט דער אויפקלערונג אין איינעם פון די קריטישסטע מאָמענטן פאַר דער גאַנצער וועלט.

כמעט אַלע אַרבעטן (חוץ די קורצע אַרײַנפירן צו יעדן פון די דרײַ טיילן פון בוך) זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן פאַרן 1טן סעפּטעמבער 1939. דאָך איז דער זין פון אפילו יענע אַרטיקלען, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די פּויליש־ייִדישע פּראָבלעמען, אין גרונט, ניט געענדערט געוואָרן דורך די קאַטאַסטראָפאַלע פּאַסירונגען פון די לעצטע מאָנאַטן. אונדזער הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט, בײַ דער באַהאַנדלונג פון אַלע פּראָבלעמען וואָס ווערן אַנאַליזירט, איז געלייגט געוואָרן דווקא אויף יענע פאַקטאָרן וואָס ווירקן שוין פון לאַנג. אמת, די מלחמה האָט דעם גרויסן ייִדישן חורבן, וואָס ציט זיך שוין יאָרן לאַנג, געמאַכט אומענדלעך טראַגישער. אָבער די אורזאַכן פון חורבן ליגן אין די סאָציאַלע אומשטאַנדן און באַדינגונגען, וואָס האָבן שוין אַ גאַנץ לאַנגע און פאַרוויקלטע געשיכטע. במילא מוזן די געפּלאַנטע וועגן צום אויפבוי, אויך באַטראַכט ווערן אין ליכט ניט אַזוי פון די פאַרבײַגייענדיקע צײַט־אומשטאַנדן, נאָר פיל מער — פון דעם שטאַנדפּונקט פון דויערנדיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע צילן און אויפגאַבן.

דאָס בוך האָט דרײַ טיילן, זיי זײַנען אָבער צווישן זיך גײַסטיק פאַרבונדן פיל מער ווי עס וועט אפשר אויסקוקן אויפן ערשטן בליק. מיר הויבן אָן מיט עטלעכע אָפּהאַנדלונגען, וואָס שילדערן, אין גאַנץ ברייטע שטריכן, אַ צאָל גרויסע פּראָבלעמען, וועלכע באַרירן אונדז אי דירעקט, ד. ה. אַלס אַמעריקאַנער, אי אומדירעקט, ד. ה.

אין פאַרבינדונג מיט די מוראדיקע דערשיטערונגען אין דעם סאָ־ציאַלן לעבן פון אַלע פעלקער און וואָס וועלן פריער אָדער שפּעטער באַרירן אויך אַמעריקעס גײַסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן.

דער צווייטער טייל באַהאַנדלט ריין־ייִדישע פראַגן און באַקומט דורך די אָפּהאַנדלונגען אין דעם ערשטן טייל אַ פאָן, אַ הינטער־גרונט וואָס אויף אים מוזן מיט אַ גרעסערער שאַרפקייט אַרויס־טרעטן פאַרן גײַסטיקן בליק פון לעזער די באַציאונגען צווישן דער אַלגעמיינער וועלט־לאַגע און די ייִדישע פראַגן הײַנט צו טאָג. מיר וועלן אַזוי אַרום בעסער פאַרשטיין אי די נײַע מעגלעכקייטן פאַרן סאָציאַל־עקאָנאָמישן איבערבוי פון דעם האַלב־חרובן ייִדישן לעבן, פון איין זײַט אי די געוואַלדיקע נײַע שטערונגען פאַר אַזאַ איבער־געשטאַלטונג, פון דער צווייטער זײַט.

דער דריטער טייל, „דער ייִד אין אַמעריקע", איז ענג פאַר־בונדן מיט די ערשטע צוויי טיילן. ווירקט דען ניט אויף יעדן איי־נעם פון אונדז די אַרומיקע אַמעריקאַנער סביבה מיט אַלע אירע פּראָבלעמען און מיט די אייגנאַרטיקע אומשטאַנדן? צווייטנס, איז דאָך דער אַמעריקאַנער דורכשניט־ייִד פאַרבונדן, דורך אַ סך אומ־זיכטבאַרע פעדים, מיטן ייִדישן קבוץ אין אייראָפּע. אין זײַן קור־צער שטורמדיקער געשיכטע האָט אונדזער אַמעריקאַניש־ייִדישער קבוץ נאָך ניט באַוויזן אויפצובויען זײַנע אייגנאַרטיקע פאָרמען פון ייִדישן לעבן און שטרעבן. אין אַ באַשטימטן סימבאָלישן זין שטעלט מיט זיך פאָר די ייִדישע קעגנוואַרט אין אַמעריקע אַ צײַט צווישן חורבן און אויפבוי, דעם חורבן און אונטערגאַנג פון די אַלטע, גײַס־טיק זייער הויך־שטייענדיקע וועלטן, און דעם אויפבוי פון נײַע גײַסטיקע וועלטן און ווערטן, וואָס האַלטן ערשט אין באַשאַפן ווערן. מיר האָבן דאָ אין אַמעריקע אַ נײַעם שטאַרקן ייִדישן צענטער מיט גרויסע מעגלעכקייטן און היפשע געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען. דער צענטער האָט אָבער פאַר זיך דערווײַל קיין אייגענע גײַסטיקע און עקאָנאָמיש־פעסטע און געזיכערטע היים נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעבויט. און אָט זײַנען מיר, אַמעריקאַנער ייִדן, איצט אַ פינף מיליאָניקער קבוץ, וואָס מאַכט אויף זײַן שטייגער דורך אַן איבער־גאַנג־עפּאָכע אין דער גײַסטיקער געשיכטע פון ייִדישן וועלט־פאָלק, אַ צײַט צווישן חורבן און אויפבוי.

דאָס בוך צווישן חורבן און אויפבוי באַהאַנדלט כמעט אויס־שליסלעך פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. דאָס זאָל אָבער ניט מיינען, אַז דער פאַרפאַסער באַציט זיך מיט גרינג־שעצונג צום שווערן גײַסטיקן קריזיס פון אונדזער צײַט. פּונקט פאַרקערט: לויט מײַן איבערצײַגונג איז די גײַסטיקע צעמישעניש, ווי ס'איז כמעט שטענדיק דער פאַל, דער טיפסטער מקור פון אויך די איצטיקע דערשיטערונגען און קאַטאַסטראָפעס. דער לעזער וועט אָט דעם געדאַנק געפינען דײַטלעך אַרויסגעבראַכט אין דער אָפּ־

פֿ אָ ר וו אָ ר ט

האַנדלונג „נאַציאָנאַליזם, פֿרײַהייט און קולטור". דערבײַ קומט דאָרט צום אויסדרוק אַזאַ וועלט־אָנזיכט, וואָס שטייט אין אײַנקלאַנג, ווי אונדז שײַנט, מיט די פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פֿון דער ייִדישער וועלט־אויפֿפֿאַסונג און עטיק. איך האָב לײדער מיך געמוזט באַגרענעצן אין פֿלאַץ בײַ דער באַהאַנדלונג אין עטישע און פּסיכאָלאָגישע פֿראַגן אין שייכות מיטן הײַנטיקן וועלט־קריזיס. אָבער געטאָן איז עס געוואָרן ניט אויס גלײַכגילטיקייט צו די דאָזיקע פּראָבלעמען, נאָר מחמת די ערשטע פֿליכט אונדזערע איז ד ע ר ו ו ײַ ל אָפּצוגעבן די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט בלויז איין פֿראַגע. דאָס איז די פֿראַגע פֿון דער מלחמה וואָס מיר ייִדן פֿירן איצט פֿאַר אונדזער עקזיסטענץ און פֿאַר דעם זכות־הקיום, פֿאַר דער דורכהאַלטונג און באַהויפּטונג אין קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן אַ וועלט מיט שונאים. און פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון אונדזערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין די אַלטע און נײַע לענדער מיט גרויסע ייִדישע ישובים. זאָל דאָ אָבער קלאָר באַטאָנט ווערן, אַז קיין שום שילדערונג און באַהאַנדלונג פֿון דער ייִדישער לאַגע, אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אַזוי גוט ווי אין דער קעגנוואַרט, קען קיינמאָל ניט זײַן פֿולשטענדיק און צוועקמעסיק אויב די גײַסטיקע פֿאַקטאָרן זאָלן באַזײַטיקט ווערן פֿון דער באַשרײַבונג אָדער באַטראַכטונג.

אַ צאָל אַרבעטן אין איצטיקן בוך זײַנען שוין געווען געדרוקט אין די היגע פּעריאָדישע אויסגאַבן, ווי דער ספר השנה, די צוקונפֿט, די פֿרייע אַרבייטער שטימע, דער אידישער קעמפּער און אַנד. אייניקע זײַנען געווען געדרוקט אין ענגליש אָדער זײַנען בכלל פֿריער נאָך קיינמאָל ניט דערשינען. אָבער אַלע אַרבעטן זײַנען מער אָדער ווייניקער רעווידירט געוואָרן איידער זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין בוך צווישן חורבן און אויפֿבוי. אין אַ סך אָפּהאַנדלונגען זײַנען טיילן פֿון מײַנע פֿריער שוין געדרוקטע אַרטיקלען אַזוי צוזאַמענגעבונדן און אַרײַנגעוועבט געוואָרן אין אַ נײַעם מוסטער, אַז די נײַע אָפּהאַנדלונגען אונטערשיידן זיך לחלוטין (דורך דעם צוגאַנג און באַהאַנדלונג פֿון דער טעמע) פֿון דעם פֿריערדיקן אופֿן צו אַנאַליזירן די אָדער יענע פֿראַגן. דער לעזער וואָס איז שוין אפֿשר פֿון פֿריער באַקאַנט מיט מײַנע אַרבעטן איבער די באַטרעפֿנדיקע פּראָבלעמען, וועט בכן איצט קענען לייענען די אָפּהאַנדלונגען אין דעם בוך מיט נוצן אַ צווייטן מאָל.

דאָס בוך איז פֿאַרטראַכט און אויפֿגעשטעלט געוואָרן דערהויפּט פֿאַר די לעזער ניט קיין מומחים אין סאָציאַלער פֿאָרשונג. אַזעלכע לעזער זײַנען ניט געוואוינט אין זייער לעזע־שטאָף זיך אָנצושטויסן אויף אַ סך סטאַטיסטישע ציפֿערן, וויסנשאַפֿטלעכע ציטאַטן און הערות. דעריבער איז טאַקע דער געוויינלעכער „וויסנשאַפֿטלעכער אַפּאַראַט" פֿון ביבליאָגראַפֿישע באַמערקונגען, קריטישע נאָטיצן און רעפֿערענצן רעדוצירט געוואָרן צו אַ מינימום. דאָ און

צווישן חורבן און אויפבוי

דאָרט ווערן פונדעסטוועגן געגעבן געוויסע אָנווײַזונגען וואָס קענען העלפן דעם פאָרשער וואָס זוכט זיך צו פאַרטיפן אין דעם באַטרעפנדיקן ענין. דער פאַרפאַסער איז גרייטוויליק צו דינען מיט אינדיווידועלע תשובות אויף אַלע אָנפראַגעס און בקשות מכוח ווײַטערדיקע מעטאָדישע פאָרשונגען פון די פּראָבלעמען וואָס ווערן באַרירט אויף די זײַטן פון אונדזער בוך. די אָנפראַגעס דאַרפן געשיקט ווערן אויפן אַדרעס פון די אַרויסגעבער פון בוך.

צום שלוס וויל איך האַרציק דאַנקען דער אינסטיטוציע וואָס האָט, דווקא אין די איצטיקע שווערע צײַטן פאַרן ערנסטן ייִדישן בוך, גענומען אויף זיך די אַרויסגעבונג פון אָט דעם ווערק — דעם „ביאַליסטאָקער בקור חולים צענטער פון ברוקלין”. אַ ספּעציעלער דאַנק און עפנטלעכע אָנערקענונג קומט די ברידער מאָריס און סעמיועל קראָל, וואָס זײַנען פון די אַקטיוויסטע טוערס אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן צווישן די ביאַליסטאָקער לאַנדסלײַט אין אַמעריקע, און גיבן אויך אָפּט זייער הילף ביי וויכטיקע קהלישע טעטיקייטן אין די אינטערעסן פון אונדזער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ניו יאָרק בכלל. אַדאַנק זייער פאַראינטערעסירונג מיט מיין ווערק איז מעגלעך געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם בוך צו אַ פּרייז וואָס וועט אים מאַכן צוגענגלעך פאַר יעדן פון די וואָס זוכן וויסן איבער די שווערסטע פּראָבלעמען פון אונדזער שטורעמדיקער צייט. מיר האָפן, אַז דערפאַר וועט דער דענקנדיקער טייל פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, צעשפּרייט איבער אַלע עקן פון גאָר דער וועלט, פילן אַן אויפריכטיקע דאַנקבאַרקייט צו מײַנע לאַנדסלײַט און פרײַנד, מאָריס און סעמיועל קלאָר פון ברוקלין, ניו יאָרק.

ה. פ.

ניו יאָרק, יאַנואַר, 1940.

צווישן חורבן און אויפֿבוי

I

צייט־פראַגן און
וועלט־פּראָבלעמען

אַרײַנפֿיר

אין אַ וועלט, וואָס שטייט אין פֿלאַמען פֿון מלחמה און צע־שטערונג, טיילט זיך דערוויַיל אויס אַמעריקע ווי אַן אינדזל פֿון פֿרידן און רו. צו אַמעריקע זײַנען געווענדט די בליקן ווי צו אַ ליכט־טורעם וואָס שיינט אינם חושך איבערן צעבושעוועטן ים. דאָס שוואַך שיפֿל פֿון דער מערב־ציוויליזאַציע, פֿון דער אייראָפּעאיש־אַמע־ריקאַנישער קולטור, ווערט געשלײַדערט פֿון די שטורעם־כוואַליעס אין דעם ווירבל־ווינט פֿון מוראַדיקע היסטאָרישע איבערקערענישן. ניט ווייניק מענטשן האַלטן, אַז אַמעריקע דאַרף ווערן דאָס פֿאַר־בילד, אַ מאָדעל, פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן אייראָפּעאישן אויפֿבוי. האָט דאָך אַמעריקע אַזוי פֿיל געלערנט און גענומען פֿון אייראָפּע אין די פֿריערדיקע דורות, טאָ פֿאַרוואָס זאָל אַמעריקע ניט ווערן דער וועג־ווײַזער פֿאַר פֿעלקער, וואָס וועלן זיך באַלד שטעלן בויען אויפֿס־נײַ זייער ציוויליזאַציע נאָך דעם גרויסן מלחמה־חורבן?

אין אַ צײַט פֿון אַזעלכע שטימונגען דאַרף פֿאַר אונדז, אַמע־ריקאַנער, זיך שטעלן נאָך שאַרפֿער ווי ווען ס'איז פֿריער די פֿראַ־גע: וואוהין גייט אַמעריקע? איז ווירקלעך אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג אין דער גליקלעכער, רײַכער און פֿרײַער אמעריקע? האָבן מיר דאָך דאָ ניט לאַנג דורכגעמאַכט אַ שווערן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן קריזיס, פֿון וועלכן ס'איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצע רעפֿאָרם־באַוועגונג — דער „ניו דיל”, דער „נײַער סדר”, וואָס האָט געזוכט אויסצובעסערן די אַלטע פֿעלערן און באַפֿרײַען דאָס פֿאָלק פֿון אַ סך כראָנישע מכות.

איצט, זיבן יאָר נאָכן קריזיס, איז שוין קלאָר, אַז די וויכטיקע רעפֿאָרמען האָבן קיין ראַדיקאַלע רפֿואה פֿאַר דער שווערער קרענק ניט אַרײַנגעבראַכט. און דאָך איז אַ קוראַציע דורך ווײַט־גרייכנדיקע רעפֿאָרמען געווען ניט בלויז נויטיק, נאָר אויך מעגלעך. פֿאַרמאָגט דען ניט אונדזער לאַנד אַן אַ שיער נאַטירלעכע רײַכטימער, אַ מוס־טערדיקע טעכניק און אַן אַרבעטזאַמע באַפֿעלקערונג, וואָס לאָזט זיך באַגײַסטערן און פֿירן וואוהין מען ציט זי? טאָ פֿאַרוואָס זאָל ניט מעגלעך זײַן אַן ערנסטע אַקציע איבערצובויען די קראַנקע גע־

זעלבשטענדיקע אָרדענונג, אָנפּאַנגענדיק פון דעם אונטערגעפוילטן פונדאַמענט — דעם דלות און פאַרצווייפלונג צווישן איין דריטל פון פאָלק, בעת אַ גאַנץ קליינער טייל פון פאָלק לעבט, ניט נאָר אין גרויס וואוילטאָג, נאָר ממש אין אַן אומזיניקן, אומבאַגרענצטן לוקסוס!?

אַט דאָס איז די עיקר־פראַגע, וואָס עגבערט די מוחות פון אַלע דענקענדיקע אַמעריקאַנער, און בכדי צו עפענען פאַרן לעזער דעם הינטערגרונט, דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן באָדן, פון וועלכן דער קריזיס איז אַרויסגעוואַקסן, ציען מיר דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט צו די ערשטע צוויי אַרטיקלען אין דעם ערשטן טייל בוך. אויך איז די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע זייט פון דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט ווייט ניט קיין געזונטע. די רייבונגען צווישן ראַסן און נאַציאָנאַלע גרופּן באַדראָען דעם גייסטיקן (און ניט נאָר דעם גייסטיקן!) פרידן אין אַמעריקע. דער דאָזיקער ענין גייט אָן די אַמעריקאַנער יידן נאָך פיל מער ווי אַלע אַנדערע מינדערהייטן, פּשוט ווייל מיר יידן זיינען דער אייביקער שעיר לעזאזל... דאָס איז די הויפּט־טעמע פון דעם אַרטיקל „פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַמעריקע".

אָבער, מיט אַלע אירע ליכטיקע און פינצטערע זייטן, ווי איזאָלירט פון דעם מלחמה־חורבן זי זאָל ניט זיין, קען דען אַמעריקע אויף שטענדיק פאַרהיט ווערן פון דער צעשטערונג, וואָס בושעוועט אויף יענער זייט ים, וואו ס'איז געשטאַנען די וויגעלע פון דער מערב־ציוויליזאַציע? אַמעריקע איז אַ טייל פון אַט דער ציוויליזאַציע און אַמעריקעס גורל איז ניט אָפּצוטיילן פון דעם שיקזאַל פון דער איבעריקער ציוויליזירטער וועלט. אָבער מיר דאָ אין אַמעריקע, מיט איר געוואַלדיקער שפע פון נאַטירלעכע אוצרות און טעכנישע וואונדער, פילן גאָר־גאָר שאַרף די ביטערקייט פון דער פראַגע: מוז דען די ציוויליזאַציע חרוב ווערן דווקא אין אַ צייט פון אומגלויבלעכע טעכנישע חידושים און וויסנשאַפטלעכע וואונדער? דער 19טער יאָרהונדערט האָט געבראַכט מיט זיך די אייזנבאַנען, דאַמף־שיפן און פאַבריקן־מאַשינען; דער 20טער יאָרהונדערט האָט געשענקט דער מענטשהייט די עלעקטרישע קראַפט, די מאַסן־פּראָדוקציע און די קאָמוניקאַציע דורך לופט־שיפן און דורך די צויבערלעכע אינסטרומענטן פון ראַדיאָ־טעלעפאָן און טעלעוויזיע. ווי האָבן

צײַט־פראַגן און וועלט־פּראָבלעמען

אָבער די פעלקער געענטפערט אויף די אַלע מתנות? — דורך בלוטיקע מלחמות און דורך אַ מאָראַלישן באַנקראָט פון די פון לאַנג אָנגענומענע פּאָליטישע באַגריפן ווי פרײַהײַט, גלײַכהײַט און דעמאָקראַטיע. און פאַרוואָס איז די קאַטאַסטראָפע געקומען? איז עס ניט דערפאַר אפשר, וואָס דער טעכנישער פּאָרטשריט גייט שריט אין שריט מיט אַ סאָציאַלער ירידה און גײַסטיקער דעגענעראַציע, מיט אַ גרענעצלאָזן שטאַטלעכן מאַכט־דראַנג און נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם? און אויב דאָס איז נאָך ניט גענוג, איז די אומגליקלעכע מענטשהײַט נאָך אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ פאַרברעכערישער גלײַכגילטיקײַט צו די עלטסטע אידעאַלן, האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן און צוטרוי צו די אייביקע אמתן פון מאָראַלישן געזעץ. די אַלטע גלויבנס זײַנען פאַרביטן געוואָרן מיט אַ נײַעם גלויבן אין „פּירערס", וואָס האָבן, מעשה פאַלשע משיחים, גוזר געווען אויף זייערע קרבנות, די מיליאָניקע מאַסן, צו פאַלן אויף די שלאַכטפעלדער אין נאָמען פון אימפּעריאַליסטישע, וועלט־פאַרכאַפּערשע אידייען און צילן. ווי אַזוי איז די וועלט צו אַזאַ ירידה געקומען? אויף אָט דער פראַגע, ווייניקסטנס אויף איין זײַט אירער, דער פּסיכאָלאָגישער זײַט, זוכט צו געבן אַן ענטפער די אָפּהאַנדלונג „נאַציאָנאַליזם, פרײַהײַט און קולטור".

די מאַשין און דער אַרבעטער וואָס באַדינט זי, שטייען איצט אין צענטער פון אַלע סאָציאַל־פּאָליטישע צײַט־פראַגן און וועלט־פּראָבלעמען. די טיפערע, באמת רעוואָלוציאָנערע ראָלע פון דער מאַשין איז נאָך ווײַט ניט גענוג גרינטלעך און אַלזײַטיק באַהאַנדלט געוואָרן. אויך די ענדערונגען אינם פּסיכאָלאָגישן וועזן און סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע איצט, נאָכן אָפּשטעל פון דער מאַסן־אימיגראַציע פון אייראָפּע, קריגן אין אונדזער צײַט לײדער ניט די געהעריקע אויפמערקזאַמקײַט און אינטערעס. די דאָזיקע נײַע לאַגע, די קעגנזײַטיקע באַציאונגען פון מאַשין און אַרבעטער, און די סכסוכים אין די אַמעריקאַנער אַרבעטער־רײַען גופא — ווערן אויספירלעך באַהאַנדלט אין די לעצטע צוויי אַרטיקלען פון אָט דעם טייל פון בוך. דער ערשטער פון אָט די צוויי אַרטיקלען זוכט, אגב, צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: איז די מאַשין אַ ברכה אָדער אַ קללה פאַר דער מענטשהײַט?

וואוהין גייט אַמעריקע ?

פרילינג 1937 האָבן די פּראָגרעסיווע קרײַזן אין אַמעריקע געפײַערט, דורך אַרטיקלען און ביכער, דעם 200סטן געבורטס־טאָג פון טאָמאַס פּעין, אַט דער פּרײַהײַט קעמפער אין דער רעוואָלוציע פון 1776, און אין דער מלחמה פאַר דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקײַט. אַליין אַן אימיגראַנט פון ענגלאַנד און אַן אָרימער פאָלקס־מענטש, האָט מיטן כוח פון זײַן פײַערדיקן און ערלעכן וואָרט ניט ווייניקער אויפגעטאָן פאַר דער באַפרײַאונג פון די קאָלאָניעס ווי גענעראַל וואשינגטאָנס חיל. פון פעינס רעוואָלוציאָנערע פּאַמפלעטן, „קאָמאָן סענס" און „דהי קראַיסיס", האָבן אומצייליקע טויזנטער אַמעריקאַנער, און כמעט אַלע סאָלדאַטן פון דזש. וואַשינגטאָנס מיליציע, געשעפּט מוט און באַגײַסטערונג אין שווערן קאַמף קעגן ענגלישן קעניג און זײַנע אַריסטאָקראַטישע משרתים.

טאָם פעין האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער געהערט צוזאַמען מיט ווילי אַם גאָדווין און דעם פּאָעט ווילי אַם בלעיק צו די אינטערעסאַנטסטע רעבעלן־פיגורן פון ענגלאַנד אין יענער צײַט. זײַן נאָמען וועט אויף שטענדיק לעבן אין דעם דערהויבענעם פּאַנטעאָן פון די גײַסטער, וואָס ווײַזן אַ וועג צו אַ בעסערער צוקונפט פאַר דער מענטשהײַט.

זײַנע צוויי גרויסע ווערק, פאַרפאַסט שוין נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע — „דהי ראַיטס אָוו מען" („מענטשן־רעכט") און „דהי עידזש אָוו ריזאָן" („צײַטאַלטער פון שכל") — דריקן אויך אויס — שוין אפילו אין זייער נאָמען — רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען.

איז עס ניט מערקווירדיק, אגב, אַז די נעמען פון אַלע ווערק פון אַט דעם פשוטן ענגלישן אַרבעטער און אויטאָדידאַקט (אַ מאַן וואָס האָט זיך אַליין געלערנט און דערוואָרבן בילדונג), וועלכער

איז געוואָרן דער גײַסטיקער פֿאָטער פֿון דער אַמעריקאַנער „דעק־לאַריישאַן אָוו אינדעפּענדענס", זײַנען אַזעלכע שלאָג־ווערטער („סלאָגענס"), וואָס האָבן נאָך הײַנט־צו־טאָג אויך אַ לעבעדיקע באַדײַטונג ? !

„דהי קרײַסיס" — נו, מאַכן מיר איצט דען ניט דורך קיין קריזיס ? פֿון איין זײַט שפּאַרט אַרויס אַ גוואַלדיקע שפע פֿון אַלער־לײי פּראָדוקטן פֿון די פֿאַבריקן און פֿון כל טוב פֿון דער נאַטור, און פֿון דער צווייטער זײַט לעבן מיליאָנען מענטשן אין דחקות און נויט. און דאַרף מען ניט אויסשרײַען : „קאָמאָן סענס" ! דאָס מיינט : וואו איז דער שכל הישר, דער געזונטער מענטשן־פֿאַר־שטאַנד, וואָס זאָל באַזײַטיקן דעם דאָזיקן טראַגישן אומזין ?

און ווי האַלט עס מיט די „מענטשן־רעכט" ? דאַרף מען נאָך אַלץ איצט, ווי אין טאָם פּעינס צײַטן, ניט פּראָקלאַמירן די הייליקע מענטשלעכע רעכטן אין קעגנזאַץ צום בלוטדורשטיקן מיליטאַריזם און די פֿאַרהייליקטע און פֿאַרפּאַנצערטע אייגנטום־רעכט ? און זײַנען דען מיר ניט שטאָלץ מיטן „צײַטאַלטער פֿון שכל", דעם באַזונגע־נעם און געלויבטן 19טן יאָרהונדערט, וואָס זײַנע צוויי געראָטענע קינדער, די וויסנשאַפֿט און טעכניק, האָבן געזאָלט עפֿענען אַ נײַ בלאַט אין דער מענטשלעכער געשיכטע ! ?

באמת, טאָם פּעינס ווערק טראָגן אויף זיך נעמען, וואָס זײַנען פּראַפּעטישע לאָזונגען, און זײַנען דווקא ווי אָנגעמאָסטן פֿאַרן איצ־טיקן קריטישן מאָמענט אין דער געשיכטע פֿון אייראָפּעאיש־אַמע־ריקאַנישער ציוויליזאַציע.

דאָס נעמט זיך פֿון פּעינס קערנדיקן, נאַטירלעכן רעאַליזם, דאָס הייסט פֿון זײַן חוש פֿאַרןווירקלעכן לעבן. דער ענגלישער דענקער וויליאַם גאָדווין, וועלכער האָט אים גוט געקענט, דערציילט, אַז פּעין האָט פֿון אַבסטראַקטע טעאָריעס ניט געהאַלטן. ער האָט געהאַט אַן איבערצײַגונג, אַז יעדע פֿילאָזאָפֿישע שיטה, וואָס האָט אַ פֿעסטע, דאָגמאַטישע סיסטעם, פֿאַרשקלאָפֿט דעם מוח ניט ווייני־ניקער ווי די אָפֿיציעלע, קירכלעכע רעליגיע.

דאָס באַווײַזט אַלזאָ, אַז ווען מען קוקט זיך צו צום הײַנטיקן לעבן רעאַליסטיש, מיט די אויגן פֿון אַ טאָמאַס פּעין, זעט מען, אַז אַלע סאָציאַלע איבלען פֿון פֿאַר 150 יאָר זײַנען נאָך כמעט ניט געמינערט געוואָרן. די פֿאָרם האָט זיך אפֿשר געביטן, אָבער דער

אינהאַלט און תוך איז ווײַט ניט אַוועק פון דעם אָנפאַנג־מאָמענט פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע דאָ אין לאַנד.

פעין האָט געקעמפט מיט דער טיראַנײַ פון די מלכים און גלחים. די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען האָבן אין זײַן צײַט אַזאַ שאַרפע באַדײַטונג ווי איצט נאָך לחלוטין ניט געהאַט. מען האָט, למשל, אפילו גאָרניט געקענט פאָראויסזען די רעזולטאַטן פון דער „אינדוסטריעלער רעוואָלוציע", פון דער אײַנפירונג פון פאַבריקן מיט מאַשינען, וואָס זײַנען גראָד דעמאָלט געבאָרן געוואָרן. אינסטיקטיוו האָט אָבער אפילו אַזאַ ערלעכער פאָלקס־פירער ווי פעין שוין געשפירט, אַז די אָרימע קלאַסן זײַנען די אומשולדיקע קרבנות פון דער סאָציאַלער אומאָרדנונג.

„פאַרוואָס זײַנען כמעט אַלע, וואָס ווערן פאַרמשפט צום טויט, אָרימע מענטשן?", האָט ער געפרעגט. און האָט אויף דעם גופא געענטפערט — „דער דאָזיקער פאַקט גופא באַווײַזט, אַז זיי, די אָרימע לעבן אין אומדערטרעגלעכע אומשטאַנדן".

און איצט, אין 150 יאָר אַרום, מאַכט „דאָס לאַנד פון די פרײַע און בראַווע" ווידער דורך אַ קריזיס, ווי אין דער צײַט פון טאָמאַס פעין און טאָמאַס דזשעפערסאָן. און ווידער דאַרף דער ענטפער זײַן: „קאָמאָן סענס!" זאָל מען נאָר דערלאָזן דעם געזונטן פאַרשטאַנד צו רעגולירן די לאַגע, און עס וועט געפונען ווערן אַן ענטפער אויף דער עיקר־פראַגע פון אונדזער צײַט: ווי פאַרטיילט מען ווי געהעריק די שפע, וואָס די נאַטור און מענטשלעכע אַרבעט ברענגט אַרויס?

אַרבעטער מיט זייערע מאַסן־סטרײַקס זוכן אויך אַן ענטפער און זעען די לייזונג אין פאַרגרעסערטע שכירות און קירצערע שטונדן פון אַרבעט. דאָס איז אפשר אַ רפואה, אָבער בלויז אַ חיישעה סגולה. באַלד וועלן די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער אויפהויבן די פרײַזן, און די גרעסערע שכירות וועלן פאַרשווינדן ווי זאַלץ אין וואַסער; דער יקרות וועט קוועטשן נאָך שמערצלעכער, און ווײַטער וועט אַוועקגיין די סדרה פון העכערע שכירות און העכערע פרײַזן, און אַזוי אָן אַ ברעג. דערצו באַמיען זיך די באַנקירן און ספעקולאַנטן צו פאַנאַנדערבלאָזן דעם חשק פון רײַך־ווערן איבער־נאַכט, און די פאַפּירענע (סטאָקס) אינפלאַציע וועט פריער אָדער שפעטער דערפירן דאָס לאַנד צו אַ קראַך, ווי אין יאָר 1929.

צײַט־פּראַגן און װעלט־פּראָבלעמען

דער װאָרצל פון דער צרה ליגט פיל טיפער װי אין די סימנים, אויף װעלכע עס טײַטלען מיט די פינגער די כלומרשטע פּאָלקס־פרײַנד, די גרויסע פּאָליטיקאַנען. דער קװאַל פון דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער אומגלײַכהײַט ליגט אין דעם פּריװאַט־מאָנאָפּאָל פון קלײנע פּריװילעגירטע קרײַזלעך איבער די נאַטירלעכע רײַכטימער און איבער די סאָציאַלע הילף־מיטלען, װי געלט און קרעדיט, אָן װעלעכע די פּראָדוקציע און דער אויסטויש פון די פּראָדוקטן זײַנען ניט מעגלעך.

די רויב־פינגער פון מאָנאָפּאָל האָבן זיך אויסגעשפּרייט נאָך װײַטער און טיפער. מיליאָנערסקע קאָמפּאַניעס האָבן מאָנאָפּאָליזירט װיכטיקע פּאַטענטן אויף נײַע דערפינדונגען, װעלכע װאָלטן פּאַרביליקט די פּראָדוקציע, אָבער װאָלטן דערבײַ געשניטן די פעטע פּראָפיטן פון די טראָסטס און קאָרפּאָרײשאַנס. קויפן אָפּ די מאַגנאַטן די פּאַטענטן און דערשטיקן די דערפינדונגען. די נאַטירלעכע קראַפט־אוצרות, װאָס זײַנען דער פונדאַמענט פון די פּאָבליק יוטיליטי קאָרפּאָרײשאַנס, זײַנען מאָנאָפּאָליזירט געװאָרן דורך די גיריקסטע קאַפּיטאַליסטן. זיי צװינגען דאָס פּאָלק איבערצוצאָלן זיי אַרום 400 מיליאָן דאָלאַר יאָר־יערלעך אויף עלעקטרישער קראַפט און באַלײַכטונג, װאָס ליגן אין די הענט פון די דאָזיקע יוטיליטי מאַגנאַטן.

און, שליסלעך, די געפערלעכסטע און ערגסטע פאָרם פון פּריװאַט־מאָנאָפּאָל — די מאָנאָפּאָליזירונג דורך פּריװאַטע יחידים פון דעם װערט־צואװאַקס פון גרונט און באָדן (װאָס רופט זיך אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע „רענט״). אַזאַ סאָרט מאָנאָפּאָל איז אַ סקאַנדאַליעזע גנבה. דאָס װאָס איז הײַנט דזשאָוס אָדער דזשעקס פּלאַץ אויף צו פּאַרזייען מיט קרויט און בעבלעך, װערט אין 20—30 יאָר אַרום אַ מיליאָן־דאָלאַר „לאָט״ אין סאַמע צענטער שטאָט. אָט אַזאַ באָדן־אוצר, דער פּאַרגרעסערטער װערט פון לאַנד, איז על פּי שכל הישר אַ קהלשער און געװיס ניט קיין פּריװאַטער װערט־צואװאַקס. װאָס האָט דזשאָו אָדער דזשעק אויפגעטאָן, אַז זיי אָדער זייערע קינדער זאָלן אַרײַנשטעקן אין קעשענע די אוצרות, װאָס שטאַמען און געהערן דעם כלל? די אוצרות קומען פון דער אויסשפּרייטונג און אַנטװיקלונג פון גאַנצן ישוב. אַזאַ אײַנקונפט

פאַרן כלל וואָלט באַפרײַט דאָס פאָלק פון גרעסטן טייל פון שטײַער־יאָך. דאָס איז דער יסוד פון דער לערע מכוח דעם אַזוי גערופענעם „סינגל טעקס".

דאָס זײַנען אַ פּאָר פון די הויפּט־אורזאַכן, וועלכע פאַרשטעלן דעם וועג צו דער לייזונג פון דער „פראַגע פון אַלע פראַגן" הײַנט־צו־טאָג — ווי צו הויבן דעם לעבנס־שטייגער פון דעם אַמעריקאַנישן פאָלק אין אײַנקלאַנג מיט די גוואַלטיקע נײַע געלעגנהײַטן און מעגלעכקײַטן?

פרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו געבן דעם גאַנצן פאָלק דאָס, וואָס אים, דעם פאָלק, גע־הערט, דהײַנו, אַן „אַמעריקאַנישן לעבנס־סטאַנדאַרד". אָבער איז ער בכוח אַזאַ ציל צו דערגרייכן? וועלן זײַנע לאַטעס און שטוקע־וואַניעס אויפן אויסגעטראָגענעם, האַלב־צעריסענעם בגד העלפן? מ'זעט עפּעס ניט, איצט אין 7טן יאָר פון זײַן טערמין, קיין אויס־וועג דורך אַלע זײַנע ישועות. סוף כל סוף וועלן זיי די לאַגע אפשר נאָך ביטערער מאַכן. דווקא די לאַסטן פאַרן האָרעפּאַשנעם פאָלק, וואָס קומען פון אינפלאַציע, פון יקרות, לאָזן זיך שטענדיק צו ערשט דערשפירן, ווײַל די ערשטע דערשפירן אָט די מכות די אָרימערע קלאַסן, ד. ה. די מערהייט פון פאָלק.

אָט איז אַ בײַשפּיל. ווען קולידזש האָט רעגירט, איז דער מלוכה־ביודזשעט געווען (אין זײַן אײַנקונפט) אַזאַ: 79 פּראָצענט זײַנען גענומען געוואָרן פון אָפענע און דירעקטע שטייערן און 21 פּראָצענט פון „אומזיכטבאַרע שטײַערן", די וואָס מ'לייגט אַרויף אויף סחורות (אַקציז), ווי טאַבאַק, אַלקאָהאָל א. אַ. וו. אין די ער־שטע דרײַ יאָר פון רוזוועלטס הערשאַפט איז די לאַגע געווען אַזאַ — פון דירעקטע און אָפענע שטײַערן בלויז 40 פּראָצענט, און די איבעריקע 60 פּראָצענט (דרײַ מאָל מער ווי פריער!) פון אומדי־רעקטע טעקסעס (שטײַערן) ווי אַ שטייגער, די אָפּצאָלן אויף תבואה (כלומרשט פאַר פאַרמערס וועגן) און אויך די געוואַלטיקע הלוואות ביי די גרויסע באַנקירן, וועלכע מען וועט שפּעטער מוזן שווער באַצאָלן (מיט צינז־צינזן) דורך אָפענע און אומדירעקטע טעקסעס אויפן גאַנצן פאָלק, און דאָס וועט בלויז פירן צו נאָך אַ גרעסערן און כסדר וואַקסנדיקן יקרות.

צו באָרגן געלט בײַ די באַנק־מאַגנאַטן און פאַרשטאָפּן דעם

בײַדזשעט פֿאַר רעליף־צװעקן, איז אַ רפֿואה, װאָס קען דעם קריזיס אויף אַ האָר ניט לינדערן. און דאָרום שטעלט זיך יעדער אײנער װאָס גיט זיך אָפּ אַ חשבון איבער די ענינים פֿון כּלל, די שיקזאַל־האַפֿטע פֿראַגע: „װאוהין גײט אַמעריקע?“.

דער װעג װאָלט געװען אַ קלאָרער, אַ גראַדער, װען די פֿירער װאָלטן געזוכט צו באַפֿרײַען די געזעלשאַפֿט פֿונם יאָך פֿון די פּרי־װאַטע מאָנאָפּאָלן. ערשט דעמאָלט װאָלט טאַקע געשאַפֿן געװאָרן דער באָדן, דער תּנאַי, פֿאַר אַן אַנשטענדיקן העכערן לעבנס־שטײַ־גער פֿאַר די האַרעפּאַשנע מאַסן; — זעען מיר אָבער, אַז דװקא אונטער רוזװעלטס חניפֿהלעך צו די גרױסע, מיטעלע און קלענע־רע „ביזנעס פֿאַרטרעטער“, װערן איצט די מאָנאָפּאָלן אַלץ פֿעס־טער און אויך דער יקרות אַלץ גרעסער. היפּאָקריטיש רעדט די רעגירונג װעגן שאַפֿן ביליקע און געזונטע דירות פֿאַרן פֿאָלק און די באָדן־ספּעקולאַנטן לעקן שױן װידער אָפּ אַ גאַנץ פֿעטן ביינדל פֿון די שטײַגנדיקע באָדן־װערטן. די אַרבעטער װילן, און װעלן אפשר קריגן, העכערע שכירות, אָבער זײ װעלן מוזן באַלד פֿאַרלירן דעם אָטעם אין דעם װילדן געיעג נאָך די העכערע פּרײַזן.

אַזאַ װעג פֿירט פֿון אײן קריזיס צו אַ צװײטן. ערשט נאָכן בטל מאַכן די פּריװאַטע מאָנאָפּאָלן אויף די קװאַלן פֿון געזעל־שאַפֿטלעכן רײַכטום, װעט דאָס אַרבעטנדיקע פֿאָלק קענען ניט בלויז פּראָדוצירן, נאָר אויך געניסן פֿון אַן „אַמעריקאַנישן“ לעבנס־סטאַנ־דאַרד, װי דאָס איז דער אידעאַל פֿון אַלע ליבעראַלן, פֿון פּרעז. רוזװעלט אַרונטער ביזן קלענסטן פֿײַן־רײדנדיקן פּאָליטישן װאָרט־פֿירער.

פאַלשע און עכטע דעמאָקראַטיע

1. פרײַהײַט און גלײַכהײַט

זומער 1934 איז פאַרגעקומען אין מאָסקווע אַן אינטערעסאַנ־טער געשפּרעך צווישן דעם באַרימטן בריטישן ראָמאַניסט, ה. ג. וועלס, און סטאַלין. דער סטענאָגראַפישער באַריכט פון אָט דעם שמועס איז דערשינען אין לאָנדאָנער זשורנאַל „ניו סטייטסמאַן", ווי אויך אין בראָשור־פאָרם. ער האָט געצויגן אַ גרויסע אויפמערק־זאַמקײַט אין די פּראָגרעסיווע קרײַזן פון ענגלאַנד און אַמעריקע.

דער תוך פון וועלסעס טענה איז אָט וואָס: די פּראָגרעסיווע קרײַזן פון דער מערב־אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנער געזעלשאַפט ווילן איבערבויען, רעאָרגאַניזירן די שלעכטע עקאָנאָמישע סיסטעם פון דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם, אָבער אַזאַ רעפאָרם דאַרף ניט פירן צו אַ פאַרניכטונג פון די פּאָליטישע פרײַהײַטן און קולטור־דערגרייכונגען. ער, וועלס, איז אַבסאָלוט קעגן אַזעלכע באַגריפן, ווי „קלאַסן־קריג", „טעראָר", קאָנספּיראַטיווע צוגרייטונג פון באַ־וואָפנטע אויפשטאַנדן א. אַ. וו. אָט די אַלע עלעמענטן פון דער קאָמוניסטישער לערע, זאָגט וועלס, זײַנען לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צו לענדער מיט ברייטע פּאָליטישע רעכט, דעמאָקראַטישע אינסטי־טוציעס און אַלגעמיינער שול־בילדונג.

אַ טיפער תהום טיילט אָבער אָפּ דעם פרײַהײַט־ליבנדיקן וועלס פון די נײַעסטע פאַרטיידיקער פון דער „פרײַהײַט" דאָ אין לאַנד, ווי עקס־פּרעזידענט הוּווער, אַל. סמיט און די דיופּאָנטס, — די מולטי־מיליאָנערן און זייערע משרתים, וואָס זוכן, אונטער דער מאַס־קע פון קאַמף פאַר פרײַהײַט, צו פאַראייביקן זייערע פּריווילעגיעס און גרויסע פּראָפיט־געשעפטן. זאָגט דאָך וועלס גאַנץ קלאָר, אַז פרײַהײַט איז אים זייער טײַער דווקא צוליב דעם, וואָס זי העלפט

אָנצופירן דעם קאַמף פאַר אַ צווייטן אידעאַל — די דערגרייכונג פון עקאָנאָמישער גלײַכהײַט אָדער, ווייניקסטנס, עקאָנאָמישע רע־פאָרמען, וואָס פירן צו אַזאַ גלײַכהײַט.

די פוסטע דרשות וועגן פרײַהײַט און מענטשלעכע רעכט אין אַ וועלט, וואָס מאַכט איצט דורך שרעקלעכע עקאָנאָמישע יסורים, זײַנען זינלאָז און נוצלאָז, ווײַל פרײַהײַט פאַרלירט איר גאַנצע באַ־דײַטונג, ווען ס'הערשט אַן אומגעהײַערע עקאָנאָמישע אומגלײַכהײַט. נאָך מער: דווקא דורך דעם קאַמף קעגן אָרימקײַט און קעגן דער ביטערקײַט, וואָס קומט פון דער גרויסער אָרימקײַט אַרויס, איז ערשט מעגלעך געוואָרן צו דערשטיקן די פרײַהײַט סײַ אין רוסלאַנד, סײַ אין דײַטשלאַנד. דער אמתער פרײַנט פון דעמאָקראַטיע וועט קיינמאָל ניט אויפהערן צו באַקעמפן די עקאָנאָמישע אומגלײַכהײַט.

די ברייטע פאַנטאַזיעס פון אַ ווייכהאַרציקן וועלס, און זײַנע צעשוואומענע פּלענער פון „קאָנטראָל", „רעאָרגאַניזירונג" און „פּלאַ־נירונג" אין עקאָנאָמישן לעבן, נעמען אַרײַן אפילו די אַמעריקאַנער מאַגנאַטן, פאָרד, ראָקפעלער און אַנדערע צווישן די בויערס פון דער נײַער, פּלאַנירטערווירטשאַפט. ער, וועלס, איז טאַקע געווען פאַר זײַן נסיעה קיין מאָסקווע אין וואַשינגטאָן, און האָט אָוועקגע־פירט פון אַמעריקע אַ טיפן רעספּעקט צו אונדזער ליבעראַלן פּרע־זידענט רוזוועלט און זײַנע מיטהעלפער אין די נײַעסטע רעפאָרמען.

נו, איז פּונקט אַזוי נאַאיוו צו גלויבן, אַז אַלע אייגנטום־באַ־זיצערס וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע פּריווילעגיעס, און נאָך דערצו מיטן גוטן ווילן, ווי ס'איז זינלאָז צו גלויבן, אַז דער ביטערסטער בירגער־קריג מוז שטענדיק און אומעטום זײַן די לעצטע און אַנטשיידנדיקע פאָרם פון סאָציאַלן, ד. ה. קלאַסן־קאַמף. וועלס שטייט אָבער פאַרט אויף אַ שוואַכער פּאָזיציע.

„וואָס וועט איר טאָן מיט די פאַשיסטן?" — האָט סטאַלין אַ פרעג געטאָן וועלסן, — „איר וועט דעבאַטירן מיט זיי? וועט זוכן זיי צו איבערצײַגן?". אויף אָט דער פראַגע האָט וועלס ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער איז אויך ניט אימשטאַנד געווען אָפּצופרעגן סטאַלינס מיינונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם האַלט נאָך ניט בײַ דער גסיסה און, אַז דער צוואַנג־קאַפּיטאַליזם אין די פאַשיסטי־

שע לענדער קען, עקאנאמיש גענומען, אנהאלטן ווער ווייס ווי לאנג, ניט געקוקט אויף זײַן רשעות און אומיושר. קעגן געוואלט איז אפשר קיין אנדער מיטל ווי געוואלט ניטא...

וועלס, ווײַטער, פארזעט, אז דורך עקאנאמישע רעארגאניזאציע־פלענער קען מען אפשר נאך מער פארגרעסערן די פראדוקציע און צוגרייטן א בעסערן לעבן־שטייגער פאר דער גאנצער געזעלשאפט, אבער אן א פיל העכערער שטופע פון עקאנאמישער גלײַכהײַט ווי די הײַנטיקע, קען מען צו אן עכט דעמאקראטישער סיסטעם בכלל ניט קומען. מיט אנדערע ווערטער: די פארטיילונג פון דעם נאציאנאלן אײַנקונפט דארף זיך פירן אויף א פיל ברייטערן, געדעכטערן און סטאבילערן יסוד ווי דער, וועלכן מיר קענען אזוי גוט פון דעם צושטאנד, וואס הערשט אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער.

2. א באלערנדיקער בײַשפיל

אויף וויפיל די קאנטראסטן אט אויף דעם געביט זײַנען גרויס, קען אונדז ווײַזן אט די אילוסטראציע, גענומען פון א לערך נײַעם בוך.* שטעלט זיך ארויס, אז בײַ דער פארטיילונג פון אונדזער נאציאנאלן אײַנקונפט אין יאר 1929, וואס האט באטראפן 77 ביליאן (טויזנט מיליאן) און 117 מיליאנען דאלאר, האבן 12 מיליאן משפחות, אדער א דריטל פון אלע פאמיליעס צוזאמענגענומען, געצויגן ארום 10 ביליאן דאלאר, אבער יעדע פון די פאמיליעס האט בלויז געהאט אן אײַנקונפט פון אונטער $1,500 א יאר. 42 פראצענט פון אלע פאמיליעס האבן ארײַנגעקראגן אלס איינקונפט ארום 13 פראצענט פון גאנצן נאציאנאלן אײַנקונפט. מער ווי צוויי־פינפטל פון פאלק האבן געלעבט ארים און געדריקט.

פון דער אנדער זײַט, האבן די 3000 משפחות, אדער איין־צענטל פון איין פראצענט פון אלע פאמיליעס אין אמעריקע, וואס יעדע איינע פון זיי האט געהאט אן אײַנקונפט פון א י ב ע ר 75 טויזנט דאלאר יערלעך, ארײַנגענומען 9.8 ביליאן דאלאר. דאס

*) AMERICAN CAPACITY TO CONSUME, Brooking's Institute, Washington, 1935, pp. 55-56.

מײנט, אַלזאָ, אַז א י י ן צ ע נ ט ל פּ ר אָ צ ע נ ט פֿון אַלע משפּחות אין דער שפּיץ פֿון דער פּיראַמידע האָבן געהאַט כמעט דעם זעלביקן אײַנקונפֿט װי 42 פּראָצענט פֿון אַלע אַמעריקאַנער פֿאַמיליעס אין דעם אונטערשטן, ברײטסטן, טײל פֿון דער פּי־ראַמידע.

אויף יעדער משפּחה, װאָס באַקומט „צום מאַכן אַ לעבן" אי־בער 75 טויזנט דאָלער אַ יאָר, זײַנען אין דער „רײַכער" אַמעריקע דאָ 400 משפּחות, װאָס האָבן ניט גענוג אויף דירה און גוטע דערנערונג, װײַל זײ מוזן אויסקומען מיט ו ו י נ צ י ק ע ר װי 30 דאָלאַר אַ װאָך. אַזאַ לאַגע איז אַ חוזק, אַ קאַריקאַטור פֿון דער עכטער דעמאָקראַטיע און גלײַכהײַט...

ס'איז קלאָר, אַז נאָר דעמאָלט, װען די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן אין די דעמאָקראַטישע לענדער װעלן, אויף אַ פֿרידלעכן שטײגער, דורכ־פֿירן אַן ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער אומגלײַכהײַט, װעט ערשט מעגלעך װערן צו רײדן װעגן פֿרײַהײַט אַלס אַ יסוד פֿון דער ציווי־ליזירטער געזעלשאַפֿט, און אָפּצוזאָגן אַ שטרענגע מוסר־דרשה די רוסישע קאָמוניסטן, װעלכע האָבן, אין נאָמען פֿון גלײַכהײַט, אַט די פֿרײַהײַט פֿאַרניכטעט.

דער פּרינציפּ פֿון עקאָנאָמישער גלײַכהײַט איז אָבער פֿיל ברײ־טער װי די אַבסטראַקטע סאָציאַלע באַגריפֿן פֿון אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם, װאָס װערן אָפֿט דערמאָנט אין די הײַנטיקע דיסקוסיעס מכּוח דער רעאָרגאַניזאַציע פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. די עקסטרעמע קאָנסערוואַטאָרן דאָ אין אַמעריקע רײדן נאָך אַלץ פֿונם „קרעפֿטיקן אינדיווידואַליזם" װי דער הויפּט־כּוח אין עקאָנאָ־מישן פֿאָרשריט פֿון לאַנד, בעת די בלינדע מאַמינים אין מלוכה־סאָציאַליזם פֿון סאָװעטישן שניט זעען שוין די פֿולע פֿאַרווירקלי־כונג פֿון קאָלעקטיוויזם אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. נו, איז קײן סוד ניט, אַז די נײַע רוסלאַנד איז נאָך זײער װײַט פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישער גלײַכהײַט. װידער, װי ס'זעט אויס די „גלײַכהײַט" דאָ אין אַמערי־קע מיט אירע 36 טויזנט משפּחות, װאָס „פֿאַרדינען" יעדע אײנע איבער 75 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, האָבן מיר שוין געוויזן מיט אַ װײַלע צוריק. אַפֿילו אַזאַ פֿאַרזיכטיקער פּראָגרעסיסט װי דער אַג־ריקולטור־מיניסטער אין דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע, מר. ה. ל.

וואָלאַס, האָט אין זײַן רעדע פאַרן ניו יאָרקער יוניאָן ליג קלוב, דעם 7טן דעצעמבער 1934, גערעדט זייער שאַרף וועגן די 36 טויזנט משפחות, וואָס קענען ווערן די „בורבאָנען״ פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע; דאָס הייסט, די הויפּט־שולדיקע אין בלוטיקע איבער־קערענישן און אומזיסטע ליידן פאַר זיי אַליין און פאַר די מאַסן פון פאָלק.

ווען מ׳וועט ריכטיק פאַרשטיין די באַדײַטונג פון „קאָלעקטי־וויזם״, דאַן וועט אויך גלײַך קלאָר ווערן, אַז אָט דער פּרינציפּ אַליין איז נאָך ניט קיין סגולה צו האָבן גלײַכהײַט. פאַקטיש לעבן מיר שוין פון לאַנג אונטער דער קאָלעקטיוויסטישער סיסטעם. דער פּראָגרעס פון דער טעכניק, וועלכער האָט געבראַכט נײַע פאָרמען פון קאָמוניקאַציע, טראַנספּאָרט און פּראָדוקציע, האָט בפועל ממש צעשטערט די פּאַרצײַטיקע אינדיווידואַליסטישע עקאָנאָמישע סיסטעם, וועלכע האָט געהערשט דאָ אין אַמעריקע מיט 150 יאָר צוריק. דעמאָלט, ווען אונדזער רעפּובליק איז געגרינדעט געוואָרן, פלעגן די זעלבסטשטענדיקע קליינע אונטערנעמער, און די קליינע אָפּגע־שלאָסענע אין זיך שטעטלעך און פאַרם־דיסטריקטס, זײַן די אייגנט־לעכע טאָן־געבער אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט. הײַנט אָבער לעבן מיר אונטער דעם טאָג־טעגלעכן אײַנפלוס פון אַ גרויסן און קאָמ־פּליצירטן עקאָנאָמישן מעכאַניזם, וועלכער נעמט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד, און שפּרייט אויס זײַנע נעצן אַפילו אין די ווײַטסטע ווינקלען פון דער גאָרער וועלט. דאָס איז אַ פאַקט, פון וועלכן ס׳קען ניט געמאָלט זײַן קיין צוריק, און אָט דער פאַקט האָט ממש רעוואָלו־ציאָנערע קאָנסעקווענצן, און אָט פאַרוואָס:

די ריכטיקע פונקציאָנירונג פון אָט דעם מעכאַניזם הענגט אָפּ פון דעם פּלאַנמעסיקן, דורכגעטראַכטן כאַראַקטער פון דער טעכ־נאָלאָגיע; און דאָס מיינט, אַז דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מעכאַ־ניזם, וואָס אין אים זײַנען מיר אַלע גלידער, פאָדערט אַלץ מער און מער קאָאָרדינאַציע און אַ צענטראַלע פירונג און קאָנטראָל. אויב ניט — דעמאָלט מוז אַרײַנטרעטן אַ מין תהו ובהו פאַר אַלע טיילן פון דער געזעלשאַפט, און ס׳קומט אַ ביטערע נויט דווקא פאַר די אָרימסטע שיכטן, ווי מיר ווייסן דאָס פון דער לעבעדיקער דער־פאַרונג דאָ אין לאַנד מיט עטלעכע יאָר צוריק.

נאָך מער: די פאַרשפּרייטונג פון געשעפטלעכע קאָרפּאָראַציעס, פון טרייד־אַסאָסיאיישאַנס, פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און דער װאוקס פון די רעגירונג־פונקציעס אין משך פון די לעצטע צװיי דורות — דאָס אַלץ איז אַ קלאָרער סימן פון דער קאָלעקטיװיסטישער עפּאָכע, אין װעלכער מיר לעבן. די פראַגע איז נאָר צי ס׳קען ניט געמאָלט זײַן קיין אַנדער מין קאָלעקטיװיזם?

דער איצטיקער קאָלעקטיװיזם האָט דאָך דװקא פאַרשטאַרקט די אומגלײַכהײַט און האָט אונדז דערװײַטערט פון דער גלײַכהײַט: די רײַכע זײַנען געװאָרן רײַכער און די אָרימע — אָרימער, װי מיט 150 יאָר צוריק. פּונקט אַזױ איז אויך די אייזערנע רעגלאַמענטאַציע און צענטראַליזאַציע פון אַ ביוראָקראַטיש־רעגירטן סאָציאַליסטישן שטאַט נאָך גאָר קיין גאַראַנטיע פאַר דער סאָציאַלער גלײַכהײַט און גערעכטיקײַט, װי ס׳װײַזט טאַקע דער בײַשפּיל פון רוסלאַנד.

3. גוטע דעמאָקראַטן און עכטע דעמאָקראַטיע

מיט אַ שטיקל צײַט צוריק האָט איינער פון די טוערס אין דער דײַטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, װעלכער האָט אָפּגעריכט גלות אין פּראַג, טשעכאָסלאָװאַקיע, אין אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן, זיך אויסגעדריקט אַזױ: „מ׳קען אפשר זאָגן, אַז מיר זײַנען געװען שלעכטע סאָציאַליסטן, אָבער װאָס־װאָס, נאָר ד ע מ אָ ק ר אַ ט ן זײַנען מיר דאָך געװיס געװען גוטע".

אין אַזאַ קוק ליגט אַ שרעקלעכער טעות. מענטשן מיט אַ שטאַרקן סאָציאַלן געפיל און גרויסן װיסן, און מיט אַ גאַנץ גוטן, הגם אפשר ניט קיין שטאַרקן װילן, פאַרשטייען אָפּנים נאָך אַלץ ניט, אַז „דעמאָקראַטיע" איז ניט עפּעס אַן איין־מאָל־פאַר־אַלע־מאָל פעסטגעזעצטער באַגריף, פון װעלכן מ׳קען האַלטן, און װעלכן מ׳קען גלויבן, און מען איז יוצא... ניין, דאָס איז װײַט ניט אַזױ. דעמאָקראַטיע, אין פולן זין פון װאָרט, אַלס אַן אידעאַלע סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, איז אַ דינאַמישער, שטענדיק זיך־ענדערנדיקער געבאָט און פּראָגראַם פון מעשים, און ניט קיין פּאָס־

טער לאָזונג (סלאָגאַן), אַ פאָרמע און פאָרמולע, ווי אַ שטייגער: אַלע בירגער זיינען גלייך פאַרן געזעץ, אַלע דאַרפן האָבן די זעלבע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט א. אַ. וו.

די אַלטע גריכן, זייערע גרויסע דענקער און מלוכה־לייט, זיינען געווען די ערשטע צו שאַפן די טעאָריע, און אויך די פּראַקטיק פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. דאָס איז געווען אַ גאַנץ שמאָלער און באַגרעניצטער געזעלשאַפטלעכער עקספּערימענט (זאָל מען זיך נאָר דערמאָנען וועגן דער שקלאַפעריי, פון וועלכער די קליינע גריכישע דעמאָקראַטיעס האָבן געצויגן די חיונה). אָבער גאַנצע 2,000 יאָר כסדר זיינען די באַדינגונגען פון קאָמוניקאַציע אין דער ציוויליזיר־טער וועלט געבליבן כמעט די זעלביקע ווי זיי זיינען געווען אין גריכנלאַנד פון אַריסטאָטעלן און פּלאַטאָן. ס׳איז דעריבער פאַר־שטענדלעך, לּמאַי די טעאָריע פון דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט־פירונג האָט ביז מיט 150 יאָר צוריק זיך ווייניק וואָס געדאַרפט ענדערן אין פאַרגלייך מיט די הויכע טעאָריעס פון קלאַסישן אַל־טערטום.

אָבער נעמט די לעצטע 100—150 יאָר צייט. אונדזער גע־זעלשאַפט, אירע לעבנס־פאָרמען, אירע סאָציאַלע פּראָבלעמען און טעכנישע מעגלעכקייטן האָבן זיך געביטן, זינט 1776, אַן אַן ערך מער ווי אין די גאַנצע צוויי אָדער דריי טויזנט יאָר פאַר די צוויי וויכטיקסטע געשעענישן אין דער סאָציאַלער געשיכטע פון דער נייער צייט — דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייטס־דעקלאַראַציע און דער דערפינדונג פון דער דאַמף־מאַשין און מעכאַנישער פאַב־ריק־קראַפט.

אין אַט די נייע סאָציאַלע אומשטענדן איז אַבסאָלוט זינלאָז צו גלויבן, מעשה דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט פון פּראַג, אַז מען איז „גוטע דעמאָקראַטן”, ווען מ׳קומט אָפּ מיט די סקאַרבאָווע פּראַ־זעס פון פולע פּאָליטישע בירגערלעכע רעכט פאַר אַלע אָן אונטער־שייד פון קלאַס, רעליגיע, ראַסע, וכדומה. דאָס איז אפילו אָן אָנ־פאַנג פון ס א צ י אַ ל ע ר דעמאָקראַטיע אויך ניט. אונטער באַשטימטע היסטאָרישע באַדינגונגען, ווי אין דייטשלאַנד פון 1919 ביז 1933, קען אפילו די דאָזיקע פוסטע, פאָרמאַלע, דעמאָקראַטיע

אומבאַמערקט פאַרװאַנדלט װערן גאָר אין אַ קאַריקאַטור פון דעם סאָציאַלן יושר און פון גלײַכהײַט, קען פירן צו דער פאַראַרימונג פון די מאַסן, און צו אַ באַרײַכערונג פון אַ הײַפל דעמאַגאָגן און קאַפּיטאַליסטישע מאַגנאַטן, װאָס אין זײערע הענט פאַלט סוף כּל סוף אַרײַן דער גורל פון גרױסע לענדער און פעלקער...

עכטע, לעבעדיקע, דעמאָקראַטיע זוכט צו פאַרבינדן די נײַעסטע אומשטענדן פון דער צײַט מיט די אַלטע אידעאַלן פון מענטשלעכער װירדע, פּריװאַטהײַט און גערעכטיקײַט. זי חזר׳ט ניט איבער מעכאַניש, װי אַ גראַמאַפאָן, גוטע און שײנע װערטער, נאָר װיל אַרײַנפירן אין לעבן װאָס מער פונם זינען פון אָט די שײנע פּרינציפּן, בײַ װעלכע מ׳שװערט צו דינען די אינטערעסן פון פאָלק. אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער, אפשר מיט קלײנע אױסנאַמען, װי, למשל, דענעמאַרק, שװײץ א. אַנד., איז דער באַגריף „דעמאָקראַטיע״, אין די לעצטע 60—70 יאָר, טאַקע פאַרבליבן אין זײַן פּוסטער, נשמהלאָזער געשטאַלט, און די פאַשיסטישע שטראָף קומט אױף די „דעמאָקראַטן״ ניט אינגאַנצן אומפאַרדינט. אָבער די רפואה פאַר דער מכּה פון שלעכטער דעמאָקראַטיע איז אַ בעסערע דעמאָקראַטיע.

װאָס ס׳איז שײך אַמעריקע, װערט שױן איצט קלאָר פאַר אַלע, װאָס װילן זען, אַז די קאָנצענטראַציע פון רײַכטום און מאַכט אין די הענט פון אַ הײַפל מענטשן מײנט קלאַסן־ממשלה און הערשאַפט, און איז אַ שטערונג פאַר דער געזונטער אַנטװיקלונג פון פולן מענטשלעכן באַװאוסטזײַן אין יונגן דור, װאָס דאָס איז דער באַזיס פון אַ געזונטער, פרידלעכער עקזיסטענץ אין די קומענדיקע יאָרן. געװיס איז אױך אָט די קאָנצענטראַציע פון פאַרמעגן און אײַנקונפט אין די הענט פון אַ גאַנץ קלײנעם טײל פון פאָלק אַ סכּנה פאַר די פרײַהײַטן פון די פאָלקס־מאַסן. די אײנציקע פרײַהײַט, פון װעלכער די מאַגנאַטן און קאַפּיטאַליסטישע הערשער האַלטן משמעות, איז די פרײַהײַט צו פאַרשקלאַפן און צו עקספּלואַטירן זײערע מיטמענטשן. פון אַזאַ „פרײַהײַט״ איז שױן ניט אײן ציװיליזאַציע אונטערגעגאַנגען. און אױך אונדזערע װעט קענען פאַרמײַדן אַן אונטערגאַנג נאָר דאַן, װען זי װעט זען, אַז דער אײנציקער אױסװעג פון טעמפּן װינקל ליגט אין דער ס אָ צ י אַ ל ע ר, לעבעדיקער און עכטער דעמאָקראַטיע.

נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַמעריקע

1. מינדערהייטן אין אַמעריקע

באַטראַכט מען אַמעריקע פון דרויסן, דאַן וועט מען געפינען, אַז מיר זיינען אַ נאַציע, וואָס איז אין קולטורעלן זין אייניהייטלעך און אַז די פאָלקס־טיילן וואָס אונטערשיידן זיך דורך ראַסע, רעליגיע און נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג לעבן צווישן זיך האַרמאָניש און פרידלעך, אין אַ צושטאַנד פון שלום און שלוה. אונטער דער אויבערפלעך פון אָט דעם מענטשלעכן ים איז אָבער, ווי מיר ווייסן, שוין גאָר קיין רו און האַרמאָניע ניטאָ. דאָרט ברויזן און זידן געפילן און ליידנשאַפטן פון אַ געוואַלדיקער שנאה, אומטאָלעראַנץ, דיסקרימינאַציע און ביטערער פאַרפאָלגונג פון פיל־מיליאָניקע מאַסן — נעגערס און ווייסע; היגע געבאָרענע, פון דור דורות, און פרעמד־געבאָרענע און זייערע קינדער, די אימיגראַנטן פון צווייטן דור.

אַ האַס פון ווייסע צו נעגערס, פון „קאָלירטע" קעגן די ווייסע; אַ שנאה פון קריסטן צו יידן, אַן אומטאָלעראַנץ און דיסקרימינאַציע פון פראָטעסטאַנטן צו קאַטאָליקן און אויך פאַרקערט, אַ כעס און פיינטשאַפט צו די פרעמד־געבאָרענע — מיט אַזעלכע געפילן און פאָראורטיילן איז איצט פאַרסמט די גייסטיקע אַטמאָספערע אין אַמעריקע, און דער גיפט פאַרכאַפּט אַלץ גרעסערע טיילן פון פאָלק.

לינטשונגען פון נעגערס, אומגערעכטע באַהאַנדלונג פון פרעמדע ביים צאָלן „רעליף", עלטער פענסיעס א. אַ. וו. ברוטאַלע דעפּאָרטאַציע געזעצן און פירונגען, אָפענע און פאַרמאַסקירטע אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען און קרייזלעך — דאָס זיינען בלויז אייניקע פון די רעזולטאַטן פון דער גיפטיקער שנאה צו פאַרשיידענע מינדערהייט־גרופּן אין דער היינטיקער צייט.

צײַט־פראַגן און װעלט־פּראָבלעמען

אמת, כמעט קעגן יעדן איינציקן מין שנאה, וואָס ברענט אין די הערצער פון מיליאָנען בירגער, איז שוין דאָ אַ באַזונדער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע צו באַשאַפן כאָטש אַ שטיקל שלום און „פאַרשטענדיקונג" צווישן די באַזונדערע גרופּן, ווי, למשל, די שוואַרצע און ווײַסע, ייִדן און קריסטן א. אַ. וו. אָבער דאָס גופא איז דאָך אַ גוטער באַווײַז, אַז ניט אַלץ איז אין אָרדענונג אינעם אײַנערלעכן לעבן פון דער „גרעסטער און פרײַסטער דעמאָקראַטיע" אין דער וועלט. דער טרויעריקער אמת איז, אַז טיפע און מעכטיקע כוחות אַרבעטן אָן אויפהער אין אַ ריכטונג, וואָס איז דער קעגנזאַץ צו די שענסטע און עלטסטע אַמעריקאַנער טראַדיציעס פון גערעכטיקײַט און גלײַכהײַט, פון גײַסטיקער פרײַהײַט און טאָלעראַנץ.

מערקווירדיק. אונדזערע רײַכע, פילאַנטראָפּישע מיטבירגער, דערהויפּט די וואָס דרייען זיך אַרום די יחסנישע פּראָטעסטאַנטישע קירכן, שטאָלצירן מיט זייערע ברייטהאַרציקע נדבות פאַר די קרבנות פון מלחמות, נאַטור־קאַטאַסטראָפעס אין בעלגיע, גריכנלאַנד, יאַפּאַן און כינע. אָבער ווי נאָר עס קומט אויס אָט די מענטשן־פריינט צו האָבן צו טאָן מיט די זעלבע „פרעמדע", וואָס לעבן יאָרנלאַנג דאָ אין לאַנד און אַרבעטן ווי שקלאַפן פאַר זייער שטיקל ברויט, פאַרגעסן אָט די גוטע און פרומע קריסטן פון זייער צדקה פריינטשאַפט, ווערן פול מיט שנאה, פאַרדאַכט און אומטאָלעראַנץ צו די „אויסלענדער" און זיי זעען אין זיי דעם גרעסטן אומגליק פאַרן לאַנד.

גאָר אַ סך באַאָבאַכטער פון דעם גײַסטיקן לעבן אין אַמעריקע זעען די הויפּט־אורזאַך פון דער שנאה צו די „פרעמדע" אין די עקאָנאָמישע אומשטענדן. עס איז אָבער נאָך ווײַט ניט קיין באַוויזענע זאַך, אַז פון עקאָנאָמישן באָדן שלאָגן אַרויס די גיפטיקע פלאַנצן פון אַלערליי גרופּן־שנאות און נאַציאָנאַלע רײַסערײַען. אָרימקײַט, יאוש, ווי בכלל אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן סאָציאַלע שיכטן און נאַציאָנאַלע גרופּן, פאַרשטאַרקן בלויז די האַסגעפילן, וואָס עקזיסטירן שוין פון פריער. די וואָרצלען פון נאַציאָנאַלן האַס און פאַרפאָלגונגען ציען זיך אָבער פון פיל טיפערע נשמה־שיכטן ווי די וואָס קירעווען מיט דעם יחידס עקאָנאָמישן

לעבן אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט און באַאײַנפלוסן זײַן קאַמף פאַר דער פיזישער עקזיסטענץ.

זינט דעם יאָר 1924, ווען ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די מאַסן־אימיגראַציע, איז שוין אַזוי גוט ווי בטל געוואָרן די מורא פון די „אַלטע" אַמעריקאַנער, די יענקיס פון דור־דורות, אַז די „פרעמדע" וועלן חלילה פאַרכאַפּן דאָס לאַנד, וועלן צעשטערן די קאָנסטיטוציע, פאַרניכטן דעם הויכן לעבנס־שטייגער און וואָס ניט. אויך די אַמאָליקע פּראָבלעמען פון אַמעריקאַניזאַציע, פון אויסבאַקן אויף גיך נײַע בירגער פון די אַריבערגעקומענע פרעמדע מיט זייערע פרויען און קינדער, פון שאַפן פאַר זיי אַרבעט־פּלעצער א. אַ. וו., זײַנען שוין פון לאַנג קיין פּראָבלעם ניט. די ביסל פרעמדע וואָס קומען אַרײַן, מערסטנס קרובים פון פאַרמעגלעכע בירגער, קענען אַליין זייער שטעטל באַשטיין. אָבער דאָך איז נאָך די פראַגע פון מינדערהײַט־גרופּן אין אַמעריקע ווײַט ניט געלייזט געוואָרן. גראָד פאַרקערט: איצט, ווען די בהלה־אומשטענדן פון אַ מאַסן־אײַנוואַנדערונג און דער בליענדער, רוישנדער וואוקס פון אַ יונג־קרעפטיקן, אימפּעטיקן קאַפּיטאַליזם זײַנען ניט מער ווי דערינערונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהײַט, ווײַל דאָס לעבן אין אַמעריקע איז אַוועק אויף אַ נײַעם וועג — איצט נעמט אָן די פּראָבלעם פון מינדערהײַטן אין אַמעריקע קענטיקערע, שאַרפערע פאָרמען ווי ווען עס איז פריער.

די הײַנטיקע מינאָריטעטן־פראַגע אין אַמעריקע געפינט איר אויסדרוק אין צווייערליי סאָציאַלע ערשײַנונגען און פּראָבלעמען. פון איין זײַט זעען מיר אָן אַ שיעור בײַשפּילן פון אומיושר און דיסקרימינאַציע, פון אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, פון סאָציאַלן באָיקאָט קעגן די אימיגראַנטן און זייערע קינדער, קעגן „פרעמדע" און ייִדן. מיר זעען אויך ווי די הערשנדע רעליגיעזע גרופּן, די פּראָטעסטאַנטן אין די יונײַטעד סטעיטס און די קאַטאָליקן אין אַ טייל פון קאַנאַדע, שליסן אויס די „אַנדערש־גלויביקע" פון די פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס, דערהויפּט ווי לערער און קינדער־דערציער. מיר זעען, ווי ס'קרימען זיך די יחסנישע פּראָטעסטאַנטן בײַ אונדז אין לאַנד, ווען קאַטאָליקן און ייִדן פאַרנעמען הויכע רעגירונג־שטע־

לעס. געענדיקטע פון קאָלעדזשעס, מענער און פרויען, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען אויפן גאַנצן לעבן אין אַלערליי „פראַטערניטיס" און „סאָראָריטיס", ווילן מיט קיין „זײַטיקע" קיין מגע ומשא ניט האָבן, הגם זיי האָבן יאָרנלאַנג מיט אָט די ייִדישע חברים אינאיינעם געלערנט און געלעבט אונטער איין דאַך. די נעגערס, אַ צענטל פון דער אַמעריקאַנער נאַציע, געניסן נאָך אַלץ ניט פון אַ מינימום פון לײַטישע באַדינגונגען אין קאַמף פאַר אַרבעט און ברויט, האָבן קיין צוטריט ניט צו גרויסע פרנסה־צווײַגן און פּראָפעסיעס. די נעגער־פּראָגע איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן דווקא אין יענע טיילן פון לאַנד, ווי די נאָרדלעכע שטאַטן, וואו זי איז פריער בכלל ניט געווען, ווײַל אַהין, אין די נאָרדלעכע געגנטן, האָט די שליסונג פון די אימיגראַציע טויערן אַרײַנגעטריבן אַ סך אָרימע נעגערס־האַרעפּאַשניקעס פון דער סאָוטה.

מיט איין וואָרט: גרויסע און וויכטיקע מינדערהײַטן אין אַמעריקע לעבן איצט אין אַ געצוואונגענער איזאָלירונג, אַ מין געטאָ, אָן אָפּשליסונג, מצד די הערשנדע גרופּן, פשוט ווײַל יענער טייל פון פאָלק וואָס האַלט זיך פאַר דער עטנישער (ראַסן) אָדער קולטור־רעלער מאַיאָריטעט, פאַר דעם דעה־זאָגער אין אַ זייער פאַרשיידנאַרטיקן פאָלק פון 130 מיליאָן מענטשן, קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף אַלע די, וואָס אונטערשיידן זיך פון זיי, די יחסנים, לויט דעם קאַליר פון דער הויט אָדער, ווי ס׳איז דער פאַל מיט די אימיגראַנטן פון ערשטן און צווייטן דור, לויט די באַזונדערע קולטור־שטריכן, וואָס זײַנען צו די אימיגראַנטן אַריבער בירושה פון זייערע עלטערן און אורעלטערן. און אָט דאָס אַליין איז שוין אַ שרײַאיקע עוולה קעגן די 14 מיליאָן פרעמד־געבאָרענע אַמעריקאַנער און זייערע 25 מיליאָן היגע געבאָרענע קינדער — אינאיינעם כמעט אַ דריטל פון גאַנצן אַמעריקאַנישן פאָלק[1].

אָט דאָס אַלץ איז איין זײַט פון דער איצטיקער מינדערהײַטן־פּראָגע אין אַמעריקע, די סאָציאַל־פּאָליטישע זײַט פון אָט דער אַנ־

[1] איינע פון די בעסטע סטודיעס פון דיסקרימינאַציע אויס רעליגיעזע אורזאַכן געפינט מען אין דעם בוך:
CATHOLICS, JEWS AND PROTESTANTS, by C. E. Silcox & E. M. Fischer, New York, 1934 (Sponsored by Institute of

געווייטאָקטער פּראָבלעם, וועלכע איז אַגב אין גרונט אויך אַ סאָציאָל־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם. די צווייטע זײַט פון דער פראַגע איז אַ ריין קולטורעלער ענין, און אינטערעסירט טאַקע מער פון אַלץ די פּעדאַגאָגן, דערציער און גײַסטיקע וועגווײַזער פון דער בעסטער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

די אויבערפלעכלעכע אַמעריקאַניזאַציע, די אויסערלעכע אַסי־מילאַציע, דורך דער פאָלקס־שול, פאַרווײַלונגען און ספּאָרט, ביליקן לעזע־שטאָף און מאַנירן, האָט אפשר געהאָלפן אָפּצואווישן בײַם יונגן אימיגראַנטן־דור די גײַסטיקע גרונט־סימנים פון זייערע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע טראַדיציעס, וואָס שטאַמען פון דער אַלטער היים, ווי שפּראַך און פאָלקלאָר, מוזיק און קונסט, לאָיאַליטעט צו די גע־שיכטלעכע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, צו דער קולטורעלער ירושה פון לאַנגע דורות. עס איז אָבער ליידער ניט אויסגעפילט געוואָרן מיט קיין פרישן אינהאַלט דער חלל, די פּוסטקײַט, וואָס איז פאַרבליבן אין דער נשמה, ווען אַ שטיק פון איר ממשות, אַ יש, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון יעדן גײַסטיקן וועזן, איז נעלם געוואָרן, אַוועק מיטן ווינט. דאָס ווידער האָט געוואַלדיק פאַראָרימט און פאַר־טעמפּט צענדליקער מיליאָנען יונגע אַמעריקאַנער[2].

ניט נאָר די בעסטע צווישן די זין און טעכטער פון די אי־מיגראַנטן פון אייראָפּע פאַרשטייען שוין די באַדײַטונג פון אָט דער פראַגע, נאָר אויך אַ סך פון די אַמעריקאַנער דענקער און דער־ציער. זיי אַלע גלויבן איצט נאָך מער ווי פריער (ווײַל עס איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, רײַפער, היי־דערצויגענער דור פון די קינ־

Social and Religious Research and National Conference of Jews and Christians).

די עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציע קעגן מינדערהײַטן ווערט באַלויכטן אין אָט די ביכער:

AMERICAN MINORITY PEOPLES, by D. Young, New York, 1932. RACIAL FACTORS IN AMERICAN INDUSTRY, by H. Feldman, New York, 1931.

[2] אַ זייער גוטע שילדערונג פון אָט דער זײַט פון דער פראַגע גיט לואיס אַדאַמיק, אַליין אַן אימיגראַנט פון סערביע און אַ באַוואוסטער בעלעטריסט (אין ענגליש):

THIRTY MILLION NEW AMERICANS, by Louis Adamic, in "Harper's Magazine", New York, Nov., 1934.

דער פון די אַזוי גערופענע „נײַע אימיגראַנטן”, ווי יידן, איטאַליע־נער, סלאַוון, א. א. וו.), אַלע פאַרשטייען שוין, אַז די פריערדיקע סיסטעם פון אַסימילאַציע און פון קולטורעלן יוניפאָרמיזם איז גע־ווען אַ דורכפאַל, האָט געהאַט פון קולטור־שטאַנדפּונקט זייער שעד־לעכע רעזולטאַטן. אַנשטאָט אָט דער באַנקראָטירטער סיסטעם דאַרף אײַנגעפירט ווערן אַ נײַער שטייגער פון גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון יונגן אימיגראַנטן־דור אויפן באָדן פון אַמעריקע. אַזאַ פּלאַן איז נאָך מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין איי־ניקע פילאָזאָפישע אַרטיקלען און ביכער, און מען האָט אים דענסט־מאָל אָנגערופן „קולטורעלער פּלוראַליזם”. דער מיין איז דערבײַ גע־ווען צו אַנטוויקלען אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַ־נישער קולטור און ציוויליזאַציע אויך די פילפאַכיקע קולטור־געשיכטלעכע אייגנשאַפטן און גײַסטיקע אוצרות פון יעדער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם־גרופּע פון די נײַע אימיגראַנטן באַזונדער. אָבער ערשט איצט האָט מען זייער אויספירלעך גענומען ריידן וועגן אָט דער פראַגע אויף אַ נײַעם קאָן[3].

2. אַמעריקאַניזאַציע

פון אָנפאַנג אָן און שטענדיק איז אַמעריקע געווען אַ געמיש פון אַ סך פעלקער און אָפּשטאַם־גרופּן. דערין איז געלעגן איר קראַפט און די שענסטע האָפענונג פאַר דער צוקונפט. אָט דער

[3] אַ זייער פולן און טעאָרעטיש־באַגרינדעטן באַגריף גיט דאָס לעצטנס דערשינענע ווערק פון צוויי פּראָפעסאָרן פון ניו יאָרק אוניווערזיטעט, וואָס באַ־האַנדלען אויך, מער אָדער ווינציקער פּראַקטיש, די פראַגע פון „קולטורעלן פּלו־ראַליזם”:

OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, by F. J. Brown & J. E. Roucek, New York, 1937, Prentice-Hall, 870 pp.

דאָרט ווערן אויך געגעבן קורצע שילדערונגען פון דעם קולטורעלן, סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן פון יעדער איינער פון די וויכטיקע נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע מינדערהײַטן אין דער הײַנטיקער אַמעריקע. אַן אַרטיקל וועגן די יידן אין אַמעריקע האָט געגעבן מר. הערי שנײַדערמאַן, געהילף־סעקרעטאַר פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע” און דער רעדאַקטאָר פון „אַמעריקען דזשואיש ייר־בוק”.

צושטאַנד האָט אָבער געהאַט נאָך אַן אַנדער פועל יוצא אין שײַכות מיט די נאַציאָנאַלע פֿאָראורטיילן און שנאות, וואָס מיר האָבן אויבן געזוכט צו דערקלערן. אַט ווי די זאַך שטייט: ס׳קו־מען מענטשן־גרופּן מיט אַ לאַנגער געשיכטע, מיט רײַכע קול־טורעלע ירושות אין אַ נײַ און פּוסט (אָדער פרעמד) לאַנד, איז דאָס גופא צווינגט זיי נאָך פעסטער און טײַערער אָנצוהאַלטן זייערע טראַ־דיציעס, אײַנשליסלעך די היסטאָריש־פאַרוואָרצלטע פאָראורטיילן, ווי, למשל, נאַציאָנאַלע אַנטיפּאַטיע־געפילן. ס׳איז ניט קיין גרויסע גוזמא צו זאָגן, אַז די פאָראורטיילן פון אַלע פעלקער אין דער וועלט האָבן זיך, ליידער, אַריבערגעפלאַנצט אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

די אונגאַרישע קאַטאָליקן, למשל, האָסן ווײַטער די אונגאַרישע פּראָטעסטאַנטן, הגם זיי לעבן באַנאַנד שוין ניט אין דער אַלטער אייראָפּע, נאָר אין דער פרײַער אַמעריקע. בראַווע, קאַמפּלוסטיקע אירלענדער טראָגן מיט שטאָלץ די אומשולדיקע גרינע עמבלעמס, פאָר וועלכער מ׳פלעגט זיי אַמאָל ממש הרגענען אין גרויס בריטאַ־ניע, ווען „דזשאָן בול" האָט מיט פײַער און שווערד געזוכט צו דערשטיקן די העלדישע מלחמות פון דעם אירלענדישן פאָלק פאַר זײַן נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט. יינגערע דײַטשן, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין די לעצטע יאָרן, און זײַנען פאַנאַטיש פאַרקאַכט אין היטלעריזם אָדער פאַרקויפט צו היטלערס רעגירונג, העצן קעגן יידן און פאַרסמען די לופט מיט אַ ברוטאַלן, זאָאָלאָגישן אַנטיסע־מיטיזם. און אַט די בײַשפּילן שעפּן נאָך ניט אויס דעם דאָזיקן ענין.

דער נײַער, אַריבערגעקומענער בירגער ווערט שנעל „אַמע־ריקאַניזירט"; דאָס מיינט, אַז בלויז פון אויסן בײַט זיך זײַן פּנים. ער געוואוינט זיך צו שנעל צום נײַעם לעבנס־שטייגער, צו עלעקטריע, וואַרעמע וואַסער אין הויז און צו אויטאָמאָבילס. אָבער אין גרונט בלײַבט דער אימיגראַנט פון אייראָפּע דערזעלבער מענטש, וואָס ער איז פריער געווען; ניט מער, צום אומענדלעך פאַרשיידנאַרטיקן אויסזען פון אַמעריקע גיט אָט דער נײַער בירגער צו נאָך זײַן אייגענעם שטריך, אַ פרישן אייגנאַרטיקן קנייטש און פּינטל אין דער בונטער געשטאַלט פון דער אַמעריקאַנער נאַציע. און אין גרויסן קאָך־קעסל גייען ניט פאַרלאָרן די פאָראורטיילן און די נאַציאָנאַלע

שנאה און קנאה געפילן. און פאַרגעסט ניט, אַז שוין אַ פּאָר הונ־דערט יאָר װי אַט דער פּראָצעס קומט פאָר. דערפון נעמט זיך דער פעטער באָדן, פון װעלכן ס'שפּראָצן כסדר די גיפטיקע פירות פון האַס, אומטאָלעראַנץ, און כל־ערלײ אַגיטאַציעס קעגן „אויסלענדער", „פרעמדע", „אַנדערש־דענקענדע" און אַז. װ.

און אַפילו די אימיגראַנטן־קינדער, װאָס װאַקסן אויס דאָ, מוזן בלײַבן מיט די אַלטע שטריכן פון זײער גײַסטיקן פּנים. ס'איז ניט שװער אויך זײ, הגם זײ אַלע רײדן שוין ענגליש, אײַנצוטײלן לויטן נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם און לויט די סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּן צװישן זיך. די „פּאַבליק סקול", מואװיס (פילמס) און פאַרװײַלונגען האָבן אַט דער יוגנט געגעבן אַ לײַכטן װעניר פון ענלעכקײַט, און ריכטיק האָט מען באַמערקט, אַז האָליװאָוד האָט אַמעריקאַניזירט דעם אימיגראַנט. אָבער נאָך הונדערטער יאָר װעלן מוזן פאַרגײן ביז דער אַמעריקאַנער װעט פאַרגעסן, אַז ער אָדער זי שטאַמט פון ענגלאַנד אָדער אירלאַנד, פון דײַטשלאַנד אָדער איטאַליע. האָט מען זיך אָבער גערעכנט מיט אַט דעם פאַקט בײַם אַמעריקאַניזירן די נײַע בירגער? לאָמיר זען.

דער הערשנדער קוק און ענד־ציל אין דעם אַמעריקאַניזאַציע ענין איז געװען אַזאַ: װאָס שנעלער און בעסער אויסצונוצן דעם איבערגעקומענעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דעם אינדוסטריעלן װאוקס פון לאַנד און פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָפיט. און פאַר אַט דעם צװעק איז טאַקע געװען ביז גאָר געװאַלטשן אויסצופּרעסן, שפּורלאָז צו באַזײַטיקן יעדע קולטורעלע אײגנאַרטיקײַט, װעלכע קען סטימולירן אין פאָלק אַזעלכע קולטור־שאַפנדע טעטיקײַטן װי קונסט־האַנטװערק, פאָלקס־מוזיק און נאַציאָנאַלע טענץ, פאָלקלאָר א. ד. גל. די זאַכן װאָלטן געװען אַ גוטע סגולה פאַר אַ קולטור־פאָר־שריט אויפן יונגן אַמעריקאַנישן באָדן, װאו קײן אײגענע קולטור־ירושה איז כמעט אינגאַנצן ניט געװען.

אַנשטאָט דעם האָט מען, דורך די פּאַבליק סקולס, און אַלע אַנדערע דערציִאונגס־מעטאָדן, געשטרעבט בלויז צו אײן־אײנציקן ציל — אַ גײַסטלאָזער יוניפאָרמיזם אָן אַ ברעקל חוש פאַר דער באַדײַטונג פון דעם אימיגראַנטס מיטגעבראַכטע קולטורעלע אוצרות און טראַדיציעס.

פון דערציערישן שטאַנדפּונקט איז אַט די סיסטעם געווען שעד־לעך ביז גאָר. מען האָט געשאַפן אַן אָפּגרונט צווישן די פרעמד־גע־באָרענע עלטערן און זייערע קינדער. דאָס ווידער פירט צו אַ סך שמערצלעכע און טיף־טראַגישע קאָמפּליקאַציעס. פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט באַטראַכט, איז די אָפיציעלע אַמעריקאַניזירונג סיסטעם אַזאַ, וואָס האָט קיין זאַך ניט אויפגעטאָן פאַר אַ געזונטער פאַרטיילונג פון די האַרעפּאַשניקעס לויט באַזונדערע פּראָפעסיעס און פּרנסות. אומגעהויער פיל אַרבעטקראַפט און פייאיקייטן פון געניטע אַרבעטער אימיגראַנטן איז אַוועק אין גיוועץ, פשוט ווייל מען האָט פאַרפעלט צו שאַפן כאָטש אַ שטיקל סדר פון צופּאַסונג און רעגו־לירונג פון דעם אַרבעט־מאַרק דורך דער פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַ־ציע, ד. ה. ווענגווייזונג מכּוח אַלטע און נייע פּרנסות און פּראָפע־סיעס, פאַר די אימיגראַנטן און זייערע קינדער.

און פון קולטורעלן שטאַנדפּונקט איז די ביז־איצטיקע אַמע־ריקאַניזאַציע סיסטעם געווען אַ דורכפאַל, ווייל, ווי געזאָגט, זי האָט לחלוטין ניט אַרויסגעבראַכט פון אַט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע מינ־דערהייטן זייער אינדיווידועלן זעלבסט־אויסדרוק אַלס אַ ביישטראָג צום אַלגעמיין אַמעריקאַנישן גייסטיקן לעבן.

צום גליק פעלן שוין איצט ניט קיין שטימען, וואָס רופן צו אַ פונדאַמענטאַלער ענדערונג אין אַט דער אַלטער סיסטעם. אַט די קריטיקער פאַרשטייען זייער גוט, אַז די אימיגראַנטן האָבן חוץ זייער אַרבעט־קראַפט מיטגעבראַכט אויך אַ גייסטיקן רײַכטום, אָנגע־קליבן דורך דורות פון געמיינזאַמען לעבן און שאַפן אין דער אַלטער היים: אַן אייגענע שפּראַך און ליטעראַטור, קליידונג־אַרטן, פאָלקס־טענץ און פאָלקס־מוזיק, היסטאָרישע געשיכטעס מכּוח זייער נאַציאָ־נאַלער פאַרגאַנגענהייט — אַלץ וואָס וואָלט געקענט און געדאַרפט צוגעבן פאַרב און פייערלעכקייט דער גרויער, שווערער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ אין דער נייער סביבה. אומעטום, וואו דער אימיגראַנט זאָל ניט זיין, טראָגט ער דאָך מיט זיך זיין פאָלקס־שטייגער און טראַדיציעס, די חכמה פון דורות, וואָס גייט אַריין אין בלוט און ביינער און באַרײַכערט די פערזענלעכקייט. ריכטיק האָט באַמערקט איינער, וואָס האָט די פראַגע אַלזייטיק אויסגעפאָרשט, אַז „אַט דער געוירשנטער רײַכטום און הינטערגרונט זיינען די וואָרצלען וואָס

דערנערן דעם אימיגראנטס וואוקס אויפן אמעריקנישן באדן, און פון זיי, איינאיינעם מיטן „מן" וואס פאלט פון הימל אין דעם נייעם לאנד, בויט דער אימיגראנט אויף זיין גייסטיקע עקזיס־טענץ[*].

מען קען זאגן, אז אין דער אמעריקאניזאציע פראגע זיינען איצט דא צוויי קלארע צדדים. איינער פון זיי שטרעבט צו א פולער אסימילאציע פון אלע מינדערהייט־גרופן, א צוזאמענמישונג פון אלע ראסן און נאציעס אין איין צוזאמענגעשטוקעוועטן טיפ פון „אמעריקאנער". דער צווייטער צד שטרעבט אויך צום באגריף „אמעריקאנער" מיט אלע טראדיציעס פון אונדזערע העכסטע גייס־טער, ווי דזשעפערסאן און לינקאלן, אבער דער צד זאגט, אז ס'וואלט געווען איינע פון די גרעסטע אומגליקן, ממש א קאטאס־טראפע, פארן אמעריקאנישן לעבן, אויב מען זאל פראסט־פשוט זיך אפזאגן פון אזא רייכער און פארשיידנארטיקער קולטור־ירושה פון לאנגע דורות — א רייכער, טאקע ווייל זי איז אזוי פארשיידנאר־טיק, געטראגן פון צענדליקער פעלקער און שטאמען. דא האט איר צוויי אמעריקאניזאציע־אידעאלן — איינער א פאלשער, א מעכא־נישער און סטערילער (פרוכלאזער); דער צווייטער אן ארגאנישער, א לעבנספייאיקער און פרוכטבארער.

די פארטיידיקער פון ריכטיקן קוק אויף דער אמעריקאניזא־ציע אויפגאבע באטאנען, אז אמעריקע איז אפגעטיילט פון דער איבעריקער וועלט אויף אזא אופן, וואס האט צו זיך קיין גלייכן ניט. אלע אנדערע קולטור־נאציעס מאכן שטענדיק דורך א קולטור־אויסמישונג פראצעס, אן אויסטוישונג פון די מענטשן־מאסן, פון שפראך און געדאנקען, צווישן די שכנישע לענדער און פעלקער.

[*] אזוי שרייבט אלען איטאן, טוער פון דער ראסעל סעידזש פאונדעי־שאן, וואס האט אין זיין בוך געגעבן א באריכט פון פאקטן און דערגרייכונגען אויפן פעלד פון סטימולירן און באקאנט מאכן, דורך אויסשטעלונגען א. א. וו., די ביישטראגן פון אימיגראנטן, יחידים און פאלקס־געמיינשאפטן, צו דער אמע־ריקאנער קולטור. אין דעם זייער אינטערעסאנטן און פיין־אילוסטרירטן בוך ווערן אפטמאל דערמאנט אויך יידיש־אימיגראנטישע דערגרייכונגען און שאפונגען אויף א סך קולטור־געביטן:
IMMIGRANT GIFTS TO AMERICAN LIFE, by Allan Eaton, New York, 1933, Russel Sage Foundation.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די לאַגע אין אַט דעם פּרט ווען ס׳קומט צו אַמעריקע. זי איז אַרומגערינגלט מיט צוויי אָקעאַנען (פון מזרח און מערב) און מיט צוויי לענדער, קאַנאַדע און מעקסיקאָ (פון צפון און פון דרום), וואָס זײַנען ניט ווײַטער אַוועק אין קולטור־זינען פון אונדזער לאַנד גופא. במילא דאַרף אַמעריקע, צוליב איר אייגענעם קולטורעלן פּאָרטשריט וועגן, כסדר אָנקומען צו די סטימולירנדע גײַסטיקע עלעמענטן, וואָס בלויז איין פאַקטאָר איז בכוח עס צו ברייגנען — די אימיגראַנטן מינדערהײַטן, ווי מיר זעען דאָס אַזוי קלאָר, למשל, אויפן געביט פון מוזיק, קונסט און וויסנשאַפט. „און מיר וועלן דאַרפן האָבן אַט די טרעגער פון גײַסטיקן לעבן, זאָגט אַ באַרימטע אַמעריקאַנער שרײַבערין, פּוירל באַק, נאָך פאַר לאַנגע הונדערטער יאָר, אפשר גאָר שטענדיק כסדר״[5].

3. נײַע פונקציעס פאַר מינדערהײַטן

און דאָס זײַנען שוין ניט קיין זעלטענע, יחידישע שטימען. אַלץ עפטער קומען אַרויס גרויסע אַמעריקאַנער אויטאָריטעטן אויפן דערציאונג־געביט און קולטור־טוערס מיט אָפענע דבורים לטובת אַזאַ נײַעם אַמעריקאַניזאַציע אידעאַל, וואָס טראָגט אַ שטאַרקע ענלעכקײַט מיט דער פּראָגראַם פון אויבן דערמאָנטן „קולטורעלן פּלוראַליזם״, דאָס מיינט, פון גײַסטיקער פילפאַכיקײַט פון די אַמע־ריקאַניזירטע מינדערהײַט־פעלקער. אָט שרײַבט, למשל, אַ גרויסער פּעדאַגאָג און דערציאונג־עסקן, דער פּרעזידענט פון דזשוליוס ראָ־זענוואַלד פאָנד, פּראָפעסאָר עדווין ר. עמברי:

אייך וועג ווי אַזוי מיר אין אַמעריקע וואָלטן געקענט אונטערשטרײַכן די ניט־אינדוסטריעלע זײַטן פון דערציאונג, איז צו שענקען אויפמערקזאַמקײַט צו די ספּעציעלע בײַשטײַערונגען פון די מינדערהײַט־גרופּן. איין צענטל פון אונדזער באַפעלקערונג זײַנען נעגערס, איצטיקע תושבים פון דעם טייל וועלט מיט אַ מערב־ציוויליזאַציע, אָבער לויט זייער ביאָלאָגישער אָפּשטאַמונג און קולטור־טראַדיציע קומען די נעגערס פון דעם פעטן און פרוכטבאַרן אַפריקאַנישן באָדן.

[5] PEARL BUCK: On Discovering America, in "Survey Graphic", New York. June, 1937.

די אינדיאַנער, אָט די אמתע אַמעריקאַנער ביז דער צײַט ווען אײראָפּעער האָבן פאַרכאַפּט אַמעריקע, האָבן פאַרמאָגט אַ פילפאַרביק־לעבעדיקע קולטור, וואָס אירע פראַגמענטן האָבן נאָך עד היום ממשות. דרײַ מיליאָן יידן אין אַמעריקע האָבן טראַדיציעס און אידעאַלן, וואָס פאַרמאָגן אַ כאַראַקטעריסטישן טעם און חן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס יידן האָבן אַזוי לאַנג געלעבט אין אַ סביבה, מיט אַ מערב־ציוויליזאַציע. (אונדזער קורסיוו, ה. פּ.) אַנדערהאַלבן מיליאָן מעקסיקאַנער און אײניקע הונדערט טויזנט קינדער פון די נײַערע אימיגראַנטן פון דרום און מזרח־אײראָפּע האָבן אַ פאַרברײַכן גײַסטיקן הינטערגרונט. די טענדענץ פון דער גאַנצער דערציאונג־סיסטעם פון אַמעריקאַנישן שמעלץ־טאָפּ איז געווען צו דער־שטיקן אָט די אַלע שטריכן, וועלכע אונטערשיידן די דאָזיקע פעלקער פון דעם סטאַנדאַרד־מוסטער פון דער מערב־אײראָפּעאישער און נאָרד־אַמעריקאַנער ציווי־ליזאַציע און די באַזונדערע מינדערהײַט־גרופּן פלעגן זיך נאָך פלײַסן אַראָפּ־צוּוואַרפן פון זיך זייערע אונטערשײדענע קולטור־שטריכן, כדי אויף אַן אומ־באַמערקבאַרן און שנעלן אופן זיך אויפצולייזן און פאַרשווינדן אויף דער אַל־געמײן־אַמעריקאַנער סצענע[6].

אָט די פּראָגראַם איז אַ קלוגע און פײַנע, אָבער אַ ממשות וועט זי קריגן בלויז אונטער איין תנאי: די איצטיקע פונקציע פון די מינדערהײַטן אין אַמעריקע זאָל בטל ווערן און אַ שפּאָגל־נײַע פונק־ציע זאָל פאַרנעמען איר אָרט. ביז איצט האָט מען, אין די הערשנדע קרײַזן, געהאַט בלויז איין פאַרווענדונג פאַר די מינדערהײַטן, אַלס אַ גײַסטיקער פאַקטאָר: דאָס איז געווען זייער מיסיע צו זײַן דער שעיר־לעזאזל, דער זינדן־באָק, אויף וועמעס קאָפּ עס לאָזט זיך אויס דער סאָציאַלער כעס און דער פּאָליטישער צאָרן פון די אַרומיקע הערשנדע פעלקער; ריכטיקער געזאָגט: פון די וואָרט־פירער, וואָס ריידן אין נאָמען פון די הערשנדיקע שיכטן. די מינדערהײַטן, מיט איין וואָרט, זײַנען דאָס דער בליץ־אָפּלייטער וואָס פאַרהיט, בעת אַ געוויטער, אַ גבירישן בנין פון חורבן און פײַער.

די נאָענטע פאַרגאַנגענהײַט אין אַמעריקע גיט אַ גוטן בײַ־שפּיל. די אומגערעכטע קוואָטעס פאַר אימיגראַנטן זײַנען אײַנגע־פירט געוואָרן אין 1924, אָבער אפילו זיי האָבן לאַנג ניט זוכה געווען צו פונקציאָנירן. אין 1930 האָט פּרעזידענט הואוועער דורך אַ דעקרעט רעדוצירט אַלע קוואָטעס צו אַ מינימום, און פ. ד. רוז־וועלט האָט ערשט נאָך די רציחות אין עסטרײַך, אין מערץ־אַפּריל

[6] EDVIN R. EMBREE: Julius Rosenwald Fund, Review for 1931—1933, Chicago, 1933, pp. 26-27.

1938, בטל געמאַכט כאָטש איין טייל פון דער סקאַנדאַליעזער גזירה פון הואווערס צײַטן. דאָס מיינט, אַז אונדזערע אימיגראַנטן־פּרעסער האָבן ניט דערלאָזן די ייִדישע אימיגראַנטן־בירגער צו גע־ניסן פון אַזאַ עלעמענטאַרן מענטשלעכן רעכט ווי אַריבערצוברייינגען אַהערצו זייערע אומגליקלעכע קרובים פון רומעניע, פּוילן א. אַ. וו. (וואָס זייערע קליינע קוואָטעס פלעגן יאָרנלאַנג אויסגעפּילט ווערן ניט מער ווי אויף 25—35 פּראָצענט). און ווען די ייִדישע קרובים, וואָס קענען ניט ברייינגען אַהער זייערע נאָענטע און אָרימע אייגענע, שיקן זיי כאָטש געלט, צו ראַטווען פון הונגער, שרײַען ווידער די שונאים פון די אימיגראַנטן, אַז די „פרעמדע" שיקן אַרויס געלט, מיליאָנען דאָלאַרן, פון לאַנד...

אָט אַזוי וויל מען דאָס די מינדערהײַט־גרופּן אויסנוצן פאַר דער ראָלע פון אַ זינדן־באָק. און דאָ קומען, אַלץ עפטער און עפטער די ערלעכערע, דענקנדע אַמעריקאַנער און פאָדערן מען זאָל צולאָזן די מינדערהײַטן צו שפּילן אַ נײַע ראָלע: ווי גלײַכבארעכטיקטע טיילן פון פאָלק, וואָס באַשטייט פון אַ סך קולטור־גרופּן און זיי אַלע זאָלן זיך קעגנזײַטיק באַרײַכערן און באַפרוכפּערן. זעט איר ניט, אַז אַ תהום טיילט אָפּ די נײַע ראָלע פון די מינדערהײַטן פון דער אַלטער ? !

ביז איצט האָט אומעטום די אונטערדריקונג פון די מינדער־הײַטן געשפּילט פאַרן מאַיאָריטעט־פאָלק פּונקט אַזאַ ראָלע ווי ס'שפּילט אַ מלחמה מיט דעם אויסלענדישן שונא. דער קאַמף מיט דער מינדערהײַט. איר אונטערדריקונג און קולטורעלע אַנטקרעפטי־קונג, פלעגט בײַ דער הערשנדער נאַציע אַרויסרופן אַ פאַנאַטישע באַגײַסטערונג, האָט סטימולירט די לאָיאַליטעט צו דער אייגענער קולטור, אפילו אין אַזאַ לאַנד ווי אין פּוילן, וואו דאָס הערשנד פאָלק האָט אַליין פריער דורות־לאַנג געליטן פון נאַציאָנאַלער אונ־טערדריקונג. און די מינדערהײַט ווערט נאָך באַשולדיקט פאַר אַלע אומגליקן און צרות אינם סאָציאַלן סדר פון אַ לאַנד, ווי דײַטשלאַנד, וואו די ייִדן זײַנען ניט געווען אפילו איין פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג.

נאָך אַ גאַנץ לאַנגן וועג דאַרפן מיר אין אַמעריקע דורכגיין, ביז עס וועט זיך שאַפן אַן ענדערונג אינם קוק אויף דער מיסיע

פון מינדערהײַטן אין גײַסט פון דער אמתער פרײַהײַט, גלײַכהײַט װיסנשאַפטלעכער אַרבעט־פירונג. הײַנט צו טאָג איז זי שוין װײַט ציװיליזירט, אַז אין מאַנכע שולן (זאָגאַר פון אָפיציעלן מין) לערנט מען די קינדער צו זײַן טאָלעראַנט און זיך באַגײן טאַקטיש מיט זײערע חברים, די מיטשילער פון אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן—קינדער מיט פרעמד־קלינגענדע נעמען און משונהדיקע מנהגים און פירונ־גען. דאָס איז דאָך אָבער אפילו קײן אָנפאַנג ניט פון אַ ריכטיקער לײזונג פון דער פראַגע מכוח די מינדערהײַטן אין אַמעריקע. דער קולטורעלער לעבנס־שטײגער פון יעדער גרופּע באַזונדער, פון די מיטבירגער װאָס האָבן געירשנט, צי זײ װײסן עס אָדער ניט, אַזאַ רײַכע קולטור־ירושה, דאַרף גלאָריפיצירט װערן אין װאָרט, שריפט און בילד, כדי אַלע, אויך פרעמדע קינדער, זאָלן עס װיסן. אָן צװײפל, װערן דאָך פריער־שפּעטער די מינדערהײַטן אַרײַנגעצויגן אין שטראָם פון רױשיקן אַמעריקאַנישן לעבן. זײער גרױס איז אָבער די געפאַר, אַז זײ װערן אַזױ אַמעריקאַניזירט, אַז ס׳גײט לחלוטין פאַרלאָרן זײער אינדיװידואַליטעט, אַז זײ װערן מענטשן פון גולם־טיפּ, בלאַסע, סטאַנדאַריזירטע מיטלמעסיקײַטן אָן זאַמען פאַר אַ גײַסטיקן, און אפילו מאַטעריעל־שאַפערישן, װאוקס און פאָרטשריט. און די אַרומיקע גרויקײַט װערט דורך זײ נאָך גרויער; די גאַנצע סביבה װערט אָרימער, בלאַסער און שװאַכער אין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט.

איצט האָבן מיר, אַלזאָ, אַ באַגריף פון דער נײַער פונקציע פאַר די מינדערהײַטן אין אַמעריקע, װי אַ קלײנער אָבער חשובער טײל פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט זעט עס: צו העלפן אויפבויען אַזאַ געזעלשאַפט אין אַמעריקע, װאו דער פאַרב־רײַכטום און די פאַרשײדנאַרטיקײַט װעלן אויסװעבן אַ פּרעכטיקן מוסטער, אַ געװעב פון אינטעלעקטועלע אינטערעסן, קינסטלערישע אויסדרוק־פאָרמען און פון אַ נאָבעלער, רײנער לעבנס־פרײד און געזונטער פאַרװײַלונג.

נאַציאָנאַליזם, פרייהייט און קולטור

1. דער קולטור־קריזיס

די מאָדערנע ציוויליזאַציע און קולטור מאַכן איצט דורך איינע פון די קריטישסטע איבערגאַנג־צײַטן. דער 19־טער יאָרהונדערט איז, אין די אויגן פון דעם גרעסטן טייל אייראָפּעער און אַמעריקאַנער, געווען דער „יאָרהונדערט פון פּראָגרעס". ווער וואָלט עס פריער געקאָנט גלויבן, אַז אָט דער 19טער יאָרהונדערט וועט דערפירן צו דער טיראַנײַ און באַרבאַריזם, וואָס הערשן איצט אין אַזוי פיל לענדער אין אַלע עקן וועלט?

דער נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט אין 19טן יאָרהונדערט געהאַלטן, אַז ער איז גלײַכבאַדײַטנדיק מיט פרײַהײַט, אַ לײַבלעכער ברודער פון יושר און טאָלעראַנץ, אָט דער נאַציאָנאַליזם טרעט הײַנט מיט די פיס דעם טויטן קערפּער פון פרײַהײַט, וואָס איז כלומרשט געווען זײַן צווילינג־שוועסטער.

ווי אַזוי איז געקומען אַזאַ דורכפאַל און באַנקראָט פון אַ ציוויליזאַציע, וועלכע האָט אַזאַ לאַנגע געשיכטע און אַזאַ רײַכע קולטורעלע ירושה? אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע זוכט צו געבן רודאָלף ראָקער אין זײַן ווערק „נאַציאָנאַליזם און קולטור"[1].

דאָס ווערק איז אײַנגעטיילט אין צוויי טיילן (ביכער), פון קרוב 260 זײַטן יעדער טייל. דער ערשטער טייל, מיט זײַנע פופצן קאַפּיטלען, גיט זיך אָפּ דערהויפּט מיט דער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישע אידייען אויפן הינטערגרונט פון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור־געשיכטע, זינט דעם קלאַסישן אַלטערטום ביז אונדזער צײַט. דער צווייטער טייל, וואָס האָט צוועלף קאַפּיטלען, באַהאַנדלט

[1] NATIONALISM AND CULTURE by Rudolf Rocker, translated by Ray E. Chase, Covici-Friede, New York, 1937, 574 pages.

דער עיקר די שײַכות, ד. ה. די באַציאונגען, צװישן אַ נײַער, נאָך יונגער פּאָליטישער און קולטורעלער אידייע, נאַציאָנאַליזם, פון איין זײַט, און די פּרוצעס פון דעם אינדיװידועלן און קאָלעקטיװן שאַפּנדיקן גײַסט (קונסט, ליטעראַטור, װיסנשאַפט, סאָציאַלע עקאָנאָמיק און דאָסגלײַכן), מיט איין װאָרט — קולטור, פון דער צװייטער זײַט.

כמעט אויף יעדער בלעטל פון גרויסן בוך שפּירט איר ראָקערס פלאַמענדיקן, פון אַ טיפן עטישן פּאַטאָס באַהויכטן טעמפּעראַמענט. דערהויפּט דיסקוטירט ער, אמת, היסטאָרישע, אָפּטמאָל טעאָרעטיש־פילאָזאָפישע פּראַגן; אָבער פּאָרט רעדט ער צו אײַך שטענדיק ניט װי אַן אָפּגעריסענער פון לעבעדיקן לעבן דענקער, און געװיס ניט װי אַ דאָגמאַטיקער, װאָס איז צוגעשמידט צו זײַן שטײַפער פּאַרטיי־פּראָגראַם, נאָר שטענדיק װי אַ קעמפער פאַר די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן, איבער װעלכע ס'שװעבט איצט אַ שרעקלעכע געפאַר פון חורבן און אונטערגאַנג.

זײַנע אידעאַלן זײַנען: די פרײַע און פולע אַנטװיקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײַט, דאָס געזונטע צוזאַמענלעבן פון יחידים און גרופּן אין גײַסט פון פרײַװיליקײַט, סאָלידאַריטעט, קעגנזײַטיקע הילף און פעדעראַטיװע פאַרבאַנדן, װאָס זאָלן אַרומנעמען די גאַנצע מענטשהײַט. מיט איין װאָרט: די אידעאַלן פון אַ פּרודאָן, קראָפּאָטקין, לאַנדויער און אַלע אַנדערע דענקער און קעמפער פאַר אַ פרײַהײַטלעכן סאָציאַליזם, אָדער פאַרן אַנאַרכיזם.

ראָקער װײַזט, אַז די שטרעבונג צו פרײַהײַט, װאָס רופט זיך אין די לעצטע 100—120 יאָר מיט אַ נײַעם נאָמען — „ליבעראַליזם", איז אין גרונט אַזוי אַלט װי אונדזער מאָדערנע קולטור גופא, דאָס הייסט זי איז אַלט בערך 2,500 יאָר. איין פאָרם פון פרײַהײַט, די פּאָליטישע פרײַהײַט, איז דורך לאַנגע און שװערע גלגולים דערגאַנגען צו יענער אַנטװיקלונג־שטופע, מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, װען דער גאַנצער באַגריף „פרײַהײַט" איז געקומען צו אַ שייד־װעג: אָדער גיין אַרויף־צו, אויפצובליען, װי נאָך קיינמאָל ניט ביז איצט; אָדער — קײַקלען זיך צום אָפּגרונט פון רעאַקציע און פאַרשקלאַפונג.

און צום אומגליק איז דער ליבעראַליזם, זינט 1871, טאַקע געגאַנגען אויף דעם פאַלשן וועג, וואָס האָט די ציוויליזירטע וועלט דערפירט אין יאָר 1914 צו דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע פון וועלט־קריג און זײַנע נאָכווייענישן. רודאָלף ראָקער וויל אויסגעפי־נען די אורזאַך פון אַזאַ באַנקראָט. ער קומט צום אויספיר, אַז שולדיק אין אַלץ איז די מאַכט־פּאָליטיק, וואָס באַהערשט דאָס לעבן פון לענדער און פעלקער, דער נאַציאָנאַלער עגאָאיזם, — דער אוי־טאָריטאַטיווער שטאַט. אינאיינעם מיטן נצחון פון מאַטעריאַליזם, פון מאָנאָפּאָליסטישן אינדוסטריע־קאַפּיטאַליזם און פון מאַשינאַ־ווער פּראָדוקציע. זיי האָבן אַזוי גוט ווי אינגאַנצן דערשטיקט די אייביקע מענטשלעכע שטרעבונגען צו פרײַהײַט, יושר, פאַרנונפט און טאָלעראַנץ. דאָס איז דער אויספיר, צו וועלכן ראָקער קומט נאָך אַ לאַנגן סאָציאַל־היסטאָרישן אַנאַליז.

אַט דער אונטערגאַנג פון ליבעראַליזם, אין גרויסע טיילן פון דער וועלט, איז, ווי ראָקער באַווייזט, פאַרבונדן מיט דעם אויפקום פונם צענטראַליזירטן, אויף מיליטאַריזם און ביוראָקראַטיע באַזירטן, שטאַט, אפילו אין זײַן כלומרשט פּראָגרעסיווער, דאָס הייסט, דע־מאָקראַטישער פאָרם.

דעמאָקראַטיע איז, לויט ראָקערס איבערצײַגונג, גאָר קיין סגולה ניט פאַר דעם עכטן ליבעראַליזם. די טראַדיציעס און פּרינציפּן פון דער הײַנטיקער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע ציען זיך פון פראַנצוי־זישן פילאָזאָף זשאַן זש. רוסאָ, איבער דעם דאָגמאַטיקער־דיקטאַטאָר ראָבעספּיער, דעם מיליטאַריסט־דיקטאַטאָר נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, ביז צו די פאַרקעמפער און וועגווײַזער פון דער דיקטאַטור און פון דער טאָטאַליטאַרער שטאַט־אידייע, אין רעכטער און לינקער פאָרם, ווי ביסמאַרק און מוסאָליני פון איין זײַט, און מאַרקס און לענין — פון דער צווייטער זײַט.

דעספּאָטיזם, טיראַנײַ און דער פּרינציפּ „מאַכט קומט פאַר רעכט”, און זײַן רעזולטאַט: „דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו דינען דעם שטאַט”, זײַנען אַ סם־המות פאַר יעדער מאַטעריעלער און גײַסטיקער קולטור. דאָס צו באַווײַזן מיט הונדערטער ראיות, וועלכע ער שעפּט פון די קונסט־היסטאָרישע און קולטור־געשיכטלע־

כע קוואַלן, פֿון אַלטערטום אַזש ביז דער הײַנטיקער צײַט, — איז דער „לייטמאָטיוו״ פֿון ערשטן טייל פֿון ראָקערס בוך.

דער נײַעסטער גילגול פֿון פּאָליטישן דעספּאָטיזם, פֿון מאַכט־פֿאַרגעטערונג און אונטערדריקונג פֿון פּרײַהײַט און רעכט, איז גע־קומען פֿונם מיאוסן שידוך צווישן דעם געדאַנק פֿון דער נאַציאָנאַ־לער באַפֿרײַאונג און אייניקײַט פֿון איין זײַט (ווי ער איז פֿאַר־קערפּערט געוואָרן אין דער נײַער איטאַליע און דייטשלאַנד), און דעם שטאַט־טיראַנײַ פּרינציפּ, פֿון דער צווייטער זײַט.

אַט דער מין נאַציאָנאַליזם, וואָס איז דער הויפּט־רעזולטאַט פֿון דער וועלט־מלחמה, איז די ערגסטע פֿאָרם פֿון פּאָליטישער און גײַסטיקער טיראַנײַ. דער „טאָטאַלער״, אַלץ אַרומנעמענדיקער שטאַט, מיט זײַן נשמהלאָזער מאַשין פֿון אַ מיליטערישער און ביור־ראָקראַטישער אונטערדריקונג, ווערט דער אָפּגאָט פֿון אַ נײַער פּסעוודאָ־רעליגיע, פֿון אַן עבודה זרה, וועלכע מאַכט צונישט דעם כלומרשטן גײַסטיקן פּראָגרעס פֿון 19טן יאָרהונדערט.

אין צווייטן טייל פֿון זײַן ווערק גיט אונדז רודאָלף ראָקער עטלעכע פּרעכטיקע קולטור־היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע ווײַזן, אַז די וויכטיקסטע קולטורעלע אוצרות פֿון די ציוויליזירטע פֿעלקער, זייערע שפּראַכן, קונסט־ווערק, וויסנשאַפֿט א. אַ. וו. זײַ־נען דווקא געקומען ניט פֿון דעם שמאָלן נאַציאָנאַליזם, נאָר פֿון אַ קולטורעלער צוזאַמענמישונג און פֿאַרשמעלצונג פֿון די באַזונדערע אייגנשאַפֿטן און טענדענצן פֿון די סעפּאַראַטע נאַציעס און פֿעלקער.

דער שמאָלער נאַציאָנאַליזם, פֿאַרקערט, דערשטיקט די קול־טור, פּונקט ווי אַן איזאָלירונג און אָפּזונדערונג פֿון אַ מענטש אָדער פֿאַר פֿאָלק פּטרט זייער שאַפֿונג און לעבנס־פֿרייד, און מאַכט פֿון זיי פּראַים, גײַסטיקע פֿאַרזעעניש. די פֿולסטע אַנטוויקלונג פֿון אַלע שעפֿערישע כוחות קומט שטענדיק, ווי ראָקער באַמיט זיך צו באַ־ווײַזן קלאָר און אויספֿירלעך, — ווי דער רעזולטאַט פֿון אַ דער־נענטערונג, און אַפֿילו פֿאַרברידערונג צווישן פֿעלקער און ראַסן.

אגב ווידמעט ראָקער אַ היפּש לאַנגן קאַפּיטל דעם נידער־טרעכטיקן שווינדל, וועלכן די נאַצי־דײַטשן טרײַבן מיט דעם „גע־דאַנק״ מכוח „ראַסן־ריינקײַט״. דער קאַפּיטל „נאַציע אין ליכט פֿון

מאָדערנע ראַסן־טעאָריעס״ איז אַ מוסטער פון זאַכלעכן, באַלערנ־דיקן און אינטערעסאַנטן אַנאַליז פון פאַרוויקלטע סאָציאַל־וויסנ־שאַפטלעכע פּראָבלעמען אין אַ פאָרם, וואָס קען צוציען און פאַר־כאַפּן אפילו יענעם לייענער, וואָס בלײַבט געוויינלעך קאַלט און אַפּאַטיש צו טעאָרעטישע וויכוחים.

קורץ און גוט: דער פּאָליטישער נאַציאָנאַליזם, אַלס דער קעגנ־טייל פון גײַסט און יושר, דער שונא פון פרײַהײַט און ערלעכקײַט, אַלס די ערגסטע פאָרם פון „אומגײַסט״ (צו באַנוצן גוסטאַוו לאַנ־דויערס באַליבטן אויסדרוק), פירט צו אַ קולטור־אונטערגאַנג. אָט דעם פּרינציפּ האָט רודאָלף ראָקער אויף אַ גלענצנדיקן און קלאָרן אופן באַוויזן, הגם כדי נאָר דאָס צו טאָן איז נאָך ניט נויטיק גע־ווען אָנצושרײַבן אַ בוך פון אַרום 600 גרויסע זײַטן: מ׳שיסט ניט אויף ראָבן פון קאַנאָנען! דער אינהאַלט פון ראָקערס בוך איז אָבער ברייטער פון דעם טיטל, וועלכער איז אַבסטראַקט און אַביסל סטע־רעאָטיפּיש, אָפּגענוצט פון אַ צו אָפטן, כמעט מעכאַנישן געברויך. דאָס ווערק האָט אַלזאָ אַזעלכע זײַטן, וואָס דער קורצער נאָמען פון בוך דעקט זיי לחלוטין ניט. מיר וועלן זיי דאָ אויסרעכענען.

ערשטנס, באַהאַנדלט ראָקער דעם איצטיקן קולטור־קריזיס אין פאַרבינדונג ניט נאָר מיטן נאַציאָנאַליזם, נאָר אויך מיט אַנדערע, עלטערע און ברייטערע באַגריפן, ווי, למשל, פּאָליטישער צענטראַ־ליזם, מיליטאַריזם, עקאָנאָמישער דעספּאָטיזם (קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס), פאַבריק־עקספּלואַטאַציע א. אַ. ו. ער זאָגט עס ניט, אָבער פון צווישן די שורות זעט מען, אַז אפילו דער אינטערנאַ־ציאָנאַליזם אין דער צענטראַליזירטער פאָרם פון דעם קאָמוניס־טישן אינטערנאַציאָנאַל, אַלס אַן אויסדרוק פון דער נײַער רוסישער מאַכט־פּאָליטיק, גייט אויף אַזעלכע וועגן, וואָס מוזן פירן צום חורבן פון דער אמתער קולטור און גײַסטיקײַט.

מיט איין וואָרט, ניט בלויז נאַציאָנאַליזם אין זײַן העכסטער, שאַרפסטער פאָרם טרײַבט צו אַ קולטור־באַנקראָט, נאָר אויך יעדער מין מאַכט־פּאָליטיק, יעדע געוואַלט־הערשאַפט ווי, למשל, די גײַסטלאָ־זע און האַרצלאָזע געזעצן און געריכטן — דאָס אַלץ באַדראָט מיט חורבן די שענסטע טיילן פון דער גרויסער און רײַכער קולטור־

ירושה, וועלכע די איצטיקע וועלט האָט באַקומען פון די פריערדי־קע דורות.

צווייטנס, באַווײַזט ראָקער, אַז דער ביז־איצטיקער וועג פון מאַכט־פּאָליטיק און שטאַט־פאַרגעטערונג האָט דערפירט די וועלט צו אַ טעמפּן ווינקל: צו אַ סכנה פון נײַע גרויזאַמע מלחמות און פון אַ וועלט־חורבן, שוין ניט צו ריידן פון דער געפאַר, וואָס שוועבט איצט איבער דער פרײַהײַט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײַט, בײַ וועלכער מען האָט, אין אַזעלכע צוויי גרויסע לענדער מיט אַ הויכער קולטור און ציוויליזאַציע, ווי איטאַליע און דײַטשלאַנד, אַוועקגערויבט אינגאַנצן די שאַפונג־פרייד און די גליקזעליקײַט.

דריטנס, שטרײַכט ראָקער אונטער, הגם ס׳קוקט אויס ווי דאָס וואָלט געשען אויף אַ צופעליקן, דרך אגב׳דיקן אופן, אַז כדי אויפ־צובויען די נײַע, בעסערע געזעלשאַפט איז נאָך ניט גענוג צו באַ־קעמפן און פאַרניכטן די פאַלשע און פאַרפירערישע אידייען פון פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, מאַכט־פּאָליטיק און שטאַט־הערשאַפט. נויטיק איז אויך די פּאָזיטיווע, אויפבויענדיקע אַרבעט — אַרײַנצו־פירן אין לעבן־שטייגער פון יחיד און כלל די סאָציאַלע גערעכטי־קײַט, די פערזענלעכע ריינקײַט און פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, די פּרינ־ציפּן פון סאָלידאַריטעט און פעדעראַציע, ווי יסודות פון אַ נײַעם, געזונטן צוזאַמענלעבן. ער רופט, מיט איין וואָרט, די פּאַרבלאָנ־דזשעטע פעלקער צו פאַרקירעווען זיך אויף נײַע, ליכטיקע וועגן, וואָס קענען אַרויספירן די מענטשהײַט פונם טעמפּן ווינקל, און זי וועט אַוועקגיין צו נײַע, הויכע צילן.

2. אַ טראַגישער פעלער

מען זעט, אַלזאָ, אַז ראָקערס ווערק איז ברייט אין פאַרנעם, רײַך אין אינהאַלט און דערצו פאַרכאַפּט עס דעם לייענער מיט דעם שוואונג און גלוט פון פאַרפאַסערס טעמפּעראַמענט און פלאַמיקן גלויבן אין די בעסערע זײַטן פון דער מענטשלעכער נאַטור (ווי דער איבערזעצער שרײַבט אין זײַן פאָרוואָרט, זאָל רודאָלף ראָקער האָבן איבערגעשאַצט אַט־די גוטע זײַטן פון מענטשלעכן כאַראַקטער).

עס איז אָבער בײַ אַזאַ ברייטקײַט פון פּאַרנעם כּמעט אומפּאַר־מײַדלעך, אַז די טיפקײַט זאָל לײַדן, דערהויפּט — דער טיפערער, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז. במילא פּאַרפעלט ער צו באַמערקן יענע טיפערע זײַטן פון די סאַמע עיקרדיקע פראַגן, וואָס פון זיי קען אַמאָל אָפּהענגען דער גורל פון דער הײַנטיקער קראַנקער און פון די פּאַר־גסיסה־אַנגסטן געפּײַניקטער וועלט.

מיר וועלן ברענגען איין בײַשפּיל. אין אַ גרעסערן קאַפּיטל: „נאַציאָנאַלער שטאַט און די אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט", רעדט ר. ראָקער וועגן דאַרווינס לערע פון עוואָלוציע און נאַטיר־לעכן אָפּקלײַב (סעלעקציע). ער וויל דורך אָט־דער אילוסטראַציע באַלײַכטן דעם אַלגעמיינעם און באַקאַנטן כּלל, אַז די וויסנשאַפט־לעכע אַנטדעקונגען, וואָס רעוואָלוציאָניזירן די גײַסטיקע וועלט, ווי אַ שטייגער דאָס ווערק פון אַ קאָפּערניק און אַ דאַרווין, קומען בהדרגה, ביסלעכווײַז און וואַקסן אַרויס פון אַ קאָאָפּעראַציע צווישן די געלערנטע פון אַלע פעלקער און לענדער. פאַרקערט, פון דעם שמאָלקעפּיקן, זעלבסט־צופרידענעם נאַציאָנאַליזם איז נאָך קיינמאָל קיין אייביקע און אַלמענטשלעכע שאַפונג לחלוטין נישט געבאָרן געוואָרן.

דערבײַ אָבער אַקצעפּטירט ניט ראָקער די היסטאָרישע אַנטדע־קונג, וואָס דאַרווין האָט געמאַכט, אות אין אות. ער, ראָקער, באַ־מערקט און טיילט קראָפּאָטקינס קוק אויף דאַרווינס איינזײַטיקער לערע מכּוח דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ" און דעם כּלומרשטן בלינדן דראַנג אין דער נאַטור מצד די קרעפטיקערע צו דערשטיקן און פאַרניכטן די שוואַכערע מינים, וואָס זײַנען פיזיש, אָדער אָנ־דערשווי שוואַכער פון די שטאַרקערע. „קעגנזײַטיקע הילף", לערנט אונדז קראָפּאָטקין, איז אויך אַ נאַטור־קראַפט, אפשר נאָך אַ גרע־סערע ווי דער קאַמף „פון אַלע קעגן אַלע". ראָקער שטרײַכט עס אפילו אונטער, ווען ער ווײַזט, ווי אַזוי, אפשר קעגן דאַרווינס ווילן, די שאָוויניסטן, מיליטאַריסטן און סתם אונטערדריקער פון די שוואַ־כערע, אָרימערע טיילן פון פאָלק, האָבן פון דאַרווינס טעאָריע גע־מאַכט אַ שטיץ־פּונקט פאַר אַלע זייערע אַנטי־סאָציאַלע, רעאַקציאָנערע און וועלט־צעשטערנדיקע האַנדלונגען און פּלענער.

איבערפלעכלעך איז דאָס טאַקע אַלץ, וואָס לאָזט זיך זאָגן מכּוח דער עפּאָכע־מאַכנדיקער לערע פון „נאַטירלעכן אָפּקלײַב", מיט וועלכער אַ דאַרווין און האַקסלי האָבן די וועלט באַשאָנקען. דרינגט מען אָבער אַרײַן טיפער אין אָט־דער לערע, דאַן מוז מען אין איר גופא געפינען יענע טראָפּנס סם, וועלכע האָבן די ציוויליזירטע וועלט אַרײַנגעטריבן אין דער שווערער קראַנקהײט, וואָס פון איר איז איצט אַזוי שווער אַרויסצוקריכן. וואָס זאָגט אונדז דאַרווין? — אָט־וואָס: אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער וועלט, אין דער נאַטור, אין וועלט־אַל; אַלץ וואָס טרײַבט די אַנטוויקלונג פאָראויס, אָט דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ בלינדער קאַמף פון כּוחות, וואָס זײַנען גײַסטלאָז, טויב און שטום, כּוחות, וואָס ווייסן ניט פון גוטס און שלעכטס, פון קיין דין און קיין דיין, פון קיין גוטן און שלעכטן ווילן, וואָס ווייסן ניט פון קיין פרײַע אויסוואַל, פון יושר און אמת און זײַנען קאַלט ווי אײַז צום גורל פון די מענטשלעכע וועזנס, פונקט ווי זיי בלײַבן קאַלט צום גורל פון זאַמד אויפן ברעג ים.

במילא האָבן די אַזוי גערופענע אינטעליגענטן, און נאָך זיי די מאַסן, פון אָט דער נײַער לערע געמאַכט אַ משונהדיקן, שוידער־האַפט־פאַלשן אויספיר: אין דער גרויסער וועלט אַרום אונדז, פון וועלכער מיר ציען די יניקה, איז קיין שום געבאָט ניטאָ, אַז די מענטשהײַט דאַרף זיך פירן יושרדיק, אַז אין לעבן פון כּלל, ווי פון פרט, דאַרפן הערשן פאַרנונפט, פרײַהײַט און טאָלעראַנץ. מען האָט, מיט איין וואָרט, דעם קאָסמאָס, דעם וועלט־אַל, געמאַכט גײַסטלאָז, מען האָט אַרויסגעשניטן פון אים די נשמה אָדער דעם שׂכל (גײַסט). און ווי נאָר דער דאָזיקער מוראדיקער פעלער איז אַרײַנגעדרונגען אין מאַסן־באַוואוסטזײַן (אַ פּראָצעס, וואָס האָט געמוזט נעמען 50—60 יאָר), איז דער ליבעראַליזם, דער רעספּעקט און טרײַקײַט צו דער פרײַהײַט, פאַראורטיילט געוואָרן צום אונ־טערגאַנג.

און אָט זעען מיר איצט, ווי די סאָציאַלע און פּאָליטישע הפקרות האָט דורכגענומען די גאַנצעווירקלעכקײַט: פון פּאָליטי־שער פרײַהײַט מאַכט מען חוזק, רעכט און מענטשלעכע לעבנס ווערן געטראָטן מיט די פיס, ליגנס און פאַלשקייט ווערן באַנוצט אין טעגלעכן פאַרקער צווישן גרופּן און שיכטן, פּונקט ווי אין דער

גרויסער דיפּלאָמאַטיע, וואָס אין גרונט האָלט זי זיך דאָך שטענדיק אויף שקרים און צבועצטווע. די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער „ציוויליזירטער וועלט" האָט זיך צוריקגעקערט צו דער פּרימי־טיווער עטיק פון די ווילדע אין טיף־אַפריקע: „נעם איך אַוועק דײַן בהמה איז גוט, אָבער נעמסטו אַוועק מײַנע, איז שלעכט"...

נאָך דעם ווי די ברייטסטע שיכטן, און פאַר זיי די געביל־דעטע שיכטן, האָבן אָנגענומען דעם גלויבן, אַז דאָס לעבן אין וועלט־אַל, ווי אין דעם מענטשלעכן מין בכלל, האָט ניט קיין זין און קיין אינהאַלט, איז פאַרן מענטשן געבליבן נאָר איין ברירה — צו אַרבעטן טאָג און נאַכט איבער די מיטלען, וואָס פאַרשטאַרקן די הנאה פון זײַן פיזישער עקזיסטענץ, וואָס פאַרגרעסערן זײַן קאָמ־פאָרט, וואָס הייבן דעם לעבנס־שטייגער א. א. וו. בײַ אַזאַ שטע־לונג ווערט דער מענטש אַזוי זאַט פון זײַן זעלבסט־צופרידנקייט און מאַטעריעלן וואוילזײַן, אַז ער מוז איבערהויפּט פאַרגעסן, אַז מענטשן זײַנען, אין גרונט, אויך גײַסטיקע וועזנס. אינצווישן וועט מען זיך בכלל אָפּגעוואוינען צו פרעגן קשיות, מכוח דעם, צי דאָס גאַנצע לעבן און דער וועלט־אַל האָבן בכלל עפּעס אַ זין און אַן אינהאַלט אָדער ניט.

אָט פון וועלכע קוואַלן, האַלטן מיר, פליסט אַרויס דער איצ־טיקער קריזיס פון ליבעראַליזם, פון דער פּאָליטישער פרײַהײַט־אידייע, און גלײַכצײַטיק דער געיעג נאָך גרעסערע מאַטעריעלע דער־גרייכונגען. דאָס ווידער פאַרוואַנדלט דעם לעבעדיקן מענטש אין אַ שרײַפל פון אַ ריזיקער מאַשין, וועלכע דערשטיקט יעדע זעלבסט־שטענדיקײַט און פרײַהײַט.

ווי רעאַגירט די ברייטע מאַסע אויף אָט אַזאַ פאַרגוואַלטיקונג פון די עכטע, טיפערע זײַטן פון דער מענטשלעכער נאַטור? געוויס, נעמען די פעלקער די משונהדיקע לערע ניט אָן, און אויפן פּלאַץ פון דער נשמהלאָזער קאָסמישער מאַכט, וועלכע דאַרווין האָט אַרויסגעשטעלט פאַר דער וועלט, און וועלכע איז כלומרשט בלינד און טויב, האָבן די פעלקער פאַר זיך אַוועקגעשטעלט מענטשלעכע געטשקעס, פאַר וועלכע מען בוקט זיך מיט אַ שענדלעכער הכנעה.

אויב אין דעם וועלט־אַל, וואָס בלענדט דאָס אויג דורך דער שכלדיקער האַרמאָניע און פּראַכט פון הימל־געוועלב, איז ניטאָ קיין

פּאַרנונפט, קײן יושר און פרײַהײַט, דאַן קלעפּן זיך די מאַסן צו יענע מעכטיקע כּוחות, װאָס האָבן יאָ אויגן און אויערן, און צו זײ שרײַט מען: „מוסאָליני, דו ביסט שטענדיק גערעכט!", „היטלער, גיב אונדז טעגלעך דעם שטיקל ברויט!" אָדער „סטאַלין, װער איז נאָך אַזאַ געניאַלער פירער װי דו!?".

מיט אײן װאָרט, דער שטאַט־אויטאָריטעט, דער קולט פון אַ גײַסטלאָזער פּאָליטישער מאַכט, איז געװאָרן אַ נײַע רעליגיע, װי רודאָלף ראָקער באַטאָנט עס דאָ און דאָרט. ער גיט אונדז אָבער לײדער קײן שום דערקלערונג ניט, װי אַזוי דאָס איז געשען.

די פאַרגעטערונג פון די „פירער", די אײַנרײדעניש, אַז די שטערבלעכע מאַכט־האָבער װײסן אַלץ און קענען בכלל קײן שלעכטע זאַך ניט אָפּטאָן — די דאָזיקע אידיאָטישע איבערצײַגונגען זײַנען דער ניט־דערװאָרטעטער פּועל־יוצא פון דער משונהדיקער און פאַרפירערישער לערע פון אַ דאַרװין, אַז אומעטום, אונטן װי אויבן, אין דער װעלט פון חיות און מענטשן, אין דעם קאָסמאָס בכלל, איז אַלץ בלויז רײנע „מעכאַניק", אַלץ קומט פאַר לויט בלינדע, מעכאַניש־טויטע, אײַזן־פעסטע פיזיקאַלישע געזעצן, װאָס װײסן לחלוטין ניט פון קײן מידת־הרחמים און אפילו ניט פון קײן מידת־הדין, װײַל אין זײער ספערע איז ניטאָ קײן אָרט ניט פאַר שכל און חסד, ניט פאַר יושר, און פאַר פרײַהײַט און טאָלעראַנץ געװיס ניט[2].

[2] אין דער צײַט, װען די טרוקענע, אײנזײַטיק־ראַציאָנאַליסטישע װיסנשאַפט האָט אָט די שעדלעכע נײגונג „אָפּצוטויטן" די נאַטור, צו מאַכן פון איר אַ מין סופער־מאַשין, — האָבן אָבער פּאָעטן מיט זײער אינטואיציון, טיף־האַרציקן באַנעמען פון מענטש, װעלט און לעבן, אויפגעכאַפּט דעם ריכטיקן װעזן פון דער נאַטור, װי פון אַ זאַך, װאָס האָט „פרײַהײַט, ליבשאַפט און אַ שפּראַך".

אַזוי, למשל, האָט מיט 60—70 יאָר צוריק, דער רוסישער פּאָעט פ. אי. ט ו ט ש ע ו ו אָט אַזוי געדיכטעט:

נאַטור איז ניט, װי איר טוט מײנען,
אַ שטומע, גולמדיקע זאַך, —
אין איר איז דאָ אַ זעל אַ ײַײנע,
אויך פרײַהײַט, ליבשאַפט און אַ שפּראַך.

(ס'קומט אַ דאַנק פאַר דער געטרײַער ייִדישער איבערזעצונג פון טיוטשעװס טיפזיניקן װערז דעם פּאָעט נחום יוד, װאָס האָט, לויט מײן בקשה ספּעציעל די שורות איבערגעזעצט פון רוסישן אָריגינאַל).

אַט אַזאַ צום פאַרצווייפלען פאַלשע און פאַרפירערישע אָנטדעקונג פון דער וויסנשאַפט פון 19טן יאָרהונדערט טראָגט אַ גאַר גרויסן חלק שולד פאַרן איצטיקן וועלט־כאַאָס, וועלכער באַדראָט די פרייהייט אין דער גאַנצער וועלט, און מוז סוף כל סוף פירן צו אַ קולטור־אונטערגאַנג.

אַלע שעפערישע, פרייע כוחות דאַרפן איצט אַנגעווענדט ווערן פאַר אַ קאַמף צו באַשיצן די מענטשלעכע פערזענלעכקייט און די פרייהייט אין דעם שטורעם־אַנגריף, וואָס ס׳פירט איצט קעגן זיי דער מאַכט־פּרינציפּ און מאַטעריאַליזם. צום גליק העלפט אין אַט דעם געוואַלטיקן פרייהייט־קאַמף אויך די נייע וויסנשאַפט; פשוט, ווייל זי איז שוין ניט אַזוי פעסימיסטיש און איינזייטיק ווי אַ שטייגער געוויסע שיטות פון אַ דאַרווין. ווער ווייסט אָבער, צי דער קוק אויף וועלט און מענטש וועט נאָך באַווייזן אַרײַנצודרינגען טיף אין גייסט פון די פעלקער כל זמן ס׳איז ניט צו שפּעט; און צי מען וועט פאַרט ראַטעווען די פרייהייט פון פערזענלעכקייט און אינאיינעם מיט איר די אייראָפּעאישע קולטור פון די גרויסע סכנות, וואָס רוקן זיך אָן?

דער מענטש און די מאַשין

די פֿאָרשער און דענקער וואָס ריידן און שרײַבן וועגן דער הײַנטיקער עקאָנאָמישער סיסטעם, זעען אין דער מאַשין פֿאַרקער־פּערט דעם וויכטיקסטן כאַראַקטער־שטריך פֿון אונדזער אינדוס־טריעלער ציוויליזאַציע. די מאַשין איז דער סימבאָל, אַזוי צו זאָגן, פֿון 20סטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע סאָציאָלאָגן האַלטן, אַז די מאַ־שין האָט איבערגענומען פֿון לעבעדיקן מענטש די עיקרדיקע פֿונק־ציעס פֿון דער פּראָדוקציע. און זיי באַהויפּטן, אַז אָט דער פֿאַקט איז דער שליסל, דער שווערפּונקט פֿון די מערסטע סאָציאַלע פּראָ־בלעמען. די אויסגעשפּראָכענע, בולטע טענדענץ פֿון די אויטאָמאַ־טישע מאַשינען איז, ווי ס'זאָגן אָט די פֿאָרשער, ניט בלויז צו סטאַנדאַרדיזירן די פּראָדוקטן (ד. ה. אויסאַרבעטן זיי בלויז לויט אַן איין־איינציקן שאַבלאָן אָדער מוסטער) און צו הרגענען די אינדי־ווידועלע פֿאַכאָווע קענטענישן און געניטשאַפֿט, ד. ה. די „קוואַלי־פֿיקאַציעס" און „סקיל" (אין ענגליש) פֿון דעם אַרבעטס־מאַן, נאָר צו דערשטיקן אין אים בכלל דעם מענטשלעכן גײַסט און צו מאַכן פֿון דער אַרבעט אַ דורך און גײַסטלאָזן ענין. און דאָס ווידער קען מיינען בלויז איין זאַך — אַוועקצונעמען פֿונעם אַרבעט־פּראָ־צעס זײַן העכערן אינהאַלט, צו באַזײַטיקן יעטוועדע צופֿרידנשטעלונג און הנאה, וואָס דער אַרבעטער איז, אין די פֿריערדיקע צײַטן, געווען מסוגל צו באַקומען פֿון זײַן האַרעוואַניע.

אָט אַזוי טענהן אַ סך דענקער און פֿאָרשער. דאָס זײַנען די פּעסימיסטן, די וואָס אין זייערע אויגן איז יעדער מין האַרעוואַניע אין די הײַנטיקע אינדוסטריעלע אומשטאַנדן ניט מער ווי אַ מאַטער־ניש און פּײַן. עס זײַנען אָבער דאָ אויך אַ סך דענקער, וואָס געהערן

צו אַ צווייטער קאַטעגאָריע. דאָס זײַנען, אַזוי צו זאָגן, די אָפּטי־מיסטן בנוגע צו אָט דער וויכטיקער סאָציאַלער פראַגע — מכח דער ווירקונג פון דער מאַשין אויף דעם מענטש, אויף דער מענטש־הײַט בכלל.

אמת, אויך אָט די סאָציאַלע פאָרשער זעען הײַנט און פאַר־שטייען, אַז יעדער מין פאַבריק־אַרבעט האָט אין זיך אַן אַ שיעור רוטינע פּראָצעסן, וואָס יאָגן און טרײַבן דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם אַזש ביז צום באַוואוסטזײַן־פאַרלוסט פון מידקײַט. אָבער דאָך האָבן אָט די פאָרשער ניט פאַרפעלט צו באַמערקן און פעסטשטעלן עטלע־כע זוניקע, דערפרייענדיקע פלעצער אויפן בילד פון דעם מערק־ווירדיקן טעכנישן פאָרשריט, וואָס די הײַנטיקע מאַשינאָווע פּראָ־דוקציע־סיסטעם האָט מיט זיך געבראַכט.

דער אָפּטימיזם פון אָט דעם צד קומט פון אָט אַזאַ פאַקט. דער אינדוסטריעלער אַרבעטער איז גרייט און ווילעק צו קוקן אויף זיך פערזענלעך ווי אויף דעם טרעגער און באַזיצער פון אַלע יענע פונקציעס, אייגנשאַטן און דערגרייכונגען, וואָס מיט זיי צייכנט זיך די מאַשין אויס אין פאַרגלײַך מיט דער פאַרצײַטיקער פּראָ־דוציר־סיסטעם, און אַזאַ קוק הערשט בײַם אַרבעטער כל זמן ער, דער האָרעפּאַשניק, פילט זיך מעשה האַר, ד. ה. אַלס דער הערשער, „באָס", איבער דער מאַשין.

די גאַנצע פראַגע קען מען, דעריבער, אויסדריקן אין עטלעכע געציילטע ווערטער אָט אַזוי: צי ווערט וואָס ווײַטער די אינדוס־טריעלע מאַשינאָווע אַרבעט, אין די אומשטאַנדן פון כסדרדיקן טעכנישן פּראָצעס, — צי ווערט טאַקע אָט די אַרבעט ווירקלעך אַלץ שווערער (ווי ס'טענהן די פּעסימיסטן), ווערט זי אַלץ אומדער־טרעגלעכער פאַרן אַרבעטער; אָדער, פאַרקערט — ווערט אפשר גאָר די מאַשינאָווע אַרבעט וואָס ווײַטער אַלץ אַ לײַכטערע און פאַר דעם אַרבעטער ווייניקער פּײַנלעכע, ווייניקער מאָנאָטאָנע מלאכה?

1. צוויי פּעריאָדן פון מעכאַניזאַציע

די מעכאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע ציט זיך שוין גוטע הונדערט און פופציק יאָר. אָט די שטיק צײַט קען מען אײַנטיילן

אויף צוויי כמעט גלײַכע פּעריאָדן. במשך פון יעדן פון די דאָזיקע צוויי פּעריאָדן האָבן די אַרבעטער אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ ספּעציעלע, קלאָר אויסגעשפּראָכענע באַציאונג צו דער אײַנפירונג פון די נײַע מאַשינען און צום ענין פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע־פּעאיקײַט („עפי־שענסי״) פון דער פאַבריק־אַרבעט.

אין דעם ערשטן פּעריאָד, וואָס האָט זיך געצויגן אַן ערך פון יאָר 1775 ביז 1850, האָט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט דורכ־געמאַכט אַ ירידה פונעם אַמאָליקן זעלבסטשטענדיקן בעל־מלאכה און פון אַ סך מינים מײַסטערס, ווי וועבערס, שטעלמאַכערס, שמידן א. אַז. וו. די נײַע אײַנגעפירטע מעכאַנישע מאַשינען און נײַע אַרבעט־מעטאָדן האָבן אונטערגעגראָבן די האַנטווערק־פּראָדוקציע. אין דער גרויסער טעקסטיל־אינדוסטריע למשל, האָט דעמאָלט מיט אַ יאָר 120 צוריק, געהערשט אָט אַזאַ צושטאַנד: פון איין זײַט אַ שרעקלעכע מאַסן־אַרבעטסלאָזיקײַט צווישן די האַנט־שפּינערס און וועבערס, און פון דער צווייטער זײַט — אומדערטרעגלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען, אַ מוראדיקע עקספּלואַטאַציע פון מענער, פרויען און קינדער־אַרבעטער. זאָל אונדז ניט וואונדערן דעריבער, אַז במשך פון יענעם פּעריאָד, פון 1775 ביז 1850, האָט דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס, ווי איין מענטש, געפלאַמט מיט אַ שנאה און אומ־צוטרוי צו דער מעכאַניזירונג פון דער אינדוסטריע. אין די אויגן פון די אַרבעטער האָט יעדע מאַשין אויסגעזען ווי אַ מתנה פון טײַוול, ווי אַ קללה פאַר דער מענטשהײַט.

דער צווייטער פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון מעכאַניזאַציע, וואָס דויערט פון יאָר 1850 ביז דער הײַנטיקער צײַט, צייכנט זיך שוין אויס דורך אַ גאַנץ אַנדערער באַציאונג מצד דעם אַרבעטער־קלאַס צו דער פּראָגע פון מאַשין־באַנוצונג. אין משך פון אָט דער צײַט, ד. ה. אין די לעצטע 2—3 דורות, זעט מען אויף יעדן שריט און טריט ווי ס׳קומט שוין אויף אַ גאָר נײַער מין פון אַר־בעט־פרייד און פון גײַסטיקער צופרידנשטעלונג, וואָס זייער גלײַכנס האָבן די אַרבעטס־לײַט אין די פריערדיקע צײַטן קיינמאָל ניט גע־קענט. און אַלס אַ פועל־יוצא פון אָט דער אַנטוויקלונג און פון די רעזולטאַטן פון דער מאַשינאַווער פּראָדוקציע, ווי העכערע שכירות און קירצערע שטונדן, איז די שטעלונג פון דעם אַרבעטער צו

דער אײַנפירונג פון נײַע מאַשינען און פון, דער אַזוי גערופענער, וויסנשאַפטלעכער אַרבעט־פירונג. הײַנט צו טאָג איז זי שוין ווײַט ניט קיין נעגאַטיווע אָדער גאָר אַ פאַרביטערט־פײַנטלעכע, ווי דאָס איז געווען אַמאָל. פאַרקערט, מ׳קען די שטעלונג פון אַרבעטער צו נײַע מאַשינען כאַראַקטעריזירן ווי אַ גאַנץ פרײַנדלעכער בײַטראַ־ליטעט, אויב ניט — אַ צושטאַנד פון פולער צופרידנשטעלונג און גענוגטואונג מיט דעם נוצן וואָס די מאַשין ברענגט.

און דאָס איז אויך אַ נאַטירלעכע זאַך. אין אונדזערע צײַטן ווערן בלויז אַ קלײנער טײל פון די אומאָפּהענגיקע זעלבסטשטענ־דיקע האַנטווערקער געצוואונגען צו ווערן פאַבריק־אַרבעטער, „הענט", כדי דורך דער האַרעוואַניע אין פאַבריק זיך צו ראַטעווען פון הונגער־טויט. ס׳איז שוין מער ווי 70 יאָר זינט ס׳האָט זיך פאַר־ענדיקט די קאַטאַסטראָפע, די איבערקערעניש, וועלכע איז אַרויס־גערופן געוואָרן, אין יענער קריטישער צײַט, אין די האַנטווערקער־רייען דורך די נײַע מאַשינען, וואָס האָבן בײַ זיי צוגענומען די אַרבעט און דאָס ברויט. אמת, זינט יענער צײַט פירט דער קליי־נער בעל־מלאכהשער וואַרשטאַט, אין די מערסטע פאַלן, נאָך אַלץ אַ שווערן, געמאַטערטן לעבן; ער שטאַרבט אפשר אָפּ, אָבער טוט עס לאַנגזאַם און שטיל; און ער ווייסט שוין ניט פון יענער דראַמאַטישער, האַסטיקער ירידה ווי ס׳איז דעמאָלט געווען, מיט אַ יאָר הונדערט צוריק, בעת די ערשטע מאַשינען זײַנען געווען דער מלאך־המות פאַר טויזנטער האַנטווערקער־מײַסטערס.

ס׳איז דאָך אַן אַלגעמיינער כלל הײַנט צו טאָג, אַז דער איב־דוסטריעלער אַרבעטער פאַנגט אָן זײַן לעבנס־ווערק ניט ווי אַ זעלבסטשטענדיקער בעל־מלאכה, אָדער אפילו ווי זײַן געזעל אָדער העלפער וואָס מוז ווילנדיק ניט־ווילנדיק מגולגל ווערן אין אַ פּראָלעטאַריער; נאָר ער פאַנגט פשוט אָן דירעקט ווי אַ פאַבריק־אַרבעטער גופא. אַזאַ וואָס איז קיינמאָל אַ האַנטווערקער אָדער געזעל לחלוטין ניט געווען. און נאָך עפּעטער פאַסירט, אַז דער נײַער פאַבריק־אַרבעטער איז אַליין שוין אַ זון פון אַ לוין־אַרבעטער, אַ פּראָלעטאַריער. עס איז דעריבער זינלאָז צו וויינען און קלאָגן אויפן אונטערגאַנג פון די פאַכאָווע אַרבעט־קענטעניש פון די אַמאַ־

ליקע אַרבעטער־האַנטווערקער, באַשר די הײַנטיקע מאַשין שטופּט כּלומרשט אַרויס די פאַכאָווע בעל־מלאכהס פון זייערע פּרנסות און מאַכט בכן חרוב די אַמאָליקע פאַך־געניטשאַפט און בריהשקײַט.

דערפון קענען מיר דרינגען, אַז (חוץ געציילטע אויסנאַמען) דער איבערגאַנג פון האַנט־אַרבעט צו מאַשין־אַרבעט איז מערסטנ־טיילס גלײַכבאַדײַטנדיק מיט אַ פאַרמינערונג אין דער שווערער האַרעוואַניע פון אַרבעטס־מאַן, און מיט אַ העכערונג פון זײַן סאָציאַלן מעמד און פּרעסטיזש. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז פאַר די מערסטע פאַבריק־אַרבעטער שטייט איצט ניט קיין אַלטערנאַטיוו, קיין ממה־נפשך, פון אַזאַ מין: ענטוועדער האַנטווערקער־מײַסטער־שאַפט אָדער פאַבריק־אַרבעט (ווײַל זיי זײַנען קיינמאָל קיין בעל־מלאכות ניט געווען און וועלן ניט זײַן). דער ענין, די ברירה, איז גאָר אַט אַזאַ: אויב מען איז שוין סײַ־ווי־סײַ געצוואונגען צו אַרבעטן אין דער פאַבריק, טאָ זאָל דאָן די אַרבעט געטאָן ווערן מיט די הענט, מיט דער מוסקולן־קראַפט, אָדער אויף אַ מעכאַניש־אויטאָמאַטישן, מאַשינאַלן שטייגער? עס קען אויך געמאָלט זײַן (אין די פאַרגעשריטענע אינדוסטריעס) אַט אַזאַ מין ממה־נפשך: זאָל מען אפשר אײַנפירן נאָך נײַערע און בעסערע מאַשינען, נאָך מער פאַרפולקאָמטע אַרבעט־מעטאָדן, אָדער זאָל מען לחלוטין מער קיין ווײַטערדיקע חידושים און פאַרבעסערונגען שוין ניט מאַכן? וואָס איז גלײַכער און ריכטיקער?

2. מעכאַנישע אַרבעט און מאַשין־אַרבעט

וויסן מוז מען, אַז ניט די מאַשין־אַרבעט אַלס אַזעלכע טראָגט די שולד פאַר דעם, אַז די פאַכאָווע געניטשאַפט, דער פאַרשטאַנד, די איניציאַטיוו און די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון מאָדערנעם פאַבריק־אַרבעטער זײַנען אַזוי געפאַלן. שולדיק דערין איז די בודנע, די כּסדר זיך ווידערהאָלנדיקע (רעפּעטיטיווע) מעכאַנישע אַרבעט, מעג זי אַפילו אויסגעפירט ווערן דורך דער מוסקול־קראַפט פון אַרבע־טער. און פונקט אַזוי, ווי ניט יעדער מין „רעפּעטיטיווע", מאָנאָ־טאָנע אַרבעט איז דווקא מאַשין־אַרבעט, איז אויך ניט יעדער

סאָרט מאַשין־אַרבעט אין גרונט אַ רעפּעטיטיווער, זיך כסדר ניט־בײַטנדיקער, נודנער פּראָצעס. גראָד פאַרקערט. די פּרימיטיווע אויטאָמאַטישע מאַשין דאַרף טאַקע ניט האָבן קיין פאַכאָוון, טיכטיקן און זייער געניטן אין זײַן פאַך אַרבעטער. אַזאַ פּרימיטיווע מאַשין פאַרוואַנדלט טאַקע דעם האָרעפּאַשניק, וואָס באַדינט זי, אין אַ לעבעדיקן אויטאָמאַט, אַ „ראָבאָט". אָבער די מאָדערנע העכסט פאַרפולקאָמטע מאַשינעריע פאָדערט, אדרבה, אַ שפּאָגל־נײַעם מין פאַך־געניטשאַפט. דאָס מיינט אָט־וואָס: די מאַשין, ניט בלויז זי שאַפט ניט אָפּ, מאַכט ניט בטל, די נויטווענדיקײַט פון פאַך־קענטענישן און געניטשאַפט (דאָס וואָס מען רופט אויף ענגליש „סקיל"), נאָר זי שאַפט גאָר אַ באָדן פאַר אַ נײַער פאַכאָווער ספּעציאַליזאַציע צווישן די אַרבעטער. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז אָבער שוין אָט די נײַע פאַכאָווע געניטשאַפט ניט די זעלבע וואָס מיט איר האָט זיך אויסגעצייכנט דער אַמאָליקער בעל־מלאכה; אָבער דאָך איז עס אַ ספּעציעלע פאַכאָווע געניטקײַט, אַ ספּעציעלער מין פאַך־קענטענישן בײַ דער אַרבעט. אויף אַזאַ אופן ווערן, אַדאַנק דעם וואונדערבאַרן טעכנישן פּראָגרעס, פאַרזייט די קערנדלעך פון אַ נײַעם מין אַרבעט־פרייד און אַרבעט־חשיבות, פון וועלכע מ'האָט פריער גאָר ניט געוואוסט, ווײַל די מאַשין האָט נאָך ניט עקזיסטירט. זייער ריכטיק שרײַבט, אין פאַרבינדונג מיט אָט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּראַגע, דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פירער און געלערנטער, ה. דע מאַן, וואָס זײַנע ווערק האָט מען שוין איבערזעצט אין אַ סך שפּראַכן:

מיט דער צײַט ווערט די מאַשין טעכניש אַזוי פאַרפולקאָמט, אַז זי נעמט אַריבער די אַרבעט־פּראָצעסן פון אַ גאַנצער ריי אינסטרומענטן אָדער פון אַ סך האַנט־באַוועגונגען פון אַ געניטן אַרבעטער, אַ גוטן פאַכמאַן, און דאַן, אין אײַנקלאַנג מיט דעם דאָזיקן טעכנישן פאָרטשריט, ווערט עס שוין אַ פּיל שווערערע און קאָמפּליצירטערע אַרבעט צו באַהערשן אַזאַ מאַשין. די באַוועגונגען וועלכע דער אַרבעטער האָט פריער אַליין, מיט זײַנע הענט, געמוזט אויספירן, כדי, למשל, צו שפּײַזן די רוי־שטאָף אין דער מאַשין, און צו קאָנטראָלירן, געוועלטיקן איבער דער אַרבעט פון דער מאַשין, — אָט די אַלע פּראָצעסן ווערן אין דער נײַער פאַרפולקאָמטער טעכניק אויסגעפירט שוין פון דער מאַשין גופא. און אַדאַנק אָט אַזאַ ענדערונג האָט די אויפגאַבע פון מענטש אַלס בלויז אַ דינער פון דער מאַשין אַ פּיל קלענערע באַדײַטונג ווי די אויפגאַבע זײַנע צו זײַן דער אויפ־

זעער און מײַסטער, דער בעל־דעה, איבער דער מאַשין. דעם מאַשין־אַרבעטערס אַרבעט איז, אַלזאָ, אויפסנײַ געװאָרן קװאַליפיצירט, ד. ה. איז אויך אַ נײַעם קאָן געװאָרן אַ פאַכאָװע געניטשאַפט, הגם שוין גאָרניט אויפן זעלבן שטײגער װי די אַרבעט פון דעם אַמאָליקן האַנטװערקער[1].

נו, חוץ די אַלע זאַכן, פרעגט זיך: איז עס ניט קײן גאַנץ קלאָרער פאַקט, אַז די טעכנישע אַנטװיקלונג האָט געשאַפן פרישע אַרבעט־פּרנסות אָן אַ צאָל, נײַע מלאכות, װאָס זײַנען לחלוטין אומבאַקאַנט געװען אין די פריערדיקע צײַטן, דאָס מײנט: אין די צײַטן װען די האַנדװערק־צעכן האָבן געבליט? אָט זײַנען עט־לעכע אַזעלכע נײַע פאַכן און אַרבעט־פּרנסות: פאָטאָ־גראַװירונג, עלעקטריקער־אַרבעט (אַרײַנציען דראָטן א. ד. גל.), לאָקאָמאָ־טיװ־מאַשיניסטן, שריפט־זעצער אויף דער לאַינאָטאַיפּ זעץ־מאַשין א. ד. גל.

די אונטערשטע שורה: אויף די העכערע שטופעס פון דעם טעכנישן פּראָצעס נעמט די מאַשין אַװעק פון דעם אַרבעטער די גאַנצע, אָדער דעם גרעסטן טײל האָרעװאַניע, פון דער שװערער און נודנער אַרבעט־מי װאָס דער אַרבעטער פלעגט פריער, בעת די מאַ־שין איז נאָך ניט געװען, מוזן אויספירן. מ׳קען די גאַנצע לאַגע אויסדריקן אין די פאָלגנדע קורצע װערטער, װאָס קלינגען ממש װי אַ פּאַראַדאָקס: דער בעסטער װעג צו דעמעכאַניזירן די אַרבעט, צו מאַכן זי לעבעדיק און אינטערעסאַנט איז דװקא אַזאַ: אַרויפ־צולײגן אויף דער מאַשין אַזוי פיל פיזישע אַרבעט װיפיל זי, די מאַשין גופא, איז בכוח אויסצופירן און װיפיל ס׳דאַרף אויס־געפירט װערן אין דעם געהעריקן פּראָדוקציע־פּראָצעס.

3. די שטרעבונג צו פאַך־געניטשאַפט

חוץ די אַלגעמײנע אורזאַכן, װאָס מוזן פירן צו דער מעכאַ־ניזאַציע פון דער אינדוסטריע, איז נאָך פאַראַן אײנע אַ ספּעציעלע,

[1] „די פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם״ פון הענדריק דע מאַן; יידיש: א. יעסעלסאָן, װאַרשע, 1935, בזשאָזאַ פאַרלאַג; ז. 66.

אַזוי צו זאָגן אַ סוביעקטיווע, טרייב־קראַפט, דאָס מיינט אַזאַ וואָס האָט צו טאָן מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון אַרבעטס־מאַן, מיט זיין אינערלעכער שטעלונג צום אַרבעט־פּראָצעס.

אַפילו דער אַרבעטער, וואָס באַקומט זיינע שכירות פּער שטונדע, אָדער טאָג, אָדער וואָך, איז, ווי קליין זיין לוין, און ווי נודנע און מאָנאָטאָנע זיין מלאכה זאָל ניט זיין, איז פאַרט ווער אַזאַ איינער זיין אָן אָן ערך גערנער צו אַרבעטן מיט גוטע ווערקצייג ווי מיט שלעכטע, און — מיט ראַיעלע, סאָלידנע רוי־שטאָפן אַנשטאָט מיט שלעכטע אינסטרומענטן און מיט שמאָטע־מאַטעריאַלן. קומען קומט עס פון אַ פּשוטער אורזאַך: באַנוצט מען גוטע ווערקצייג און מאַטעריאַלן, דאַן איז עס דאָך ממילא לייכטער אויסצואַרבעטן, אַרויסצוגעבן דעם מינימאַלן קוואַנטום פון פּראָדוקט, וואָס מען דער־וואַרט פון אַרבעטער, לייכטער ווי אין דעם פאַל ווען מען באַנוצט שלעכטע רוי־שטאָפן און אַרבעט־מכשירים. דער פּועל־יוצא איז אַזאַ: וואָס מער די איינריכטונג און די אויסשטאַטונג פון „שאָפּ", פון פאַבריק, איז מסוגל צו העלפן דעם אַרבעטער צו עקאָנאָמיזירן, איינצושפּאָרן, אין צייט און האַרעוואַניע, וואָס דער אַרבעטער טוט אין זיין אַרבעט אַריין, אַלץ גרעסער איז דעם אַרבעטערס געלעגנ־הייט צו דערגרייכן, מיט דער זעלבער האַרעוואַניע זיינער, אי מערער אי בעסערע פּראָדוקטן. אַנדערש גערעדט: דער אַרבעטער ווייסט זען, אַז זיין אַרבעט איז פּרוכטבאַרער, אַז זי גיט אַרויס גרעסערע און בעסערע רעזולטאַטן. און אויפן גרונט פון אַזעלכע פּערזענלעכע דערפאַרונגען ווערט דער אינדוסטריעלער אַרבעטער, דווקא אַדאַנק די כסדר אַריינקומענדיקע נייע מאַשינען און מעטאָדן, אַלץ מער און מער צופרידנגעשטעלט מיט זיין מאָדערנעם מאַשי־נאַוון אַרבעט־שטייגער. דערפון, ווידער, נעמט עס זיך, אַז זיין חשיבות און זעלבסט־רעספּעקט וואַקסן אויך כסדר, און זיין סאָציאַלער מעמד איז איצט בלי־ערך העכער ווי ווען ס'איז פריער, זיין סאָציאַלער אָנזען — אַ מער געהויבענער.

אָט שטעלט זיך פאָר למשל, אַז ביי אַ געניטן און דערפאַרענעם שטאָלצן לאָקאָמאָטיוו־הייצער (פייערמאַן) ווערט אָוועקגענומען דורך דעם טעכנישן פאָרטשריט זיין אַלטע מלאכה, נעמלעך: דעם גאַנצן

טאָג און שאַרן מיט אַ גרויסן רידל די שטיינקוילן און זיי װאַרפֿן אין אויװן פֿון אַ דאַמף־קעסל, אַ מלאכה אין װעלכער ער איז שוין געװאָרן ביז גאָר פֿלינק און געניט; און אַז אָנשטאָט דער דאָזיקער שװערער האָרעװאַניע װערט גאָר אײַנגעפֿירט אַ נײַער מעכאַנישער אַפּאַראַט װאָס ברענגט אַרײַן אויטאָמאַטיש די ברען־מאַטעריאַלן אונטערן קעסל. דערבײַ בלײַבט דער אַלטער הייצער, אַלס אויפֿזעער איבערן נײַעם אַפּאַראַט, אויף זײַן שטעלע אין באַן־פֿער־סאָנאַל. נו, װאָס מוז דערפֿילן אָט דער פֿאַכמאַן־אַרבעטער? ער װעט דאָך גלײַך װערן געהויבענער אין זײַנע אייגענע אויגן, און אויך בײַ פֿרעמדע אין די אויגן, דורך דעם, װאָס ער באַהערשט איצט אַ פֿיל מעכטיקערן און בכבודיקערן אינסטרומענט װי די אַלטע גרויסע לאָפּאַטע, װאָס מיט איר האָט ער טאַקע יאָרן אָפּערירט (געשאַרט קוילן) מעשה בריה און מומחה. און אין דער זעלבער צײַט שטײַגט אויך, ממילא, זײַן פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט — פֿון אַ נידעריקער מדרגה (די פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט פֿון שאַרן און װאַרפֿן מיטן רידל אין פֿײַער קוילן) צו אַ העכערער מדרגה פֿון פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט, דהײַנו: ער פֿירט איצט אויס אַ מער גײַסטי־קע װי אַ ריין פֿיזישע אַרבעט. זײַן אַרבעט איז איצט אויפֿצופּאַסן, אַרומצוגיין און צו רעגולירן די גאַנץ קאָמפּליצירטע נײַע מאַשין (אויטאָמאַטישע „סטאָקערס", ד. ה. אַ הייצונג־אַפּאַראַט) װאָס ער איז איבער איר דער אויפֿזעער און האַר.

4. דער פּרייז פֿון טעכנישן פּראָגרעס

אָט דער צװייטער פּעריאָד, אָדער „פֿאַזע" פֿון דער מעכאַניזי־רונג פֿון דער אינדוסטריע, בעת די קװאַליפֿיצירטע אַרבעט (פֿאַך־געניטשאַפֿט און טיכטיקײַט) װערט אויפֿסנײַ געפֿאָדערט און אויך אָפּ־געשאַצט אויף נײַע, קיינמאָל פֿריער נאָך ניט געװוּזענע אופֿנים, דאָס גופֿא פֿאַראורזאַכט אָבער ניט זעלטן אומזיסט־אומנישט לײַדן פֿאַר גאָר גרויסע אַרבעטער־מאַסן דורך צײַטװײַליקער אָדער כראָנישער אַרבעטסלאָזיקײַט, װאָס קומט ניט זעלטן פּלוצלונג.

נו, שטעלט זיך דעריבער די פֿראַגע: איז עס אַ יושר, אַז אייך־איינציקע גרופּע מענטשן — די האָרעפּאַשנע אָרעמע מאַסן,

זאָלן אַליין אויף זייערע פּלייצעס טראָגן די פולע לאַסט וועלכע קומט דערפון, וואָס די גאַנצע געזעלשאַפט, אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, מאַכן דורך אַ פּאַרשריט אין דער טעכניק און ציוויליזאַציע? געוויס איז עס אַ געוואַלדיקער אומיושר. אוודאי איז עס ניט מער ווי רעכט, אַז די דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט זאָל אויסאַרבעטן אַ פּראַקטישן פּלאַן, ווי אַזוי די אַרבעטער וואָס ווערן באַרירט פון דער אומפאַרמײַדלעכער טעכנישער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע (מיט אַנדערע ווערטער: דורך דער „טעכנאָלאָגישער אַרבעטסלאָזיקײַט"), אַז זיי אַלע זאָלן ניט מוזן אומשולדיקערהייט אויסשטיין די שווערסטע קערפּערלעכע און גײַסטיקע יסורים וואָס קומען פון אַרומגיין אַ לאַנגע צײַט פּוסט און פּאַסט, בעת ס׳פעלט ניט דער חשק צו האַרעווען און דורך פּראַצע צו דערנערן זיך און די פאַמיליע...

מיר וועלן דאָ אויסרעכענען בלויז עטלעכע קאָנסטרוקטיווע מיטלען וואָס וואָלטן געקענט דינען די צילן פון אַ פּראָגרעסיווער סאָציאַלער פּאָליטיק, וועלכע זאָל בטל מאַכן די שלעכטע רעזולטאַטן פון אָט דער נײַער צרה: די מענטשלעכע יסורים פון אַ שנעלער טעכנישער אַנטוויקלונג און פון „מאַשינאַוון" פּראָגרעס: אײַנצופירן אַרבעטסלאָזיקײַט־פאַרזיכערונג פאַר אַלע לוין־אַרבעטער; אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע בילדונג און אָריענטאַציע (וועגווײַזונג) אין אײַנקלאַנג מיט די פילע אויפקומענדיקע, צוקונפט־רײַכע סאָרטן באַשעפטיקונגען און פּרנסות; אײַנצופירן אַ נעץ פון איינהײַטלעכע איבערן גאַנצן לאַנד אויסגעשפּרייטע אַרבעטס־פאַרמיטלונג ביוראָס (אונטער אַ געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל); ענדלעך, צו פאַרזאָרגן די אַרבעטער־פאַמיליעס אויף דער עלטער, אין פאַל פון קראַנקײַט א. אַז. וו., דורך סאָציאַלע געזעצן, און דורך מוניציפּאַלע וואוילזײַן פּלענער, ווי ביליקע געזונטע דירות א. אַז. וו..

שליסלעך מוז מען דעם אַרבעטער, כדי ער זאָל ניט פאַרשקלאַפט און אַנטגײַסטיקט אָדער „אַנטמענטשלעכט" ווערן פון דער מאַשין, געבן די פולסטע זעלבסט־באַשטימונג און פרײַהײַט אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע און גײַסטיקער אַנטוויקלונג. אמת, די אויטאָקראַטישע דעספּאָטישע אינדוסטריע־פירונגען באַדראָען דעם

צײַט־פּראַגן און װעלט־פּראָבלעמען

אַרבעטער מיט אומגליקן אין לשער: ער קאָן נאָך פאַרלירן די פּריװילעגיען װאָס אָן זײ קען ניט געמאָלט זײַן אין אונדזער צײַט קײן שום אױפגעקלערטע און פּראָגרעסיװע דעמאָקראַטיע. ערשט אין די געהױבענערע, פאָרטגעשריטענערע סאָציאַלע אומשטאַנדן װי די איצטיקע, װעט מען פאַרשפּאָרן מורא צו האָבן, אַז ס'װעט אָנקומען אַ תקופה פון די גײַסטלאָזע „ראָבאָטס" (גולמס), ד. ה. פון די מענטשלעכע „אױטאָמאַטן", אין דער אינדוסטריע. דעמאָלט װעלן אַזעלכע פאַרזעעענישן ניט קענען געמאָלט זײַן און די מאַשין װעט װערן ניט דער פײַנט, נאָר דער פרײַנט פון אַרבעטער; װעט זײַן ניט קײן האַר, נאָר דער דינער פון דעם מענטש, װאָס גײט בײַ דער מאַשין אַרום און גיט אַכטונג, מיט פאַרשטאַנד און געדולד, אױף די מאַשינען מיט זײער װאונדערלעך פײַנער און פּראָדוקטיװער אַרבעט.

דער אַמעריקאַנער אַרבעטער: פון נעכטן ביז היינט

טיפע ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען אין צוזאַמענשטעל פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער־מאַסן אין די לעצטע צען־פופצן יאָר. פאָרגעקומען איז אַ מין איבערשיכטונג־פּראָצעס. צוויי גרויסע, פיל־מיליאָניקע, גרופּעס רוקן זיך כסדר אַוועק, דהײַנו: די פרעמד־געבאָרענע אַרבעטער, די אימיגראַנטן פון ערשטן דור; און די מיטל־יעריקע און עלטערע אַרבעטער, סײַ פרעמד־געבאָרענע, סײַ היגע געבאָרענע, אַפילו תושבים פון דור־דורות.

עס זײַנען אויך פאַראַן צוויי וויכטיקע אורזאַכן פון אַט־דער איבערשיכטונג: די אָפּגעשטעלטע אימיגראַציע און די גרויסע אינ־דוסטריעלע דעפּרעסיע, וואָס ציט זיך שוין כמעט צען יאָר כסדר. און, ווי מיר וועלן באַלד זען, איז אויך דער איצטיקער קריזיס אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, דער ברודער־קריג אין די אַרבעטער־רייען, אין גאָר אַ גרויסער מאָס אַ פּועל־יוצא פון דער איבערשיכטונג און פון דעם נײַעם צוזאַמענשטעל אין אַר־בעטער־קלאַס בײַ אונדז אין לאַנד.

אַנשטאָט די פריערדיקע אימיגראַנטן־מאַסן, פון וועלכע ס׳פלעגט זיך פריער רעקרוטירן דער הויפּט־טייל פון די גרויסע מאַסן אינדוסטריע־אַרבעטער אין אַמעריקע, ווערט איצט אַט־די אַרבעטערשאַפט אָנגעפילט, יאָר נאָך יאָר, מיט די יונגע, היי־גע־באָרענע און דערצויגענע אַרבעטער עלעמענטן. זיי זײַנען אויפגע־צויגן געוואָרן אין די היגע באַדינגונגען — פרײַ פון דער מורא פאַר „זשאַנדאַרן" און דעפּאָרטאַציע — סטראַשידלעס, מיט וועלכע מען האָט אַמאָל געזוכט אָפּצוהאַלטן די אָנגעשראָקענע אימיגראַנטן־מאַסן פון אַ רעוואָלט קעגן דער אומרחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע בײַ די שווערסטע און געפערלעכסטע אַרבעטן פאַרן גרויסן קאַ־פּיטאַל.

צײַט־פֿראַגן און וועלט־פּראָבלעמען

דערצו האָט מען נאָך אין יענער צײַט אויפגעבלאָזן די פֿונקען פֿון רעליגיעזער שנאה און אומטאָלעראַנץ, וואָס די אימיגראַנטן האָבן מיטגעבראַכט פֿון דער אַלטער היים, כּדי זיי נאָך שטאַרקער צו האַלטן אין צאַם אונטערן יאָך פֿון קאַפּיטאַל.

דער יונגער, צווייטער אימיגראַנטן־דור איז טאַקע אין דער פּאַבליק־סקול אַמעריקאַניזירט געוואָרן נאָר גאַנץ אויבערפֿלעכלעך, אָבער איין גוטן ציל האָט אַזאַ „אַמעריקאַניזאַציע” דערגרייכט — זי האָט לחלוטין דערשטיקט די איראָפּעאישע טראַדיציעס פֿון ראַסן־ און רעליגיע־סכסוכים. ממילא איז גינסטיקער געוואָרן דער באָדן פֿאַרן סאָציאַלן פּראָטעסט און פֿאַרן פּראָלעטאַרישן קאַמף־געפֿיל.

אַפֿילו די יונגע רויע אַרבעטער־עלעמענטן, וואָס פֿלעגן פֿריער רעקרוטירט ווערן פֿון די פֿאַרמס (און וועלכע דאַרפֿן, צוזאַמען מיט די נעגערס, איצט אויספֿילן דעם גרויסן מאַנגל אין ניט־געשולטע אַרבעטער־קרעפֿטן נאָכן אָפּשטעל פֿון דער אימיגראַציע), זיי זײַנען שוין איצט אויך ניט אַזוי ווי אַמאָל. סוף־כּל־סוף קען דאָך כּמעט יעדער יונגער מאַן, וואָס קומט פֿון די פֿאַרם־געגנטן, טרײַבן אַן אויטאָמאָביל, איז באַקאַנט מיט די מאָוווּיס, ראַדיאָ, טראָגט שטאָטישע בגדים, און רעדט מיט דער גאַסן־שפּראַך („סלענג”) פֿון דער גרויס־שטאָט.

אויך ער איז שוין מער ניט דער פּאַסיווער, ווילדלאָזער ווערק־צײַג אין די הענט פֿון קאַפּיטאַליסט, ווי ס'איז געווען דער פֿאַרם־מענטש אין די יאָרן פֿאַר דער וועלט־מלחמה, יענער פֿאַרמער, וואָס פֿלעגט זיך ראַטעווען פֿון זײַן קלעגלעכער פֿאַרם־פּרנסה און פֿלעגט קומען זוכן אַרבעט אין די פֿאַבריקן.

דאָס אַלץ דערקלערט אונדז די קאַמפּסלוסטיקײַט פֿונם ייִנגערן אַרבעטער. אַגב זײַנען איצט די פֿאַמיליעס קלענערע, און די קרעכצן פֿון די הונגעריקע ווײַבער און קליינע קינדער זײַנען שוין אַ פּיל שוואַכערע, ווי אַמאָל, אָפּהאַלט קעגן אַ מיליטאַנטישער טאַקטיק און קעגן סטרײַק־אויסברוכן.

און צו אָט־די גרויסע ענדערונגען קומט נאָך צו אַן אַנדער נײַער פֿאַקט, נעמלעך: דער דורכשניט־עלטער פֿון אַמעריקאַנישן

אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן נידעריקער, — די אַרבעטערשאַפט, אין דורכשניט גענומען, האָט זיך באַדײַטנד פאַריִנגערט, און אָט ווי אַזוי:

פריער, ביזן יאָר 1929, פלעגט די אינדוסטריע כסדר וואַקסן. ווי דער שטייגער, קומען צו יערלעך פון אַ מיליאָן ביז 2 מיליאָן נײַע אַרבעט־כּוחות אין אַמעריקע, יונגע האַרעפּאַשנע הענט. נו, וואָס פלעגט מיט זיי געשען? זיי פלעגן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַרײַנגעצויגן ווערן אין דער פּראָדוקציע; און דאָס מיינט, אַז די נײַע שטעלעס האָבן במילא געפאָדערט פרישע אַרבעטער. דער יונגער דור פלעגט ניט ווערן געצוואונגען אַרויסצורײַסן דעם שטיק ברויט בײַם מיטליעריקן, אָדער עלטערן אַרבעטער — ס'איז געווען אַר־בעט פאַר יונג און אַלט.

אָבער אָט איז געקומען די דעפּרעסיע, די ירידה פון אַמערי־קאַנישן קאַפּיטאַליזם; דער וואוקס פון דער אינדוסטריע, דער שטורעמדיקער דראַנג צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע האָט זיך אָפּגעשטעלט — איז שוין פאַר די יִינגערע, פרישע אַרבעטער ממש קיין אַנדער אויסוועג ניט פאַרבליבן ווי אַרויסצושטופּן זייערע טאַטעס און עלטערע ברידער, און אַליין זוכן אַ שטיק ברויט דורך האַרעוואַניע אין פאַבריק.

דערצו איז נאָך געקומען די סגולה פון די נײַע טעכנישע מעטאָדן און אײַנפירונגען, וועלכע האָבן געפאָדערט אַלץ גרעסערע און טיכטיקערע בריהשקײַט בײַ דער אַרבעט. דאָס איז שטענדיק און אומעטום פיל לײַכטער פאַרן יונגן אַרבעטער ווי פאַר דעם מיטל־יעריקן, אָדער אַלטן וועטעראַן פון דער אינדוסטריע.

אַרום און אַרום איז, זינט 1930, געוואַלדיק פאַרשאַרפט געוואָרן די פראַגע מכח די מיטליעריקע אַרבעטער. זעט נאָר, וואָס דאָ קומט פאָר: פון איין זײַט, עלטערט זיך די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג גאַנץ שנעל, קיין יונגער דור קומט ניט צו אין אַזעלכע גרויסע צאָלן ווי אַמאָל. די צאָל מענער און פרויען איי־בער 40 וואַקסט כסדר; און פון דער צווייטער זײַט, נעמט מען זיי, די מיטליעריקע, אויף די שטעלעס ניט אָן, מען וואַרפט זיי אַרויס פון די שעפער, און דער סאָציאַלער עלטער־גרענעץ, וואָס דאַרף,

בדרך הטבע, זײַן אַרום 65, יאָר, װערט גאָר אָראָפּגעדריקט ביז צו 45 יאָר.

אין נאָרמאַלערע באַדינגונגען װאָלט געדאַרפט אין אַמעריקע זײַן די לאַגע פּונקט אַ פאַרקערטע: װאָס װײַטער, דאַרף אַלץ גרעסער װערן די צאָל מיטליעריקע אין דער אינדוסטריע. אַזוי איז עס אויך פריער געװען אַ לאַנגע צײַט. אין יאָר 1900 זײַנען 23 פּראָצענט פון אַלע אינדוסטריע־אַרבעטער אין אַמעריקע געװען אין עלטער פון 40 ביז 65 יאָר, און אין 1930 איז די פּראָפּאָרציע פון די מיטליעריקע און עלטערע אַרבעטער שױן געװען 35 פּראָצ.

דאָ איז אָבער אָנגעקומען, מיט אַ יאָר 10 צוריק, דער פאַר־מאַנענטער, דױערהאַפטער קריזיס; די אינדוסטריע האָט אױפ־געהערט צו װאַקסן, און די יונגע האַרעפּאַשניקעס, אין קאַמף פאַר אַרבעט און ברױט, האָבן געמוזט פאַרנעמען די פּלעצער, װאו מיטליעריקע אַרבעטער װאָלטן נאָך לאַנג, לאַנג געמעגט און געדאַרפט אַרבעטן און פאַרדינען.

װידער, איז געקומען די פאַרשפּרײטונג פון בילדונג אין די לעצטע צװאַנציק יאָר. הונדערטער טױזנטער יונגעלײַט און פרױען האָבן באַקומען קאַלעדזש־ און מיטלשול־בילדונג, און זײ זײַנען גלײַך אַװעק אין די גרױסע פאַבריקן פון דער מיטעלער װעסט. דאָס איז אַ פאַקטאָר, װאָס האָט אױפגעהױבן די באַװאוסטזיניקײַט, די פאָ־דערונגען, און דעם קאַמפּס־לוסט בײַ טױזנטער אַמעריקאַנער־געבאָ־רענע האַרעפּאַשניקעס.

עס איז אָבער געװען נאָך אַ װיכטיקער רעזולטאַט פון אָט אַזאַ אַרײַנדרינגונג פון פרישע יונגע און געבילדעטע אַרבעטער אין די לעצטע יאָרן. זײ איז שטאַרק ניט געפעלן געװאָרן דער פרי־ערדיקער סדר און כלל פון „סעניאָריטי״, מכוח „פּראָמאָשאָן״ און אָפּ־זאָגן פון דער אַרבעט בעת אַרבעטסלאָזיקײט.*) דאָס מײנט, אַז דער

*) אונטער אָט אַזאַ פּרינציפּ — „סעניאָריטעט״ אָדער „סעניאָריטי״ פאַר־שטײט מען אַזאַ סדר, װען דער אױפשטײַג אױף אַ העכערן שטאַפּל פון דער אַר־בעט־פּרנסה אָדער דאָס פאַרבלײַבן אױף אַ שטעלע בעת דעם אָפּזאָגן פון אַר־בעט־הענט מחמת דוחק, אױספעל פון אַרבעט אין דער באַטרעפנדיקער פאַבריק, —הענגט אָפּ דערפון, װי לאַנג דער אַרבעטער איז געװען אױפן פּלאַץ, אָדער בכלל אין דעם טרײד, באַשעפטיקט. דאָס,װידער, מײנט, אַז די עלטערע אַרבעטער זײַנען אין גרונט געװען אױך די פּריװילעגירטע, בעסער־געשטעלטע אַרבעטער.

אַרבעטער, וואָס איז לענגער אין שאַפּ, דאַרף אויך זײַן דער ער־שטער צו קריגן אַ העכערע שטעלע, און דווקא דער לעצטער צו פאַר־לירן זײַן „דזשאָב״, ווען מען פאַרקלענערט די פּראָדוקציע אין אַ צײַט פון שטילשטאַנד אָדער אינם ניט־סעזאָן פּעריאָד.

אויף אַט־דעם געביט קומט איצט פאָר ממש אַן איבערקערע־ניש, הגם אין שטילע, ניט שאַרף קענטיקע פאָרמען. מען האָט לעצטנס געמאַכט אַן אונטערזוכונג פון איבער 100 נײַערע יוניאָן־אַגרימענטס, פון וועלכע 81 האָבן באַרירט די „סעניאָריטי״ פראַ־גע: 48 זײַנען געווען יוניאָנס פון דער „סי־אַי־אָ״ און 33 — פון דער אַמער. פעד. אָוו לעיבאָר. אַ היפּשע צאָל יוניאָן אַגרי־מענטס שאַפן אָפּ די אַלטע פירונגען פון סעניאָריטעט. אין צוועלף ווערט בפירוש געזאָגט, אַז אין אַ צײַט פון „סלעק״ זאָל מען די אַרבעט פאַרטיילן גלײַך צווישן אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשייד, צי מען אַרבעט אין שאַפּ 10 — 20 יאָר אָדער איין יאָר אָדער צוויי. אין עלף אַנדערע אַגרימענטס ווערט געזאָגט, אַז אין אַ שטילער צײַט דאַרפן ראשית כל די אַרבעטס־שעהן רעדוצירט ווערן אויף וויפיל עס לאָזט זיך נאָר, און ערשט נאָך דעם, אויב דאָס וועט ניט העלפן, זאָל מען נעמען אָפּזאָגן די אַרבעטער.

און דווקא די „סי־אַי־אָ״־יוניאָנס, וואָס רעקרוטירן זיך דער־הויפּט פון די ייִנגערע און קאָמפּסלוסטיקערע אַרבעטער, זײַנען איצט געניגט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם סדר (סעניאָריטעט), וואָס איז אַזוי לאַנג געווען ממש אַ הייליקער אײַנפיר אין די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס. דאָס מיינט, אַז ס׳ווערן בטל די אַמאָליקע פּריווילע־גיעס פאַר די מיטליעריקע און עלטערע אַרבעטער, און אַז אַלע האַ־רעפּאַשניקעס קריגן כמעט גלײַכע רעכט אויף אַרבעט און ברויט.

עס שײַנט, אַלזאָ, אַז וואָס מיר מאַכן איצט דורך אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז ניט אַזוי אַ ברודער־קאַמף ווי אַ קאַמף צווישן טאַטעס און זין — דער אייביקער קאַמף צווישן צוויי דורות. געוויינלעך, איז אָט אַזאַ סכסוך אַ פאַרעקשנטער גע־ראַנגל, אָן דינגערײַ און פּשרות. דאָ איז פאַראַן נאָר איין שטרענגער בורר — די צײַט; און זײַן אַנטשיידונג קומט שטענדיק פאַר

אויפן חשבון פון עלטערן דור: ער מוז פריער־שפּעטער די סצע־
נע פאַרלאָזן, צי ער וויל דאָס, אָדער ניט...

אַ צווייטער פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר, וואָס שפּילט אַ ראָלע
אין אונדזער הײַנטיקן אַרבעטער קאַמף, איז דער ביסלעכווײַזדיקער
אונטערגאַנג פון דער אַמאָליקער אינדיווידואַליסטישער שטימונג פון
דעם העכער־שטייענדיקן אַמעריקאַנישן אַרבעטער. ווייס מען דאָך,
אַז אין דער צײַט פון דער מאַסן־אימיגראַציע פלעגט פון צײַט
צו צײַט פּאַסירן, אַז אַ טיכטיקער, פייאיקער, אַמעריקאַניש־געבאָ־
רענער אַרבעטער זאָל זיך אַרויסרוקן אויבן־אָן, זאָל ווערן אַפילו
אַ „ווײַס־פּרעזידענט" פון אַ מולטי־מיליאָנערסקער קאָמפּאַני; און
דאָס פלעגט טאַקע פאַרהיפּנאָטיזירן די אַנדערע אַרבעטער, אָפּ־
שלאָגן בײַ זיי דעם חשק זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם קאַפּיטאַליס־
טישן צד אַלס קלאַס קעגן אַ קלאַס, על־פּי נוסח אייראָפּע.

אָבער אַרויפצוקלעטערן פאַר אַן אַרבעטער־קאַריעריסט צו אַט
אַזאַ גדולה איז געווען פיל לײַכטער דאַן, ווען מ'האָט געקענט
שטײַגן, ווי אויף אַ לייטער, אויף די איינגעבויגענע רוקנס פון די
אומצייליקע עקספּלואַטירטע פרעמד־געבאָרענע האַרעפּאַשניקעס. ביז
מען האָט זיך אַרײַנגעמאַנעוורירט אין דער חברותא פון די פּאַרדס
און די קנודסענס (פון דזשענעראַל מאָטאָרס). מען האָט אַרום זיי
געשפּונען לעגענדעס, וועלכע האָבן ממש פאַרכישופט די אומוויסנ־
דיקע, ניט־קריטיש־דענקנדיקע מאַסן.

איצט, אַז דער אימיגראַנטישער דור גייט אָבער אַראָפּ פון
דער סצענע, איז אי — ס'ווערן קלענער די שאַנסן פאַר די יחידים
צו האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון דער פרעמד־שפּראַכיקער שקלאַפן־
קאַסטע, אי ס'וואַקסן די געלעגנהײַטן אײַנצופלאַנצן אין דער אַר־
בעטער־מאַסע די זאָמען פון קאָלעקטיווער אַקציע און אַרבעטער
סאָלידאַריטעט.

ניט קיין קליינע באַדײַטונג פאַרן אויספאָרמירן דעם נײַעם
פּנים פון אַמעריקעס אַרבעטער האָט געהאַט דער פאַקט, אַז זינט
1920 האָבן די פאַרמעגלעכע און די מיטלקלאַס־שיכטן אין גרויסע
מאַסן פאַרלאָזן זייערע וואוין־ערטער אין די שטעט (זוכנדיק פלע־
צער, וואו דאָס לעבן איז לײַכטער, און די שטײַערן קלענער), און

האָבן זיך באַזעצט אין די הינטער־שטאָט־געגנטן (סאָבורבס). דאָס האָט במילא פאַרמערט די פּאָליטישע וואָג פון די אַרבעטער־מאַסן אין אַזעלכע אינדוסטריעלע שטעט, ווי דעטראָיט, פּיטס־בורג און אַנדערע; און די דאָזיקע דערשיינונג וועט נאָך שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין דער צוקונפט. דערפון, למשל, נעמען זיך געוויסע וואָל־זיגן פון די אַרבעטער אין די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט, וואו ס'זיינען אין די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען וואַלן צו די „סיטי קאָנסולס", ד. ה. צו די שטאָט־פאַרוואַלטונגען.

מיט איין וואָרט: מיר זעען, ווי וויכטיק עס איז טיפער אַריינצוקוקן איצט אין די ענדערונגען, וועלכע די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט דורכגעמאַכט זינט 1920, כדי מיר זאָלן ריכטיק קענען פאַרשטיין און אָפּשאַצן סיי דעם נייעם טרייד־יוניאָניזם, סיי די געשעענישן אין אַרבעטער־לעבן און קאַמף, ביי אונדז אין אַמעריקע אין דער לעצטער צייט.

II

צילן און וועגן פון אויפבוי

אַרײַנפיר

כמעט אַלע אַרבעטן אין אָט דער אָפּטײלונג זײַנען אַרײַן אין דרוק אײדער די איצטיקע מלחמה האָט אויסגעבראָכן. דער נײַער חורבן, די צערײַסונג פון פּוילן מיט אירע 3—4 מיליאָן ייִדן, און די קאַטאַסטראָפאַלע פאַרשאַרפונג פון דער כמעט אויסזיכטלאָזער ייִדישער לאַגע אין דער מזרח־העלפט פון אײראָפּע — דאָס אַלץ האָט װי אונדז שײַנט, דאָך ניט פאַרמינערט די לעזבאַרקײַט און דעם װערט פון די פינף אָפּהאַנדלונגען, װאָס קומען אַרײַן אין אָט דעם טײל בוך.

די סאָציאַלע כוחות און פאַקטאָרן װאָס האָבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די פּוילישע ייִדן אונטערגעגראָבן האָבן געװירקט יאָרנלאַנג פאַר דער איצטיקער מלחמה. דאָס װעט קלאָר װערן דעם לעזער גלײַך פון ערשטן אַרטיקל אונטן. און דער אויספיר, צו װעלכן דער אַרטיקל קומט, נעמלעך — אַז בלויז דורך אַ ראַדיקאַלער ענ־דערונג פון אונדזער באַציאונג צום ענין אַרבעט־פּרנסות, דורך אַ נײַער חשיבות און הויכשאַצונג פון יעדער פּראָדוקטיװער אַרבעט, דערהויפּט אין אירע מאָדערנע, טעכניש־פאָרטגעשריטענע פאָרמען, אַז בלויז אויף אַזאַ אופן קען ערשט געמאָלט זײַן אַ װעלכער ניט איז געזונטער אויפבוי פון דער האַלב־חרובער ייִדישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע; דער דאָזיקער אויספיר קריגט איצט נאָך אַ פיל גרעסערע קלאָרקײַט און איבערצײַגונגס־קראַפט. סוף כל סוף װערט דאָך אונטער די נײַע װעלט־פּאָליטישע סיסטעמען, דערהויפּט אונ־טער די באַדינגונגען אין דער נײַער רוסלאַנד, די געזעלשאַפטלעכע באַדײַטונג פון אַ סיסטעמאַטישן איבערגאַנג פון ייִדן צו נײַע פּראָ־דוקטיװע פּרנסות און פּראָפעסיעס ממש אַ לעבנספראַגע און דער אײנציקער װעג צו אַ סאָציאַל־רעספּעקטירטן און צו אַ מער־װױנצי־קער געזיכערטן לעבן.

שוין אין די צװאַנציק יאָר נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה איז צום גליק די חשיבות פון אַרבעט, די װירדע פון פאַכאַװון אַר־בעטער, געװאָרן אין די אויגן פון דורכשניט־ייִד אַ פיל העכערע װי פריער. אָבער אין די צײַטן װאָס קומען אָן, װעט די ייִדישע

לאגע געווינען אן אן ערך מערער ווי ביז איצט פון אן אקטיווי־זירונג אויפן געביט פון אריבערפירן וואס מער יידן צו פראדוקטיווע ארבעטן אין די פעלדער, אין ארבעט־ווארשטאטן און פאבריקן.

אגב ווייזט די געשיכטע פון די לעצטע 25 יאר, אז אן דער גוט־ארגאניזירטער געזעלשאפטלעכער זעלבסט־הילף דורך קאאפע־ראטיווע עקאנאמישע ארגאניזאציעס קען קיין שום קאנסטרוקטי־ווער פראצעס אויף דער יידישער גאס ניט געמאלט זיין. נאך מיט איבער 20 יאר צוריק, ווען פוילן און ליטע זיינען, בעת דער וועלט־מלחמה, אקופירט געווארן פון די דייטשן, האבן די יידן דורך די קאנסום־קאאפעראטיוון געלייזט הארבע עקאנאמישע פראבלעמען. אמת, דאס איז געווען, ווי דער לעזער פון דעם צווייטן ארטיקל אין אט דער אפטיילונג וועט זען, א חיי־שעה סגולה אין א קריטי־שער צייט, אבער דאך איז די דערציערישע באדייטונג און איינ־פלוס אויף דער מאסן־פסיכאלאגיע געווארן א שטענדיקער פאקטאר אין דעם פויליש־יידישן לעבן, כסדר נאך דעם ווי די דירעקטע אור־זאך פון דער קאנסום־קאאפעראטיווער באוועגונג ביי יידן איז בטל געווארן. גלייך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען ביי די יידן אין פוילן אויפגעשטאנען תחית המתים די אמאליקע קרעדיט־קא־פעראטיוון פון פאר דעם יאר 1914. זיי האבן שוין מיט א גרעסערן כוח און דערפאלג ווי פריער געווירקט ווי אן ערשט־קלאסיקער פאק־טאר צו אויפמונטערן און אויך צו קרעפטיקן די יידישע מאסן אין זייער עקאנאמישן לעבנסקאמף. א קורצער איבערבליק אויף דעם שטאנד פון אט דער פרוכטבארער ארבעט פון די יידישע פאלקס־בענק ערב דעם חורבן פון סוף זומער 1939 ווערט געגעבן אין דער צווייטער העלפט פון ארטיקל „25 יאר יידישע קאאפעראציע אין פוילן”.

דא זעען מיר, אלזא, א פיינעם ביישפיל פון יידישע אויפטואונ־גען דורך דעם כוח פון קאלעקטיווער זעלבסט־הילף אויף די יסו־דות פון פלאנמעסיקער פאראייניקונג און סאלידאריטעט. געדענקען מוז מען, אז דווקא איצט, ווען דער יחיד און די מאסע פון די ניט־ארגאניזירטע יחידים ווערן ממש צעריבן אין שטויב דורך די גזירות פון מעכטיקע מלוכות און די פראפאגאנדע־מילן פון זייערע רעגירונגען, גראד איצט איז דער אומדערמידלעכער אנטייל פון יידן אין די עקאנאמיש־קאאפעראטיווע מעכאניזמען ממש א געבאט פון

דער צײַט, אַ היסטאָרישער מוז. מיר דאַרפן זיך צוגרייטן צו אַט דער נײַער לאַגע, מיר דאַרפן פאַרשטאַרקן אונדזער קאָלעקטיווע זעלבסט־הילף, דאָ, דאָרט און אומעטום, בכדי מיר זאָלן בײַקומען די גרויסע מניעות, וואָס דער גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויק־לונג אין דער וועלט שטעלט פאַר אונדז אַוועק.

אַ לעבעדיקער בײַשפּיל פון כוח פון דער קאָאָפּעראַטיווער שאַ־פונג אויפן עקאָנאָמישן געביט איז אויך דער ארץ ישראל אויפ־בוי אין די לעצטע 20 יאָר צײַט. דאָס ווערט געשילדערט אין דער דריטער אָפּהאַנדלונג פון אָט דעם טייל בוך. די ספּעציעלע אומ־שטאַנדן, אין וועלכע די אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן, בעת מײַן באַזוך אין ארץ ישראל אין יאָר 1930, און ווי זי דאַרף אויפגעפאַסט ווערן איצט — דאָס ווערט געזאָגט אין אַ קורצער הקדמה צו דער אָפּהאַנדלונג גופא.

אויך די אַלט־נײַע פּראָבלעמען פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַ־ציע ווערן, ווי מיר גלויבן, וויניק פאַרענדערט, סײַ בנוגע צו זייער באַדײַטונג סײַ אין אינהאַלט, דורך די טראַגישע פּאַסירונגען פון דער לעצטער צײַט. ווער ווייס ? אפשר וועט מען נאָך דער מלחמה, דורך נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטורן און מיט דער הילף פון אומאויסשעפּבאַרע רעגירונגס־פאָנדן פאַרט אונטערנעמען אַ ברייט־פאַרמאָסטענע קאָלאָניזאַציע פון מיליאָנען אייראָפּעאישע פליכטלינגע און צווישן זיי אויך ייִדן ? מ׳טאָר זיך אָבער אויף נסים ניט פאַרלאָזן... ווי עס זאָל שפּעטער ניט זײַן, וועט אָבער דער לעזער אין דער אַרבעט „פּראָבלעמען פון ייִדישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע״ קלאָר דערזען פאַר זיך די פאַרוויקלטע פראָגן מכוח די ייִדישע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן און פּלענער פון דער נײַעס־טער צײַט.

שליסלעך, גיט דער רעצענזיע־אַרטיקל „זשורנאַל פאַר ייִדישער עקאָנאָמיק״ אַ גאַנץ קורץ פאָרמולירטע דערקלערונג איבער די עיקרדיקע פראַגן פון אונדזער עקאָנאָמישער אויפבוי־אַרבעט און וועגן די אויפגאַבן פון ייִדישער עקאָנאָמישער פּובליציסטיק אין דער אַלטער היים און אין די ייִדישע נײַע צענטערן פון אַמעריקע.

יידישער חורבן און אויפבוי אין אייראָפּע

1. די קריטישע לאַגע

גרויסע פּאָליטישע איבערקערענישן הייבן זיך אָן און שפּילן זיך כמעט אינגאַנצן אָפּ אין די רעזידענץ־שטעט פון יענע לענדער, וואו ס׳ברעכן אויס די סאָציאַלע שטורעמס. און איצט, אין דער קריטישער צײַט פאַר גאַנץ צענטראַל אייראָפּע, אין אַ צײַט וואָס באַדראָט מיט חורבן מיליאָנען יידן, איז עס אַ טאָפּעלע טראַגעדיע, וואָס אַזאַ גרויסער פּראָצענט־טייל פון דעם יידישן ישוב אין אַ לאַנד איז קאָנצענטרירט אין דער הויפּט־שטאָט גופא.

אין ווין מיט אירע 1,800,000 אײַנוואוינער האָבן געלעבט נאָענט צו 200,000, אָדער צען פּראָצענט, יידן. זיי זײַנען געווען נײַן־צענטל פון דעם גאַנצן עסטרײַכישן יידנטום. אין בודאַפּעסט זײַנען די 200 טויזנט יידן איין־פינפטל פון דער שטאָט־אײַנוואוינערשאַפט, און כמעט איין העלפט פון אַלע יידן אין אונגאַרן. און אין וואַרשע, הגם די 300 טויזנט יידן דאָרט זײַנען געווען ניט מער ווי איין־צענטל פון אַלע פּוילישע יידן, זײַנען זיי אָבער איין־דריטל פון אַלע אײַנוואוינער פון פּוילנס הויפּט־שטאָט.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אָט אַזאַ קאָנצענטראַציע אין איינציקע פּונקטן פירט צו אַ זייער אײַנזײַטיקער אײַנטיילונג פון אָט די יידן לויט באַרוף, דאָס מיינט פּרנסה, קלאַסן. דאָס זעט מען פון אָט אַזאַ סטאַטיסטיק:

אין עסטרײַך זײַנען נאָר קאַרגע 20 פּראָצענט פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע פּערזאָנען פּראָפעסיאָנעלע סוחרים און קרעמער, פון די עסטרײַכישע יידן אָבער זײַנען מער ווי אַ העלפט קליינע, מיטעלע און גרויסע געשעפטסלײַט.

אין גאַנץ אונגאַרן זײַנען געווען (אין 1930) ניט מער ווי 420

טויזנט הענדלער און אַנדערע סוחרים און אונטערנעמער; כמעט אַ העלפט פון זיי זײַנען ייִדן. און די 450 טויזנט ייִדן זײַנען ניט מער ווי 5 פּראָצענט פון די 9 מיליאָן אײַנוואוינער אין אונגאַרן.

אין פּוילן איז די לאַגע נאָך אַ שאַרפערע. אין יאָר 1933 האָט מען דאָרט געציילט אַרום און אַרום 400 טויזנט האַנדלס־פירמעס ווי קראָמען, און אַנדערע געשעפטלעכע אונטערנעמונגען. פון אָט דער צאָל האָבן צו ייִדן געהערט 207 טויזנט.

די צענטראַל־אייראָפּעיִשע מלוכות נעמען צו זיך אין די הענט אַרײַן גרויסע געשעפט־צווײַגן, וואָס זײַנען פון יאָרן געלעגן בײַ ייִדן אין די הענט, ווי טאַבאַק און משקה האַנדל אָדער אַזאַ האָרעפּאַשנע ייִדישע פּרנסה ווי טראַנספּאָרט (אַנשטאָט פורלײַט — שאָפערס פון באָסעס, וואָס זײַנען אַ רעגירונגס־מאָנאָפּאָל).

און אויף די שטעלעס, וואָס די רעגירונגען שאַפן, ווי אין דעם ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט בכלל, טרעפט מען כמעט אַ ייִדן אויף קיין רפואה ניט אָן. אין וויִן, גיט מען איבער, האָבן אין דער שטאָטי־שער אַדמיניסטראַציע געאַרבעט בלויז 154 ייִדן, אָדער — אונטער אַ האַלב פּראָצענט פון די איבער 30 טויזנט שטאָטישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. און דאָס איז געווען נאָך איידער היטלער האָט פאַרכאַפּט עסטרײַך.

אין וואַרשע (מוניציפּאַלע רעגירונג) האָט מען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געציילט אַרום און אַרום 50 ייִדן אָנגעשטעלטע — צווישן אַ פּערסאָנאַל פון 50 טויזנט אַלערליי באַאַמטע, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער.

אָט־די ברעקלעך און שטיקלעך פון סטאַטיסטישער אינפאָר־מאַציע באַלײַכטן סײַ דעם שווערפּונקט פון דער ייִדישער עקאָנאָ־מישער פּראָבלעם אין צענטראַל־אייראָפּע, סײַ די גרויסע מניעות, וואָס שטייען אין וועג צו אַ רעאָרגאַניזירונג און געזונטמאַכונג פון דער ייִדישער עקאָנאָמישער סטרוקטור. די מניעות, בעמלעך, פון אַנטיסעמיטישער דיסקרימינאַציע און באָיקאָט אויף ייִדן מצד דעם נאַציאָנאַליסטישן שטאָט און מצד די טרעגער פון די נאַציאָ־נאַליסטישע אידעאָלאָגיעס.

פון די צען מיליאָן ייִדן אין אייראָפּע לעבן ניט מער ווי 4 מיליאָן (3 מיליאָן אין סאָוועט רוסלאַנד און אַ מיליאָן אין

פראַנקרײַך און ענגלאַנד) ווי פּולבאַרעכטיקטע בירגער. די איבעריקע 6 מיליאָן זײַנען (מיט קליינע אויסנאַמען, ווי די ייִדן אין האָלאַנד און סקאַנדינאַווישע לענדער) — פּאַריער, האַלב־פּאַרשקלאַפטע, האַלב־אויסגעהונגערטע צווייט־קלאַסיקע און אַפּטמאָל, ווי אין די לענדער אונטער היטלערס קנאַפּל, אַנטרעכטיקטע, צום אונטערגאַנג פאַרמשפּטע באַשעפענישן.

די קריטישע לאַגע פון 4—5 מיליאָן ייִדן, פונם גרעסטן טייל ייִדן אין פּוילן און רומעניע, שרײַט צום הימל. ס׳ווײַזן זיך פון צײַט צו צײַט סימנים, אַז מ׳זוכט, כלומרשט, פאַר זיי ראַדי־קאַלע ישועות און אויסבעסערונגען. לײדער, זײַנען עס אָבער אַלץ אילוזיעס און שלעסער, וואָס זײַנען געבויט אין דער לופט.

אָט רעדט מען, למשל, מכוח עמיגראַציע. ווי באַקאַנט האָט עמיגראַציע אין דער נײַעסטער ייִדישער געשיכטע געשפּילט אַ קאַ־לאָסאַלע ראָלע. זאָלן די ציפערןריידן: צווישן 1881 און 1925 האָבן איבער 2 און אַ האַלב מיליאָן ייִדן געפונען אַ נײַע היים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איבער 100 טויזנט אין קאַנאַדע, איבער 300 טויזנט אין זיד־אַמעריקע. אָבער זינט 1925 האָבן אַלע אימיגראַציע־לענדער (חוץ פּאַלעסטינע) אַזוי גוט ווי פאַרקלאַפּט טיר און טויער פאַר די ייִדישע אויסוואַנדערער. דאָס האָט פאַר־שאַרפט ביז גאָר דעם ייִדישן עקאָנאָמישן קריזיס אין אייראָפּע.

פאַר דער מלחמה פלעגן בלויז פון פּוילן אימיגרירן יערלעך אַרום 60 טויזנט ייִדן. זינט 1925 באַטרעפט די יערלעכע ייִדישע עמיגראַציע פון פּוילן אַרום 25 טויזנט נפשות, פון וועלכע דער גרעסטער טייל פאַרט קיין ארץ ישראל. און אין די גאָר לעצטע יאָרן איז אויך יענעס לאַנד כמעט ווי פאַרמאַכט פאַר אַ ברייטער ייִדישער אימיגראַציע.

לאָמיר זאָגן, אַז ס׳וועט פאַרט אונדז זיך אײַנגעבן צו ברעכן דאָ אָדער דאָרט די אַכזריותדיקע גזירות אויף ייִדישע אימיגראַנטן, איז שטעלט זיך די פראַגע: וואָלט עס געווען דאָן אַ ראַדיקאַלע ישועה פאַר די ברענענדיקע ייִדישע צרות?

די דערפאַרונג פון די לעצטע 50 יאָר ווײַזט אונדז, אַז דאָרט, וואו ס׳האַנדלט זיך וועגן דער נויט פון מיליאָנען מענטשן,צעשפּרייט איבער אַ סך גרויסע לענדער, איז ניט מעגלעך צו דערוואַרטן פון

צילן און וועגן פון אויפבוי

דער עמיגראַציע אַן איינפאַכע לייזונג צו דער פּראָבלעם פון גרויסע, געדיכטע באַפעלקערונג־מאַסן, וואָס לעבן אין דחקות און פאַרצווייפלונג. אין גאַנץ קליינע לענדער, ווי אירלאַנד און סקאָטלאַנד, איז דאָס יע געלונגען, אַ דאַנק באַזונדערע אומשטאַנדן, ווי דער אַנגלאָ־זאַקסישער אָפּשטאַם פון נאָרד־אַמעריקעס באַפעלקערונג וואָס האָט געהאָלפן אַריינצובורענגען מיליאָנען יענע מענטשן אַהער אין לאַנד, באשר זיי אַלע זיינען דאָך געווען ענגלישע בירגער.

אין בעסטן פאַל וואָלט מען אפשר פון פוילן געקענט אַרויסנעמען דעם יערלעכן נאַטירלעכן צוואוואוקס פון די ייִדן, וואָס באַטרעפט אַן ערך 50 טויזנט נפשות. דאָס איז דאָך אָבער נאָך ניט קיין מיטל צו פאַרקלענערן די „געדיכטקייט", דעם גרויסן פּראָצענט טייל פון די ייִדן אין לאַנד בכלל און אין די האַנדל־פרנסות פון די גרויסע שטעט בפרט.

די גרויסע עמיגראַציע־כוואַליע פון 1881 — 1925 האָט פאַר אַלע פעלקער פון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע געהאַט איין גרויסן פּסיכאָלאָגישן רעזולטאַט; אַ פועל־יוצא, וואָס האָט באַאיינפלוסט דאָס פאָלק, וואָס איז געבליבן אין דער אַלטער היים אפשר ניט ווייניקער ווי די עמיגראַנטן גופא.

די אויסוואַנדערונג פון מיליאָנען במשך פון אַ פּאָר דורות האָט פאַנאַנדערגעשאָקלט, אַרויסגעפירט פון רוטינעם לעבנס־שטייגער און פון הונדערטיעריקן גייסטיקן רו־צושטאַנד די פעלקער; האָט זיי, מיט איין וואָרט, געמאַכט באַוועגלעכער אין סאָציאַלן זינען. מיר מיינען דערמיט די גרייטקייט און לייכטקייט פון די מאַסן צו בייטן זייערע וואוינפלעצער, פון איין שטאָט אין אַ צווייטער, פון די שטעטלעך אין די שטעט אַריין און אַזוי ווייטער, און מיר מיינען אויך דעם איבערגאַנג פון איין פרנסה, פון איין אַרבעט־פאַך, אָדער פּראָפעסיע, צו אַ צווייטער.

און אין אַ צייט פון אַזעלכע גרויסע אינדוסטריעלע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען, פון גוואַלדיקע טעכנישע אַנטוויקלונגען און דערפינדונגען, ווי די וואָס די לעצטע 50 — 60 יאָר האָבן געבראַכט, איז אַזאַ „סאָציאַלע באַוועגלעכקייט" אַ זייער וויכטיקער צופּאַסונגס־פאַקטאָר צו די נייע באַדינגונגען און אַ

הילף פאַרן עקזיסטענץ־קאַמף אַפילו אין די ערטער, וואו מען לעבט שוין הונדערטער יאָר כסדר.

ליידער האָבן מיר, ייִדן, ביז דער סאַמע לעצטער צייט, כמעט ווי קיין זאַך ניט געטאָן, כדי פּלאַנמעסיק, און באַוואוסטזיניק אויס־צונוצן אַט דעם פּסיכאָלאָגישן פּועל־יוצא פון דער מאַסן־אויסוואַנ־דערונג פאַר אַן איבערשיכטונג פון ייִדישע פּרנסות, פאַר דער צוגרייטונג פון גוטע און פּיליזייטיקע אַרבעט־פייאיקע האַנטווערקער, מייסטער און פאַכלייט. איצט טוען מיר יע עפּעס, אָבער ניט אויף דעם געהעריקן מאַסשטאַב, און דערצו מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, וועל־כע מאַכט צען מאָל שווערער די אַזוי אויך שווערע פּראָבלעמען פון רעקאָנסטרוקציע און אויפבוי פאַר די רואינירטע משפּחות פון די פּוילישע און רומענישע געטאָס.

אַ צווייטע סגולה, וואָס איז נאָך מער צווייפלהאַפט און פּראָב־לעמאַטיש, ווייל זי איז נאָך ווייטער פון די רעאַלע לעבנס־אומ־שטאַנדן, אין דער „פּלאַן" פון ברייטער קאָלאָניזאַציע פאַר ייִדן אין די ווייטסטע, פּרימיטיווסטע טיילן פון דער וועלט, ווי אַ שטיי־גער דער אינדזל מאַדאַגאַסקאַר אין אינדישן אָקעאַן, אַרום זיד־אַפריקע. אַהינצו האָט פּוילן אַרויסגעשיקט אַ קאָמיסיע, אין וועלכער ס'איז אויך געווען אַ ייִדישער פאַרטרעטער, אַגראָנאָם סאָלאָמאָן דיק, פּראָפ. פראַנץ אָפּענהיימערס נאָענטסטער מיטאַרבעטער ביי דער גרינדונג פון די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע ייִדישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל מיט 30 יאָר צוריק.

די קאָמיסיע האָט אויסגעפונען, אַז דער אינדזל מאַדאַגאַסקאַר קען אויפנעמען 30 טויזנט משפּחות, וואָס וועלן זיך באַזעצן אויפן לאַנד. ס'פאָדערט זיך אָבער דערצו אַ סומע פון צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרן אויף צו בויען וועגן, בריקן, דאַמבעס, קאַנאַלן און אַזוי ווי־טער. פון וואַנען וועט מען נעמען אַט־דאָס געלט? ניט פראַנקרייך וואָס צו איר געהערט דער גרויסער אינדזל מאַדאַגאַסקאַר, ניט פּוילן, וואָס גיט אויס איר לעצטן גראָשן אויף ניע און ניערע באַוואָפענונ־גען, וועלן דאָך מסתם ניט גרייט זיין אויסצוגעבן אַזעלכע סומעס געלט אויף קאָלאָניזאַציע־ און פּראָדוקטיוויזאַציע־צוועקן פאַר ייִדן...

ס'איז אַ גרויסער טעות צו האַלטן, אַז אַ כמעט פּוסט לאַנד איז דער פּאַסיקסטער פּלאַץ פאַר אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. ריכ־

ציִלן און וועגן פון אויפבוי

טיק האָט באַמערקט נאָרמאַן בענטוויטש, אַ ציוניסט און ענגליש־יידישער געלערנטער, אַז די „אימיגראַציע, פונקט ווי די נאַטור, האָט מורא פאַר אַ וואַקוּאום, פאַר אַ פוסטקייט[1].

געוויס, קען אונטער געוויסע אומשטאַנדן די קאָלאָניזאַציע, פונקט ווי די עמיגראַציע, זיין אַ הילף און אַן אויסוועג פאַר טויזנטער יידישע משפחות, מער אָדער ווינציקער צוגעפּאַסטע. און די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ ישראל, למשל, דאַרף און וועט פאַרטגעזעצט ווערן. ווי קומט מען אָבער פון אָט אַזאַ לייזונג, וואָס איז גוט פאַר הונדערטער, אין בעסטן פאַל פאַר טויזנטער, משפחות, צו אַ מאַסן־הילף, צו אַ ישועה פאַר מיליאָנען פאַרצווייפלטע מענטשן, וואָס זוכן אַ וועג צו אַ שטיקל ברויט און צו אַ לעבן פון אַרבעט?

ס'פעלן ניט קיין גרויסע, פוסטע, גוטע שטיקער לאַנד. בראַזיליע אַליין וואָלט נאָך געקענט אויפנעמען מיליאָנען קאָלאָניסטן פון אייראָפּע. די צרה איז נאָר, וואָס ניט די אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן און ניט דאָס נייע לאַנד ווילן זיך אַרײַנלאָזן אין אַזאַ עקספּערימענט. און פאַרוואָס? — ווייל בלויז פון באַאַרבעטן דעם בעסטן באָדן קען מען נאָך צו אַ הויכן לעבנס־שטייגער זיך ניט דערשלאָגן. ס'פאָדערט זיך צו דעם, חוץ דעם טרוקענעם שטיקל ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ, אויך דער וועלט־מאַרק, וואָס זאָל אָפּקויפן די פּראָדוקטן און געבן פּדיון במזומן. און מיר ווייסן דאָך, ווי שלעכט עס האַלט איצט מיט די אַגראַר־עקספּאָרט סחורות, ווי באַוול, קאַווע, וואָל, פלייש א. אַז. וו. טאָ ווער וועט זיך נעמען צו באַשאַפן נאָך אַ גרעסערע שפע פון אָט־די פּראָדוקטן היינט־צו־טאָג?

די גרויסע אימיגראַציע־לענדער, ווי בראַזיליע און קאַנאַדע, אויסטראַליע און אַנדערע זעען פאַר זיך קיין שום נוצן ניט אין אַ פּרימיטיווער קאָלאָניזאַציע, ווייל יעדע אָרגאַניזירטע געמיינשאַפט איז גרייטוויליק צו שטיצן בלויז אַזאַ מין קאָלאָניזאַציע, וועלכע וועט פאַרשנעלערן איר סאָציאַלן פאָרטשריט, אָדער — אין בעסטן

[1] זע זיין אַרטיקל „דהי דזשואיש פלאַיט אין יוראָפּ" אין לאָנדאָנער מאַנאַטלעכן זשורנאַל „ניינטינטה סענטשורי ענד אַפטער", מערץ, 1938.

פאַל — כאָטש ניט אײַנטאָמעווען אַזאַ פאָרטשריט, און אַ פרימי־טיווע קאָלאָניזאַציע פון זייער אָרעמע, ניט־צוגעגרייטע קאָלאָ־ניסטן איז ניט קיין סגולה פאַרן עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד פון דעם אויפנעם־לאַנד.

ניין, די לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין די לענדער מיט גאָר גרויסע יידישע ישובים, ווי פוילן און רומעניע, מוז גע־פונען ווערן **אויף די ערטער גופא**. אַנדערע אויסוועגן זײַנען מעגלעך און געוויס זייער געוואונטשן, אָבער זיי האָבן ניט קיין עיקרדיקע, פונדאַמענטאַלע באַדײַטונג. אמת, דאָס איז אַ שווערע אויפגאַבע, און דער ענין פאַרדינט אַן אויס־פירלעכע באַשרײַבונג, מער אַרײַנטראַכטונג ווי ס׳ווערט אים פון אונדזערע טוער און פירער געשאָנקען.

3. פאַרצווייפלונג און האָפענונג

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף יענע ספּעציעלע אומשטאַנדן, ווי די געדיכטע ישובים פון יידן אין די רעזידענץ־שטעט און אַנדערע גרויסע שטעט פון לאַנד; דער איבערגעוויכט פון יידן אין די האַנדל־פּרנסות; יידן ווערן אַרויסגעשטופּט פון זייערע אַלט־אײַנ־געפירטע מלאכות; באַיקאָט מצד די רעגירונגס־קרײַזן אויף יידישע אַרבעטער און אינזשינערן, א. אַז. וו.

דאָס זײַנען אַלץ אַזוינע אומשטאַנדן, וואָס פון זיי לײַדן מיר יידן יאָרנלאַנג. דאָס האָבן מיר אויבן באַטאָנט, און צוגלײַך אונ־טערשטראָכן דעם פאַקט, אַז די גזירות און צרות פאַרשאַרפן זיך דאָך פון יאָר צו יאָר, און צום שלוס האָבן מיר געמאַכט אַ פּראָבע צו ווײַזן, אַז דורך אַ מאַסן־עמיגראַציע, אָדער גאָר דורך אַ קאָלאָ־ניזאַציע אין די ווײַטע, פּוסטע לענדער, קען מען אַ ישועה פאַר יידן ניט אַראָפּברענגען.

וואָלט די עמיגראַציע געווען דער איינציק־מעגלעכער אויסוועג, דאַן וואָלט מען געמעגט אַרײַנפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג, אַ טיפן יאוש. פאַרוואָס? — ווײַל אין די איצטיקע וועלט־פּאָליטישע באַ־דינגונגען איז בכלל קיין אָרט ניטאָ פאַר אַזאַ „איבערבלײַבעכץ" פון דער אַמאָליקער פרײַהײַט־סיסטעם, ווי די פרײַע וואַנדערונגען פון

מענטשלעכע מאַסן פון לאַנד צו לאַנד. נאָך קלענערע שאַנסן האָט אין איצטיקן געוואַלט־רעזשים די פּראָדוקטיוויזאַציע און קאָלאָניזאַציע פון די דעקלאַסירטע האַרעפּאַשנע מאַסן, וואָס האָבן — חוץ זייער אַרבעטס־ווילן — קיין שום קאַפּיטאַל ניט און זיי טויגן דעריבער ניט פאַר די האַלב־פוסטע, ווײַטע לענדער.

דווקא די גרויסע און רײַכע לענדער מיט געוואַלדיק־גרויסע פרײַע שטחים אין אַלע פיר עקן וועלט, ווי אונדזער אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע און דרום־אַפריקע, דווקא זיי באַקלאָגן זיך דאָך כסדר אויף אַ כראָנישן מאַנגל אין אַרבעט־שטעלעס פאַר מיליאָנען פון זייערע בירגער־קבצנים.

ס׳איז, אַלזאָ, גאַנץ קלאָר, אַז כל־זמן ס׳וועלן הערשן דער עקאָנאָמישער כאַאָס און די ווירטשאַפטלעכע הפקר־פירונגען לשם פּראָפיט, אין די דעמאָקראַטישע און מיט כל־טוב פון דער נאַטור באַשאָנקענע לענדער, — אַט אַזוי לאַנג וועלן אויך פאַר די ייִדישע נע־ונדניקעס פון עסטרײַך, דײַטשלאַנד, פוילן און רומעניע מוזן בלײַבן פאַרשפאַרט די טירן און טויערן אין די, כלומרשט טאָלעראַנטע, ציוויליזירטע און מיט איידעלע פראַזן צײַטנווײַז קאָקעטירנדיקע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס איז דער פירוש וועלכער בעט זיך געמאַכט צו ווערן נאָך דער שטאַרק־צעבלאָזענער וועלט־קאָנפערענץ אין עוויאַן־לע־בען, פראַנקרײַך, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין חודש יוני, 1938.

בלײַבט פשוט קיין אַנדער ברירה ניט, ווי צו זוכן אַ רעטונג פאַר די סאָציאַל־עקאָנאָמיש רואינירטע, דעקלאַסירטע ייִדישע מאַסן אין די קלענערע לענדער גופא, וואו זיי לעבן, וואו זייערע אור־אור־זיידעס האָבן נאָך געלעבט. אָבער אַזאַ רעטונג קען גאָר ניט געמאָלט זײַן, קען אַפילו ניט דענקבאַר זײַן, אויב מ׳טיילט אָפּ ווי מיט אַ שאַרפן מעסער, די ספּעציעלע ייִדישע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער אַלגעמיינער אַרומיקער לאַגע בכלל, און אויב מען גלויבט, אַז דער ייִדישער עקאָנאָמישער מצב לאָזט זיך, כאָטש אויף וויפיל ס׳איז, פאַרבעסערן אָן און מחוץ אַ ראַדיקאַלער פאַרבעסערונג און ווידער־אויפקום, פון גאַנצן עקאָנאָמישן צושטאַנד אין לאַנד אַרום און אַרום.

ליידער שײַנען אונדזערע בירגערלעכע און אויך די ראַדיקאַל־געשטימטע וואָרטפירער צו לעבן אין אָט־דעם טראַגישן טעות. ניט מען זעט און ניט מען הערט פון זיי כאָטש אַ שטיקל סימן, אַ פּיפּס פון אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די נײַע סאָציאַלע באַדינגונגען און שטורמיש־אַקטיווע פאַקטאָרן פון דער אַרומיקער סביבה.

אָט לאָמיר נעמען דעם צושטאַנד אין פּוילן. דער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס, וואָס ציט זיך שוין באַלד צען יאָר, גראָבט דאָרט אונטער, ווי אַ קברות־מאַן, די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, דערהויפּט דעם קליין־האַנדל אין די שטעטלעך און דערפער. טאָ וואָס זעען מיר? לויט ווי די יידישע וואָרט־פירער און די פּרעסע טענהן, זײַנען די יידישע צרות אַ רעזולטאַט בלויז פון אַנטיסעמיטיזם און פון דער קינסטלעך־פאַרשאַרפטער פּאָלאָניזירונגס־פּאָליטיק (דאָס הייסט, דער פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון די יידן) אין די עגאָיסטישע אינטערעסן פון דעם ניט־יידישן מיטלשטאַנד.

אַז דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם איז אַ פאַקט, איז אמת; אָבער וואָס איז אויך אמת, הגם ניט אַלע ווייסן עס, איז דאָס, אַז אין פּוילישן דאָרף וואַקסט אויס אַן עלעמענט, וואָס מוז זוכן פאַר זיך חיונה אין האַנדל. מיר זעען, למשל, אַז אין די דערפער און שטעטלעך וואַקסן אויס מער ניט־יידישע ווי ס׳מאַכן זיך צו יידישע געשעפטן. און דער־אָ פאַקט האָט זײַן גאַנץ קלאָרע, זאַכלעכע דערקלערונג.

פּוילן איז אַן אַגראַר־לאַנד, דאָס מיינט: די מערהײַט פון דער באַפעלקערונג איז אַ פּויערשע. דערבײַ זײַנען אָבער אין יענעם לאַנד די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע־מעטאָדן נאָך זייער, זייער פּרימיטיווע. דער פּועל־יוצא איז, אַז די פּרוכטבאַרקײַט פון דער אַגריקולטור איז אַ ביז־גאָר קליינע. מענטשן ווערן, קיין עין־הרע ניט, געבאָרן לרוב, מוז דאָך במילא די דאָרף באַפעלקערונג וואַקסן ווי גאָט האָט געבאָטן. מוז טאַקע אויך וואַקסן די צאָל פאַראָרעמטע דאָרפס־לײַט, אַרבעטסלאָזע און פּרנסהלאָזע פּויערים.
זיי אַלע בלײַבן אָבער שטעקן אין איבערגעפילטן דאָרף אַן אויסזיכטן סײַ אויף אַ שטיקל נחלה, סײַ אויף אַרבעט־פּרנסות.

פריער פלעגן נאָך הונדערטער טויזנטער פאַרן יערלעך קיין דײַטש־לאַנד אויף סעזאָנע פעלד־אַרבעטן. איז טאָמער וואָלט עס געווען אַ סגולה קעגן ביטערן דלות פון אַ סך פּוילישע פּויערים, האָט עס טאַקע היטלער מיט זײַנע „אַרבעט קעמפּס" און אַרבעט־צוואַנג לחלוטין אָפּגעשאַפט. פאַר די דײַטשע נאַציאָנאַליסטישע „זעלבסט־שטענדיקײַט"־אינטערעסן זײַנען די פּוילישע האַרעפּאַשנע, אָרעמע פּויערים אומגעוואונטשענע געסט.

האָט איצט טאַקע פּוילן אַ באַפעלקערונג פון אַכט מיליאָן מענטשן אין די דערפער, וואָס מוזן זוכן ניט־דאָרפישע פּרנסות, ווײַל זיי האָבן אין דאָרף ניט וואָס צו טאָן. צענדליקער טויזנטער אַזעלכע דעקלאַסירטע, פון זייער סאָציאַלן מעמד אַראָפּגעפאַלענע און אין עקאָנאָמישן זינען אויסגעשפּילטע, פּויערים רײַסן זיך טאַקע צו ווערן קרעמערלעך און קאַראַבעלניקעס. זיי, די דעקלאַ־סירטע פּויערים, און זייער רעגירונג זעען דערין אפשר די איינציקע רעטונג אין דעם עקאָנאָמישן בראָך, וואָס פּלאָגט איצט מיליאָנען מענטשן אין די פּוילישע דערפער. און דאָס, ווידער, פּירט שוין, כמעט פון זיך אַליין, צו דער אַרויסשטויסונג פון דעם פאַרהאַסטן קאָנקורענט, דעם „פרעמדן", מיט איין וואָרט, דעם ייִדישן, קליינ־הענדלער. נאָך מער ווערט דורך דעם, אינצווישן, פאַרשאַרפט דער דלות און יאוש אויף דער ייִדישער גאַס. ווי אָרעם זי זאָל ניט האָבן געווען נעכטן, ווערט זי הײַנט נאָך מער אָרעמער, נאָך פינצטערער...

אַט אַזוי זעט מען באַשײַנפערלעך, ווי די אַלגעמיינע עקאָ־נאָמישע לאַגע פון פּוילן, ספּעציעל וואָס עס איז שײַך צום לאַנד־ווירטשאַפטלעכן קריזיס, פאַרערגערט דעם מצב פון פּויליש־ייִדישן קרעמערטום: עס פאַרלירן די פּרנסה צענדליקער־טויזנטער ייִדישע מאַרק־הענדלער, קרעמער א. אַ. וו., ווײַל ס'שאַפט זיך אַ שפּאָגל־נײַער ניט־ייִדישער קליינהענדלער־קלאַס.

די אַנטיסעמיטן אין פּוילן אַרבעטן איצט אין צוויי מחנות, „קעמפן" קעגן ייִדן אויף צוויי פראָנטן. אַ קלענערע גרופּע געברויכט ברוטאַלע מיטלען — מ'טעראָריזירט די שוצלאָזע, פאַראָרעמטע ייִדן אין די שטעטלעך און דאָרפישע געגנטן. די צווייטע מחנה, אַ פיל געפערלעכערע, באַנוצט ווייניקער באַרבאַרישע מיטלען,

אָבער אַזעלכע מיטלען, וואָס ווירקן בעסער. דאָס זײַנען „גוטע מיט־לען" צו אַ שלעכטן ציל. — אַ מין יוצא מן־הכלל אין אונדזער איראַניש־טראַגישער צײַט, ווען מ'זעט אומעטום ווי דווקא שלעכטע מיטלען ווערן געלאָזן אין גאַנג לשם אַ כלומרשט הויכן, נאָבעלן ציל...

די אַלטע און נײַ־אויפגעקומענע אַנטי־יידישע קאָנקורענטן אַרבעטן, נעמלעך, ניט איינציקווײַז, אויף יחידישע וועגן, נאָר קאָלעקטיוו: פאַך־פאַראייגען פון קרעמער און האַנטווערקער, קאָאָ־פעראַטיוון, אַלערליי פאַרבאַנדן פאַר זעלבסטהעלף און קעגנזײַטיקן שוץ א. ד. גל., געפינען אַלץ נײַע וועגן, ווי אַזוי צו פאַרטרײַבן דעם יידישן קאָנקורענט פון זײַנע אַלט־אײַנגעפונדעוועטע פּאָזיציעס. און דאָס געלינגט זיי, ווײַל זיי אַלע טרעטן אַרויס פאַראייניקט און אָרגאַניזירט.

דער ייִד, פון דער צווייטער זײַט, איז אין די מערסטע פאַלן איינזאַם, שוצלאָז און הילפלאָז. ער ווייס נאָך אַלץ ניט, ווײַל אפשר אין זײַן טראַדיציאָנעלער אינדיווידואַליסטישער בלינדקײַט, גאָר ניט וויסן פון די קאָלעקטיווע פאָרמען פון קאַמף פאַר זײַנע מענטשלעכע רעכט אויף לעבן און אַרבעט, אויף עקזיסטענץ און זיכערקײַט. די טענות, אַז קיין שום אַנדער קאַמף, ווי בלויז דורך קאָלעקטיווע מיטלען און כוחות, קען גאָרניט מעגלעך זײַן, אַז קיין שום ישועה חוץ פאַראייניקונג פון קרעפטן און חברשער שוץ און אחריות, פאַר־אַנטוואָרטלעכקײַט איינער פאַרן אַנדערן, קען גאָרניט געמאָלט זײַן, דאָס אַלץ בלײַבט פאַר די מערסטע יידן פרעמד און ווײַט, ווי עפּעס אַ טעאָריע פון וואָלקנלאַנד, וועלכע גייט זיי אויף אַ האָר ניט אָן. אַ טראַגישע פאַרבלענדעניש!

פונקט ווי דער קעגן־צד, די פּויערים, וואָס ווערן קליינקרע־מער און קאָראַבעלניקעס, (פּעדלערס מיט „סטראַגאַנעס", בײַדלעך, אין מאַרק) כאַפּן זיך אָן פאַר אַ שטרויעלע צו געפינען דורך דעם־אַ מיטל אַ נײַעם, פרישן חיות; פונקט אַזוי האָפן די יידן מיט אַלטע מיטלען, ווי ישועות פון אַ „מלך חסד", אַ גוטן מיניסטער א. ד. גל., זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם קלעם וואָס דראָט זיי צו דערשטיקן. פאָדערן פאָדערט זיך אַ ראַדיקאַלע, גרונטאָווע אײַ־בערבײַטונג פון גאַנצן קוק אויף דער נײַער ראָלע פון יידן אין

דער פּויִלישער עקאָנאָמיק, ווי דאָס וועט אונטן געוויזן ווערן.

דערווײַל בלײַבט צו זאָגן, אַז ווי טרויעריק די ייִדישע עקאָנאָמישע לאַגע אין פּוילן זאָל איצט ניט זײַן, וועט זי אָבער ווערן הונדערט מאָל שווערער, ווען פּויִלישע ייִדן זאָלן, חלילה, לחלוטין אויפגעבן דעם מוט, פּאַרלירן אויף שטענדיק די האָפענונג. צוויי וועגן זײַנען פאַר די ייִדן אין פּוילן אָפן, אָדער לאָזן זיך עפענען: פון איין זײַט — זעלבסט־הילף און די נײַע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס אין די אייגענע רייען. פון דער צווייטער זײַט — אַ דערנענטערונג און פעסטער בונד צווישן די ייִדן און אַלע עכט־פּראָגרעסיווע טיילן פון דער פּויִלישער געזעלשאַפט.

עס קען פאַרשטיין אַפילו אַ קינד, אַז אין פּוילן, וואו דאָס רוב אַקטיווע פּאָזיציעס אין דער אינדוסטריע פון די געברויך־אַרטיקלען און דער האַנדל (האָלסייל, ד. ה. „הורט", און דער עיקר ריטייל) ליגן אין די ייִדישע הענט, אַז אין אַזאַ לאַנד איז דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם געצילט ניט בלויז קעגן אַ מינדערהײַט פון צען פּראָצענט פון דער נאַציע, נאָר קעגן דער גאַנצער געזעלשאַפט פון אונטן ביז אויבן (און גראָבט מען אונטער דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט, דאַן מוז אויך דער דאַך און דער קוימען אײַנפאַלן).

ס'פאַרשטייען דעריבער, די בעסטע זין פון פּויִלישן פאָלק, אַז די שעדלעכע אַנטי־ייִדישע באַוועגונגען מוזן באַקעמפט ווערן דורך יעדן איינעם, וואָס אים איז טײַער די צוקונפט פון זײַן לאַנד און פאָלק.

מיר גייען איצט אַריבער צו דער טעמע: — וואָס דאַרף איצט זײַן די אויפגאַבע פון די ייִדן גופא?

3. דער וועג צום אויפבוי

די נײַע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטאַנדן אין די לענדער פון ייִדישן מאַסן־ישוב אין אייראָפּע, ווי פּוילן, רומעניע און אַנדערע; דער דראַנג פון אַ גרויסן טייל פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג צו מסחר און צו פרײַע פּראָפעסיעס, — דאָס אַלץ מאַכט שווער

און שווערער פאַר ייִדן צו ציִען די חיונה פון אַלטן קוואַל — דורך קליינהאַנדל, מעקלערײַ (צווישן פויער און פריץ) און דורך די אומאָפּהענגיקע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, ווי מעדיצין, באַאַמטנטום, אַדוואָקאַטור און דאָס גלייכן.

במילא ווערט פאַר ייִדן די פראַגע פון „חיונה־זירונג" פאַרוואַנדלט אין אַ פראַגע פון פּראָדוקטיוויזירונג. באשר דער ייִד האָט דאָך קיין ברירה ניט. מיינט ניט, חלילה, אַז די טעאָריע איז דאָ געגאַנגען שטאָלץ און מוטיק אין אַוואַנגאַרד, אויבן־אָן, ווי אַ וועגווײַזערין. עס הויפּט זיך ניט אָן: די טעאָריע שלעפּט זיך נאָך קלאָגעדיק און צעבראָכן, הינקענדיק אויף ביידע פיס. זי שלעפּט זיך נאָך דעם סקריפּענדיקן וואָגן פון אָרעמען פּויליש־ייִדישן לעבן, פאַר די לעצטע 15—20 יאָר. זי שלעפּט זיך נאָך הינטערן גאַנג פון די געשעענישן אין די שטורעמדיקסטע צײַטן פון דער נײַעסטער וועלט־געשיכטע. און פאַר אַט־אַזאַ בזיון, פאַר אַזאַ פאַראַט לגבי דער פאַרקערפּערונג פון גײַסט אין אַ ריכטיקער טעאָריע, באַצאָלט דאָס „פאָלק פון בוך" (אַמאָל געווען!), דער „עם חכם ונבון", אַ גאַנץ הויכן פרײַז...

מען דאַרף און מען וויל האָבן אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן איבערבוי אין ייִדישן לעבן. עס זײַנען אָבער פאַראַן צווייערליי שווערע מניעות: פון איין זײַט ריין־אינערלעכע מניעות, און פון דער צווייטער זײַט — אויסערלעכע, וואָס זײַנען נאָך שווערער צו באַקעמפן ווי דער ערשטער מין, וואָס שטאַמט נאָר פון אונדז גופא און וועט זיך לאָזן בײַקומען.

אַט־די אינעווייניקסטע מניעות באַשטייען אין דעם פאַראורטייל און אין דער גרינגשאַצונג, וואָס זײַנען שוין פון לאַנג, לאַנג אײַנגעוואָרצלט בײַ אייראָפּעיִשע ייִדן בנוגע מלאכה און פיזישער אַרבעט בכלל. אמת, אין די לעצטע יאָרן — ווידער אונטער דער ווירקונג פון די קלעפּ און פּעטש, וואָס דער גאַנג פון לעבן שיט כסדר אויף ייִדישע קעפּ — האָט די ייִדישע פּסיכאָלאָגיע זיך שטאַרק געביטן. מען זעט ווי פּוילישע ייִדן טוען גאָר שווערע, ממש די שווערסטע, אַרבעטן.

אָבער פון אַן אמתן רוק פאָרויס (אָדער רופט עס: צוריק), פון אַן „איבערשאַצונג פון די אַלטע, פוילע ווערטן", איז מען,

לידער, נאָך אַלץ אין אונדזער ייִדישער וועלטל ווײַט, ווײַט ביז גאָר. עס ווערט דאָ אין אַמעריקע, אין מערב־אייראָפּע און אין דעם העלישן קעסלגרוב פון צענטראַל און מזרח־אייראָפּע, עס ווערט, אַלזאָ, אומעטום מיט אַלץ אַ גרעסערן רעספּעקט, מיט אַ פֿאַרגלאָצטן צום הימל פּנים אַפילו, גערעדט מכּח דער וויכטיקײַט פון „אָרט" (פֿאַרבאַנד וואָס שטיצט ייִדישע פֿאַרמערס און האַנטווערקער אין אַ סך לענדער פון דער וועלט), מכּח דער באַדײַטונג פון זײַנע נאָבעלע ציִלן און מכּח זײַנע שיינע, ערלעכע מיטלען א. אַ. וו.

דאָס רעדט מען בײַ אונדז אָבער אַלץ מיט יענעם טרויעריקבאַוואוסטן, האַלב־צביעותדיקן טאָן פון „ניט מײַן אמתער עסק איז עס", „ניט מיר גייט עס אָן"; דער טאָן, בקיצור, מיט וועלכן זאַטע און צופֿרידענע מענטשן דעבאַטירן און דיסקוטירן, מעשׂה בעלי־צדקה, מכּח טאָן כּלל־אַרבעט לטובֿת דעם קבצן אָדער סתּם שלים־מזלניק. צײַט, באמת, איז אָבער ענדלעך — שוין אָנצופֿאַנגען צו באַגרײַפֿן, אַז די אַנגעווייטיקטע פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראַגע איז פֿ אַ ר אַ ל ע י י ִ ד ן (אַפילו די אַמעריקאַנער און, מסתּם, אויך אַרגענטינער) גאָרניט קיין פֿילאַנטראָפּישע פּראַגע, ניט אַ ליבהאַרציק־הומאַניטאַרישע, אָדער גאָר פּובליציסטיש־אויסגעקלײַגלטע טעמע, נאָר ממש אַ לעבנס־פּראָבלעם. אין איצטיקן מאָמענט, ווען די וועלט בײַט איר געשטאַלט, איז די פּראָדוקטיוויזאַציע פּראַגע אַ היסטאָרישער רוף; און ניט אַ רוף מקיים צו זײַן אַ מצווה, אָדער אַ חובֿ, נאָר אַ רוף, וואָס קומט מיטן אימפּעט און רעש פון אַ לעצטער וואָרנונג פֿאַר אַ מוראדיקער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע, אַ פֿאָלקס־אומגליק, וואָס שוועבט איבער אונדז אַלעמען.

די געשיכטע רופֿט און וואָרנט אונדז: ענטוועדער, זעט צו פֿירן אַ ווירדיקע, הויך־מענטשלעכע עקזיסטענץ אין דער געזעלשאַפֿט פון פֿרײַע נאַציעס, פון אַרבעטנדיקע און שאַפֿנדיקע מיטבירגער, אָדער ווערט יענער סאָציאַלער אָפּפֿאַל, וואָס רופֿן רופֿט מען אים „דעקלאַסירטע", אָבער מיינען מיינט עס גאָר דער מענטשלעכער שטויב און ליים, וואָס מען טרעט אונטער די פֿיס, און וואָס שטאַמט פון דער אַלטער, אין די ביינער אַרײַנגעוואַקסענער נייגונג צו פֿאַרבלײַבן בײַ דער אַלטער עקאָנאָמישער סטרוקטור.

צווישן חורבן און אויפבוי

און וואָס פאַר אַ סטרוקטור איז דאָס? — אַן איינזײַטיקע, אַ וואַקלדיקע, אַ באַנדלאָזע, ווײַל זי האָט זיך אָפּגעריסן פון ביידע אור־קוואַלן פון חיות און עקזיסטענץ — נאַטור (באָדן א. אַז. וו.) און אַרבעט (האַרעוואַניע איבער ממשותדיקע ווערט־זאַכן און ניט הו־האַ עסקים, אָדער ריזיקאַלישע משא־מתן געשעפטן).

אונדזערע מוחות זײַנען, פּונקט ווי די נערוון, אָנגעשטרענגט און אָפּגענוצט געוואָרן פון צופיל געברויך; און אונדזערע מוסקולן און דער געפיל פון אַרבעט־פרייד, פון שאַפונגס־שטאָלץ זײַנען פאַר־דאַרט און פאַרוועלקט געוואָרן. דאָס באַדראָט אונדזער קיום פיל מער ווי אַלע היטלערס, שטרײַכערס, געבעלסעס און מוסאָליניס צוזאַמענ־גענומען.

לאָמיר האָפן, אַז אָט־די אינערלעכע מניעה, די גלײַכגילטי־קײַט און קאַלטקײַט צום עניין, וועט באַלד פאַרשווינדן, און לאָמיר זיך אַ קער טאָן צו דער צווייטער, אויסערלעכער, שטערונג, וואָס איז נאָך אַ גרעסערער, העכערער באַרג.

בײַ דער הערשנדיקער נאַציע, למשל, בײַם הערשאָפט־פאָלק אין פוילן, רומעניע און דאָס גלײַכן, איז אויפגעצויגן געוואָרן אַ געוואַלדיקע מורא, אַז די „נײַע פּראָדוצענטן", דאָס הייסט, די טויזנטער ייִדן, וואָס רײַסן זיך שוין, אַדאַנק זײַן ליבן נאָמען, צו נײַע, (פאַר די ייִדן) פּראָדוקטיווע פרנסות אין די פעלדער, וואַר־שטאָטן און פאַבריקן, אַז זיי, אָט־די נײַע האַרעפּאַשניקעס, וועלן חלילה צונעמען דעם שטיקל ברויט בײַ די, פון פריער טעטיקע, פּראָדוצענטן, בײַ די ניט־ייִדן, ווי דער שטייגער איז, און ס'וועט פאַר אַלעמען בלײַבן אַ „קרענק"...

דאָס איז אָבער אַ פאַלשע מורא, אַ פאַרפירערישער און זייער שעדלעכער פאַראורטייל. ער קען חרוב מאַכן סײַ דעם ייִדישן אויפ־בוי, וואָס איצט פאַנגט ער זיך ערשט אָן, סײַ די גאַנצע עקאָנאָמישע צוקונפט פון די אָפּגעשטאַנענע לענדער גופא.

וואָס לערנט די דערפאַרונג פון אַלע ציוויליזירטע לענדער? ווײַזט זי דען ניט, אַז יעדע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פּראָדו־צענטן, פון האַנטווערקער, פון קוואַליפיצירטע (פאַכאָווע) פאַבריק־אַרבעטער און גוטע פאַרמערס, מוז (אויב ס'איז נאָר דאָ אַ סדר און

פלאַן אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט) זײַן אַ מזל־ברכה, אַן אמתער גליק פאַרן פאָלק, און ניט קיין קללה פאַר דעם פרט (דעם אָדער יענעם יחיד), אָדער פאַר דעם כלל?

דער ענין איז אַ פשוטער: וואָס מערער פּראָדוקטן עס ווערן אין אַ באמת־ציוויליזירטן לאַנד געשאַפן, פּראָדוקטן פון אַלע מינים, אַלץ גרעסער מוז ווערן דער וואוילשטאַנד פון לאַנד. ווערט דען ניט דעמאָלט אַלץ לײַכטער און ביליקער דער ענין פאַרזאָרגן אַלעמען מיט די נויטיקע פאַרברויך־ און באַנוצונג־אַרטיקלען? און ממילא וואַקסט דורך דעם דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסטיזש, דער כבוד און נאָמען, פון אַזאַ לאַנד.

אינצווישן שטערט אָבער אָט־די קאַפּריזנע, פון שלעכטע נערוון שטאַמענדע מורא, בײַ די פּאָליאַקן, ליטווינער, רומעניער און אַזוי ווײַטער, די מורא, אַז די נײַע יידישע האָרעפּאַשניקעס וועלן שווע־רער מאַכן דעם לעבן פאַר די אַלטע, ניט־יידישע. אָט דאָס גופא איז דאָך אַ שרעקלעכע מניעה פאַר אונדז יידן בײַם דורכפירן אין לעבן די נויטיקע ביז גאָר פּראָצעסן פון אַריבערצוגײַן צו האַנט־ווערק־האָרעוואַניע און צו אינדוסטריען ווי דער אייניציקער אויס־וועג פאַר די דעקלאַסירטע און פון גרויסשטעטישן עקאָנאָמישן לעבן אַרויסגעשטויסענע יידישע מאַסן.

עס איז דעריבער פאַר די יידישע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַ־ציעס אין פּוילן, למשל, ניטאָ קיין שענערע, חשובערע און נויטיקערע אויפגאַבע ווי אויפצוקלערן די ברייטסטע פּוילישע שיכטן, בפרט די ערלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער און פירער, מכח דעם אמתן זין און ציל פון דער פּראָדוקטיווער איבערשיכטונג בײַ יידן אין פּוילן. די יידישע האַנטווערקער־פאַרײַנען, קאָאָפּעראַטיווע בענק, „אָרט"־אָרגאַניזאַציעס א. א. וו. דאַרפן פאַרשפּרייטן די איבערצײַ־גונג, דערהויפּט צווישן ניט־יידן, אַז אין די אינטערעסן פון פּוילנס פאָלקס־ווירטשאַפט גופא דאַרף מען שטיצן, און ניט שטערן אַלע באַמיונגען צו פאַרמערן די צאָל פון יידישע פּראָדוקטיווע מענטשן אין לאַנד, ווײַל דאָס געמיינזאַם לאַנד וואו ס'לעבן זײַט בײַ זײַט די פּאָליאַקן און יידן איז טעכניש אָפּגעשטאַנען און אָרים.

קיין פּראָפּאַגאַנדע, ווי טײַער זי זאָל ניט זײַן, איז ניט צו טײַער, אויב מען וועט דורכשלאָגן די אײַזערנע וואַנט, וואָס פאַר־

צאַמט דעם וועג צום דאָזיקן ציל. זאָל מען — דורך אַרטיקלען, ביכער און לעקציעס — אָפן און הויך אויפן קול באַווײַזן די פאַ־ליאַקן, אַז די ייִדישע פּייאַקײַטן, פלײַס, ענערגיע, און אפשר אויך באַגײַסטערונג, וואָס וועלן אַרײַנגעפירט ווערן אין די פּראָדוקטיווע פרנסות, וועלן קייענם קיין שאָדן ניט ברענגען. פאַרקערט, זיי וועלן פאַרמערן דעם סכום גיטער, וואָס דינען צו דעקן די מענטש־לעכע באַדערפעניש, און ממילא וועט זײַן אַ מזל־ברכה פאַרן גאַנצן לאַנד, וואָס אים פעלט נאָך אַ סך אין פאַרטיקע פּראָדוקטן, בעת רויע מאַטעריאַלן, ווי געהילץ, מינעראַלן, גוטער באָדן צום אַקערן און פאַשען בהמות, א. אַז. וו. איז דאָרט דאָ לרוב.

און גלײַכצײַטיק טאָר מען געוויס ניט שפּאָרן קיין מיטלען צו שאַפן אַלץ מער און מער לערן־וואַרשטאַטן, פאַך־שולן, קורסן פאַר בעלי־מלאכות, טעכנישע אויסשטעלונגען, רײַזנדיקע אינ־סטרוקטאָרס, פאַך־זשורנאַלן און אַנדערע מינים פאַך־ליטעראַטור, וואָס דאָס זײַנען די מיטלען וואָס קאָנען הויבן דעם טעכנישן סטאַנ־דאַרד פון די פּראָדוקטן, וועלכע די נײַע ייִדישע האַרעפּאַשנע, אינ־טעליגענטע הענט וועלן אויסאַרבעטן. שטעלן דאָך איצט די קונים אומעטום זייער הויכע פאָדערונגען צו דער פײַנקײַט פון אויסזען, אויסאַרבעטונג און געשטאַלט (דיזאַין) פון יעדער זאַך, וועלכע מען טראָגט אַרויס צום פאַרקויף.

געדענקען מוז מען איין זאַך: אַז האַלטן זיך און אויסהאַלטן קען דער ייִדישער האַנטווערקער בלויז בזכות און אויפן באַזיס פון זײַן לײַסטונגס־פייאַקײַט, דאָס הייסט, מיט דעם כוח צו „ליפערן די וואַרע״. דאָס מיינט, ראשית כל, זײַן פּראָדוקט דאַרף זײַן ניט ערגער, נאָר בעסער פון דעם ניט־ייִדישן קאָנקורענט׳ס, וואָס דער מעכטיקער שטאַט העלפט אים איצט אַזוי ברייטהאַרציק אַרויס (מיט פאַך־שולן, קרעדיט, אינסטרוקטאָרן א. אַז. וו.).

אין געוויסע פאַכן, ווי שנײַדערײַ, שטעפערײַ, וועבערײַ, קירזש־נערײַ, א. אַנד. נאָך, האָט שוין די אַרבעט פון ייִדישן האַנטווערקער אין פוילן די מעלות, וועלכע קומען פון אַ שטאַרקער פאַכאָוועך געניטשאַפט, וועלכע מען האָט געירשנט פון טאַטן אָדער זיידן. אויף „זכות אָבות״ אַליין קען מען זיך אָבער ניט פאַרלאָזן, ווען

ציִלן און וועגן פון אויפֿבוי

אין קאָן שטייט די פֿראַגע פֿון קאָנקורענץ און די שטרעבונג פֿון אַלע קאָנסומענטן צו קריגן פֿאַר זייער געלט די בעסטע און פֿײַנ־סטע סחורה אויסגעאַרבעט פֿון דעם קליין־אינדוסטריעלן אָדער האַנט־ווערקער וואַרשטאַט.

בײַ אַ העכערער טעכנישער קולטור צווישן די ייִדישע פֿאַך־אַרבעטער אין פּוילן, וואָלט פֿאַר זיי געווען אַ פֿעלד צום אַקערן און זייען אָן אַ ברעג. מיר האָבן געזען אַמאָל, און איצט ווידער, ווי ייִדן פֿלאַנצן אײַן נײַע אינדוסטריען אין דעם פּוילישן באָדן, אַ דאַנק דער ייִדישער איניציאַטיוו, פּיאָנערן־לוסט און אונטערנע־מערישער ענערגיע. אַזוי איז געוואָקסן די טעקסטיל־אויסאַרבעטונג אין ביאַליסטאָק און לאָדזש, די גאַרבערײַ, לעדער־באַאַרבעטונג, טריקאָטאַזש, און אַ סך, אַ סך נײַע צווײַגן פֿון קליין פֿאַבריקאַציע און האַנטווערק־פּראָדוקציע.

דעריבער איז עס איצט אַ פֿליכט פֿון די פּוילישע ייִדן, צוזאַ־מען מיט אַלע פּראָגרעסיווע ייִדישע קרײַזן פֿון גאַר דער וועלט, צו ווײַזן אַלעמען, וואָס האָבן אויגן צו זען און אויערן צו הערן, אַז מען קלײַבט זיך צו באַגיין אַן עוולה קעגן ייִדן און אַ פֿאַרברעך קעגן דערווירטשאַפֿט פֿון גאַנצן לאַנד: עס וועט זײַן אַ פֿאַרברעך, נעמלעך, צו שטערן אַ דריט־חלק פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון אַלע פּוילישע שטעט (ייִדן זײַנען 30 פּראָצענט פֿון די אײַנוואוינער אין אַלע פּוילישע שטעט צוזאַמענגענומען), אָדער אַ גרעסערן טייל פֿון זיי אַריבערצוגיין פֿון דעם קליינהאַנדל צו אַ העכערער שטופֿע פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט און פּרנסה. [2]

און מיינען מיינט עס אַגב, אַז מיר דאַרפֿן גאָרניט שטרעבן. צו פּראָדוקטיוויזירן זיך סתם. געוויס קען מען ניט לייקענען, אַז

[2] אויספֿירלעכער דעריבער — אין אונדזער אָפּהאַנדלונג „קאָנסטרוקטיווע הילף פֿאַר דעם ייִדישן מיטלשטאַנד אין פּוילן" (דער קריזיס אין ייִדישן מיטל־שטאַנד. — פּוילנס עקאָנאָמישער בנין און דער ייִדישער האַנדל. — ווי פֿאַר־שטאַרקט מען די ייִדישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס? — געזעלשאַפֿטלעכע הילף פֿאַרן ייִדישן האַנטווערקער. — קאָלעקטיווע זעלבסט־הילף דורך עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס). געדרוקט אין „פּ ו י ל י ש ע י י ִ ד ן" (יאָרבוך פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון פּוילישע ייִדן אין אַמעריקע) ב. 6, ניו יאָרק, יוני, 1938, זז. 12—21.

צווישן חורבן און אויפבוי

יעדער מין „שוואַרצע" אַרבעט, ווי גראָבן מיט אַ רידל, איז פּראָדוקטיוו, אָבער די מאַשין (סטים־שאָוול) טוט אַט־די מלאכה טויזנט מאָל שנעלער, פיל ביליקער און בעסער פון האַרעפּאַשנעם און שלעכט באַצאָלטן אַרבעטער. וואָס מיר ווילן און דאַרפן זוכן, איז גאָר אַן אַנדער זאַך, דהיינו: לאָמיר זיך צופּאַסן צו יענע נייע טעכניש־פּראָגרעסיווע אומשטענדן, וועלכע כאַפּן איצט אַרום די גאַנצע וועלט (די וויסנשאַפט און טעכניק זיינען אוניווערסאַל), און צו וועלכע מיר ייִדן ווי שטאָטישע איינוואוינער פון דור־דורות, און ווי מוח־שלייפער און באַאיינפלוסטע פון גייסטיקע טראַדיציעס, ווי וויסן־דורשט, זיינען ממש ווי געשאַפן. אָט בלויז אַזאַ מין פּראָדוקטיוויזאַציע קען אונדז העלפן.

ערשט אַזאַ איבערגאַנג צו פּראָדוקטיווע פּרנסות וועט זיין אַ רעטונג פאַר אַ סך ייִדן אין פּוילן, און אומעטום, און וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן טאַקע באַשאַפן אַ זאַטע, צופרידענע און גייסטיק־אַנטוויקלטע עקזיסטענץ פאַר אַלע בירגער פון לאַנד, ייִדן און ניט־ייִדן צוגלייך.

פינף־און־צוואַנציק יאָר יידישע קאָאָפּעראַציע

1. יידישע קאָנסום־פאַראייגען בעת דער וועלט־מלחמה

א

די יידישע קאָאָפּעראַציע איז געווען איינע פון די געציילטע ליכטיקע דערשיינונגען אין דער טרויעריקער יידישערווירקלעכקייט פון די לעצטע 10 — 15 יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה. מיט ריי־זיקע טריט איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון די יידישע לייַ־ און שפּאָר קאַסעס״ אין דעם „תחום המושב״ („טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״, ד. ה. דער טייל פון רוסלאַנד, וואו יידן האָבן געמעגט וואוינען), און אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה איז כמעט אין יעדער יידישער שטאָט און שטעטל געווען אַ „פאָלקס־באַנק״ פון דעם דאָזיקן מין. זי פלעגט זייַן אין די אויגן פון דעם יידישן עולם אַ זאַך, צו וועלכער מ׳איז שוין אַזוי געוואוינט, אַז מ׳האָט זיך ממש געחידושט ווען זי איז ערגעץ וואו נ י ט געווען. און וואו זי פלעגט יאָ זייַן, און וואו יעדער פלעגט זי קענען פון דער נאָענטן, איז זי געווען אַ פּראָסט פּשוטער ענין. די וואָכערניקעס, מלווהס, אַלט־מאָדישע „גמילות חסדים״ פלעגן אייַנגיין, ווי שניי אויף דער זון, אַ דאַנק דער ווירקונג פון די „בענקלעך״, ווי דאָס פאָלק האָט זיי גערופן. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז די סימפּאַטיעס פון דער שטאָטישער און דער עיקר דער קליין־שטעטלדיקער יידישער באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט דאָס רוב פון קליינע סוחרים און בעלי־מלאכות, זייַנען געווען פולשטענדיק אויף דעם צד פון דער קרעדיט קאָאָפּעראַציע, און די ברייטע שיכטן

האָבן קיין אַנדער מין פון קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט בכלל זיך גאָר־ניט געקענט פאָרשטעלן.

דאָס בילד האָט זיך אָבער שטאַרק געביטן אין דער מלחמה. אומעטום וואו די מלחמה האָט נאָר אָנגעשפּאַרט, ד. ה. אין גאַנץ מערב רוסלאַנד, דעם גאַנצן פריערדיקן „תחום המושב", זײַנען בטול געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון 1915 אַלע „לײַ און שפּאָר־קאַסעס". זיי פלעגן אַרויספאָרן קיין צענטראַל־רוסלאַנד צוזאַמען מיט די גרויסע בענק, וואו זייערע קאַפּיטאַלן זײַנען געווען דעפּאָנירט, אָדער, ווען זיי פלעגן בלײַבן אויף די ערטער, זײַנען זיי געצוואונגען געווען אָפּצושטעלן זייער טעטיקײַט, פשוט ווײַל די בעלי־חובות איז, פאַרשטייט זיך, זייער שווער געוואָרן צוריק צו באַצאָלן די הלוואות, מחמת דעם חורבן פון גאַנצן ווירטשאַפט־לעבן לעבן. דאָס ווידער האָט גורם געווען, אַז דאָס געלט וואָס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן (די דעפּאָזיטן פלעגן אין די קאַסעס געמאַכט ווערן מיט אַ גרויסן חשק, דער עיקר — פון די אָרימערע שיכטן) — האָט מען דעם עולם צוריק אַרויסצאָלן ניט געקענט, און די קאַסעס זײַנען געשטאַנען אין די ערשטע מלחמה־חדשים ערב אַ קראַך זיי האָבן אין אַ באַשטימטער מאָס זיך געראַטעוועט דורך דעם, וואָס די מלוכה־באַנק האָט כמעט אומעטום אַוואַנסירט געלט די קליין־קרעדיט קאַסעס, כדי זיי זאָלן אַרויסצאָלן זייערע „װקלאַדטשיקעס" (דעפּאָזיטאָרס) לפּחות אַ באַשטימטן טייל פון די אַרײַנגעלייגטע געלטער.

דער מלחמה־חורבן האָט אָבער דאָך ניט צעשטערט בײַם יידישן עולם דעם באַוואוסטזײַן מכח דעם גרויסן נוצן פון קאָאָפּעראַציע, אַ באַוואוסטזײַן וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט אין די מוחות במשך פון דער טעטיקײַט פון די יידישע שפּאָר־קאַסעס. איצט, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע איז אַ דאַנק דער מלחמה־נויט לגמרי געביטן געוואָרן, און ווען מ'האָט בכלל ניט געהאַט קיין פרײַע געלט, מ'זאָל זיי דאַרפן אַרײַנטראָגן אין באַנק, אָדער ווען מ'האָט לכתחילה גאָרניט געדאַרפט אָנקומען צו אַ הלוואה פאַר געשעפט־צוועקן, ווײַל דער גאַנצער אָפענער האַנדל און די מלאכה האָבן זיך אָפּגעשטעלט, — איז דער עיקר פון אַלע עקאָנאָמישע פראַגן פון דער יידישער באַפעלקערונג געוואָרן דער פאַרברויך. די גרויסע שווערקײַטן בײַם

באַקומען די וויכטיקסטע לעבנס־מיטלען אין אַלע ערטער, וואָס זײַנען צום סוף פון ערשטן מלחמה־יאָר פאַרנומען געוואָרן דורך די דײַטשן, ד. ה. אין זיבעציק ביז אַכציק פּראָצענט פונם ייִדישן ישוב אין רוסלאַנד, האָבן צוגעגרייט גינציקע באַדינגונגען פאַר אַזאַ קאָאָפּעראַציע, וואָס איז פריער, פאַר דער מלחמה, לגמרי ניט באַקאַנט געווען; נעמלעך: פאַרברויך־קאָאָפּעראַציע. דער באַדן פאַר איר איז אָבער שוין גרייט געווען פון פריער, און אין אַ סך ערטער פלעגן די זעלבע כלל־טוער, וועלכע האָבן פריער געפירט די „בענק־לעך", איצט לייגן דעם יסוד פאַר די נײַע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע פלעגן אין די אויגן פון עולם אויסזען ניט זעלטן ווי דער המשך פון די פריערדיקע קאָאָפּעראַטיווע „קרעדיט־חברות".

אין אַ ברייטן שטראָם האָט זיך צעגאָסן די קאָנסום־קאָאָפּע־ראַציע איבער די ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן און ליטע אין סוף פון 1915. הונדערטער משפּחות פלעגן דורך אַ קליינעם „אַנטייל" (שער) פון 3 — 10 רובל ווערן מיטגלידער פון די דאָ־זיקע פאַראיינען, וועלכע זײַנען, אגב, שטאַרק אונטערשטיצט גע־וואָרן אין דער ערשטער צײַט דורך דער דײַטשער אָקופּאַציע־מאַכט. אָט די מאַכט האָט געשטרעבט אויף אַזאַ אופן צו „באַפרידיקן" די שפּײַז־באַדערפעניש פון דער באַפעלקערונג, און האָט זיך דערבײַ באַרימט מיט דער „פרײַהײַט", וועלכע די באַפעלקערונג, און באַ־זונדערס — די ייִדישע, „געניסט" פון דער נײַער מאַכט, וואָס האָט „פאַרביטן דעם צאַריזם און זײַן טיראַנײַ".

די „קאָנסום־פאַראיינען", ווי די נײַע קאָאָפּעראַטיווע חברות פלעגן זיך אומעטום אָנרופן, זײַנען אָבער ניט געווען איינהײַטלעך אין זייער סאָציאַלן בוי: ייִדן פון אַלע פאַלקס־קלאַסן, אָנהויבנדיק פון גרויסן גביר און ענדיקנדיק מיטן אָרעמסטן טאָג־אַרבעטער, פלעגן גאַנץ אָפט געהערן צום זעלבן פאַראיין. קיין באַזונדערער באַדן פאַר סאָציאַלע קאָנפליקטן האָט אויך אין יענער צײַט גאָר־ניט געקענט געמאָלט זײַן אין די קאָאָפּעראַטיוון, ווײַל סײַ די רײַכע בעל־הבתים, סײַ די אָרעמע לײַט האָבן אויס מורא פאַר הונגער און קעלט (אַ סך קאָאָפּעראַטיוון האָבן צווישן די ערשטע אויפגאַבן געשטעלט די האָלץ־פאַרזאָרגונג פון זייערע חברים צום אָנקומענ־דיקן ווינטער) ווייניק געקלערט דערפון, אַז דער פאַראיין זאָל

קאָנען אויסגענוצט ווערן ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון זייער קלאַס מיט זײַנע באַזונדערע אינטערעסן. זיי זײַנען גרייט געווען „מפקר צו זײַן" דאָס חבר־געלט, וואָס מ'האָט געמוזט אַרײַנטראָגן אין „קראָם פון פאַראיין" (ווי די מאַסע פלעגט רופן די גרויסע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון וואָס האָבן געעפנט רעגולערע קראָמען) בײַם פאַר־שרײַבן זיך פאַר אַ מיטגליד, כדי אויף אַזאַ אופן צו באַוואָרענען זיך כאָטש אויף וויפל ס'איז מיט די נויטיקסטע לעבנס־מיטלען: קאַרטאָפל, צוקער, און קעראָסין, וועלכע זײַנען אין פּריוואַטן מסחר ניט געווען ממש אויף אַ רפואה. אָדער, ווען זיי פלעגן אין די גע־ווײנלעכע קראָמען יאָ זײַן, האָבן די קרעמער געהאַט אַ השגה צו פאַרלאַנגען אומגעהייער הויכע פּרײַזן.

אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער אָקופּאַציע (ביז זומער 1916), איידער די דײַטשע מאַכט האָט געהאַט אײַנגעפירט די „קאַרטן־סיסטעם",[1] איז אויך די ברויט־פאַרזאָרגונג פאַרגעקומען כמעט אויסשליסלעך דורך די קאָאָפּעראַטיוון. די „גבאים" פון די קאָאָפּעראַטיוון האָבן אָבער גוט אויסגענוצט די אומבאַוואוסטזיניקײַט פון דאָס רוב חברים מכח די אויפגאַבן און די אינטערעסן פון פאַראיין און פלעגן קוקן אויף דעם „אַנטייל־קאַפּיטאַל" (סטאַק) ווי אויף הפקר־געלט, פאַר וועלכע מ'טראָגט קיין שום אחריות ניט הן פאַר די חברים, הן פאַר דער עפנטלעכקײַט. אַן אַ שיעור גרויס איז געווען די הפקרות, מיט וועלכער ס'פלעגן זיך באַציען צו די חברשע געלט די „גבאים" פון די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס פלעגן אין דער זעלבער צײַט ניט זעלטן זײַן אויך די גבאים פון די בתי־מדרשים און שטיבלעך, וואו די קאָאָפּעראַטיוון פלעגן זיך געפי־נען. גאַנץ אָפט פלעגן די מתפללים פון אַ שול, אָדער די אײַנ־וואוינער פון גאַס, פאַראייניקן זיך אין אַ קאָאָפּעראַטיווער חברה,

[1] אונטער „קאַרטן־סיסטעם" פאַרשטייט מען די אויסשטעלונג פון באַ־שרענקטע פּאַרציעס פון די שפּײַזן צו דער גאַנצער באַפעלקערונג אויף אַ רעגל־מעסיקן אופן, צו קליינע פּאַרציעס פער טאָג יעדער וואָך פאַר יעדער פּערזאָן. דורך אַזאַ מיטל קענען די קליינע זאַפּאַסן, באַזונדערס בעת אַ מלחמה, בלאָקאַדע א. ד. גל. גוט קלעקן אויף אַ לענגערער צײַט און דאָך קענען זיי פאַרטיילט ווערן גלײַכמעסיק צווישן אַלעמען.

צילן און וועגן פון אויפבוי

וועלכע האט געטראגן דעם נאמען פון א בית־מדרש אדער מנין, וואו די מערהייט פון די מיטגלידער האבן געדאווענט, און דערביי פלעגט אויך דער שפייכלער פון די פראדוקטן זיין אין שול גופא. פון וועלכער עס איז דעמאקראטישער ארדענונג,וואס מיט איר צייכנט זיך אויס די קאאפעראציע אין דער גאנצער וועלט, האבן די דאזיקע זעלבסט־באשטימטע פארוואלטערס ניט געוואוסט. זיי פלעגן פשוט אויסמיידן דעמאקראטישע וואלן. אזא באציאונג פון די פירער צום קאאפעראטיוון קאפיטאל, וועלכער פלעגט צוזאמענגע־טראגן ווערן מיט גרויס חשק שוין אין די ערשטע טעג, ווען מען האט „אויסגערופן”, אז ס'עפנט זיך א קאאפעראטיוו, איז געווען א פועל־יוצא פון דער גלייכגילטיקייט מיט וועלכער די מיטגלידער גופא האבן זיך באצויגן צום גאנצן עסק, בעת זיי פלעגן אריינ־טראגן דאס געלט און האלטן דערביי באלד פון אנפאנג אן, אז דער „אנטייל” (שער) איז—פארלארענע געלט. דער סך־הכל איז אבער געווען פאר זיי א גאנץ קלאגעדיקער: נאך א קורצער עקסיסטענץ פלעגן די פאראיינען מיט דער זעלבער „פרישקייט”, ווי זיי זיינען באשאפן געווארן, אויך אפשטארבן. די „קארטן־סיסטעם” און שפייז פארזארגונג האט אלעמען געגעבן א מעגלעכקייט צו באקומען צו ביליקע פרייזן דאס ביסל נויטיקע שפייז, און במילא איז די וויכטיקסטע אורזאך, וואס האט ארויסגערופן די קאאפעראטיוון צום לעבן, אפגעפאלן. בלא ספק האבן זיי אבער מיט זייער קור־צער טעטיקייט געבראכט א זייער גרויסן נוצן, שטערנדיק אין דער ערשטער צייט, ביי דער מהומה און בהלה פון פארזארגן זיך כאטש אויף א „פאר טעג” מיט לעבנס־מיטלען, די ספעקולאנטן און קרעמער ארויפצולעקן א „פעטן ביינדל” און נתעשר צו ווערן דורך דער ביטערער נויט פון דער באפעלקערונג. שפעטער טאקע, ווען די דייטשע מאכט האט געהאט באשטימט פארציעס און בי־ליקע פרייזן אויף די וויכטיקסטע פראדוקטן און דער קאאפערא־טיווער האנדל איז שוין ניט געווען אזוי פארשפרייט ווי פריער, זיינען א שיין ביסל סוחרים „אויפגעקומען” און האבן באשאפן מיט זיך דעם נייעם קלאס פון „מלחמה־גבירים”. אט דער קלאס האט א לאנגע צייט נאך דער מלחמה פארגעשטעלט מיט זיך איינע פון די מיאוסטע מכות אויפן קראנקן קערפער פון דער יידישער

ווירטשאַפט אין די לענדער (פוילן, ליטע א. אַז. וו.) וואָס זײַנען דורך דעם וועלט־קריג חרוב געוואָרן.

ב.

מיר האָבן אויבן דערקלערט דעם אורשפרונג און דעם וועזן פון די יידישע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון אין פוילן און ליטע בעת דער וועלט־מלחמה.

דער נוצן, וועלכן די קאָאָפּעראַציע האָט געבראַכט, איז אָבער בעצם געווען אָפּהענגיק ניט פון אַ באַוואוסטזיניקער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקײַט פון דער יידישער באַפעלקערונג. ער איז אין גרונט געווען אַ פּועל־יוצא דערפון, וואָס דער עולם איז פּלוצלונג געוואָרן אַנגעוויזן בײַ דער וויכטיקסטער עקזיסטענץ־פראַגע, בײַם אײַנקויף פון די לעבנס־מיטלען, ניט אויף די פּריוואַטע קרעמער, ווי ס'האָט זיך געפירט פון אבות־אבותונו אָן, נאָר אויף דעם דײַטשן „בירגערמײַסטער", בײַ וועלכן דער קאָאָפּעראַטיוו פלעגט באַקומען די סחורות לײַכט און ביליק. ס'פלעגט אָבער אויך פּאַסירן, אַז אַ קליינע גרופּע פון פלינקע אונטערנעמער־סוחרים האָט אונטער דער מאַסקע און נאָמען פון פאַראיין געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן, פון וועלכע אַ שטיקל טובה איז אַרויסגעקומען אויך פאַר די מיטגלידער פון פאַראיין, און צוליב דעם פלעגן די ברייטסטע שיכטן האַלטן גאַנץ שטאַרק פון דעם נוצן אַפילו פון אַזאַ „קאָאָפּעראַטיוו".

ניט די קאָאָפּעראַטיווע באַוואוסטזיניקײַט האָט דאָ סוף־כל־סוף גורם געווען אַ באַשטימטן צײַטווײַליקן דערפאָלג, נאָר — די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע „קאָניונקטור", ד. ה. דער מצב פון דער ווירטשאַפט, בײַ וועלכער די חברות פלעגן באַקומען געוויסע פּריווילעגיעס בײַם האַנדל מיט די וויכטיקסטע סחורות — אָט דערפון איז געקומען דער פּראַקטישער נוצן פון די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון. אָבער וואָס איז שײך צום קאָאָפּעראַטיוון קאַפּיטאַל, וואָס ער איז דער גרונט־יסוד פון יעטווידער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקײַט, איז ער טאַקע אין 90 פאַלן פון 100 געפאַלן אַ קרבן פון דער אומבאַוואוסטזיניקײַט פון די חברים און פון זייער גלײַכגילטיקײַט צו דער פירונג פון געשעפט. שוין אין 3 — 4 חדשים נאָך דעם, ווי די קאָאָפּע־

ראַטיוון זײַנען באַשאַפן געוואָרן, פלעגן זיי זיך מוזן פאַרמאַכן, ווײַל פון די מיטגלידס־געלטער, ד. ה. — פון דעם אומזאַץ־קאַפּי־טאַל, איז געבליבן אַ גאַנץ קליינער טייל אָדער — לגמרי קיין זכר ניט. די מיטגלידער האָבן פאַרשטייט זיך, קיין חשק און קיין אינטערעס ניט געהאַט צו באַלעבן דעם פאַראיין דורך אַרײַנטראָגן נײַע געלט. די אורזאַכן פון אַזאַ „דעפּעציט־בעלי־הבתישקײַט" דאַרף מען זוכן אין דער „גבאישער" אַנפירונג פון די פאַראיינען און אַ פײַנטשאַפט צום עפנטלעכן קאָנטראָל, וואָס דאָס איז אַזוי לאַנג געווען אַ כלל אינם ייִדישן לעבן; און דער עיקר דאַרף מען זיי זוכן אין דער אַפּאַטיע און אָפּגעלאָזנקײַט פון די מיטגלידער גופא בנוגע צו זייערע רעכט און אינטערעסן. ס'פלעגן פאָרקומען, פאַר־שטייט זיך, אויך אומערלעכע מעשים מצד די אַנפירער, נאָר די הויפּט־סיבה פון די גרויסע הזיקות אין קאָאָפּעראַטיוון קאַפּיטאַל איז דאָך געלעגן ניט אין די בייזוויליקע מעשים פון די כלל־טוער, נאָר — אין דער אומדערפאַרנקײַט און אָפּגעלאָזנקײַט אין דער הערשאַפט, אין דעם גאַנצן אופן, ווי ס'האָבן זיך אויפגעפירט די פאַרוואַלטערס פון די קראָמען: היימיש, אָן אַ גרויסן דרך־ארץ פאַר דעם אייגנס פון די מיטגלידער. אַ גרויסע ראָלע האָט בײַם אונטערגאַנג פון די פאַראיינען געשפּילט אויך די „עקאָנאָמיע און הוצאות", צוליב וועלכער כמעט אַלע פאַראיינען פלעגן זיך וועלן באַגיין אָן אַנגעשטעלטע און צוליב דעם האָבן די „חשובע בעלי־בתים" אַליין זיך אַרומגעדרייט אין קראָם, רײַסנדיק זיך אָפּט צווישן זיך, און האָבן דערבײַ מער געזאָרגט פאַר זייערע אייגענע עסקים איידער פאַר דעם טובת הכלל. דערפון האָט פאַרשטייט זיך דאָס געשעפט פון קאָאָפּעראַטיוו קיין נחת ניט געקענט האָבן...

אַלס אַ בײַשפּיל דערפון, ווי צעשפּליטערט און אָפּגעלאָזן ס'איז געווען די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע בײַ ייִדן אין דעם ערשטן און צווייטן יאָר פון דער מלחמה, ד. ה. אין דעם ערשטן יאָר פון דער ייִדישער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע בכלל, קען דינען דער סך־הכל אין איינער פון די גרעסטע ייִדישע קהלות אין פּוילן און ליטע: ביאַליסטאָק. ס'האָבן דאָרט עקזיסטירט צום סוף פון יאָר 1915 קרוב 25 ייִדישע פאַראיינען מיט אַ צאָל מיטגלידער אין

יעדן פון 40 — 50 ביז 700 — 800, צוזאַמען קרוב 4.500 חברים (ד. ה. מיט זייערע משפחות 20.000 — 25.000 נפשות), וואָס איז געווען כמעט 60 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג. אין די ערשטע חדשים פון 1916 זײַנען אָבער דער־פון געבליבן נאָר 4 — 5 גרעסערע פאַראיינען מיט בסך־הכל 2000 — 2500 חברים, און אין אַ יאָר־צוויי שפּעטער, איז שוין גע־בליבן נאָר איין ייִדישער פאַראיין מיט קרוב 700 מיטגלידער, דער „צענטראַל קאָנסום־פאַראיין". נאָר אין דעם דאָזיקן איינציקן פאַראיין איז דער גאַנצער אַנטייל־קאַפּיטאַל געבליבן גאַנץ ביז אַ סענט, און בעת זײַן ליקווידאַציע (אין 1919) האָבן די מיטגלידער געקענט טאַקע אָפּנעמען דאָס גאַנצע געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט 3 — 4 יאָר צוריק אַרײַנגעטראָגן אין פאַראיין. דאָס איז אָבער בײַ קיין צווייטן פאַראיין אין ביאַליסטאָק ניט געווען[2].

אַחוץ די קאָנסום־פאַראיינען, וועלכע מיר האָבן באַשריבן, מיט זייער געמישטן סאָציאַלן געבוי, זײַנען געווען, פאַרשטייט זיך, אויך ייִדישע „קלאַסן־פאַראיינען", דערהויפּט אין די גרעסערע פאַבריק־שטעט, ווי לאָדזש, ביאַליסטאָק, וואַרשע. נאָר אין איינצלנע פאַלן האָבן אָבער די דאָזיקע פאַראיינען געהאַט אַ דערפאָלג. בלויז אין 2 — 3 גרעסערע פאַבריק־שטעט פון פּוילן מיט היפּשע צאָלן ייִדישע אַרבעטער, אין פּוילן האָבן די אַרבעטער געהאַט אַ ברייטערע פּאָליטישע פרײַהײַט, ווי די וואָס מ'האָט געגעבן דעם אַרבע־טער־קלאַס אין דער „באַזעצטער ליטע", האָבן די פּראָלעטאַרישע קאָנסום־פאַראיינען געאַרבעט פּראָדוקטיוו און אָן היזק. בדרך־כלל, אָבער, זײַנען גראָד אין די דאָזיקע פאַראיינען געווען אויך ספּע־ציעלע אורזאַכן פון אונטערגאַנג, וואָס האָבן זיך בײַ די „בירגער־לעכע" קאָאָפּעראַטיוון גאָרניט געשפּירט: פּאַרטייאישע סיכסוכים צווישן די מיטגלידער, רדיפות מצד דער מיליטערישער אָקופּאַ־ציע־מאַכט אויף אַלערליי אַרבעטער־אינסטיטוציעס (באַזונדערס אין ליטע), און ניט זעלטן — אַ קאָנקורענץ־קאַמף פון צוויי „אַר־בעטער קאָנסום־פאַראיינען", וועלכע זײַנען געשטאַנען אונטער דער השפעה פון צוויי פּאָליטיש־פײַנטלעכע צווישן זיך ריכטונגען,

[2] אויספירלעכער אין דער בראָשור פון ה. פראַנק: „דרײַ יאָר פון ביאַליסטאָקער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע (1915 — 1918)", ביאַליסטאָק, 1918, פאַרלאַג „קאָאָפּעראַציע", 61 ז.

ווי דער „בונד" און „פועלי־ציון", און פלעגן כסדר זיך קעגנזײַטיק שטערן.

דער אַלגעמיינער רעזולטאַט פון דער פינף־יאָריקער אַנט־וויקלונג פון אַט־דעם גאַנץ נײַעם מין פון דער ייִדישער קאָאָפּעראַציע איז בקיצור אַזאַ:

1) די „קאַנסום־קאָאָפּעראַציע" האָט דורך דער מלחמה באַ־קומען „בירגער־רעכט" אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן און ליטע.

2) די דערפאָלגן פון די קאַנסום־פאַראיינען האָבן זיך געלאָזן באַמערקן תחילת נאָר בײַ אַ קליינעם טייל פון די קאָאָפּעראַטיוון. דאָס דערקלערט זיך דערהויפּט מיט דער אומבאַוואוסטזיניקײַט פון דעם ייִדישן עולם בנוגע צו די רעכט און פליכטן פון מיט־גלידער פון קאַנסום־קאָאָפּעראַטיוו און אויך מיט דער גלײַכגילטיקײַט פון די אָנפירער צו זייערע פאַראַנטוואָרטלעכקײַטן אין מאַטעריעלן און מאָראַלישן זין.

3) די אַרבעטער קאַנסום־קאָאָפּעראַציע האָט געלאָזן פעסטע־רע וואָרצלען אין ייִדישן לעבן, און האָט גלײַך אין אָנהייב פון איר טעטיקײַט דערגרייכט אַ גרעסערן דערפאָלג, ווי די „קליינבירגער־לעכע". אמת, פאַרטיי־פּאָליטישע מחלוקת פלעגן לייגן די שווערסטע שטיינער אויפן אַנטוויקלונגס־וועג פון דער פּראָלעטאַרישער קאַנ־סום־קאָאָפּעראַציע.

4) אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן זײַנען שוין אין כמעט יעדער גרעסערער שטאָט פון פּוילן און ליטע געווען באַזונדערע בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע קאַנסום־פאַראיינען. די פּאָזיציע פון אַרבעטער־קאַנסום־קאָאָפּעראַטיוון איז אָפט געווען אַ פעסטערע צוליב דעם גרעסערן אינטערעס פון די אַרבעטער צו אַ קאָאָפּע־ראַטיווער טעטיקײַט. די ייִדישע קאַנסום־פאַראיינען, וועלכע ווערן כמעט ווי ניט אונטערשטיצט פון די מלוכהשע און מוניציפּאַלע אַנשטאַלטן, זײַנען געצוואונגען צו פירן אַ העפטיקן קאַמף אויף צוויי פראָנטן: מיטן פּריוואַטן מסחר און מיט דער פײַנטלעכער מלוכה־מאַכט און געזעלשאַפטלעכקײַט, וועלכע שטיצן דירעקט (דורך קרעדיט) אָדער אומדירעקט (באָיקאָט אויף קרעמער ייִדן) די אַנטי־סעמיטישע פאַראיינען.

5) די וויטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע איז אָפּהענגיק ראשית כל פון דעם, צי ס׳וועט באַשאַפן ווערן אַ צענטראַלער קרעדיט־אַנשטאַלט פאַר די פאַראיינען און אַ צענטראַלע איינקויפס־געזעלשאַפט ביי אַ פאַרבאַנד פון די יידישע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, כדי זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו באַקומען די סחורות פון דער ערשטער האַנט און אויף גינסטיקע באַדינגונגען.

2. קרעדיט־קאָאָפּעראַציע ביי די יידן אין פוילן

(1938 — 1921)

א

צווישן די וויכטיקסטע עקאָנאָמיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע דערגרייכונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, במשך פון די 20 יאָר, וואָס טיילן אָפּ דעם ערשטן וועלט־קריג פון דעם נאָך פיל גרעסערן איצטיקן מלחמה־חורבן, איז געווען די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע.

דער ערשטער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו אויפן שטח פון דער געוועזענער פוילישער רעפּובליק איז געשאַפן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1898. איבער פערציק יאָר כסדר האָט עקזיסטירט די דאָזיקע יידישע פאָלקס־באַנק — די „ערשטע יידישע ליי־און שפּאָר־קאַסע פאַר האַנטווערקער און קליינהענדלער אין ווילנע”. אין יאָר 1912 האָבן איבער 600 יידישע ליי־ און שפּאָר־קאַסעס באַדינט, ווי מיר האָבן פריער שוין אָנגעוויזן, די ברייטסטע מאַסן פון די יידישע האַנטווערקער און קליינהענדלער אין אַמאָליקן רוסלאַנד מיט אַ ביליקן און לייכט צוגענגלעכן קרעדיט. אויפן שטח פון פוילן, וואָס האָט עקזיסטירט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה פון 1919 ביז 1939, זיינען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען 178 אַזעלכע יידישע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק מיט 101.347 מיטגלידער, אָדער אין דורכשניט 569 אויף איין קאָאָפּעראַטיוו.

קאָאָפּעראַציע, און באַזונדערס די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע, האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט אין דער פּוילישער רעפּובליק. אין יאָר 1936 זײַנען דאָרט געווען טעטיק 5423 קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק, פון זיי פּוילישע — 3624, ייִדישע — 728, אוקראַי־נישע — 659, און דייטשישע — 412. די נײַע פּוילישע רעפּובליק האָט געהאַט אַ זייער ליבעראַלן געזעץ וועגן קאָאָפּעראַציע. מען האָט דאָרט, למשל, ניט אַרויפגעלייגט אויף די קאָאָפּעראַטיוון קיין שווערע שטײַערן (הגם בכלל איז, ווי באַקאַנט, די שטײַער־לאַסט אין יענעם לאַנד, באַזונדערס אויף די שטאָטישע אונטערנעמונגען, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז געלעגן אין ייִדישע הענט, גראָד געווען אַ מוראדיק שווערע), און מען האָט די קאָאָפּעראַטיוון געגעבן אַנדערע וויכטיקע פּריווילעגיעס. דער קאָאָפּעראַטיווער געזעץ האָט געפאָדערט, אַז יעדער קאָאָפּעראַטיוו זאָל שטיין אונטער אַ שטענדיקער מלוכה־אויפזיכט. דערבײַ האָט מען אָבער די קאָאָפּעראַטיוון דערלויבט זיך צו אָרגאַניזירן אין אויטאָנאָמישע פאַרבאַנדן, וואָס האָבן פון דער מלוכה באַקומען גרויסע רעכטן און פּריווילעגיעס, ווי למשל, צו רעווידירן די ביכער און די געשעפט־פירונגען א. ד. גל.

די דאָזיקע גרויסע רעכטן האָט אויך געהאַט דער „פאַרבאַנד פון די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1921. סוף 1937 האָבן צום דאָזיקן פאַרבאַנד באַלאַנגט 658 ייִדי־שע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זײַנען געווען צעזייט איבער כמעט אַלע פּראָווינצן פון פּוילן. 501 פון אָט די ייִדישע פאָלקס־בענק האָבן באַצײַטנס צוגעשטעלט זייערע פינאַנץ־באַריכטן פאַרן יאָר 1937, כדי אַרײַנגענומען צו ווערן אין פולן סטאַטיסטישן רעפּאָרט פון דעם „פאַרבאַנד פון די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון" פאַר דעם יאָר 1938 — דער לעצטער יערלעכער באַריכט ביזן חורבן פון פּוילישן ייִדנטום אין סעפּטעמבער, 1939.

די דאָזיקע 501 ייִדישע פאָלקס־בענק האָבן סוף 1937 געהאַט 118.165 מיטגלידער, ד. ה. אַז (צוזאַמען מיט די משפּחה־מיטגלי־דער), האָבן קרוב 600 טויזנט נפשות, אָדער אַרום 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן, געהערט צו דער באַוועגונג. מ'קען זאָגן, אַז קיין צווייטע אָרגאַניזירטע באַוועגונג אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט ניט אַרײַנגעצויגן אין אירע

רײַען אַזאַ גרויסן טייל פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער יידישער מאַסע צווישן די דרײַ און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע יידן. עס זײַנען געווען עטלעכע מינים יידישע קאָאָפּעראַטיוון, ווי מ׳זעט עס פון דעם דאָזיקן צעטל, וואָס שטאַמט נאָך פון יאָר 1934, ווען דער „פאַרבאַנד" האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן בלויז 574 קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, צווישן זיי — אָט די פיר קלאַסן:

קליין־קרעדיט קאָאָפּעראַטיוון — — — — — — — —	507
סוחרישע קאָאָפּעראַטיווע בענק — — — — — — —	48
לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון — — —	17
באַאַמטן קאָאָפּעראַטיוון — — — — — — — — —	2
בסך הכל — — — —	574

די קליין־קרעדיט קאָאָפּעראַטיוון זײַנען געווען אין פולן זין פון וואָרט, פונקט ווי זייערע פאָרגייענגער — די „לײַ־ און שפּאָר־קאַסעס" אין צאַרישן רוסלאַנד, עקאָנאָמישע זעלבסט־הילף אָרגאַניזאַציעס פון די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן, ווי האַנטווערקער, קליינע קרעמער, מעקלערס, אַרבעטער א. אַ. וו. זייער אויפגאַבע איז געווען אַ צווייפאַכע, דהײַנו: 1)אַרויסצוגעבן די מיטגלידער הלוואות אויף ביליקע צינזן, אויסצוצאָלן אין אַ לאַנגן טערמין, און 2) אָנצונעמען דעפּאָזיטס פון די מיטגלידער און צאָלן דערפאַר צינזן. די קאָאָפּעראַטיווע סוחרישע בענק, אָדער מיטלשטאַנד קאָאָפּעראַטיוון (פּונקט ווי אין אַמאָליקן רוסלאַנד די „געזעלשאַפטן פאַר קעגנזײַטיקן קרעדיט"), האָבן באַדינט זייערע מיטגלידער מיט גרעסערע הלוואות, ביז 10 טויזנט גילדן און מער, פּשוט ווײַל די מיטגלידער, גרויסע סוחרים און אינדוסטריאַליסטן, זײַנען בכוח געווען צו באַשאַפן גרעסערע קאַפּיטאַלן און אומזיסט־מיטלען פאַר זייערע קאָאָפּעראַטיווע בענק.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918) פלעגן די יידישע פאָלקסטימלעכע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין רוסלאַנד (און אויך אין גאַליציע) ווערן אײַנגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: (1) די לײַ־ און שפּאָר־קאַסעס (וואָס האָבן זיך פאַרנומען דערהויפּט מיט אַרויסגעבן הלוואות און נעמען דעפּאָזיטס) און (2) די קעגנ־

זײַטיקע קרעדיט־געזעלשאַפטן, וואָס פלעגן זיך אָפּגעבן מיט אַלע באַנק־געשעפטן, ווי דיסקאָנטעס, אינקאַסע, א. ד. גל. די פוילישע געזעצגעבונג האָט בטל געמאַכט די דאָזיקע פאַנאַנדערטיילונג פון די צאַרישע צײַטן און האָט געגעבן י ע ד ע ר פאָלקס־באַנק (אויב זי איז אָנגעשלאָסן צו אַן אָפיציעלן רעווידיר־פאַרבאַנד) דאָס רעכט צו טאָן אַלערליי באַנק־געשעפטן. די ייִדישע פאָלקס־בענק אין פוילן, ניט האָבנדיק קיין גענוג גרויסן אומזאַץ און אײַנקונפט פון דעפּאָזיטן־געשעפטן, אויף צו דעקן זייערע געוואוינלעכע הוצאות, בפרט ווען די פאָלקס־בענק האָבן אין דורכשניט געהאַט ניט מער ווי צו (קרוב) 200 מיטגלידער (בעת פאַר 1914 איז, ווי מיר האָבן געזען, די דורכשניט־צאָל פון דער מיטגלידערשאַפט געווען אַרום 570), ניט ציענדיק, אַלזאָ, קיין גרויסע אײַנקונפט פון הלוואה־אָפּעראַציעס, האָבן די ייִדישע פאָלקס־בענק אײַנגעפירט בײַ זיך אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב די אַזוי גערופענע פאַרמיטלונג־אָפּעראַציעס, ווי אַ שטייגער, קאָלעקטן (אײַנקאַסירן) וועקסלען (נאָוטס און פראַכט־דאָקומענטן א. ד. גל.). דידאָזיקע טראַנזאַקציעס פלעגן וואַקסן פון יאָר צו יאָר, און רעכענענדיק אַ קליינע „קאָמישאָן" פאַר יעדער אינקאַסאָ טראַנזאַקציע, האָבן די ייִדישע פאָלקס־בענק אין פוילן געקענט דעקן דעם גרעסטן טייל פון זייערע, אין גרונט גאַנץ באַשיידענע, הוצאות.

מ׳קען זיך שוין לײַכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלע די קרעדיט־קאָאָפעראַטיוון האָבן געשפילט אינעם לעבן פון קליינעם ייִדישן סוחר און בעל־מלאכה. אָט די ייִדישע עלעמענטן זײַנען אין דער שאָוויניסטישער פוילישער רעפובליק געווען אַרויסגעשטויסן פון מלוכה־קרעדיט, פלעגן איגנאָרירט ווערן דורך די גרויסע פוילישע קאָמערציעלע בענק, און דערצו פלעגט די מלוכה זיי דריקן אומרחמנותדיק מיט אַן אומגעהײַער שווערער שטײַער־משא. וואָלטן חלילה ניט עקזיסטירט קיין ייִדישע פאָלקס־בענק, דאַן וואָלט דער ייִדישער ווייניק־באַמיטלטער בירגער געוויס געבליבן לחלוטין אומבאַהאָלפן און הילפלאָז ביים דעקן זײַנע באַדערפענישן אין אַ ביליקן קרעדיט. די איינציקע אינסטיטוציע, וואָס פלעגט אים אַרויסציען פון דער קלעם, וואָס פלעגט אים העלפן אָנהאַלטן זײַן וואַרשטאַט אין אַ קריטישן מאָמענט פון עקאָנאָמישן שטילשטאַנד אָדער קראַנקהײַט א. ד. גל., איז געווען די ייִדישע פאָלקס־באַנק.

אַ קרעדיט פון אַן ערך 100 אָדער 150 דאָלאַר, הגם די סומע האָט געהאַט אַ קלענערן ווערט (אין איר קויף־קראַפט) ווי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דעם בעל־מלאכה אָדער קלענערן סוחר דאָך געגעבן די מעגלעכקייט דורכצוהאַלטן אַ שווערע צייט, איינ־צוהאַנדלען זיין ווארשטאַט אָדער קראָם. דער קרעדיט, פאַרשטייט זיך איז געווען אַ ביליקער — ביז 1 פראָצענט אַ חודש, בעת די פריוואַט־לייט פלעגן נעמען 5—6 פראָצענט מאָנאַטלעך. דעם חוב פלעגט מען דער פאָלקס־באַנק אויסצאָלן אויף לייכטע באַדינגונגען, ד. ה. אין אַ לאַנגן טערמין. אַט אַזאַ הלוואה איז באמת געווען אַ ברכה און ניט קיין קללה, ווי ס'פלעגן זיין די קלעגלעכע הלוואות פון די וואוכערניקעס (פראָצענטניקעס), צו וועלכע יידישע האָרע־פאַשנע מיטלשטאַנד מענטשן אין פוילן פלעגן אַזוי אָפט מוזן אָנ־קומען.

פון שטאַנדפונקט פון קאָנסטרוקטיווער הילף האָט די קרע־דיט־קאָאָפּעראַציע אויך געהאַט אַן אומגעהייער גרויסע באַדייטונג. דער בעל־מלאכה וואָס באַקומט אַ הלוואה פון אַ פאָלקס־באַנק, קריגט די מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען אַ וואַרשטאַט, קויפן וועקצייג און אַ ביסל רוישטאָף און ציען פון וואַרשטאַט חיונה. דער לענגערער טערמין פון דער הלוואה גיט אים די באַגערטע געלעגנהייט פון די רווחים אויסצוצאָלן דעם חוב, אַזוי, אַז אין אַ פאָר יאָר אַרום בלייבט שוין דער בעל־מלאכה דער פולער אייגנטי־מער פון זיין וואַרשטאַט. יעדע ווייטערדיקע הלוואה, וואָס ער באַ־קומט, גיט אים די מעגלעכקייט דעם וואַרשטאַט צו פאַרגרעסערן. במילא עפנט זיך, אַדאַנק דעם קרעדיט פאַר אים, אַ וועג צו באַ־רייכערן ביסלעכווייז זיין אונטערנעמונג. דאָס זעלבע פלעגט אויך פאָרקומען מיטן קליינעם סוחר, וואָס האָט מיט דער הילף פון אַ הלוואה פון דער פאָלקס־באַנק לייכטער געקענט איינאָרדענען פאַר זיך אַ קראָם, וואָס פלעגט געבן פרנסה זיין גאַנצער משפחה.

ב

מיט וועלכע מיטלען, מיט וועלכע געלט, פלעגן אָבער אָפּעֵ־רירן די יידישע פאָלקס־בענק אין פוילן? ווי אַלע קרעדיט־קאָאָפּע־ראַטיוון (אָדער ווי מ'רופט זיי אין אַמעריקע „קרעדט יוניאָנס”),

האָבן זיי געהאַט בײַ זיך אין אומזאַץ צווייערליי פאָנדן, נמעלעך: אייגענע קאַפּיטאַלן און פרעמדע געלט, וואָס פלעגן דורך זיי געלאָזן ווערן אין אומזאַץ (אויסקער), ווי ס׳איז דער שטייגער אין אַלע פינאַנץ־אינסטיטוציעס אין גאָר דער וועלט.

די אייגענע קאַפּיטאַלן פלעגן באַשטיין דערהויפּט פון דעם „פּאַיען־קאַפּיטאַל”, ד. ה. „סטאַק”, אָדער „אָנטיילן־קאַפּיטאַל”, ד. ה. פון די אָנטיילן („שעירס”), וואָס יעדער מיטגליד האָט געמוזט קויפן, כדי צו געניסן פון אַלע פּריווילעגיעס און רעכטן, וואָס אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטוו גיט אירע מיטגלידער. אַ „שעיר” אין אַ פּויליש־ייִדישער פאָלקס־באַנק האָט געוואוינלעך געקאָסט 25 זלאָטעס (גילדן), הגם אין אַ סך פאַלן איז דער פּרײַז געווען 50 אָדער 60 זלאָטעס. אין די סוחרישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון (אין געוועזענעם רוסלאַנד האָבן זיי געהייסן „געזעלשאַפטן פאַר קעגנזײַטיקן קרעדיט”) האָט דער „פּאַי” באַטראָפן 100 גילדן. די קאָנסטיטוציע (סטאַטוטן) פון יעדן קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו פלעגן אַרויפלייגן אויף די מיטגלידער די פליכט צו טראָגן אַ פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט (בעת אַ באַנקראָט אָדער ליקווידאַציע פון דער פאָלקס־באַנק) אויף אַ סומע 10 מאָל גרעסער ווי דער „פּאַי” (אָנטייל); אין מאַנכע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט געווען אפילו 20 מאָל גרעסער. דאָס שטימט מיטן פּרינציפּ פון „סאָלידאַרישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט”. אַ מיטגליד פלעגט דאָך קריגן אַ קרעדיט 10 ביז 20 מאָל גרעסער ווי זײַן מינימום־חלק (אָנטייל אָדער „פּאַי”), וואָס איז געווען בלויז 25 זלאָטעס, ד. ה. אַרום 5 דאָלאַר, אין דעם גרונט־קאַפּיטאַל פון קאָאָפּעראַטיוו, טאָ איז דאָך ניט מער ווי רעכט, אַז ער זאָל „על כל צרה שלא תבא” טראָגן אַ פילפאַכיקע פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, בכדי אַלע די, וואָס האָבן זייער אָפּגעשפּאָרט געלט אָנגעפאַרטרויט דער פאָלקס־באַנק זאָלן כאָטש קיין היזק ניט מוזן לײַדן.

נאַטירלעך, האָבן אַלע מיטגלידער פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו (אַלץ איינס וויפיל „פּאַיס” יעדער איינער זאָל ניט האָבן געהאַט) געהאַט בלויז צו איין־איינציקער שטימע בײַ אַלע אָפּשטימונגען, וואַלן, א. אַ. וו., אין פולן אײַנקלאַנג מיט די פונדאַמענטאַלע גרונט־יסודות פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין איר ריינער עכט־דעמאָקראַטישער פאָרם.

פון די „פראפיטן" אדער דיווידענדן פון א פאלקס־באנק פלעגט מען געוואוינלעך א קלענערן טייל ארויסגעבן די מיטגלידער, לויט דער צאל "שעירס" (פאיען), וואס יעדער איינער פלעגט האבן; און א גרעסערער טייל פון פראפיט פלעגט גיין אין דעם רעזערוו־פאנד, ד. ה. אין אזא קאפיטאל, וואס באווארנט פאר דעם קאאפע־ראטיוו זײַן קראפט און האפט.

סוף 1937 האבן די אייגענע קאפיטאלן פון די 498 ייִדישע קרעדיט־קאאפעראטיוון אין „פארבאנד" באטראפן 13.6 מיליאן גילדן, דערפון איז דער „פאי־קאפיטאל" (סטאק) געווען 7.4 מי־ליאן און דער רעזערוו־פאנד 6.2 מיליאן. די קארגע 3 מיליאן דאל. פאר קרוב 500 פאלקס־בענק איז לויט די סאמע באשיידנסטע השגות אויך ניט קיין גרויסער אייגנס. אבער פאר די פויליש־ייִדישע באגריפן איז דאס ווי ניט ווי געווען א גאנץ פײַנער קאפיטאל. דער עיקר וואס מ׳דארף געדענקען איז, אז דער גרעסטער טייל פון די אומזאץ־מיטלען האט דערהויפט געשטאמט פון די „פרעמדע פאנדן", ד. ה. דעפאזיטן.

די „פרעמדע געלט", וואס מיט זיי האבן די קרעדיט־קאאפע־ראטיוון געארבעט, באשטייען (1) פון דעפאזיטס און (2) פון באקו־מענע הלוואות פון אנדערע פינאנץ־קוועלן: פון גרעסערע בענק, פון דער מלוכה, פון אויסלענדישע אינסטיטוציעס א. ד. גל. פאר די דעפאזיטס, וואס די מיטגלידער פלעגן ארײַנטראגן, האבן די קא־אפעראטיווע פאלקס־בענק געצאלט 3 ביז 6 פראצענט א יאר. אין משך פון יאר 1937, וואס איז דער לעצטער באריכט־יאר פאר דעם אויסברוך פון דער איצטיקער קאטאסטראפע פון פוילישן ייִדנטום, האבן טויזנטער מיטגלידער ארײַנגעטראגן געלט אויף פראצענט; אנדערע האבן, ווי דער שטייגער איז, ארויסגענומען זייערע אפגע־שפארטע געלט; פארבליבן איז סוף דעצעמבער 1937, אין 498 קאאפעראטיוון, איבער 33 מיליאן גילדן (33,069,161 זל.). דאס איז געווען כמעט דרײַ מאל גרעסער ווי דער גאנצער אייגענער קא־פיטאל פון די דאזיקע פאלקס־בענק. די סומע איז, אגב, מיט 30 פראצענט גרעסער ווי די דעפאזיטן־סומע סוף 1936. דער פרעס־טיזש און דער פינאנץ־כוח פון די ייִדישע קרעדיט־קאאפעראטיוון, און צוגלײַך אויך דער צוטרוי צו זיי פון די פאלקס־מאסן, זײַנען געשטיגן ממש אין די אויגן, און פלעגן וואקסן פון יאר צו יאר.

פאַר דעם קרעדיט, וואָס די מיטגלידער באַקומען אין די פאָלקס־בענק, פלעגן זיי צאָלן העכסטנס 10 פּראָצענט יערלעך, בעת די גרעסטע מכּה פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין פּוילן אין די לעצטע 20 יאָר איז געווען דער מוראדיק־הויכער צינז־פוס (50—60 פּראָצ.) פאַר הלוואות פון די פּראָצענטניקעס. דעריבער פלעגן די יידישע פאָלקס־בענק אַרײַנטראָגן אַן אַ שיער מזל־ברכה אין די שטעט און שטעטלעך, וואו זיי האָבן געאַרבעט. במשך פון יאָר 1937 האָבן צענדליקער טויזנטער מיטגלידער באַקומען הלוואות פון די פאָלקס־בענק אויף 120 מיליאָן זלאָטעס, און צוזאַמען מיט די דיסקאָנטעס און אַנדערע קרעדיט־אָפּעראַציעס (אַוואַנסן אויף אײַנקאַסעס א. ד. גל.) האָט די טאָטאַל־סומע פון געגעבענעם קרעדיט באַטראָפן אין יאָר 1937 די זייער היפּשע סומע פון 237 מיליאָן זלאָטעס, אָדער בערך 50 מיליאָן דאָלאַר.

צו דער פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין פּוילן האָט פיל בײַגעטראָגן דער „פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון". ער האָט געשטרעבט אָפּצוהיטן דעם הויכן סטאַנדאַרד פון געשעפט־פירונג און פון אחדות־באַוואוסטזײַן (סאָלידאַרישע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט), וואָס אָן דעם קען קיין ריכטיקער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזם ניט לעבן. באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט פלעגט ער לייגן אויף אָפּצוהיטן דעם פּרעסטיזש פון ריינע קאָאָפּעראַטיוון אין קעגנזאַץ צו די געפעלשטע אָדער פאַרפירערישע „פאָלקס־קאַסעס". אַ טשיקאַווער פאַקט איז עס, אַז פּונקט ווי דאָ אין אַמעריקע זײַנען לאַנג געווען, ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, חוץ די לעגאַליזירטע קרעדיט־יוניאָנס, אויך די אַזוי גערופענע „אַקציעס" און „פינאַנץ־קאָרפּאָרייִשאַנס", זײַנען אין פּוילן געווען ניט ווייניק אַזוי גערופענע „פאַמיליען־קאַסעס", וואָס האָבן אונטער דער קאָאָפּעראַטיווער מאַסקע עקספּלואַטירט דעם עולם. דער „פאַרבאַנד" האָט געפירט אַ קאַמף קעגן אָט די „ווילדגראַז" אויפן קאָאָפּעראַטיוון פעלד.

דער גרויסער טייל פון די סוחרישע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געהאַט אַן אייגענעם פאַרבאַנד, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם אײַנפלוס פון דער אָרטאָדאָקסישער „אגודה" פּאַרטיי. סוף 1937 האָבן צום דאָזיקן פאַרבאַנד געהערט 116 קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, דערפון 90 טעטיקע פאָלקס־בענק מיט 18,000 מיטגלידער.

צווישן חורבן און אויפבוי

ג

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צענטער — דער „רעוויזיאָנס־פאַר־באַנד" — איז בלויז איינער פון די צוויי זײַלן, וואָס אויף זיי האַלט זיך יעדע געזונטע עקאָנאָמיש־פּראָדוקטיווע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. דער צווייטער זײַל איז דער עקאָנאָמיש־פינאַנציעלער צענטער — די צענטראַלע באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון. אין איר קען מען זיך צוזאַמען ווי אין אַ ים אַלע טײַכן, טײַכלעך און קאַנאַלן, דורך וועלכע דער קרעדיט שטראָמט און צירקולירט אויף צו באַלעבן דעם עקאָנאָמישן קערפּער, די ווירטשאַפטלעכע עקזיסטענץ פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן. זינט 1924 האָט אין דער יידישער פוילן געאַרבעט די „פאַנדיישאַן" ווי אַ מין צענטראַלע עקאָנאָמישע קער־פּערשאַפט פאַר די יידישע קאָאָפּעראַטיוון. זי איז באַשטאַנען פון דרײַ שותפים — דעם „דזשאָינט", די פּאַריזער י. ק. א., און דער „פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין פוילן". דער קאַפּי־טאַל פון דער „פאַנדיישאַן" האָט באַטראָפן אַ לערך גאַנץ קליינע סומע, און במילא איז קיין פרישע בלוט און כוחות דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע פון איר ניט צוגעקומען.

וויסן דאַרף מען, אַז ס׳פאָדערן זיך גרויסע סומעס כדי די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע זאָל קענען ברענגען ממשותדיקע נוצן די אַלע, וואָס נויטיקן זיך אין איר הילף. אין דער נאָך־מלחמה פוילן (1920—1939) איז די זייער פאַראָרימטע יידישע באַפעלקערונג ניט געווען בכוח צו שאַפן גענוג אומזאָץ־מיטלען (דורך אָפּשפּאָרונגען, וואָס ווערן אָוועקגעלייגט ווי דעפּאָזיטס) פאַר די קאָאָפּעראַטיוון. ווידער, אַרײַנציען אַ סך נײַע מיטגלידער אין די עקזיסטירנדיקע פאָלקס־בענק, אָדער אפילו שאַפן נײַע פאָלקס־בענק, ניט האָבנדיק פאַר זיי די נויטיקע קרעדיטן — דאָס מוז ווערן שעדלעך פאַר דער באַוועגונג גופא. עס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען אַן אומצוטרוי צו די פאָלקס־בענק, ווײַל זיי, די בענק, קענען מיט די אָרימע מיט־לען זייערע בשום אופן ניט באַפרידיקן די הלוואה־נויטן פון אַלע זייערע מיטגלידער. גרעסערע קרעדיטן פאַר די פאָלקס־בענק אין פוילן האָט מען לאַנג געהאָפט צו באַקומען אין אויסלאַנד, ווײַל די פוילישע מלוכה האָט אַזוי גוט ווי לחלוטין ניט געשטיצט פי־נאַנציעל די יידישע קאָאָפּעראַטיוון.

צילן און וועגן פון אויפבוי

דער עקאָנאָמשער וועלט־קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען סוף 1929, האָט קאַטאַסטראָפאַל געווירקט אויך אויפן ייִדישן עקאָנאָמישן לעבן אין פוילן, און אַ סך פאָלקס־בענק זײַנען רואינירט געוואָרן. דאָס האָט פאַרערגערט די לאַגע פון דער גאַנצער באַוועגונג, אַפשוואַכנדיק דעם צוטרוי אפילו צו די געזונטע קאָאָפּעראַטיוון. אין יאָר 1932 האָט אומגעריכט די „צענטראַלע באַנק", ריכטיקער — די „פאָנדיישאָן", אָפּגעשטעלט איר אַרבעט און די ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע איז געבליבן אָן אַ פינאַנציעלן צענטער. די פאַרקלענערטע אומזאַץ־מיטלען האָבן באַגרענעצט די מעגלעכקייטן צו געבן קרעדיט צו מיטגלידער. אַ גרויסער טייל פון ייִדישן מיטלשטאַנד איז נאָך שטאַרקער פאַראָרימט געוואָרן און איז געבליבן אָנגעוויזן אויפן פילאַנטראָפּישן קרעדיט פון די גמילות־חסדים קאַסעס. באַזונדערס שטאַרק האָבן געליטן פון דעם קריזיס די סוחרישע בענק. סוף יאָר 1934 האָט די פאַרבעסערטע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד געשאַפן לײַכטערע באַדינגונגען פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע. זינט 1935 האָט זיך אויפסנײַ אָנגעפאַנגען אַ תקופה פון וואוקס און ס'האָבן זיך פאַרגרעסערט די סומעס פון די דעפּאָזיטס און די באַלאַנסן פון די ייִדישע פאָלקס־בענק.

אין די לעצטע פאָר יאָר האָבן די אָרגאַניזירטע פוילישע ייִדן אין אַמעריקע, ד. ה. ד „פעדעראַציע פון די פוילישע ייִדן אין אַמעריקע", געשטיצט די פאָלקס־בענק דורך דעם אַזוי גערופענעם „אײַזערנעם פאָנד" פון דער „פעדעראַציע", וואָס האָט געדינט דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון די פוילישע ייִדן. דער ציל איז געווען צו שטיצן, פון איין זײַט, די אַרבעט פון די ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן באַנײַט נאָך דעם קריזיס פון 1930—1933, זייער טעטיקײַט, און פון דער צווייטער זײַט אַרויסרופן צום לעבן אַלץ נײַע און נײַע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק. די הילף איז געגעבן געוואָרן דורך קרעדיטן, וואָס פלעגן באַטרעפן פון פאַל צו פאַל 500 ביז 5000 גילדן, און קרוב 200 טויזנט גילדן זײַנען שוין אויף אַזאַ אופן, ד. ה. ווי אַ לאַנג־טערמיניקע הלוואה, צוגעפלאָסן צו די אומזאַץ־מיטלען פון די פויליש־ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון אין די לעצטע פאָר יאָר צײַט.

די דאָזיקע אַקציע איז אָבער געווען בלויז אַ קליינער און שוואַ־

כער פאַרזוך צו שטיצן איינע פון די וויכטיקסטע קאָנסטרוקטיווע באַוועגונגען אויף דער ייִדישער גאַס אין פוילן. די הויפט־אויפגאַבע, וואָס וואָלט אפשר פאַרווירקלעכט געוואָרן אויב דער נייַער מלחמה־חורבן וואָלט אינצווישן אַלע פּלענער און פּראָיעקטן ניט געמאַכט חרוב און מוחרב, איז געווען אויפצובויען, מיט דער הילף פון די פויליש־ייִדישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, אַ נייַע דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטע און ווירקזאַמע צענטראַלע באַנק פאַר אַלע עקאָנאָמיש־קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון פוילישן ייִדנטום. די אויפבוי־טעטיקייט נאָך דעם איצטיקן חורבן וועט מסתם, פונקט ווי אין די יאָר 1920—1921, פאָדערן אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט. בייַם שאַרפן געלט־אויספּעל צווישן די פוילישע ייִדן וועט די הילף, וואָס די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע קען געבן, זייַן אַ קאַרדינאַלער יסוד פאַר דער געזונטער אַנטוויקלונג פון ייִדישן עקאָנאָמישן לעבן אונטער די נייַע אומשטאַנדן אין דער צוקונפטיקער פוילן. כדי אָבער די באַוועגונג זאָל אין יענער צייַט קענען אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ געזונטן יסוד, איז קודם כל נויטיק צו באַוואָרענען באַצייַטנס די עקזיסטענץ פון אַ שטאַרקער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער באַנק. ערשט דורך אָט אַזאַ אינסטיטוציע וועט מעגלעך ווערן אויפצובויען אַ ברייטן און פאַרצווייַגטן בנין פון דער ייִדישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין דער קומענדיקער פוילן.

ביבליאָגראַפיע: ה. פ ר אַ נ ק: די ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין פוילן; אין „פוילישע ייִדן", 7טער יאָרגאַנג, ניו יאָרק, 1939, זז. 27—34. מ. ש אַ ל י ט (רעדאַקטאָר): די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ייִדן אין פוילן און די ייִדישע קאָאָפּעראַציע, ווילנע, 1926. י. י. י אַ ש ו נ ס ק י: ייִדישע קאָאָפּעראַציע, אַרטיקל אין דער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע", באַנד „ייִדן־א", פאַריז, 1939, זז. 539—542. א. ש מ ו י ש: האַנטבוך פאַר קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון (פאָלקס־בענק), צווייטע אויפלאַגע, וואַרשע, 1927 (אַרויסגעגעבן פון פאַרבאַנד פון די ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן"). זשורנאַל: „די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג", וואַרשע, מאָנאַטלעך זינט 1923. סטאַטיסטישע יאָר־באַריכטן (מימיעאָגראַפירטע) פון „פאַרבאַנד פון די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון".

דער ארץ־ישראל־אויפבוי און די אַרבעטער

רײַזע אײַנדרוקן און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָרשונגען

קרוב צוויי חדשים צײַט, אַפּריל און מאַי 1930, האָב איך פאַרבראַכט אין פּאַלעסטינע, כדי, ווי ווײַט ס'וועט זיך לאָזן, אויספאָרשן אויפן אָרט געווויסע פּראָגן פון ארץ ישראל אויפבוי. די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פאָרשונג־רײַזע זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער ניו יאָרקער „פרײַער אַרבעטער שטי־מע". (פינף אַרטיקלען, יולי — אויגוסט, 1930).

דער הויפּט־צוועק פון יענער שטודיר־רײַזע איז געווען זיך צו באַקענען מיטן אויפּטו פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין דער נאָך־מלחמה צײַט. גאָר באַזונדערס בין איך געווען פאַראינטערעסירט אין די נײַע סאָציאַלע און עקאָנאָ־מישע אָרגאַניזאַציעס פון די ייִדישע אַרבעטער, ווי די קבוצות, קאָאָפּעראַטיוון און קראַנקען־קאַסעס. אויך האָב איך געזוכט זיך נענטער צו באַקענען מיט די צוויי פונדאַמענטאַלע יסודות פון דאָרטיקן (ווי פון איטלעכן) עקאָנאָמישן אויפבוי, נעמלעך: דאָס לאַנד און דאָס פאָלק. און דאָ, פאַרשטייט זיך, האָט דעם אויבן־אָן פאַרנומען די ייִדיש־אַראַבישע פּראַגע. אויף ווי ווײַט דאָס איז בכלל מעגלעך, האָב איך שטענדיק געשטרעבט צו באַשרײַבן און אורטיילן די לאַגע אויף אַן אָביעקטיוון אופן.

ס'איז אפשר ניט סתם אַ צופאַל, אַז פאַר דער אַראַבער־פּראַגע, וואָס איז ווירקלעך אַ צענטראַלע פּראָבלעם, דער מיטלפּונקט, פון ארץ ישראל אויפבוי, איז אויסגעפאַלן אין דער אַרטיקל־סעריע אַ פּלאַץ אין רעכטן מיטן. דורך אַזאַ צופאַל און אפשר אַן איבעריקן מאָל, אַזוי צו זאָגן, באַשטעטיקט געוואָרן דער פּרינציפּ, אַז אָן דער לייזונג פון אָט דער פּראַגע וועט ניט קענען געמאָלט זײַן קיין פאַרענטפערונג פון די איבעריקע פּראָבלעמען פון ישוב. די לייזונג פון דער אַראַבער־פּראַגע, מיט איין וואָרט, דאַרף שטיין אין מיטלפּונקט פון אַלע זאָרגן און פּלענער מכח דעם ווידעראויפבוי פון דעם לאַנד, וואָס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו לעבן אין די האָפענונגען און תפילות פון אונדזער פאָלק.

דאָ ווערן פינף אַרטיקלען איבערגעדרוקט כמעט אָן קירצונגען און הוספות. מיר האַלטן, אַז פאַר יעדן, וואָס פאָלגט נאָך די פּאַלעסטינער אַנטוויקלונגען, באַזונדערס אין זייער איצטיקער פאַזע, וועט זײַן ניט אומאינטערעסאַנט צו פאַר־גלײַכן דעם אָביעקטיוון אורטייל וועגן דער לאַגע אין 1930 מיט די דערפאַרונגען און צושטאַנד אין דער סאַמע לעצטער צײַט.

צווישן חורבן און אויפבוי

אמת, דער גאַנצער ייִדישער ישוב, און נאָך מער די אַרבעטערשאַפט, זײַנען שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן, אפשר אויף 200 פראָצ., אין די לעצטע עטלעכע יאָר. אָבער אין זייער וועזן און תוך זײַנען די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס געבליבן די זעלבע ווי געוועזן אין 1930 און נאָך פריער. זייערע שטרעבונגען, פּראָבלעמען און אידעאַלן האָבן זיך ניט געביטן. צום גליק דערגרייכט שוין הײַנט די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל די חשובע ציפער פון 100,000. דער לייענער וועט אַליין, פון אונדזערע געציילטע סטאַטיסטישע בײַשפּילן, זען ווי קליין זײַנען געוועזן די קערנדלעך, וואָס פון זיי איז אויפגעשטייניקן (בוכשטעבלעך!) פּאַלעסטינער באָדן שוין אויסגעוואַקסן ניט איין מעכטיקער בוים. האָבנדיק דאָס אין זינען, קען מען ערשט באַגרײַפן דעם איינציקאַרטיקן אויפטו פונם אָפּפערווילליקן, העראָאישן יונגן אַרבעטער־טיפּ אין ארץ ישראל.

אפשר וועט אָט דער רײַזע־באַריכט פון דער ייִדישער פּאַלעסטינע העלפן בעסער צו פאַרשטיין די ראָלע פון דער אַרבעטערשאַפט אינם ארץ ישראל אויפבוי, אַן אויפבוי, וואָס פירט זיך אין באַדינגונגען אָנגעלאָדענע מיט שווערע און אָפּטמאָל שמערצלעכע פּראָבלעמען.

פאַר דער אינפאָרמאַציע פון לעזער, גיבן מיר אין קורצע פוס־נאָטיצן די נײַעסטע סטאַטיסטישע ציפערן מכח דעם איצטיקן צושטאַנד פון די אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און אַנדערע סאָציאַלע דערשײַנונגען וואָס ווערן באַהאַנדלט אין מײַן רײַזע־באַריכט פון יאָר 1930.

1. לאַנד און פאָלק

פּאַלעסטינע איז לויט איר שטח אַ קליין לאַנד. זי האַלט קאַרגע צען טויזנט קוואַדראַט מײַל, אָדער אַרום 28 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער. דער אײַנדרוק, וואָס איך האָב באַקומען אין משך פון 6—7 וואָכן אַרומפאָרן אין לאַנד, דערוועקט אָבער ניט קיין געפיל, אַז פּאַלעסטינע איז שוין אָנגעפילט מיט אַ מער אָדער ווינציקער געדיכטער באַפעלקערונג. גאַנץ ווײַט דערפון.

צוויי הויך אַנטוויקלטע אייראָפעיִשע לענדער, בעלגיע און האָלאַנד, האָבן כמעט אַזאַ שטח ווי פּאַלעסטינע, אָבער אין יעדער איינער פון זיי לעבן צו שיינע עטלעכע מיליאָן נפשות. בעלגיע האָט צו 254 אײַנוואוינער אויף אַ קוואַדראַט קילאָמעטער; פּאַלעסטינע — 25. פאַלש איז אָבער צו פאַרגלײַכן אַזאַ אינדוסטריאַליזירטע און קאָמערציאַליזירטע לאַנד ווי בעלגיע מיט דער אַגראַרישער און נאָך גאַנץ פרימיטיווער פּאַלעסטינע. ריכטיקער וועט

זײַן צו מאַכן אַ פאַרגלײַך מיט אַנדערע צוויי לענדער, וואָס שטייען גאַנץ נאָענט, לויט זייער קלימאַט און עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מצב, צו פּאַלעסטינע. דאָס זײַנען די צענטראַל־אַמעריקאַנער רעפּובליקן סאַלוואַדאָר און די נעגער־רעפּובליק אין די וועסט־אינדישע אינדזלען, האַיטי. (איך ברענג דאָ ציפערן פאַר אַלע דרײַ לענדער פון יאָר 1914).

האַיטי: אַ שטח פון 28 טויזנט און 500 קוואַדראַט קילאָ־מעטער; 2.2 מיליאָן אײַנוואוינער; 79 נפשות פּער קוו. קלמטר.

סאַלוואַדאָר: 34,160 קוו. קלמטר; 1 מיליאָן און 300 טויזנט נפשות; 34 פּער קוו. קלמר.

פּאַלעסטינע: 26 טויזנט 600 קוו. קלמטר; 700 טויזנט אײַנ־וואוינער; 26.3 פּער קוו. קלמטר.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז די קליינע פּאַלעסטינער באַפעל־קערונג (קאַרגע 900.000 אין 1930) ניט גלײַכמעסיק פאַרטיילט איבערן לאַנד. אין דעם פלאַכן ברעג־שטח פון לאַנד, וואָס ציט זיך פון דער שטאָט חיפה אויף אַ 100 מײַל צו דורם־צו, און וואָס איז אַ פּאַס אין דורכשניט אפשר ניט מער ווי 12־15 מײַל אין דער ברייט, לעבט וואַרשײַנלעך אַ דריטל פון דער גאַנצער פּאַלעסטינער באַ־פעלקערונג בכלל, און געוויס איבער אַ העלפט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, פון די ארץ ישראל ייִדן. דאָ געפינט זיך דער בעס־טער, פרוכטבאַרסטער באָדן, וואָס פּאַסט זיך אויסגעצייכנט פאַר אָראַנזשן פּלאַנטאַציעס, פאַר ווײַנגערטנער, און אַנדערע אינטענזיווע לאַנדווירטשאַפט־צווײַגן (גרינס, בלומען, סוב־טראָפּישע פרוכטן). די אַנדערע טיילן פון לאַנד האָבן אַ באַרגיקע אויבערפלעך; זיי באַ־שטייען, מיינט עס, פון לאַנגע שטרעקעס בערג און בערגלעך מיט טיפע טאָלן, וואָס שנײַדן זיי דורך אין אַלע ריכטונגען. די דאָזיקע טיילן פון לאַנד זײַנען, לויט דער נאַטור פון זייער באָדן, פאַרשטייט זיך, ווייניקער צוגעפּאַסט צו אַן אינטענזיווער אַגריקולטור. ממילא קען דאָרט ניט לעבן קיין גרויסע באַפעלקערונג.

אומגעהײַער גרויס איז דער שטח פון אָט די באַרגיקע טיילן לאַנד, וואָס איז דורות־לאַנג דורך די פּרימיטיווע און פוילע אײַנ־וואוינער פאַרלאָזן געוואָרן. די גרויסע רעגנס האָבן אָפּגעוואַשן פון די זײַטן פון די בערג דעם גאַנצן אויבערשטן שיכט פון דער ווייכער

פּרוכטבאַרער ערד, און פאַרבליבן זײַנען פּעלזיקע מאַסן, וואָס ווערן דורך דער ברענענדיקער זון, רעגנס און ווינט צעשפּאָלטן אין טויזנ־טער מיליאָנען קלענערע און גרעסערע שטיינער. דורך פלײַסיקער באַאַרבעטונג און באַפלאַנצונג פון אָט די בערג לאָזט זיך אפילו די וויסטע געגנט פאַרוואַנדלען אין אַ בליענדיקן גאָרטן. און דאָס האָב איך קלאָר געזען אין צוויי פּרעכטיקע לאַנדווירטשאַפט־פּונקטן פון דעם נײַעם ייִדישן ישוב — קרית ענווים און מוצא, ביידע קאָ־לאָניעס ניט ווײַט פון ירושלים אויפן וועג צו תל־אביב. שווער איז אָבער צו באַשרײַבן די מי, וואָס איז אַוועק אויף אַזאַ קולטיוויזאַ־ציע פון דער וויסטעניש...

צו מזרח־צו פון דעם ברייטן באַרגיקן פּאַס, וועלכער ציט זיך פון די לבנון־בערג אין סיריע ביזן סאַמע מדבר צו דרום פון פּאַ־לעסטינע, ליגט דער טיפער טאָל פון ירדון (עמק הירדון) מיט זײַן טראָפּישן קלימאַט און מיט שטיקער זאַמדיקע וויסטע, וואָס טויגן שוין לחלוטין ניט פאַרן מענטשלעכן ישוב. אָבער יענע טיילן פון עמק הירדון, וואָס קענען יאָ באַאַרבעט ווערן דורך דעם אַקעראײַזן, ווי, למשל, די שוין קאָלאָניזירטע געגענטן צו צפון און דרום פון ים כנרת, ווײַזן, אַז גאַנץ גרויסע מעגלעכקײַטן פון אַ פּרוכטבאַ־רער אויסנוצונג פון דער נאַטור געפינען זיך אפילו אין יענעם טייל לאַנד. געגנוג איז נאָר צו באַזוכן די בליענדיקע קאָלאָניע (קבוצה) דגינה (געגר. אין 1908) בײַם סאַמע ברעג פון ירדון, גלײַך וואו דער טײַך פליסט אַרויס פון ים כנרת, און עס ווערט אײַך קלאָר, אַז דורך דער פלײַסיקער מענטשלעכער אַרבעט און פּלאַנמעסיקער ענערגיע לאָזט זיך אַ שטיק פאַרנאַכלעסיקטע און ממש „וויסטע" לאַנד, אַ שטיק מדבר, פאַרוואַנדלען אין אַ געבענטשטן ווינקל, אַן אַאַזיס מיט לאַנגע שאָטנדיקע אַלייען, גערטנער, פּלאַנטאַציעס פון באַנאַנעס, גרייפּפרוכט, אַלערליי גרינס קולטורן און שיינע גאָלדיקע ווייץ־פעלדער, צוזאַמען אַ שטח פון קרוב 400 אַקער לאַנד.

דער שווערסטער בײַטש, וואָס פון אים האָט פּאַלעסטינע אַזוי לאַנג געליטן, איז דער מאַנגל אין וואַסער. נאַטירלעכע באַוואַ־סערונג (רעגנס און טײַכלעך) האָט דאָס לאַנד ווייניק (ווײַל דאָ איז הונדערטער יאָר כסדר געפירט געוואָרן אַ לאַנדווירטשאַפטלע־כע רויב־ווירטשאַפט, דורך אויסהאַקן בוימער א. א. וו.), און מיט די



מאַפּע פון ארץ ישראל

מאַסשטאַב: 1 צאָל — 32 ענגל. מייל.

פון א. רעוואוצקי׳ס „דאָס נײַע ארץ־ישראל“, וואַרשע, 1936.

פרימיטיווע מיטלען, למשל, שעפנדיק וואַסער פון ברונימער און קוואַלן, קען מען נאָך ניט באַקומען גענוג וואַסער פאַר מאָדערנע ישובים, אָדער פאַר גוטע פאַרם־ווירטשאַפטן און פלאַנטאַציעס. די לאַנדווירטשאַפטלעכע עקאָנאָמיסטן האָבן אויסגעפונען, אַז פון אַ דונאַם (כמעט אַ פערטל אַקער) לאַנד, וואָס ווערט באַאַרבעט מיט דער הילף פון אַ קינסטלעכער באַוואַסערונג, קען מען האָבן 5—6 מאָל אַזוי פיל אײַנקונפט ווי פון אַ דונאַם לאַנד, וואו ס׳איז קיין באַוואַסערונג ניטאָ.

נו ווערט שוין קלאָר, אַז איינע פון די וויכטיקסטע און בוי־טיקסטע שאַפונגען פון דעם קאָלאָניזאַציע־שטאַנדפונקט איז די אויסנוצונג פון די פאַרבאָרגענע וואַסער־קוואַלן (אונטער דער ערד), וועלכע אַזאַ לאַנד ווי פּאַלעסטינע, מיט איר וואונדערבאַר־געוועלבטן, באַרגיקן אויבערפלעך, מוז האָבן לרוב. די דאָזיקע אַרבעט, אויף וויפיל זי איז שוין אָפגעטאָן געוואָרן דורך די יידישע קאָלאָניסטן, פון וועלכע גאָר אַ סך שטעלן אַוועק גאַז־מאָטאָרן און פּאָמפּעס צו ציען וואַסער פון טיף־טיף אונטער דער ערד, אָט די באַוואַסערונג־אַרבעט איז אַ קוואַל פון מזל ברכה פאַר אַלע אײַנוואוינער פון לאַנד, יידן און אַראַבער. דאָס וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן, ווען מ׳קוקט זיך צו צום עקאָנאָמישן לעבן פון די קאָלאָניעס.

אַ צווייטער אויפטו, און אַן אויפטו פון ניט קיין קלענערער אַלגעמיין קולטור־קאָלאָניזאַציאָנעלער באַדײַטונג, איז די אויסטריקע־נונג פון די זומפּן, וועלכע זײַנען אין ארץ ישראל, ווי אין אַלע סוב־טראָפּישע, זייער וואַרימע לענדער, אַ נעסט פון שעדלעכע מאָסקיטאָס און קדחת. פון די לאַנגע רעגנס קלײַבן זיך אָן אין אַ סך פלעצער גרויסע קאַלוזשעס, וואו ס׳פּלאָדזשען זיך די גיפטיקע באַצילן. נו, גראָבט מען דורך קאַנאַלן, וואָס ציען אָפּ די וואַסערן פון אַזעלכע זומפּן, דאַן שאַפט זיך אַ „לעבעדיקער", פליסנדיקער וואַסער, און פון אַזאַ שטראָם קומט אַרויס די שפע אויף די אַרו־מיקע פעלדער: פון אַ קללה ווערט אַ מזל ברכה. אויך דאָס קען מען זען דורך ממשותדיקע בײַשפּילן אין צענדליקער פלעצער פון דער נײַער פּאַלעסטינע, ווי, למשל, אין דעם מזרח טייל פון „עמק" (עמק יזרעאל) בײַ דער קבוצה „עין חרוד", וואו קאַנאַלן און פאַר־פלאַנצטע בוימער (ווערלדלעך פון עקאַליפּטוס בוימער) האָבן פון אַ נעסט

פון מאַלאַריע (געלע קדחת) געמאַכט אַ גרויסע בליענדיקע קאָלאָ־ניע מיט אַ סך פאַרם־באַשעפטיקונגען פאַר הונדערטער מענטשן.

נאָך אַ דריטער צווײַג פון אַלגעמיין קולטור־קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג אין פאַלעסטינע איז די אויסנוצונג פון די ריזיקע זאַפּאַסן פון דער וואַסער־קראַפט, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט. עס איז קלאָר, אַז דורך הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס, ד. ה. פּראָדוצירנדיק עלעק־טרישע קראַפט און באַלײַכטונג אַדאַנק דער קראַפט און ענערגיע פון אַ שטאַרקן וואַסער־שטראָם, קען מיט דער צײַט דאָס קליינע פאַלעסטינע אויפלעבן אויף דעם געביט פון לאַנדווירטשאַפט, אינ־דוסטריע און קאָמוניקאַציע (טראַנספּאָרט), ווײַל, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ליגט דער שליסל צו דער קאָלאָניזאַציע אין דער באַ־וואַסערונג, און זי ווידער פאָדערט פיל מעכאַנישע קראַפט צו טרײַבן די עלעקטראָ־מאָטאָרן און וואַסער־פּאָמפּעס.

אויך אָט אויף דעם דאָזיקן געביט — די שאַפונג פון וואַ־סערקראַפט — האָט פאַלעסטינע שוין געמאַכט אַ היפּשן טריט אויף דעם וועג צו דער געהעריקער אויסנוצונג פון אירע גרויסע קראַפט־מעגלעכקײַטן. אינזשינער פּנחס רוטענבערג איז, ווי באַ־קאַנט, דער פאָטער פון אַ פּלאַן אויסצונוצן די גוואַלדיקע פאַרבאָר־גענע כּוחות פון די צוויי גרויסע פאַלעסטינער טײַכן — ירדן און ירמוק. דער ירדן אַליין האָט מעגלעכקײַטן צו געבן הונדערטער טויזנטער פערד־קראַפט ענערגיע דורך גרויסע וואַסער־טורבינעס, וואָס וואָלטן קענען שאַפן עלעקטריע פאַר אַלערליי פּראָדוקטיווע צוועקן. צווישן ים כּנרת און דעם ים המלח, אַ שטרעקע פון 120 קילאָמעטער, לאָזט זיך די פלאַך פון ירדן אַרונטער אויף קרוב 1000 מעטער. אַזאַ פאַלנדיקער שטראָם האָט אין זיך אַ ריזיקע פּאָטענ־ציעלע ענערגיע, און ווען מ׳שפּאַנט דעם שטראָם אײַן אין די גע־העריקע דאַמבעס, וואָלט ער אַרויסגעגעבן אומגעהײַער פיל עלעק־טרישע קראַפט, וואָס וועט אגב קאָסטן ביליק. מ׳טאָר פּשוט ניט לאָזן גיין אין ניוועץ אַזאַ קראַפט, אַזאַ מוראדיקן קוואַל פון ענערגיע.

דער רוטענבערג פּראָיעקט איז שוין צום טייל פאַרווירקלעכט. איך האָב געזען די גרויסע וואַסער־קראַפט סטאַנציע עטלעכע מײַל צום דרום פון ים כּנרת, אין נהרים, וואו די סטאַנציע וועט באַלד זײַן בכּח אַרויסצוגעבן איבער 30 טויזנט פערד־קראַפט ענערגיע.

דאָרט קומט פאַר, שוין כמעט 2 יאָר צײַט, אַ פּיבערדיקע בוי־טעטיקײַט מיט 300 פּאַכאָווע אַרבעטער. עס זײַנען שוין אויסגעבויט געוואָרן לאַנגע בעטאָן־קאַנאַלן, שליוזן, בריקן און גרויסע בנינים פאַר מאַשינען און ווערקשעפער, ווי אויך צענדליקער וואוין־הײַזלעך פאַר אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. אין אַט דעם טייל פון ירדון, וואו ס'פאַלט אין אים אַרײַן דער ירמוק, וועט אַרבעטן די ערשטע מאָדערנע עלעקטרישע קראַפט סטאַנציע אין פאַלעסטינע. פון איר וועלן זיך ציען קאַבעלן איבערן גאַנצן לאַנד. די הויכע און גרויסע אײַזערנע סלופּעס פאַר אַזאַ עלעקטרא־קאַנאַליזאַציע זײַנען שוין אויסגעשטעלט אויפן גאַנצן וועג פון נהרים ביז יפו, איבער חיפה, אַ שטח פון איבער 200 קילאָמעטער. דערווײַל באַטרײַבט די „פאַלעסטינאַ עלעקטראַ געזעלשאַפט" קלענערע קראַפט־סטאַנציעס אין תל אביב, חיפה און טבריה.

אַט דאָס איז דער אַלגעמיינער אײַנדרוק פון אַ באַזוכער פון פאַלעסטינע, וואָס זוכט מיט אַ שאַרפער אויג אויסצוגעפינען די אַנטוויקלונג־מעגלעכקײַטן פון לאַנד. ער מוז זען, אַז איבעראַל ליגן נאָך פאַרבאַהאַלטענע, אומבאַרירטע אוצרות און שאַנסן, ד. ה. גינסטיקע געלעגנהײַטן. דורך אַרטיזאַנישע ברונימער (פון אונטערערדישע קוואַלן) און מאָטאָר־פּאָמפּעס, דורך איריגאַציע אַרבעטן, ווי די באַוואָסערונג און קאַנאַליזירונג פון זומפּן, דורך אַן אויסנוצונג פון דער כמעט אומזיסטער און אומבאַגרעניצטער וואַסער־קראַפט און עלעקטרישער ענערגיע — דורך די אַלע שאַפונגען איז מעגלעך צו פאַרדרײַפאַכן, אפשר נאָך צו פאַרזעקספאַכן, די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער קליינער פאַלעסטינע. ס'זײַנען דאָ נאָך אַנדערע פּאָטענציעלע, פאַרבאָרגענע אוצרות און כוחות אין אַט דעם קליינעם און אַזוי שטאַרק פאַרנאַכלעסיקטן לאַנד, ווי אַ שטייגער די קאַלי־זאַפּאַסן אין „ים המלח" (טויטן ים), מכח וועלכע מ'האָט ערשט אין דער סאַמע לעצטער צײַט אָנגעפאַנגען צו קלערן ווי אַזוי מען זאָל זיי אויסנוצן. פון אַט דעם מינעראַל קען אַרויסקומען אַ רײַכער קוואַל פון די כעמישע באַפּרוכטונג־שטאָפן ניט בלויז פאַר פאַלעסטינע גופא, נאָר אויך פאַרן עקספּאָרט. די אַרבעט אַרום דעם „טויטן ים" האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען. און פון אַנדערע רוי־שטאָפן, מינעראַלן, האָט מען שוין אין דער לעצ־

טער צײַט אויך אָנגעפאַנגען, אויף אַ גאַנץ גרויסן מאַסשטאַב, צו פּראָדוצירן בוי־מאַטעריאַלן, צעמענט, ציגל, קאַכליעס (טאַילס), דאַכעוועס, א. א. וו. ווי אויך שטיין־בריקעטן פאַר הײַזער און גאַסן־פלאַסטערס.

פרעגט זיך אָבער: איז דאָ שוין אין דער קליינער פּאַלעסטינע דאָס פאָלק, וואָס זאָל זיך נעמען אויסצונוצן אָט די היפשע מעגלעכקײַטן און שאַנסן?

די פּאַלעסטינע פון יאָר 1930 ווערט, אין רונדע ציפערן, גערעכנט אַ לאַנד מיט קאַרגע 900 טויזנט אײַנוואוינער. פון זיי זײַנען 660 טויזנט מוסולמאַנער, 180 טויזנט יידן, די איבעריקע — קריסטן, דערהויפּט געשמדטע אַראַבער אָדער זייערע קינדער און קינדס־קינדער. די צוויי וויכטיקסטע פעלקער־עלעמענטן — יידן און אַראַבער, הגם זיי קומען אַרויס פון אַ געמיינזאַמען ראַסן־שטאַם, שטעלן אָבער פאָר, איינער קעגן דעם צווייטן, אַ שטאַרקן קאָנטראַסט, וואָס איז שײַך צו דער מדרגה פון זייער קולטור־אַנטוויקלונג און פּסיכאָלאָגיע. צוויי דריטל פון דעם יידישן ישוב, דער אַזוי גערופענער „נײַער ישוב", זײַנען מענטשן דורך און דורך אַקטיווע און דינאַמישע, מיט אַ קאָלאָניזאַטאָריש־ציוויליזאַטאָרישן ברען, מענטשן געזעלשאַפטלעך־באַוואוסטזיניקע און פּראָגרעסיווע, און פאַרטאָן אין אַן עקאָנאָמיש־קאָמערציעלן שאַפונג־פּראָצעס און אויפבוי אין גײַסט פון 20טן יאָרהונדערט. די יידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע האָבן טאַקע, אין אַ לערך קורצער צײַט, זיך דערשלאָגן דורך אַרבעט און געלט־אינוועסטירונג, צו אַן עקאָנאָמישער פּאָזיציע, וועלכע איז אין דער עקאָנאָמיק פון לאַנד אַן אַ שיעור גרעסער ווי דער פּראָפּאָרציאָנעלער טייל פון די יידן אין דער באַפעלקערונג פון אָט דעם לאַנד בכלל, וואו זיי זײַנען אין 1929 געווען בערך 22 פּראָצענט.

שאַרף איז דער קאָנטראַסט דערעיקרשט צוליב דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער און גײַסטיקער אָפּגעשטאַנענקײַט פון די שכנים — די אַראַבער, צוליב זייער אָרעמקײַט, באַדערפנישלאָזיקײַט און קאָנסערוואַטיזם אין באַצוג צו יענע לעבנס־פאָרמען, וואָס זײַנען געקומען אין דער נײַער צײַט. אַ טייל פון די פּאַלעסטינער אַראַבער (אַרום איין פינפטל) זײַנען בעדואינער, ד. ה. מענטשן וואָס וואַנדערן מיט זייערע סטאַדעס אַרום פון פּלאַץ צו פּלאַץ און לעבן אין געצעלטן,

ווי אַראַבישע מדבר־אײַנוואוינער פון פּאַרצײַטן. די אַראַבישע דאָרף תושבים, די פעלאַכן, זײַנען אומגעבילדעט און שטאַרק אָפּגעשטאַנען. אַ סך פון זיי לעבן אין אַ פעאָדאַליסטישן סדר, ד. ה. זיי זיצן אויף דער ערד פון די גרויסע באָדן־באַזיצער, און צאָלן זיי שווערע רענט; און אַנטקעגן אָט די „עפענדיס" פילן די פעלאַכן אַ גרענעצלאָזע מורא און דרך ארץ, ווי פאַר די מענטשן פון עפּעס אַ העכערער ראַסע. די מעטאָדן פון דער ערד־באַאַרבעטונג זײַנען בײַ אַזעלכע פעלאַכן טאַקע פון גאָר די עלטסטע, די פרימיטיווסטע און, פאַרשטייט זיך, גיט זיי דער באָדן אַרויס אפשר ניט מער ווי אַ פינפטל דערפון, וואָס מ'וואָלט פון אים געקענט און געדאַרפט אַרויסציען ווען מ'באַאַרבעט אים כדבעי.

די גײַסטיקע אַנטוויקלונג פון אַ פעלאַך (אַן אַראַבישער פויער) איז אַ נידעריקע. ווייניק פון די דערוואַקסענע פעלאַכן זײַנען באַקאַנט מיטן אַלפאַבעט אָדער מיט די יסודות פון יאָרן־ציילונג. פרעגט איר, למשל, איינעם ווי אַלט ער איז, קענט איר דאָן באַקומען פון אים אַזאַ תשובה: „ער טראָגט שוין די דריטע אַבייע" (אַ מין מאַנטל), אָדער — „ער איז געבאָרן געוואָרן גלײַך נאָך די גרויסע רעגנס" (וואָס זײַנען משמעות בשעתו פאַרגעקומען אין זײַן געבורט־פּלאַץ, און האָבן הפנים געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף די אָרטיקע פעלאַכן). די זעלבע פעלאַכן, און באַזונדערס — זייערע געבילדעטערע קינדער, האָבן אָבער אַ געוויסע מיטגעבאָרענע פייאיקײַט, אונטער געוויסע אומשטאַנדן, איבערצונעמען די מאָדערנע קענטענישן און די אויסערלעכע לעבנס־פאָרמען, ווי אויטאָמאָביל קאָמוניקאַציע, קליידונג, שפּראַכן א. א. וו. מיט דער צײַט וועט אפשר דער גײַסטיקער מצב אויך פון דער דאָרפישער אַראַבישער באַפעלקערונג ווי ניט ווי שטײַגן, פשוט ווײַל זיי זײַנען בכוח צו אימיטירן די אויסערלעכע זײַטן פון דער הײַנטיקער ציוויליזאַציע (דאָס זעט מען שאַרף אַרויס אויך אין איצטיקן עגיפּטן, וואָס זײַן נאָמען אין אַראַביש איז נאָך אַלץ, ווי אין תנ"ך, מצרים).

עקאָנאָמיש שטײַגען באַזונדערס שטאַרק צו זײַן דווקא יענע טיילן פון די אַראַבער־מאַסן אין פּאַלעסטינע, וועלכע לעבן אין שכנות מיט די שטעט און אַרום די גרעסערע יידישע קאָלאָניעס, ווי פתח תקוה, ראש פנה, רחובת א. א. וו. און דאָס איז אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך.

פאַר די געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די ייִדן, וואָס קויפן דעם באָדן און פון לויך־אַרבעט אין ייִדישע קאָלאָניעס, און דער ביי־שפּיל פון דער מאָדערנער ייִדישער לאַנדווירטשאַפט מיט אירע נייַע מעטאָדן — דאָס אַלץ האָט אויפגעהויבן די מדרגה פון דער ציוויִ־ליזאַציע און פון דער לעבנספירונג אויך ביי די אַראַבער. דאָס איז אַ וויכטיקער רעזולטאַט פון דער נייַער ייִדישער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל: אַן אַלגעמיינע העכערונג אין דעם לעבנס־שטייגער, אין אַ טעמפּאָ, וואָס איז דאָרט נאָך קיינמאָל פריער ניט געווען.

אַרום אַ דריטל פון דער ניט־ייִדישער פּאַלעסטינע לעבט אין די שטעט, וואו די אַראַבער פאַרנעמען זיך מיט האַנדל, מלאכה און פרייַע פּראָפעסיעס. פון דאָרט קומט אַרויס די כסדר וואַקסנדיקע אַראַבישע נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע באַוועגונג, צעטיילט אין עטלע־כע שטרעמונגען, וואָס האַלטן אין שטרייַטן צווישן זיך, און פירן שוין יאָרנלאַנג מינדלעכע און פרעסע פּראָפּאַגאַנדע. אַ סך הויז־באַ־זיצער אַראַבער לעבן ברחבות פון דירה געלט הכנסות, וואָס זיי באַקומען פון די ייִדן אין די שטעט; בעת פילע אַנדערע אַראַבער פירן משא ומתן געשעפטן, ווי למשל, דער ערד־פאַרקויף, מיט די ייִדישע קאָלאָניסטן און קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן. די אַראַבישע אַרבעטער אין די שטעט, וואָס האָבן נאָך אַ שטאַרקע פאַרבינדונג מיטן דאָרף, זייַנען גאַנץ זעלטן פאַכאָווע בעלי־מלאכות, און זיי באַנוגענען זיך מיט קליינע שכירות, ניט פיל גרעסערע פון די, וואָס די אַראַבישע פאַרם־אַרבעטער קריגן.

אָט אַזאַ שאַרף־אָפּגעזונדערטע עקאָנאָמישע קאָנטראַסט־סיטו־אַציע אין דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג איז, נאַטירלעך, שוין גאָרניט קיין סגולה פאַר אַ פּראָגרעס פון דער קאָלאָניזאַטאָרישער ציוויליזאַציע־טעטיקייט אין אָט דעם אינטערעסאַנטן און היסטאָרישן לאַנד, וואָס ליגט ביי דער שוועל פון אַזיע און אַפריקע, אַזוי נאָענט צו אייראָפּע (אין אַ העכסט וויכטיקער סטראַטעגישער לאַגע), און האָט אַזוי פיל קולטור־היסטאָרישע, עפּאָכע־מאַכנדיקע טראַדיציעס און זכרונות. פונדעסטוועגן גלויבט זיך, אַז די מניעות, וואָס קו־מען פון די באַשריבענע אייגנשאַפטן פון פאָלק און לאַנד אין פּאַ־לעסטינע, וועלן ניט זייַן אַזוי גרויס, אַז יעדער פאַרזוך צו פאַרגרע־סערן די דאָרטיקע באַפעלקערונג דורך אַן אַרבעטוויליקן און געזונטן

מענטשן־מאַטעריאַל זאָל דאַרפן זײַן אַ דורכפאַל. דאָס לאַנד קען און דאַרף וואַקסן, ווייל ס'האָט דערצו די געהעריקע פאַרבאַדינגונגען און געלעגנהײַטן.

עס קען אָבער קיין ספק ניט זײַן, אַז צוליב די זייער קאָמפּליצירטע אומשטענדן פון דעם באַפעלקערונג־צוזאַמענשטעל שאַפן זיך שווערע פּראָבלעמען און אַן אַ שיעור פאַרוויקלונגען אין גאַנג און וועג פון דער נײַער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אַזעלכע אומפאַרמײַדלעכע פראַגן און פּראָבלעמען זײַנען, צום באַדויערן, דערווײַל דורך די טוער און געזעלשאַפטלעכע פירער פון דער נײַ־ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע ניט גענוג גרינדלעך געפאָרשט געוואָרן. דאָס האָט געפירט, ווי מיר וועלן ווײַזן, צו די שמערצלעכע, אָפט טראַגישע סכסוכים און רײַבונגען אין די ייִדיש־אַראַבישע באַציאונגען אין די לעצטע יאָרן.

2. די ייִדישע שטעט

די מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל האָט זיך אָנגעהויבן מיט קרוב 60 יאָר צוריק. פון דער צווייטער זײַט — די שטאָטישע קאָלאָניזאַציע, דאָס מיינט דער וואוקס פון די מאָדערנע ייִדישע שטאָט־קוואַרטאַלן און גאַנצע שטעט (ווי, למשל, תל־אביב), איז בלויז אַ פּאָר צענדליק יאָר אַלט. פונדעסטוועגן מאַכט דער נײַער שטאָטישער ישוב ניט קיין קלענערן אײַנדרוק אויף דעם באַזוכער ווי דער נײַער ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב.

דער נײַער שטאָטישער ישוב איז בכן גאַנץ יונג. דער פענאָמענאַל שנעלער וואוקס פון תל־אביב האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין יאָר 1921. פון יענעם יאָר אָן ביז 1930 איז די באַפעלקערונג פון דער שטאָט געשטיגן פון 12 ביז 40 טויזנט. די נײַע ייִדישע פאָרשטעט אין חיפה, ירושלים און טבריה זײַנען אויך אויסגעוואַקסן אין די לעצטע 8—9 יאָר (1921—1929).

דער גרויסער פּאָגראָם אין יפו, אין מאַי 1921, האָט געפירט צו אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פון די ייִדן פון יפו אין דער שכנישער

שטאָט תל־אביב אַרײַן, און דאָס האָט געגעבן דעם ערשטן שטאַרקן שטויס פאַר אַ פאַרשנעלערטן וואוקס און אויפבוי פון דער עלטסטער מאָדערנער ייִדישער שטאָט אין פּאַלעסטינע.

פּונקט אַזוי האָבן אויך געווירקט די בלוטיקע געשעענישן פון אויגוסט 1929, וואָס נאָך זיי האָבן די ייִדן אין חיפה, למשל, אָנגעהויבן אין גאָר גרויסע מאָסן צו פאַרלאָזן די אַלטע שטאָט, וואו זיי פילן זיך ניט זיכער אין צײַטן פון אומרוען און גייען אַוועק זיך צו באַזעצן אין די מאָדערנע ריין־ייִדישע קוואַרטאַלן, ווי הדר הכרמל, אין דער גאַנץ נאָענטער אומגעגנט פון דער אַלטער חיפה. ענלעך גייט אויך דער וואוקס פון דער ייִדישער ירושלים.

אָט דאָס איז דער ערשטער אַלגעמיינער אײַנדרוק פון דעם וואוקס פון די ייִדישע שטעט אין ארץ ישראל; זיי וואַקסן דווקא נאָך די צײַטן פון אַנטי־ייִדישע עקסצעסן, און פון זייער זײַט פאַרשאַרפן זיי דעם איזאָלירונגס־פּראָצעס צווישן די ייִדן און אַראַבער, אַ פּראָצעס, וועלכער גייט אָן זינט דעם אָנהויב פון דער מאָדערנער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, בערך 40—50 יאָר צײַט.

קלאָר איז, אַז פון דעם דאָזיקן פּראָצעס לײַדן שטאַרק די אַראַבישע הויז־באַזיצער, קרעמער א. א. וו., אין די גרעסערע שטעט מיט אַ געמישטער, ייִדיש־אַראַבישער באַפעלקערונג. פאַרקערט, דורך אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן און קאָאָפּעראַציע אויף דעם עקאָנאָמישן געביט, וואָלטן גראָד די אַראַבער אין די שטעט א סך געוואונען, טאָקע דורך דעם צושטראָם פון אַן ענערגישער און שטאָטיש־דערפאַרענער ייִדישער באַפעלקערונג.

די גרויסע אײַנוואַנדערונג אין 1925—1926 (אַרום 50 טויזנט ייִדישע נפשות) האָט געגעבן נאָך אַ שטאַרקערן שטויס פאַר דעם אויפבוי פון תל־אביב, וואָס האָט נאָך איצט, אין 1930, אַ גרויסן פרײַען שטח, אויף וועלכן מ׳קאָן און מ׳וועט אויפבויען באַקוועמע און געזונטע הײַזער און הײַזלעך פאַר 100—150 טויזנט אײַנוואוינער, אויב ניט מער.

אָט אַזאַ שנעלער אויפבוי־פּראָצעס, אַ שטאָטישער אויפבלי, האָט באַשאַפן דעם זייער כאַראַקטעריסטישן פאַר דער נײַער פּאַלעסטינע טיפּ פון „שטאָטישן חלוץ" — דעם בוי־אַרבעטער, דעם

פאַבריק־אַרבעטער, וואָס זײַנען איצט אַזעלכע וויכטיקע עלעמענטן פון דעם דאָרטיקן שטאָטישן ייִדישן ישוב. נאָך מיט אַ יאָר 10 צוריק האָט ארץ ישראל לחלוטין ניט געהאַט קיין גוטע, קוואַליפי־צירטע, בוי־אַרבעטער, ניט ייִדן און ניט אַראַבער, בעת הײַנט זײַנען שוין אין פּאַלעסטינע פאַראַן אַרום 3000 ייִדישע בוי־אַרבעטער, אַ טייל פון זיי — זייער גוטע פאַכלײַט, וואָס האָרעווען אַרום שווערע פאַכאָווע אַרבעטן, ווי אײַזן־בעטאָן־אַרבעט, א. אַ. וו.

דער פּנים פון די שטעט מיט אַ גרויסער ייִדישער באַפעלקערונג ווערט אָבער באַשטימט ניט אַזוי דורך דעם אויפקום פון אַט דעם נײַעם אַרבעטער עלעמענט, מיט אַ סך פאַרצווײַגטע און גוט אַנטוויקלטע און זייער מאָדערנע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, ווי דורך דער גרויסער מאַסע קרעמער און אַנדערע געשעפטלכע אונטערנעמער. דער באַפעלקערונג עלעמענט פון די נײַע ייִדישע שטעט איז דער עיקר אַ קליין־בירגערלעכער, און זייערע אונטערנעמונגען טראָגן זייער אָפט נאָך די שטריכן פון דעם קליינעם בעל מלאכה און קרעמער טיף אין די אָרעמע פּוילישע און ליטווישע שטעטלעך. אָבער, אַדאַנק דער ייִדישער באַוועגלעכקײַט, און דער באַקוועמער סביבה (ניט קיין פרעמדע שפּראַך און ניט קיין אומבאַקאַנטע אומגעבונג, ווײַל סוף כל סוף פירט זיך כמעט דאָס גאַנץ לעבן אין די קרעמלעך, און אַפילו אין גרעסערע און גרויסע געשעפטן, דערהויפּט אָדער מערסטנטיילס אין ייִדיש), האָבן זיך טאַקע די ייִדישע מיטלשטאַנד מענטשן שנעל צוגעפּאַסט צו די נײַע אומשטענדן. פון אַט די קרײַזן קומען די נײַע קליין־אינדוסטריעלע אונטערנעמער אין פּאַלעסטינע ,וואָס מײַדן אָבער אויס, בדרך הכלל, די פאַרצײַטיקע, פאַר־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס פאָרמען, ווי האַנטווערק און הויז־אַרבעט. זיי פירן תיכף אַרײַן די האַלב אָדער גאַנץ קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס פאָרמען, ד. ה. מעכאַנישע טרײַב־קראַפט, גוטע מאַשינען, אויף אַ לחלוטין מאָדערנעם שטייגער.

אַז די אינדוסטריעלע טעטיקײַט, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ שנעלער שטאָטישער קאָלאָניזאַציע און האָט אַליין געפירט צו אַ ווײַטערדיקן וואוקס פון די שטעט, האָט שוין אַ געוויסע ממשות אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, דאָס וועט אונדז ווײַזן אַט דער בײַשפּיל פון דער בוי־אינדוסטריע. נאָך מיט 10 יאָר צוריק

פלעגן כמעט אַלע רויע מאַטעריאַלן פאַר דעם בוי פון מאָדערנע הײַזער, ווי צעמענט, ציגל, קאַכל (טאַילס), א. א. וו. געבראַכט ווערן פון אויסלאַנד. במילא פלעגט 70 פּראָצענט פון דעם קאָסט פון אַ הויז אויך גיין קיין אויסלאַנד פאַר די אימפּאָרטירטע בוי־שטאָפן. הײַנט צו טאָג ווערן אָבער, חוץ אײַזן, גלאָז און געהילץ, אַלע אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן אויסגעאַרבעט אין פּאַלעסטינע גופא. ניט העכער ווי 25—30 פּראָצענט פון די בוי־הוצאות גייען איצט אַוועק קיין אויסלאַנד. עס איז שוין ניט ווײַט די צײַט ווען די גרויסע צעמענט־פאַבריק נעבן חיפה, וועט אַליין קענען עקספּאָרטירן איר זייער גוטן און ניט טײַערן צעמענט אין די שכנישע לענדער. דאָס אַלץ פאַרביליקט זעלבסטפאַרשטענדלעך די בוי־קאָסטן אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

די באַפעלקערונג פון דער שטאָט תל־אביב איז, אָנפאַנגענדיק פון יאָר 1908, געוואַקסן זייער לאַנגזאַם; דאַן מיטאַמאָל, אין 1920 איז זי אַרויף ביז 12 טויזנט, און אין יאָר 1926 האָט די שטאָט שוין געהאַט קרוב צו 40 טויזנט נפשות.[1] די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן (אַרום 1908) אויף בערגלעך זאַמד, וואָס האָבן זיך געצויגן בײַם ים אויף מײַלן צו צפון פון דער אַלטער האַפן־שטאָט יפו ביזן טײַך ירקון. אין איר טעמפּאָ און אימפּעט פון אַנטוויקלונג, ווי אויך לויט דעם שוואונג פון דער „ריעל עסטייט" ספּעקולאַציע און יקרות אויף בוי־פּלעצער, לאָזט זיך תל אביב פאַרגלײַכן מיט אַמעריקאַנער בײַשפּילן, הגם די באַדינגונגען פאַר אַזאַ אויפשטײַגפּראָצעס אין פּאַלעסטינע זײַנען שווערערע ווי אין אַמעריקע, ווײַל ס'איז ניטאָ אין פּאַלעסטינע אַזאַ שפע פון קאַפּיטאַל און אַזוי פיל רויע מאַטעריאַלן, ווי האָלץ, קוילן, נאַפט א. ד. גל.

תל־אביב איז נאָך ניט דער עכטער מאָדעל און מוסטער פון דער נײַער פּאַלעסטינע, און באַזונדיק תל־אביב קאָן מען נאָך אַלץ ניט זאָגן, אַז מ'האָט געזען „ארץ ישראל". עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז ווען מ'זעט ניט תל־אביב איז לגמרי אוממעגלעך צו האָבן אַ באַגריף און בילד פון ארץ ישראל, פון דער ייִדישער פּאַלעסטינע.

[1] אין יאָר 1938 האָט תל־אָביב געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 156 טויזנט נפשות — כמעט אַלע ייִדן.

די שטאָט, מיט אירע שיינע און ציכטיקע גאַסן, פײַנע ווײַסע הויכע הײַזער, מויערלעך און שיינע גערטלעך, מיט איר געמיטלעכער רואיקײַט, מאַכט אַן אײַנדרוק ניט פון אַ יונגער, אויף גיך אויסגעבויטער אָריענטאַלישער שטאָט, נאָר פון אַ מיטל־גרויסער אײַנגעפונדעוועטער און גאַנץ קולטורעלער מערב אייראָפּעאישער שטאָט. דער ניט־עסטעטישער געמיש פון אַלערליי בוי־סטילן און אַרכיטעקטור אײַנפלוסן איז אוודאי אַ רעזולטאַט פון דער צוזאַמענגעלאָפענעם ישוב, וואָס שטאַמט פון אַלע טיילן פון מזרח־ און מערב־אייראָפּע, מיט שיריים פון די בוי־אַרטן פון יעדן פון די לענדער, וואָס פון זיי זײַנען די פילע טויזנטער תל־אביבער ייִדן געקומען.

קיין ספק, אַז די נײַע שטאָטישע עלעמענטן האָבן אַ קאָלאָסאַלן אײַנפלוס אויף דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן פון גאַנצן לאַנד. די גרינדונג פון אַזאַ שטאָט ווי תל־אביב, וואו ס׳הויזט כמעט 25 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל, האָט טיף געווירקט און געלאָזט שפּורן אויף דער גאַנצער פּראָדוקציע און פאַרברויך־סיסטעם פון לאַנד. אַט האָבן, למשל, זיך אין די שטעט שוין אַנטוויקלט עטלעכע צווײַגן פון דער אינדוסטריע, וואָס אַרבעטן מיט דערפאָלג פאַר דעם לאָקאַלן און אויסלענדישן מאַרק. און פון דער אַנדערער זײַט, שטעלט מיט זיך תל־אביב, דערווײַל, פאַר דעם בעסטן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די פּראָדוקטן פון דער הויך־אַנטוויקלטער, אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט, באַזונדערס פון דער מילך און קעז פּאַרמערײַ און עופות־צוכט אין די ייִדישע קאָלאָניעס. אָן אַזאַ אָפּזאַץ־געביט וואָלט עס אפשר לגמרי אוממעגלעך געווען צו אַנטוויקלען אַזוי שטאַרק די ספּעציאַליזירטע צווײַגן פון דער לאַנדווירטשאַפט־קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, ווי דאָס איז צו דער גרעסטער אַלגעמיינער צופרידנקײַט פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן.

פאַר דער וועלט־מלחמה איז פּאַלעסטינע געווען איינע פון די ביליקסטע לענדער אין דער גאַנצער וועלט. דאָרט האָט מען געקענט לעבן, ווען מ׳פלעגט זיך באַנוגענען מיט די לאָקאַלע שפּײַזמיטלען — און אַ סך אייראָפּייער פלעגן אַזוי טאָן — פיל ביליקער ווי אין איטאַליע און מזרח־אייראָפּע, וואָס זײַנען אויך געווען גוט באַקאַנט ווי לענדער וואו דאָס לעבן איז ניט טײַער. די פּראָ־

דוקציע און דער פאַרברויך זײַנען אין פּאַלעסטינע דורות־לאַנג גע־בליבן אין אַ סטאַבילן, כמעט אומבאַוועגלעכן צושטאַנד, אין אַ גלײַכגעוויכט, אין גײַסט פון טראַדיציאָנעלע געשעפטלעכע פאָרמען. דער קליינער פאַרדינסט, און די שוואַכע פאַרמערונג פון קאַפּיטאַל, האָט ניט געשאַפן קיין גינסטיקן באָדן פאַר אַ גרויסער הוצאה פון אַ דורכשניטלעכער פאַמיליע. געלט איז געווען טײַער, זײַנען ממילא די פּראָדוקטן — ביליק. ס'האָט אויך געפעלט לגמרי יעדער מוס־טער פון אַ לעבנס־פירונג לויט אַ העכערן סטאַנדאַרד פון הוצאה. די רײַכע אַראַבישע גרונט־באַזיצער, די קליינע צאָל גרויסע רײַכע לאַנד־אייגנטימער, וואָס זײַנען געווען אין פּאַלעסטינע, פלעגן בדרך הכלל פאַרלעבן זייערע היפּשע אײַנקונפטן אין אויסלאַנד, אין עגיפּטן אָדער מערב־אייראָפּע.

די דאָזיקע לאַגע האָט זיך שאַרף געביטן נאָך דער מלחמה. די ענגלישע סאָלדאַטן און באַאַמטע, ווי אויך די ייִדן (זייער צאָל איז אויסגעוואַקסן פון 80 טויזנט אין 1919 ביז 160 טויזנט אין 1927), האָבן געווירקט אויף דערווירטשאַפט אין לאַנד ניט בלויז דורך דער הויכוועריקער ענגלישער וואַליוטע און די העכערע פאָ־דערונגען זייערע אויף דעם פאַרברויך־מאַרק, אין אײַנקלאַנג מיט אַ העכערן, ד. ה. אייראָפּעיִשן לעבנס־סטאַנדאַרד, נאָר האָבן אויך געווירקט אַלס אַ לעבעדיקער בײַשפּיל פאַר דער לעבנספירונג פון יענע אַראַבער, וואָס האָבן געשטרעבט און האָבן געקענט דערגרייכן צו בעסערע און באַקוועמערע לעבנס־פאָרמען. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און אויך די אַראַבער האָבן זיך, אויסערלעך ווייניקסטנס, אַסימילירט, אַזוי צו זאָגן, מיט דעם לעבנס־סטיל פון די פאָרטרע־טער פון דער מערב־ציוויליזאַציע. זייערע הוצאות זײַנען געוואָרן גרעסערע, און דער יקרות האָט גענומען שטײַגן אין גאַנצן לאַנד.

פאַר אַן אַגראַר־לאַנד ווי פּאַלעסטינע, וואָס איר באַפעלקע־רונג איז באַשטאַנען אויף צוויי־דריטל פון אָרימע פעלאַכן און בע־דואינער, און וואָס אירע שטעט זײַנען קוים־קוים באַרירט געוואָרן פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, פון די טעכנישע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון דער נײַער צײַט, פאַר אַזאַ לאַנד, האָט די שטאַר־קע און רעגלמעסיקע אַרײַנדרינגונג אין דער באַפעלקערונג פון די פרעמדע מערב־עלעמענטן געבראַכט מיט זיך, נאַטירלעך, אַ פאַרענדע־

רונג פון איר גאַנצער סאָציאָלאָגישער סטרוקטור. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די ענדערונגען אויף דעם סחורה־מאַרק און אין די פאַרברויכונגס־באַדינגונגען און געוואוינהייטן. פאַגעקומען איז אַן אומגעהייערע פרייז־רעוואָלוציע; ס׳איז געקומען אַ יקרות, אַלע פרייזן און דערהויפט רענט (דירה־געלט) זיינען גוואַלטיק געשטיגן, און, הינקענדיק ווי ס׳איז נאָך אַזאַ טייערונג, איז אויך געגאַנגען כסדר אַ העכערונג אין די אַרבעט־שכירות.

די העכערונג פון די לעבנס־מיטל פרייזן און סטאַנדאַרדס האָט זיך געלאָזט שפּירן קודם־כל אין די שטעט און אין זייער נאָענט־סטער אומגעבונג. איצט טרעפט איר כמעט שוין ניט אַן אין די אַראַבישע שטעט קיין וואוינהייזער פון לוים און שטרוי ווי זיי פלעגן באַנוצט ווערן אין מזרח אין משך פון הונדערטער יאָרן נאָך ביז דער לעצטער צייט. פון טאָג צו טאָג לאָזט זיך אַלץ מער אַנזען אין די שטעט דער אַלגעמיינער איבערגאַנג צו מאָדערנע בנינים.

דאָרט, וואו נאָך מיט אַ יאָר צוויי־דריי צוריק, איז געשטאַנען אַן אָרימע און פאַרוואָרלאָזטע געבײַדע, שטייט היינט אַ פיינער בנין, אַ שיין און נײַ הויז מיט עטלעכע מאָדערנע דירות, וואָס געהערן טאָקע צום פריערדיקן אייגנטימער פון דער אַלטער הויז. און ער זעט אפילו ניט קיין שום אויסערגעוויינלעכע זאַך אין אַט אַזאַ פלוצלינגדיקן אומבייט פון זיין דירה און לעבנס־פאָרם בכלל. דאָס אַלץ איז דער פועל יוצא פון די נײַע לעבנס־אומשטענדן מיט די זייער הויכע קאָסטן און בפרט הויכע רענט (דירה־געלט) אין פאַלעסטינע.

מיט דעם דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, אַז אין די גרעסערע פאַלעסטינער שטעט פאַסירט גאַנץ אָפט, אַז שמוציקע און אַלטע שטאָט־קוואַרטאַלן ווערן ווי פון זיך אַליין, אַן יעדן רעגירונגס־ביוראָקראַטישן אָדער מוניציפּאַלן צוואַנג, פאַרוואַנדלט, אין אַ פּאָר יאָר צייט, אין פּרעכטיקע רעזידענציעלע געגענטן, און אַזאַ פאַר־ענדערונג קומט פאָר מיט אַ טעמפּאָ, וואָס זיינס גלייכן האָט מען ביז אַהער אין די מזרח־לענדער גאָרניט געוואוסט. דאָס איז אַ דערשיינונג, וועלכע באַמערקט זיך אפילו אין די נײַערע קוואַרטאַלן פון די אַראַבישע שטעט, און וואָס איז שייך צו יידן, בויען זיי

לכתחילה אויס מאָדערנע קוואַרטאַלן אין די געגענטן, וואָס זײַנען ביז זייער קומען געווען פוסט און וויסט. דאָ זעט מען באַשײַמפּערלעך ווי אַזוי יידן „בויען" דאָס לאַנד.

די מעגלעכקײַטן פאַר אַזאַ אַקטיוון הײַזער־בוי קומען, ווידער־אַמאָל, פון דעם אויסערגעוויינלעכן וואוקס פון די פּרײַזן. די באָדן־אייגנטימער אין די שטעט האָבן, אַדאַנק דער שטאַרקער נאָכ־פראַגע אויף בוי־פּלעצער, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן טאַקע און אויסשליסלעך דורך דער ייִדישער אימיגראַציע, געהאַט אַ געלעגנ־הײַט צו פאַרקויפן זייערע פּרײַזע שטיקער באָדן, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה ניט געהאַט כמעט קיין שום געלט־ווערט, אויף גע־וואַלטיק גינסטיקע באַדינגונגען. דאָס געלט, וואָס זיי האָבן באַקו־מען פאַר דעם פאַרקויפטן שטיק באָדן, איז תיכף אינוועסטירט געוואָרן אין די נײַע אָדער איבערגעבויטע בנינים.

ס׳איז אַ ביז גאָר כאַראַקטעריסטישער פאַקט, אַז די אומגעהײַ־ערע שטײַגערונג פון די באָדן־פּרײַזן אין די שטעט, ביז 20$ — 30$ אַ קוואַדראַט פּיק (אַרום 4 און אַ האַלב קוו. פוס), איז פאַרגעקו־מען בלויז אין אַזעלכע שטעט, וואו עס איז אויף דירות געווען אַ נאָכפראַגע מצד די „עולים", ד. ה. ייִדישע אימיגראַנטן. די קלענערע שטעט, וואָס זײַנען אָבער ניט באַרירט געוואָרן פון דער ייִדישער אימיגראַציע, ווי עזה, חברון, בית שאן און אַנד. (וואו ס׳לעבן כמעט בלויז אַראַבער) האָבן איצט פונקט די זעלביקע באָדן־פּרײַזן ווי פאַר דער מלחמה; און זיי אַלע שטייען בכלל נאָך זייער שטאַרק אָפּ אין זייער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג הינטער יענע שטעט, וואו די נײַע ייִדישע אימיגראַנטן באַזעצן זיך.

דער שנעלער וואוקס פון די ייִדישע שטעט אין פּאַלעסטינע שפּיגלט זיך אָפּ אין דער סטאַטיסטיק מכח דעם שטאָטישן אַרבעטער־קלאַס בײַ די ייִדן אין ארץ ישראל. לויט דער ציילונג פון 1929 זײַנען אין לאַנד געווען 16,349 ייִדישע אַרבעטער, צוזאַמען מיט די אַרבעטסלאָזע; די צאָל פאַקטיש אַרבעטנדיקע האָט באַטראָפן קאַרגע 15 טויזנט. אין דעם העכסטן מאָמענט פון דעם בוי־פיבער אין לאַנד (1926) האָט די צאָל שטאָטישע אַרבעטער באַטראָפן 17,953, ד. ה. מיט 1604 מער ווי אין 1929. פון אָט דער צאָל האָבן שפּעטער אַנדערע אינגאַנצן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און אַ טייל

פון די שטאַטישע אַרבעטער איז אַריבערגעגאַנגען צו לאַנדווירט־שאַפטלעכער האַרעוואַניע. די פאַרקלענערונג באַטרעפט קאַרגע 9 פּראָצענט.

איבער 40 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע שטאַטישע אַרבעטער אין יאָר 1929 האָבן געלעבט אין תל אביב — 6,794. אין פאַרגלייך מיט דעם יאָר 1926 איז דאָס אַ פאַרקלענערונג מיט 925, אָדער קנאַפּע 12 פּראָצענט. דער פּראָצענטועלער צוריקגאַנג אין תל אביב איז געווען פיל קלענער ווי אין אַנדערע שטעט (חיפה, טבריה, א. א. וו.), הגם דער קריזיס, וואָס איז געקומען פון שאַרפן אָפּשטעל אין דער בוי־טעטיקייט, האָט זיך געלאָזט שפּירן אין תל אביב נאָך שמערצלעכער ווי אין אַנדערע שטעט. חוץ דעם וואוקס פון דער נייער אינדוסטריע־טעטיקייט, דורך די מאָדערנע מיטל־גרויסע ייִדישע וואַרשטאַטן און פאַבריקן, דווקא גראָד אין די קריזיס־יאָרן 1927—1928, האָבן אָבער נאָך אַנדערע אומשטענדן געהאָלפן פאַר־מיידן אַ גרויסע ירידה אין דער צאָל ייִדישע אַרבעטער, וואָס לעבן אין תל אביב. אַזעלכע אומשטענדן זיינען, ערשטנס, די שטאַרקע געווערקשאַפטלעכע אָרגאַניזירונג, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט פאַר די אַרבעטער אויסצוהאַלטן דעם קריזיס, און, צווייטנס, די אָנצי־אונגס־קראַפט פון דער ערשטער און גרעסטער ייִדישער שטאָט אין לאַנד, וואָס אין איר, אין תל אביב, ציען פאַר אַ סך אַרבעטער צו בלייבן, ווען אפילו אַרבעט איז צייטווייליק ניטאָ.

אין ירושלים האָט אין די לעצטע יאָרן די צאָל ייִדישע אַר־בעטער דווקא געוואַקסן: פון 3995 אין 1926 ביז 4481 אין 1929. אָט די שטאָט האָט ווייניקער פון אַנדערע געליטן פון דעם שווערן בוי־קריזיס אין 1927—1928. דאָרט ווערט כסדר אַ סך געבויט.[2]

די אינדוסטריע שטעלט פאַר דעם ייִנגסטן פון די גרויסע באַשעפטיקונגס־צווייגן פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין פּאַ־לעסטינע. זי אַנטוויקלט זיך גאַנץ קענטיק, און הגם זי שטייט דער־ווייל ערשט אין איר אָנפאַנג־סטאַדיע, וועט וואַרשיינלעך דער

[2] סוף 1937 האָט די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטערשאַפט באַטראָפן אין תל־אָביב: 22,116; חיפה: 12,092; ירושלים: 5,011; און אין אַנדערע שטעט: 5,894.

אַנטוויקלונג־גאַנג דאָך פאַרקומען רעגלמעסיק און זייער שנעל אין דער גאָענטער צוקונפט. אינטערעסאַנט איז אויסצורעכענען דאָ כאָטש די וויכטיקסטע צווייגן, אין וועלכע די ייִדישע אינדוסטריעלע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע זיינען איצט (אין 1930) באַשעפטיקט:

תל אביב און יפו: מעטאַל, טעקסטיל, עלעקטריציטעט, ציגאַרעטס, שאָקאָלאַד, קאַרטאָנאַזש־אַרבעטן, ציגל, דרוקעריי, האָלץ, זייף, שיך, לעדער, קליידונג אינדוסטריען.

חיפה: מעטאַל, זייף און אויל, מילן, צעמענט, עלעקטריציטעט אינדוסטריען.

ירושלים: שטיין באַאַרבעטונג, בוי מאַטעריאַלן, טעפּיך און אָריענטאַלישע קונסט־האַנטווערק, דרוקעריי, ביסקוויט, סטאָלערײַ און שלאָסערײַ.

די בעסטע און גרעסטע מאָדערן־איינגעריכטעטע אינדוסטריען געפינט מען אין חיפה און תל אביב־יפו; אויך אין די גרעסערע קאָלאָניעס געפינען זיך מאָדערנע אינדוסטריע־צווייגן, ווי וויינקעלערס, האָלץ און טעקסטיל באַאַרבעטונג, פּאַרפיום פאַבריקן א. א. וו.

עס מוז זיך וואַרפן אין די אויגן דער זייער שנעלער וואוקס פון דער צאָל ייִדישע פרויען אַרבעטער אין פּאַלעסטינע: פון 2153 אין יאָר 1926 ביז 3468 אין 1929. דער גרעסטער פּראָצענטועלער וואוקס אין פאַרגעקומען אין תל אביב — פון 18 פּראָצענט צו דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישע אַרבעטער אין די שטעט, אין דעם יאָר 1925, ביז 28 פּראָצענט בעת דער ציילונג אין פעברואַר 1929. קומען קומט עס מחמת דער שנעלער פאַרשפּרייטונג פון דער „לייכטער" אינדוסטריע אין תל אביב, ווי טעקסטיל, ציגאַרעטן, קליידונג א. א. וו. אויך אין די איבעריקע ייִדישע שטעט איז שטאַרק אויסגעוואַקסן דער אַנטייל פון די פרויען צווישן די ייִדישע אַרבעטער. אין 1926 זיינען זיי געווען אַרום 16.5 פּראָצענט פון אַלע שטאָטישע ייִדישע אַרבעטער, בעת אין 1929 באַטרעפט שוין זייער

פּראָפּאָרציע איבער 23 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע אַרבעטער אין די פּאַלעסטינער שטעט (חוץ תל אביב).[3]

3. די ייִדיש־אַראַבישע פּראָגע

פון ווײַטן, ניט זײַענדיק אין פּאַלעסטינע און ניט זעענדיק דעם קנויל פון אַ סך פאַרקניפּלטע פראַגן, וואָס שטעלן צוזאַמען די אַנגעצויגענע אַראַביש־ציוניסטישע פּראָבלעם, איז שווער זיך צו שאַפן כאָטש אַ שוואַכן באַגריף וועגן דעם ענין און וועגן דער מעגלעכער לייזונג פון אַט דער פּראָגע.

צענדליקער היסטאָרישע, פּסיכאָלאָגישע און פּאָליטישע אומ־שטענדן און פּראָבלעמען האָבן זייערע חלקים אין אַט דער, איצט אַזוי אָנגעווייטאָקטער, נײַער קאָמפּליקאַציע פון דער אַלטער „ייִדי־שער פּראָגע". ס'איז ביז גאָר שווער זיך פּאַנאַנדערצוקלײַבן אין פּלאָנטער אפילו אויפן אָרט, און אין אויסלאַנד קאָן מען אַוואַדע ניט אורטיילן, אָדער גאָר אויסאַרבעטן און פאָרשלאָגן פּלענער און פּראָגראַמען. מיר וועלן דאָ איבערגעבן דעם אײַנדרוק וואָס עס האָט אויף אונדז געמאַכט דער איצטיקער צושטאַנד פון דער דאָזיקער פּראָגע. צוערשט לאָמיר אין עטלעכע געציילטע פּאַראַגראַפן און טעזיסן פאָרמולירן, לֹמען דער מינימאַלער קלאָרקײַט, די גרונט־יסודות פון אַט דער שווערער פּראָבלעם.

1. שוין לאַנגע דורות שפּירן מיר ייִדן אַ זייער פעסטע צו־געבונדנקײַט (אין גײַסטיקן זינען) און געטרײַשאַפט צו דער אור־אַלטער „היים" פון דעם ייִדישן פאָלק. אין די לעצטע צענדליקער יאָר האָט זיך צווישן די ייִדן פאַרשפּרייט אַ גרויסע באַוועגונג, דער ציוניזם, מיטן ציל אויפסנײַ אויפצובויען, דורך אַרבעט און געלט, אַ „ייִדיש לאַנד" אין „ארץ ישראל". די דאָזיקע באַוועגונג האָט שנעל אָנגענומען אַ פּאָליטישן און קולטורעלן כאַראַקטער און איז

[3] סוף 1937 האָט די צאָל שטאָטישע פרויען־אַרבעטער, וואָס האָבן גע־הערט צו דער „הסתדרות" דערגרייכט 10,060. פון זיי האָט מען אין תל־אָביב געציילט 5,538; אין חיפה: 2,957; אין ירושלים 1,238 און אין אַנדערע שטעט: 3217.

ווירקזאַם אין כמעט אַלע ווינקלען פון דער ייִדישער וועלט. איר גרויסע פּראָגראַם, וואָס איז מער געווען אַ וויזיע מכוח דער צוקונפט, ווי אַ פּלאַן פאַר דער קעגנוואַרט, האָט אָבער פאַרזען דעם קליינעם פּראַזאַאישן פּונקט, אַז די ייִדישע „אויפלעבונג", דער „נאַציאָנאַלער אויפבוי", וועט דאַרפן פאָרקומען אין אַ לאַנד, וואו די גרויסע מאַיאָריטעט איז ניט קיין ייִדישע, נאָר גאָר אַן אַראַבישע.

2. אויך די אַראַבער פון נאָענטן מזרח, באַזונדערס אין סיריע און מצרים, מאַכן אין דער נייער צייט דורך אַ קולטורעלן און פּאָליטישן רענעסאַנס. זיי האָבן געשטרעבט זיך צו באַפרייען פון דער טערקישער הערשאַפט און צום גרעסטן טייל, טאַקע מחמת דער וועלט־מלחמה, האָט זייער נאַציאָנאַלער אידעאַל פון פולער אומאָפּהענגיקייט געקענט מער אָדער ווייניקער פאַרווירקלעכט ווערן. די באַוואוסטזיניקע קרייזן, קודם־כל די עקסטרעמסטע נאַציאָנאַליסטן צווישן דעם אַראַבישן פאָלק שטרעבן אָבער ניט נאָר צו באַזונדערע לאָקאַלע מדינות, נאָר צו אַ גרויס־אַראַבישער פעדעראַציע, וואָס זאָל אַרייננעמען אַלע אַראַבישע לענדער פון גאַנץ מערב אַזיע, ווי סיריע, פּאַלעסטינע, עיראַק, אַראַביע. בעת דעם וועלט־קריג זאָל ענגלאַנד האָבן געגעבן די דאָזיקע אַראַבישע פירער אַ צוזאָג, אַז די נייע פּאָליטישע וועלט־קאַרטע וועט שוין מקיים זיין דאָס, וואָס די אַראַבער ווילן.

3. כמעט אין דער זעלבער צייט, אין 1917, האָט ענגלאַנד, אין דער באַוואוסטער באַלפור דעקלאַראַציע, צוגעזאָגט די ציוניסטן, אַז די בריטישע רעגירונג וועט פאַרנעמען אַן אומצווייפלהאַפטע סימפּאַטיע־שטעלונג בנוגע צו דער באַוועגונג פאַר אַ „נאַציאָנאַל ייִדישע היים אין פּאַלעסטינע", בתנאי אַז דערפון זאָלן ניט ליידן די אינטערעסן פון די ניט־ייִדישע פּאַלעסטינער איינוואוינער. נאָכן פרידנס־אָפּמאַך האָט דער פעלקער־בונד איבערגעגעבן ענגלאַנד דעם „מאַנדאַט" איבער פּאַלעסטינע, אין וועלכן עס איז אויך אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ פּונקט אין גייסט פון דער נאָר־וואָס דערמאָנטער „באַלפור דעקלאַראַציע". פּאַלעסטינע איז אין ווערסיילער שלום־אָפּמאַך אַרייַנגענומען געוואָרן אין דעם קלאַס „אַ" מאַנדאַטן, דאָס מיינט, אַז די מאַנדאַט־מאַכט (ענגלאַנד) דאַרף וואָס שנעלער צוגרייטן די באַפעלקערונג פון מאַנדאַט־לאַנד צו אַ פּאָליטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, כדי דאָס לאַנד זאָל קענען זיין אַן „אומאָפּהענ־

גיקער" גליד פֿון דעם „פֿעלקער בונד" (ליעג אָוו ניישאַנס), ד. ה. אַ „פֿאָלק מיט פֿעלקער גלײַך".

4. אויף דעם הינטערגרונט פֿון אָט די דרײַ טעזיסן צייכענען זיך שוין אָן די געלעגנהײַטן פֿאַר אַ סך פֿרישע סכסוכים, און רײַבונגען, דער עיקר אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. דער פּרינציפּ „ייִדישע אַרבעט", למשל, אַלס אַ מיטל צו פֿאַרווירקלעכן אַ ברייטע קאָלאָניזאַציע פֿון ייִדישע אַרבעטנדיקע עלעמענטן אין ארץ ישראל, האָט אַ געוויסע ענלעכקײַט צו אַ באָיקאָט מצד ייִדישע אַרבעטגעבער אויף אַראַבישע אַרבעטער. ס'קאָן אויך אַרויסוואַקסן אַ קעגנזאַץ צווישן דעם ייִדישן אַרבעטער און דעם אַראַבישן אַרבעטער. אַן אַנדער מין עקאָנאָמישע פּראָבלעמאַטיק קומט אַרויס דערפֿון, וואָס ייִדישע קאָלאָניסטן באַזעצן זיך אַמאָל אויף דעם לאַנד פֿון די פּעלאַכן און שאַפֿן אַ „לאַנדלאָזן" אַראַבישן דאָרף־פּראָלעטאַריאַט (דאָס קען פֿאַרמידן ווערן דורך אַ פּלאַנמעסיקער קאָלאָניזאַציע אונטער אַ געמיינזאַמען פּלאַן פֿאַר ביידע פֿעלקער אין לאַנד, און פֿאַקטיש איז כמעט די גאַנצע ייִדישע קאָלאָניזאַציע פֿאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן אויף שטחים, וואָס זײַנען פֿריער געווען בלאָטיקע זומפּן). אַנדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע טענות ווערן אויך אַרויסגעשטעלט פֿון די וואָרטפֿירער פֿון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן אין פּאַלעסטינע קעגן דער נײַ־ייִדישער קאָלאָניזאַציע. דערצו האָט נאָך דער ענגלישער וועלט־אימפּעריאַליזם זײַנע אייגענע עגאָאיסטישע עקאָנאָמישע אינטערעסן און כוונות.

5. דער קולטור־נאַציאָנאַלער עלעמענט: די לײַכט אויפֿרייצבאַרע אינטערעסן פֿון דער נאַציאָנאַלער שול און שפּראַך, ביי די צוויי דערוואַכנדיקע פֿעלקער, ייִדן און אַראַבער, זײַנען בכוח אַרויסצורופֿן סכסוכים, ווי דאָס איז לײַדער אַזוי אָפֿט דער פֿאַל אין די אייראָפּעאישע לענדער, וואו יעדע מאַיאָריטעט זוכט דורך צוואַנג צו אַסימילירן און ברוטאַל צו פֿאַרגוואַלטיקן די נאַציאָנאַלע און שפּראַךמינאָריטעטן אין איר טעריטאָריע. די פּראָבלעם, וואָס שטעלט זיך אָוועק אין פּאַלעסטינע, אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט די קולטור־ענינים, איז אַזאַ: צו געפֿינען די וועגן און מיטלען ווי אַזוי פֿאַרט צו שאַפֿן אַן אַטמאָספֿערע פֿון צוטרוי און שלום אין אַ סביבה, וועלכע איז אָנגעפֿילט מיט דורות־לאַנגע טראַדיציעס פֿון רעליגי־

עזער אומטאָלעראַנץ, פאַנאַטיזם און מיסיאָנערישער פּראָפּאַגאַנדע (געוויס אין אַ קעגן־יידישן גייסט) צווישן די אַראַבער.

מיר האָבן דאָ אָנגעוואָרפן עטלעכע רעליעפנע, בולט־פאָרמו־לירטע אַספּעקטן פון דער פאַרוויקלטער און אָנגעשטרענגטער יידיש־אַראַבישער פראַגע אין פּאַלעסטינע. די אָנגעצויגענע, אָנגעשפּאַנטע לאַגע האָט שוין עטלעכע מאָל געפירט צו בלוטפאַרגיסונגען, און די לופט דאָ, אין פּאַלעסטינע, בלייבט נאָך אַלץ אָנגעלאָדן מיט שווערע וואָלקנס, וואָס קענען, ניט היינט איז מאָרגן, אויסברעכן אין אַ מוראדיקן שטורעם.

נו, איז פאָרט מעגלעך צו געפינען אַ לייזונג פאַר דער פּראָ־בלעם, אָדער ריכטיקער — פאַר די פּראָבלעמען, פון וועלכע די דאָ־זיקע גרויסע פראַגע באַשטייט ?

קודם־כל דאַרף מען וויסן אַט וואָס. ס'באַמערקט זיך איצט אין ארץ ישראל, אַז ביז דער לעצטער צייט איז פאַר כמעט אַלע פירער פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג די דאָזיקע פראַגע אַזוי גוט ווי אינגאַנצן ניט געשטאַנען. מ'האָט פּשוט איגנאָרירט דעם איינפאַכן פאַקט, אַז פּאַלעסטינע האָט אַ 6—7 הונדערט טויזנט אַראַבער, און קיין פאָלק, אָדער די וואָס ריידן אין נאָמען פון אַ פאָלק, די „געשוואָרענע" דעמאַגאָגן וועלן ניט וועלן ליידן אַז עס זאָל געשטעלט ווערן אין געפאַר צו פאַרלירן אויף שטענדיק זייער הערשנדיקע פּאָזיציע. דאָס איז אַ כלל וואָס איז באַזונדערס אַקטועל אין אונדזער היינטיקער עפּאָכע, ווען דער צייט־גייסט האָט אַרויס־געשטעלט אַזעלכע נייע פּאָליטישע פּרינציפּן, ווי די „זעלבסטבאַ־שטימונגס רעכט" פון אַלע קליינע פעלקער, גלייכבאַרעכטיקונג פון די ווייסע און פאַרביקע ראַסן, די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט א. א. וו. מיר לעבן דאָך, אַזוי צו זאָגן, אין אַן אַנטי־קאָלאָניזאַטאָ־רישער עפּאָכע, ווען די הערשאַפט פּרינציפּן פון 18טן און 19טן יאָר־הונדערט בנוגע צו אַלע פאַרכאַפּטע גרויסע קאָלאָניאַלע געביטן אין די אָפּגעשטאַנענע טיילן פון דער וועלט, זיינען שוין ניט מער גילטיק אין דעם אינטערנאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן פון דער וועלט, לכל הפחות אויפן פּאַפּיר און למראית עין. די דעמאָקראַטיש־ליבע־ראַלע לענדער מוזן, אויפן פּאַפּיר ווייניקסטנס, האַלטן פון אַזעלכע

פרינציפּן ווי „זעלבסטבאַשטימונג" און „אויטאָנאָמיע" פאַר די קאָלאָניעס.

צום באַדויערן, האָבן אָבער די וואָרטפירער פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג זיך שטענדיק אָריענטירט בלויז אין איין אייג־ציקער ריכטונג און אויף איין צד — אויף ענגלאַנד, וואָס איז, ווי אַלע ווייסן, געווען דווקא די ערשטע און גרעסטע מדינה אין דער פריערדיקער עפּאָכע פון קאָלאָניאַלן אימפּעריאַליזם, און איז איצט אַזאַ מלוכה, וואָס זוכט אַליין אויסצומײַדן אין איר אימפּעריע שאַר־פע סכסוכים מיט די באַהערשטע פעלקער, דער עיקר מיט די, וואָס האָבן שוין דערגרייכט אַ שטאַרקן גראַד פון פּאָליטישער באַוואוסט־זיניקייט און נאַציאָנאַליזם.

אין דער קריגס־צײַט האָט ענגלאַנד, מחמת אירע בלוטיקע מלחמה־אינטערעסן, געגעבן ברייטע הבטחות סײַ די אַראַבער, סײַ די ייִדן, און דאָס האָט גלײַך פון אָנהייב אָן געפירט צו אַ סך שוועריקייטן בײַ דער פאַרווירקלעכונג פון דער „באַלפור דעקלאַ־ראַציע" אין פּאַלעסטינע. די לאַגע איז קלאָרער ג י ט ג ע־וו ו אָ ר ן במשך פון די לעצטע צען יאָר. פאַרקערט, עס שײַנט, באַזונדערס אין ארץ ישראל גופא, אַז די ענגלישע רעגירונג האַלט אין איין שפּילן אין פּאַלעסטינע די אַלט־באַקאַנטע אימפּעריאַליס־טישע שפּיל פון „צעטיילן און הערשן". עס ווערן דורך אינטריגעס און דיפּלאָמאַטישע מאַכינאַציעס, ביידע צדדים, די ייִדן און אַראַ־בער, אָנגעהעצט איינער קעגן דעם צווייטן. דערפון אָבער פּראָפיטירט, נאַטירלעך, מער און פריער פון אַלע דער ענגלישער אימפּעריאַ־ליזם, וואָס פאַר אים איז פּאַלעסטינע אַ וויכטיקער סטראַטעגישער און האַנדלס־פּאָליטישער פונקט (צום בײַשפּיל, דער האַפן־געביט פאַר מעסאָפּאָטאַמיע און אַנדערע מזרח־לענדער).

עס ווערט אַלזאָ קלאָר, אַז די גאַנצע אָריענטאַציע אויף ענג־לאַנד קען ניט דינען גאַנץ לאַנג די דויערנדיקע אינטערעסן פון אַ נאָרמאַלן ייִדישן ישוב אין פּאַלעסטינע. פונדעסטוועגן איז דערווײַל בײַ די הערשנדיקע קרײַזן אין ציוניזם קיין אַנדער אָריענטאַציע ניט אַרויסגעוואַקסן. און דעריבער פעלט לחלוטין יעדע קאָנסטרוקטיווע און פּרוכטבאַרע ייִדישע פּאָליטיק אין דער אַלטער אַראַביש־ציוניס־טישער פּראַגע.

אמת, טעאָרעטיש ריידן די ציוניסטן יע מכוח עפּעס אַ פריד־לעכן צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבער, אָבער קלאָרע ווערטער וועגן אַזאַ קאָנקרעטער דערנענטערונג האָט מען נאָך קיינמאָל ניט גע־הערט פון זייערע רייען. עס קען דערפאַר געמאָלט זיין, אַז די אַראַ־בער, טראָגן זיך אַרום מיט דעם איינדרוק, אַז אויך דער ציוניזם איז ניט אַנדערש ווי אַן אַגרעסיווע באַוועגונג, לויטן מוסטער פון די באַקאַנטע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע אכזריותדיקע נאַ־ציאָנאַלע באַוועגונגען.

לאָמיר אַ טראַכט טאָן: וואָס מיינט סוף כל סוף דער אויסדרוק „יידיש נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע״? דאָס איז דאָך אַן עלאַסטישער באַגריף. מיינען קאָן ער מיינען דאָס פרייע רעכט פון די יידן אַריינצוּוואַנדערן אין לאַנד, אויף וויפיל די עקאָנאָמישע אומשטענדן פון לאַנד וועלן דערלאָזן; און ער קאָן אויך מיינען אַזאַ זאַך ווי דאָס שאַפן, דורך פרידלעכע מיטלען, ווי קאָלאָסאַלע געלט־אינוועסטירונג, אַ ביסלעכווייזדיקע אָבער ציל־באַוואוסטזיניקע באַוועגונג צו דערגרייכן אַ יידישע דאָמינירנדיקע פּאָזיציע אין לאַנד. לגבי אַזאַ סכנה וועלן די נאַציאָנאַלע, שוין גאָרניט צו ריידן פון די נאַציאָנאַליסטישע, קרייזן צווישן די אַראַבער זיך שטעלן שאַרף אַנטקעגן, צי מיר ווילן דאָס אָדער ניט, און ממילא וועט אַרויס־קומען אַ שטענדיקער אומגליקלעכער און גרויזאַמער צוויי־נאַ־ציאָנאַלער שטרייט אויף לעבן און טויט. דאָס זעען מיר שוין, למשל, אין מאַקעדאָניע אַ שטייגער, וואו די סערבן און בולגאַרן זיינען צענדליקער יאָר אויף שטעכמעסערס צוליב דעם ווילן פון איטלעכן צד צו זיין דאָרט אין לאַנד די איינציקע הערשנדיקע נאַ־ציאָנאַליטעט.

אַ נייע יידישע אָריענטאַציע האָט זיך באַוויזן, ערשט מיט אַ 2—3 יאָר צוריק, אין דער פאָרם פון דעם פּראָגראַם, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען פון אַן ענגן קרייזל אין ירושלים — פון דעם „ברית שלום״. לויט אָט דער פּראָגראַם דאַרף פּאַלעסטינע זיין בכלל ניט קיין יידישע מדינה און ניט קיין אַראַבישע מדינה, נאָר אַ „בי־נאַציאָנאַלע״ מדינה, אין וועלכער די יידן און אַראַבער זאָלן געניסן די זעלביקע ציווילע, פּאָליטישע און „נאַציאָנאַלע״ רעכט, ד. ה.

האָבן פולע גלײַכהײַט אָן אונטערשייד פון מאַיאָריטעט און מי־נאָריטעט.

דער דאָזיקער קרײַז האַלט, אַז איינע פון די ערשטע באַדינ־גונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, איז אַ פרײַער אָג־רימענט צווישן ייִדן און אַראַבער מכוח זייערע פּאָליטישע באַצי־אונגען אין דער צוקונפט, אין דער פּאַלעסטינע, ווי אַ לאַנד וואָס דאַרף ערשט געבויט ווערן. דערצו איז נויטיק אַ הסכם מכוח דער נאָענטסטער קאָאָפּעראַציע צווישןביידע פעלקער, כּל זמן די שאַ־פונג פון זייער געמיינזאַמער היימלאַנד פאַר אַראַבער און ייִדן קומט פאָר.

צו אָט דעם קרײַז האָבן געהערט דער עיקר די אינטעלעקטועלע ציוניסטן פון דער מערב־אייראָפּעאישער שולע, ווי דר. האַנס כהן, דר. הוגאָ בערגמאַן, דר. ערנסט סימאָן, א. א. וו. אָבער אויך באַ־דײַטנדיקע אינטעלעקטועלע קרעפטן פון דער „מזרח־ייִדישער" ציו־ניסטישער באַוועגונג, ווי דר. יוסף לוריע, אַ באַקאַנטער פּעדאַגאָ־גישער טוער אין ארץ ישראל; דער שרײַבער ר' בנימין; ח. קאַל־וואַריסקי, געוועזענער אַדמיניסטראַטאָר פון באַראָן ראָטשילדס פאָנד אין ארץ ישראל, זײַנען אויך צווישן די פּייאיקסטע מיטגלידער פון דעם קליינעם ירושלימער „ברית שלום" קרײַז. די אַלגעמיין־ציוניס־טישע און אַרבעטער־ציוניסטישע קרײַזן קוקן זייער קרום אויף דער אידעאָלאָגיע פון „ברית שלום". און דער פאַקט, אַז די טאָן־געבער פון די ציוניסטישע גרויסע אָרגאַניזאַציעס זײַנען שונאים פון „ברית שלום", איז אפשר די אורזאַך למאי אפילו די בעסערע אַראַבער איג־נאָרירן דערווײַל אָט די יונגע באַוועגונג.

אין דער אַראַבישער מחנה הערשן, ווי באַקאַנט, ניט קיין קלע־נערע חלוקי דעות ווי צווישן די ייִדן. דער ירושלימער מופטי האָט שאַרפע קעגנער צווישן די אַראַבער גופא, און זײַן פאַנאַטיזם און די געמיינע אינטריגעס קעגן די ייִדן ווערן מסתמא בלויז טאָלע־רירט, אָבער בשום אופן ניט גוטגעהייסן, צווישן די גאַנץ קליינע שיכטן פון דער אַראַבישער אינטעליגענץ אין פּאַלעסטינע און אין די אַרומיקע לענדער. די הערשנדיקע קליקע פון די אַראַבישע פּאָ־ליטיקאַנען נוצט אויס דעם שטאַרקן רעליגיעזן אומטאָלעראַנץ־גײַסט,

דעם עקזעמפּלאַרישן פאַנאַטיזם, פון די פרומע מוסולמאַנער, כדי צו העצן אַן אויפהער קעגן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. צו־גלײַך אָבער זוכן די זעלביקע פּאָליטיקאַנען צו פאַרקויפן זייערע שטיקער לאַנד צו ייִדן, דערבײַ צו שינדן פון זיי גוואַלטיק הויכע פּרײַזן, און איבערנאַכט צו ווערן רײַך.

די ברייטע אַראַבישע מאַסע שטייט נאָך לײַדער אויף אַ ני־דעריקער קולטורעלער מדרגה, און איז ניט רײַף פאַר פּאַרלאַמענטאַ־רישער זעלבסט־רעגירונג. דאָס מוזן וויסן די ענגלענדער, וועלכע שלאָגן פאָר לאָזונגען מכוח דער קאָנסטיטוציאָנעלער זעלבסט־רע־גירונג, ווי דאָס ווערט געפאָדערט דורך אַלע אַראַבישע נאַציאָנאַ־ליסטן. דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז אין גרונט, כמעט אין גאַנץ אייראָפּע, ניט מער ווי אַ חוזק־שפּיל, אַ מין פּאַראָדיע אויף דער אמתער דעמאָקראַטיע. אין פּאַלעסטינע, ווי אויך אין די שכנישע לענדער, ווי דער עבר הירדון און עיראַק (די צוויי מלוכהלעך האָבן שוין זוכה געווען צו זייערע אייגענע פּאַרלאַמענטן), דאָרט ווערט דער פּאַרלאַמענטאַריזם אַ טאָפּלטער חוזק, אַ פּאַראָדיע אויף אַ פּאַ־ראָדיע, ווײַל פאַר גאַנץ קליינע געלט קויפט מען אָפּ די פּאַרלאַ־מענטאַרישע אָפּאָזיציעס; און די „פאָלקס־פאַרטרעטונגען" רעפּרע־זענטירן אין סאַמע בעסטן פאַל קליינע הײַפעלעך פון די רײַכע פּריצים, אײַנפלוסרײַכע באָדן־אייגנטימער און פעאָדאַלן, אָדער די גאָר געהויבענע דינער פון מחמדס רעליגיע, די איסלאַם גײַסטלעכע. דאָס פאָלק, די מאַסן, געניסן ניט פון די דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן.

אַט דאָס אַלץ וועט אפשר קענען וואַרפן עטלעכע ליכטשטראַלן אויף דער זייער פאַרוויקלטער ייִדיש־אַראַבישער פראַגע אין פּאַלעס־טינע. יעדער צוטריט צו איר לייזונג מוז אַרויסגיין פון דעם עיקר גדול, אַז פּאַלעסטינע איז צום גליק נאָך ווײַט ניט קיין געדיכט־באַזעצטע לאַנד, און אירע פאַרבאָרגענע אוצרות (ווי וואַסער און וואַסער־קראַפט, מינעראַלן און נאַטירלעכע פלאַנץ־פּראָדוקטן), קע־נען און דאַרפן דורך פלײַסיקער אַרבעט אויסגענוצט ווערן פאַר דעם וואוילזײַן פון אַ סך נײַע אײַנוואוינער, אויב נאָר ס'וועט אין לאַנד הערשן דער גײַסט פון עכטן שלום און קאָאָפּעראַציע. און אויב פּאַלעסטינע און איר ייִדישער טייל, די אמתע ארץ ישראל, זאָל קענען אײַנגעגלידערט ווערן אין דער קייט פון די מערב־אַזי־

אַטישע לענדער, זאָל מיט די לענדער אויסטוישן אַרבעט־פּראָדוקטן, מענטשלעכע מאַסן און אידייען, און זאָל בכלל ווערן דער אַוואַנ־פּאָסט פון אַ נײַעם רענעסאַנס אין נאָענטן מזרח (אַ ראָלע צו וועל־כער דווקא די ייִדן זײַנען פון שטענדיק געווען פּאַסיק), דעמאָלט איז לחלוטין ניט אויסגעשלאָסן אַז פּאַלעסטינע זאָל קענען דערנערן אין אירע גרענעצן אַ פּאָלק פון 5—6 מיליאָן, און דערפון זאָלן אַ 2—3 מיליאָן נפשות זײַן ייִדן.

עס מוז אָבער צוערשט פּאַרקומען אַן עלעמענטאַרע אייניקונג און פאַרשטענדיקונג צווישן די ייִדן און אַראַבער, אַ הסכם, אַז זיי ביידע האָבן אַ געמיינזאַמען אינטערעס צו דערוועקן צום לעבן אַלע פאַרבאָרגענע פּראָדוקטיווע כוחות פון לאַנד דורך אַ ברייטן שטראָם ייִדישע אימיגראַנטן (נאָך וועלכן ס׳ציט זיך, געוויינלעך, אַן אַראַבישע אימיגראַציע פון די שכנישע לענדער) כדי אויפצור־בויען דאָס לאַנד. אָבער ניט אויפצובויען עס פאַר די צוועקן פון אַ קאָלאָניאַלער עקספּלואַטאַציע אָדער גאָר פאַר אַ פרעמדער פּאָלי־טישער הערשאַפט, אפילו אונטער דער מאַסקע פון אַ בריטישן מאַנדאַט לטובת די ייִדן. אויב צו אַזאַ פאַרשטענדיקונג וועט זיך פאָדערן אפילו די אָפּשאַפונג פון דער מטושטשדיקער און דיפּלאָמאַ־טיש־צווייזײַטיקער באַלפור דעקלאַראַציע, וואָלט פאַר דער פרידלע־כער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע מסתם כדאי געווען טאַקע צו באַ־צאָלן אויך אַט אַזאַ פּרײַז; ד. ה. מוותר צו זײַן אויף דער שטאַרק אומקלאָרער פּראָבלעמאַטישער און אפשר ניט אינגאַנצן לאָגישער דעקלאַראַציע פון אַן ערשטקלאַסיקער אימפּעריאַליסטישער מלוכה, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין אַ צײַט ווען די דאָזיקע מלוכה האָט, אמת, געוויס געהאַט אַ סך אָפענע און געהיימע כוונות און פּלע־נער, אָבער האָט געהאַט ווייניק ערלעכע און אַלזײַטיק באַקלערטע מחשבות.

אויך אויף דעם וויכטיקן געביט פון די אַרבעטער־באַציאונ־גען צווישן די ייִדן און אַראַבער מוז פאַרקומען אַ רעוויזיע און אַ פאַרברייטערונג פון דעם האָריזאָנט. דערווײַל ריידן טאַקע די ייִדישע אָפיציעלע אַרבעטער־פירער וועגן פרײַנטשאַפט און קאָאָפּעראַציע מיט די אַראַבישע גענאָסן. אָבער פּאַקטיש הערשט נאָך אַ געוואַל־טיקע איזאָלירונג און סעפּאַראַטיזם פונקט ווי צווישן די ייִדישע

אַרבעטער, למשל, און זייערע פּוילישע קאָלעגן, די עקסטרעמע נאַ־ציאָנאַליסטן אין וואַרשע און לאָדזש. אַזאַ לאַגע איז ניט געזונט פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, און איז ניט געוואונטשן פון דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. עס קען און טאָר אויך ניט פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן די פאָדערונג פון „100 פּראָצענ־טיקער יידישער אַרבעט", אויב ס׳זאָל ענדלעך קומען צו אַ ווירק־לעכן שלום צווישן די יידן און אַראַבער בכלל, און צו אַ פאַרברי־דערונג פון די יידישע און אַראַבישע פּאַלעסטינער אַרבעטער־מאַסן בפרט.

אַ גרויסע נויטווענדיקייט פילט זיך אין אַ געמיינזאַמער יידיש־אַראַבישער פויערים־פּאַרטיי (פאַרמערשע באַוועגונג), כדי צו באַשיצן די אינטערעסן פון דעם האַרעפּאַשנעם פאַרמער אין זיין קאַמף מיט די רעגירונגס־געזעצן (למשל מכוח די הויכע שטייערן) און מיט די רייכע באַדן־אייגנטימער, די פּריצים־באַזיצער פון די גרויסע קרקעות. אויף דעם קולטורעלן געביט איז נאָך דאָ גאָר אַ סך אַרבעט צו טאָן צווישן די יידן — באַקענען זיי, למשל, מיט דער אַראַבישער שפּראַך און קולטור; צוגעוואוינען זיי צו געמיינ־זאַמע שול־אונטערנעמונגען און קורסן, אויך צו פאַרשפּרייטן קענ־טעניש וועגן יידן צווישן די געבילדעטע אַראַבער, א. א. וו., אויב עס זאָל ווירקלעך קומען איין מאָל פאַר אַלעמאָל צו אַ פרידלעכן אויסגלייך צווישן די צוויי פעלקער, אָן וועלכן ס׳וועט קיינמאָל גאַרניט קענען געמאָלט זיין אַ ברייטער אויפבוי פון פּאַלעסטינע.

אפשר וועלן נאָך יאָרן מוזן אַוועקגיין ביז עס וועט אָנגענומען ווערן דורך ביידע צדדים אָט אַזאַ פּראָגראַם פון פולער גלייכבאַרעכ־טיקונג און אחדות, סאָלידאַריטעט און קאָאָפּעראַציע. זי שטימט ניט אויף פולע הונדערט פּראָצענט מיט דער איצט הערשנדיקער אידעאָלאָגיע פון דעם פּאָליטישן ציוניזם, פון איין זייט, און מיט דער פּראָגראַם פון די עקסטרעמע אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, פון דער צווייטער זייט. איך בין איבערצייגט, נאָך אַ פאַרשונג אויפן פּלאַץ, אַז דער גאַנצער ענין פון די יידיש־אַראַבישע באַציאונגען איז בכלל ניט קיין פראַגע פון דעקלאַראַציעס, נאָר פון פּראַקטישער פּאָליטיק און פון דער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און פּאָליטישער קאָאָפּע־ראַציע, וועלכע מוז, פריער צי שפּעטער, זיך אָנהייבן. זי דאַרף

צוגעגרייט ווערן תיכף ומיד, אָן יעדער פּאַרשפּעטיקונג, ווײַל די צײַט גופא אַרבעט לײַדער קעגן די אינטערעסן פון אַ יידישער פּראָדוקטיווויזאַציע (נײַע קאָלאָניעס א. א. וו.), דורך אַ גרויסער, אומבאַשרענקטער אײַנוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע. ס'שטײַגן און מערן זיך די געשרייען פון די אַראַבער־פירער קעגן אַן אומבאַגרענעצטער אײַנוואַנדערונג פון די יידישע מאַסן, און די לאַנדאַנער הערשער הערן זיך צו אַט די קולות שטאַרק צו.

זאָל צום שלוס אויסגעדריקט ווערן די האָפענונג, אַז אַ שלום צווישן די יידן און אַראַבער אין פּאַלעסטינע וועט ענדלעך שאַפן אַ באָדן פאַר אַ געמיינזאַמער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער, קולטורעלער און פּאָליטישער אַקציע פוןביידע פעלקער אין דעם ריזיקן שטח פון גאַנצן מיטעלן אָריענט. דאָס, און דאָס אַליין, וואָלט פאַרברייטערט די מעגלעכקײַטן פאַר אַ גרויסער יידישער אימיגראַציע אין אַ סך נײַע געאָגראַפישע געביטן חוץ דער באַזעצונג פון פּאַלעסטינע, וואָס איז פאַרט בלויז איין ווינקל פון דער גרויסער „פאָדער־אַזיע" טעריטאָריע; הגם אַ ווינקל, וואָס פאַרנעמט באמת אַ שליסל־פּאָזיציע אין יענעם טייל וועלט, וואָס האָט גאַר גרויסע אַנטוויקלונג מעגלעכקײַטן, און באַזיצט אַן אומפאַרגלײַכלעכע אַנציאונג־קראַפט פאַר די צעזייטע און צעשפּרייטע יידן פון דער גאַנצער וועלט.

4. אַרבעטער קאָאָפּעראַציע און קעגנזײַטיקע הילף

לויט די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע, וועלכע מיר איז געלונגען אויפצוקלײַבן, באַטרעפט די צאָל אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל (וואו די אָרגאַניזאַציע מדרגה דערגרייכט פולע 100 פּראָצענט) איבער 30 טויזנט (אין פרילינג 1930).[4]

דידאָזיקע צאָל קאָן איינגעטיילט ווערן אויף אַ קײַלעכדיקן אופן, אין דרײַ קלאַסן, ווי פאָלגט: שטאָטישע אַרבעטער — 18 טויזנט, דאָרף אַרבעטער — 8 טויזנט, זעלבסטשטענדיקע לאַנד־

[4] סוף 1938 האָט די „הסתדרות" (אַלגעמיינער אַרבעטער־פאַרבאַנד) געציילט 110,000 מיטגלידער. 36 פּראָצענט זײַנען געווען לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער.

ווירטשאַפטלעכע אַרבעטנדיקע עלעמענטן (אין קבוצות און קאָאָפּע־ראַטיווע קאָלאָניעס) אַרום 4 טויזנט.

מיר האָבן שוין, אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, באַקאַנט געמאַכט די לעזער מיט דעם שנעלן וואוקס פון די אַרבעטער מאַסן אין די שטעט אין די לעצטע 4—5 יאָר צײַט. ניט מיט אַ קלענערן שוואונג איז געגאַנגען די פאַרגרעסערונג אין דער צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטנדיקע עלעמענטן. אין 1926 זײַנען אין אַלע קאָלאָניעס צו־זאַמען געווען באַשעפטיקט אַרום פיר מיט אַ האַלב טויזנט אַרבע־טער, בעת אין מערץ 1930 האָט דער צענזוס אַרויסגעבראַכט אַ צאָל מיט 75 פּראָצענט גרעסער — קאַרגע 8 טויזנט. אין די קרײַזן פון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן אויף דעם ניט־פּריוואַטן באָדן, ד. ה. אין די קאָמונעס (קבוצות) און אינדיווידועל קאָאָפּעראַטיווע קאָ־לאָניעס (מושבים), בסך הכל אַרום 69 פּונקטן, איז אין די לעצטע יאָרן די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג געשטיגן אויף כמעט 40 פּראָ־צענט, און באַטרעפט וואַרשײַנלעך אַרום 5 מיט אַ האַלב — 6 טויזנט.

דאָס אַלץ ווײַזט, אַז די אַרבעטער מאַסע אין פּאַלעסטינע, וואָס ס'איז שײַך צו איר צאָל, איז שוין אַ גאַנץ גרויסער פאַקטאָר אינם לעבן און שאַפן פון לאַנד — צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער בערך 50—50 פּראָצענט פון דעם נײַעם ייִדישן ישוב. און אויך בנוגע צו דער אָרגאַניזירונג, אויף דעם געווערקשאַפטלעכן, קאָאָ־פּעראַטיוון און פּאָליטישן געביט, שטעלט מיט זיך פאָר די ייִדישע אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע אַ העכסט אַנטוויקלטע און פאַר־צווײַגטע באַוועגונג, וואָס האָט אָנגענומען אַ סך אָריגינעלע פאָר־מען. די „אייראָפּעאיזירונג" פון פּאַלעסטינע, דאָס אַרײַנפירן מאָ־דערנע פּרינציפּן, ווי אַ שטייגער אַן אָרגאַניזירטער אַרבעט־מאַרק, סאָציאַלע אַסעקוראַנץ, און פאַבריק־געזעצן, — דאָס אַלץ איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער גוטער אָרגאַניזירונג פון דעם אַר־בעטער־קלאַס אין דער נײַער פּאַלעסטינע.

די אָרגאַניזאַציע פאָרמען פון די ייִדישע אַרבעטער אין פּאַ־לעסטינע זײַנען קאָמפּליצירטע. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ פאַר־בינדונג צווישן אַ צענטראַליזירטן אַפּאַראַט — די „אַלגעמיינע אַר־

בעטער פעדעראַציע פון יידישע אַרבעטער" (הסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל) פון איין זײַט, מיט אַ גאַנצער ריי אויטאָנאָמע, הגם דורך דער פעדעראַציע קאָאָרדינירטע, סאָציאַלע און קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן פון דער צווייטער זײַט. לויט דעם מוסטער פון דער צענטראַלער פעדעראַציע, מיט אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אין תל אביב, עקזיסטירט אויך אין יעדן גרעסערן פּונקט פון לאַנד אַ לאָקאַלע אַרבעטער פעדעראַציע אָדער אַן „אַרבעטער ראַט" (מעוצת פּועלים), וואָס נעמט אַרײַן די טרייד יוניאָנס און אַלע אַנדערע אַרבעטער אַנשטאַלטן אויף דעם פּלאַץ.

די פּאַלעסטינער געווערקשאַפטן האָבן שוין אָרגאַניזירט אַרום 75 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד, און כמעט 95 פּראָצענט אין עטלעכע וויכטיקע אינדוסטריען, ווי בוי־אַרבעט און לאַנדווירטשאַפט. די איינציקע ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער גרופּעס זײַנען די הויז־דינערשאַפט און דער פּערסאָנאַל פון די קליינע האַנטווערק־וואַרשטאַטן, ווי אויך געוויסע שיכטן פון די אָריענטאַלישע יידן, וואָס זײַנען אַזוי ענלעך צו די אַראַבער לויט זייער קולטורעלער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג שטופע.

די געווערקשאַפטן האָבן שוין אויסגעקעמפט אַן 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. עטלעכע סאָציאַלע שוץ־געזעצן, אַ גזירה אויף קינדער אַרבעטער, די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון די אַרבעט־געבער פאַר פאַבריק עקסידענטן, פינאַנציעלע באַטייליקונג פון די פאַבריקאַנטן אין דער קראַנקן־קאַסע פאַר אַרבעטער, און מינימום־שכירות אין איניקע פאַכן. דאָס קאָאַליציאָנס רעכט, ד. ה. די פרײַע געווערקשאַפטלעכע אָרגאַניזירונג און די יוניאָן אָנערקענונג, איז שוין אויך אויסגעקעמפט געוואָרן אין פּאַלעסטינע. עס פעלט אָבער נאָך די קאָלעקטיווע „באַרגעינינג" סיסטעם, ד. ה. די לוין־טאַריף אָפּמאַכן צווישן די טרייד יוניאָנס און די אַרבעט־געבער אָרגאַניזאַציעס, פּשוט ווײַל די אַרבעט־געבער זײַנען נאָך שוואַך אָרגאַניזירט אין טרייד קערפּערשאַפטן (טרייד אַסאָציאַציעס).

דער פעלד פון קאָאָפּעראַטיווער טעטיקײַט צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז אַ זייער פאַרצווײַגטער געביט. ער נעמט אַרום די פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַציע, קרעדיט קאָאָפּעראַציע, פאַרבראויך און פאַרקויף קאָאָפּעראַציע, שוין ניט ריידנדיק וועגן די קאָאָפּע־

ראַטיוו־קאָמוניסטישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, פון די צוויי אויבנדערמאָנטע טיפּן (קבוצות און מושבים).

די ספּעציעלע אומשטענדן פון לאַנד (ווי אַ שטייגער די אומ־אַנטוויקלטע פּריוואַטע אינדוסטריע; די אָפּנייגונג פון די פּריוואַטע אונטערנעמער צו זייַן פינאַנצירן פון נייַע אינדוסטריעס; די שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער), האָבן מעגלעך געמאַכט אַן אַנט־וויקלטע פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַציע, ד. ה. קאָאָפּעראַטיווע וואַר־שטאַטן און אַנדערע אונטערנעמונגען אונטער דעם קאָאָפּעראַטיוון קאָנטראָל פון די חברים־פּראָדוצירער. ס׳עקזיסטירן אַרום 40 אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון מיט קרוב 700 מיטגלידער. בלויז אין דעם טראַנס־פּאָרט פאַך אַליין (אויטאָמאָבילן) זייַנען דאָ 5 קאָאָפּעראַטיוון מיט 182 מיטגלידער און מיט אַ קאַפּיטאַל פון קאַרגע 50 טויזנט דאָ־לאַר. 6 קאָאָפּעראַטיוון אין דער מעטאַל אינדוסטריע האָבן 49 אַר־בעטער און אַ קאַפּיטאַל פון קרום 15 טויזנט דאָלאַר. 33 רייַן־פּראָ־דוקטיווע קאָאָפּעראַטיוון, אין יאָר 1928, האָבן געהאַט אַ יערלעכע פּראָדוקציע פון איבער אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, און איבער 100 טויזנט דאָלאַר קאַפּיטאַל. אין זיי האָבן געאַרבעט 369 אַרבעטער, וואָס האָבן באַקומען אין שכירות קאַרגע 250 טויזנט דאָלאַר.[5]

אַלע פּראָדוקטיווע און באַדינונג קאָאָפּעראַטיוון (ווי טראַנס־פּאָרט) אין די שטעט זייַנען אָרגאַניזירט אין אַ צענטראַלן קאָמי־טעט פאַר פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַציע, וואָס דינט ווי אַ רעגו־לירנדיקע און קאָאָרדינירנדיקע קערפּערשאַפט פאַר די געמיינזאַמע אינטערעסן פון אַלע קאָאָפּעראַטיוון, און העלפט פאַרזאָרגן די קאָ־אָפּעראַטיוון מיט קרעדיטן אויף קורצע און לאַנגע טערמינען.

אַ פיל ברייטערן פאַרנעם האָט, נאַטירלעך, די לאַנדווירטשאַפט־לעכע קאָאָפּעראַציע אין אַלע אירע פאָרמען, ווי, למשל, די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע־קאָלעקטיוון (קבוצות און מושבים), און די פאַרקויף־אָרגאַניזאַציע פאַר די פּראָדוקטן, וואָס די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיווע פאָרם אונטערנעמונגען אַרבעטן אויס פאַרן ארץ

[5] אין 1937 זייַנען שוין געווען 62 קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן געהאַט אַרום 3,000 מיטגלידער, און אַ קאַפּיטאַל פון 1,000,000 דאָלאַר. זייער הכנסה האָט באַטראָפן 6 מיליאָן דאָלאַר און שכירות פון די חברים־מיטגלידער 4 מי־ליאָן דאָלאַר.

ישראל מאַרק. די דאָזיקע צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנע־מונג הייסט „תנובה“, און האָט אין די עטלעכע געציילטע יאָר פון איר עקזיסטענץ, שוין דורכגעמאַכט באמת אַ קאָלאָסאַלע אַנטוויק־לונג. זי שטעלט מיט זיך פאָר די גרעסטע קאָאָפּעראַטיווע פאַר־קויף־אונטערנעמונג פאַרן אינערלעכן ארץ ישראל מאַרק (פאַר דעם אָראַנדזש עקספּאָרט איז דאָ אַ קאָאָפּעראַטיוו פון די בירגערלעכע אָראַנדזש־פּלאַנטאַטאָרס — „פּרדס“).

די „תנובה“ האָט אירע אייגענע מילך־באַאַרבעטונג אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען אין 2—3 שטעט און דינט פאַר דעם אָפּזאַץ פון די מילך, אייער, גרינס און אַנדערע פּראָדוקטן פון די איבער 100 לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן אין ארץ ישראל. זי אַרבעט אויס פון די מילך, וואָס די אַרבעטער־קאָלאָניעס (קבוצות, מושבים, א. א. וו.) שטעלן איר צו, פּוטער, קעז, קעפיר, זויער־מילך (לבן), און פאַרקויפט די פּראָדוקטן דער שטאָטישער באַפעלקערונג. זי פאַר־קויפט אויך אייער, עופות, האָניק און פירט עקספּאָרט געשעפטן מיט סוריה (עקספּאָרט פון גרינס) און מיט מצרים (עקספּאָרט פון באַנאַנעס). אין יאָר 1927 האָט זי פאַרקויפט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אויף 290 טויזנט דאָלאַר, אין 1928 אויף 350 טויזנט; אין 1929 אויף 490 טויזנט, און דעם לויפנדיקן יאָר (1930) וועט איר אומזאַץ מסתמא באַטרעפן איבער 600 טויזנט דאָלאַר. די דאָזיקע אַנשטאַלט, וואָס איז באַקאַנט און פּאָפּולער אין גאַנץ ארץ ישראל, האָט געהאָלפן פאַרפעסטיקן די מאָדערנע, אינטענזיווע מילך און עופות ווירטשאַפטן אין די קאָאָפּעראַטיווע פאַרמס. פּונקט ווי אין דענעמאַרק, וואו די מילך־קאָאָפּעראַטיוון זיינען געוואַקסן פּאַראַלעל מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער קליינער, אָבער מאָדער־ניזירטער פאַרמערײַ, און האָבן פון זייער זײַט געשטיצט און גע־טריבן פאָרויערטס אָט די קליינע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנע־מונגען — אָט אַזוי קען און דאַרף אין פּאַלעסטינע די „תנובה“ שפּילן אַ גוואַלדיק וויכטיקע ראָלע אין דער עקאָנאָמישער פאַרפעס־טיקונג פון די סאָציאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט אונטערנעמונגען און דערפער מיט זייערע 10—12 טויזנט אײַנוואוינער.[6]

[6] אין 1937 האָט דער געשעפטלעכער אומזאַץ פון דער „תנובה“ באַטראָפן אַרום 2,700,000 דאָלאַר.

צילן און וועגן פון אויפבוי

די קרעדיט קאָאָפעראַציע פון די אַרבעטער פירט זיך דורך די קאָאָפעראַטיווע לײַ־ און שפּאָר־קאַסעס (קרעדיט יוניאָנס) אין די שטעט און קאָלאָניעס. ס'זײַנען שוין דאָ דרײַ שטאָטישע אַזעלכע קרעדיט יוניאָנס און אַכט אין די קאָלאָניעס. זיי גיבן אַרויס הלוואות ביז 150 דאָלאַר, וואָס ווערן אָפּגעצאָלט, במשך פון אַ יאָר צײַט, אין מאָנאַטלעכע ראַטעס. די הלוואות גייען דערהויפּט אויף פּראָדוקטיווע צוועקן, ווי, למשל, פאַרגרעסערן דעם טויטן אינווענ־טאַר (מכשירים) אָדער דעם לעבעדיקן אינווענטאַר (בהמות) אין דער פאַרם־באַלעבאַטישקײַט, אויסצובויען „צריפים" (צײַטווײַליקע דירות), צו פאַרלײַכטערן דערהאָלונג נאָך קראַנקהײַטן, צו ברענגען קרובים פון אויסלאַנד, א. א. וו. אין 1927 האָבן די דרײַ שטאָטישע אַרבעטער קרעדיט יוניאָנס געהאַט 2740 מיטגלידער, אין 1928 — 5935, און פון זיי האָבן 2475 באַקומען הלוואות. די לאַנדווירט־שאַפטלעכע קרעדיט יוניאָנס גיבן אַרויס גרעסערע סומעס (ביז 350 דאָלאַר) און דער טערמין פון הלוואה איז אויך אַ לענגערער (3 ביז 5 יאָר צײַט).[י]

די אַרבעטער באַנק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1921, שטעלט מיט זיך פאָר די צענטראַלע פינאַנציעלע אינסטיטור־ציע פון דער אַרבעטער פעדעראַציע. זי גיט אַרויס קרעדיטן די קאָ־אָפּעראַטיוון, די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס, קאָאָפעראַטיווע פּראָדוקציאָנס אונטערנעמונגען, די אַרבעטער קרעדיט יוניאָנס, און אַנדערע אַרבעטער אַנשטאַלטן. זי האָט אַן אייגענעם קאַפּיטאַל פון קאַרגע 400 טויזנט דאָלאַר, פון וועלכע אַ העלפט קומט פון די אַקציעס, וואָס ס'האָט געקויפט די „ייִדישע קאָלאָניאַל באַנק" אין לאָנדאָן, און אַ העלפט שטאַמט פון די אַקציעס, וואָס זײַנען פאַר־קויפט געוואָרן אין אַמעריקע דורך דעם נאַציאָנאַל־ייִדישן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע אינסטיטוציעס. אין יאָר 1929 האָט די באַנק

[י] לויט די נײַעסטע סטאַטיסטיקס (1937—1938) זײַנען אין ארץ ישראל טעטיק איצט 24 אַרבעטער קרעדיט־קאָאָפעראַטיוון, מיט אַ קאַפּיטאַל פון 440,000 דאָלאַר, דעפּאָזיטס — 1,440,000 דאָלאַר און אַ סומע פון הלוואות (אין איין יאָר) פון בערך 1,800,000 דאָלאַר. אין יאָר 1936, האָבן 15 אַזעלכע קרעדיט־קאַסעס פאַר אַרבעטער געציילט 15,525 מיטגלידער.

אַרויסגעגעבן הלוואות אויף 830 טויזנט דאָלאַר. די באַנק פאַרמאָגט אַ רעזערוו־פאָנד פון $35,000, און האָט פאַרענדיקט דעם יאָר 1929 מיט אַ ריינעם פאַרדינסט פון קרוב 15 טויזנט דאָלאַר.[8]

ניט ווינציקער פילפאַכיק און פאַרצווייגט איז די סאָציאַלע פאַרזאָרגונגס טעטיקייט פון די אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, ווי אַ שטייגער די נעץ פון די קראַנקן־קאַסעס, לעבנס־פאַרזיכערונג, אינוואַלידן פאָנד, סאַניטאַריומס, ספּאָרט געזעלשאַפטן, פּרעסע, טעאַטער, שולן פאַר קינדער און דערוואַקסענע, ביבליאָטעקן און א. וו. צום דאָזיקן געביט מוז אויך צוגערעכנט ווערן דער קאָלאָניזירונג דעפּאַרטמענט פון דער „אַרבעטער פעדעראַציע" און דער צענטראַלער עקאָנאָמישער עקספּערטן־ראַט ביים עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער אַרבעטער פעדעראַציע (הסתדרות).

די קראַנקן־קאַסעס, וואָס האָבן אין 1921 געהאַט בלויז 3200 מיטגלידער, ציילן אין 1930 שוין איבער 15 טויזנט מיטגלידער. אַ קראַנקן־קאַסע (קופת חולים) נעמט איבער די פולע מעדיצינישע פאַרזאָרגונג פון דעם מיטגליד און זיין משפחה, דהיינו: די מעדיצינישע באַהאַנדלונג פון די מיטגלידער און זייערע משפחות בעת אַ קראַנקהייט (חוץ די דאָקטאָר־באַזוכן אין חולהס הויז); ליפערונג פון מעדיצינען; אָפּצאָלונג פון רייזע־הוצאות פון די קראַנקע מיטגלידער, פאַרם אַרבעטער, וואָס ווערן געשיקט אין די צענטראַלע האָספּיטעלער, קראַנקן־בענעפיט צו די מיטגלידער, וואָס קענען, מחמת קראַנקהייט, ניט אַרבעטן; און געבורט־בענעפיטן פאַר קינדפּעטאָרינס. צוזאַמען מיט די פאַמיליע־אַנגעהעריקע באַטרעפט די מיטגלידערשאַפט פון די קראַנקן־קאַסעס אַרום 25 טויזנט נפשות. אין יאָר 1929 האָט דער בודזשעט פון דער צענטראַלער קראַנקן־קאַסע באַטראָפן אַרום 250 טויזנט דאָלאַר. די וויכטיקסטע אַנשטאַלטן פון דער קראַנקן־קאַסע זיינען די פאָלגנדע: אַ נייער פּרעכטיקער צענטראַלער האָספּיטאַל, מיט 70—90 בעטן, אין כפר ילדים (אין עמק יזרעאל), אַ סאַנאַטאָריע אין מוצא ביי ירושלים (אַ וואוינ־

[8] דער קאַפּיטאַל פון דער „אַרבעטער־באַנק" האָט סוף 1937 באַטראָפן 700,000 דאָלאַר און די רעזערוון — 150,000. אין סעפּטעמבער 1936, האָט זי געהאַט דעפּאָזיטס אויף 2,200,000 דאָלאַר און דער סכום פון איר אומזאַץ אין 1936 איז געווען איבער 62 מיליאָן דאָלאַר.

דערלעך שיין און מאָדערן איינגעאָרדנטע אַנשטאַלט), און אַ קלע־נערע סאַנאַטאָריע אויפן כרמל לעבן חיפה; דריי גרויסע פּאָלי־קליניקס: אין חיפה, תל אביב און ירושלים; 49 קליינע קליניקס אין די קאָלאָניעס, אַ סך צייטווייליקע האָספּיטעלער און קלענערע קליניקס. דער פּערזאָנאַל פון דער קראַנקן־קאַסע נעץ איבערן לאַנד באַשטייט פון 73 דאָקטוירים, 49 שוועסטערס (נוירזעס), 9 אַפּטיי־קערס און 74 אַנגעשטעלטע אַלס הויז־דינערשאַפט און אָפּיס־פּערזאָנאַל.

צוליב דעם גלענצנדיקן צושטאַנד פון דער דאָזיקער פריינוויליק געשאַפענער און זעלבסטשטענדיק געפירטער אינסטיטוציע פון דער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע, איז כדאַי זיך נאָענטער צו באַ־קענען מיט די פינאַנציעלע איינצלהייטן פון דער אינסטיטוציע, וואָס האָט באמת אויפגעטאָן אַ העכסט נוצלעכע, הומאַניטאַרע אַרבעט, ראַטעווענדיק טויזנטער אַרבעטער פון אַ פריצייטיקן טויט.

די איינקונפטן פון דער קראַנקן־קאַסע נעמען זיך פון די פאָלגנדע קוואַלן:

1. מאָנאַטלעכע מיטגליד אָפּצאָלונגען אין די קאַסעס, וואָס באַטרעפט פון צוויי ביז דריי פּראָצענט פון די שכירות, אָדער פון 75 סענט ביז 2 דאָלער אַ מאָנאַט. דערפון קלייבט זיך אָן אַרום 55 פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם בודזשעט פון דער גאַנצער קראַנקן־קאַסע.

2. די סובסידיע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס באַטרעפט קרוב 26 פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם בודזשעט.

3. ביישטייערונגען פון די פאַבריקאַנטן (נאָר די גרויסע פירמעס קומען נאָך אָט דער פאָדערונג פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און צאָלן קרוב 3 פּראָצענט פון זייער אַלגעמיינער לוין־סומע, אָדער אַ גלייכן חלק מיט זייערע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע גופא). דאָס האָט אין יאָר 1929 געגעבן 17 פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם ביודזשעט.[9]

[9] סוף 1936 האָט די ארץ ישראל קראַנקן־קאַסע געהאַט 59,211 מיטגלידער און האָט באַדינט 108,225 מענער, פרויען און קינדער. איר ביודזשעט אין יענעם האָט באַטראָפן אַרום 10 מיליאָן דאָלער.

דער נײַסטער צווײַג פון דער „קופּת חולים" טעטיקײַט איז דער „אינוואַלידן פאָנד", וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו פונקציאָנירן דעם 1טן אַפּריל, 1930. אַלע מיטגלידער פון דער קראַנקן־קאַסע וועלן, פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל, קענען זיך פאַרזאָרגן מיט די אינ־וואַלידן־פּענסיעס און מיט געלט־הילף פאַר דעם אינוואַלידס פאַ־מיליע. דערווײַל שטייט די אונטערנעמונג נאָך ניט אויף אַ פעסטן וויסנשאַפטלעכן „אינשורענס" יסוד, מחמת ס'פעלט נאָך די דערפאַ־רונג פון אַזאַ מין אַסעקוראַנץ אין די פאַלעסטינער באַדינגונגען, אָבער אַלס אַן אָנפאַנג פון אַ וויכטיקן צווײַג פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַרדינט דער אײַנפיר אָנערקענונג און לויב, ווי אַ נײַער באַווײַז פון די גרויסע מעגלעכקײַטן וואָס ליגן אין דעם כוח פון פרייוויליקער איניציאַטיוו, סאָציאַל־קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, און אחדות, ד. ה. אין דעם כוח פון קעגנזײַטיקער הילף און סאָ־לידאַריטעט.

וויסן דאַרף מען, אַז אין די פאַלעסטינער באַדינגונגען, מחמת דעם איבערגאַנג פון פיל יונגע מענטשן צו פיזישער אַרבעט, מענטשן וואָס האָבן פריער קיין שווערע מלאכה ניט געטאָן, אָדער וואָס האָבן געלעבט אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען ווי די וואָס הערשן אין אַזאַ האַלב־פּרימיטיוון לאַנד ווי פאַלעסטינע, פּאַסירן ניט זעלטן אומגליקן בײַ דער אַרבעט, וואָס פון זיי קומען אַרויס אינוואַלידן (קאַליקעס). ניט זעלטן פּאַסירן אויך פאַלן פון גײַסטיקע און נער־וועזע שטערונגען, צוליב דער שלעכטער צופּאַסונג פון אַרבעטער צו די פאָדערונגען פון זייערע נײַע מלאכות. ביז 1929 זײַנען קיינע סאָציאַלע פאַרזאָרגונגס אַנשטאַלטן פאַר אַזעלכע קרבנות פון דעם פאַלעסטינער אויפבוי־פּראָצעס לחלוטין ניט געווען. ערשט מיט דער שאַפונג פון דעם נײַעם „אינוואַלידן פאָנד" פון דער קראַנקן־קאַסע, קומט איצט דער ערשטער פּרוּוו עפּעס צו טאָן אויף אָט דעם היפש אָנגעוויטאָקטן געביט פון דער מאָדערנער סאָציאַלער פאַר־זאָרגונג.

דאָס זײַנען אין ברייטע שטריכן, עטלעכע בײַשפּילן פון דער פאַרצווײַגטער און זייער פּרוכטבאַרער סאָציאַלער און קאָאָפּעראַטי־ווער אַרבעט פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין

פאַלעסטינע. ס'וועט נאָך באַלד אויסקומען צו ריידן באַזונדער וועגן די קאָלעקטיווע פאַרם־ווירטשאַפטן פון די אַרבעטער, די קבוצות, וואָס האָבן זיך גוט אַנטוויקלט און שטעלן, אין אַ סך באַציאונגען, פאָר אַ מוסטער אינסטיטוציע פון דער מאָדערנער ייִדישער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. זיי פאַרווירקלעכן די בעסטע מעג־לעכקייטן פון אַן אינטענזיווער, פאָרטגעשריטענער לאַנדווירטשאפט אין איינקלאַנג מיט די לאָקאַלע אומשטענדן אין ארץ ישראל.

דאָ מוז צוגעגעבן ווערן, צום שלוס, אַז אַן אַ פרידלעכער און פולער רעגולירונג פון ייִדיש־אַראַבישע באַציאונגען, אויף דעם גע־ביט, למשל, פון אַ געמיינזאַמער טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציע, שיינט בכלל ניט צו זיין מעגלעך אַ ברייטע און פאָרטגעשריטענע לייזונג פון דער אַרבעטער פראַגע אין פאַלעסטינע. עס מוזן דעריבער אונ־טערגענומען ווערן פראַבעס דירעקט אָריינצוציען די אַראַבער אין די ייִדישע יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, הגם עס זיינען דאָ גאָר גרויסע מניעות, מצד ביידע מחנות, אויף אָט דעם וועג. די נוצן, וואָס די ייִדישע אינסטיטוציעס פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג קענען ברענ־גען אויך די אָרגאַניזירטע אַראַבישע אַרבעטער, וואָלטן דאָך געוואָרן גענוג שטאַרקע צוציאונג־מיטלען פאַר די אַראַבער צו ווערן טרייד יוניאָן מיטגלידער צוגלייך מיט ייִדן אין דער פאַרצווייגטער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער נייער פאַלעסטינע.

5. קאָלעקטיוויסטישע קאָלאָניעס (קבוצות)

די גאַנץ שטאַרק אַנטוויקלטע קאָמוניסטיש־קאָלעקטיווע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל פאַרדינען אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. די דאָזיקע קאָלאָניעס, אָדער „קבוצות“, האָבן שוין הינטער זיך אַ היפשע געשיכטע, און זיינען אַ גענוג קענטיקער פּראָדוקטיווער פאַקטאָר וואָס פאַרדינט דעם אינטערעס פון יעדן פאָרשער פון די נייע לעבנס־ און אַרבעטס־פאָרמען אין דעם דער־וואַכנדיקן לאַנד. שוין דער פאַקט גופא, אַז אין די דאָזיקע קאָלאָ־ניעס ווערט אויף פולע 100 פּראָצענט דורכגעפירט דער קאָמוניס־טישער פּרינציפּ — פון יעדן נאָך זיינע פייאיקייטן, און יעדערן לויט

זײַנע באַדערפֿענישן — אַט דער פֿאַקט מאַכט פֿון דידאָזיקע פֿרײַוויליקע קאָלעקטיוון זעלטענע שטודיר־געגנשטאַנדן, וואָס האָבן אפשר ניט זייער גלײַכן אין אַנדערע טיילן פֿון דער וועלט.

לאָמיר, ראשית כּל, געבן אַ קורצן היסטאָרישן איבערבליק פֿון 20 יאָר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פֿון אַט די קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן.

די אימיגראַציע פֿון די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אין ארץ ישראל האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין יאָר 1905. די ערשטע אײַנוואַנדערער פֿון דעם דאָזיקן אַרבעטער־טיפּ (אַ סך פֿון זיי זײַנען אַוועק קיין פּאַלעסטינע אויס ריין אידעאַליסטישע מאָטיוון) האָבן געשטרעבט צו פֿאַרפֿעסטיקן די פּאָזיציע פֿון דער ייִדישער פֿאַרמערײַ אין לאַנד. זיי האָבן געזוכט צו קריגן אַרבעט אין די אַלטע ייִדישע פּלאַנטאַציע־קאָלאָניעס, ווי פּתח תקוה, ראשון לציון, רחובות, וואו ס׳זײַנען שוין געווען פֿון פֿריער באַשעפֿטיקט אַ סך לוין־אַרבעטער, כּמעט אַלע — אַראַבער. די אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען זײַנען דאָרט אָבער געווען שווערע, ממש ניט אַריבערצוטראָגן. די קאָנקורענץ מצד די ביליקע, ניט אָרגאַניזירטע פֿעלאַכן, מיט זייערע אַרבעטנדיקע פֿרויען און קינדער, וואָס פֿאַר זיי איז די אַרבעט אין די ייִדישע קאָלאָניעס געווען בלויז אַ סעזאָן באַשעפֿטיקונג און ניט מער ווי אַ צוגאָב־מלאכה צו זייערע געוויינלעכע נעבעכדיקע דאָרף־פּרנסות, בעת די נײַ־געקומענע ייִדישע אַרבעטער זײַנען געווען אײַנגאַנצן אָנגעוויזן אויף זייער לוין־אַרבעט צו קענען האָבן ברויט — אַט דאָס האָט פֿון אָנפֿאַנג אָן שווער געמאַכט די לאַגע פֿון דעם נײַעם ייִדישן לוין־אַרבעטער טיפּ — דעם ייִדישן דאָרף־אַרבעטער.

ס׳האָט אָבער געווירקט נאָך אַ צווייטער סאָציאַלער און פּסיכאָלאָגישער אומשטאַנד, דהײַנו: די אָפֿענע אָפּאָזיציע מצד די אײַנגעזעסענע ייִדישע קאָלאָניסטן גופא, זייער אומ׳חשק צו באַשעפֿטיקן די אָרגאַניזירטע, סאָציאַליסטיש־געשטימטע ייִדישע אַרבעטער. איז אַזוי לאַנג ווי זיי, די קאָלאָניסטן, האָבן געהאַט אַן אומבאַגרעניצטן רעזערוו פֿון אַראַבישע אַרבעטער, וואָס קענען לײַכט עקספּלואַטירט און באַהערשט ווערן, איז דער אַרבעט־מאַרק פֿאַר די ייִדן געווען אַ זייער און זייער באַגרעניצטער. אַט די אַלע פֿאַקטאָרן

האָבן כמעט אוממעגלעך געמאַכט פאַר אַ יונגן ייִדישן אַרבעטער צו געפינען באַשעפטיקונג אין די פּריוואַטע ייִדישע פאַרמס און פּלאַנטאַציעס. עס האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי דער גאַנצער פּרואוו צו באַזעצן ייִדן־אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, וואָלט געוועסט זײַן פאַראורטיילט צו אַ פולער מפּלה.

פאַר די ייִדישע אַרבעטער איז געשטאַנען אַזאַ מין ברירה: אָדער צו עמיגרירן פון פּאַלעסטינע אָדער דאָרט בלײַבן און אויסגיין פון הונגער. מ׳האָט אָנגעפאַנגען צו קלערן מכוח עפּעס אַ נײַעם ראַדיקאַלן אויסוועג. דעמאָלט ווערט געבאָרן די אידייע אָוועקצוגיין אין גליל — דעם נאָרדלעכן טייל פון פּאַלעסטינע, — וואו די נאַטור־באַדינגונגען זײַנען גינסטיקער פאַר תבואה־פאַרמערײַ און פאַר געמישטע פאַרם ווירטשאַפטן (גרינס, מילך, תבואה) און זײַנען דווקא נ י ט גינסטיק פאַר בלויז פּלאַנטאַציע־אַגריקולטור (ווײַנשטאָקן, אָראַנדזשן), ד.ה. אַ צווײַג פון לאַנדווירטשאַפט, וואָס פאָדערט אַ סך לוין־אַרבעטער, און וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין זידלעכן טייל פון פּאַלעסטינע. דאָרט, אין גליל, וואָלט אויך מעגלעך געווען צו לעבן און אַרבעטן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, ד. ה. ניט אָנקומענדיק לגמרי צו קיין שום געדונגענער אַרבעט, אָדער גאָר צו לוין־עקספּלואַטאַציע.

די דאָזיקע שיינע פּלענער האָבן געפונען אַ גרויסע שטיצע אינם פאַקט, אַז גראָד אין יענער צײַט האָט אויך דער „ייִדישער נאַציאָנאַל פאָנד״, וואָס האָט דעם ציל אײַנצוקויפן אין פּאַלעסטינע לאַנד ניט פאַר דעם פּריוואַטן ייִדישן באַזיץ, נאָר אַלס אַ פאָלקס־אייגנטום, אָנגעהויבן אויפצוקויפן גרויסע האַלב־פּוסטע שטיקער לאַנד אין גליל. די ייִדישע אַרבעטער, אין 1908—1910, האָבן מיט אַ לעבעדיקן אינטערעס אויפגענומען די פּלענער פון דעם דײַטש־ייִדישן עקאָנאָמיסט, באַוואוסטן לאַנד־רעפאָרם טעאָרעטיקער און ציוניסט, פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער, מכוח לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס. אויך האָט דער פּלאַן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער פּועלי ציון פּאַרטיי אין ארץ ישראל און אייראָפּע. אָט אַזוי זײַנען געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע 4—5 יאָר פאַרן בלוטיקן וועלט־שטורעם די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אין גליל (מרחביה, דגניה, כנרת). דאָרט האָבן מיט דער צײַט זיך קאָלאָני־

זירט הונדערטער אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרלאָזן די לױן־שקלאַפע־רײַ אין די ייִדישע פּלאַנטאַציעס. זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין די נײַע דערפער אויף אַ באַזיס פון אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, און זיי האָבן זיך גענומען צו דעם פרישן לעבנס־שטייגער מיט אַ גרויסן גלויבן און מוט.

די דאָזיקע פּראָבעס האָבן איניגיכן געפונען אַן אויסדרוק און אַ טעאָרעטישע גוטהייסונג אין דער פּראָגראַם פון דער פּאַלעסטי־נער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער יוניאָן (אַ צענטראַלע גע־ווערקשאַפט פון די פאַרם־אַרבעטער). די דאָזיקע געווערקשאַפט פלעגט אויף אירע קאָנווענשאַנס פּראָקלאַמירן, אַז זי סימפּאַטיזירט מיט די פּלענער פון אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס. די נײַע פּרינציפּן, וואָס זײַנען אויף אַזאַ אופן שטאַרק פּאָפּולאַריזירט גע־וואָרן, קענען פאָרמולירט ווערן אַט אַזוי: „נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן, זעלבסט־אַרבעט, קעגנזײַטיקע הילף און פאַראַנטוואָרטלעכ־קײַט, די אַרבעט אונטער דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָנטראָל פון די אַרבעטער גופא". דאָס איז פאַרבליבן די באַזע פון דער גאַנצער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות ביז הײַנ־טיקן טאָג.

די מלחמה האָט פאַרשטייט זיך, אָפּגעבראָכן דידאָזיקע עקס־פּערימענטן. די ארץ ישראל אַרבעטער האָבן דורכגעמאַכט שווערע עקאָנאָמישע לײַדן און פּאָליטישע רדיפות. דאָך האָט זיך די קאָלאָ־ניזאַציע באַוועגונג אויף די קאָלעקטיוויסטישע יסודות ניט אָפּגע־שטעלט. (מיטלען זײַנען געשאַפן געוואָרן דורך דער אויסלענדישער פּועלי ציון באַוועגונג מיט דער הילף פון דעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד"), און ס'איז שוין אין 1916—1917 געגרינדעט געוואָרן אַ נײַע גרופּע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיווע קאָלאָניעס אין גליל העליון, ווי תל חי, כפרי גלעדי, אילת השחר און מחניס.

דער יאָר 1921 איז געווען פון דער גרעסטער וויכטיקײַט פאַר דער פּאַלעסטינער אַרבעטער באַוועגונג, און פאַר דער ווײַטערדי־קער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער קאָלעקטיוון, ווײַל אין יענעם יאָר האָט דער „נאַציאָנאַל פאָנד" ווידער געקויפט גרויסע שטי־קער זומפּיקע לאַנד אין גליל, אין עמק יזרעאל, וואָס ליגט צווישן

חיפה און דעם עמק פון ירדון; און אין יאָר 1922 האָט זיך אָנגעפאַנגען די קאָלאָניזאַציע אין יענער געגנט פון בערך 500 אַרבעטער־פאַמיליעס, וואָס האָבן שווער געמוזט אַרבעטן כדי דעם באָדן צו טריקענען און פאַרבעסערן (דורך וועגן א. א. וו.). אין משך פון 6 יאָר צײַט האָט זיך די צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע הארעפּאַשניקעס אין יענער געגנט פאַרפינפפאַכט. פון 600 קאָלאָניסטן (נפשות) אין 1921, איז געוואָרן אַרום 3000 אין יאָר 1927. דער לערך גרויסער מאַסשטאַב פון אָט דער אונטערנעמונג האָט תיכף אויפגעוועקט אין די יונגע און ענטוזיאַסטישע אַרבעטער גרויסע פיזישע און מאָראַלישע כוחות. דאָס ווידער האָט מעגלעך געמאַכט צו געפינען און פאַרווירקלעכן אין לעבן אַ סך נײַע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע קאָלאָניזאַציע פאָרמען אין גײַסט פון די אויבן אויסגערעכנטע פונדאַמענטאַלע פרינציפּן, ד. ה. אין גרונט, אין גײַסט פון עכטן סאָציאַליזם, אָדער גאָר פון ריינעם קאָמוניזם.

דאָ מוז אָנגעוויזן ווערן, אַז דער גרויסער שטראָם פון די יונגע, אידעאַליסטישע אימיגראַנטן (חלוצים) אין די יאָרן 1921—1927 האָט אַרײַנגעבראַכט אין לאַנד אַן אַרבעטער עלעמענט, וואָס האָט זיך געריסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, דער עיקר אין דער לאַנדווירטשאַפט, אָבער אַזאַ עלעמענט, וואָס האָט לגמרי ניט געהאָט קיין שום דערפאַרונג און צוגרייטונג צו אַזאַ אַרבעט. די נײַע יונגע עלעמענטן האָבן אויך כמעט ניט געהאַט קיין גוטע משפחה־פאַרבינדונגען, דאָס הייסט קרובים, וואָס זײַנען שוין פון פריער געווען אין לאַנד, און וואָס וואָלטן געקענט העלפן די נײַ־אָנגעוואַנדערטע זיך צוצופּאַסן צום שווערן ארץ ישראל לעבן. ס׳וואָלט ממש אוממעגלעך געווען צו מאַכן פון די נײַע יונגע עלעמענטן גוטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, אויב עס וואָלט זיי ניט געקומען צו הילף די שוין פון פריער זייער פּאָפּולערע בײַ די אידעאַליסטישע אַרבעטער קאָלאָניזאַציע פאָרם — די קבוצה.

גאַנצע גרופּעס פון יונגע אַרבעטער, אָפּטמאָל לויט אַ לאַנדסמאַנשאַפטלעכער גרופּירונג, האָבן זיך צוערשט אונטערגענומען צו טאָן די אויבן־דערמאָנטע שווערע פיזישע אַרבעטן (בויען שאָסייען, טריקענען זומפּן א. א. וו.), און מיט דער צײַט פלעגן זיי זיך באַזעצן אַלע אינאיינעם אַלס אַ „קבוצה" אויף דעם באָדן. עס מוז

דאָ קלאָר געזאָגט ווערן, אַז אַן אַזאַ פאָרם פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער מאַסן־קאָלאָניזאַציע, וואָלט עס קיינמאָל אין די שווע־רע פּאַלעסטינער באַדינגונגען בכלל זיך ניט איינגעגעבן צו קאָלאָ־ניזירן אויפן לאַנד, אין אַזאַ בערך קורצער צייט, אַזוי פיל געווע־זענע שטאָטישע עלעמענטן. ס'איז דאָך איינע פון די שווערסטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אויפגאַבן פון אונדזער צייט צו קאָלאָניזירן אויפן לאַנד געוועזענע שטאָט־מענטשן פון דור־דורות. אָבער נאָך שווערער איז עס צו קאָלאָניזירן יונגע יידן פון די שטעט און שטעטלעך אין די ניט־גאַנץ לייכטע געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען פון דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל.

דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די „קבוצה" איז ניט בלויז אַ ריין־אידעאַליסטישער עקסטרעמער אויסדרוק און פאַרווירקלעכונג פון די קאָלעקטיוויסטישע און קאָמוניסטישע שטרעבונגען ביי אַ גרויסן טייל יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע. געוויס, אַזאַ גייסטיקע שטרעבונג האָט געווירקט, און אפילו שטאַרק געווירקט, ס'האָבן אָבער זיך געפונען אויך קאָנקרעטע מאַטעריעלע, אָביעקטיווע, רייך־עקאָנאָמישע אומשטענדן, וואָס האָבן ממש געטריבן צו אַזאַ קאָלעק־טיווער קאָלאָניזאַציע פון הונדערטער אַרבעטער־פאַמיליעס. געשען איז עס אין די יאָרן 1922—1926, ווען דאָס איז געווען אַ נויט־ווענדיקע זאַך, פונקט ווי אַזאַ אויסוועג האָט זיך געפאָדערט אין 1909—1910. דעמאָלט, אין אָדער אַרום 1910, זיינען אָבער די אומשטענדן געווען אַביסל אַנדערש ווי אין דער נייערער צייט, ווייל די פּאָליטישע אויסזיכטן פאַרן ציוניזם אין 1920 זיינען גע־ווען אַן אַן ערך בעסער פון די אין 1910, און די עקאָנאָמישע לאַגע אין ארץ ישראל איז שוין אויך געווען אַן אַנדערע נאָך דער מלחמה.

דעמאָלט, מיט צוואַנציק־דרייסיק יאָר צוריק, האָבן זיך אין די קבוצות באַזעצט נאָר די געוועזענע אַרבעטער פון גרויסע קאָלאָ־ניעס, ד. ה. די מער אָדער ווייניקער שוין דערפאַרענע אין דער לאַנדווירטשאַפט עלעמענטן. אין דער נייער צייט זיינען אָבער אַריינגעטראָטן אין די קבוצות דער עיקר גאַנץ אומדערפאַרענע נייע „קאָלאָניסטן". די קבוצה איז געוואָרן פשוט אַ נויטווענדי־קייט פאַר זיי, מחמת אויף אַנדערע פאָרם־ווירטשאַפטן וואָלט מען זיי ווי אַרבעטער אפילו אַ וואָך ניט געהאַלטן, אַזוי „גרין" און

ניט דערפאַרן זײַנען זיי, אָדער די מערסטע פון זיי, נאָך געווען אין דער פאַרמערײַ. וואָס איז שײַך אָבער דעם לאַנד גופא, וואָלטן אַ סך וויכטיקע אויפגאַבעס, שווערע באָדן־פאַרבעסערונג אַרבעטן, למשל, אויך געבליבן ניט פאַרווירקלעכט, ווען ניט די גרויסע באַגײַסטערונג, און איבערגעבנקײַט צו זייער אידעאַל, מצד די יונגע עלעמענטן, וואָס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אין קבוצות. דאָס איז דער הויפט־אונטערשייד אין די ארץ ישראל אומשטענדן, אין באַצוג צו דער קבוצה־באַוועגונג, צווישן דער לאַגע אין 1910 און אין 1921.

די גרויסע אָדער קלענערע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, אָדער קאָמונעס (קבוצות), בויען זיך, בכן, אויף אַ סאָציאַליסטישן פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פּראָדוקציע און פון קאָלעקטיוון פאַרברויך. די גאַנצע פאַרם־אַרבעט, און אויך די הויז־באַלעבאַטישקײַט אַרבעט, ווערן אײַנגעטיילט און אויסגעפירט פון דער אויסגעקליבענער פאַרוואַלטונג. די דערציאונג פון די קינדער, שוין פון סאַמע יינגסטן עלטער אָן, ווערט אויסגעפירט אין אַ געמיינזאַמער דערציאונג־אַנשטאַלט, און אויף די הוצאות פון דער קאָמונע. די נויטן פון יעדן מיטגליד ווערן באַפרידיקט אין די גרענעצן פון די עקאָנאָמישע מעגלעכקײַטן פון דער קבוצה אין דעם געגעבענעם מאָמענט.

ס'אונטערשיידן זיך פון די דאָזיקע קאָלעקטיווע אַרבעטער קאָלאָניעס (קבוצות) די אינדיווידואַליסטישע אַרבעטער קאָלאָניעס, אָדער „מושבי עובדים". דאָ האָט שוין יעדער קאָלאָניסט פאַר זיך אַ באַשטימטן שטח ערד, וועלכן ער באַאַרבעט אַליין, דער גאַנצער באָדן פון מושב ווערט אײַנגעטיילט אין אַזעלכע חלקים, אַז ס'זאָל ניט נויטיק זײַן דאָרט צו באַנוצן לוין־אַרבעט. איז אָבער אַמאָל פאַרט נויטיק אָנצוקומען צו פרעמדע אַרבעט, טאָ ווערט דאַן אָנגעווענדעט די קעגנזײַטיקע הילף פון איינעם פאַר דעם אַנדערנס־וועגן. דער ריינער אײַנקונפט פון דער קליינער פאַרמערײַ גייט צו יעדן קאָלאָניסט פאַר זיך, אָבער די ווירטשאַפטלעכע טראַנסאַקציעס פון פאַרקויף און אײַנקויף, ווי אויך דער אייגנטום פון שווערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, בויען זיך אויף אַ ריין קאָאָפּעראַטיוון אָדער קאָלעקטיוון באַזיס. דער באָדן אין אַזעלכע קאָ־

לאַניעס, פונקט אַזוי ווי אין די קבוצות, איז דאָך ניט קיין פּרי־וואַט־אייגנטום, נאָר ווערט איבערגעגעבן דעם קאָלאָניסט אויף אַ יסוד פון „ירושה־פּאַכט", דאָס מיינט אַט וואָס: מיט אַ רעכט צו באַנוצן זיך מיטן לאַנד בעת אַן אומבאַגרענעצטן טערמין, און צו האַלטן דאָס לאַנד אין אָרענדע — אויך פאַר די קינדער און קינדס־קינדער, אונטער דער השגחה פון „יידישן נאַציאָנאַל פאָנד".

לויט דער סטאַטיסטיק פון 1929, שטעלן זיך אַרויס אַט אַזעלכע ציפערן מכוח ביידע טיפּן קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער קאָלאָניעס.[10]

ד י ק ב ו צ ו ת: קאָלאָניעס: 25; שטח פון לאַנד אין דער באַאַרבעטונג: קרוב 20 טויזנט אַקער; נפשות אין די קאָמונעס: 2,250; אַרבעט־בהמות: 530; מילך־קי: 1452.

ד י מ ו ש ב י ע ו ב ד י ם: קאָלאָניעס: 12; פאַרם־ווירטשאַפטן אין זיי: 474; שטח פון באָדן: קרוב 15 טויזנט אַקער; נפשות: 2,760; (ניט געווען קיינע סטאַטיסטיקס מכוח דעם לעבעדיקן אינווענטאַר).

די אַלגעמיינע סומע געלט, וואָס איז אינוועסטירט געוואָרן אין די קאָלאָניעס (חוץ דעם באָדן), האָט באַטראָפן אַן ערך 3 מיט

[10] לויט דער סטאַטיסטיק פון יאָר 1938 זיינען אין ארץ ישראל געווען 141 קאָלעקטיוויסטישע פאַרם־ווירטשאַפטן (קאָלאָניעס) פון ביידע מינים און אָרגאַניזירט אין 3—4 פאַרבאַנדן. זייער אַנטוויקלונג לויט די צוויי אויבן־באַשריבענע קאַטעגאָריעס ווערט געוויזן אין אַט דער טאַבעלע:

כאַראַקטער	צאָל קאָלאָניעס	באַפעלקערונג	אַרבעטער
קבוצות	91	17,201	12,169
מושבים	50	9,880	5,500
צוזאַמען	141	27,081	17,669

דרײַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, און קומט פון דעם „קרן היסוד". די סומעס, וואָס די קאָלאָניעס קריגן, ווערן זיי אַרויסגעגעבן אַלס הלוואות, הגם ביזן יאָר 1930 איז נאָך ניט פאָרמולירט געוואָרן קיין שום פעסטער לעגאַלער אָפּמאַך צווישן דעם „קרן היסוד" און די אַרבעטער קאָלאָניעס.

אין די קבוצות לאָזן זיך אונטערשיידן צוויי טיפּן: גרויסע און קליינע. אַ גרויסע קבוצה, ווי עין חרוד, אָדער תל יוסף, (ביידע אין עמק יזרעאל), האָט פון 300 ביז 400 נפשות (אַרום 150 משפּחות), און אַרום 1000 אַקער לאַנד. אַ דורכשניטלעכע קליינע קבוצה האָט פון 25 ביז 35 משפּחות (100—150 נפשות), און אַ באָדן שטח פון 400—600 אַקער. דער אַלגעמיינער אײַנדרוק פון אַ באַזוכער, ווי איך, וואָס האָט געקענט פאַרגלײַכן די ביידע טיפּן, איז אַזאַ: אין אַ קליינער קבוצה איז דער ווירטשאַפטלעכער שטאַנד אַ העכערער ווי אין אַ גרויסער קבוצה. אַ צווייטע מעלה פון אַ קליינער קבוצה איז די, אַז אין אַזאַ קבוצה קומט אָן יעדן איינצלנעם חבר לײַכטער זיך צו אָריענטירן אין דער ווירטשאַפטלעכער פירונג, אין דער אַרבעט־פאַרטיילונג, און אין לאַנדווירטשאַפט־פּראָגראַם, ווי אין דער גרויסער קבוצה, וואו יעדער איינצלנער מיטגליד, חוץ די הויפּט־פירער, איז אין גרונט בלויז אַ קליינער שרײַפל אין דער מאַשין. אַזאַ מיטגליד אָריענטירט זיך שוואַך אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט־פירונג פון דער קאָלאָניע, וואו ער לעבט און אַרבעט. דאָס ווידער פירט צו אַ ניט־געוואונטשענעם פּאַסיוון „חברה־גײַסט" און שוואַכן אַלגעמיינעם ווילן אין דער פאָרם־ווירטשאַפט פון אַ קבוצה.

פון דער צווייטער זײַט האָט אָבער די גרויסע קבוצה די מעלה, אַז זי לײַדט קיינמאָל ניט פון מאַנגל אין אַרבעט־הענט, און דאָס אפילו בעת די „הייסע" סעזאָן־אַרבעטן, ווען אין פעלד און שײַער פאָדערן זיך נאָך עקסטראַ הענט. די גרויסע קבוצות, נעמלעך, האָבן אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד, ד. ה. אָרגאַניזירטע גרופּעס לוין־אַרבעטער, וואָס שטייען גרייט אַרײַנצוטרעטן אין דער קבוצה, אַזוי שנעל ווי ס'וועט זײַן אַ מעגלעכקײַט זיי אַרײַנצונעמען. זיי זײַנען שטענדיק גרייט, בינו לבינו, צו קומען אויפן ערשטן רוף פון דער

קבוצה, צו וועלכער זיי געהערן, און אַפּאַרבעטן אין איר אַ שטיק צײַט. דורך אַזאַ מנהג לייזט זיך ממילא די שווערע פּראַגע מכוח באַנוצן זיך מיט געדונגענער אַרבעט אין דער ווירטשאַפט, ווען די ספּעציעלע פּאַרמערײַ־אומשטענדן פּאָדערן דאָס. ס׳זײַנען דאָ אין ארץ ישראל הונדערטער אָרגאַניזירטע בעלנים אַרײַנצוטרעטן אין קבוצות תיכף ווי ס׳וועט זיך לאָזן געפינען אַ וועג צו אַן אויסברייטערונג פון אַזעלכע אַרבעטער־קאָלאָניעס.

וואָס ס׳איז שײַך צו די מעלות פון די „מושבים״ (אינדיווידואַליסטישע אַרבעטער קאָלאָניעס), אין פּאַרגלײַך מיט די „קבוצות״, מוז מען זאָגן, אַז זייער עקאָנאָמישער נוצן איז, ווי ס׳שײַנט, אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישער ענין. די קליינע, צעשפּאָלטענע פּאַרם־פירונג שטימט ניט מיט די מאָדערנע פּאָדערונגען פון דער לאַנדווירטשאַפט פּראַקטיק, ווײַל ס׳איז נויטיק צו באַאַרבעטן גרויסע שטחים לאַנד, כדי עס זאָל לוינען צו באַנוצן די מאָדערנע טײַער־קאָסטבאַדיקע מאַשינעס און פּאַרם־מעטאָדן. ווידער, גייען אַוועק אין די „מושבים״ אַ סך כוחות אין ניוועץ פּשוט צוליב דער צעשפּליטערונג פון אומפּאַרמײַדלעכע הויז־ און פּאַמיליע־אַרבעטן, ווי די קינד־פירונג, קינדער דערציאונג, א. א. וו. אין א „מושב״ באַזיצט דער אַרבעטער אין דורכשניט אַרום 25 אַקער לאַנד פּאַר זײַן געמישטער ווירטשאַפט, ד. ה. תבואה, פּוטער (קאָרמע) פּאַר קי, עופות, גרינס־גאָרטן און אַ פּרוכט־גאָרטן. עס שײַנט, אַז דער אויסגעמאָסטענער, פּאַרלאָזענער באָדן פון פּאַלעסטינע איז נאָך ווײַט ניט גענוג פּרוכטבאַר צו דערנערן אַ פּאַמיליע, וואָס באַאַרבעט ניט מער ווי 25 אַקער לאַנד. מער צו באַאַרבעטן לאָזט זיך אָבער ניט אָן געדונגענע „פּאַרם הענט״, און דאָס גייט דאָך קעגן דעם גרונטפּרינציפּ פון אַ „מושב עובדים״.

אין די קבוצות האָט זיך דער מענטשן־עלעמענט זייער אָפּט געביטן, דער עיקר אין די ערשטע יאָרן. און דאָס איז אויך פּאַרשטענדלעך: דאָס לעבן דאָרט איז געווען געוואַלטיק שווער, און ניט יעדער איינער קען זיך לײַכט און גיך אַרײַנפּאַסן און צוגעוואוינען צו דעם מער אָדער ווייניקער „רעגימענטירטן״, ד. ה. צענטראַליזירטן און שטרענג רעגולירטן לעבנס־שטייגער פון אַ „קאָ־

מונע", אפילו ווען זי לעבט און ווירקט אין נאָמען פון „ארץ ישראל אויפלעבונג".

וואָס איז שייך צו דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ־פּייאיקייט פון אַזאַ קאָמונע סיסטעם אין פּאַלעסטינע, איז דאָס שוין אַ פראַגע, וואָס הענגט אָפּ פון אַ סך נאָך אומבאַשטימטע און פאַרענדערלעכע אומשטענדן ווי, למשל, אויסצוגעפינען די פּאַסיקסטע פאָרם פון דער אַגריקולטור, לויט די באַזונדערע קלימאַטישע און באָדן אומ־שטענדן פון יעדן ראַיאָן באַזונדער, א. אַ. וו. דאָ ווערט נאָך דער־ווייל אַלץ עקספּערימענטירט, און די ערשטע סמנים פון דערפאָלג קומען דווקא פון די קאָמונעס מיט די גרויסע און מאָדערנע פּלאַנ־טאַציעס, ווי באַנאַנעס, גרינס, גרייפּ־פרוכט א. אַ. וו., וואָס עט־לעכע הויך־שטייענדיקע קבוצות (ווי, למשל, דגניה) האָבן שוין ביי זיך איינגעפירט. ווידער, וועט געוויס פאָדערן זיך מיט דער צייט איינצופירן פאַר דער פאַרטיילונג פון די געמיינזאַמע פּראָדוקטן אַ מער רעגולירבאַרע און גערעכטערע סיסטעם ווי סתם גלייכהייט צווישן אַלע מיטגלידער, אָן אונטערשייד פון זייער פאַמיליע־שטאַנד און אַרבעטס־ווילן... אָן דעם, וועט אַ דעפיציט־ווירטשאַפט מסתם זיין דער שטענדיקער רעזולטאַט פון דער קבוצה־פאַרמעריי.

עס בלייבט אָבער אַ צופרידנשטעלנדער פאַקט, אַז די קאָלעק־טיווע אַרבעטער ווירטשאַפטן זיינען דאָך די איינציקע כמעט טרע־גער און פאַרשפּרייטער פון דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע. זיי פירן ענערגיש איין, און פאַרפולקאָמען די מעכאַ־נישע אַרבעטס־מעטאָדן אין דער פאַרמעריי, זיי פלאַנצן נייע קול־טורן, באַנוצן קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרקויף פון זייע־רע פּראָדוקטן אויפן היימישן מאַרק און אין אויסלאַנד, און זיינען בכלל אַ מאָדעל אפילו פאַר אַזעלכע פעסטע קאָלאָניזירונגס געזעל־שאַפטן, מיט 40—50 יאָר פּראַקטיק אין ארץ ישראל, ווי די פ. י. ק. א. (באַראָן ראָטשילדס פאָנד) א. אַ. וו.

אָט דאָס אַליין, דער פאַקט, אַז אַזוי פיל איניציאַטיוו און ענערגיע קומט אַריין דווקא פון די קאָמוניסטישע אַרבעטער־קאָ־לאָניעס, שאַפט ווידער אַ גוטן באַווייז, ווי פאַלש ס'זיינען די מיי־נונגען, אַז קאָלעקטיווע ווירטשאַפט איז בכלל ניט מסוגל צו דינען דעם עקאָנאָמישן פאַרשריט און וואוילשטאַנד פון פאָלק.

אַ צווייטע, אומצווייפלהאַפטע מעלה פון די קבוצות איז דער פאַקט, אַז דווקא זיי פאַסן צו, בעסער ווי יעדער לאַנדווירטשאַפט־לעכע שולע, דעם נײַ־אָנגעקומענעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַר די שווערע באַדינגונגען פון דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע. פון זיי קומען שוין אַרויס געניטע און אויסגעפּרובירטע פאַרם־אַרבעטער און קאָלאָניסטן. און אויב עס זאָל זיך אין דער צוקונפט פאַרט אַרויסשטעלן, אַז עקאָנאָמיש האָט דווקא דער „מושב עובדים" מער מעלות ווי אַ קבוצה, איז פונדעסטוועגן זײַנען ניטאָ קיין בעסערע צוגרייטונג מעגלעכקײַטן פאַר דער פּראַפעסיע פון אַן ערפאָלגרײַכן קאָלאָניסט ווי דער פּראַקטישער סטאַזש (צוגרייטונג) אין אַ קבוצה, ווען ס'קומט אין פראַגע דער יונגער, „חלוצישער", אימיגראַנטן־עלעמענט אין דער נײַער צײַט.

פון דער צווייטער זײַט, דינט אויך די קבוצה דער פאַרבע־סערונג פון דעם פּאַלעסטינער באַדן גופא. די פּרוכטבאַרקײַט מדרגה פון די פּאַלעסטינער פעלדער איז נאָך אַלץ אַ נידעריקע (מחמת מ'האָט דאָרט אַזוי לאַנג געפירט אַ רויב־ווירטשאַפט דורך דער פאַרמערײַ פון די פעלאַכן). און אַזוי לאַנג ווי דאָס וועט אָנ־האַלטן, וועט אומגעהויער שווער זײַן פאַר די ייִדישע קאָלאָניסטן־פאַרמער צו קאָנקורירן אויפן פאַרקויף־מאַרקעט מיט די היימישע, ד.ה. וואָלוועלע, מילך און עופות פּראָדוקטן פון די פעלאַכן אין פּאַלעס־טינע און מצרים, אָדער מיט די דאָזיקע פּראָדוקטן פון די דײַטשישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינע, וואָס עקספּלואַטירן אָן רחמנות די ביליקע אַראַבישע אַרבעט. דערווײַל לעבן נאָך די מיטגלידער אין די קבוצות אין שווערע באַדינגונגען (די דערנערונג איז אפילו בע־סער ווי פריער, אָבער זי איז דאָך נאָך ווײַט ניט גענוג גוט; די דירות — מערסטנס אומבאַפרידיגנדיקע, א. אַ. וו.). אָבער דורך אַזעלכע קרבנות ווערט פאַרט געטאָן אַ גרויסע און שווערע קאָנ־סטרוקטיווע אַרבעט: צו פאַרגרעסערן די פּרוכטבאַרקײַט פון אַ באַדן, וואָס איז אַמאָל געווען פון די בעסטע און פּרוכטבאַרסטע אין יענעם טייל וועלט.

אַרום און אַרום, שײַנט די „קבוצה" צו זײַן איינע פון די פּאָזיטיווסטע און נוצלעכסטע ווירטשאַפט־פאָרמען און אויפטוען פון דער נײַ־ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

צו דער פֿראַגע פֿון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע

1. טעריטאָריעלע האָפֿענונגען און אילוזיעס

וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן די פֿיל־צאָליקע פּראָיעקטן און פּלענער וועגן בריטיש־גוויאַנאַ, טאַנגאַניקאַ, אַלאַסקאַ, און אַנדערע טעריטאָריעס פֿאַר די קרבנות פֿון באַרבאַרישן היטלעריזם? האָבן זיי אַ וואָסערע עס איז ממשות? וועלכע מעגלעכקייטן זײַנען פֿאַראַן אין די פּלענער וועגן טעריטאָריעלער לייזונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע? — זיך צו פֿאַנאַנדערקלײַבן אין אָט־די פֿראַגן, אָפּצוּוועגן זייער אינהאַלט, מיינט אין אַ גרויסער מאָס די דאָזיקע פֿראַגן צו פֿאַרענטפֿערן.

די איצטיקע שרעקלעכע לאַגע פֿון די דײַטשישע ייִדן, די האָפֿענונגסלאָזע פּערספּעקטיוון פֿאַר דער נאָענטער צוקונפֿט, דער יאוש פֿון די אַנטרעכטיקטע, באַרויבטע און באַליידיקטע הונדערטער טויזנטער מענער און פֿרויען — דאָס דערקלערט אונדז שוין למאַי די פֿאַנטאַסטישע און האַלב־פֿאַנטאַסטישע פּלענער מכח לענדער און קאָלאָניעס פֿאַר ייִדן אין עק־וועלט, הינטער די הרי־חושך פֿון דרום־אַמעריקע און מזרח־אַפֿריקע, למאַי אַפֿילו אָט־די לופֿט־שלעסער־פּראָיעקטן זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן אין די ייִדישע קרײַזן מיט אַ מין אינסטינקטיווער פֿרייד און סענטימענטאַלער באַגײַסטערונג.

פֿאַרן נוצן פֿון ענין גופֿא וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, פֿיל גלײַכער געווען, ווען קודם־כּל גיבן מיר זיך אָפּ אַ חשבון מכח די קאָנקרעטע אומשטאַנדן און באַדינגונגען פֿון די אָדער יענע קאָלאָניזאַטאָרישע אונטערנעמונגען. ערשט נאָך אַזאַ אַנאַליז לאָזט זיך נעמען אַ לאָגישע, הגם ניט מער ווי אַ טעאָרעטישע, שטעלונג צו אָט־די משונה־

דיקע וועגן און מיטלען פאַר אַ יידישער גאולה און ישועה אין אונדזער קריטישער צייט.

אַז לענדער, גרויסע און אַפילו קליינע, זאָלן אַריינלאָזן און אויפנעמען גרויסע מאַסן מענטשן אין בערך אַ קורצן טערמין איז ניט קיין נאָווינע אין דער נייעסטער צייט. ערשט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק איז דאָך דאָס געווען אַזאַ קלאָרע פאַר אַלעמען זאַך דאָ אין אַמעריקע. אין די צען יאָר צייט — פון 1905 ביז 1914 — זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַריינגעקומען צען מיליאָן און 122 טויזנט אימיגראַנטן, פון זיי איבער אַ מיליאָן יידן, און אפשר אַנדערהאַלבן־מיליאָן. די דריי פאַרטגעשריטענע און נאָענטסטע צו אייראָפּע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן — בראַזיליע, אַרגענטינע, אורוגוואַי — מיט זייערע קאַרגע 60 מיליאָן איינוואוינער (פון זיי 40 מיליאָן אין בראַזיליע), זיינען אויך אויפגעבויט געוואָרן, דערהויפּט, פון אימיגראַנטן אין עטלעכע צענדליק יאָר צייט.

ס׳איז אָבער אַ טרויעריקער פאַקט, אַז נאָך דער מלחמה זיינען די טויערן פון אַלע אימיגראַציע לענדער אַזוי גוט ווי פאַרקלאַפּט געוואָרן אינגאַנצן. דערביי האָבן געווירקט נאַציאָנאַליסטיש־פּאָליטישע אורזאַכן, ווי דער וואוקס פון שאָוויניזם, מורא פאַר „פרעמדע" ווי אויך עקאָנאָמישע סיבות און ד. גל. האָט דאָך די מעכאַניזירונג פון דער אינדוסטריע אומעטום שטאַרק פאַרקלענערט דעם באַדאַרף אין מענטשלעכע הענט. די פאַרדינסטן און פרנסה־מעגלעכקייטן פאַר מענטשן פון כמעט אַלערליי שטאַטישע באַשעפטיקונגען זיינען שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן אין די אימיגראַציע־לענדער. אַפילו דער אַרבעטס־מאַרק פאַר פאַרם־הענט, פאַר לאַנד־ווירטשאַפטלעכע האַרעפּאַשניקעס איז שטאַרק געפאַלן אין דער לעצטער צייט. די פאַרמערישע באַפעלקערונג איז אומעטום אויסגעוואַקסן און ס׳זיינען פאַראַן גענוג בעלנים צווישן די פאַראַרעמטע פאַרמערס אויף גיין האָרעווען אויף דעם לאַנד פאַר קליינע שכירות. צווייטנס, האָבן טראַקטאָרס און אַנדערע מאַשינען פאַרקלענערט דעם מאַרק, פון מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט אין אַרגענטינע, קאַנאַדע, און אַנדערע גרויסע לענדער, וואו אימיגראַנטן האָבן אויפגעבויט אַ מאָדערנע לאַנדווירטשאַפט.

צילן און וועגן פון אויפבוי

בלייבט, אלזא, איין איינציקע קאטעגאריע הארעפאשנע עמי־גראנטן, פאר וועמען ס׳איז יע פאראן א פלאץ און אויפנאם־גרייט־שאפט אין די פוסטע און האלב־פוסטע לענדער פון נארד־און זיד־אמעריקאנישן וועלט־טייל. דאס זיינען די קאלאניסטן־פארמערס, וואס ווילן צעאקערן און באארבעטן די האלב־ווילדע שטחים לאנד און זיך דארט באזעצן מיט קינד און קייט. נו, וואלט דאך דאס געקענט טאקע זיין א גוטע סגולה, צו ראטעווען די פארצווייפלטע היימלאזע פליטים (פליכטלינגע) און סתם די פארשטויסענע, עלנטע און בארויבטע קרבנות פון אנטיסעמיטיזם און פאשיזם. איז אבער די צרה, אז גראד איצט, אין דעם צווייטן פעריאד פון מאסן־עמיגראציע און קאלאניזאציע, שטעלן זיך גוואלדיקע מניעות אין וועג פון יעדן פראיעקט צו באזעצן גרויסע מאסן מענטשן אויפן לאנד, און גאר גאר גוואלדיקע שטערונגען פארשטעלן דעם וועג פאר א יידישער קאלאניזאציע אויף א גרויסער טעריטאריע.

יעדע פוסטע לאנד איז די שווערסטע טעריטאריע פאר א מאסן־אימיגראציע, בעת א געדיכט־באפעלקערטער געביט, בפרט אין א פריש לאנד מיט גרויסע נאטירלעכע רייכטימער איז דווקא יע מסוגל אריינצונעמען אין זיך נאך און נאך ארבעטסוויליקע מענטשן אין א קורצער צייט. א לויך־ארבעטער, וואס קומט אן אין אט אזא לאנד, האט באלד נאך זיין אראפגאנג פון שיף א שאנס, און על־פי רוב אויך א געלעגנהייט, צו געפינען ארבעט און ברויט.

גאנץ אנדערש איז די לאגע פון די קאלאניסטן. א קאלאניסטן־גרופע קען גארניט פארלאזן זייער היים, אויב אין אימיגראציע־לאנד איז ניטא קיין אפיציעלע, אדער פריוואט־געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע אדער אנשטאלט, וואס זאל די אימיגראנטן אויפנעמען און זיי באזעצן אויפן לאנד. די דאזיקע אינסטיטוציע אדער געזעל־שאפט דארף אויסקלייבן די שטחים לאנד פאר קאלאניזאציע, צו־גרייטן דעם באדן, אויסארבעטן די קאלאניזאציע־פלענער און רעגו־לירן אלע עקאנאמישע און טעכנישע פראגן (קאפיטאל און פינאנצן, אויסבעסערונג פון באדן, בויען וועגן, בריקן, קאנאלן און דאס גלייכן).

די דערפארונג לערנט אונדז, אז די פריוואט־קאמערציעלע קאלאניזירונג־געזעלשאפטן ארבעטן קעגן די אינטערעסן פון די קא־

לאָניסטן און פון דעם קאָלאָניזאַציע־לאַנד גופא. זיי עקספּלואַטירן די קאָלאָניסטן און באַרײַכערן די באַדן־אייגנטימער, אײַזנבאַן־געזעלשאַפטן, און אַנדערע פינאַנץ־פירמעס און יחידים. איז קלאָר, אַז די איניציאַטיוו צו באַשאַפן דעם קאָלאָניזירונג־אַפּאַראַט דאַרף אַרויסגיין פון די פירער פון לאַנד, וואָס עפנט זײַנע גרענעצן פאַר פרישע קאָלאָניסטן, און נאָך בעסער איז, ווען אָט־דאָס אימיגראַציע־לאַנד פירט אָן די קאָלאָניזירונגס־אַרבעט בשותפות מיטן לאַנד, פון וואַנען די אימיגראַנטן־קאָלאָניסטן קומען. ליידער, איז דאָ גאָר ווייניק האָפענונג, אַז די יידישע עמיגראַציע־לענדער (דײַטשלאַנד, פּוילן א. אַנד.) זאָלן כאָטש בדעה האָבן טאָקע צו קאָאָפּערירן מיט די נײַע לענדער מעבר לים מכח באַזעצן דאָרט יידישע פאַמיליעס אויף פאַרמס און פּלאַנטאַציעס.

ס׳איז ניט מער ווי רעכט, אַז די לענדער פון וועלכע ס׳קומען גרויסע מאַסן אימיגראַנטן, זאָלן אַליין צושטײַער געבן אויף די הוצאות פון דער אויסוואַנדערונג און אײַנוואַנדערונג. לכל־הפּחות, וואָלט דער כלל, דער פּרינציפּ, געדאַרפט זײַן, — צו לאָזן מיטנעמען דעם אייגנס וואָס די עמיגראַנטן פאַרמאָגן, כדי זיי זאָלן האָבן די מיטלען מיט וועלכע אָנצופאַנגען אַ נײַעם לעבן אין דער פרישער היימלאַנד. אָבער איצט זײַנען דאָך אָט די אַלע פּרינציפּן ניט מער ווי אַ חלום וועגן דער גאָלדענער צײַט פון די אַמאָליקע יאָרן...

שטעלט זיך בכן זייער שאַרף אַוועק די פינאַנץ־פראַגע. היטלערס אַכזרישע פּאָליטיק באַשטייט נאָך אַלץ דעראויף, אַז מ׳טאָר ניט אַרויסלאָזן קיין אויסלאַנד אַ פּרוטה פון דעם יידישן פאַרמעגן אין דײַטשלאַנד. יעדע מאַסן־קאָלאָניזאַציע פאָדערט אָבער ריזיקע געלט־מיטלען. אין דער נײַעסטער יידישער געשיכטע זײַנען פאַראַן עטלעכע בײַשפּילן פון אַזאַ קאָלאָניזאַציע, ווען דאָס געלט איז געקומען פון צוויי פון די רײַכסטע יידן אין זייער צײַט — באַראָן הירש פאַרן נײַעם פאַרם־ישוב אין אַרגענטינע, און באַראָן ראָטשילד פאַרן אויפבוי פון פּאַלעסטינע. אויך צוויי מאָל האָט די רעגירונג פון אַ גרויסן לאַנד, רוסלאַנד, אין די צײַטן פון אַלעקסאַנדער דעם 1טן, אין דרום־רוסלאַנד, און נאָך דער סאָוועט־רעוואָלוציע, אין מזרח־סיביר, אַסיגנירט מיליאָניקע סומעס פאַר יידישער קאָלאָ־

ניזאַציע — וואָס ווײַזט ווידער, מיט וועלכע הוצאות אַזעלכע פּראָ־יעקטן שמעקן.

דער גוטער לאַנדווירטשאַפטלעכער באָדן איז איצט, נאָכדעם ווי די בעסטע שטיקער לאַנד זײַנען שוין אומעטום פאַרנומען, ניט קיין ביליקער אַרטיקל. צו באַזעצן ווידער קאָלאָניסטן אויף די ערגערע שטחים לאַנד, און אין ניט קיין גאַנץ לײַכטן פאַר זיי קלימאַט, איז אַ גאָר שווערע אַגראַר־טעכנישע אויפגאַבע, וועלכע מוז אַרײַנשליגגען אומגעהײַערע סומעס אין סובסידיעס און שטיצע פאַר די קאָלאָניסטן. און מיר ריידן שוין גאָרניט וועגן דעם אַראָפּ־געדריקטן לעבן־שטייגער, צו וועלכן ווייניקע פון די געוועזענע שטאָטישע אײַנוואוינער וועלן קענען זיך צוגעוואוינען, בעת מ׳נעמט זיי מיט מזל באַזעצן אין די „קאָלאָניעס״.

זאָל מען שוין זאָגן, אַז ניט מער ווי 3500 דאָלאַר וועט נויטיק זײַן אויף צו באַזעצן אַ משפּחה אויפן לאַנד. דאַן קומט אויס, אַז פאַר טויזנט משפּחות וועט נויטיק זײַן אַ סכום פון 3 מיליאָן און 500 טויזנט דאָלאַר און פאַר 100 טויזנט משפּחות וועט זיך פאָדערן די אימפּאָזאַנטע סומע פון 350 מיליאָן דאָלאַר צום ווײַ־ניקסטן. הלוואי זאָל אונדזער קהל וועלן נעמען אויף זיך די טרחה פון פאַרזאָרגן די אומגליקלעכע הונדערטער טויזנטער ייִדישע מע־נער, פרויען און קינדער, פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך מיט אָט־די דרײַ־פיר הונדערט מיליאָן דאָלאַר...

ווידער שטעלט זיך אַוועק די פראַגע מכח דעם ריכטיקן מענטשלעכן מאַטעריאַל. זייער ווייניק ייִדן אין צענטראַל־אייראָפּע קענען, ווילן, טויגן און פאַסן פאַר דער ראָלע פון פאַרמערס אין ווײַטע קאָלאָניעס. פון אַ סטאַטיסטיק צווישן די לעצטנס אַנט־לאָפענע ייִדן פון דײַטשלאַנד שטעלט זיך אַרויס, אַז געשעפטס־לײַט און אָפּיס־אָנגעשטעלטע זײַנען געווען 29 פּראָצענט; האַנט־ווערקער — 19 פּראָצענט; פרײַע פּראָפעסיעס — 6 פּראָצענט; אַרבעטער — 4 פּראָצענט און הויז־דינער — 4 פּראָצענט. קיין פאַרמערס אַפילו אויף אַ רפואה ניטאָ! פון דער צווייטער זײַט, זײַנען צווישן די אַנטלאָפענע קאַטאָליקן פון עסטרײַך (אַרײַנ־גענומען אין חשבון די „ניט־אַריער״ אויך) זײַנען 32 פּראָצענט געווען פאַרמערס. אמת, אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אין דער

דײַטש־ייִדישער יוגנט באַוויזן אַ פאַרלאַנג און ווילן זיך צו לער־נען די פאַרמערישע מלאָכות און זיך צוגרייטן צו לאַנדווירטשאַפט. דאָס וועט, זיכער, פאַרלײַכטערן פאַר אַ טייל היימלאָזע דעם אײַ־בערגאַנג פון שטאָטישע קאַריערעס צו לאַנדווירטשאַפט.

ווידער איז אַ פאַקט, אַז דעם 1טן יאַנואַר 1938 זײַנען 54 פראָצענט פון די דײַטשישע ייִדן (חוץ עסטרײַך) געווען עלטער פון 45 יאָר. פאַר אַ לעבן אין קאָלאָניעס, אונטער די שווערע פּיאָנערן־באַדינגונגען טויגן לחלוטין ניט די מיטליעריקע און עלטערע מענטשן. איז במילא פאַלט אָפּ די אילוזיע, אַז מ׳וועט אַ פּאָר הונדערט טויזנט דײַטשישע ייִדן גלײַך קענען אַוועקפירן אין די פרישע טעריטאָריעס און זיי דאָרט מיט מזל באַזעצן.

עס פאָדערט זיך אַלזאָ קודם־כל אַ היפּשע פּראָפעסיאָנעלע איבערשיכטונג און טעכנישע צוגרייטונג פאַר די שטאָטישע עלע־מענטן, אויב מען וויל זיי אַריבערפירן אין די נײַע לענדער ווי קאָלאָניסטן אימיגראַנטן. אמת, אין די שטעט פון איראָפּע זײַנען איצט דאָ אַ סך (ניט־ייִדישע) אַרבעטסלאָזע עלעמענטן, וואָס שטאַ־מען פון דאָרף, און זיי וואָלט געווען פיל לײַכטער ווי די אינדוסט־ריעלע אַרבעטסלאָזע צו באַזעצן אין די ווײַטע מדינות אויף דעם לאַנד, און במילא וואָלט זיך דער דרוק פון אַרבעטסלאָזיקײַט אין אַזעלכע לענדער ווי פּוילן און אַנדערע אויך פאַרקלענערט, ווען אַזאַ גרויסער טייל פון דעם אַרבעטסלאָזן־רעזערוו וואָלט זיך פאַר־מינדערט דורך עמיגראַציע.

בנוגע צו אונדז ייִדן, דערהויפּט פון פּוילן, סלאָוואַקיע און רומעניע, וואו ס׳זײַנען פאַראַן אַ סך ייִדישע פאַרמערס, וואָלט אויך געווען אַ גלײַכע זאַך אונטערצונעמען אַן אָרגאַניזירטע עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע עלעמענטן, ווי למשל, די זין און טעכטער פון די אַגריקולטורעלע משפחות. דאָס וואָלט געהאַט אַ טאָפּלטן נוצן: אַ טייל פון די ייִדישע אָרעמע האָרעפּאַשני־קעס, וואָס טויגן צו קאָלאָניזאַציע און פאַרמערײַ, וואָלטן געפונען פאַר זיך בעסערע אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען. דאָס איז איינס. צווייטנס, וואָלטן דורך דעם געשאַפן געוואָרן אין די נײַע לענדער צענטערס, אַרום וועלכע ס׳וואָלטן זיך, מיט דער צײַט, געקענט קריסטאַליזירן גרעסערע ייִדישע פאַרם־ישובים, פון די צוגעקומענע

עלעמענטן, וואָס וואָלטן אין די, פון פריער געגרינדעטע, ייִדישע קאָלאָניעס אין די נײַע לענדער דורכגעמאַכט אַ שטיק פּראַקטישע שולע און זיך צוגעפּאַסט צום נײַעם לאַנד און לעבן.

דער אויספיר איז אַזאַ: אונטער געווויסע אומשטאַנדן און בײַ גרויסע אָנשטריינגונגען פון ייִדישן כּלל איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט צו קאָלאָניזירן, אויב ניט צענדליקער טויזנטער, איז טויזנטער ייִדישע משפּחות אין די לענדער מעבר לים, אין צוגאָב צו דער פון פריער שוין עקזיסטירנדיקער לאַנדווירטשאַפטלעך־טעטיקער ייִדישער מאַסע אין פּאַלעסטינע. לייזן, אָבער, די גאַנצע אַנגעוווייטיקטע ייִדישע פראַגע אין אייראָפּע קען מען דורך דעם ניט. און אַפילו די באַשיידענע קליינע אַקציע וועט פאָדערן אַ פּלאַנמעסיקע, קאָאָפּעראַטיוו־קאָנסטרוקטיווע אַקטיווקייט פון אַלע שעפערישע ייִדישע עלעמענטן אומעטום.

2. קאָלאָניזאַציע פּראָיעקטן און פּערספּעקטיוון

ס'איז דאָ אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד אין די באַדינגונגען פון מאַסן־עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין די פריערדיקע צײַטן און איצט. אַמאָל פלעגן עמיגראַנטן זיך אַוועקלאָזן ווי קאָלאָניסטן אין די ווײַטע לענדער מעבר לים, ניט אָנפּרעגנדיק זיך פריער מכּח די באַדינגונגען אין די נײַע לענדער, וואוהין זיי פלעגן אויסוואַנדערן. גרויסע קאָלאָניזאַציע־געביטן זײַנען באַפעלקערט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, דאָס מיינט אָן עקסטראַ פאָרשונגען און גרויסע אונטערזוכונגען אויפן אָרט גופא.

דאָס איז אַלץ מעגלעך געווען צוליב די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין יענער צײַט — אַ שפע פון בילי̇קן באָדן, די באַוואוסטקייט פון די נאַטירלעכע קאָמוניקאַציע־מיטלען (ים, אײַזנבאַנען און אַז. וו). צו די נײַע ישובים, דער לײַכטער וועג צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפט דורך דער היימישער אויסאַרבעטונג פון כּמעט דער גאַנצער שפּײַז, קליידונג און בוי־מאַטעריאַלן, און אויך ווײַל עס האָט זיך געפאָדערט נאָר אַ קליינער אָנפאַנגס־קאַפּיטאַל, כּדי צו ווערן אַזאַ פּרימיטיווער פאַרמער און קאָלאָניסט.

דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ גוטע געלעגנהייט צו ווערן דערפאָלג־

רײַכע קאָלאָניסטן־פאַרמער פאַר יענע האַרעפּאַשנע מענער און פרויען, וועלכע זײַנען געווען פייאיק און גרייט זיך צוצופּאַסן צו דעם זייער פרימיטיוון פּיאָנעריש־האַרטן לעבנס־שטייגער אין די קאָלאָניעס, אָדער אין נײַע לענדער, ווי קאַנאַדע, אַרגענטינע און אַנדערע.

דעריבער זײַנען טאַקע די דערפאָלג־שאַנסן אין יענער צײַט געווען פיל גרעסערע, ווי איצט, ווען די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פאָדערט גרויסע הוצאות פון טראַנספּאָרט און אײַנאָרדנונג.

אויך איז אַ פאַקט, אַז אין געוויסע לענדער, און דווקא גרויסע לענדער, ווי אַמעריקע און אַנד., האָבן אַ סך פאַרמערס קאָלאָניסטן, איידער זיי זײַנען געוואָרן אָט־אַזעלכע קאָלאָניסטן, פריער אָפּגע־אַרבעט עטלעכע יאָר ווי לוין־אַרבעטער אין שטאָט אָדער אויפן לאַנד. און בעת אָט־דער באַצאָלטער באַשעפטיקונג זייערער, האָבן די אי־מיגראַנטן ניט בלויז געקענט אָפּשפּאָרן געלט, וואָס איז נויטיק געווען אויף אײַנצוקויפן זייער נחלה, נאָר זיי האָבן אויך באַוויזן באַקאַנט צו ווערן מיט דער אייגנשאַפט פון באָדן, וואָס פון איר הענגט אָפּ דעם פאַרמערס הצלחה, מיט די בעסטע מיטלען פון ערד־באַאַרבעטונג, מיט די קאַפּיטאַל־באַדערפענישן און מיט די אַנדערע פאַקטאָרן און אומשטאַנדן, וואָס פון זיי הענגט אָפּ די מזל־ברכה, אָדער די מפּלה פון אַ פאַרמערשערווירטשאַפטס־אונטערנעמונג.

אָט דער וועג פון אײַנאָרדנען זיך אין צוויי עטאַפּן (פריער, ווי אַ לוין־אַרבעטער און שפּעטער, ווי אַ זעלבסטשטענדיקער קאָלאָניסט) איז געווען גאָר באַזונדערס באַקוועם און לײַכט אין יענע לענדער, ווי אַמעריקע און אַרגענטינע, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ גרויסן עקספּאָרט־האַנדל מיט זייערע פאַרם־פּראָדוקטן (ווייץ, פלייש א. אַז. וו.) און זײַנען דורך דעם געווען אימשטאַנד צו געבן די נײַ־געקומענע אימיגראַנטן (וואָס האָבן זיך געטויגט פאַר פאַרם־האַרעוואַניע) באַצאָלטע באַשעפטיקונגען אין דער אַגריקולטור מיט בערך ניט קיין שלעכטע שכירות.

אָט דער צושטאַנד איז שוין, לײַדער, מער ניטאָ; ער איז פאַרשוואונדן אין די מערסטע אימיגראַציע־לענדער. די כראָנישע אַרבעטלאָזיקייט און די נידעריקע אַרבעט־שכירות אין דער פאַר־

מערײַ זײַנען איצט געוואוינלעכע דערשײַנונגען כמעט איבער דער גאַרער וועלט.

הײַנט מוזן, דעריבער, די צוקונפטיקע עמיגראַנטן, וואָס גרייטן זיך צו ווערן קאָלאָניסטן — נאָך פאַר זייער אָפּפאָר אין דעם באַזעצונג־לאַנד — האָבן די גענויסטע ידיעות מכח די מעגלעכקײַטן און באַדינגונגען פאַר דערפאָלגרײַכער קאָלאָניזאַציע, מכח דעם קאַפּיטאַל און די קוואַליפיקאַציעס (פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, קענטענישן און פייאיקײַטן), וואָס פאָדערן זיך פאַר דער נײַער עקזיסטענץ, און מכח די לעבנ־ און אַרבעט־באַדינגונגען אינם נײַעם לאַנד, וואוהין זיי קלײַבן זיך אַוועקצולאָזן.

און דאָס אַלץ מיינט, אַז אַן אַ פּלאַנמעסיקער, אַלזײַטיקער און גוטצוגעגרייטער דורכפירונג איז הײַנט־צו־טאָג יעדע פּראָבע פון אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע לחלוטין אַן אוממעגלעכע זאַך, אַ פאַרמשפּטער צום דורכפאַל עקספּערימענט.

ס׳פאָדערט זיך אָבער אַ לאַנגער און שווערער פּעריאָד פון צוגרייטונג, אַן ערך 10 ביז 15 יאָר, כדי צוצופּאַסן די איצטיקע ייִדישע פּליטים, די „פּליכטלינגע" פון נאַצילאַנד, צו די באַדינגונגען פון פאַרם־לעבן אין אַן אומבאַקאַנטן לאַנד, אָפּטמאָל מיט משונהדיקע קלימאַט־באַדינגונגען, מיט ווילד־פרעמדע מנהגים און פירונגען און סתם אין אַן אויסטערלישער, זייער פרעמדער סביבה.

אין די פּעריאָדן פון פאַנאַטישן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז די קללה פון אונדזער צײַט, איז קיין שום פאָלק ניט גרייטווייליק אַרײַנצולאָזן צו זיך אין לאַנד גרעסערע מאַסן קאָלאָניסטן, וואָס וועלן פּאָליטיש ניט גאַנץ לײַכט „פאַרדײַט" ווערן, אָדער וואָס וועלן נאָך, חלילה, זוכן צו ווערן פולע הערשער איבערן שטיק לאַנד, וואו זיי זיצן. עס איז, דוכט זיך, קלאָר, אַז דער ענין מאַסן־קאָלאָניזאַציע אויפן לאַנד איז אַ פּראַגע פון דורות־לאַנגן וואוקס. דעריבער איז די גאַנצע אידייע, אין שײַכות מיטן איצטיקן קאַטאַסטראָפאַלן קריזיס פון די דײַטשע ייִדן, איז זי נאָר אויף אַזוי פיל אַ ממשותדיקע פּראָבלעם, אויף וויפיל אפילו אַ קליינע קאָלאָניזאַציע איז פּאַרט מסוגל, מיט דער צײַט, צו באַשאַפן עטלעכע צענטערן און אויסגאַנג־פּונקטן פאַר אַ ברייטערער, גרעסערער קאָלאָניזאַציע אין לענ־

דער, וואו ביז איצט זײַנען נאָך קיין ייִדישע פאַרם־ישובים איינגאַנצן אָדער כמעט ניט געווען.

נאָר אויב מען זאָל אפילו באַצווייפלען די באַלדיקע נוצלעכקײַט פון אַזוינע רויע, אומבאַאַרבעטע, שטיקער אַפריקע, ווי מאַדאַגאַסקאַר, אָדער ראָדעזיע און דאָסגלײַכן, ווער מען אָבער דאָך ניט קענען לײַכט אָפּוואַרפן דעם פּלאַן פון אויסנוצן די גוטע קלימאַטישע און געאָגראַפיש־טעכנישע מעגלעכקײַטן פאַר אַ ייִדישער לאַנדווירט־שאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, וואָס לאָזן זיך נאָך געפינען אין עטלעכע זיד־אַמעריקאַנישע לענדער. אָבער אויך די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער, וואָס אַ סך פון זיי לײַדן פון קליינע אַרבעט־שכירות און פון אַרבעטסלאָזיקײַט אין זייערע שטעט, זוכן כסדר צו באַשרענקן די אימיגראַציע רק אויף געניטע פאַרמערס און אויף אײַנגעאיבטע אַרבעטער מיט ספּעציאַליזירטע טעכנישע פאַכן. און אַט די לענדער ווילן, אגב, אַרײַנלאָזן די אימיגראַנטן אין קליינע גרופּעס, בתנאי זיי זאָלן וואָס לײַכטער אַסימילירט ווערן, און דער עיקר, וויל מען אַז די אימיגראַנטן זאָלן ווירקלעך און באַלד אויפן אָרט ווערן פאַרמערס.

אַזוי, למשל, פאָדערט דער געזעץ פון בראַזיליע, אַז 80 פּראָצענט פון דער אימיגראַנטן־קוואָטע פאַר יעדער לאַנד, זאָל גיין פאַר די אַגריקולטורעלע אימיגראַנטן, וועלכע טאָרן ניט בײַטן זייער באַשעפטיקונג במשך פון גאַנצע פיר יאָר צײַט נאָך זייער קומען קיין בראַזיליע. אַנדערע לענדער, אַט ווי טשילי, טענהן, אַז כדי מען זאָל דאָרט קענען אַרײַנלאָזן מאַסן אַרבעטער, וואָס וועלן פאַרגרעסערן די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע, איז קודם כל דאַרף מען זוכן מיטלען צו פאַרגרעסערן די מערק אין אויסלאַנד, וואָס וועלן אימפּאָרטירן די סחורות, וועלכע טשילי קען צושטעלן דער וועלט.

אויב און ווען ס'וועט פאָרט זײַן אַ מעגלעכקײַט צו באַשאַפן אין דער נאָענטער צוקונפט אין די נײַע לענדער קלענערע אָדער גרעסערע ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, איז פון דער גרעסטער וויכטיקײַט, ווי ס'איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, צו באַשאַפן דאָרט פאַרם־צענטערס פון אַפריער שוין־געניטע ייִדישע פאַרמערס, וועלכע קומען פון פּוילן, רומעניע און סלאָוואַקיע, צענטערס, אַרום וועלכע ס'קען זיך גרופּירן און צוואַקסן אַ גרעסער־

רער ייִדישער ישוב. און אַז ס׳וועלן שוין אַרבעטן כאָטש עטלעכע הונ־דערט אַזעלכע ייִדישע פאַרם־ווירטשאַפטן אין אַ לאַנד, ווי אײנע פון די זיד־אַמעריקאַנישע רעפובליקן, אָדער אין אַ פרישער קאָ־לאָניע, אין זיד־אַמעריקע אָדער אַנדערשוואו, וועט מען שוין מיט דער צײַט קענען שיקן אַהין יונגע לײַט, וועלכע האָבן פריער גע־האַט באַקומען אין אײראָפּע אַ שטיקעלע פּלאַנמעסיקע צוגרייטונג צו פאַרמערײַ. און ערשט דאָרט, אויף די מער אָדער ווייניקער אײַנגעפונדעוועטע ייִדישע פאַרמס אין די נײַע לענדער, וועט דער יונגער ייִדישער פאַרמער דאַרפן דורכמאַכן אַ פּראַקטישע צוגרייטונג אויפן אָרט, וואו ער וועט שפּעטער אַליין פירן זײַן פאַרם־ווירט־שאַפט. דורך אַזאַ מעטאָדע וועט דער קאַנדידאַט אויף אַ פאַרם־קאַריערע ניט בלויז זיך באַקענען מיט די אַרבעט־באַדינגונגען, מיטן קלימאַט, לעבן־שטייגער פון נײַעם לאַנד, נאָר ער וועט אויך האָבן צײַט און געלעגנהײַטן אויסצוקלײַבן פאַר זיך דעם שטח לאַנד, וואו ער וועט זיך ענדלעך באַזעצן ווי אַ זעלבסטשטענדיקער פאַר־מער־קאָלאָניסט. און היות ווי ער קען ניט די שפּראַך און די אַנדערע לעבנס־באַדינגונגען, דאַרף אַזאַ קאָלאָניסט־לוין־אַרבעטער באַקומען דעם שוץ פון ספּעציעלע סאָציאַלע געזעצן מכוח די שכירות און ד. גל.

אָבער דערצו איז קודם כל נויטיק, אַז די אײַנגעפונדעוועטע ייִדישע קאָלאָניסטן זאָלן שוין האָבן אַ געוויס שטאַרקן סאָציאַלן באַוואוסטזײַן צו וועלן אָננעמען אויף אַרבעט אַזעלכע יונגע ייִדישע פּראַקטיקאַנטן־פאַרמער. אין אַלע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער איז דאָך דאָ אַן אומגעהײַערער רעזערוו פון די ביליקע, אומ־ציוויליזירטע „אײַנגעבאָרענע" („בעדויִנס"), וועלכע גייען אַוועק שווער אַרבעטן פאַר די שפּאָט־ביליקע שכירות, וואָס קיין ציוויליזיר־טער אָדער האַלב־ציוויליזירטער האָרעפּאַשניק וועט פון אַזאַ מין לוין אפילו ניט וועלן הערן. אַ געוויס טרויעריקן בײַשפּיל פון אָט דער סיטואַציע האָט מען געזען אין ארץ ישראל מיט די קאָלאָניסטן, וואָס באַראָן ראָטשילד האָט דאָרט באַזעצט און וועלכע האָבן תמיד געזוכט וואָס מער צו פּראָפיטירן פון דער שפּאָט־ביליקער אַרבעט פון די אַראַבישע טאָג־אַרבעטער.

דער עיקר שוועריקײַט ליגט אָבער אין דער פינאַנציעלער זײַט

פֿון אַלע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן. אפֿילו אין די לענדער, וואו דער באָדן איז ביליק, פֿאָדערן זיך איצט פֿיל גרעסערע קאַפּיטאַלן ווי פֿריער, כּדי דאָרט צו גרינדן און פֿירן אַ גוטע פֿאַרם־ווירטשאַפֿט. די צײַט איז שוין פֿון לאַנג פֿאַרבײַ, ווען יעדער קאָלאָניסט האָט געוואָלט זיך צופֿרידנשטעלן מיטן פֿאַרקויפֿן אַ ביסל איבערפֿליסיקע תּבֿואה זײַנע, אָדער אַנדערע פּראָדוקטן, וועלכע ער פֿלעגט אויסאַרבעטן פֿאַר זײַן אייגענעם געברויך, דאָס הייסט, אויף באַנוצט צו ווערן אין זײַן אייגענער באַלעבאַטישקײַט. דערמיט האָט ער זיך צופֿרידנגעשטעלט און איז געווען מיט זײַן אָרעמער פּרנסה יוצא פֿאַר דער פֿרוי און קינדער.

דער גאַנג פֿון ציוויליזאַציע, דערהויפּט אין אַזאַ קיבוץ ווי דער ייִדישער אין צענטראַל־אייראָפּע, האָט געשאַפֿן פֿאַרשידנאַרטיקע נײַע באַדערפֿענישן, און כּדי זיי צו באַפֿרידיקן, מוז אַזאַ מין קאָלאָניסט פֿון אייראָפּע האָבן אַ מזומן־הכּנסה, אַן אײַנקונפֿט, מיינט עס, וואָס קומט פֿון דער פּראָדוקציע ניט פֿאַר דער אייגענער היים־באַלעבאַטישקײַט, נאָר פֿאַרן מאַרק, אָפֿט פֿאַרן וועלט־מאַרק, דאָס הייסט, פֿאַרן עקספּאָרט. און אַזאַ פּראָדוקציע איז, בדרך הכּלל, פֿאַרבונדן מיט טײַערע אײַנריכטונגען, מאַשינען און אַנדערע קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען, שוין ניט צו ריידן פֿון אומזאַץ־קאַפּיטאַלן און קרעדיט אויף ביליקע, לײַכטע קאָנדיציעס, וואָס דאָס איז איינע פֿון די הויפּט־באַדינגונגען פֿאַרן פֿאַרמערשן דערפֿאָלג.

די קלאָרסטע קעפּ צווישן די ערשטע ייִדישע טעריטאָריע־אידעאָלאָגן, ווי הערצל, נאָרדוי און זאַנגוויל, האָבן דאָך ניט געקענט פֿאָראויסזען — ניט די קאָלאָסאַלע שוועריקײַטן פֿון קאָלאָניזאַציע אונטער די איצטיקע וועלט־ווירטשאַפֿטלעכע אומשטאַנדן, ניט די רעאַקציע און דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט אַזאַ גרויסן טייל וועלט. ממילא ווערט אויך דער פּונקט „טעריטאָריע" אין אַ היפּשער מאָס איצט אויסגעליידיקט פֿון זײַן טעאָרעטיש־אידעאָלאָגישן אינהאַלט ווי אַ געפּלאַנטע לייזונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע. וואו, למשל, איז די גאַוואָרעניש, אַז די אַנטי־ייִדישע רעגירונגען וועלן די פֿרישע ייִדישע קיבוצים ניט באַהאַנדלען אויף אַן אופֿן ווי מוסאָליני באַגייט זיך מיט אַנדערע קליינע, שוואַכע לענדער און פֿעלקער, ווי עטיאָפּיע און אַלבאַניע? אָדער, מיט וואָס

קאָן מען זײַן זיכער, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע פאַשיסטישע אַגיטאַ־ציִע, וועלכע היטלערס באַנדע פירט אָן איבער דער גאַנצער וועלט, וועט ניט פאַרכלינען מיט אירע ברודיקע וואַסערן אַ קליינעם מזל־ברכהדיקן ייִדישן ישוב, וואָס וועט דאַך ווי ניט ווי מוזן האָבן אַרום זיך אַ סך ניט־ייִדישע שכנים?

געוויס איז איצט ביז גאָר נויטיק צו שטאַרקן און פאַרמערן די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס איבער דער וועלט; און די פּראָדוקטיוויזאַציע פון ייִדן איז אויך אַן ענין, וואָס באַרירט הײַנט־צו־טאָג אַ ל ע ייִדישע ישובים אומעטום. אָבער דעם אויס־גאַנג, דעם אויסוועג פון דער גרויזאַמער נויט, אין וועלכער מיליאָנען ייִדן לעבן איצט, דאַרף מען זוכן, און דערגרייכן, אויפן וועג פון קאָנסטרוקטיוון, שעפערישן נײַ־בוי פון די פעלקער, וואָס לײַדן אַלע, סײַ די מאַיאָריטעטן און סײַ די מינאָריטעטן, פון דער אומ־מענטשלעכער אונטערדריקונג און טיראַנײַ, וועלכע די נאַציאָנאַ־ליסטישע שטאַט־מאַכט און דער רויבערישער קאַפּיטאַליזם און אימ־פּעריאַליזם האָבן מיט זיך געבראַכט.

3. טעריטאָריעס און אַנדערע פּלענער

צוזאַמען מיט אַט אַזעלכע נײַע אינטערנאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַ־גריפן ווי „מאַנדאַטן" און „מינדערהײַטן", וואָס זײַנען אַרויסגע־שוואומען אין דער נאָך־מלחמה צײַט, איז אויך אויפגעקומען דער באַ־גריף „פּליכטלינגע" (פּליטים). און די שמערצלעכע פּראָבלעמען וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט די מאַסן־וואַנדערונגען פון די פּליכט־לינגע האָט מען אין אַ סך ווינקלען פון דער וועלט געזוכט צו לייזן אויף צוויי אופנים, ווי מיר וועלן דאָס באַלד ווײַזן.

אַט האָט מען, למשל, אַרום אַ מיליאָן גריכישע און בולגאַ־רישע פּליכטלינגע פון טערקײַ און אַנדערע לענדער שוין באַזעצט אין זייערע נאַציאָנאַלע היימלענדער — גריכנלאַנד און בולגאַריע. די אײַנאָרדענונג פון די דאָזיקע פּליכטלינגע איז ניט געוועזן קיין גאַנץ שווערע פּראָבלעם. ערשטנס, האָט מען געהאַט גענוג ליידיקע שטחים לאַנד — צ.ב. דאָס לאַנד, וואו ס'האָבן פריער געלעבט די טערקן, וואָס מען האָט „אויסגעביטן" אויף די גריכן. און מען האָט

לײַכט די פּליטים אויף אָט דעם פרײַען לאַנד געקענט באַזעצן. צווייטנס, איז אַ גרויסער טייל פון די גריכישע פּליטלינגע, בערך 48 פּראָצענט, באַשטאַנען פון פאַרם־אַרבעטער און פאַרמערס. און דריטנס, האָט דער זשענעווער פעלקער־בונד צוגעשטעלט די גרויסע מיליאָניקע סומען צו דעקן די הוצאה, מיט וועלכער אָט די רעפּאַטריאַציע און קאָלאָניזאַציע פון די גריכן און בולגאַרן איז געווען פאַרבונדן. דאָס געלט איז געגעבן געוואָרן, ווי באַקאַנט, אין דער פאָרם פון אינטערנאַציאָנאַלע הלוואות אונטער דער גאַראַנטיע פון די רעגירונגען פון גריכנלאַנד און בולגאַריע.

די דאָזיקע גרויסע איבערוואַנדערונגען זײַנען געווען, וואָס מען רופט, קאָנצענטראַציע באַוועגונגען, ד. ה. די פּליטלינגע פלעגן זיך אומקערן אין די פּלעצער, וואָס זײַנען אין גרונט געווען זייערע היימלענדער, פון וועלכע זיי זײַנען אפשר דורות־לאַנג געווען אָפּגעריסן. עס איז אָבער נאָך דער מלחמה פאָרגעקומען אויך אַ צווייטער מין מיגראַציע פון פּליטים — ניט קיין קאָנצענטראַציע, נאָר פאַרקערט — אַ צעשפּרייטונג איבער דער וועלט, אַ טראַגישער גלות פאַר מיליאָנען מענטשן — רוסן, אַרמענער, אַסירער, און אין דער לעצטער צײַט — דער טראַגישסטער גלות פון אַלע, דער נײַער גלות פאַר די דײַטשע יידן. אָט אין דעם צווייטן מין פּליטלינג־פּראָבלעם ליגט איצט דער שווערפּונקט פון דער אָנגעווייטאָקטער פּליטלינג־פראַגע אין דער וועלט־פּאָליטיק.

פאַר אָט די צעזייטע און צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט מענער, פרויען און קינדער, וואָס זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער אייגן לאַנד און זײַנען דעריבער אויך רעכטלאָז און שוצלאָז אין די גלות־לענדער וואו זיי לעבן, האָט דער זשענעווער פעלקער־בונד זיך דערווײַל באַנוגנט בלויז מיט געוויסע יורידישע הילף־אַקציעס, ווי די „נאַנסען פּעסער" און ענלעכע אינטערנאַציאָנאַלע אײַנפירונגען. דורך געוויסע פּריוואַטע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס (אָן אָפיציעלער פינאַנציעלער שטיצע פון וועמען ס'איז) האָט זיך אײַנגעגעבן ווי עס איז אײַנצואָרדענען הונדערטער טויזנטער רוסישע און אַרמענישע פּליטלינגע אין די שטעט און פאַרמס אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט.

ביזן סוף יאָר 1938 זײַנען אַרום 200 טויזנט דײַטשישע און

עסטרײַכישע ייִדן אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם נאַצי־גיהנום. דער גרעסטער טייל פון זיי זײַנען אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן. די מערסטע זײַנען מיט דער הילף פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס באַזעצט געוואָרן אין די ניט־אייראָפּעיִשע לענדער, ווי ארץ ישראל א. אַנד. אָבער גאָר אַ היפּשער טייל פון די ייִדישע פּליטים, פּונקט ווי טויזנטער ניט־ייִדישע פּליטים פון דײַטשלאַנד, לעבן נאָך אַלץ אין נויט און פאַרצווייפלונג, ניט בעסער און ניט ערגער פון זייערע קאָלעגן אין אומגליק — די ערשטע קרבנות פון אומטאָלעראַנץ און אכזריות: די רוסישע און אַרמענישע פּליטים.

סוף 1938 און פרילינג 1939 איז געקומען אַ פרישער אומגליק. די קאַטאַסטראָפאַלע פאַרשאַרפונג פון די רדיפות אין גרויס־דײַטשלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע (וואָס איז בינו לבינו אַנעקסירט געוואָרן פון נאַצי־לאַנד) באַדראָט שוין אַרום אַ מיליאָן ייִדן און חוץ דעם — אויך טויזנטער ניט־אַריער און סתם פּאָליטישע קעגנער פון נאַצי־רעזשים. דאָס ווידער שאַפט אַזאַ גרויסע און שווערע פּליכט־לינג־פּראָבלעם, אַז פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס קענען שוין מיט אַט דעם גאַנצן ענין זיך קיין עצה ניט געבן. די פּראָבלעם קען אַנדערש ניט געלייזט ווערן ווי נאָר אַלס אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע, דאָס מיינט דורך דער קאָאָפּעראַציע פון די רעגירונגען און פעל־קער פון אַ סך לענדער.

ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, איז אפילו די רעגולירונג פון דער ייִדישער עמיגראַציע, בפרט בנוגע צום ענין פון אַרויס־פירן דאָס אייגנס פון די אויסוואַנדערער, איז די רעגולירונג פון דערדאָזיקער פראַגע קען אויך ניט געמאָלט זײַן אָן דער קאָאָפּעראַציע פון דער רעגירונג פון דעם עמיגראַציע־לאַנד מיט די רעגירונגען פון די אימיגראַציע־לענדער פאַר די ייִדן הײַנט־צו־טאָג. עס איז בײַ אַט דער געלעגנהײַט כדאי זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף דער ייִדישער עמיגראַציע־אימיגראַציע פּראָבלעם אין פאַרבינדונג מיט דער איצטיקער ייִדישער לאַגע.

בדרך כלל קענען געמאָלט זײַן צוויי פאָרמען פון אימיגראַ־ציע דורך וועלכע די אײַנוואַנדערנדיקע מאַסן קענען באַזעצט ווערן אין זייערע נײַע ישובים: אינפילטראַציע און קאָלאָניזאַציע. אונ־טערן אויסדרוק „אינפילטראַציע" פאַרשטייט מען אין אונדזער

פאַל, די אַרײַנפירונג און אײַנאָרדענונג פון פרישע אימיגראַנטן אין די לענדער מיט גרעסערע שטאָטישע און געמישטע ייִדישע ישובים פון פריער, ווי אַמעריקע און ארץ ישראל. קאָלאָניזאַציע, פון דער צווייטער זײַט, באַדײַט אָט וואָס: צו באַזעצן די ייִדישע נע ונדניקעס אין אַ לאַנד, וואו קיין ייִדן האָבן פריער ניט געלעבט.

קלאָר איז, אַז דער אייגפאַכסטער וועג צו פאַרלײַכטערן די יסורים פון די 500 טויזנט ייִדן אין נאַצי־לאַנד, וואָלט זיך מסתם געלאָזט לײַכט געפינען דווקא אין אַן אינפילטראַציע אין נאָרד־אַמעריקע, ארץ ישראל און אפשר סאָוויעט רוסלאַנד. צום אומגליק איז דער גזר־דין פון אונדזער גרויזאַמער היסטאָרישער עפּאָכע אויסגעפאַלן גראָד אין אַ צײַט, ווען די פרײַע מיגראַציע (עמיגראַציע און אימיגראַציע) איז אַזוי גוט ווי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן אומעטום. אַנטקעגן זשע, די צווייטע פאָרם פון מאַסן־אײַנוואַנדע־רונג, די קאָלאָניזאַציע אויף פרײַע שטחים אין נײַע לענדער, איז, צום טיפסטן באַדויערן, אַ ביז גאָר צווייפלהאַפטע תרופה פאַר די אייראָפּעאישע ייִדן, ווײַל אַלע קאָלאָניזאַציע פּראָיעקטן זײַנען פאַר־בונדן מיט אומגעהײַערע שוועריקײַטן און מניעות. מיר האָבן זיי אויבן באַשריבן, אָבער אַ גאַנץ קורצער רעזומע וועט דאָ זײַן אין פּלאַץ.

קודם־כל, איז עס אַן אומגעהײַער שווערע אויפגאַבע אַריבער־צופירן און צו באַזעצן, ווי פאַרמערס אויפן לאַנד, גרויסע מאַסן שטאָטישע אײַנוואַנדערער פון דור־דורות. צווייטנס, טויגן איצט שוין ניט כמעט צוויי־דריטל (קרוב 60 פּראָצענט) פון די דײַטשע ייִדן, ווי אויבן אָנגעוויזן, פּשוט צוליב זייער עלטער (ווײַל זיי זײַנען איבער 45 יאָר אַלט) פאַר דער שווערער פּיאָנערן־אַרבעט אויף פאַרמס אין די קאָלאָניזאַציע לענדער. דריטנס, פאָדערט יעדע קאָלאָניזאַציע, בפרט ווען זי פירט זיך אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, קאָלאָסאַלע הוצאות אויף צו באַשאַפן דעם טעכנישן מעכאַניזם, ווי אײַזנבאַנען, וועגן, בריקן, קאַנאַלן א. ד. גל. ווי אויך דעם סאָציאַלן מעכאַניזם, ד. ה. שולן, שפּיטאָלן, קרעדיט־קאַסעס א. א. וו., וואָס אָן דער דאָזיקער צוגרייטונג קען אפילו דער בעסטער שטח לאַנד ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ישוב, וועלכער זאָל בכח זײַן זיך אַליין אויסצוהאַלטן.

אמת, אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אין דער דײַטש־ייִדישער יוגנט באַוויזן אַ גאָר גרויסער פאַרלאַנג זיך צו נעמען צו דעם רידל און אַקעראײַזן און אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר אין די חלוצים־פאַרמס (הכשרה) ווי אַ צוגרייטונג צו דער האַרעוואַניע אין ארץ ישראל. אַזאַ מעטאָדע פון „פּראָדוקטיוויזאַציע" אָדער, ריכטיקער, פּראָפעסיאָנעלע איבערשיכטונג, פון די „ווײַס־קאָלנערניקעס" (אָפיס און קראָם אַנגעשטעלטע) און מיטגלידער פון די פרײַע פּראָפעסיעס, איז אָן ספק אַ סגולה צו דעם פאַמעלעכדיקן איבערגאַנג פאַר אַ סך ייִדן פון די אַלטע שטאָטישע פּרנסות צו נײַע באַשעפטיקונגען, ווי לאַנדווירטשאַפט און פאַבריק־אַרבעט. דאָך איז עס אָבער פאָרט קיין ראיה ניט, אַז דער גרעסטער טייל פון די ייִנגערע דײַטשע ייִדן וועט ווירקלעך שוין וועלן און אויך טויגן צו זײַן פאַרמערס און קאָלאָניסטן. מען גיט איבער, אַז ניט מער ווי איין־זיבעטל פון די יונגע דײַטשישע ייִדן, וואָס האָבן זיך צוגעגרייט צו זײַן פאַרם־אַרבעטער אין ארץ ישראל, זײַנען טאַקע פּאַקטיש געוואָרן טעטיק בײַ דער לאַנדווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע. די איבעריקע 85 פּראָצ. זאָלן זיך גאָר האָבן גענומען אין ארץ ישראל צו אַנדערע, מער אַנציענדיקע אין זייערע אויגן באַשעפטיקונגען.

במילא זײַנען שוין ניט פון אַ פּראַקטישן ווערט אַלע יענע גרויסע פּראָיעקטן, וואָס זײַנען אין דער לעצטער צײַט, זינט דעם זומער 1938, אַרויסגעשוואומען, מכוח נײַע ייִדישע ישובים אונטער דעם שוץ פון ענגלאַנד, האָלאַנד אָדער פראַנקרײַך, ד. ה. לענדער מיט גרויסע האַלב־פוסטע קאָלאָניעס אין די ווײַטסטע ווינקלען פון דער וועלט, אין דרום־אַמעריקע, מזרח־אַפריקע א. אַ. וו. חוץ די אויבן אויסגערעכנטע מניעות מוז מען נאָך געדענקען, אַז צוצוגרייטן אַ טעריטאָריע פאַר אַ גרעסערן ישוב פאָדערט שווערע און ענערגישע אַרבעטן, אַ ריזיקע מי, במשך פון 10 ביז 15 יאָר צײַט, אויב ניט מער. די טראַגישע נויט, די קריטישע לאַגע פון די דײַטשישע, עסטרײַכישע און טשעכישע ייִדן פאָדערט אָבער תיכף צו אונטערנעמען שנעלע טריט אין אַ באַלדיקער רעטונג־אַקציע.

אויב די צוזאָגן און פּערספּעקטיוון, מיט וועלכע דער ענגלישער פּרעמיער מיניסטער טשעמבערלעין איז אַרויסגעטראָטן אין פּאַרלאַמענט האָבן יאָ אַ וועלכן ס'איז אינהאַלט, קען דאָס אין

בעסטן פאַל זײַן ניט מער ווי אַן אויסזיכט, אַז העט ווײַט, אין עק וועלט, וועט מען עפענען עטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע לאַגערן פאַר די יידישע קרבנות פון דעם ברוטאַלסטן פּאָליטישן רעזשים, וואָס איז ווען געווען — פון נײַ־דײַטשישן באַרבאַריזם. באַזונדערס שעדלעך און געפערלעך קענען ווערן די רייד פון געוויסע בריטישע שטאַטסלײַט מכח באַזעצן די יידן פון דײַטשלאַנד אין טאַנגאַנאַיקאַ, דרום־מערב אַפריקע און אַנדערע געוועזענע דײַטשישע קאָלאָניעס, וואָס דער בריטישער אימפּעריאַליזם האָט געירשנט פון דער האָהענצאָלערן מלוכה און האָט זיי איבערגענומען אונטער אַ מאַנדאַט פון פעלקער־בונד, כדי די גזילה און גנבה זאָל ניט רײַסן די אויגן פון דער מענטשהײַט. דערווײַל, זאָגנדיק דעם אמת, איז ענגלאַנד נאָך ווײַט ניט מרוצה אָפּצוגעבן די דאָזיקע צוגערויבטע טעריטאָריעס צו דײַטשלאַנד. דאָך איז אָבער יעדער פּלאַן פון אַריבערפירן אַהין דײַטשישע יידן פּאַרט אַזאַ ענין, וואָס שמעקט מיט פרישע סכנות און קאָמפּליקאַציעס פאַר אַלע פּאַראינטערעסירטע צדדים, דערהויפּט פאַר אונדז יידן גופא.

מען האָט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט געהאַלטן אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1938 רירנדיקע, שטאַרק פּאַטעטישע רעדעס מכח עפענען די „גרויסע ליידיקע שטחים פון דער בריטישער אימפּעריע" פאַר די פּליטים, די פּליכטלינגע, פון היטלער־לאַנד. לאָמיר שוין ניט ריידן ווידער און אָבער מכוח די אומגעהײַערע ביודזשעטבאַדערפעניש פון אַ גאַר גרויסער קאָלאָניזאַציע אונטערנעמונג, וואָס דאַרף פאַרשלינגען אומצייליקע מיליאָנען אין גאָלד. אָבער דער גרעסטער שטרויכלונג־שטיין פאַר אַזוינע פּלענער איז אַן אַנדערער, נעמלעך: די אומגעהײַער שווערע און גוואַלטיק קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פון באַזעצן גרויס־שטאָטישע מאַסן פון צענטראַל און מזרח אייראָפּע אין די סובטראָפּישע און טראָפּישע לענדער. און דערבײַ לייקענען מיר ניט, אַז גרויסע שטיקער לאַנד, אין די בערגיקע טיילן פון יענע לענדער, אין צענטראַל־אַפריקע, זיד־אַמעריקע און וואו ניט, טויגן אפשר גאַנץ גוט פאַר אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע. די צרה איז נאָר, אַז גראַד יענע טיילן באַט מען די אומגליקלעכע יידן ניט אָן, און אַז מען וואָלט לאָזן דאָרט אויסבויען יידישע קאָלאָניעס, וואָלט אַן אוצר אָן אַ שיער געמוזט אַוועק־

גייִן אויף צו בויען די וועגן און שטעגן כּדי אַהינצו, הויך אין די בערג פֿון מערבֿ־בראַזיליע אָדער מזרח־אַפֿריקע (אוגאַנדע), צוצוקומען. די גרעסטע פֿון אַלע מניעות איז דערווײַל נאָך אַלץ דער פֿאַקט, אַז פֿאַר די פּיאָנערישע אַרבעטן אויף פֿאַרמס און פּלאַנטאַציעס זײַנען די איצטיקע יונגע עלעמענטן פֿון צענטראַל־אייראָפּעיִשן ייִדנטום נאָך ווייניק צוגעפּאַסט. אָבער דאָך איז די לאַגע אויך אין אָט דעם פּונקט ניט אינגאַנצן שוואַרץ, און לכל הדעות איז זי פֿיל בעסער ווי מיט אַ יאָר 10 אָדער 20 צוריק.

פֿון דער צווייטער זײַט אָבער האָבן מיר געזען פֿאַר אונדזערע אויגן ווי צענדליקער טויזנטער יונגע ייִדן פֿון פּוילן און דײַטשלאַנד זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן, דורך דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישׂראל, אין די בעסטע, טיכטיקסטע פֿאַרמערס און פֿאַרם־אַרבעטער. און דאָס ווידער איז אַ קלאָרע ראיה, אַז אונטער געוויסע אומשטאַנדן לאָזט זיך אויך פֿון ייִדן, פֿון אָט די שטאָטישע אײַנוואוינער פֿון דור־דורות, אויסבילדן אַן ערשטקלאַסיקן מענטשלעכן מאַטעריאַל פֿאַר קאָלאָניזאַציע, צו באַשאַפֿן עכטע פּיאָנערן פֿון מאָדערנע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע און אינדוסטריעלע ישובֿים. עס פֿעלן דאָך ניט קיין האַלב־ליידיקע לענדער, באַזונדערס אין צענטראַל־ און זיד־אַמעריקע, וואָס וואָלטן מסתּם גערן אויפֿגענומען טיכטיקע, גוט־צוגעפּאַסטע פּיאָנערן־קאָלאָניסטן מיט אַן אייראָפּעיִשער שולונג און דערפֿאַרונג.

דאָס אַלץ וואָלט אונדז געדאַרפֿט טרײַבן צו אַזאַ מין פּראַקטישן פּלאַן. לאָמיר קודם־כּל באַשאַפֿן פֿון די יונגע ייִדן, וועלכע זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דײַטשלאַנד און עסטרייך, לאָמיר מאַכן פֿון זיי גוטע פֿאַרמער און אַרבעטער ספּעציאַליסטן. מען דאַרף זיי האַלטן און לערנען עטלעכע יאָר צײַט אין ספּעציעלע לערן־קאָלאָניעס און אַרבעטער־קעמפּס, וואָס קענען געעפֿנט ווערן אין דײַטשלאַנדס שכנישע לענדער, ווי האָלאַנד, דענעמאַרק, יוגאָסלאַוויע א.אַנד. אויף אַזאַ וועג קען מען אין אַ בערך קורצער צײַט צוגרייטן אַ פֿאַסיקן מענטשלעכן מאַטעריאַל אין די הונדערטער פֿאַר דער קאָלאָניזירונג אין די אָדער יענע לענדער מעבר־לים. אַזעלכע פּלאַנמעסיק צוגעפּאַסטע יונגע מענער און פֿרויען וועלן, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרגרעסערן אינגיכן די מחנות פּראָדוקטיווע, האָרעפּאַשנע ייִדישע

עלעמענטן אין פּאַלעסטינע. דאָס איז איין זאַך. אַ צווייטע זאַך אָבער איז, אַז אין בויטיקן פאַל וועלן זיי קענען שאַפן דעם מיטלפּונקט, דעם צענטראַלן אויסגאַנג־פּונקט, פאַר די נײַע פּראָדוקטיווע ייִדישע ישובים אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער טריט אויף אַזאַ וועג דאַרף ווידער זײַן אַ ריין פינאַנציעלער — צו באַשאַפן גרויסע פאָנדן, וואָס זאָלן דינען פאַר דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון דעם געוועזענעם ייִדישן גרויס־שטאָטישן און אין זײַן גרעסטער מערהײַט מיטלשטאַנד עלעמענט. אַזאַ פּראָדוקטיווי־זאַציע איז סוף כל סוף דער בילִיקסטער און נאַטירלעכסטער צו־גרייטונג־וועג פאַר אַ גרעסערער און סאָלידער קאָלאָניזירונג־אַקציע פון אַ טייל פון די דעקלאַסירטע ייִדישע מאַסן.

דעמאָלט, ווען אַזאַ טיכטיקער מענטשלעכער מאַטעריאַל וועט שוין זײַן גרייט, פאַרטיק און פּייאיק זיך אַוועקצולאָזן אין די נײַע ווײַטע ישובים, איז גאַנץ מעגלעך, אַז ניט אײנע נאָר אפשר עט־לעכע לענדער וועלן מסכים זײַן אויפצונעמען, ווי געוואונטשענע קאָלאָניסטן, אָט די ייִדישע אײַנוואַנדערונג־קאַנדידאַטן. עס קען אפילו געמאָלט זיין, אַז צווישן יענע לענדער, מיט זייערע גרויסע נאַטירלעכע רײַכטימער און מיט ווייניק קוואַליפיצירטע אַרבעטער און קאָלאָניסטן, צווישן די דאָרטן־געבאָרענע, זאָל זיך פונאַנדער־שפּילן אַ קאָנקורענץ, אַ געיעג נאָך די גוט צוגעגרייטע פאַר מאָ־דערנער קאָלאָניזאַציע ייִדישע פּיאָנערן. אַזעלכע קאָמבינאַציעס פון גליקלעכע אומשטאַנדן האָבן, אגב, פּאַסירט מער ווי איין מאָל אין דער לאַנגער געשיכטע פון אונדזער וואַנדער־פאָלק, בעת ייִדן פלעגט אויסקומען צו שפּילן די ראָלע פון טרעגער און פּיאָנערן פון הע־כערע ווירטשאַפטלעכע פאָרמען אין די האַלב־אָפּגעשטאַנענע אָדער לחלוטין פּרימיטיווע (אין עקאָנאָמישן זינען) לענדער.

די צוגרייטונג פון די נײַע פּראָדוקטיווע עלעמענטן, די איבער־שיכטונג פון גרויסע טיילן פון די ייִנגערע דײַטשישע און עסטרײַכי־שע ייִדן, וואָלט איצט געדאַרפט זײַן דער סאַמע ערשטער טריט אויף דעם לאַנגן וועג צו אַ דויערנדיקער לייזונג פון דער שווערער פּראָ־בלעם מכות אַרויספירן און ריכטיק אײַנאָרדענען וואָס מער ייִדישע קרבנות פון היטלעריזם.

אַ זשורנאַל פאַר דער יידישער עקאָנאָמיק

(צום דערשײַנען פון זשורנאַל „די יידישע עקאָנאָמיק", מאַי, 1937)

צו די ברענענדיקסטע, אַנגעווייטיקסטע פראַגן פון דער יידישער עקאָנאָמיק, פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר ברויט און פאַר נײַע עקזיסטענץ־מעגלעכקײַטן, קען מען צוגיין אויף צוויי אופנים. דער פאָרשער, אַזוי גוט ווי דער שריפטשטעלער, קען, למשל, באַהאַנדלען, באַשרײַבן, קירצער אָדער ברייטער, יענע היסטאָרישע, פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע (געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע) אומשטענדן און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געפירט צום איצטיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן צושטאַנד פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן יידישן קיבוץ. אַט אַזוי, אַ שטייגער, לאָזט זיך טאַקע אַנאַליזירן און באַלײַכטן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דעם יידישן ישוב אין אַלטע אָדער נײַע לענדער, אין פּוילן אָדער אַמעריקע, ארץ ישראל און אַזוי ווײַטער. מען וועט דאַן זען, ווי אַזוי און פאַרוואָס ס'האָט זיך, צום בײַשפּיל, אין אַ לאַנד, וואו יידן לעבן שוין הונדערטער יאָרן, געשאַפן אַ טענדענץ בײַ די יידן צו זײַן קאָנצענטרירט אין די שטעט, אָדער אין געוויסע פּרנסות און ספּעציפישע מלאכות, פּראָפעסיעס א. א. וו. ווידער, דאַרף מען, למשל, אויסזוכן די אורזאַכן פון דער יידישער אָפּוועזנהײַט אין דער פאַרמערײַ, אין דער פאַבריק־באַשעפטיקונג, און אין אַנדערע פּרנסות, וואו מען געפינט על פּי ערך אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט יידן. פּונקט אַזוי, קענען אייגנצלנע ספּעציעל־יידישע עקאָנאָמישע פראַגן, ווי, למשל, דער קריזיס פון קליינעם האַנדל און זײַנע נויטן אין פּוילן, רומעניע א. ד. גל., אויך דינען ווי אַ טעמע פאַר גרינטלעכע און צײַטמעסיקע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

דאָס איז איין צוגאַנג צום ענין „יידישע עקאָנאָמיק", אויב מען איז אויסן אַרויסצוברייננגען די גאַנצע פראַגע אויף דעם פאָרום פון

זשורנאַליסטישער באַהאַנדלונג. אַ צווייטער צוגאַנג צו די ייִדיש־עקאָנאָמישע טאָג־פראַגן איז צו באַהאַנדלען און צו דיסקוטירן די עקאָנאָמישע אויסזיכטן, וועלכע עפענען זיך פאַר די ייִדן אין גאַנג פון די כסדרדיקע ענדערונגען, וואָס די געזעלשאַפט בכלל, און בפרט די עקאָנאָמיק, מאַכט דורך אין אונדזער שטורעמדיק־באַוועגטער צײַט, אָדער וואָס וועלן אומפאַרמײַדלעך פאָרקומען אין די נאָענט־סטע יאָרן, ווי אַלע סמנים ווײַזן אומעטום.

מען זעט באַשײַמפערלעך, אַז געוואַלטיקע סאָציאַלע ענדערונ־גען קומען איצט פאָר אין דער אַרומיקער סביבה, אומעטום וואו ייִדן לעבן. און מיר, ייִדן, שפּירן דאָס אויף שריט און טריט. דאָ, אין אַמעריקע, למשל, שטופּן אַרויס די מאַשינאַווע פּראָצעסן, דערפינ־דונגען און נײַע מאַטעריאַלן (רעיאָן, ד. ה. קונסטזײַד, א. אַ. וו.) די אַלטע פאָרמען פון מענטשלעכער אַרבעט, פון אינדוסטריע און דיסטריבוציע (האַנדל). דאָרט (ווי אין מזרח־אייראָפּע) שטופּן אַרויס די קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אָפּט מיט אַ שטאַטלעך־נאַציאָנאַליסטישן אונטערשלאָק, די ייִדישע פאַר־מיטלונג־פּרנסות, אָדער פאַרטרײַבן די ייִדן, אַלס „פרעמדע", דאָס מיינט אַלס אַ מינדערהײַט־גרופּע, פון זייערע אַלטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. וואָס אַ טאָג ווײַטער, נעמען איבער שטאַטלעכע אָרגאַני־זאַציעס (קאָרפּאָריישאָנס), אין איטאַליע אָדער דײַטשלאַנד, ווי אויך פּוילן, ליטע און לאַטוויע, גרויסע צווײַגן פון דערווירטשאַפט, און די ייִדן אַלס די טרעגער פון אינדיווידועל־עקאָנאָמישן ווירטשאַפט־פּרינציפּ, ווערן פאַרמשפּט צו אַ סאָציאַלן אונטערגאַנג, אפילו אין יענע לענדער, וואו די טאָטאַליטאַרישע עבודה־זרה איז נאָך ניט דערהויבן געוואָרן צו אַ שטאַט־רעליגיע. דאָ און דאָרט, כמעט אומע־טום, לײַדן די ייִדן פון אַן אַנטיסעמיטישן באָיקאָט מצד די אַרבעט־געבער, ניט זעלטן פון ייִדישע אונטערנעמער גופא. מען וויל זיי קיין אַרבעט ניט געבן, אפילו דאָרט וואו מען ווייס, אַז לויט די אייגנשאַפטן זייערע פּאַסן זיך די ייִדן דווקא גאַנץ גוט צו דער מלאכה אָדער פּראָפעסיע, וואו זיי זײַנען, ליידער, אַלעמען צו גרויס אין די אויגן...

אַן אַנדער קאַטעגאָריע פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען באַרירן די ייִדן, ניט אַלס אַזעלכע, נאָר אינאיינעם מיט אַלע אַנ־

דערע גלידער פון דער הײנטיקער, כסדר־זיך־בײַטנדיקער געזעל־שאַפט. עס ענדערט זיך, למשל, דער צוזאַמענשטעל פון דער געזעל־שאַפט לויט די עלטער־קלאַסן, נײַ־געבאָרענע קינדער קומען־צו אין קלענערע צאָלן ווי פריער; די באַפעלקערונג עלטערט זיך, אַלזאָ, שנעלער, און וואָס ווײַטער מוז אַלץ גרעסער ווערן אין יעדן פאָלק דער פּראָצענט מיטליעריקע און עלטערע לײַט. דאָס וועט זיך באַלד אָפּרופן אויפן צושטאַנד פון די מלאכות און פּרנסות, ווײַל מענטשן, געברויכס־אַרטיקלען און בגדים פאַר אויסהאָדעווען און דערציען קינ־דער וועלן זיך פאָדערן ווייניקער, פּונקט ווי מען וועט דאַרפן האָבן ווייניקער דאָקטוירים, קינדער־ספּעציאַליסטן; אָבער וואַקסן וועט דערפאַר דער באַדאַרף, למשל, אין אויגן־דאָקטוירים און דענטיסטן, ווײַל גראָד אין זיי נויטיקן זיך דאָך די עלטערע און אַלטע מענער און פרויען גאָר, גאָר שטאַרק.

מיט איין וואָרט, די צײַט פאָדערט ענדלעך אַ רעאַליסטישע באַהאַנדלונג פון די ייִדיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען; אַזאַ באַהאַנד־לונג וואָס זאָל באַלײַכטן אַט די ייִדיש־סאָציאַלע פראַגן אין פאַר־בינדונג מיט אַלע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט בכלל, פון וועל־כער מען קען די ייִדן ניט איזאָלירן, און וואו מיר, ייִדן, וועלן, ווילנ־דיק־ניט־ווילנדיק, בלײַבן אויף לאַנג, לאַנג.

די צרה מיט דער ייִדישער עקאָנאָמישער באַדנלאָזיקײַט באַ־שטייט, ווי באַקאַנט, אין דער צו־איינזײַטיקער עקאָנאָמישער סטרוק־טור אונדזערער. מיר, ייִדן, זײַנען איבעראַל צו שטאַרק קאָנצענט־רירט אין געוויסע, געצײלטע צווײַגן פון דער עקאָנאָמישער טעטי־קײַט, און דערצו זײַנען נאָך די אָרימע ייִדישע פאַכן און פּרנסות ניט בויגזאַם גענוג. אַט דערפאַר לײַדן מיר דאָס אַזוי שטאַרק פון דער אַרבעטסלאָזיקײַט, פון לופט־פּרנסות, און „טעמפּע ווינקלען", פון וועלכע מען זעט קיין אויסוועג ניט. דער גרעסטער טייל ייִדישע בעלי מלאכות זײַנען, למשל, פון שטענדיק אָן געווען (און געבליבן) שנײַדערס, און פון זיי איז ניט אַזוי לײַכט צו מאַכן שלאָסערס, בעת ס'איז דאָ אַ נאָכפראַגע דווקא אויף מעכאַניקער און עס גייען אַרום טויזנטער שנײַדער אָן אַ שטאָך אַרבעט. במילא, פעלט די ייִדישע פּרנסות די סטאַבילקײַט און די זיכערקײַט אינם מאָרגן, ווי קליין אפילו אַט די גוטע מעלות זאָלן ניט זײַן בײַ אַנדערע פּרנסות

און פאַכן אין דער היינטיקער כּאַטישערווירטשאַפט־סיסטעם. ייִדן האָבן אָבער אָט דעם ביסל פעסטן באָדן, די שטאַנדהאַפטיקייט פון פאַרדינסט ביי אַן אַרבעטער אָדער קליינעם הענדלער אויך ניט אונטער זייערע פיס.

אָט פאַרוואָס ס'שטייען איצט, אין אַ מאָמענט פון גרויסן סאָציאַלן איבערברוך, אין אַ צייט פון אַ ניי־בוי פון גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בנינים, פאַר די ייִדישע מאַסן זייער שווערע און קאָנקרעטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן אי מיט דעם היינט אי מיט דעם מאָרגן. נעמט למשל, די פראַגע, וועלכע איז דערהויפּט שייך צום יונגן ייִדישן דור — צו וועלכע פּרנסות זאָל מען די קינדער צוגרייטן; וואָס זאָל מען מיט זיי טאָן, נאָכן ענדיקן די שולן ? ! — אויף אָט די קשיות, און אויף ענלעכע פראַגן, קריגן די ייִדישע עלטערן פון זייערע גייסטיקע שפּייזער און וועגווייזער, וואָס ריידן צו זיי פון טאָג צו טאָג אין צייטונג־בלעטער, קיין תשובה ניט. פּונקט אַזוי טוען די ייִדישע „ראשי הקהל" מיט קיין פינגער ניט אַ ריר, כּדי צו באַקעמפן ווי געהעריק דעם אַנטיסעמיטישן באָיקאָט, די שענדלעכע דיסקרימינאַציע קעגן ייִדישע אַרבעט־זוכער.

ס'איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז פאַר אַן אָרגאַן, אַ זשורנאַל, וואָס גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט דער ייִדישער עקאָנאָמיק איז איצט דאָ אַ שאַרפע באַדערפעניש. אָבער דער פּראָגראַם פון זשורנאַל דאַרף דאָך האָבן צו טאָן, דער עיקר, מיט די קאָנקרעטע און ממשותדיקע פראַגן פון קאָנסטרוקטיוון כּאַראַקטער, ווי, למשל, דער איבערגאַנג צו נייע פּרנסות, די סאָציאַל־עקאָנאָמישע איבערשיכטונג פון די איבערגעפּילטע ייִדישע פאַכן, די ייִדישע אויסוואַנדערונג און באַזעצונג אין נייע לענדער. דער אויסוואַל פון פּראָפעסיעס און נייע פאַכן פאַרן יונגן דור און אַזוי ווייטער. אָט אַזאַ צוגאַנג דאַרפן האָבן די וואָרט־פירער אויפן געביט פון ייִדישער עקאָנאָמיק און פון דער פּראַקטישער סאָציאַלאָגיע היינט־צו־טאָג.

ליידער, מיינען אָבער כּמעט אַלע ייִדישע עקאָנאָמיסטן, אַז ס'וועט גענוג זיין פאַר אונדזערע צילן, ווען מיר וועלן כּסדר זאַמלען פאַקטן און ציפערן, און וועלן זיי וויסנשאַפטלעך באַאַרבעטן און אָפּדרוקן אין ביכער און זשורנאַלן. אָט די אַרבעט איז טאַקע וויכטיק און חשוב, כאָטש ביי אונדזער ייִדישן, אפילו מער אינטער־

ליגענטערן, עולם איז זי, ליידער, ניט זייער שטאַרק אָנגעלייגט. זיי, די בעסערע פון די לעזער אפילו, אַנטלויפן ממש פון סטאַטיסטיק, זיי האָסן ציפערן (פאַרגעסן אָבער דערבײַ, אַז ציפערן ווײַזן, ווי ס'פירט זיך די וועלט!), און פאַרשטייען בכלל ניט די ווערדע פון „טרוקענע" סטאַטיסטישע פאַרשונגען. במילא קען שוין די אַרבעט, וואָס שטעלט פאַר זיך אַוועק אַט אַזוינע „וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיווע" צוועקן, בײַ אונדזער עולם קיין סימפאַטישן אָפּקלאַנג ניט געפינען. אַ שאָד געוויס, אָבער — אַ פאַקט!

דאָך טאָרן די שרײַבער און פאַרשער גופא ניט גרינגשעצן די ציפערן, אַלס אַ רויען, דאָקומענטאַרישן מאַטעריאַל פאַר אַלע זייערע קאָנסטרוקטיווע פלענער און רעקאָמענדאַציעס. מען קען אָבער פון דער עקאָנאָמישער סטאַטיסטיק בײַ אונדז ייִדן דערווײַל קיין ענדציל ניט מאַכן. דאָס וואָלט געווען אַ קולטורעלער לוקסוס, וועלכן מיר קענען, בײַ אונדזער קולטור־אָרימקײַט, זיך פשוט ניט דערלויבן (ווײַל די הוצאה אויף אָט דער זאַך איז אַ צו גרויסע!).

דאָס קליין העפטל „די ייִדישע עקאָנאָמיק", דער נײַער זשורנאַל פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע פון ייוו׳אָ (ווילנע), אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב לעשטשינסקי (מאַי, 1937), האָט אַרויסגערופן בײַ מיר די אויבן־געזאָגטע געדאַנקען. פון זײַן אינהאַלט וועט פאַר אײַך קלאָר ווערן, אַז די רעדאַקציע האָט דערווײַל אין אויג דערהויפּט דעם סטאַטיסטיש־באַשרײַבנדיקן מאַטעריאַל, און פון קאָנקרעטע קאָנסטרוקטיווע פלענער מכוח דער געזונטמאַכונג פון דער ייִדישער עקאָנאָמיק איז נאָך כמעט קיין שפור ניטאָ. אין ערשטן העפטל קומט גלײַך נאָך דער פראָגראַמאַטישער אײַנפירונג (אָפּנים געשריבן פון רעדאַקטאָר גופא), יעקב לעשטשינסקיס לאַנגער אַרטיקל מכוח דעם ייִדישן האַנדל אינם קליינעם שטעטל פון פוילן, פול מיט ציפערן און טאַבעלן; דאַן קומט מנחם לינדערס פאַרשונג מכוח דער גאַרבערײַ אין באַליסלאַוו; י. ל׳ס אַ נאָטיץ וועגן דער שול־סטאַטיסטיק אין לאַטוויע, און נאָך עטלעכע קלענערע סטאַטיסטישע נאָטיצן, און צום שלוס אַ מאַגערע ביבליאָגראַפיע. אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון די קאַרגע 48 זײַטלעך פון ערשטן נומער.

דער זשורנאַל פאַרמעסט זיך אונדז צו געבן „אַן אַלזײַטיקן,

אָביעקטיוון, קאָנטראָלירטן מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן פון די מאַסן". אָט די גאַנץ חשובע אויפגאַבע פאַרפעלט אָבער, ליידער, דעם הויפּט־ציל, וואָס אַן עקאָנאָמישער זשורנאַל ביי יידן דאַרף זיך אין איצטיקן מאָמענט שטעלן, נעמלעך: צו העלפן אונדזער עולם קודם כל צוצופּאַסן זיך צום אַרומיקן לעבן־שטייגער אין די נייע סאָציאַלע, טעכנישע, עקאָנאָמישע און געאָגראַפישע (מיגראַציע ענינים!) אומשטענדן פון מאָמענט. וואָס מיר דאַרפן האָבן צואַלער־ערשט, איז ניט צו „זאַמלען און פאָרשן" (ווי וויכטיק דאָס זאָל ניט זיין!), נאָר צו וועקן און רופן די מאַסן צו אַ זעלבסט־הילף, צו אַן עקאָנאָמישער זעלבסט־רעאָריענטאַציע, צו אַן איבערשיכטונג און איבערוואַנדערונג (אפילו זיצנדיק פעסט אין אַ לאַנד, קען מען דאָך וואַנדערן פון איין פּלאַץ אין אַ צווייטן, און פון איין פּרנסה צו אַן אַנדערער, אַ בעסערער). אָט דאָס זיינען, מיינען מיר, די הויפּט־פראַגן פון אונדזער עקאָנאָמיק, אויף וועלכע דאָס פאָלק גאַרט צו קריגן אַן ענטפער.

מען דאַרף דאָס דערשיינען פון דער נייער צייטשריפט באַ־גריסן, אָבער צוגלייך דערוועקן זיך, ביי אָט דער געלעגנהייט, אַ פּאָר קליינע פראַגן און ספקות.

1) וואָלט ניט בעסער געווען, ווען אַנשטאָט די מאַגערע מאָ־נאָטלעכע העפטלעך זאָל מען אַרויסלאָזן אַ דריי־מאָנאַטלעכע גרע־סערע אויסגאַבע וואו ביידע טיילן פון פריער־אָנגעצייכנטן פראָגראַם זאָלן טאַקע ווי געהעריק זיין פאַרטראָטן, נעמלעך: א) אַ טייל מיט זאַכלעכע, לעבעדיקע אָפּהאַנדלונגען אין גייסט פון קאָנסטרוקטיווע אָנווייזונגען פאַר אַלע די, וואָס זוכן אויפקלערונג און הילף אויף דעם געביט פון פראָפעסיאָנעלער איבערשיכטונג, נייע פּרנסות און מלאכות, זעלבסט־רעאָריענטאַציע און זעלבסט־הילף (קאָאָפּעראַציע, פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג, קאָלאָניזאַציע א. א. וו.) און ב) אַ צווייטער טייל מיט ריין־סטאַטיסטישע אָפּהאַנדלונגען און מאַטע־ריאַלן, וואָס דינען, דער עיקר, סיי די פאָרשער־ספּעציאַליסטן און סיי אפשר געוויסע טוער אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס?!

2) איז אפשר ניט גלייכער, איידער אַרויסצולאָזן עקאָנאָמישע פּובליקאַציעס פון יעדער אָרגאַניזאַציע באַזונדער, צו פאַראייניקן איצט די כוחות, למשל, פון „אָרט", ייוו"אָ און אַנדערע, און מיט

זייערע געמיינזאַמע קרעפטן באַשאַפן אַ חשובע ייִדישע עקאָנאָמישע טריבונע, וואָס זאָל דינען דעם ענין מיט נוצן, עפעקט און דערפאָלג? — אַט הערט מען, למשל, אַז דער „אָרט" (פאַריזער הויפּט־אָפּיס) קלײַבט זיך צו באַנײַען די אָנגעזעענע אין איר צײַט צײַטשריפט „ווירטשאַפט און לעבן" (וועלכע פלעגט דערשײַנען אין בערלין אין 1928—1930); נו, איז דען ניט גלײַכער, אַנשטאָט אַ פּאָר שוואַכע און בלאַסע בולעטין־זשורנאַלן, אַרויסצוגעבן, כאָטש 3—4 מאָל אין יאָר איין סאָלידע, וואָגיקע אויסגאַבע, וואָס זאָל אַפּעלירן צו אַ ברייטערן עולם, נעמלעך: צו אַלע סאָציאַל־באַוואוסטזיניקע ייִדישע לעזער, זיי פאַראינטערעסירן און דורך זיי דערמוטיקן אַנדערע, נאָך ברייטערע שיכטן?

דאָס זײַנען צוויי פראַגן, איבער וועלכע די, וואָס טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפט, דאַרפן זיך פאַרטראַכטן. דער ייִדישער קולטור־דלות ווערט נאָך שמערצלעכער דערפון, וואָס מיר צעברעקלען אונדזערע אָרימע כוחות. פאַראייניקט און ציל־באַוואוסט, וואָלטן מיר פאָרט אפשר געקענט טאָן גוטע, קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אין איצטיקן מאָמענט, ווען אַזאַ אַרבעט איז נאָך נויטיקער ווי אין די פריערדיקע צײַטן.

יולי, 1937.

III

דער ייד אין אַמעריקע

אַרײַנפֿיר

דער ייִדישער מאַסן־ישוב אין אַמעריקע, וואָס איז קוים זעכציק יאָר אַלט, איז שוין אויסגעוואָקסן צום גרעסטן און וויכטיקסטן ייִדישן קיבוץ אין דער וועלט. לײדער האָט אונדזער ערנסטע, באַלערנדיקע ליטעראַטור נאָך ביז איצט ניט געשאַפֿן קיין אַלזײַטיקע באַשרײַבונג פֿון די וויכטיקסטע געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען און סאָציאַלע פּראָצעסן אינעם ייִדישן מאַסן־לעבן אין אַמעריקע. אויסצופֿילן ווי געהעריק אָט דעם בלויז איז אַן אויפֿגאַבע וואָס וואָלט געפֿאָדערט אַ קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פֿון אַ סך פֿאָרשער־באָאָבאַכטער און אַ גרינטלעכע צוזאַמענקלײַבונג פֿון אַ ים ציפֿערן און פֿאַקטן. צום אומגליק איז דער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל, אין זײַן ריינער פֿאָרם (ווי דער רעזולטאַט פֿון צענזוסן א. ד. גל.) נאָך אויך ניטאָ, און ס'פֿעלן די אויסזיכטן ער זאָל בכלל ווען ס'איז זײַן בנמצא. דאָס ביסל מאַטעריאַל וואָס איז יאָ פֿאַראַן טאָר אָבער ניט פֿאַרנאַכלעסיקט ווערן.

דורך יאָרן־לאַנגער אַרבעט פֿון אויפֿקלײַבן און באַאַרבעטן אַזעלכע ראַיעלע מאַטעריאַלן, ווי למשל, אָפֿיציעלע סטאַטיסטיק, באָאָבאַכטונגען פֿון עקספּערטן, אַקאַדעמישע אַרבעטן פֿון ספּעציאַליסטן, און די רעזולטאַטן פֿון מײַנע אייגענע אונטערזוכונגען, איז מיר געלונגען כאָטש טיילווײַז בײַצוטראָגן צו דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַן אָביעקטיוון סאָציאָלאָגישן וויסן מכוח דער ייִדישער אַמעריקע. דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך אַ סך אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען אין ייִדיש, העברעאיש און ענגליש, געדרוקט אין פֿאַרשיידענע זשורנאַלן, צײַטונגען און זאַמלביכער דאָ און אין אייראָפּע.

דאָ, אין דעם דריטן טייל פֿון בוך „צווישן חורבן און אויפֿבוי", ווערן איצט אָפּגעדרוקט מיט געוויסע ענדערונגען צען פֿון מײַנע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם ייִדישן לעבן און שאַפֿן אין נאָרד־אַמעריקע. זיי באַהאַנדלען אין גרונט בלויז דרײַ גרויסע און וויכטיקע טעמעס, נעמלעך: די ייִדישע עקאָנאָמיק אין אַמעריקע; די

ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט, דערהויפּט פון שטאַנדפּונקט פון סאָ־ציאַלער פאַרזאָרגונג און קהלשער אָרגאַניזאַציע; און, שליסלעך, דער אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטיזם און זיין באַקעמפונג.

די ערשטע פיר אַרטיקלען פון דער אָפּטיילונג גיבן דעם לע־זער אַ ברייטן בילד פון די ייִדישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, ווי זיי זיינען ארויסגעשוואומען אויבן־אויף אין די לעצטע צוואַנ־ציק יאָר צייט, און אויף וויפיל זיי האָבן באַרירט דערהויפּט די איינגע־פונדעוועטע ייִדישע פרנסות און פּראָפעסיעס, ווי די נאָדל־פאַכן, קראָם־האַנדל, אָפיס־אַרבעט און פרייע פּראָפעסיעס. בלויז איין איינציקער צווייג פון ייִדישן עקאָנאָמישן לעבן — די פאַרמעריי — ווערט אין אַ ספּעציעלער אָפּהאַנדלונג מער אָדער ווינציקער אויס־פירלעך באַהאַנדלט, כדי צו ווייזן דעם לעזער די גינסטיקע פּער־ספּעקטיוון, וואָס די היגע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן עפענען פאַר דעם פּראָגרעסיוון און גוט־צוגעגרייטן פאַרמער.

דער פערטער אַרטיקל פון אָט דער סעריע — די אָפּהאַנדלונג וועגן דער באַטייליקונג און דער ראָלע פון די ייִדן אין דעם געשעפט־לעכן לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן — ברענגט אַ רייכע אינ־פאָרמאַציע מכוח אָן ענין, וואָס וואָלט געדאַרפט יעדן לעזער פאַר־אינטערעסירן.

די צווייטע גרופּע אָפּהאַנדלונגען, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַל־פילאַנטראָפּיע און קהילה־אויפבוי, דינט דער אויפקלערונג איבער אַ זייער צייטמעסיקער און אָנגעוויטאַק־טער פראַגע. דאָס ייִדיש קהלשע לעבן אין אַמעריקע איז, פאַר־שטייט זיך, נאָך ווייט ניט קיין רייפער פּראָדוקט: ער שוועבט אין אַ מין גייסטיקן צווישן־שטח, אין אַ תהום צווישן אַ גרויסער וועלט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען, די וועלט פון דעם אַלטן, 1000־יאָריקן ייִדישן קהלשן שטייגער, און אַ נייעם שטייגער, וואָס האַלט ערשט איצט אין געבאָרן ווערן אין דער נייער וועלט, אין אַמעריקע און אויסטראַליע. אַ שווערע און פאַרוויקלטע טעמע איז די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט דאָ אין לאַנד, אירע אידעאַלן און אינסטיטו־ציעס; מיט איין וואָרט, דאָס ייִדיש לעבן אין די פאַרפלאָנטערטע, אין די אויסטערלישע באַדינגונגען פון דעם נאָרד־אַמעריקאַנישן קבוץ־גליות.

די דאָזיקע טעמע איז אַזוי וויכטיק און באַדייטונגספול, אַז

פּאַר איר גופא וואָלט זיך געלוינט אָפּגעבן אַ ספּעציעלן באַנד; און אויך דאָס וואָלט ניט אויסגעשעפּט דעם זייער פאַרצווײַגטן מאַטעריאַל און די פּראָבלעמאַטיק פון דער ייִדישער קהלשער אָרגאַניזירונג און געזעלשאַפטלעכקייט פון דעם נאָך אַלץ ניט אויסגעקריסטאַליזירטן און רײַפן אין זײַנע לעבנס־פאָרמען 6־מיליאָניקן ייִדישן ישוב אין אונדזער לאַנד און אין די שכנישע לענדער — קאַנאַדע, מעקסיקאָ און זיד־אַמעריקע. זאָלן אָבער די דרײַ אַרטיקלען פון דער סעריע דינען בלויז פאַר אַ מיטל צו דערוועקן דעם אינטערעס צום גאַנצן ענין, און זאָלן זיי פירן די אַלע, וואָס זיי איז די פראַגע נאָענט און טײַער, צו ווײַטערדיקע פאָרשונגען אין אַ פּראָבלעם וואָס איז אַזוי קאַרדינאַל־וויכטיק פאַר דער צוקונפט פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע.

דער אַנטיסעמיטיזם, צום אומגליק, איז ניט קיין פרעמדער, אומבאַקאַנטער ענין פאַר דעם רוב ייִדן אין אַמעריקע. אָבער אין אַ סיסטעמאַטישער און פּילזײַטיקער פאָרם איז נאָך, ווי אונדז שײַנט, אויך אָט דער ענין ביז איצט אין אונדזער ערנסטער ליטעראַטור ניט באַהאַנדלט געוואָרן. אַ פּרוואוו די פראַגע אָט אויף אַזאַ אופן צו באַהאַנדלען, ווערט געמאַכט אין די לעצטע דרײַ אַרטיקלען פון דער אָפּטיילונג. זיי ווילן גאַרניט זײַן קיין אויסשעפּנדיקער בײַטראָג צו דער טעאָרעטישער לייזונג פון דער אייביקער, „פאַרשאָלטענער" פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם. גיכער איז דאָס אַ צושטײַער צום פּאַקטישן וויסן מכוח דער פראַגע, דערהויפּט אין שײַכות מיט די קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון ייִדישן פאַרטיידיקונגס־קאַמף.

צו דער עקאָנאָמישער לאַגע
פון אַמעריקאַנער יידן

די נײַע אַנטוויקלונג־טענדענצן אין דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן אין אַמעריקע האָבן אויף אַן ערנסטן אופן באַרירט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַמעריקאַנער ייִדן. די דאָזיקע טענדענצן רירן אָן יענע עקאָנאָמישע טעטיקייטן, ווי די קליינע אינדוסטריע, ריטייל־האַנדל, און די פּראָפעסיעס, וואָס זײַנען פילע יאָרן געווען דער הויפּט פּרנסה־קוואַל פאַר די אַמעריקאַנער ייִדן. מיר קענען זאָגן, אַז די עקאָנאָמישע פראַגע, מער ווי וועלכער עס איז צווייטער איינצלנער כוח, איז איצט דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר, וואָס באַאײַנפלוסט דעם גורל פון די פינף מיליאָן ייִדן אין אַמעריקע.

חוץ די אַלגעמיינע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע ענדערונגען קומט נאָך אויס די ייִדן צו לײַדן פון די ברענענדיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס באַרירן אויסשליסלעך די ייִדישע בירגער פון אַמעריקע, ווי, צום בײַשפּיל, די אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציע אויף דעם אַרבעט־מאַרק און אין די ליבעראַלע פּראָפעסעס. נאָך אַ וויכטיקער אומשטאַנד איז דער פאַקט, אַז די לאַנגע דעפּרעסיע האָט פאַרערגערט די לאַגע פון די ייִדישע אַרבעטער און קליינע ביזנעסלײַט, וואָס זייערע פּרנסות זײַנען בטל געוואָרן דורך די מעכאַנישע דערפינדונגען, דורך נײַע האַנדלס־מעטאָדן, דורך פרישע אײַנפירונגען אין אַמעריקאַנישן לעבן־שטייגער, און דורך נײַע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער אָרדענונג, וואָס האָבן זיך אָנגעפאַנגען נאָך דער וועלט־מלחמה.

אַ זייער דרינגענדיקע פּראָבלעם איז די פראַגע מכוח צופּאַסן דעם יונגן ייִדישן דור צו די נײַע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין לאַנד. דער יונגער ייִד ציט פאָר, ווי באַקאַנט, די אַזוי

גערופענע „ווײַס קאָלנער" פּרנסות. די דאָזיקע טענדענץ איז אגב אַן אַלגעמיינער שטריך פון דער פּראָפעסיאָנעלער אײַנטיילונג אין אַמע־ריקע אין דער נײַעסטער צײַט: אָט זעען מיר דאָך, ווי די געשעפט־לעכע קאָרפּאָראַציעס, וואָס פאַרשפּרייטן זיך מיט אַזאַ אימפּעט אין דעם עקאָנאָמישן לעבן, שאַפן אַן אַ שיעור שטעלעס פאַר אַקאַונ־טענטס (ספּעציעלע בוכהאַלטער מיט אַ טעאָרעטישער צוגרייטונג פאַר זייער פאַך), פאַר אינזשענערן און וויסנשאַפטלעכע פאָרשער. אָבער ניט קוקנדיק אויף אַזעלכע אומשטאַנדן, איז דאָך פאַר די ייִדן אומגעהײַער שווער צו קריגן אַזאַ מין שטעלע אין אַ קאָרפּאָריישאַן, באַזונדערס אין די צײַטן פון אַ געשעפטלעכן שטילשטאַנד אָדער דעפּרעסיע.

דאָס איז בקיצור אַ גענעראַלער סך הכל פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דעם אַמעריקאַנעם ייִדנטום. מיר וועלן איצט מאַכן אַן איבערזיכט פון אָט דער סיטואַציע מיט מער איינצלהײַטן און אויף אַ גענויערן אופן.

1. אינדוסטריעלע ענדערונגען

די נײַע אַרבעט־מעטאָדן, צום בײַשפּיל, די שטענדיק וואַקסנדע מעכאַניזירונג פון דער אינדוסטריע, און אויך די ענדערונגען אין דער אינדוסטריע, וואָס זײַנען געקומען פון די נײַע פאַרברויך (קאָנ־סום) פירונגען פון עולם, האָבן אַרויסגערופן אומגעהײַערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען אין די לעצטע 15—20 יאָר. טיפע שפּורן פון אויפטרייסלונג און צעשטערונג האָבן זיי איבערגעלאָזן אין כמעט אַלע פּרנסות, וואָס האָבן לאַנג געגעבן חיונה הונדערטער טויזנטער ייִדישע משפּחות אין אַמעריקע.

לאָמיר, ערשטנס, נעמען די אַזוי גערופענע טעכנאָלאָגישע אַרבעטסלאָזיקײַט, ד. ה. דאָס אַרויסשטופן פון דער מענטשלעכער קראַפט דורך נײַע מאַשינעס; און מיר וועלן באַלד געפינען טויזנטער ייִדישע אַרבעטער, אין דער קליידונג־אינדוסטריע אַליין, וואָס זײַנען געוואָרן קרבנות פון די נײַע טעכנישע מעטאָדן פאַר אַזעלכע אַר־בעטן ווי פּרעסן, „פינישן", און א. וו. פון דער צווייטער זײַט, איז געוואַקסן די מאַרק־פאָדערונג פאַר ביליקע קליידונג אַרטיקלען,

וואָס זייער פּראָדוקציע דורך די נײַע טעכנישע מעטאָדן (בעסערע מאַשינען א. אַ. וו.) קאָסט ניט טײַער און איז ווי געוואונטשן פאַר דעם קליינעם מאַנופעקטשורער. דאָס מיינט ווידער, אַז די צאָל אַרבעטער אין די שעפּער און פאַבריקן איז באַדײַטנד קלענער געוואָרן. אָט איז נאָך אַ בײַשפּיל. מיט אַ יאָר 10 צוריק, ווען עס איז אײַנגעפירט געוואָרן דער טאָן־פילם (טאָקיס), איז געשאַצט געוואָרן, אַז 16 פּראָצענט פון די פּראָפעסיאָנעלע מוזיקאַנטן אין ניו יאָרק (צווישן זיי זייער פיל ייִדן) האָבן פאַרלאָרן זייער פּרנסה. ענלעך איז געווען די לאַגע פון די מוזיקאַנטן אויך אין אַנדערע שטעט אין לאַנד.

די נאָדל־פאַכן ווידער, וואָס זײַנען אַזאַ לאַנגע צײַט געווען אַ ביז גאָר כאַראַקטעריסטישע ייִדישע אינדוסטריע, זײַנען אין דער לעצטער צײַט אַזוי רעאָרגאַניזירט געוואָרן, באַזונדערס אויף וויפיל דאָס איז שײַך דעם פאַכאָוון אַרבעטער, אַז ס'איז ניט לײַכט צו זײַן אָפּטימיסטיש אין באַצוג צו דער צוקונפט. שאַרפע ענדערונגען אין די סטײַלס און פאַסאָנען מיט דער נייגונג צו סטאַנדאַרדיזאַציע און פאַראייינפאַכונג, חוץ די באַשריבענע ענדערונגען אין דער פּראָדוקציע און האַנדלס־מעטאָדן, האָבן אַרויסגעוואָרפן טויזנטער אַרבעטער פון דער וויכטיקסטער ניו יאָרקער נאָדל־פאַך אינדוסטריע — פון דעם „קלאָוק און סיוט״ צווײַג פון דער פרויען־קליידונג אינדוסטריע. אָט די נײַע אומשטאַנדן האָבן אגב אָפּגעשוואַכט די עקאָנאָמישע פּאָזיציע פון דעם גרויסן מאַנופעקטשורער, און האָבן אויף זײַן אָרט אַרײַנגעפירט דעם נײַעם סאָרט „דזשאָבער״, וואָס האָט אַריבערגענומען די פונקציעס פון דעם גרויסן פּראָדוצענט. ווי באַקאַנט, פירט ער זײַן פּראָדוקציע ניט דירעקט, ד. ה. דורך די באַשעפטיקטע פון אים אַליין אַרבעטער, נאָר — דורך די סוב־מאַנועקטשורערס און קאָנטראַקטאָרס מיט די קליינע שעפּער אין די שטעט און שטעטלעך אַרום ניו יאָרק און אין נאָך ווײַטערע געגנטן. די אויטאָמאָבילס און טראָקס האָבן מעגלעך געמאַכט מאַסנווײַז צו באַשעפטיקן די ביליקע און געהאַרכזאַמע פרויען און קינדער אַרבעטער אין די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך. דער פּועל־יוצא איז די גרויסע אַרבעטסלאָזיקײַט צווישן די שנײַדער־אַרבעטער אין ניו יאָרק. די גוטע שאָסייען און וועגן פאַר מאָטאָר־טראַנספּאָרט און

קאָמוניקאַציע האָבן בכן שמערצלעך באַרירט די עקזיסטענץ פון פילע טויזנטער ייִדישע האַרעפּאַשניקעס אין די גרויסע שטעט. די ניט־לאַנגאַניקע ענדערונגען אין דעם לעבנס־שטייגער און אין די פירונגען פון עולם האָבן נאָך פאַרערגערט די אַלטע עקאָנאָמישע צרות פון דער קליידונג־אינדוסטריע, ווי, למשל, די שאַרפע סעזאָן־וואַקלונגען, די ביטערע קאָנקורענץ, סטײַל־גנבות, די נייגונג אויפ־צושטעלן אויף אַ נײַעם קאָן דעם העלישן שוויץ־שאָפּ, און א. וו. די נײַע לעבנס־פירונגען האָבן אויך געהאַט אַ טיפן אײַנפלוס. די צענטראַלע באַהייצונג אין די דירות פאַרקלענערט שטאַרק דעם באַדאַרף אין וואַרימע וואָלענע בגדים. די מאָדערנע פרוי אַרבעט און באַטייליקט זיך אין די ספּאָרט־שפּילן, באַנוצט זיך שטאַרק מיט דעם אויטאָמאָביל, און דעריבער דאַרף איר קליידונג זײַן פּראַקטיש און באַקוועם פאַר די אַלע צוועקן. נאָך פיל וויניקער ווי אַמאָל פאָדערט זיך איצט פאַר דער אויסאַרבעטונג פון איר קליידונג די געניטשאַפט פון אַ גוטן פאַכאָוון בעל־מלאכה. אין ניו יאָרק אַליין זײַנען אַריבער 20 טויזנט אַרבעטער אין די סוט און וועסט שעפער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע אַרבעט־שטעלעס דורך די סטײַל־ענדערונגען זינט 1918. ,

אין דעם נעקסטן רינג פון דער קייט, אין די פאַבריקן פון וואָלענע שטאָפן, זײַנען אומצאָליקע טעקסטיל־מאַשינען געשטאַנען אָן אַרבעט, ווען די אַמעריקאַנער פרוי האָט אָנגעהויבן צו טראָגן קורצע קליידער. לעצטנס זײַנען אַרײַן אין דער מאָדע פײַנע זײַדענע זאָקן, און דאָס האָט נאָך ווײַטער פאַרקלענערט דעם פאַרלאַנג פאַר וואָלענע בגדים, און במילא איז פאַרערגערט געוואָרן די לאַגע פון די סוחרים פון טעקסטיל־פּראָדוקטן. אין דער דאָזיקער אינדוסטריע איז אָנגעקומען נאָך פאַר 1929 אַ לאַנגע דעפּרעסיע, מחמת עס האָט זיך מיטאַמאָל פאַרקלענערט דער מאַרק פון וואָלענע בגדים. באַוול (קאָטן) איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך זײַד, און די זײַד (סילק) איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך רעיאָן (קינסטלעכע זײַד). אַ גרויסע צאָל ייִדישע פירמעס, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט זײַד־שטאָף, בעדנער (ריבאָנס) און „נאָוועלטיס", האָבן געליטן אַ גרויסן געשעפטלעכן שאָדן במשך פון די ערשטע 10 יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה.

לאָמיר, ווידער, נעמען דעם יואוועלירן מאַרק. שוין ווי אַן אַנ־דער בײַשפּיל פון אינדוסטריען, וואו די ייִדן זײַנען לאַנג געווען זייער טעטיק. דאָ זײַנען אויך פאָרגעקומען ענדערונגען, דווקא צום שלעכטן. דער עולם האָט אָנגעפאַנגען ווייניקער אײַנצוקויפן שמוק־זאַכן ווי דימענטן און טײַערע שטיינער, וואָס פלעגן שטענדיק באַ־טראַכט ווערן ווי דער העכסטער סימן און סימבאָל פון רײַכטום און פּוץ. און די ביליקע, אַזוי גערופענע „קאָסטיום דזשולערי", איז שטאַרק אַרײַן אין דער מאָדע אָנשטאָט די טײַערע לוקסוס־ צי־רונג און פאַרפּוצונג־געגענשטאַנדן. נאַטירלעך, איז גלײַך געפאַלן די צאָל אונטערנעמער אין דער יואוועליר־אינדוסטריע, און דער ווערט פון די מאַטעריאַלן אין דער פּראָדוקציע פון יואוועליר־סחורות איז אויך גאָר שטאַרק אַרונטער.

מיט איין וואָרט, דער אַמעריקאַנער עולם האָט אָנגעפאַנגען אויסצוגעבן ווייניקער געלט אויף קליידונג און טײַערער צירונג און מער געלט — אויף די אויטאָמאָבילן, פּוטערוואַרג, ראַדיאָס, עלעק־טרישע הויז־געגנשטאַנדן, פאַרווײַלונגען, רײַזעס, וואַקאַציעס, און אַנדערע באַקוועמלעכקײַטן און פאַרגעניגנס. דער אונטערשטער סך־הכל פון די אַלע נײַע פירונגען איז אָט אַזאַ: אַ שווערער קלאַפּ פאַר די גרויסע אינדוסטריע־צווײַגן און פּרנסות, וואָס אין זיי האָבן די ייִדישע מאַסן יאָרן־לאַנג געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע. אָט וועלן מיר געבן נאָך אַ בײַשפּיל פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. נעמט די בוי־אינדוסטריע. דאָרט האָט די אײַנפירונג פון די נײַע מאָדעלן און בוי־סטילן פאַרקלענערט די אַרבעט געלעגנהײַטן פאַר די ייִדישע, ווי אויך פאַר די ניט־ייִדישע פלאַסטערערס, „פּעיפּער־הענגערס", און רופערס (דאַך־מײַסטערס); פון דער אַנדער זײַט אָבער האָבן ייִדן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פלאַמבערס און עלעק־טריקער אין לאַנד, שטאַרק פּראָפיטירט פון דער אַלגעמיין־באַמערק־באַרער שטרעבונג פון דער באַפעלקערונג צו האָבן הײַנט־צו־טאָג אין די דירות וואָס בעסערע סאַניטאַרישע אײַנריכטונגען (וואַנעס און אַז. וו.), ווי אויך צו באַנוצן זיך מיט דער מאָדערנער און פּראַק־טישער עלעקטרישער באַלײַכטונג.

2. ייִדן און דער קראָם־האַנדל

די קאָנצענטראַציע פון ריטייל־האַנדל אין די הענט פון די גאַנץ גרויסע געשעפטלעכע פירמעס, שאַפט אַ שמערצלעכע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אַ גאַנץ גרויסן טייל פון אַמעריקאַנער ייִדנטום. די קייט־קראָם (טשיין־סטאָר) איז געוואָרן אַזוי גוט ווי די סטאַנדאַרד־פאָרם אין דער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנישן מאַסאָוון פאַרקויף־אַפּאַראַט. אָט די קייט־קראָמען פאַרשלינגען וואָס ווײַטער אַלץ אַ גרעסערן טייל פון דעם אַלגעמיינעם ריטייל פאַרקויף, ניט בלויז פון גראָסערי האַנדל, נאָר אויך פון אַנדערע גרויסע צווײַגן פון ריטייל־האַנדל, ווי קליידער, שוכוואַרג, דראָגס א. א. וו. די דאָזיקע צענטראַליזירטע פאָרם אונטער דער עפעקטיווער (עפישיענט) פאַרוואַלטונג פון די האַנדל־קאָרפּאָריישאָנס, איז אַן עקאָנאָמישע, ד. ה. געלט־אײַנשפּאָרנדיקע, מעטאָדע פון דיסטריבוציע, ד. ה. פאַרקויף פון קאָנסום־אַרטיקלען. אָבער אַזאַ סיסטעם פאַרקלענערט דאָך די צאָל „אומאָפּהענגיקע", ד. ה. זעלבסטשטענדיקע קרעמערס, און צווישן זיי שטעלן צוזאַמען, ווי באַוואוסט, די ייִדישע קרעמער אַ גאָר גרויסע פּראָפּאָרציע.

ביזן מיטן פון די 1920־ער יאָרן האָט דער ריטייל־האַנדל אין אַמעריקע געגעבן ניט קיין שלעכטע געלעגנהײַטן פאַר די געשעפטלעכע אונטערנעמער מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל. די נײַעסטע אַנטוויקלונגען אין דעם פינאַנציעלן און קאָמערציעלן געביט האָבן אָבער אָט די אַלע געוועזענע געלעגנהײַטן אַזוי גוט ווי בטל געמאַכט. די אינוועסטמענט באַנקירן, די ריעל עסטייט און מאָרגעדזש קאָמפּאַניעס, און ענלעכע פינאַנץ־קרײַזן, שטיצן דעם וואוקס פון די קייט־קראָמען, כדי צו קריגן אַלץ נײַערע ווערט־פּאַפּירן, ווי געוואונטשענע אָביעקטן פאַר אַ פינאַנציעלער ספּעקולאַציע. דער וואוקס פון די קייט־קראָמען האָט אַרויסגעשטופּט אַ גרויסע צאָל פון די אַזוי גערופענע אינדעפּענדענט קראָמען. אַזאַ סיטואַציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע עקאָנאָמיש געפאַר, באַזונדערס פאַר דעם ייִדישן ביזנעסמאַן. דער ייִד אין אַמעריקע האָט שטענדיק באַטראַכט די קליינע קראָם ווי דעם ערשטן שטאַפּל פון דעם לייטער, וואָס

אויף אים האָט ער געוואָלט זיך אויפהויבן פון זײַן נידעריקער לאַ־
גע, ווי אַ פּעדלער אָדער שוויץ־שאַפּ־אַרבעטער, און אַרויפקלעטערן
צו אַ פײַנערן מעמד. די דאָזיקע עקאָנאָמישע טענדענץ פון דער
ייִדישער אַמעריקע — אַ דראַנג צו ציען פּרנסה פון קליינע גע־
שעפטלעכע אונטערנעמונגען, — האָט נאַטירלעך, באַקומען אַ מורא־
דיקן קלאַפּ פון דעם וואוקס פון די קייט־קראָם קאָרפּאָריישאָנס.

אַ צווייפאַכיקע געפאַר שטעלן מיט זיך פאַר די קייט־קראָמען
פאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ פון אַ גרעסערן טייל פון די
אַמעריקאַנער ייִדן. דער ייִד פאַרלירט דערבײַ ניט נאָר ווי אַ זעלבסט־
שטענדיקער געשעפטסמאַן, נאָר ער לײַדט אויך פון דער דיסקרימי־
נאַציע פון די גרויסע קאָרפּאָריישאָנס, וואָס זײַנען אין 9 פאַלן
פון 10 ניט וויליק צוצונעמען אַ ייִד ווי אַן אַנגעשטעלטן אין זייערע
קראָמען. בלויז אין די געדיכטע ייִדישע נאָכבאַרשאַפטן ווערן ייִ־
דישע אַנגעשטעלטע דאָך אָנגענומען, און דאָס אויך בלויז אויף די
נידעריקסטע שטעלעס. דער אויטאָמאָביל און די גוטע אויטאָמאָביל־
וועגן זײַנען אויך אַ נײַער אומשטאַנד, וואָס האָט שטאַרק געביטן
און פאַרערגערט די סיטואַציע פון דעם קליינעם קרעמער. זיי, אַט
די נײַע טעכנישע שאַפונגען פאַר טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע,
האָבן באַדײַטנד פאַרברייטערט דעם „שטח" פון קרעמערשן האַנדל,
צוציענדיק אָפּטמאָל קאָנסומענטן, וואָס זײַנען דערווײַטערט ביז 150
מײַל פון דעם גרויסן „שאָפּינג צענטער". מ'פאָרט מיטן אויטאָמאָביל
אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן צו קויפן אין גרויסע קראָמען. אַזוי
זײַנען די וואָרצלען אונטערגעהאַקט געוואָרן בײַ דעם קליינעם לאָ־
קאַלן קרעמער. וויסן מוז מען אָבער, אַז דווקא אַט דער מין ריטייל־
קרעמער, דער „לאָקאַלער קרעמער", איז געווען דער מעכטיקסטער
פאַקטאָר אין די פריערדיקע צײַטן צו פאַראורזאַכן די אויסוואַנדע־
רונג פון גרויס־שטאָטישע ייִדן אין אַמעריקע אין די קלענערע שטעט
און שטעטלעך, וואו די גרויסע געשעפטלעכע אַמעריקאַנישע האַנדלס־
פירמעס האָבן פריער, ד. ה. ביז דעם אָנקומען פון די קייט־קראָמען,
קיין גרויסע ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן לחלוטין ניט געשפּילט.
זינט 1925 שפּילן שוין אַט די מעכטיקע האַנדל־קאָרפּאָריישאָנס, ווי אַ
שטייגער די „מעיל־אָרדער" הײַזער און די „דעפּאַרטמענט־סטאָרס",
אַ גרויסע ראָלע אין דעם ריטייל־האַנדל פון די קלענערע שטעט,

דערהויפּט ניט ווײַט פון די גאַנץ גרויסע צענטערס, ווי ניו יאָרק, שיקאַגאָ און אַנדערע.

3. אורבאַניזאַציע און די ייִדן

די צענטראַליזאַציע פון דעם ריטייל־האַנדל אין דער פאָרם פון די פיל־מיליאָנען דאָלאַר קאָרפּאָריישאָנס, האָט מאַרשירט פוס אין פוס מיט דער וואַקסנדיקער אורבאַניזאַציע פון דער אַמעריקאַנער נאַציע, ד. ה. מיט דעם כסדרדיקן וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין די גרויסע און אין די זייער גרויסע שטעט. די טרײַב־קראַפט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס קומט פון די קאָמערציעלע און קולטורעלע באַדינגונגען. דער אַזוי גערופענער „מעטראָפּאָליס־ישוב" גיט פרישע געלעגנהײַטן פאַר אַ ברייטערן אויסוואַל פון עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַשעפטיקונגען, גרעסערע געלעגנהײַטן צו געפינען אַרבעט און ממילא בעסערע מעגלעכקײַטן פאַר אַ שטענדיקער באַשעפטיקונג. אין דער גרויסער שטאָט זײַנען דאָ פיל גרעסערע מעגלעכקײַטן פאַר דעם יחיד אַרויסצואווײַזן און אויסצונוצן זײַנע אינדיווידועלע פייאיקײַטן, פשוט ווײַל אין אַ גרויסער שטאָט איז די אַרבעט־צעטיילונג שטאַרקער אַנטוויקלט ווי אַנדערשוואו, און עס זײַנען אויך אין די גרויסע שטעט פאַראַן פילצאָליקע געלעגנהײַטן פאַר געוואונטשענע קאָנטאַקטן פון מענטש צו מענטש. די מאַיאָריטעט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז איצט קאָנצענטרירט אין דער עקאָנאָמישער אײַנפלוס־ספערע פון די „מעטראָפּאָלע צענטערן", ד. ה. גרויסע שטעט און זייער אומגעגענט, וואו זיי לעבן און אַרבעטן. מער ווי אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן לעבט איצט אויף אַ מהלך פון אַ שעה רײַזע מיטן מאָטאָר־וואָגן פון אַ שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון הונדערט טויזנט און העכער.

אָט די דאָזיקע אורבאַניזאַציע באַרירט שאַרף די עקאָנאָמישע אומשטענדן פון אַמעריקאַניש־ייִדישן לעבן. די אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען פון שטענדיק געווען אַ גאָר שטאַרק אורבאַניזירט פאָלק, ד.ה. אײַנוואוינער פון גרויסע שטעט. ניט ווייניקער ווי 97 פּראָצענט פון אַלע ייִדן אין אַמעריקע לעבן אין די שטעט און שטעטלעך,

בעת ניט מער ווי 50 פראָצענט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָבן אין יאָר 1930 געלעבט אין די שטאָטישע ישובים. זייער שנעל איז געגאַנגען דער וואוקס פון דער אורבאַניזאַציע אין אַמעריקע. אין יאָר 1910 האָבן בלויז 17 פּראָצענט פון אַלע אַמעריקאַנער איינוואוינער געלעבט אין די שטעט פון העכער 25,000 איינוואוינער, (וואו עס לעבן איבער ניין־צענטל פון גאַנצן אַמעריקאַנישן יידנטום), בעת אין יאָר 1930 האָבן שוין 24 פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער נאַציע געלעבט אין שטעט פון 25,000 און מערער. און דאָס וועט זיין אַ דערשיינונג, וואָס וועט מסתמא אָנהאַלטן נאָך אַ לאַנגע צייט — אַט דער וואוקס פון די שטאָטישע און גרויס־שטאָטישע מאַסן אין אַמעריקע.

דער אויפקום פון דעם „סופּער־ישוב" אָדער, סיטי־ראַיאָן, ד. ה. די שטאָט אינאיינעם מיט אַ סך אַרומיקע שטעטלעך ווי איין עקאָנאָמישער „יוניט", וואָס כאַראַקטעריזירט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע עוואָלוציע פון אַמעריקע אין די 1920־ער יאָרן, איז אין אַ גרויסער מאָס דער פועל־יוצא פון אויטאָמאָביל און טעלעפאָן, די צוויי הויפּט־בויערס פון דער מאָדערנער מעטראָפּאָליס טעריטאָריע. דער אויטאָמאָביל מאַכט גרויסשטאָטיש אפילו די פּאַרוואָרפענע „קאָונטרי" געגענטן, ווייל דער אויטאָמאָביל, ווי מיר האָבן באַמערקט, ברייטערט אויס די „שאָפּינג" טעריטאָריעס, און פאַרענדערט די איינקויף־געוואוינהייטן פון די קאָנסומערס. די פאַרמערס און די קליינשטעטלדיקע איינוואוינער לאָזן זיך פאָר „שאָפּינג"־צוועקן אַוועק אין די נאָענטסטע גרעסערע שטעט. מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ צעשטערנדיקע ווירקונג דאָס קען האָבן אויף דער לאַגע פון דעם קליינעם יידישן קרעמער אין די פאַרוואָרפענע שטעט און שטעטלעך פון לאַנד. זיין פרנסה איז דאָרט אינגאַנצן אויסגעשפּילט.

די יידן מוזן פילן דעם דרוק פון דער פאַרשאַרפטער קאָנקורענץ אַלס רעזולטאַט פון דעם שטענדיקן צופלוס פון מיליאָנען מענטשן, וואָס פילן אָן די שטעט, אָנקומענדיק אין די שטעט פון דעם „הינטערלאַנד", וואו זיי זיינען געבאָרן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן. אָט דאָ שטעקט, וואַרשיינלעך, איינער פון די הויפּט־

פאַקטאָרן אין דער פאַרגרעסערטער אַנטי־ייִדישער דיסקרימינאַציע, וואָס מיר זעען אין אינדוסטריע, אין האַנדל און אין די פרײַע פראַ־פעסיעס. די דיסקרימינאַציע איז דער אַמעריקאַניזירטער, נאָכגעמאַכ־טער פּראָדוקט פון דעם מיאוסן אַלטן אָריגינאַל — דעם גראָבן עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם און באָיקאָט אויף ייִדן אין די האַלב־ציוויליזירטע און נאַציזירטע אייראָפּעאישע לענדער. די עקסטרעמען פון פּריוואַטן רײַכטום און פון גרויסער אָרימקײַט זײַנען אויך קענ־טיקער, זיי לאָזן זיך זען און וואַרפן זיך אין די אויגן שטאַרקער אין די שטעט ווי אין די פאַרמערשע דיסטריקטן, ווײַל די קאָנ־צענטראַציע פון דער באַפעלקערונג העלפט צו דעמאָנסטרירן די סאָציאַלע קאָנטראַסטן פון איין זײַט, און דעם אויספעל פון עקאָ־נאָמישע געלעגנהײַטן פאַר די ברייטע אַרבעט־זוכנדיקע, פּרנסהלאָזע מאַסן, פון דער צווייטער זײַט. חוץ דעם, איז נאָך צום אומגליק די עקאָנאָמיש־אַקטיווע ייִדישע באַפעלקערונג שטאַרק אומגלײַכמע־סיק פאַרשפּרייט צווישן פאַרשיידענע פּרנסות און פּראָפעסיעס, אָנ־פילנדיק ביז איבער די ראַנדן געוויסע באַשעפטיקונגען, ווי קרעמערײַ, אַדוואָקאַטן, און ד. גל. דער דאָזיקער פאַקט, צוזאַמען מיט דעם שטראָם פון די אומצופרידענע סאָציאַל־געפאַלענע מאַסן אין די שטעט אַרײַן, מוז פאַרשאַרפן די אַלטע פאָראורטיילן און די שנאה און קנאה צו ייִדן. וואָס ווײַטער, טרעט דער אַמעריקאַנער ייִד אַרײַן מער אין דער טרויעריק־באַרימטער היסטאָרישער ראָלע פון אַ זינדן־באָק, וואָס אויף אים וואַרפט מען לײַכט אַרויף די שטראָף פאַר אַלע פרעמדע זינד, דערהויפּט אין דער צײַט פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע מהומות.

אין די דעפּרעסיע־יאָרן האָבן, פאַרשטייט זיך, די שטאָטישע אײַנוואוינער געליטן מער ווי די איבעריקע טיילן פון דער אַמערי־קאַנער באַפעלקערונג, און במילא האָט דער אַמעריקאַנער ייִד באַ־צאָלט אַ שווערן פּרײַז פאַר זײַן נייגונג צו לעבן אין די געדיכט־באַפעלקערטע שטעט. איין־פינפטל פון דער גאַנצער צאָל פאַרזאָגען אויף רעליף זײַנען געווען קאָנצענטרירט אין די צען גרעסטע שטעט פון אַמעריקע. צווישן 1933—1935 איז אַרום דרײַ־פינפטל ביז דרײַ־פערטל פון דער גאַנצער רעליף באַפעלקערונג געווען שטאָ־טישע איינוואוינער, וואָס איז העכער פון דער פּראָפּאָרציע פון די

שטאַטישע אײַנוואוינער אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַפעלקע־רונג בכלל. די „פער קאַפּיטאַ" אויסגאַבע פון רעליף איז געווען כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס אין 1934 אין די מערסטע אורבאַניזיר־טע שטאַטן (ד. ה. שטאַטן מיט אַ גרויסן פּראָצענט שטאָטישע אײַנ־וואוינער) ווי אין די אַמווייניקסטן אורבאַניזירטע שטאַטן. דאָס וויל זאָגן, אַז די פאַרמערס און די קליין־שטאָטישע מאַסן, וואו יידן שטעלן פאַר אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט, זײַנען מיט 50 פּראָצענט ווייניקער געווען אָנגעוויזן אויף רעליף, כדי צו פאַרמײַדן די יסורים פון הונגער און קעלט, ווי די גרויס־שטאָטישע, און במילא אויך די יידישע, עלעמענטן, פון אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. מ'קען זאָגן, אַז אויפן יידישן פאָלקס־מענטש איז אַמעריקע איז די דעפּרעסיע געלעגן ווי אַ טאָפל־שווערער יאָך אין פאַרגלײַך מיטן דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער.

4. דער „ניו דיל" און די יידישע פּרנסות

די גרעסטע יידישע באַפעלקערונג צענטערס ווי ניו יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר און באָסטאָן, וואו די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער יידישער נאָדל־פאַך אַרבעטערשאַפט איז קאָנ־צענטרירט, האָבן מוראדיק געליטן פון אַרבעטסלאָזיקײַט און אינ־דוסטריעלע דערשיטערונגען אין דער גרויסער דעפּרעסיע (1930—1932). די גרויסע אינדוסטריעלע ירידה פון 1931—1932 האָט פאַר־שאַרפט דעם דלות פון אַ סך טויזנטער יידישע אַרבעטער פאַמי־ליעס, וואָס זייער פּרנסה איז נאָך ביזן יאָר 1929 אָפּגעשוואַכט און זייערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן זײַנען נאָך דעם יאָר 1929 שנעל אָפּגעווישט געוואָרן. גלײַכצײַטיק איז געקומען פאַר די שנײַדער־אַרבעטער אַ צווייטע מכה — דער שוויץ־שאָפּ, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים, באַזונדערס אין די קליינע שטעט, ווי פילע געדענקען עס נאָך פון דעם פינצטערן יאָר 1932.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז די ערשטע רעפאָרמען פון דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע האָבן טיף באַאײַנפלוסט די יידישע אַרבעטער און אונטערנעמער אין די נאָדל־פאַך אינדוסט־ריען. די נאָדל־פאַך טרייד־יוניאָנס האָבן פון אָט די רעפאָרמען געוואונען אפשר מער ווי אַ וועלכער ס'איז אַנדערער אָרגאַניזירטער

אַרבעטער־פּאַך. דער נ. ר. א. געזעץ און די קאָודס האָבן אָפּגע־שאַפט די קינדער־אַרבעט, האָבן אײַנגעפירט מינמום־שכירות, פאַר־קירצט די אַרבעט־שטונדן, און אַזוי ווײַטער, אין אַ סך וויכטיקע צווײַגן אין דער יידישער פאַבריק־אַרבעט אין אַמעריקע.

אין איין וויכטיקן צווײַג פון דער גרויסער קליידער אינדוסט־ריע, אַ צווײַג וועלכער איז אויך 90 פּראָצענט יידיש, וואָס איז שײַך צום קאַפּיטאַל, און איז אויך 60 פּראָצענט יידיש אין זײַן אַרבעט־קראַפט, נעמלעך די פרויען־קליידונג אינדוסטריע, האָט די נ. ר. א. סיסטעם אײַנגעפירט גלײַכע אַרבעט־סטאַנדאַרדס אין דער גאַנצער אינדוסטריע, מיט געוויסע לאָקאַלע „דיפערענשעלס", אין אײַנקלאַנג מיט די לאָקאַלע אומשטאַנדן, ווי דער לעבנס־קאָסט, קאָסט פון פראַכט און אַז. וו. דאָס איז, אין אַלגעמיין גענומען, געווען אַ קליינער אָנפאַנג פון דער שטאַרק געוואונטשענער רעגולאַריזי־רונג און סטאַביליזירונג פון אַ כאַאָטישער און פון דער ביטערער קאָנקורענץ טראַגיש־צעריסענער אינדוסטריע.

געוויס, די שטאַרק־פאַרצווײַגטע און פאַרשפּרייטע קליידונג־אויסאַרבעטונג פאַכן, וואָס נעמען אַרום די גאַנצע טעריטאָריע פון לאַנד; דערצו די גרויסע צאָל פּראָדוקציע־אָפּטיילונגען און „לײַנס"; ווי אויך די אומגלײַכמעסיקע שטופע פון טרייד־יוניאָניזירונג, און די שלעכטע געשעפטלעכע באַדינגונגען אין לאַנד, האָבן סוף כל סוף געשטערט דעם נ. ר. א. געזעץ צו ווערן די אמתע ישועה פאַר דער קראַנקער קליידונג־אינדוסטריע, אויב אפילו די גאַנצע רעפאָרם וואָלט ניט געווען בטל געוואָרן דורך אַ דעקרעט פון העכסטן געריכט אין מאַי 1935. ווי ניט ווי, האָט דער דאָזיקער צײַטווײַליקער אויפטו פון דעם „ניו דיל" געבראַכט אַ רפואה פאַר דעם פון לאַנג קראַנקן צושטאַנד פון אַ וויכטיקן צווײַג פון דער יידישער עקאָנאָמישער טעטיקײַט אין אַמעריקע.

חוץ די נאָדל־טריידס האָבן אויך די דיסטריבוציע־טריידס און די אַזוי גערופענע באַדינונג־פּרנסות, ווי קרעמער, רעסטאָראַנען, „דרײַ קלינינגס"־קרעמלעך, און ענלעכע, געהאַט נוצן פון דער נ. ר. א.־רעפאָרם. אין די דאָזיקע אַלע פּרנסות שפּילן די יידן, ווי באַ־קאַנט, אַ גרויסע ראָלע. דאָ און דאָרט האָבן די קליינע יידישע אונ־טערנעמער, ניט רעכענענדיק זיך מיט די געזעצן פון דער נ. ר. א.,

אַמאָל „געשניטן די פּרײַזן" לטובת די קאָנסומענטן. דאָס האָט צומאָל פֿאַראורזאַכט אַ צעמישונג, און אפֿילו סכסוכים צווישן די גרויסע פֿירמעס, אָדער „טראַסטס", פֿון איין זײַט, און דעם „קליי־נעם מענטש", וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט באַשולדיקט אין אומ־יושרדיקע געשעפֿטלעכע פֿירונגען פֿון דער צווייטער זײַט.

דער צענטראַלער שטיץ־פּונקט פֿון אַ נײַער עקאָנאָמישער פּאָ־ליטיק בײַ אונדז אין לאַנד איז דער פּרינציפּ פֿון די „טרייד אַסאָ־סיאיישאַנס". זיי רעגולירן די געשעפֿטלעכע פֿירונגען פֿון זייערע איינצלנע מיטגלידער, וואָס ווילן געמיינזאַם, ד. ה. מער אָדער ווייניקער בשותפֿות, קאָנטראָלירן אַ וואָס גרעסערן מאַרק פֿאַר דעם פּראָפֿיט פֿון יעדן מיטגליד. דער דאָזיקער פּרינציפּ, וואָס שטאַמט פֿון הערבערט הואָווערן, נאָך ווען ער איז, אונטער די פּרעזידענטן האַרדינג און קולידזש, געווען האַנדל־מיניסטער, איז פֿיל עלטער פֿון פּרעזידענט רוזוועלטס „ניו דיל", און ער איז געבליבן און וועט בלײַבן נאָכדעם, ווי דער „בלויער אָדלער" (נ. ר. א.) איז שוין לאַנג טויט. מען קען זאָגן, אַז די טרייד אַסאָסיאיישאָן איז אַ מאָדער־ניזירטער גילגול פֿון די פֿאַרצײַטיקע גילדס (צעכן) פֿון די האַנט־ווערקער און סוחרים, פֿון די גילדס, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט אַ שאַרפֿע אַנטיסעמיטישע טענדענץ. דאָס דאַרף מען האָבן אין זינען ווי אַ מעגלעכן קוואַל פֿון די פֿרישע עקאָנאָמישע צרות דורך דעם אַנטיסעמיטישן באָיקאָט אויף די יידן־אונטערנעמער און מיט־גלידער פֿון די טרייד אַסאָסיאיישאַנס. אַ צווייטע זאַך, וואָס מיר מוזן געדענקען, איז דאָס, אַז אונדזער עפּאָכע איז אַ צײַט פֿון עקאָ־נאָמישן נאַציאָנאַליזם, בעת די פֿריערדיקע עפּאָכע, דער 19טער יאָרהונדערט, מיט זײַנע אומבאַגרענעצטע געלעגנהײַטן פֿאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, האָט אַזוי ברייט געעפֿנט פֿאַר די יידן דעם גאַנצן וועלט־מאַרק, סײַ ווי אַן אָרענע פֿאַר די פֿאַבריקאַנטן און הענדלער סײַ ווי דער פֿרײַער געוואַלטיקער געביט פֿאַר די עמי־גראַנטן, וואָס פֿלעגן זוכן פֿרישע לענדער וואו צו אַרבעטן פֿאַרן שטיקל ברויט. דאָס איז דער גרויסער אונטערשייד צווישן דעם 19טן און דעם 20טן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע צוויי נײַע אומשטאַנדן צוזאַמענגענומען, נעמלעך: די טרייד אַסאָסיאיישאַנס און דער עקאָנאָמישער נאַציאָנאַליזם,

קענען אַרויסרופן אַ מורא בײַ די ניט־ייִדישע מיטגלידער פון די געשעפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אַנטקעגן דער כלומרשטער געפאַר פון די „פרעמדע" קאָנקורענטן; דאָס הייסט, ווידער, די ייִדן וואָס אונטערשיידן זיך דורך זייער כאַראַקטער, רעליגיע און אַלגעמיינע קולטור־טענדענצן פון דעם אַרומיקן הערשנדיקן פאָלק. אַט אַזוי קען די טרייד אַסאָסיאיישאַן, אויף דעם זעלביקן אופן ווי אַן אַנטי־סעמיטישע טרייד יוניאַן, אָדער ווי דער מיטלאַלטערלעכער צעך (גילד), קען פשוט ניט דערלאָזן די ייִדן צו ווערן פולבאַרעכטיקן מיט־גלידער אין אַזאַ אויטאָנאָמער עקאָנאָמישער קערפּערשאַפט ווי, אַ שטייגער, אַ טרייד אַסאָסיאיישאַן.

מיר זעען, אויף אַזאַ אופן, ווי די עקאָנאָמישע דיסקרימינאַ־ציע, ד. ה. דער אַנטיסעמיטיזם אין אַ כאַראַקטעריסטישער אַמע־ריקאַנער פאָרם, באַדראָט שוין ניט בלויז דעם ייִדישן אַרבעט־מאַן, וואָס זוכט באַשעפטיקונג, נאָר ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ סכנה אפילו פאַרן זעלבסטשטענדיקן ייִדישן געשעפטס־מאַן. אַט די סיטו־אַציע פאָדינט גרינטלעך באַטראַכט צו ווערן, כדי רעכטצײַטיק צו באַשיצן דורך אַ געהעריקער אַקציע אונדזערע לעבנס־וויכטיקע אינטערעסן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן און קאַמף.

5. דער ייִדישער אַרבעט־מאַרק

ווי מיר האָבן אין אָנפאַנג געזאָגט, נעמט איצט אָן די ייִדישע באַשעפטיקונג פּראָבלעם אַ שאַרפערע פאָרם ווי ווען עס איז פריער. דער וואַקסנדיקער ייִדישער דור וועט זיך נויטיקן אין פאַ־סיקע באַשעפטיקונגען, בעת די נײַע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווי אויבן דערקלערט, מאַכן וואָס ווײַטער אַלץ שווע־רער צו געפינען אַרבעט־שטעלעס פאַר אַלע קאַנדידאַטן. די ספּעצי־עלע שטערונגען און מניעות, וואָס אויף זיי שטייסט זיך דער ייִד אָן, ווי דיסקרימינאַציע, איבערפילונג פון אַ סך פּרנסות און פּראָ־פעסיעס, מאַכן טאָפּל שווער צו געפינען פאַר די ייִדישע יוגנט־מאַסן דעם געוואונטשענעם מין אַרבעט. ליידער האָט נאָך די פיל־דיסקוטירטע פראַגע פון באַקעמפן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן די קללה פון ייִדישער „ניט־באַשעפטיקונג", דאָס מיינט, דער פועל

יוצא (סאָציאָלער און פּסיכאָלאָגישער) פון אַנטיסעמיטישער דיס־קרימינאַציע, האָט דערוויַיל אָט די פראַגע ניט דערגרייכט די שטו־פע פון אַ קלאָרן און פרוכטבאַרן פּלאַן.

און דאָך איז איצט, אין דער צווישן־צייַט, ערב אַ נייַער תקופה אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער געשיכטע פון אַמע־ריקע, ממש די לעצטע שעה זיך צו פאַרנעמען מיט אָט דער ערנ־סטער פראַגע. יעדע פאַרנאַכלעסיקונג און פאַרציִיעניש, אין וועלכע די ייִדישע פירער וועלן זייַן שולדיק, וועט באַדייַטן אַ פאַרלוסט פון טויזנטער אַרבעט־שטעלעס פאַר אַן אַ שיעור יונגע ייִדן, מענער און פרויען.

אגב איז די באַשעפטיקונג פּראָבלעם אויך פון דעם עלטערן דור נאָך גאַנץ ווייַט פון אַ באַפרידיגנדיקן צושטאַנד. דער רעאָר־גאַניזירונג־פּראָצעס, וואָס די געשעפטלעכע וועלט מאַכט איצט דורך — די קאָאָרדינאַציע און צענטראַליזאַציע פון קלענערע אונטער־נעמונגען אונטער איין קאָנטראָל, דאָס וועט אַלץ טיפער אַרייַנ־שנייַדן זיך אין דער מאַסע פון די קליינע „זעלבסטשטענדיקע" אונ־טערנעמערס, ווי פּעדלערס, קליינע קרעמער, האַנטווערקער א. ד. גל. און וועט פאַר זיי מאַכן אַלץ שווערער אָנצוהאַלטן זייערע עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס. ווידער, וועט אין דער צוקונפט, פּונקט ווי דאָס איז שטענדיק געווען, זייַן אַ גרויסער רעזערוו פון ייִדישע אַרבעטס־לאָזע — די קרבנות פון טעכנאָלאָגישן פּאָרטשריט, די עלטערע מענטשן, די (אין פּראָפעסיאָנעלן זינען) אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, און די פיזישע און גייַסטיק דעפעקטיווע, וואָס קענען אָבער דאָך טויגן צו געוויסע מינים באַשעפטיקונג; — זיי אַלע, וואָס קענען אַליין ניט בייַקומען די מניעות אויף דעם וועג, וואָס זאָל זיי פירן צו עפּעס אַ שטיקל פּרנסה.

אונדזער טראַדיציאָנעלע פייַנדלעכע האַלטונג צו פיזישע אַרבעטן, ווען אפילו קיין אויסזיכטן אויף אַנדערע פּרנסות זייַנען ניטאָ, איז אַ גוט באַוואוסטער פאַקט אין דער סיטואַציע אויפן באַשעפטיקונג־מאַרק פאַר דעם יונגן ייִד. דאָס איז אָבער נאָך ניט דער אייַנציקער אָדער דער גרעסטער שטיין, וואָס פאַרשטעלט דעם וועג צו אַ נייַער פּראָפעסיאָנעלער איבערבויאונג. די דערפאַרונג ווייַזט, אַז ס'איז כדאי צו רעכענען זיך מיט די אונטן אויסגערעכנטע אָביעק־

טיווע אומשטאַנדן, וואָס מאַכן שווערער די אַרבעט מכוח צופּאַסן דעם ייִד צו נײַע, נוצלעכערע פּרנסות און פּראָפעסיעס.

1. די איצטיקע טענדענץ צו אַ העכערן דורכשניט־עלטער פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, באַזונדערס אין די פרײַע פּראָפעסיעס (דאָקטוירים א. אַנד.) און אין די „ווײַס קאָלנער" באַשעפטיקונגען, וואו ייִדן זײַנען פאַראַן אין די גרויסע צאָלן. מיט אַנדערע ווערטער: ס'וועט אַלץ גרעסער די צאָל עלטערע לײַט אין אַט די פּרנסות און פּראָפעסיעס, און ס'איז ניטאָ גענוג פּלאַץ אויפצונעמען די נײַע קאַנדידאַטן. דאָס מוז פירן מיט דער צײַט, צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַ קריטישער לאַגע פאַר יענע יונגע ייִדן, וואָס האָבן זיך צוגעגרייט פאַר אַט די באַשעפטיקונגען.

2. דער ייִדישער קאַפּיטאַל איז על־פּי־רוב קאָנצענטרירט אין די אַזוי גערופענע סעזאָן־אינדוסטריען, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע האָבן אַ גרויסן „טוירן־אָוווער" (אויסקער) סײַ פון פירמעס (ד. ה. „פלײַ בײַ נײַט" און „ציגײַנער" אונטערנעמער), סײַ פון אַרבעטער (ד. ה. הפקרדיקע פירונגען בײַ אָננעמען אָדער אָפּזאָגן אַן אַרבעטער), וואָס האָבן אומבאַפרידיגנדיקע אַרבעט־באַציאונגען, און זײַנען בכלל ניט צוגעפּאַסט (ווײַל זיי אַרבעטן אויס צו־פיל סחורה פאַר אַמאָל) צו אַן אינדוסטריעלער סיסטעם, וואָס האַלט אין אײַנשרומפּן, ווײַל די באַפעלקערונג וואַקסט ניט, און דער אַמאָליקער גרויסער געשעפט־לעכער שוואונג פעלט לגמרי, מחמת די אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער פרישער מאַרק פאַר סחורות איז אַ קלענער.

3. אַלס פאַקטאָר אין די דאָזיקע טיפּישע ייִדישע אינדוסטריען (נאָדל־פּאַכן, קרעמערײַ א. ד. גל.) לײַדט נאָך דער ייִד, בדרך הכלל, פון דער אומגעראַטענער אײַנטיילונג לויט די פונקציעס און ראָלע זײַנער. די מאַיאָריטעט ייִדן, וואָס ציען חיונה פון אַט די אינדוסטריען, זײַנען ניט קיין פאַכאָווע אַרבעטער, נאָר קליינע פאַבריקאַנטן (קאָנטראַקטאָרס), קליינע קרעמערס, אָפיס־אָנגעשטעלטע און פאַרקויפערס (סיילסלײַט). די טעכנישע ענדערונגען, וואָס אַמעריקעס אינדוסטריע און האַנדל מאַכן איצט דורך, זײַנען אויך די אורזאַך, הלמאי די ייִדישע פאַכאָווע געניטשאַפטן און ספּעציעלע פייאיקײַטן ווערן אָפּט בטל, און בלײַבן אָן יעדער אויסנוצונג.

דער אויספעל פון גענויער אינפאָרמאַציע מכוח דער פּראָפע־

סיאַנעלער פאַרטיילונג פון די ייִדן אין אַמעריקע, ווי אויך אַנדערע אַנגעוויטאַקטע פּראָבלעמען פון ייִדישער באַשעפטיקונג און ניט־באַשעפטיקונג (דיסקרימינאַציע), פירן צו נאָך אַ שווערקייט ביי דער לייזונג פון דער פראַגע מכוח דער עקאָנאָמישער צופּאַסונג פון ייִד צו די נייע באַדינגונגען אין אַמעריקאַנישן לעבן. ספּעציעלע פאָרשונגען זיינען נויטיק צו געבן קלאָרע תשובות, דורך פאַקטן, אויף אַט די פראַגעס, למשל: וואָס קומט פאָר מיט די ייִדן, וואָס פאַרלירן אָדער ווערן אַרויסגעשטויסן פון די נאָדל־פאַכן? וואָס קומט פאָר מיטן ייִדישן קליינהענדלער, ד. ה. קרעמער? וואָס זיינען איצט די באַשעפטיקונג־געלעגנהייטן פאַר ייִדן? אין וועלכע פאַכן (טריידס) קענען ייִדישע אַרבעטער אַריינגעבראַכט ווערן? וואָס זיינען די בעסטע וועגן צו דער פּראָפעסיאָנעלער בילדונג פאַר ייִדן? וואָס דאַרפן זיין די פּראָגראַמען פון פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע („וואָקיישאָנאַל גיידענס") פאַר יונגע ייִדישע מענער און פרויען אין אַמעריקע?

צום אומגליק האָבן די פאַך־אַרבעטער אין סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַרבעט־פאַרמיטלונג (פּלעיסמענט) פונקציעס פאַר ייִדן, לחלוטין פאַרנאַכלעסיקט, פאַרגעסן, אָדער פאַרזען די נייע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומשטאַנדן — און דעריבער האָט אַט דער צווייג פון „סאָשעל וואָירק" אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט. די שלעכטע סיסטעם פון רעגירונג־אַפּאַראַט (סטייט עמפּלאָימענט אָפיסעס) אין דעם פעלד פון אַרבעט־פאַרמיטלונג פאַר ייִדן, מאַכט צונישט די אויסזיכטן מכוח דער הילף, וואָס קען קומען פון אַט דעם ווינקל לטובת דעם אַרבעט־באַשאַפונג פּלאַן פאַר אונדזער ייִדישער יוגנט, פשוט ווייל די אָפיציעלע עמפּלאָימענט אָפיסעס רעכענען זיך ניט מיט די ייִדישע נויטן, ווייסן און קענען ניט די ספּעציעלע באַדינגונגען און אומשטאַנדן פון ייִדישן אַרבעט־מאַרק.

איצט אָבער, ווען די פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט אַסעקוראַנץ (אינשורענס), וואָס האָט אַזאַ שייכות צו די אַרבעט־פאַרמיטלונגען אָפיסעס פון דעם סטייט, ווערט אַ טאָג־פראַגע, איצט קען די סיסטעם פון אַרבעט־פאַרמיטלונג אינגיכן פאַרבעסערט ווערן, און דעמאָלט לאָזט זיך גאַנץ גוט דערוואַרטן אַ קאָאָפּעראַציע צווישן די ייִדישע קהלשע אַרבעט־פאַרמיטלונג ביוראָס פון איין זייט און

דער ייִד אין אַמעריקע

דעם פעדעראַלן (רעגירונגס) פּלאַן פון „פּאָבליק עמפּלאָימענט סוירוויס" פון דער צווייטער זייַט. ראשית כל און דווקא פאַר אַט אַזאַ צוועק איז אָבער נויטיק דורכצופירן אַ מאָדערניזאַציע און צענטראַליזאַציע פון אַלע ייִדישע קהליש־פילאַנטראָפּישע און קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן די אויפגאַבע צו געפינען אַרבעט פאַר די ייִדישע אַרבעטסלאָזע אין אַמעריקע, דער־הויפּט — אַרבעט פאַר דער ייִדישער יוגנט.

אונדזערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אויפגאַבן

אין די לעצטע פערציק־פופציק יאָר צײַט זײַנען איבער צוויי מיליאָן ייִדן אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דערהויפּט אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע. אין משך פון אָט דער צײַט האָט די אומגעהײַערע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון די נאָדל־פאַכן געגעבן פאַבריק באַשעפטיקונג הונדערטער טויזנטער נײַ־געקומענע אימיגראַנטן. דורך אַ שטענדיקן קאַמף האָט דער ייִד זיך דערשלאָגן אויך צו העכערע שטאַפּלען פון סאָציאַלן לייטער. ביסלעכווײַז האָט ער אָנגעפילט די רייען פון די קרעמער און פון אַנדערע קליינע געשעפטסלײַט, מערסטנס אָבער אין אומזיכערע האַנדלס־צווײַגן (ריעל עסטייט בראָקערס, אינשורענס אַגענטן). גלײַכצײַטיק האָבן די ייִדן פון דעם רײַכן און העכערן מיטלקלאַס זיך באַטייליקט אין דער אַנטוויקלונג, למשל, פון דעם טעקסטיל גרויס־האַנדל (האָלסייל); אין פעלצוואַרג־ האַנדל, דזשולערי (יוואועליר), עקספּאָרט און אימפּאָרט־געשעפט א. אַ. וו. אַרום און אַרום האָט אָבער די ייִדישע מאַסע אין אַמעריקע (ד. ה. מירריידן דאָ ניט פון דער אויבער־שטער שיכט) רעפּרעזענטירט דעם האַרעפּאַשנעם, פּראָדוקטיוון און פּיאָנערישן עלעמענט אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד.

1. די לאַגע נאָך דער וועלט־מלחמה

נאָך דער וועלט־מלחמה זײַנען אַ סך פון די פאַכן, וואו ייִדן זײַנען געווען שטאַרק פאַרטראָטן, אַוועקגעגאַנגען באַרג־אַראָפּ. די מאַשינאָווע פּראָדוקציע און אַ שטענדיקע אַרויסשטופּונג פון אַר־בעט־הענט, ווי דער רעזולטאַט פון אַ וואַקסנדיקן פאַרלאַנג אויף ביליקע סאָרטן קליידונג, האָבן ווייטאָקדיק באַרירט די נאָדל־פאַכן.

נײַע פֿאַסאָנען און סטײַלס, ווי, אַ שטייגער, מאָדעס אויף לײַכטערע און קירצערע פֿרויען־קליידער, האָבן געגעבן אַ קלאַפּ דער טעקסטיל־אינדוסטריע. „רעיאָן" און „קאָסטום־דזשולערי" האָבן אַרויסגעשטופּט זײַדנס און עכטע צירונג־אַרטיקלען, ווי דימענטן און בריליאַנטן.

מיט איין וואָרט, צענדליקער טויזנטער ייִדן זײַנען געוואָרן די קרבנות פֿון אַן אינדוסטריעלער רעאָרגאַניזאַציע און פֿון סתּם ענדערונגען אויפֿן אַרבעט־מאַרק פֿון אַזאַ מין, אַ שטייגער, ווי די פֿאַרבײַטונג פֿון טײַערע מלבושים דורך די ביליקערע, די אַרויסשטופּונג פֿון באַוול און פֿון זײַד־שטאָפֿן דורך קונסט־זײַד (רעיאָן) און דער אונטערגאַנג פֿון דעם אײַזמאַנס פּרנסה אין אַ צײַט ווען דער רעפֿרידזשירעיטאָר מאַכט בטל דעם אַלטמאָדישן אײַז־קאַסטן.

ווידער זײַנען געקומען די נײַע בוי־מעטאָדן, און, אינאיינעם מיט אַ ירידה פֿון הויז־בוי־אַרבעטן זינט 1924, האָבן זיי דעם קליינעם קאָנטראַקטאָר (בוי־אונטערנעמער) קיין טובה ניט געטאָן. דאָס האָט אויך אָפּגעשוואַכט די פּרנסה בײַ אַ סך פֿון די ייִדישע בוי־אונטערנעמער, וואָס האָבן פֿריער, דורך די יאָרן 1916—1924, זיך דערהויבן צו אַ גאַנץ פֿײַנעם עקאָנאָמישן מעמד. אין יענער „גאָלדענער" צײַט איז ניט איין געוועזענער ייִדישער בוי־סטאָלער (קאַרפּענטער) אָדער מולאַר (בריק־לעיער), טאַקע דורך בוי־געשעפֿטן און ענלעכע עסקים, אין אַ קורצער צײַט געוואָרן שטיין־רײַך. אָט דער מקור פֿון מזל־ברכה איז, זינט 1926—1927, אַזוי גוט ווי אײַנגעטריקנט געוואָרן אינגאַנצן.

די נאָדל־טריידס, וואָס אין זיי האָבן ייִדן לאַנג געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָלע, האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגעפֿאַנגען צו פֿאַרלירן דעם אַמאָליקן גרויסן אָנזען און באַדײַטונג, אַלס דער הויפּט־קוואַל פֿון חיונה פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־מאַסע. זינט 1920, האָבן פֿילע טויזנטער ייִדישע קלאָוקמאַכער, אין ניו יאָרק און אין אַנדערע שטעט, דעם טרייד פֿאַרלאָזן; אַ טייל אפשר צוליב עלטער און אַ טייל מחמת אַנדערע אורזאַכן, בעת נײַע ייִדישע אַרבעטער זײַנען צוגעקומען אין אַ קליינער צאָל. ס׳איז דאָך אַ באַקאַנטער פֿאַקט, אַז די אַמעריקאַנער־געבאָרענע קינדער פֿון עלטערן ייִדישן אימיגראַנטן־דור זײַנען אפשר מיט דער אויסנאַם פֿון

דעם קאַטער (צושנײַדער) פאַך, ניט גערן צו אַרבעטן אין די קלאָוק־שעפּער; זיי ציען פאַר צו גיין זוכן פּרנסה אין אַנדערע פאַכן און פּראָפעסיעס.

אַ סך ייִדן האָבן, זינט 1920, פאַרלאָזן דעם קלאָוק־טרייד און האָבן זיך גענומען צו מער סטאַבילע באַשעפטיקונגען און צו פאַכן, וואָס זײַנען ניט אַזוי געדיכט אָנגעפּילט, ווי די פאַבריק־שנײַדערײַ, און וואָס לײַדן אגב ניט, ווי אַט דער „ייִדישער" פאַך, פון די קורצע און זייער אומבאַשטענדיקע סעזאָנען. ווידער, איז אַ וויכטי־קער אומשטאַנד אין דער נײַער לאַגע דער פאַקט, אַז דער טרייד־יוניאָניזם, וואָס איז אַמאָל געווען אַזאַ גלענצנדיקע און ממשותדיקע דערגרייכונג פון די ייִדישע אַרבעטער, האָט אין דער נאָך־מלחמה צײַט פאַרלאָרן אַ היפּשן חלק פון זײַן פּרעסטיזש און מאַכט, מחמת דעם ברודער־קריג צווישן די „רעכטע" און „לינקע" און דורך די צעשטערנדיקע רעזולטאַטן פון אַזאַ אינעווייניקסטער מלחמה.

די געשעפטלעכע הצלחה פון דעם ייִדישן קליידער־פאַברי־קאַנט האָט זיך אויך באַמערקבאַר געביטן אין אַט די לעצטע יאָרן. די פאַראיינפאַכונג און סטאַנדאַריזאַציע פון דער פרויען־קליידונג האָט די פּאָזיציע פון דעם גרויסן מאַנופעקטשורער אָפּגעשוואַכט. דער נײַער סאָרט „דזשאָבער", וואָס איז אין גרונט אַ מין פאַרשלייער־טער פּראָדוצענט, האָט אויף אַ פאַרשטעלטן אופן איבערגענומען די פונקציעס פון אַמאָליקן גרויסן פאַבריקאַנט, עקספּלואַטירנדיק דערבײַ אָן רחמנות די סוב־מאַנופעקטשורערס, וואָס אַרבעטן פאַר אים. ווידער, כדי נאָך מער צו שנײַדן די קאָסטן פון פּראָדוקציע און צו געווינען פרישע פאָרצוגן אין דעם ביטערן קאָנקורענץ־קאַמף, האָבן די גרעסערע און די קלענערע מאַנופעקטשורערס מאַסנווײַז גענומען אויפצובויען קליינע שלעכט־באַצאָלטע (סוב־סטאַנדאַרט) אַרבעט־שעפּער אין די קליינע פלעצער הינטערן שטאָט, דאָרט וואו די ווײַבער און קינדער פון אָרימע פאַרמערס אַרבעטן פאַר קלענערע שכירות.

בדרך הכלל לאָזט זיך זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער מענער און פרויען האָבן נאָך דער מלחמה אָנגעפאַנגען אויסצוגעבן ווייניקער געלט אויף בגדים און „דזשולערי", בעת מער געלט גייט בײַ זיי אַוועק אויף אויטאָמאָבילן, ראַדיאָס, רײַזעס אין אויסלאַנד, פאַר־

ווײַלונגען און דאָס גלײַכן. ס'וועט קיין גוזמא ניט זײַן צו זאָגן, אַז דעם סאָציאַלן פּרעסטיזש פון אַ יחיד האָט מען נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן צו מעסטן שוין מיט דער מאַרקע (מעיק) פון זײַן אויטאָמאָביל, און ניט מיט דעם אויסזען און קוואַליטעט פון זײַנע בגדים, ווי ס'פלעגט אַמאָל זײַן, ווען „די ייִדישע נאָדל, ווי איינער האָט אַמאָל גוט געזאָגט, האָט געמאַכט אַמעריקע פאַר דעם בעסט-געקליידעטן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט". חוץ דעם האָט נאָך, גראָד אין צײַט פון אַ גרויסן עקאָנאָמישן אויפשוואונג אין אַמעריקע, פון יאָר 1920 ביז 1929, אַ גאַנצע ריי געשעפט־צווײַגן, דערהויפּט אין ריטייל־האַנדל, דורכגעמאַכט אַ ירידה, ווי, למשל דער קראָם־האַנדל מיט טײַערן שמוק, מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן, מעבל א. אַ. וו.

אָט איז די אונטערשטע שורה: דער ערשטער דריטל פון 20טן יאָרהונדערט איז פאַר דעם ייִדן אין אַמעריקע געווען אַ צײַט פון אַ גאָר גרויסער מזל־ברכה פאַר אַ סך, אַ סך יחידים. גלײַכצײַ־טיק האָט דער כסדרדיקער וואוקס פון דער אינדוסטריע, העלפנדיק איינצלנע ייִדן צו ווערן רײַך, דאָך אָבער קיין שטענדיקן וואָרצל־דיק־פּאַרפעסטיקטן עקאָנאָמישן יסוד פאַר די גרויסע ייִדישע מאַסן ניט געשאַפן. דער אינדוסטריאַליזירונג פּראָצעס, דער וואוקס פון מאַשינאַווער פּראָדוקציע און די סטאַנדאַריזאַציע — זיי האָבן גע־שאַפן אַן אומזיכערן עקאָנאָמישן פונדאַמענט, נעמלעך, די קאָנצענ־טראַציע פון גרויסע ייִדישע מאַסן אין די סעזאָן־אינדוסטריעס, ווי, למשל, קליידונג און בוי־אַרבעטן; דאָס איז בלויז איין זײַט פון דער פּראָגע, און פון דער צווייטער זײַט איז אַלץ גרעסער געוואָרן די צאָל ייִדן אונטערנעמער און אַרבעטער אין די לוקסוס־פאַכן, ווי „דזשועלרי", פוטערוואַרג און טעאַטער־פאַרווײַלונגען, וואָס ווערן, מער און עפּטער פון אַלע אַנדערע פאַכן, געצוואונגען אויסצושטיין די צרות פון שאַרפע סטײַל־ענדערונגען און פון די געשעפטלעכע וואקלונגען און קריזיסן.

מיר וועלן איצט, גאַנץ בקיצור, איבערגעבן דעם סך הכל פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג במשך פון די לעצטע 20 יאָר: די מלחמה, מיט אירע פאָדערונגען, האָט סטימולירט די עפעקטיווקײַט (עפישענסי) און די פּראָדוקטיווקײַט פון דער אַרבעט; האָט גע־

פירט צו דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער אינ־דוסטריע, פון דער האַנדל־סיסטעם און פון דער פינאַנץ, שטעלנדיק אַט די אַלע צווײַגן פון דערווירטשאַפט אויף אַ באַזיס פון גרויסער אונטערנעמונג, ד. ה. שאַפנדיק פירמעס אויף אַ גרויסן מאַס־שטאַב, וואָס שטייען אונטער אַ פינאַנציעלן קאָנטראָל פון מעכטיקע קאָרפּאָריישאַנס און פון אַ צענטראַליזירטער פאַרוואַלטונג. פון דער אַנדערער זײַט אָבער, איז דער ייִד אין אַמעריקע דאָך שטענדיק געווען על־פּי־רוב טעטיק אין יענע באַשעפטיקונגען, וואָס דווקא זיי איז טאַקע אויסגעקומען שמערצלעך צו דערשפּירן די ווירקונגען פון אַט די צענטראַליזירטע און פינאַנציעל פאַרשטאַרקטע „ביג ביזנעס" מעטאָדן און פון די אונטערנעמונגען פון דעם נײַעם סופּער־קאַפּיטאַליסטישן שניט. אויף אַזאַ אופן איז, נאָך פאַר דעם יאָר 1929, די עקאָנאָמישע סצענע אין דער ייִדישער אַמעריקע ביסלעכווײַז צוגעגרייט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, פאַר דער לאַנגער דע־פּרעסיע, וועלכע איז געקומען פאַרן גאַנצן לאַנד לאַנד סוף יאָר 1929. די דעפּרעסיע האָט ניט אַזוי געבראַכט פרישע, אומגעריכטע אומ־גליקן פאַר אונדז ייִדן, ווי זי האָט בלויז פאַרגרעסערט די יסורים און מכות, וואָס זײַנען געווען על־פּי־רוב דער רעזולטאַט פון די פריערדיקע אומגינסטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטאַנדן, נעמלעך: פון דער ניט גאַנץ געזונטער און זיכערער ראָלע פון די ייִדן אין דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק בכלל.

2. די גרויסע דעפּרעסיע

נאָך דעם קריזיס פון יאָר 1929 האָט די מאַסן־אַרבעטסלאָזי־קײַט זיך אין אָנפאַנג ניט אַזוי שטאַרק געלאָזט שפּירן צווישן די ייִדן אין אַמעריקע. די איינפאַכסטע אַרבעט־צווײַגן, פון דעם האָ־רעפּאַשנעם ניט־פאַכאָוון מין, אין וועלכן די ייִדן זײַנען ווינציקער ווי אין אַלע אַנדערע צווײַגן געווען באַשעפטיקט, — אַט די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעט פּרנסות זײַנען געווען די ערשטע אָנגערירט צו ווערן פון קריזיס. מיט דער צײַט אָבער האָבן די געדריקטע עקאָנאָמישע אומשטאַנדן, די אינדוסטריעלע דעפּרעסיע, דער שטיל־שטאַנד אין האַנדל און די באַנק־באַנקראָטן זיך טיף אַרײַנגעשניטן

דער ייד אין אַמעריקע

אין די רעשטן פון די אָפּגעשפּאָרטע פינאַנציעלע רעזערוון פון די יידישע מאַסן, און האָבן באַדראָט אומצאָליקע יידישע משפחות ממש מיט אַן עקאָנאָמישן אונטערגאַנג. די יידישע טראַדיציאָנעלע קעגנזייטיקע אונטערשטיצונג פון נאָענטע קרובים איז אַ שטיק צייט געווען דער איינציקער רעטונג־מיטל און אויסוועג. דער הויפּט־קוואַל פון די עקזיסטענץ־מיטלען פאַר די פאַרצווייפלטע יידישע אַרבעטלאָזע און פרנסהלאָזע מאַסן. באַלד האָט זיך אָבער אויך אָט דער צופעליקער מקור פון עקזיסטענץ אויסגעשעפּט. נייע פּראָבלע־מען פון אָרגאַניזירטן רעליף (שטיצע) פאַר טויזנטער געוועזענע זעלבסטשטענדיקע משפחות פון יידישן מיטלקלאַס האָבן זיך איצט אַוועקגעשטעלט פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די דאָזיקע נייע קליענטעלע פון די יידישע סאָציאַל־פילאַנטראָפּיש אַגענטורן איז שפּעטער געווען די לעצטע גרופּע זיך אומצוקערן צו דער אינדוסטריע און האַנדל, אפילו ווען עס האָט זיך צוריק באַוויזן אין לאַנד אַ סימן פון פּראָספּעריטי (אין 1935). דער קוואַל פון די עקזיסטענץ־מיטלען פון אָט די יידישע אָרימע פאַמיליעס, איז פּראָסט־פּשוט אויסגעטריקנט געוואָרן דורך די אינדוסטריעלע ענ־דערונגען און דורך אַנדערע אומרחמנותדיק־שטרענגע פאַקטאָרן פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער עוואָלוציע אין אַמעריקע.

די דעפּרעסיע האָט, פאַרשטייט זיך, די אַלטע פראַגע פון מער אַרבעטער ווי שטעלעס אין די ניו יאָרקער קלאָוק־שעפּער נאָך שאַר־פער אַרויסגעבראַכט אויבן־אָן. איבער 12,000 קלאָוקמאַכער, וועלכע האָבן זיך איינגעפונדעוועט אין ביזנעס און אין אַנדערע פרנסות, האָבן נאָך דעם 1929 קראַך אויף וואָלסטריט, מיט זייער נאָכווייע־נישן, זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק צו דער אַלטער פרנסה זייערער. דאָס האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַדייטנדיק פאַרגרעסערט דעם געוואוינלעכן רעזערוו פון די אַרבעטסלאָזע יידישע שניידער און פון אַנדערע פאַך־אַרבעטער אין ניו יאָרק.

אין דער דרעס־אינדוסטריע (פרויען־קליידער) אין ניו יאָרק, למשל, איז די לאַגע געווען נאָך אַן ערגערע ווי אין קלאָוק־צווייג. די ביליקסטע „ליין" פון סחורה האָט אין די דעפּרעסיע־יאָרן אַרויס־געשטופּט פון דעם מאַרק די בעסערע סאָרטן. פילע טויזנטער באַ־לעבאַטעס, וואָס זייערע מענער האָבן פאַרלאָרן די פרנסה מחמת

דעם קריזיס, האָבן זיך אָװעקגעלאָזן צו זוכן אַרבעט אין די דרעס־שעפּער, כדי צו קענען ווי ס׳איז אויסצוהאַלטן זיך און זייערע משפחות.

די גרויסע דעפּרעסיע האָט חרוב געמאַכט די מערסטע כלומרשט־קאָאָפּעראַטיווע לײַ־אינסטיטוציעס אויף דער ייִדישער גאַס, די אַזוי גערופענע „אַקציעס״, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן דורך די קליינע ייִדישע געשעפטסלײַט אין דער נאָך־מלחמה צײַט. די דאָזיקע אומפאַרמאַלנע קרעדיט־אינסטיטוציעס האָבן געגעבן הילף די קליינע ייִדישע מאַנופעקטשורערס און פּעדלער, פינאַנצירנדיק זיי מיט די אָנגעזאַמלטע געלט פון אַנדערע ייִדישע אַרבעט און מיטל־שטאַנד עלעמענטן. הונדערטער אַזעלכע „אַקציעס״ האָבן געווירקט אין די ייִדישע שטעט אין אַמעריקע ביזן יאָר 1929. איצט איז כמעט קיין שפור ניט פאַרבליבן פון אָט די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן, מחמת דעם אויספעל פון בעסערע קרעדיט־געלעגנהײַטן אין יענער צײַט, ווי־ניט־ווי דאָך געדינט די אינטערעסן פון די ברייטערע קרײַזן צווישן די ייִדישע קליינע געשעפטסלײַט, הגם ניט אויף אַ ראַציאָנעלן און געזונטן אופן, ד. ה. ניט אין אײַנקלאַנג מיט די ריכ־טיקע פּרינציפּן פון קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט וועזן.

אָרום און אָרום, איז נאָך דער דעפּרעסיע רײַף געוואָרן אין די מוחות פון די ייִדישע סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע קרײַזן די איבערצײַ־גונג מכוח דעם, ווי פונדאַמענטאַל־וויכטיק ס׳איז פאַר דער ייִדישער געזעלשאַפט אין אַמעריקע אונטערצונעמען אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַרבעט אויף דעם באַזיס פון אַ קאָנסטרוקטיווער און אַ לאַנג־יערי־קער אַרבעט־פּראָגראַם. מ׳האָט אין יענע קרײַזן אָנגעפאַנגען צו ריידן מכוח שאַפן פאַר אונדזערע רואינירטע מאַסן, די קרבנות פון אַמעריקאַנעם קריזיס, פלענער פון פּראָפעסיאָנעלער איבערשיכ־טונג, פּראָיעקטן פון ביוראָס פאַר פּראָפעסיאָנעלע רעאָריענטאַציע (ד. ה. עוצות פאַר די, וואָס ווילן זיך נעמען צו נײַע פּרנסות): נײַע קרעדיט־אינסטיטוציעס, און ענלעכע זאַכן פון דעם מין, וואָס מען האָט וועגן זיי פריער געקלערט, ניט אַנדערש ווי אין פאַרבינדונג מיט די ייִדישע מאַסן אין מזרח־איירָאפּע, וואָס זײַנען עקאָנאָמיש חרוב געוואָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַט כדי צו שאַפן אַרבעט־מעגלעכקייטן, זיינען זינט יענער צייט, ד. ה. אין 1932—1933 און שפּעטער, ערנסט געצוויגן געוואָרן אין באַטראַכט צווישן די ייִדישע „סאָושעל וואָירקערס״ פלענער מכוח עפענען ייִדישע קהלשע אַרבעט־פאַרמיטלונג אָפיסעס, און מכוח געבן הילף גרעסערע צאָלן ייִדן אין די שטעט ביים אַריבערגיין צו נייע, בעסערע און זיכערערע פרנסות. די דאָזיקע פּראָבלעם איז אוודאי ניט קיין לייכטע, אָבער די צייט איז פון לאַנג שוין רייף אַרויסצוטרעטן פאַר דער ייִדישער עפנטלעכקייט מיט פּרעציזע און גוט־דורכגעטראַכטע קאָנסטרוקטיווע פּלענער, וואָס זאָלן דערפירן נענטער צו אַ לייזונג די ספּעציפיש ייִדישע באַשעפטיקונג־פּראָבלעמען אין די ראַמען פון די ברייטע מעגלעכקייטן און ווייטע פּערספּעקטיוון פון די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטאַנדן דאָ אין אַמעריקע.

3. גלגולים פון ייִדישן געשעפט־מאַן

ביזן אָנפאַנג פון צווייטן פערטל פון דעם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, איז דער ייִד אין אַמעריקע שוין אויף אַזוי פיל צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער נייער אומגעבונג, אַז הונדערטער טויזנטער ייִדן האָבן געהאַט פאַרלאָזן די געדיכטע ייִדישע צענטערס אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט און האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין די קלענערע ישובים איבערן לאַנד, כדי דאָרט צו געפינען פאַר זיך בעסערע עקאָנאָמישע געלעגנהייטן. אַ סך יונגע ייִדן האָבן אין די גרויסע שטעט ניט געפונען פאַר זיך קיין מעגלעכקייטן צו ווערן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק, ד. ה. צושלאָגן זיך צו אַ וועלכן עס איז אייגענעם געשעפט, פשוט ווייל פאַר אַזאַ צוועק פאָדערט זיך אין אַ גרויסער שטאָט אַ היפשער קאַפּיטאַל, און חוץ דעם איז די קאָנקורענץ צווישן די ייִדן גופא אַ שטערנדיקער פאַקטאָר פאַר אַזאַ צוועק. מיר וועלן האָבן אַ באַגריף, אויף ווי ווייט די ייִדן האָבן שוין זיך געהאַט פאַרשפּרייט איבער דער טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך מיט 10—15 יאָר צוריק, אויב מיר וועלן דאָ דערמאָנען, אַז אין יאָר 1927 האָבן שוין ייִדן געלעבט אין 6,420 אַמעריקאַנער שטעט, שטעטלעך און דערפער. די גרעסטע ייִדישע

שטאַטישע צענטערס — ניו יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, קליוולענד, דעטראָיט, באַלטימאָר, נוואַרק, לאָס־אַנדזשעלעס, פיטס־בורג און סט. לואיס געפינען זיך אין 10 שטאָטן פון לאַנד. אין די קלענערע שטעט פון די דאָזיקע 10 שטאָטן האָבן אין יאָר 1927 געלעבט אַרום 480,000 ייִדן, אָדער 11 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע. מיר קענען דערפון מאַכן דעם אויספיר, אַז אַרום אַ האַלבער מיליאָן ייִדן האָבן ביז 1927 די גרויסע שטאָט שוין געהאַט פאַרלאָזן און זײַנען אַוועקגעגאַנגען זוכן אַ לײַכטערע אָדער בעסערע חיונה אין דער קלענערער אַמעריקאַנער שטאָט.

אין די קליינע שטעט, וואו די גרויסע געשעפטלעכע אונטער־נעמונגען זײַנען ביזן יאָר 1925—1926 ניט געווען זייער שטאַרק אַנטוויקלט, איז נאָך געווען אַ סך פּלאַץ פאַר דער טעטיקײַט פון דעם קליינעם ייִדישן הענדלער. אין די לעצטע 10 ביז 15 יאָר שטעלן זיך אָבער שטאַרקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אַנטקעגן אָט די גינסטיקע געלעגנהײַטן פון אַמאָליקע צײַטן פאַר דעם ייִדישן געשעפטסמאַן אין דער קליינער אַמעריקאַנער שטאָט. מיר זעען איצט, אַז די גאָר גרויסע געשעפטלעכע פירמעס, ווי די „מעיל אָרדערס האַוזעס" (פירמעס, וואָס פאַרקויפן אין ריטייל אויף שריפטלעכע באַשטע־לונגען לויט געדרוקטע קאַטאַלאָגן), און די „טשעין סטאָר" קאָרפּאָ־ריישאָנס (קייט־קראָמען), גראָבן אונטער דעם באָדן, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער זעלבסטשטענדיקער ייִדישער קרעמער אָדער סתם קליינער געשעפטסמאַן. פּונקט אַזוי ווי מיט אַ יאָר 40 צוריק, ווען דער אינדוסטריעלער טראָסט און די „דעפּאַרטמענט סטאָרס" האָבן רואינירט די קליינע געשעפטס־אונטערנעמונגען, אַזוי איז אויך אין דער איצטיקער צײַט די מולטי־מיליאָנערסקע ריטייל־האַנדל קאָרפּאָראַציע אַן אומגעהײַערע סכנה פאַר דעם קליינעם און פאַרן מי־טעלן ייִדישן קרעמער.

פאַר אַ טייל פון ייִדישן קרעמער־קלאַס איז די דאָזיקע נײַע שטערונג (די קאָנצענטראַציע פון ריטייל האַנדל), אין געוויסע פאַלן, געווען אגב אַ מיטל אײַנצופירן מאָדערנע און פאָרטגעשריטענע מעטאָדן פון האַנדלס־טעטיקײַט. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָבן אין אייניקע שטעט פון דער סאַוט די ייִדישע גראָסערי־לײַט, נאָך מיט

אַ יאָר 12—15 צוריק, געשאַפֿן קאָאָפּעראַטיווע האַנדל־אַסאָסיאַציעס, כדי אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב אײַנצוקויפֿן זייערע סחורות און דורך אַזאַ שריט לײַכטער צו קענען קאָנקורירן מיט די קראָמען, וואָס שטייען שוין אונטער אַ צענטראַלן קאָרפּאָריישאָן־קאָנטראָל. זיי האָבן אויך אָרגאַניזירט קרעדיט יוניאָנס, כדי צו פֿינאַנצירן די עסקים פֿון די באַזונדערע גראָסערי־קרעמער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אַזאַ אַסאָציאַציע. אויף אַט אַזעלכע וועגן האָט זיך אַ סך ייִדישע קרעמער אין לאַנד אײַנגעגעבן צו פֿאַרפֿעסטיקן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין קאַמף מיט דער קאָנקורענץ פֿון אַזאַ מעכטיקן קעגנער ווי די „טשעין סטאָר״־קאָרפּאָריישאָן.

קלײנע ייִדישע ביזנעסלײַט האָבן אויך געפֿונען אַנדערע מיטלען בײַצוקומען די געפֿאַרן, וואָס לויערן אויף זיי אין דעם גאַנג פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין לאַנד. וויסן דאַרף מען דאָך, אַז אַפֿילו אין אונדזער עפּאָכע פֿון טראַסטס און טשעין סטאָרס איז דאָך אַלץ דאָ פּלאַץ פֿאַר ריטייל־קרעמער, וואָס פֿאַרקויפֿן „ספּעשעלטי״ אַרטיקלען אָדער קוואַליטעט סחורה. צו אַזעלכע געשעפֿטן קען זיך דער ריכטיקער געשעפֿטסמאַן נעמען, אויב אַפֿילו ער האָט ניט קיין גאַנץ גרויסן קאַפּיטאַל. חוץ די דאָזיקע צווײַ פּראָפּיטאַבלע ביזנעס־צווײַגן, האָט מען געזען סימנים פֿון אַ וואוקס פֿון דער ייִדישער האַנדלס־טעטיקײַט אין די לעצטע 10 ביז 20 יאָר אויך אין עטלעכע אַנדערע גרויסע צווײַגן פֿון קרעמערײַ. אין די לײַכטע בוי־אינדוסטריעס, ווי „פּלאָמבינג״, למשל, און עלעקטריציטעט, האָבן ייִדישע האַנטווערקער און הענדלער מיטגעמאַכט דעם כסדרדיקן פֿאָרטשריט אין די דאָזיקע טריידס נאָך דעם יאָר 1920, ווען דער סטאַנדאַרד פֿון דער דירה־אויסשטאַטונג האָט געהאַלטן אין איין שטײַגן, כמעט אין אַלע שטעט פֿון לאַנד. אויך ייִדן אין דעם שפּײַז־האַנדל האָבן דערגרייכט אַ העכערע שטופֿע פֿון עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד אין די נאָך־מלחמה יאָרן, ווען דער לעבן־סטאַנדאַרט איז געשטיגן און דער באַדאַרף אין בעסערע און טייערע שפּײַזן (כשר פֿלייש, עופֿות, אייער, פּוטער א. אַ. וו.) האָט געגעבן פּרנסה צו פֿילע נײַע און אַלטע ייִדישע ריטייל־פֿאַרקויף קרעמערס.

דער מערקווירדיקסטער בײַשפּיל פֿון דער ייִדישער צופּאַסונגפֿייִקײַט לגבי די נײַע עקאָנאָמישע אומשטאַנדן און מעגלעכקײַטן

אין לאַנד, איז אָבער דער אַנטייל פון די ייִדן אין דער וואונדער־לעכער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער פילם (מואוויס) אינדוסט־ריע: פון אַ וויסנשאַפטלעכער דערפינדונג, און אַ נײַער פאָרם פון אַמוזירונג, ביז אַן ערשט־קלאַסיקער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסט־ריע. עס זײַנען איצט דאָ איבער 60,000 קינאָ־טעאַטערס אין דער וועלט, און אַ דריט־חלק פון זיי געפינט זיך דאָ אין אַמעריקע. אַרום 90 פּראָצענט פון דער אויבערשטער שיכט, וואָס קאָנטראָ־לירט די אינדוסטריע (אײַנשליסלעך די פּאַרטיילונג פון פילמס און די טעאַטער־אונטערנעמער), האַלט מען, זײַנען איצט ייִדן. אויף אַ סך אופנים זײַנען די ייִדן געווען די פּיאָנערן פון דעם שנעלן וואוקס פון דער אינדוסטריע. אַ ייִדישע פירמע, וואָרנער בראַדהערס, למשל, איז געווען דער ערשטער פילם־פּראָדוצענט דאָ אין אַמעריקע אײַנ־צופירן דעם טאָן־פילם (טאָקיס).

די אַמוזירונג ביזנעס איז, אגב, אויך געווען ווירקזאַם בײַ דער פּאַרטיילונג פון ייִדן איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פון לאַנד. די „מואווינג פיקטשורס" ביזנעס האָט אַרײַנגעצויגן די ייִדן אין אַ סך קלענערע שטעט פון לאַנד, דערהויפּט אין די סטייטס פון דער סאַוט. אַ צווייטער טיפּ פון די נײַערע ייִדישע פּרנסות אין אַמעריקע, די גאַראַזשן און גאַזאָלין סטיישאַנס, האָט אויך מיטגעווירקט בײַ דער צעשפּרייטונג פון די ייִדן אין גאַנץ קליינע גרופּעס איבער די „דערפער" (ריכטיקער — שטעטלעך) און פאַרם־דיסטריקטן פון דער סאַוט, וואָס איז אַ געוואַלטיק גרויסע און נאָך שוואַך־באַזעצטע „מדינה".

די אונטערשטע שורה: די עפּאָכע פון „מוירדזשערס" (גע־שעפטלעכע און פינאַנציעלע צענטראַליזאַציע) דורך אַ צונויפגיסונג אין איין סופּער־קאָרפּאָריישאָן פון געוויסע קאָנקורירנדיקע פירמעס, די עפּאָכע פון דעם „מעיל אָרדער האַוז" און פון די קייטן־קראָמען, האָט, פאַרשטייט זיך, געפירט צו דער באַזײַטיקונג פון אַ סך ייִדן פון ריטייל־האַנדל. די סיטואַציע איז נאָך ערגער געוואָרן דורך דער אַנטיסעמיטישער „עמפּלאָימענט פּאָליסי" פון די גרויסע קאָרפּאָריישאַנס. נאָך פאַר דער גרויסער דעפּרעסיע (1930—1933), פלעגן די ייִדן ניט צוגעלאָזן ווערן צו אַ סך שטעלעס אין די גרויסע קאָרפּאָראַציעס, סײַדן די צײַטן זײַנען געווען אַזוי גלענצנדיק,

אַז ס'האָבן פּשוט אויסגעפעלט אַרבעטער אָדער אָנגעשטעלטע. אין אַ קאָנקורענץ־פּעריאָד, ווען אַ סך בעלנים געפינען זיך צו קריגן שטעלעס; בעת, למשל, אַ כראָנישער אַרבעטלאָזיקײַט, וועט דער ייִד, אָן צווייפל, שטאַרק לײַדן פון אַ דיסקרימינאַציע, ווײַל דער קאַמף פאַר אַרבעט איז דווקא אין אַזאַ צײַט, פאַרשטייט זיך, ביטער און שווער ביז גאָר.

די פראַגע פון ייִדישע צרות אויף דעם אַרבעט־מאַרק איז אָבער אַ זייער ערנסטע פּראָבלעם פאַר זיך. דאָס איז אַ פראַגע, וואָס פאַר־דינט באַזונדער און טאַקע אויספירלעכער באַהאַנדלט צו ווערן.

4. דיסקרימינאַציע און באָיקאָט

ספּעציעלע דיסקרימינאַציע שווערקײַטן פאַרשטעלן פאַר גאָר אַ סך ייִדן דעם וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון די נאַטירלעכע ייִדישע נייגונגען אין באַצוג צום אויסוואַל פון פּראָפעסיעס און פּרנסות. דער ייִד קען ניט, אַזוי לײַכט ווי אַנדערע, זיך נעמען צו אַ באַשעפ־טיקונג, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים לויט זײַנע פייאיקײַטן, אינטערעסן און געלעגנהײַטן. אין געוויסע פּראָפעסיעס, ווי, למשל, מעדיצין, איז ער אַלץ מער און מער ניט־ווילקאָמען, און ניט נאָר בלויז אין דער פּראָפעסיע, נאָר אפילו אין די פּראָפעסיאָנעלע שולן, ד. ה. אין די מעדיצינישע קאַלעדזשעס. און אַזוי שנעל ווי די טײַער־קאָסטנדיקע מעדיצינישע אויסבילדונג איז פאַרענדיקט, שטייסט ער זיך אָן נאָך אויף פיל גרעסערע מניעות. אַדווערטײַזמענטס פון באַ־שעפטיקונגען, וואָס ווערן אָנגעבאָטן „בלויז צו קריסטן”, באַווײַזן זיך אפילו אין די בעסטע פּראָפעסיאָנעלע מעדיצינישע זשורנאַלן, וואָס עטלעכע פון זיי ווערן אַרויסגעגעבן פון די אָרגאַניזירטע דאָק־טוירים גופא.

שוין פאַר דער גרויסער דעפּרעסיע, ד. ה. נאָך פאַר 1930, איז די אויפמערקזאַמקײַט פון דער ייִדישער געזעלשאַפט געצויגן געוואָרן צו אַ שאַרפער דיסקרימינאַציע קעגן די ייִדן, וואָס זוכן שטעלעס אין אָפיסעס, קראָמען און רעסטאָראַנען, באַזונדערס אין דער שטאָט ניו יאָרק. ניט בלויז ביוראָ־ און אינזשענערן־שטעלעס זײַנען על־פּי־רוב ניט־צוטרעטלעך פאַר ייִדן, נאָר אפילו די רעגיסטרירטע

אַפּטייק־געשעפטן ווערן ניט זעלטן געהאַלטן געשלאָסן פאַר יידן, וואָס זוכן שטעלעס. אַט דער פאַקט שפּיגלט אָפּ אַ שווערע עקאָנאָמישע געפאַר פאַר יידן, שוין פּשוט צוליב דעם, אַז די דראָג־סטאָר קאָמפּאַניעס, ד. ה. די פירמעס, וואָס האָבן פאַרמאַצעווטישע קייט־קראָמען, פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ אין אַט דעם פעלד פון דער מעדיציניש־געשעפטלעכער וועלט. די וואַקסנדיקע צאָל יידישע קאַנדידאַטן מיט פאַרמאַצעווטישע בילדונג וועט מסתמא נאָך פאַרשאַרפן די אַנטיסעמיטישע פאַראורטיילן ביי די דירעקטאָרן פון די פּערזאָנאַל־דעפּאַרטמענטס (וואָס נעמען אָן אַנגעשטעלטע) אין די גרויסע דראָג־סטאָרס קאָרפּאָראַציעס.

די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע האָט דעם שטילן באָיקאָט קעגן יידישע פאַבריק־אַרבעטער און אָפיס־אַנגעשטעלטע פאַרשטאַרקט. צום אומגליק, ווערן ניט זעלטן אפילו יידישע אַרבעטגעבער געשטרויכלט דורך אַזעלכע אומיושרדיקע, שוין ניט צו באַנוצן פאַר אַזאַ טאַט אַ שטאַרקערן אויסדרוק, פירונגען, און ווילן זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער קיין אַרבעט ניט געבן. פאַרשיידענע אונטערזוכונגען אין די לעצטע 10—20 יאָר האָבן געוויזן, אַז די שאַנסן פאַר אַ יידישער פרוי, וואָס זוכט אָפיס־אַרבעט אין ניו יאָרק, אין אָט דעם גרעסטן יידישן צענטער פון גאָר דער וועלט, זיינען אַרום צען קעגן איינעם.

דער גרעסטער סקאַנדאַל, פון אַ פּאָליטיש־דעמאָקראַטישן שטאַנד־פּונקט, איז די אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציע אין די „עמפּלאָימענט אָפיסעס" פון די „פּאָבליק יוטיליטיס", ד. ה. די קאָמפּאַניס, וואָס אַרבעטן אונטער אַ טשאַרטער פון שטאָט און שטעלן צו גאַז, עלעקטריע, ווי אויך טעלעגראַף און טעלעפאָן־קאָמוניקאַציע. אָט דער טרויערדיקער פאַקט אַליין איז שוין אַ גענוגנדע אורזאַך, למאַי אַזוי ווייניק יידישע יונגעלייט אין אַמעריקע נעמען זיך צו אינזשענערישע קאַריערעס. דער דאָזיקער צווייג פון דסקרימינאַציע איז אגב דער געפערלעכסטער, ווייל די פּאָבליק יוטיליטיס און אַנדערע גוט־אָרגאַניזירטע עקאָנאָמישע טעטיקייטן אונטער דעם קאָנטראָל אָדער שוץ פון שטאָט, ווי די „עמפּלאָימענט עקסטשענדזשעס" (אַרבעט־פאַרמיטלונג ביוראָס), וועלן וואָס ווייטער שפּילן אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אינם עקאָנאָמישן לעבן פון אַמעריקע. דעריבער

איז דער אַנטיסעמיטישער באַיקאָט אין אָט די קרײַזן באַזונדערס געפערלעך.

געוויסע ייִדישע פירער פאַרבינדן די דיסקרימינאַציע־צרה דערהויפּט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם פון די קאָמערציעלע „עמפּלאָי־מענט אַגענטורן". אין ניו יאָרק זײַנען מיט עטלעכע יאָר צוריק אונטערגענומען געוואָרן טריט צו אונטערזוכן די לעגאַלע זײַטן פון אָט דער סיטואַציע. אין 1930 און 1931 האָבן מאַנכע אַרבעט־פאַרמיטלונג אַגענטורן (איידזשענסיס) אין ניו יאָרק אַרויסגעשטעלט פּלאַקאַטן מיט אַן אויפשריפט: „פון ייִדן ווערן קיין אַפּליקאַציעס ניט אָנגענומען". אָט די פּלאַקאַטן זײַנען, נאָך אַ פּראָטעסט פון די ייִדישע קרײַזן, באַזײַטיקט געוואָרן.

די אַנטי־ייִדישע דיסקרימינאַציע נעמט אָן, ווי באַקאַנט, אַ סך פאָרמען און פאַזן, אָנפאַנגענדיק פון דער טרויעריק־באַרימטער פאָר־מולע „בלויז קריסטן" אין די צײַטונגס־אַנאָנסן, און ענדיקנדיק מיט אַ סיסטעמאַטישן באָיקאָט, מעשה פעסטער פּרינציפּ, אין די גאָר גרויסע געשעפט־אונטערנעמונגען, ווי די גרעסטע אַמעריקאַנער קאָר־פּאָריישאַנס, למשל, טשעין־סטאָר קאָמפּאַניעס מיט אַ ריזיקער צאָל צווײַג־קראָמען איבערן לאַנד, בענק א. אַ. וו. אַלע פאָרשער פון אָט דער פראַגע ריידן מכוח אַ פעסטגעזעצטער „ייִדישער פּאָליסי" אין די „עמפּלאָימענטס דעפּאַרטמענטס" פון די דאָזיקע ריזיקע געשעפט־פירמעס. אָבער אַ חוץ דעם, ווי שוין אויבן געזאָגט, שטויסן זיך די ייִדישע אַרבעט־זוכער אָן אויף אַ רײַע גזירות און נגישות מצד די אַרבעט־פאַרמיטלונג אָפיסעס (איידזשענסיס) גופא, וועלכע שטעלן אָפט אַרויס אַזעלכע פּלאַקאַטן ווי „קיינע ייִדישע אַפּליקאַנטן ביז אַ ווײַטערדיקן נאָטיץ", אָדער פרעגן אויס די ייִדישע קאַנדידאַטן מכוח דער אָפּשטאַמונג פון זייער פאָטער און מוטער, א. ד. גל. און ווען ייִדן האָבן אין אַ גרויסער ניו יאָרקער פּאָבליק יוטיליטי קאָרפּאָריישאָן אַמאָל אויפגעהויבן די פראַגע מכוח אַזאַ אומיושר־דיקער סיסטעם, ווי אַ פּראָצענט־נאָרמע קעגן ייִדן, האָבן די קאָרפּן־קעפּ געענטפערט: „אונדזער קאָמפּאַני וויל ניט דערלאָזן, אַז אין קיין דעפּאַרטמענט זאָלן זײַן צופיל קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, ייִדן אָדער מאַכמעדאַנער!".

אַמאָל פּאַסירט, באַזונדערס ווען לויט דעם אויסזען פון אַ

יידישן קאַנדידאַט איז ער ענלעך צו אַ גוי, אַז אַן „עמפּלאָימענט אייִדזשענסי" שיקט אַרײַן צום אַרבעט־געבער אַ יידישן קאַנדידאַט פאַרשטעלט ווי אַ קריסט, און מען גיט אים, ווי דער שטייגער איז, אַ ניט־יידיש קלינגענדיקן נאָמען. אָבער צו זאָגן בלויז, אַז מען איז אַ גוי, איז שוין איצט אויך ניט גענוג. די אַנטיסעמיטישע פירמע האָט אָפטמאָל אַ טבע צו שטעלן די קלאָץ־קשיא: „און צו וועלכער טשוירטש געהערט איר?" און עס וועט אפילו שוין ניט זײַן קיין אויס־וועג, אויב דער ייִד, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין אַזאַ פאַר־לעגנהייט, זאָל גלאַט אָנרופן עפּעס אַ טשוירטש, וואָס איר נאָמען האָט ער על פּי צופאַל אין זכרון. ניט ווייניק „פּערזאָנעל מענע־דזשערס" פון קאָמפּאַניס, וואָס טרײַבן אַנטיסעמיטישע דיסקרימי־נאַציעס, זײַנען ניט פויל צו נאָכצופאָרשן די תשובה, וואָס זיי קריגן פון די יידישע קאַנדידאַטן, וועלכע רופן גלאַט אָן עפּעס נעמען פון „טשוירטשעס" און פון פּאַסטאָרס. דער פּועל־יוצא איז, אַז אייניקע ניו יאָרקער קירכן האָבן שוין אין זייערע רעיסטערס יידן, וועלכע זײַנען געצוואונגען געוועזן זיך צו פאַרוואַנדלען אין מאָדערנע „מאַ־ראַנען" (ד. ה. פּסעוודאָ־קריסטן פון דער צײַט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע), כדי צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט דאָ־הי, אין דער גרעסטער יידישער שטאָט אין דער וועלט.

פרעגט זיך: איז בכלל אַ קאַמף מיט אַזאַ ברייט־פאַרשפּרייטער און סיסטעמאַטישער, הגם ניט שטענדיק אָפענער, דיסקרימינאַציע מעגלעך און דורכפירבאַר? — יאָ, אַזאַ זאַך איז גאַנץ מעגלעך. פון די פאַקטן, וואָס ווערן דערציילט אין אַ קורצן באַריכט פון דעם אַמע־ריקאַניש־יידישן קאָנגרעס איבער אָט דער שטענדיקער צרה, זעט מען, אַז אָפט געלינגט עס טאַקע אויסצופירן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין באַצוג צום באַיקאָט פון אָנגעשטעלטע־יידן.[1] אין איי־ניקע פאַלן האָט מען, דורך אַ סיסטעמאַטישער אויספאָרשונג און טאַקטפולער אַרײַנמישונג, למשל, בטל געמאַכט די גזירות קעגן אָננעמען יידישע אָנגעשטעלטע, אָדער אַרבעטער. ס'פּאַסירט אַמאָל, אַז דער מקור פון דער צרה, איז גאָר דער פאַרמאַן, אַ שונא ישראל, און דווקא גאָרניט דער העכסטער פאַרוואַלטער פון דער קאָמפּאַני,

[1] J. X. COHEN: Jews, Jobs and Discrimination, American Jewish Congress, New York, 1937, 13 pp.

איז דאָס דער וואָס רודפט ייִדישע אַרבעטער. אין איין פֿאַל האָט אַ פּאַרטרעטער פֿון דעם אַמעריקאַניש־ייִדישן קאָנגרעס, נאָכדעם ווי אַלע פֿאַקטן זײַנען פֿון אים אויסגעפּאָרשט געוואָרן, געהאַט אַ קאָנפֿערענץ מיט אַ העכערן באַאַמטן פֿון דער קאָמפּאַני, און דעם קרבן פֿון אַנטיסעמיטיזם האָט מען דאַן צוריק אָנגענומען אויף דער שטעלע. אין אַ סך אַנדערע פֿאַלן פֿלעגט אויף אַזאַ אופֿן געלינגען צו פֿאַרבעסערן דעם צושטאַנד, פֿון וועלכן הונדערטער ייִדישע אַרבעטער און אַרבעט־אַפּליקאַנטן פֿלעגן כּסדר לײַדן.

די קאָאָפּעראַציע פֿון „עמפּלאָימענט איידזשענסיס״, וועלכע ווערן געפֿירט פֿון יושרדיקע פּערזאָנען, איז אויך פֿון דער גרעסטער וויכטיקײַט. אַזעלכע פּערזאָנען זײַנען, למשל, בכּוח אָנצואווײַזן יענע טיילן פֿון דעם אַנטי־ייִדישן פֿראָנט, וואוהין מען דאַרף צילן די פֿײַלן פֿון ייִדישן פֿאַרטיידיקונג־קריג, כּל זמן ס׳ווערט ניט צו שפּעט. דאָס מיינט, באַלד נאָכדעם, ווי די „עמפּלאָימענט איידזשענסיס״ קריגן אַ באַשטעלונג „בלויז קרסיטן״ (ווי עס טוט אַמאָל צום באַדויערן אַ ריין ייִדישער אַרבעט־געבער אפילו), דאַן קען און דאַרף אַזאַ „איידזשענסי״ (אויב איר איז באמת געלעגן אין באַקעמפֿן די דיסקרימינאַציע) גלײַך ציען די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון אַן אַנטשפּרעכנדיקן ייִדישן קהלשן אַמט (ווי דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס, אָדער אַ ספּעציעלע אַנטי־דיסקרימינאַציע ביוראָ) צו דער דאָזיקער עוולה; און דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער צד דאַרף גלײַך לאָזן אין גאַנג די אָדער יענע שוץ־מיטלען. ווײַטער, קען אַמאָל אַן „עמפּלאָימענט איידזשענסי״ קאָאָפּערירן בײַם אויפֿקלײַבן די נויטיקע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן און אַנדערע אַזעלכע פֿאַקטן, וואָס אָן זיי קען אַ דערפֿאָלגרײַכער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטישן באַיקאָט גאָרניט געמאָלט זײַן.[2]

הגם די עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציע איז אַ גוט־באַוואוסטער און אַלגעמיין אָנערקענטער פֿאַקט, ווייסן מיר נאָך אַלץ זייער ווייניק מכּוח די פֿונדאַמענטאַלע טענדענצן און גרונט־שטריכן פֿון אָט דער טרויעריקער דערשײַנונג. אָט זײַנען עטלעכע פֿראַגעס, וואָס וואָלטן

[2] אויספֿירלעכער וועגן אַן אַרבעט־פּלאַן פֿאַר אַזאַ אַנטי־דיסקרימינאַציע ביוראָ שרײַבן מיר אין דער אַרבעט מכּוח דעם קאַמף מיט אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, ז. אונטן זז. 389—393.

ענדלעך געדאַרפט באַקומען פאַר זיך גענויערע תשובות: ווערט די לאַגע בעסער אָדער ערגער? מיט וואָס אונטערשיידן זיך די דיס־קרימינאַציע פּירונגען לויט פאַרשיידענע טעריטאָריעס פון לאַנד? אָדער לויט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס? און לויט די באַזונדערע קאָנ־צערנס (אַפּיליאירטע פירמעס) פון דעם זעלבן טראָסט אָדער גרויסער קאָרפּאָראַציע? וואָס איז די רעליגיע, דער אָפּשטאַם א. ד. גל., פון די דירעקטאָרן, וואָס פאַראורזאַכן די דיסקרימינאַציע? וואו איז דער ערשטער מקור פון די דיסקרימינאַציע־פּאָליסיס אין דער אָדער יענער גרויסער פירמע: אין דער מענעדזשמענט גופא פון דער קאָר־פּאָריישאָן, צי אין דער פאַבריק־מענעדזשמענט, אָדער גאָר אין פּער־זאָנאַל־אָפיס? צי איז אפשר גאָר שולדיק דער פאָרמאַן, אָדער די מיט־אַרבעטער אין שאַפּ? א. א. וו. וואָס זײַנען די מעטאָדן פון דיסקרימינאַציע: דיסקרימינאַציע אַדווערטײַזמענטס, עמפּלאָימענט בלאַנקס, „עמפּלאָימענט איידזשענסיס”, פּערזענלעכע אינטערוויוס? וואָס זײַנען די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער צרה פאַר דעם סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די ייִדן, ווי, למשל, די וואַנדערונ־גען פון ייִדישע אַרבעטער פון איין שטאָט אין אַ צווייטער, פון איין אַרבעט־פאַך, אָדער פּרנסה־צווײַג, אין אַן אַנדערן א. א. וו.?

אַ סך אַנדערע פראַגעס וואָלט געדאַרפט קריגן אַ תשובה. מיר ווייסן אָבער לחלוטין ניט וואָס אויף זיי צו ענטפערן, און וועלן עס טאַקע קיינמאָל ניט וויסן, כּל זמן ס'וועט ניט באַשאַפן ווערן אַן אַנטשפּרעכנדיקע אינסטיטוציע, אַ קהלשע ייִדישע אַנטי־דיס־קרימינאַציע ביוראָ, ווי אַ ספּעציעלע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלט, אַ זעלבסטשטענדיקער אינסטיטוט, אָדער אפשר אין פאַרבינדונג מיט איינער פון די גרויסע צענטראַלע אַמעריקאַניש־ייִדישע קער־פּערשאַפטן בײַ אונדז אין לאַנד (ווי דער אַמ. ייִד. „קאָמיטעט” אָדער „קאָנגרעס”), וואָס גיבן זיך אָפּ מיטן שוץ פון די ייִדישע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט.

5. גײַסטיקע יסורים פון יונגן דור

די חרפּה און צער, וואָס די אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציע פאַרשאַפט די טויזנטער ייִדישע יונגע מענער און פרויען אין אַמע־

ריקע, וועלכע ליידן פון דער ניט־באַשעפטיקונג צרה, אומגעאַכט אויף זייערע בעסטע קוואַליפיקאַציעס און פיייִקייטן, — אַט די פינצטערע געפילן באַשאַפן אַן אייגנאַרטיקע פסיכאָלאָגישע סיטואַ־ציע, אַ גייסטיקע טראַגעדיע, פאַרן יונגן ייִדישן דור. ביי געציילטע יחידים קען טאַקע דער אַנטיסעמיטיזם ווערן אַ מקור פון אַ נאַצי־אָנאַלן שטאָלץ און זעלבסט־ווירדע, אָבער דאָס זיינען יחידים פון דעם שניט פון אַ טעאָדאָר הערצל אָדער מאַקס נאָרדוי. ביי טויזנטער מענער און פרויען, וואָס ליידן פון דיסקרימינאַציע, ווערט בלויז פאַרשטאַרקט דער חשק אינגאַנצן פטור צו ווערן פון יעדן שפּור פון ייִדישקייט און לחלוטין איבערצורייסן אַלע פאַרבינדונג־פעדים מיט די ייִדישע אינטערעסן. די וואָס ברעכן אָפּ זייערע באַציאונגען מיט די ייִדן, לעבן מעשה „מאַראַנען פון 20טן יאָרהונדערט", שטענ־דיק אין שרעק, מען זאָל זיי נאָך, חלילה, ניט אַנטדעקן און ניט אַנטבלויזן זייער אמתן ייִדישן פּנים... עס פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט־חוב פון דער ייִדישער געזעלשאַפט איז צו קומען צו הילף, ניט אַזוי די פּחדנים, נאָר דווקא די זעלבסט־באַוואוסטע יונגע ייִדן, וואָס ווילן זייער ייִדישקייט ניט פאַרלייקענען, אָבער קענען אַליין ניט ביייקומען די מניעות וואָס שטייען אין זייער וועג צו אַן עקאָ־נאָמישער צופּאַסונג אין זייער אייגענעם לאַנד, וואָס עפנט אַזוי פיל געלעגנהייטן פאַר מיליאָנען מענטשן.

דערפון מוז שוין קלאָר ווערן, אַז חוץ די פּאַקטישע און ממשותדיקע רעזולטאַטן, וועט אַ ייִדישער קהלשער אָפּיס, וואָס האָט צו טאָן מיטן ענין דיסקרימינאַציע, קענען ברענגען אויך גוטע פּסי־כאָלאָגישע רעזולטאַטן. יעדער קרבן פון דיסקרימינאַציע נויטיקט זיך אוודאי אין אַ קאָנקרעטער הילף, אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אַרבעט־שטעלע. אָבער וואָס אַזאַ קרבן וויל און דאַרף קריגן, חוץ אַזאַ זאַכלעכער הילף, איז אַ סימפּאַטישע פּערזענלעכע באַציאונג, אַ וואַרים אויסגעשטרעקטע האַנט, אויך אויערן און אויגן, וואָס ווילן און קענען הערן און זען די אומזיסטע חרפּות און באַליידיקונגען, וואָס יונגע ייִדן שטייען אויס, ניט זעלטן אפילו פון געמיינע ייִדי־שע אַרבעט־געבער גופא, ווען זיי גייען זוכן אַרבעט אין אַ כרך, וואו ס'לעבן אַ צוויי מיליאָן ייִדן. דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ פּסיכישע טראַגעדיע, ווייל אַט קען אַזאַ אַנטוישטער, באַליידיקטער יונגער ייִד,

און נאָך עפּטער אַ יונגע ייִדישע פרוי, אַרײַנפאַלן, צוליב אַזאַ אומ־יושרדיקער און אַבסורדער לאַגע, אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, וואָס גרע־נעצט זיך מיט אַ מרה שחורה. דאָס זײַנען געפילן נאָך אַן אַ שיעור טיפערע און פּײַנלעכערע פון דעם געגנג ביטערן ווײַטאָק, וועלכן עס שפּירט דער אַרבעטלאָזער סתם, דער קרבן פון אַן אַלגעמיינער סאָ־ציאַלער צרה, פאַר וועלכער די גאַנצע געזעלשאַפט האָט אין די לעצ־טע יאָרן אָנגעפאַנגען צו שפּירן אַ שטיקל פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. מען נעמט דאָך שוין אַן מיטלען צו העלפן די דאָזיקע קרבנות פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער אומאָרדענונג. אָבער ווער זאָרגט זיך וועגן דער מאַטעריעלער און גײַסטיקער הילף פאַר די קרבנות פון דער ייִדישער ניט־באַשעפטיקונג מכה?

יעדער אַנטיסעמיטישער אַרבעט־געבער וואָלט געוויס געווען, כאָטש לפנים, מער ציוויליזירט און פּראַקטיש, ווען ער וואָלט גע־וואוסט, אַז די אָרגאַניזירטע ייִדישע געזעלשאַפט נעמט זיך אָן פאַר די מענער און פרויען, וואָס ווערן אומזיסט־אומנישט געצוואונגען אַרומצוגיין אָן אַרבעט, ווײַל מען שליסט זיי אויס דווקא פון די פאַסיקסטע און געוואונטשנסטע פאַר זיי באַשעפטיקונגען.

וויסן מוז מען אויך, אַז פאַר דער אַנטיסעמיטישער דיסקרי־מינאַציע־פּאָליסי קען בלויז דאָן זײַן אַ לײַכטער און גלאַטער וועג, בעת די קרבנות פון אַזאַ אַנטיסעמיטיזם זײַנען פאַראייינצלט און פאַראייינזאַמט, ווי איינצלנע שפּענדלעך אויף דעם ים פון אַרבעטס־לאָזיקײַט, און בעת די אַרומיקע ייִדישע געזעלשאַפט בלײַבט צו זיי לחלוטין גלײַכגילטיק.

6. אַלטע און נײַע פּרנסות.

פון יאָר צו יאָר ווערט בײַ אונדז ייִדן אין אַמעריקע, אַלץ שאַרפער די פראַגע מכוח אײַנהאַלטן די אַלטע און שאַפן נײַע אַרבעט־פּאָזיציעס דאָ אין לאַנד. די אורזאַך איז אַ פּשוטע: אונדזער יונגער דור, די קינדער פון אַרבעטער אָדער פון געוועזענע אַרבעטער, ווערט מערסטנטייל צוגעגרייט צו דיפּלאָמירטע, האַלב־דיפּלאָמירטע (ווי אַקאַונטענטס, לערערס א. אַ. וו.) און סתם אומבאַשטימטע און אומזיכערע פּראָפעסיעס און קאַריערעס, וואָס על־פּי־רוב קענען

זיי ניט שאַפֿן קיין באָדן פֿאַר אַ מער־ווייניקער זיכערער און חשובער עקזיסטענץ.

און אָט זעען מיר איצט ווי ס׳וואַקסט, פֿון איין זײַט, די צאָל יונגע ייִדישע אַדוואָקאַטן אָן קליענטן, פֿריש־אויסגעבאַקענע דאָקטוירים אָן פּאַציענטן, אומבאַהאָלפֿענע אָפֿיס־אָנגעשטעלטע — אָן שטעלעס. פֿון דער צווייטער זײַט, שטײַגט כסדר די צאָל יונגע ייִדן אין אַזעלכע „בלינדע אַלייען" (אָן אויסזיכטן) — באַשעפֿטיקונגען פֿון האָרעפּאַשנעם מין, ווי „טעקסי דרײַווערס" און „שאַפּינג קלוירקס".

אַזאַ צושטאַנד מוז, סוף כּל סוף, פֿירן צו אַן עקאָנאָמישער און גײַסטיקער ירידה. דאָס הויבט מען שוין אָן צו פֿאַרשטיין. ווי שטעלט מען אָבער אָפּ דעם דאָזיקן כּלומרשט „סטיכישן", פֿון נאַטור געטריבענעם, גאַנג באַרג אַראָפּ? — ענטפֿערן מיר אויף דעם: אָפּצושטעלן די דעגראַדאַציע וועט זײַן מעגלעך נאָר דאַן, ווען ס׳וועט פֿאַרשווינדן די גלײַכגילטיקײַט פֿון די וואָרט־פֿירער צו אַ פֿראַגע, וועלכע באַרירט דאָס לעבן און די צוקונפֿט פֿון אומצייליקע טויזנטער פֿון אונדזער יונגן דור — צו דער פֿראַגע פֿון ריכטיקן פּראָפֿעסיע־אויסוואַל און פּראָפֿעסיע־צוגרייטונג. צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע קרײַזן פֿון אַלע פֿעלקער דאַרפֿן אויך מיר ניט אויפֿהערן צו אינטערעסירן און אָפּגעבן זיך זייער ענערגיש און ערנסט, מיט ענינים פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער אָריענטאַציע („וואָקעישאָנאַל גאַידענס"), כּדי צו העלפֿן דעם יוגנטלעכן און דערוואַקסענעם פּראָדוקטיוון עלעמענט אויסצוקלײַבן פֿאַר זיך די ריכטיקע פּראָפֿעסיעס און קאַריערעס.

אונדזער איינזײַטיקע פּראָפֿעסיאָנעלע צוזאַמענשטעלונג שטייט איצט איז אַ סכּנה דורך דעם געדראַנג צו קרעמערײַ און צו די ווײַס־קאָלנער פּראָפֿעסיעס, צו ווערן אַלץ איינזײַטיקער און אומזיכערער. אונדזער טיפֿע אומוויסנקײַט מכּוח די גרויסע מעגלעכקײַטן פֿאַרן יונגן דור אין אַמעריקע צו קריגן כּמעט אומזיסט אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אויסבילדונג אין נײַע גוטע (און אַלטע) קוואַליפֿיצירטע פֿאַכן, און אונדזער ניט־וועלן־וויסן, אַז ס׳וואַקסט כּסדר דער באַדאַרף אין באמת גוטע ספּעציאַליסטן אין אַלע אַרבעט־פֿאַכן, — דאָס איז באמת אַ טראַגישער פֿעלער און אַ שטער פֿאַר יעדער קאָנסטרוקטיווער, פּלאַנמעסיקער קולטור־אַרבעט.

נעמט אפילו אַזאַ פאַך ווי לערעריי, וואוהין געבילדעטע יונגע ייִדישע מענער און פרויען ציען זיך מאַסנווייז: אין באַצוג צו לע־רער פון אַלגעמיינע פאַכן, ווי שפּראַך, געשיכטע, מאַטעמאַטיק א. א. וו., אין די עלעמענטאַרע (פּאַבליק) און מיטעלע אַמעריקאַנער שולן (האַי־סקולס) איז שוין דער פעלד אָנגעפּיקעוועט ביז אַריבער די ברעגעס. גאַנץ אַנדערש האַלט עס אָבער, ווען ס'קומט צום ענין פאַך־לערערס פאַר די דאָזיקע שולן. דאָ הערשט שוין אַ מאַנגל אין אַלערליי ספּעציאַליסטן־פאַכלייט, אין די נאָדל־טריידס פאַכן, אין קאָרסעטן פאַך, און אין די נייע פאַכן, ווי עלעקטראָ־פּלעיטינג, און ד. גל. די שול־נעץ דאָ אין ניו יאָרק גופא זוכט מיט ליכט לערער־קאַנדידאַטן פאַר אָט די פּראַקטישע לערן־פאַכן, און זי קען זיי ניט געפינען, בעת טויזנטער בחורים און מיידלעך שטייען אויפן „ווע־טינג ליסט״ פאַר לערערס פון אַלגעמיינע געגענשטאַנדן.

און אַזאַ פאָדערונג, דער באַדאַרף אין לערער ניט פון די דריי „אַרס״ (לייענען, שרייבן, רעכענען), נאָר פון אַרבעט־פאַכן, וואָס מען לערנט אַלץ מער אין געוויסע טיפן פון דער אַמעריקאַנער שול, אַזאַ באַדאַרף וועט שטייגן כסדר. לעצטנס האָט דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן אַסיגנירט אַ גרויסע יערלעכע סובסידיע פון דער פעדעראַלער טרעזשורי פאַר די סטייטס ספּעציעל אויף איינ־צופירן און צו פאַרברייטערן דעם פאַכאָוון אונטערריכט, ד. ה. פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג (טרעידס) אין די פאָלקס־שולן און האַי־סקולס פון לאַנד.

אויך פון דעם פּראָדוקטיוו־אינדוסטריעלן שטאַנדפּונקט זיינען די אויסזיכטן פאַר ספּעציאַליסטן גאַנץ גוטע. מ'קען האָפן, אַז, בעת די גרויסע שפע פון דער פּראָדוקציע אין פעלד און פאַבריק ווערט אַלץ גרעסער, און דער געשמאַק ביים עולם ווערט אויך פאַרפיינערט צוליב דעם נייעם, שנעלן אינטערנאַציאָנאַלן אויסטויש פון נייע מאָדעס און סטאַילס, וועט מען אַלץ מער און מער — אויך אין אַמעריקע — מוזן אָנקומען צו דער אַרבעט פון גוטע מייסטערס, שאַפער פון נייע פאַסאָנען, פון פיינע מוסטערן, און סתם אינדיווי־דועל־געשמאַקפולע פּראָדוקטן און אויסאַרבעטונגען.

איצט איז טאַקע די צייט ערנסט אַ קלער צו טאָן וועגן דער צו־פּאַסונג פון דעם ייִדן צו די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען

אין לאַנד. מיט דעם גאַנג פון די יאָרן וועט די דאָזיקע אויפגאַבע ניט לײַכטער ווערן, גיכער — פאַרקערט, ווײַל די אַלגעמיינע סי־טואַציע ווערט אַלץ מער און מער פאַרוויקלט און קאָמפּליצירט. די אויפגאַבע פון אינדוסטריעלער צופּאַסונג, למשל, דאַרף אויסגעפירט ווערן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. ראשית כּל, איז דאָ אַ באַדער־פעניש אין אַ צענטראַלער ייִדישער ביוראָ, וואָס זאָל געבן אינפאָר־מאַציע מכּוח אינדוסטריען, וועלכע מאַכן אין געגעבענעם מאָמענט דורך פאַרשיידענע ענדערונגען, ד. ה. געפינען זיך אָדער אין אַן אויפבלי־צושטאַנד אָדער אין אַ ירידה; און צוזאַמען מיט דעם נײַעם צושטאַנד פאָדערן זיך אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען אין דער אַרבעטערשאַפט, ווי, למשל, אויסצולערנען זיך נײַע פאַכן, אָדער צופּאַסן אַלטע פאַך־קענטעניש צו די נײַע אומשטענדן, איבערצור־פאָרן אין נײַע פלעצער און אַ. וו. ווידער איז נויטיק צו געבן פאַכ־מענישע עצות מכּוח דעם פּרנסה־אויסקלײַב צו די ייִדישע אונטער־שטיצונג אַסאָציאַציעס („פעמילי וועלפעיר אַסאָסיאיישאַנס”) און צו אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פילאַנטראָפּישע אַגענטורן, ד. ה. געבן זיי עצות מכּוח די בעסטע פּראַקטישע מעטאָדן פון אויסגעפינען די פּראָפעסיאָנעלע פייאיקײַטן פון זייערע קליענטן, און מכּוח די פּער־ספּעקטיוון אין די נײַע פּרנסות פאַר די קרבּנות פון דער טעכנישער אַרבעטסלאָזיקײַט און פון אַנדערע הײַנטצײַטיקע סאָציאַלע ענדערונ־גען. די שטאָטישע בילדונג־אַנשטאַלטן וואָלטן געדאַרפט אויפגעפּאָ־דערט ווערן צו שאַפן גרעסערע געלעגנהײַטן פאַר דער אַלגעמיינער און פּראָפעסיאָנעלער בילדונג פאַר דערוואַקסענע אין די שטאָט־טיילן מיט געדיכטע ייִדישע מאַסן.

אַ וויכטיקע אויפגאַבע איז איצט צו עפענען אַרבעט־פאַרמיט־לונג אָפיסעס אונטער דער השגחה פון ייִדישע קהלישע אָרגאַני־זאַציעס, אין אײַנקלאַנג מיט מאָדערנע פּרינציפּן פון אַרבעט־פאַר־מיטלונג, פון איין זײַט, און מיט די באַדערפענישן פון ייִדישן יונגן דור פון דער צווייטער זײַט. יונגע ייִדן, הגם זיי זײַנען געבילדעט און פלײַסיק, ווערן, ווי באַקאַנט, ניט צוגעלאָזן געדן צו „ווײַס־קאָלנער” באַשעפטיקונגען און פרײַע פּראָפעסיעס. מען רעדט איצט וועגן דעם, אַז יונגע ייִדן זאָלן זיך אַוועקלאָזן אין דער פאַרמערײַ און אין דער פאַבריק־אינדוסטריע, ווײַל אין אַט די שווערע פּרנסות,

רעכנט מען, וועלן אפילו די ייִדן אויך זײַן ווילקאָמען. די דאָזיקע עצה־געבער פאַרזעען איין פאַקט פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמי־שער סיטואַציע אין לאַנד; נעמלעך, אַז די אַלגעמיינע טענדענצן פון דער פּראָפעסיע־אײַנטיילונג גייען דווקא אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: וואָס ווײַטער ווערט אַלץ קלענער דער פּראָצענט פון די שווער־אַרבעטנדע עלעמענטן אין די אַמעריקאַנער פאַבריקן און אויך אין די פעלדער, ווײַל די נײַע מאַשינעס און אַפּאַראַטן שטופּן אַרויס די מענטשלעכע אַרבעט־קראַפט.

ווײַטער, האָט די לאַנגע דעפּרעסיע געהאַט שלעכטע רעזולטאַטן פאַר די אויסזיכטן פון די יונגע ייִדן, וואָס קלײַבן זיך צו נעמען פאַר אַ ביזנעס־קאַריערע. אין די פריערדיקע צײַטן פלעגן אומצייליקע טויזנטער אַמעריקאַנער־געבאָרענע און אויך אײַנגעוואַנדערטע יונגע ייִדן קריגן געשעפטלעכע שטעלעס פּשוט דורך פאַמיליען־אײַנפלוס אָדער אַרײַנטרעטנדיק אין די אַלטע געשעפטן פון זייערע קרובים א. ד. גל. זינט די געשעפטן פון לאַנד מאַכן דורך אַ כראָנישן שטילשטאַנד, זײַנען אויך די שאַנסן פאַר דעם אַרײַנטריט אין געשעפטלעכע קאַריערעס שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן. מען האָט געשאַצט, אַז נאָך דעם קריזיס פון 1930—1932 האָבן ניט מער ווי 15 פּראָצענט פון דער געבילדעטער יוגנט אין אַמעריקע באַקומען געשעפטלעכע שטעלעס דורך פאַמיליען־באַציאונגען.

דער אויספעל פון אַרבעט־שטעלעס און די ביטערע קאָנקורענץ אויף דעם באַשעפטיקונג־מאַרק שטעלט פאַר אונדז נאָך שאַרפער אַוועק אַ דרינגענדיקע אויפגאַבע מכוח אַנטוויקלען אַ פּראָגראַם פון פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע (וואָקיישאָנאַל גאַידענס) פאַר די ייִדן אין אַמעריקע. מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק ווערט פאַרשטאַנען אַ ספּעציעלע בילדונג־אַרבעט, וואָס איז צוערשט פאָרגעשלאָגן געוואָרן מיט אַ 30—40 יאָר צוריק פון פּראָפעסאָר הוגאָ מינסטערבערג (1863—1916) דײַטש־ייִדישער פּסיכאָלאָג אין דעם האַרוואַרד אוניווערזיטעט אין קיימברידזש, מאַסס. דער ציל פון דער נײַער וויסנשאַפט איז געווען צו העלפן דעם יונגן מענטש, און אויך די דערוואַקסענע, צו געפינען אַזעלכע באַשעפטיקונגען, וואָס פּאַסן אַמבעסטן צו זייערע פיזישע און גײַסטיקע אייגנשאַפטן און האַרמאָנירן מיט די אַרומיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומשטענדן. מיט איין וואָרט, „פּראָ־

פּעסיאַנעלע אָריענטאַציע" העלפט „אָוועקשטעלן דעם ריכטיקן מאַן אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ". צום באַדויערן איז נאָך ביז איצט זייער ווייניק אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן געביט אין באַצוג צו אונדזערע ספּעציפיש־יידישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

געדענקען דאַרף מען, אַז ווי שטאַרק די מאַשין זאָל די מענטש־לעכע אַרבעט ניט אַרויסשטופּן, איז בלייבט נאָך אַלץ גענוג פרישע געלעגנהייטן פאַר פאַכאָווע און געשיקטע אַרבעטער צו קריגן באַ־שעפטיקונג ביי די 1001 נייע מאַשינען און טעכנישע מעטאָדן פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע, און אויך פאַר אַלערליי אַר־בעטן מיט און אַרום לעבעדיקע מענטשן. אָט דאַרף מען באַדינען די באַדערפעניש פון דער ציוויליזירטער באַפעלקערונג (ווי רעסטאָ־ראַנען, קראָמען, שפּיל־פּלעצער, אונטערהאַלטונג, בילדונג א. אַ. וו.); מען דאַרף השגחה האָבן אויף זייערע געמיינזאַמע באַמיאונגען און אונטערנעמונגען; מען דאַרף קריגן די קאָאָפּעראַציע פון די גרע־סערע אָדער קלענערע מענטשלעכע מאַסן (דורך אויפקלערונג, פּרע־סע, קלאָבס א. אַ. וו.). מיט איין וואָרט, מען דאַרף די מענטשן העלפן אויף איין וועג אָדער אויף דעם צווייטן. קיין שום „ראָבאָט" (מעכאַנישער גולם, וואָס קען טאָן שווערע אַרבעט) וועט די דאָזיקע אַרבעטן מיט און אַרום מענטשן קיינמאָל ניט קענען אויספירן. די מאַשין, וואָס באַשאַפט פרייע צייט, באַשאַפט גלייכצייטיק אויך די געביטן און געלעגנהייטן פאַר די נייע באַשעפטיקונגען און פּרנסות, די מאַשין טוט עס טאַקע אין דער זעלבער צייט בעת זי מאַכט לחלוטין איבעריק די שווערע פיזישע און אומאָנגענעמע האָ־רעוואַניע פאַרן שטיקל ברויט. דאָס איז דאָך די ליניע פון אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן פאָרטשריט, דער וועג צו דער „וועלט פון מאָרגן".

אָבער איין זאַך טאָר מען קיינמאָל ניט פאַרגעסן: די אַרויס־שטופּונג פון די רוטינע אַרבעטער אין אַלע פאַכן דורך די נייע טעכנישע איינפירונגען און מאַשינען שאַפט איצט, און אין דער צוקונפט אויך — גוטע אַרבעט־אויסזיכטן, דווקא פאַר אַזעלכע אַר־בעטער, וואָס קענען און ווילן באמת זיין מייסטערס אין זייער מלאכה, און וואָס די מאַשין קען זיי קיינמאָל ניט פאַרבייטן. לאָמיר

מאַכן אויך פון אונדזער יונגן דור אַט אַזעלכע גוטע מײַסטערס און ספּעציאַליסטן.

אַזוי שנעל ווי די ערשטע ייִדן ספּעציאַליסטן און פאַכלײַט וועלן פאַרנעמען געוויסע שטעלעס און פּאָזיציעס אין די פאַבריקן, וועלן זיך במילא עפענען די טירן פאַר אַנדערע ייִדישע פאַכאַווע אַרבעטער, און ס׳וועט כסדר וואַקסן די צאָל קוואַליפיצירטע, שטענדיקע אַרבעטער און מײַסטערס; דאָס הייסט, אַרבעט־ספּעציאַליסטן אויף פאַרשיידענע טעכנישע געביטן.

אַט האָבן דאָך די ייִדן אין אַ נײַעם פאַר זיי און פרעמדן לאַנד אויפגעבויט אַ ריזיקע, שטאַרק־אויסגעשפּרייטע שנײַדער־אינדוסטריע מיט אַ סך צווײַגן און צווײַגעלעך. אַט־די אינדוסטריע האָט, גוט אָדער שלעכט, פאַרט לאַנג, לאַנג געשפּײַזט הונדערטער טויזנטער ייִדישע נפשות. בגדים וועט מען שטענדיק דאַרפן האָבן, און נײַע מעטאָדן און טעכנישע פּראָצעסן וועלן געוויס פאָדערן אינטעליגענץ, בריה׳שקײַט און פאַכאַווע צוגרייטונג בײַ אַ געוויסן טייל אַרבעטער. איז עס אַ יושר, אַז מיר זאָלן אַט־דעם ברייטן אַרבעט־פעלד טאַקע פאַרלאָזן אינגאַנצן?

קיינער וועט ניט זאָגן, אַז דער יונגער ייִדישער דור אין אַמעריקע זאָל ניט שטרעבן צו בילדונג. אָבער עס איז דאָך ניט נאָר טעאָרעטיש אַ מצווה צו פאַרבינדן בילדונג מיט מלאכה, סײַ אַלגעמיינע בילדונג און אוודאי פּראָפעסיאָנעלע בילדונג! אין די נײַע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטענדן אין אַמעריקע בכלל, און בײַ אונדז אַמעריקאַנער ייִדן בפרט, איז עס אויך, פּראַקטיש גערעדט, כמעט דער איינציקער וועג פאַר ייִדן אין אַמעריקע צו באַשאַפן (דורך אַ צונויפבונד פון בילדונג און מלאכה) אַ פּאָזיציע פון חשיבות און זעלבסט־רעספּעקט אינאיינעם מיט אַ פעסטער מאַטעריעלער באַזע פאַר אונדז און אונדזערע קינדער. דאָס איז ממש דער געבאָט פון דער צײַט.

וואָלטן מיר טאַקע געשענקט אויפמערקזאַמקײַט דער פּראָבלעם פון פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע, דאַן וואָלטן, צום בײַשפּיל, נאָך טויזנטער יונגע ייִדן געקענט זיך אײַנאָרדענען אין דער פאַרמערײַ און אין אַנדערע צווײַגן פון דער אור־פּראָדוקציע (ארויסצוקריגן די נאַטירלעכע אוצרות, וואָס גיבן די רויע מאַטעריאַלן פאַרן מענטש־

לעכן געברויך). ניט מער ווי 130 טויזנט ייִדן געפינט מען היינט־צו־טאָג אין דער אַמעריקאַנער פאַרמעריי. דאָס איז געוויס ניט קיין גרויסע ציפער. צום גליק איז אָבער די קוואַליטעט פון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפט אַ פיל העכערע, לויט איר באַדייטונג, ווי דער נידעריקער פּראָצענט־זאַץ פון די ייִדישע פאַרמערס צווישן די קרוב 5 מיליאָן ייִדישע נפשות אין אַמעריקע. דער צווייטער דור ייִדישע פאַרמערס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער פייאיק פאַר דער אינטענסיווער אַגריקולטור פון אַלע מינים, ווי תבואה, מילך, עופות, טאַבאַק און אַנדערע, שטייענדיק הויך איבער דעם דורכשניט פון די געוואוינלעכע יענקישע פאַרמערס אין די שטאַטן וואו די ייִדישע פאַרמעריי איז גוט אַנטוויקלט, ווי ניו דזשוירזי, קאָנעקטיקוט און אַנדערע.[3]

פּראָפעסיאָנעלע אָריענטאַציע איז באַזונדערס וויכטיק און נויטיק אין דער צייט, ווען אַזוי פיל פּראָפעסיעס און אַנדערע באַשעפטיקונגען אין אַמעריקע ליידן פון כלומרשטער איבערפילונג. וויפיל ייִדישע מעדיצין־סטודענטן זיינען באמת פעאיק צו ווערן גוטע און נוצלעכע מיטגלידער פון זייער צוקונפטיקער פּראָפעסיע? פאַרוואָס זאָל מען זיך ניט נעמען צו אַזאַ מין קאַריערע, וואָס וואָלט אויסגעקליבן געוואָרן אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּן און פּראַקטיק פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע, און ניט דווקא אַוועקגיין אויף „טראַף אָדער פעל״, גלייך אין דער מעדיצינישער שול צו שטודירן אויף דאָקטאָר? און וויפיל יונגע ייִדן, וואָס ווערן ניט צוגעלאָזן צו די היגע מעדיצינישע קאַלעדזשעס, פאָרן אַוועק צו שטודירן אין אייראָפּע!...

דאָ ווילן מיר נעמען נאָך אַ ביישפּיל. די ייִדישע פרעמד־געבאָרענע פרויען, וואָס אַרבעטן אין די אָפיסעס, זיינען בדרך הכלל אימשטאַנד צו פאַרדינגען הויכע שכירות, כמעט ווי די אַמעריקאַניש־געבאָרענע פרויען. דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך אַ סטאַטיסטישער אונטערזוכונג אויף אַ שטרענג וויסנשאַפטלעכן באַזיס.

[3] אויספירלעכער וועגן דער ייִדישער פאַרמעריי דאָ אין לאַנד ווערט געשריבן אין דער ספּעציעלער אָפּהאַנדלונג, וואָס מיר גיבן אָפּ דעם דאָזיקן ענין, ז. ווייטער אונטן זז. 255—276.

עס האָט דערבײַ זיך אַרויסגעשטעלט, אגב, אַז ייִדישע פרויען זײַנען אָבער ניט אַזוי גלײַכמעסיק אין זייער פאַרדינסט־פּייאיקײַטן ווי די פרויען אָפּיס־אָגעשטעלטע פון יעדער אַנדערער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. קורץ: די ייִדישע פרויען אין די אָפּיסעס זײַנען ניט קיין גוטע פאַרדינערקעס, אָרום און אַרום. דאָס מיינט, אַז גאָר אַ היפּשער טייל פון די ייִדישע אָפּיס־אָנגעשטעלטע פאַרדינען פיל ווייניקער ווי דער דורכשניט. קומען קומט דאָס דערפון, אַז פילע ייִדישע פרויען, וואָס האָבן לחלוטין קיין פּייאיקײַטן ניט צו אָפּיס־אַרבעט, נעמען זיך אויך צו דעם דאָזיקן ענין, פּשוט ווײַל כמעט אַלע אַנדערע פרויען־באַשעפטיקונגען, ווי הויז־באַדינונג, פאַבריק־אַרבעט, קראָם־שטעלעס און ד. גל., זײַנען בײַ זיי פאַרמיאוסט. ערשט דורך אַ געוויסער פּראָפּאַגאַנדע און פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע וואָלט אונדז אפשר זיך אײַנגעגעבן אָפּצוציען פון די כלומרשט „רעספּעקטאַבלע", באַליבטע פּראָפעסיעס יענע ייִדישע פרויען, וואָס טויגן פיל בעסער פאַר אַנדערע באַשעפטיקונגען, וועלכע זײַנען אין גרונט ניט ווייניקער חשוב ווי אַזעלכע פּאָפּולערע בײַ יונגע ייִדישע פרויען אַרבעטן ווי אָפּיס־שטעלעס, און ד. גל. אָט, למשל, די אַר־בעט פון געשולטע קראַנקן־באַדינער איז איינע פון די פּראָפעסיעס, וואָס עפענען ניט קיין שלעכטע אויסזיכטן הײַנט־צו־טאָג, און וואָלטן געדאַרפט פּאָפּולער ווערן אויף דער ייִדישער גאַס.

מיר דאַרפן, אַלזאָ, ווערן אַקטיוו אויף דעם געביט פון פּראָ־פעסיאָנעלער אָריענטאַציע, און מאַכן פון איר באמת אַ ברענענדי־קע נײַע עקאָנאָמיש־קולטורעלע אויפגאַבע. ראשית כל, לאָמיר דורך אונדזערע קינדער־שולן, דערהויפּט דורך די, וואָס ווערן געשטיצט פון די ייִדישע אַרבעטער־אָרדנס, אָנטוויקלען בײַ די עלטערן און קינ־דער דעם אינטערעס צו דער פראַגע מכוח דעם ריכטיקן אויסוואַל און צוגרייטונג־שטייגער פאַר די טעכנישע פּראָפעסיעס און פאַכן. אין אונדזערע „מיטל־שולן" וואָלט מען געדאַרפט די פראַגע פון פּראָפעסיע־אויסוואַל אײַנפירן, און דורך שמועסן אין צוגאָב צו די אַלגעמיינע לערן־קעגנשטאַנדן, דערהויבן אָט־די פראַגע צו אַ דרינ־גענדיקן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן ענין.

עס וואָלט אויך געווען אַ פּלאַן צו גרינדן ספּעציעלע סובסי־דיעס אָדער „סקאָלאַרשיפּס" פאַר די פּייאיקסטע קינדער פון די מיט־

גלידער פון אַרבעטער רינג, אָדער אַנדערע אָרדנס, וואָס ווילן זיך צוגרייטן צו נײַע פאַכן, און וואָס וועלן גיין זיך לערנען אין די אַמע־ריקאַנער לערן־אַנשטאַלטן פאַר אַלערליי נײַע טריידס, ווי די קעראַ־מישע (קאַכלאָווע), עלעקטרישע, כעמישע פאַכן, אַזעלכע לערן־געלעגנהײַטן זײַנען דאָ לרוב אין אַמעריקע, אָבער זיי בלײַבן אומ־באַקאַנט, און דעריבער אומבאַנוצט פון די קינדער פון ייִדישע אַר־בעטער און פון געוועזענע אַרבעטער.

וואָס ס'איז שײַך צו די ייִדן אין אייראָפּע, דערהויפּט דײַטש־לאַנד, פּוילן און ליטע, זײַנען דאָך שוין אַלע מסכים, אַז דער אי־בערגאַנג צו פּראָדוקטיווע פּרנסות, די אײַנפלאַנצונג פון טעכנישע קענטעענישן און געוואוינהײַטן, אויפן שטייגער פון דער „אָרט־גע־זעלשאַפט", — אַז אָט־די נײַע פאָרם פון דער ייִדישער קאָלעקטי־ווער זעלבסט־הילף איז איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע געזעל־שאַפטלעכע אויפגאַבן הײַנט־צו־טאָג. אויך בײַ אונדז, ייִדן אין אַמעריקע, איז בעצם די פּראָבלעם די זעלבע.

לאָמיר ענדלעך פאַרשטיין, ווי וויכטיק ס'איז צו סטימולירן דעם אינטערעס און ליבע צו יעדער פאַכאָווער מײַסטערשאַפט. דע־מאָלט וועט זיך שוין לאָזן געפינען אַ וועג, דורך קהלשע און סיס־טעמאַטישע מיטלען, ווי צו וועקן דעם אינטערעס צו קונסט־האַנט־ווערק און אַרבעט־פולקאָמקײַט; מיט איין וואָרט, צו דעם, וואָס מען רופט: „אַרבעט־קולטור". דאָס קען מען דערגרייכן, למשל, דורך פּעריאָדישע אויסשטעלונגען פון פײַנע אַרבעט־פּראָדוקטן און קאָנ־קורסן פאַר אָט די פּראָדוקטן; דורך קאָלעקטיווע באַזוכן פון דער פאַראינטערעסירטער שול־יוגנט און פון די תלמידים פון לערן־וואַר־שטאַטן אין די אינדוסטריעלע מוזייען און מוסטערהאַפטע שעפּער און האַנטווערק־וואַרשטאַטן, גרויסע פאַבריקן א. ד. גל. אויך דורך אינטערעסאַנטע לעקציעס מכוח דער „מאַטעריעלער קולטור", דאָס הייסט, מכוח דער אויסאַרבעטונג און אויסנוצונג פון אַלערליי פּראָ־דוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט און טעכניק בכלל, לעקציעס פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע, וואָס זאָלן, מיט איין וואָרט, שאַפן אַ פאַרשטענדעניש פאַרן ענין „אַרבעט".

גוט וואָלט אויך געווען, ווען אונדזערע אַרבעטער־אָרדנס, וואָס זײַנען, אגב, געווען דער ערשטער אָרגאַניזירטער ווילנס־אויסדרוק

פון די ייִדישע אַרבעטער אין אַמעריקע צו שאַפן פאַר זיך אינסטיטוציעס פון קאָלעקטיווער זעלבסט־הילף און סאָלידאַריטעט, ווען אַט די גרויסע אָרדנס ווײַזן איצט אַ וועג צו נײַע אויפטוען און צו אַ שאַפנדיקן אויפבלי פאַר אונדזער יונגן דור.

צום שלוס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע אָריענטאַציע פאַר ייִדן מוז נעמען אין באַטראַכט ניט בלויז די אינדיווידועלע פּראָבלעמען און פּייאיקײַטן פון יחידים, נאָר אויך די אַלגעמיינע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג־טענדענצן אין אַמעריקע בכלל און אין דער ייִדישער געזעלשאַפט בפרט. אַ גרויסער נוצן פאַר דער לייזונג פון די פאַרוויקלטע באַשעפטיקונג־פּראָבלעמען וואָלט געקומען פון דער צונויפגיסונג אָדער קאָאָרדינאַציע פון אַלע קהלשע ייִדישע אַגענטורן, וואָס גיבן זיך שוין איצט אָפּ מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע (וועג־ווײַזונג), מיט אַרבעט־פאַרמיטלונג און מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאָרשונג. אַזאַ צענטראַליזירטע אָדער פאַראייניקטע קאָנסטרוקטיווע אינסטיטוציע וואָלט נאָך מער געוואונען אין איר פּרעסטיזש און אײַנפלוס, ווען זי ווערט אַוועקגעשטעלט אונטער דעם שוץ און השגחה פון אַן אָנגעזעענער צענטראַלער קערפּערשאַפט, וואָס פאַרנעמט אַ חשובע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אין אַמעריקאַניש־ייִדישן לעבן.

די צוקונפט פון יידישער פאַרמעריי

1. איבערבליק און סך הכל

די ערשטע פּראָבע צו פאַרווירקלעכן צווישן די אַמעריקאַנער יידן אַ ברייטערע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע איז געמאַכט געוואָרן אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָר־הונדערט, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרייַנצוקומען אין לאַנד גרויסע מאַסן יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. צווישן זיי זייַנען געווען אַ סך יונגע אידעאַליסטן, טרוימער פון אַ פּשוט׳ן און געזונטן לעבן אויפן שויס פון דער נאַטור און אין גייַסט פון חברשאַפט און גלייַכ־קייַט. עטלעכע גרופּעס, ווי למשל, דער עם־עולם־קרייַז, האָבן אפילו געפּלאַנט צו גרינדן אין די ווייַטע טיילן (אין דרום און מערב) פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַן אייגענעם יידישן שטאַט, אַ גרעסערן אויטאָנאָמישן לאַנדווירטשאַפטלעכן יידישן ישוב.

ווי אַלע ווייסן, האָבן אַט די פּלענער צו קיין ממשותדיקן רעזולטאַט ניט געפירט. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַזעצט קליינע גרופּעס אין האַלב־קאָמוניסטישע נייַע קאָלאָניעס. דער דורכפאַל דערקלערט זיך גאַנץ פּשוט: אין די יידישע אימיגראַנטן־קרייַזן זייַנען כמעט ניט געווען קיין געניטע ערד־אַרבעטער.

אין די יאָרן צווישן 1886 און 1901 זייַנען געמאַכט געוואָרן נייַע פּראָבעס (אויף די קאַפּיטאַלן פון באַראָן הירש) צו באַזעצן אויפן לאַנד אָרימע אימיגראַנטן־פאַמיליעס פון די גרויסע שטעט (ניו יאָרק, פילאַדעלפיע). מ׳האָט פאַר זיי געקויפט לאַנד אין דרום־טייל פון שטאַט ניו דזשוירזי, אַרום דעם שטעטל ווייַנלאַנד. דאָרט זייַנען געגרינדעט געוואָרן עטלעכע יידישע דערפלעך, ווי כרמל, אַלאַיענס, און אויך איין אַגריקולטורעל־אינדוסטריעל יידיש שטעטל, וואודבייַן.

אַ סך פון די פּיאָנערן קאָלאָניסטן האָבן זייערע פאַרמס פאַר־לאָזן גלייך אין די ערשטע יאָרן. דער גרעסטער טייל פון די, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן דאָרט, האָבן זיך גענומען צו שניידער־אַרבעט, קרעמעריי, מעקלעריי און דאָסגלייכן. בלויז אַ טייל פון די ערשטע יידישע פאַרמערס אין ניו דזשוירזי האָבן ביסלעכווייז, מיט מי און מאַטערניש, זיך צוגעפּאַסט צום שטייגער פון דער דאָרטיקער פאַר־מעריי, וואָס פלעגט באַשטיין דערהויפּט פון פרוכט און גרינס־גערטנעריי.

די וויכטיקסטע שטערונגען אין דער אַנטוויקלונג פונם ערשטן קאָנצענטרירטן יידישן פאַרם־ישוב אין אונדזער לאַנד זיינען געווען אָט־די: אַ ניט־געראָטענער אויסוואַל פון באָדן פאַר די קאָלאָניעס; מאַנגל פון נאָענטע גוטע מערק פאַרן פאַרקויף פון די פּראָדוקטן, און אַן אומפּאַסיקער מענטשלעכער מאַטעריאַל צווישן די ערשטע קאָלאָניסטן — וואָס זיינען אַלע (אָדער כמעט אַלע) געווען שטאָ־טישע מענטשן.

ווידער האָבן שטאַרק געשטערט די פאָלגנדיקע אומשטענדן: ווייניק הילף פון די פרויען און קינדער אין די פאַרמער־משפחות; אַ שוואַכער חשק ביים יונגן דור צו פאַרבלייבן אויף די פאַרמס, און דער ביוראָקראַטיזם פון דער באַראָן הירש אַדמיניסטראַציע.

אין גרעסטן צענטער פון נייעם ישוב, אין וואודביין, נ. דזש., האָבן אין 1892 געלעבט אַרום 60 יידישע פאַרמער פאַמיליעס; אין 1901 איז זייער צאָל געווען 52, און אין 1909 אויך ניט פיל גרעסער, דאָס הייסט, דער ישוב איז כסדר געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. אין יאָר 1909 האָט דאָס שטעטל, וואו יידן זיינען געווען 94 פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג, געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 2300 נפשות, אָבער בלויז אַ 200—300 פון זיי האָבן געלעבט פון „דער סאָכע" אָדער פון גאָרטן, עופות אָדער בהמות.

אין 1894 איז אין וואודביין געעפנט געוואָרן אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכע שול פאַר יידן, אָנגעפירט פון אַגראָנאָם פּראָפ. הירש־לייב סאַבסאָוויטש (1860—1915), אַליין אַן אימיגראַנט און אַ הויך־אידעאַליסטישער מענטש.

די סיסטעם, וואָס איז באַנוצט געוואָרן אין דער ערשטער עפּאָכע פון קאָלאָניזאַציע, צו באַזעצן פון רחמנות וועגן אָרימע

שטאָטישע ייִדן אויפֿן לאַנד, ווי ס'איז נאָר וואָס באַשריבן געוואָרן, איז אויך שטענדיק מיאוס קאָמפּראָמעטירט געוואָרן אין דער ייִדישער אַמעריקע. אַ גאַנץ נײַער פּלאַן האָט מיט דער צײַט פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דער באַוועגונג „צוריק צום באָדן" דאָ אין לאַנד, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן דער גרעסטער און געדיכטסטער ייִדישער קיבוץ פֿון דער וועלט.

כמעט פֿון זיך אַליין, אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן וועג, במשך פֿון די ערשטע צען יאָר פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט (1901—1910) איז אויסגעוואָקסן דאָ אין לאַנד אַ היפּשע צאָל דערפֿאָלגרײַכע ייִדישע פֿאַרמערס. זינט 1901 זײַנען טאַקע מער קיין פּראָבעס אין אַמעריקע שוין קיינמאָל ניט אונטערגענומען געוואָרן מצד דעם באַראָן הירש פֿאָנד, וואָס האָט, זינט 1900 און כסדר ביז איצט געפֿירט זײַן אַרבעט אונטער דער פֿירמע פֿון דער „ייִדישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפֿט". זי האָט איר זיץ־פּלאַץ אין ניו יאָרק, מיט צווײַגן אין אַנדערע פּונקטן. איר ציל איז צו העלפֿן יענע ייִדישע פֿאַמיליעס, וועלכע ווילן אַליין, דורך זייער אייגענער איניציאַטיוו, זיך נעמען צו דער פֿאַרמער־פּרנסה.

די דאָזיקע געזעלשאַפֿט העלפֿט דעם ייִדישן פֿאַרמער דורך הלוואות און מיט פֿאַכמענישער קאָנסולטאַציע (עקאָנאָמישער, סאַניטאַרישער און קולטורעלער) און אַגראָנאָמישן אינסטרוקטאַזש.

די פֿאַרמערײַ האָט אין דער צווייטער עפּאָכע (זינט 1901) פֿון ייִדישער ווירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע אָנגעהויבן צוציען אַלץ גרעסערע צאָלן פֿון די אײַנגעזעסענע אימיגראַנטן און זייערע קינדער. אין יאָר 1909 האָט די „ייִדישע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפֿט" געעפֿנט בײַ זיך אַ ספּעציעלן „דעפּאַרטמענט פֿאַר קאָלאָניזאַציע", וואָס זײַן צוועק איז צו געבן דעם עולם, וואָס זוכט פּרנסה פֿון פֿאַרמערײַ, פֿאַכמענישע ידיעות מכוח דעם באָדן, וואָס אַ שטאָט־מענטש קלײַבט זיך צו קויפֿן און ווייסט דערבײַ ניט, ווי דער שטייגער, דעם ריכטיקן ווערט פֿון דעם שטיקל ערד. אויך אַ דעפּאַרטמענט פֿאַר אַרבעט פֿאַרמיטלונג (צו רעקאָמענדירן יונגע לײַט צו די פֿאַרמער, וואָס זוכן סעזאָן אַרבעטער און פּראַקטיקאַנטן) איז דעמאָלט, מיט 30 יאָר צוריק, געעפֿנט געוואָרן.

די „געזעלשאַפֿט" האָט זיך אויך פֿאַראינטערעסירט מיט די

קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פון די פאַרמערס, ווי קרעדיט־יוניאָנס, פּײַער אַסעקוראַנץ און ד. גל. זי האָט אויך געגעבן אינ־דיווידועלע הלוואות אויף פּראָדוקטיווע צוועקן. אין די לעצטע יאָרן זאָרגט די „אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט" פאַרן יונגן יידישן פאַרמער דור, ווי מיר וועלן דאָס נאָך באַשרײַבן גענויער און אויס־פירלעכער אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

במשך פון די לעצטע דרײַ־פיר צענדליק יאָר איז, פון עטלעכע הונדערט יידישע פאַרמער פאַמיליעס, די יידישע פאַרמערײַ אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויסגעוואַקסן צו אַ קיבוץ, וואָס ווערט דורך געניטע פאַכלײַט אָפּגעשאַצט אין בערך 25 ביז 30 טויזנט משפחות, אָדער אַרום 150 טויזנט נפשות.

איבער אַ מיליאָן אַקער לאַנד זאָל זיך געפינען, ווי ס'זאָגן אָט־די עקספּערטן, אין יידישן באַזיץ אין אַלע 48 שטאַטן. יידישע פאַרמערס טרעפט מען איצט אָן אין יעדן צווײַג פון דער אַמערי־קאַנער לאַנדווירטשאַפט, און אין אַלע טיילן לאַנד. דער גרעסטער טייל לעבט אָבער אין 3—4 מזרח שטאַטן — ניו יאָרק, קאָנעק־טיקוט, מאַסאַטשוזעטס און ניו דזשוירזי. אַ סך פון זיי פירן אײַן נײַע טיפּן פון פאַרמערישער פּראָדוקציע, וואָס זײַנען פריער אין די באַטרעפנדיקע געגנטן וויניק אָדער גאָרניט קולטיווירט געוואָרן, ווי טאַבאַק, פרוכטן און גרינסן, אַפּטייק־גראָזן, חוץ, נאַטירלעך, סטאַנדאַרד פּראָדוקטן, ווי מילך, עופות און תבואה.

דער יידישער פאַרמער, וואָס איז אין 9 פאַלן פון יעדע 10 אַ געוועזענער שטאָט־מענטש, שטייט בדרך כלל אין זײַן לעבנסשטיי־גער העכער פון די ניט־יידישע שכנים אַרום אים. ער גיט אויס מערער געלט אויף הויז־אײַנריכטונגען, מעבל, אויטאָמאָבילס און דאָס גלײַכן. מ'קען אַלע יידישע פאַרמערס אין אַמעריקע אײַנטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס. פון איין זײַט האָט איר דעם גאַנץ דער־פאָלגרײַכן פאַרמער, וואָס האָט דורך זײַן איניציאַטיוו און ענערגיע, און אפשר אויך מיט דער הילף פון זײַן פריערדיקער דערפאַרונג (אין אייראָפּע) און אײַגענעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל זיך דערהויבן צו אַ באַפרידיקנדיקן עקאָנאָמישן מעמד.

פון דער צווייטער זײַט, אָפט בשכנות מיטן דערפאָלגרײַכן פאַרמער, געפינט מען אַ סך עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע יידישע

לאַנדווירטן. זיי מוזן אָנקומען צוליב פּרנסה, חוץ דער אַרבעט אין פעלד און גאָרטן, און צו אַזעלכע „ווינט־עסקים" ווי האַלטן זומער־אורחים, האַנדלען, מעקלערן, אויפקויפן אַלטוואַרג א. אַ. וו.

דער געזונטער ייִדישער פאַרמער־עלעמענט שטאַמט אָבער פון יענע מענטשן, וועלכע נעמען זיך מיט פלייס און ענערגיע צו דער ניט לייכטער פּרנסה און אַרבעטן אינאיינעם מיט זייערע פרויען און קינדער אין פעלד, גאָרטן אָדער אַרום די בהמות און עופות. כמעט ביי 60 פּראָצענט פון די ייִדישע פאַרמערס איז די פאַרמעריי שוין געוואָרן אַן איינגעפונדעוועטע פּרנסה, ווייל זיי זיצן אויף זייערע פאַרמס שוין איבער 10—12 יאָר צייט.

צוויי געדיכטע ייִדישע פאַרמער־צענטערס האָבן זיך געשאַפן אין די לעצטע 40—50 יאָר. איין גרויסער צענטער געפינט זיך אין די בערגיקע געגנטן פון ניו יאָרק סטייט (קעטסקילס), וואו די זומער־געסט האָבן באַשאַפן פאַרן לאָקאַלן פאַרם־פּראָדוקטן מאַרק אי אַפּנעמער, אי שכנים, וואָס פאַרלייכטערן פאַר אַ סך לאַנדווירטן דעם יאָך פון דער שווערער פּרנסה. דער צווייטער צענטער, אַ פיל וויכטיקערער און געזינטערער, איז אין מיטלסטן און דרום־טייל פון ניו דזשוירזי, וואָס איז שוין פון לאַנג, ווי מיר האָבן אויבן גע־וויזן, געמאַכט געוואָרן פאַר אַ צענטער פון ייִדישע קאָלאָניזאַציע באַמיאונגען דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די ייִדישע עופות־פאַרמערס אין יענעם טעריטאָריעלן צענטער (צענטראַל און דרום ניו דזשוירזי) זיינען געוועזן די פּיאָנערן פון דער דאָרטיקער אייער־פאַרמעריי (פּאָלטרי) און אויך אַקטיווע טוער צו באַשאַפן די „מאַרק־אַסאָציאַציעס", דאָס הייסט, פאַרקויף קאָאָפּע־ראַטיוון, כדי צו פאַרמיידן די עקספּלואַטאַטאָרס ספּעקולאַנטן, אי־בערקויפער א. אַ. וו. אויך אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונ־גען, ווי קרעדיט יוניאַנס, איינקויף פאַראיינען פון מאַשינען, מאַטע־ריאַלן און דאָס גלייכן, זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די ייִדישע פאַרמערס פון ניו דזשוירזי, אָבער אויך פון אַנדערע שטאַטן, ווי ניו יאָרק און קאָנעקטיקוט.

דאָס רוב אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס נעמען זיך צו פאַרמעריי, האָבן אַ קנאַפּן באַגריף מכוח דעם אמתן געלט־ווערט פון פאַרם־באָדן (באשר זיי מעסטן אַלץ מיט די מקחים אויף שטאָטישע „ריעל

עסטייט״) און מכוח אַנדערע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער פאַרם־עקאַנאָמיק. זיי צאָלן בדרך כלל שטאַרק איבער גלייך ביים ערשטן טריט צו דער נייער פּרנסה. אָפט פאַלן זיי אַ קרבן פון באַטרוג דורך פאַרם־לאַנדפאַרקויף אַגענטן, ספּעקולאַנטן און קונקל־מונקל מעקלערס. דאָס איז אַ מניעה פאַרן וואוקס פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט.

די צווייטע שטרויכלונג פאַרן יידישן פאַרמער אין אַמעריקע, איז זיין נייגונג צוזאַמענצובינדן די פאַרמעריי מיט זומער־געסט עסקים. די דאָזיקע האַלב־שטאָטישע פּרנסה שטערט אָבער אָן אַ שיעור דעם לאַנדווירט, ווייל דווקא דער זומער־סעזאָן איז דאָך די צייט, וואָס פאָדערט פון פאַרמער, און פון זיין הויז־געזינד, די גרעס־טע מי און אויפמערקזאַמקייט.

אפילו דער פּערמאַנענטער קריזיס אין דער אַמעריקאַנער פאַר־מעריי, זינט 1921, האָט ניט אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט דעם חשק ביי די יידישע שטאָטישע קרייזן זיך צו נעמען צו פאַרמערשע פּרנסות. איצט, ווען די גאַנצע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט באַשעפ־טיקט זיך מיט די ברענענדיקע פּראָגעס פון פאַרם־רעפאָרמען, און ווען די אַמעריקאַנער פאַרמערס גופא, דערהויפּט די פאַרמעגלעכערע צווישן זיי, זוכן צו פאַרבעסערן אויף קאָאָפּעראַטיווע אופנים זייער עקאָנאָמישן מצב, — לאָזט זיך דערוואַרטן, אַז ס׳וועט ביי די אַמע־ריקאַנער יידן אַלץ גרעסער ווערן דער אַנטייל פון די לאַנדווירט־שאַפטלעך־טעטיקע, דאָס הייסט, פון פאַרמערס, צווישן דער 4—5 מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. די נייע פּערספּעק־טיוון, די אויסזיכטן פאַר דער יידישער לאַנדווירשטאַפט אין אַמע־ריקע, זיינען בשום אופן ניט קיין פינצטערע אָדער אפילו צווייפל־האַפטיקע. גאָר פאַרקערט — זיי באַרעכטיקן אונדז צו אַ געוויסן אָפּטימיזם.

2. דער יונגער דור און די פאַרמעריי

דורך די לעצטע 25—30 יאָר האָבן טויזנטער האַרעפּאַשנע יידישע משפחות אין אַמעריקע זיך באַזעצט אויפן לאַנד. גאָר אַ גרויסער טייל פון זיי, אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, זיינען

געוואָרן, ווי מיר האָבן געזען, דערפאָלגרייכע פאַרמערס. סײַ זיי, סײַ די ווייניקער דערפאָלגרייכע האָבן מיט זייער האָרעוואַניע גע־האָפט צו שאַפן אַ שטענדיקן מקור פון חיונה פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער.

אָבער בעת ס׳פלעגט קומען צו רייד מכוח דער צוקונפט פאַר די קינדער, אויסגעהאָדעוועטע אויף די פאַרמס, זײַנען פון שטענדיק געשטאַנען פאַרן ייִדישן פאַרמער אין אַמעריקע שווערע פּראָבלע־מען. ס׳איז יאָרנלאַנג געווען אַ ברייט־אָנערקענטער כּלל, אַז דער יונגער ייִדישער דור, די קינדער פון די פאַרמערס, קלערט אפילו גאָרניט מכוח פאַרבלײַבן אויף די פאַרמס, ווײַל זיי, אַט די זין און טעכטער פון ייִדישע פאַרמערס, ציט כּסדר „צוריק״ אין שטאָט אַרײַן, אַז זיי ווילן פון פעלד־אַרבעט, אָדער אַנדערע צווײַגן פון דער לאַנדווירטן־פּרנסה, ווי עופות־צוכט, מילך־ווירטשאַפט און דאָס גלײַכן, ניט וויסן און ניט הערן. מיט איין וואָרט — די יוגנט רײַסט זיך צו דער גרויסער שטאָט, און די עלטערן בלײַבן איינזאַם און עלנט אַזוי שנעל ווי די יוגנט קומט אַרײַן אין די רײַפע יאָרן און קען דווקא גוט טויגן צו דער אַרבעט אַרום דער ווירטשאַפט.

כּל זמן אַזאַ לאַגע איז געווען אַ פאַקט (און אַ שטיק צײַט איז עס יאָ געווען אַזוי), זײַנען במילא די אויסזיכטן פאַרן ייִדישן פאַר־מער געווען גאָרניט קיין פרייגלדיקע. און טאַקע: וואָס פאַר אַ ממשות קען האָבן אַ דאָרפישער ישוב, ווען דער יונגער דור קערט זיך פון אים אָפּ, און קיין נײַע, פרישע בלוט פון די אייגענע רייען קומט ניט צו?

ווען דאָס וואָלט ווירקלעך האָבן געווען שטענדיק אַן אַלגע־מיין־הערשנדיקער צושטאַנד, לחלוטין אָן קיינע אויסנאַמעס, וואָלטן שוין ביז איצט מסתם גאָר קיין שום אײַנגעזעסענע פון 30 אָדער 25 יאָר און מערער, ייִדישע פאַרמערס אין אַמעריקע בכלל ניט געווען אפילו אויף אַ רפואה. צום גליק האָבן אָבער שטענדיק, און דערהויפּט אין די לעצטע 20 יאָר, אַ טייל פון די ייִנגערע עלטער־מענטשן אין די פאַרמער־פאַמיליעס גופא, און אויך צוגעקומענע פון די שטעט יונגע לײַט, יאָ געפונען אַ צופרידנשטעלונג אין דער ניט־לײַכטער, אָבער אויך אינטערעסאַנטער, ווײַט ניט קיין אומעטיק־מאָנאָטאָנער פאַרם־פּרנסה. אַט פון די רייען פלעגט יאָרנלאַנג קומען

דער צוואוואוקס, די פאַרבײַטונג־שיכט, צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די עלטערן און סתם האַרעפּאַשניקעס, וואָס זײַנען געוואָרן אַלט און שוואַך אָדער זײַנען אַראָפּ פון דער לעבנס־אַרענע אינגאַנצן.

אינצווישן איז דער נאַטירלעכער פאַרעלטערונג־פּראָצעס בײַם עלטערן דור ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס זײַנען ביזן יאָר 1929 געווען דער רוב בנין ומנין און אונדזערע ייִדישע פאַרמערס אין אַמעריקע, אַוועק אין גאַנג מיט פאַרשנעלערטע טריט. דער דורכשניטלעכער עלטער פון אַזאַ ייִד, ווי פון אַלע ייִדן־אימיגראַנטן אין לאַנד, איז איצט שוין וואַרשײַנלעך אַרום 55 יאָר, און פאַר פאַרם־מלאכות איז דער עלטער שוין ניט פון די בעסטע, פון די גאַנץ פאַסיקע...

די פראַגע מכוח אַזאַ ייִדישן יונגן עלעמענט, וואָס זאָל מיט דער צײַט ווערן און קענען זײַן דער הויפּט־טרעגער פון דער ייִדישער פאַרמערײַ, האָט, דעריבער, אָנגעפאַנגען ערנסט צו באַשעפטיקן אַלע די, וואָס אַרבעטן, מעשה עקספּערטן און וועגווײַזער, מיטן ייִדישן פאַרמער שוין עטלעכע צענדליק יאָר כסדר (ווען זיי, די אָרגאַנאַמען, אינסטרוקטאָרן און אַנדערע פאַכלײַט פון דער „ייִדישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט" האָבן מיר געשריבן אין פאַריקן קאַפּיטל). אין די לעצטע יאָרן איז אין יענע קרײַזן רײַף געוואָרן דער געדאַנק, אַז באַלדיקע פּראַקטישע טריט זײַנען נויטיק, אויב מ'וויל באמת באַצײַטנס באַוואָרענען פאַר דער ייִדישער פאַרמערײַ אין אַמעריקע אַ וועלכע ס'איז מער צי ווייניקער זיכערע צוקונפט. אגב, איז דאָך די לעצטע יאָרן אַזוי שאַרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע מכוח די עקאָנאָמישע אויסזיכטן פאַר דער יוגנט, און בפרט דער ייִדישער יוגנט, דאָ אין לאַנד...

אָט אַרום דער דאָזיקער פראַגע האָבן זיך געדרייט די זאָרגן פון די ייִדישע קהלשע אַגריקולטור־טוער אין די לעצטע יאָרן, און ס'איז אַ זייער דערפרייענדיקער פאַקט, אַז אין בערך קורצער צײַט איז אויפן דאָזיקן געביט שוין דערגרייכט געוואָרן אַ שפּאַר ביסל גוטע רעזולטאַטן.

אין הערבסט 1936 איז דורך דער „ייִדישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט" אין ניו יאָרק אַוועקגעלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַ ברייטערער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די קינדער פון ייִדישע פאַרמערס איבערן לאַנד. אין משך פון יאָר 1937 איז דער פּראָיעקט

באַארבעט און פאַרפּאָלקאַמט געוואָרן, און דער פּלאַן איז טיילווייז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן.

די נײַ־געשאַפענע יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט מען אָנגערופן „רור־ראַל יוטה אָוו אַמעריקאַ" (לאַנדווירטשאַפטלעכע יוגנט פון אַמעריקע), און די באַוועגונג האָט שוין געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ סך ייִדישע פאַרם־ישובים אין די שטאַטן אַרום ניו יאָרק. אין דער לעצטער צײַט איז אָט־די קערפּערשאַפט נאָך אויסגעברייטערט געוואָרן, און האָט אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע, וואָס פאַרוואַנדלט זי אין אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט זײַן בכוח אַרײַנצונעמען צו זיך די זין און טעכטער פון ייִדישע פאַרמערס אין לאַנד. דאָס וועט זײַן די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון אָט־דעם מין אין גאַנץ אַמעריקע. עס זײַנען נאָך דערווייל אין אַמעריקע קיינמאָל ניט געווען קיין ספּעציעלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון דעם פאַרם־עלעמענט.

צווישן די פּאַראַדאָקסן פון ייִדישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרף מען, בכן, פאַררעכענען אָט־דעם דאָזיקן נײַעסטן טשיקאַווען בײַשפּיל: ייִדן, וואָס זײַנען אַ נישטיק־קליינער טייל פון היגן, אַמעריקאַנישן פאַרמער־קלאַס, זײַנען געווען די ערשטע צו אָרגאַניזירן אַ פאַרצווײַגטע יוגנט־באַוועגונג פון די פאַרמערשע קינדער, בחורים און מיידלעך...

די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט קולטורעלע (גײַסטיקע) און ריין־עקאָנאָמישע צילן. זי שטרעבט צו פאַרזיכערן פאַר דער ייִדישער פאַרם־יוגנט אין אַמעריקע דעם איבערגאַנג צו אַ העכערער שטופע פון לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע (דורך פאַך־קורסן, לעקציעס, אויסשטעלונגען, פאַרם־דעמאָנסטראַציעס א. אַ. וו.), געפינען די פּאַסיקע באַשעפטיקונגען פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע סטודענטן, וואָס זוכן פאַרמערײַ־פּראַקטיק אין פאַרגעשריטענע ווירטשאַפטן (פאַרמס); געבן שטעלעס פאַר די, וואָס זוכן באַצאָלטע באַשעפטיקונגען, און בכלל פאַרשטאַרקן די פרײַנדשאַפט צווישן דער ייִדישער פאַרם־יוגנט, דורך חברשע צוזאַמענקונפטן, פאַרווײַלונגען און דאָס גלײַכן.

צווײַגן פון דער נײַער יוגנט־אָרגאַניזאַציע עקזיסטירן שוין אין אַלע גרעסערע ייִדישע ישובים פון די סטייטס ניו יאָרק און ניו דזשורזי, און אין עטלעכע אַנדערע. אויך אין די שטעט איטהאַקאַ,

ניו יאָרק, און ניו בראָנזוויק, נ. דזש., וואו ס׳גפינען זיך די צוויי גרויסע אַגריקולטורעלע קאָלעדזשעס פון אַט־די צוויי שטאַטן, וואו ס׳לערנען זיך אויף אַגראָנאָם אַ סך יידישע סטודענטן, עקזיסטירן איצט צווייגן פון דער „רוראַל יוטה אָוו אַמעריקאַ״, דאָס הייסט, פון דער יידישער יוגנט־באַוועגונג צווישן די פאַרם־עלעמענטן.

אין דער ענגלישער אָפטיילונג פון דעם זשורנאַל „דער יידישער פאַרמער״, וועלכן עס גיט אַרויס שוין 30 יאָר די „יידישע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט״, ווערן רעגלמעסיק געדרוקט באַריכטן וועגן אָט דער נייער און אינטערעסאַנטער באַוועגונג.

אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער באַוועגונג איז אויך אינטערעסאַנט דער פאָלגענדיקער פאַקט, וועלכן ס׳האָט קורץ פאַר זיין טויט איבערגעגעבן אין אַן אינטערוויו מיט אַ יידישן זשורנאַליסט דער אין יאָר 1939 פאַרשטאָרבענער יידישער געלערנטער, פּראָפעסאָר יעקב ליפּמאַן, דעקאַן פון אַגריקולטורעלן דעפּאַרטמענט פון ראַטגערס אוניווערזיטעט, ניו דזשערזי. לויט זיינע רייד, באַטרעפן איצט יידן אַ פינפטל פון אַלע סטודענטן פון אַגראָנאָמישן פאַקולטעט דאָרט, הגם יידן זיינען בלויז פינף אָדער זעקס פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון סטייט ניו דזשורירזי. אויף אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַקולטעטן איז דער פּראָצענט פון יידישע סטודענטן איצט נאָך אַ העכערער.

בכלל זיינען אין די לעצטע צען יאָר, ווי פּראָפ. ליפּמאַן האָט דערציילט, צוגעקומען פיל מער יידישע סטודענטן אין לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעדזשעס ווי במשך פון די גאַנצע צוואַנציק יאָר: 1908 ביז 1928. אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַך־בילדונג האָבן שוין באַקומען שטעלעס אין די עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס, לאַבאָראַטאָריעס און אַזוי ווייטער, וועלכע די רעגירונג האַלט אויס. חוץ פּראָפ. ליפּמאַן, זיינען דעמאָלט געווען אויף דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַקולטעט פון ראַטגערס אוניווערזיטעט נאָך עטלעכע יידישע געלערנטע־אַגראָנאָמען ווי דר. יעקב ש. יאפע, דר. וואַקסמאַן און אַנדערע.

עס קען, אגב, קיין צווייפל ניט זיין, אַז אין דער פאַרגעשריטענער לאַנדווירטשאַפט עפנט זיך אַ נייער ברייטער פעלד פאַר יענע געבילדעטע יונגע יידן אין אַמעריקע, וואָס ווילן פאַרדינען אויף אַ

באַשײדענער אָבער זיכערער עקזיסטענץ דורך אַן אינטרעסאַנטער, װיסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישער אַרבעט. ברײטע פֿעלדער פֿון נאַטור־װיסנשאַפֿט, באַזונדערס די, װאָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער פֿאַר־שונג און אױפֿהיטונג (קאָנסערװאַציע) פֿון באָדן, פֿון דער „מאַמע־ערד", װאַרטן נאָך אױף די געהעריקע גײַסטיקע כּוחות, װאָס זאָלן זיך מיט זײ אָפּגעבן אין די אינטערעסן פֿון אַ בעסערער, מער פֿרוכטבאַרער לאַנדװירטשאַפֿט.

אין דער אַגריקולטור, נאָך מער װי אין אַנדערע צװײַגן פֿון דער הײַנטיקער עקאָנאָמיק, איז דאָ פּלאַץ פֿאַר שטענדיקע פֿאַרבעסע־רונגען און די מעטאָדן און מיטלען פֿון אַרבעט און װירטשאַפֿט פֿירונג. די אַגריקולטור איז בכן אַ גוט־צוגעפּאַסטער געביט פֿאַר יענע טײלן פֿון דער ייִדישער געבילדעטער יוגנט (אױב זײ האָבן נאָר די נױטיקע פֿײיִקײטן און שולונג), װאָס קלערן מכּוח נײַע קאַריערעס און פּראָפֿעסיעס אַנשטאָט די, ביז די ראַנדן אָנגעפּילטע, פֿעלדער פֿון מעדיצין און יוריסטיק.

דאָס איז אַ גוטע עצה, אפֿשר אַן אידעאַלע כּונה און האָפֿע־נונג. פֿון אַ גרעסערער ממשות און פּראַקטישער װיכטיקײַט איז אָבער איצט אַזאַ אױפֿגאַבע: צוציען צו דער געהעריקער לאַנד־װירטשאַפֿטלעכער אױסבילדונג די קינדער פֿון די ייִדישע פֿאַר־מערס, דאָס הײסט, די יוגנט, װאָס איז אױסגעװאַקסן אױפֿן שױס פֿון דער נאַטור און איז טאַקע באַקאַנט אױס אײגענער דערפֿאַ־רונג מיט די פֿרײדן און לײדן פֿון פֿאַרמער, מיט זײַנע פּראָבלעמען און מיט די אינטערעסן פֿון אַמעריקאַנער פֿאַרמער־קלאַס בכלל און פֿון די ייִדישע פֿאַרמערס בפֿרט.

נאָך אַ צװײטער, זײער װיכטיקער נײַער אומשטאַנד װאָס װײַזט, אַז איצט איז באמת די פּאַסיקע צײַט, דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, אָנצופֿאַנגען אַזאַ אַקציע װי די „רוראַל יוטה" באַװעגונג בײַ ייִדן, איז די דערװאַכטע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַראינטערעסירונג אין גאַנץ אַמעריקע מיט די אַקטועלע יוגנט־פּראָבלעמען. זײַנען דאָך אַזעלכע נײַע אינסטיטוציעס װי די „אַמעריקען יוטה קאָמי־שאָן" (אַמעריקאַנער קאָמיסיע מכּוח יוגנט־ענינים) בײַ דער „נעשאָ־נאַל יוטה אַדמיניסטראַציע", אײנער פֿון קאָנסטרוקטיװע און נוצ־לעכסטע אױפֿטוען פֿון דער איצטיקער נאַציאָנאַלער אַדמיניסטראַ־

ציע אין וואַשינגטאָן (הגם איר פּראָגראַם און אַרבעט־פעלד זײַנען לײדער צו באַשרענקט אין פאַרנעם).

און ווי עקספּערטן פון אָט די אויטאָריטעטע אינסטיטוציעס זאָגן, איז דאָ נאָר אײן־איינציקער וועג ווי אַזוי גרויסע טײלן קענען און דאַרפן געהאָלפן ווערן דורך פּלאַנמעסיקער קהלשער טעטיקײט הײַנט צו טאָג; דער וועג איז אַזאַ: אַרײַנציען די יוגנט גופא אין די לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אי זיי שטרעבן צו קולטורעלע צוועקן (בילדונג און זעלבסט־בילדונג), אי זיי דינען גלײַכצײַטיק עקאָנאָמישע באַדערפענישן און צילן פון דעם לאָקאַלן ישוב מיט אַלע זײַנע ספּעציעלע אומשטאַנדן און באַדינגונגען.

און דווקא אָט־די צילן האָט דאָך אַוועקגעשטעלט פאַר זיך, ווי מיר האָבן געזען, דער נײַער יוגנט־פאַרבאַנד פון די ייִדישע פאַרמערס, וואָס פאַר אים האָבן די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע כלל־טוער שוין אויסגעלייגט אַ וועג און געוויזן די צילן, צו וועלכע עס איז זייער און זייער כדאַי צו שטרעבן.

3. ייִדן אין די פאַרמער־קאָאָפּעראַטיוון

אין דער צײַט, ווען די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פון דער ייִדישער שטאָטישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע זײַנען (חוץ די קרעדיט־יוניאָנס) קיין גרויסער דערפאָלג ניט געווען, איז עס אַ פאַקט, וואָס איז לײדער ווייניק באַקאַנט, אַז אויפן געביט פון פאַרמערשע קאָאָפּעראַטיוון ווערט פון אַ סך ייִדישע גרופּעס, און אויך פון אַ סך ייִדישע יחידים (מיטגלידער פון גרעסערע קאָאָפּעראַטיוון), דורכגעפירט יאָרנלאַנג אַ זייער דערפאָלגרײַכע טעטיקײט אויף אַ סך געביטן.

די ייִדישע פאַרמערס פון ניו דזשוירזי, למשל, זײַנען אין די לעצטע עטלעכע יאָר געווען די ערשטע צו שאַפן פאַרמערשע קרעדיט־יוניאָנס אויפן סמך פון דעם נײַעם קרעדיט־יוניאָן געזעץ פון זייער שטאַט. און איצט, ווען מ׳קען, לײַכטער ווי פריער, שאַפן קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון (קרעדיט־יוניאָנס) לויט די טשאַרטערס פון דער פעדעראַלער רעגירונג, זײַנען די ייִדישע פאַרמערס, וואָס פאַרשטייען די ראָלע פון אַ וואָלוועלן, צוגענגלעכן און ראיעלן קרעדיט, זייער

גערן צו באַנוצן די דאָזיקע גוטע איינפירונג פאַר זייערע עקאָנאָ־מישע אינטערעסן.

זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז די ייִדישע פאַרמערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געווען די פּיאָנערן איינצופירן (מיט דער הילף פון דער „ייִדישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט״) די פאַרמערישע קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־קאַסעס לויטן מוסטער פון די באַוואוסטע „ראַיפאַיזנשע פאָלקס־בענק״ אין דייטשלאַנד. געווען איז עס אין די יאָרן 1911—1915, און כמעט אין דער זעלבער צייט האָבן די ייִדישע פאַרמערס פון שטאַט ניו יאָרק איינגעפירט אַ צווייטן וויכטיקן צווייג פון קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט — די פייער־אַסעקוראַנץ, לויט פּרינציפּן פון קעגנזייטיקער הילף, אחדות און סאָלידאַריטעט. שפּעטער האָבן נאָך אַנדערע צווייגן — ווי אַ שטייגער קאָאָפּעראַטיווער פאַרקויף פון פּראָדוקטן, איינקויף פון מאַ־שינען און מאַטעריאַלן — זיך געלאָזט איינפירן צווישן די ייִדישע פאַרמערס, דערהויפּט אינעם מזרחדיקן טייל פון לאַנד (ניו יאָרק, ניו דזשורזי).

אין די לעצטע יאָרן האָבן די קאָאָפּעראַטיוון, די עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען פון קאָלעקטיוון מין, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך ייִדן אין אַ סך טיילן פון לאַנד (אָבער גאָר באַזונדערס אין ניו דזשורזי) — זיי אַלע האָבן זיך גאָר גוט אַנטוויקלט.

אַזוי, צום ביישפּיל, איז אַרום 1929—1930, דורך דער איני־ציאַטיוו פון עטלעכע ייִדישע פאַרמערס אין די מאַנמאַוטה און אושען קאַונטיס פון צענטראַלער ניו דזשורזי (אַרום לעיקוואוד, טאַמס ריווער און פאַרמינגדעיל) געגרינדעט געוואָרן אַ פאַרמערשער קאָאָפּע־ראַטיוו, כדי צו רעגולירן די מסחר־עסקים פון פאַרמער, ווי צו פאַר־קויפן זיינע סחורות (אייער, עופות און דאָסגלייכן) און איינצוקויפן די פאַרטיקע מכשירים און אַרטיקלען פאַר זייןווירטשאַפט, ווי מאַ־שינען, זריעה, מאַטעריאַלן און דאָסגלייכן. דער דאָזיקער קאָאָפּע־ראַטיוו, מיט איבער 500 מיטגלידער, איז אויסגעוואַקסן צו אַ מוס־טער־אינסטיטוציע, הגם אויפגעבויט האָט אים אַ קליינע גרופּע פאַרמערס, דערהויפּט ייִדן. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אַ נאָמען איבערן גאַנצן שטאַט, און הגם דער גרעסטער טייל מיטגלידער זיינע זיינען ניט־ייִדן, זיינען די אויסגעקליבענע באַאַמטע כמעט אויסשליסלעך

ייִדן, ווײַל צו זייער ערנסטער און געניטער באַציאונג צום קאָאָפּע־ראַטיוו, האָבן אַלע מיטגלידער אַן אומבאַגרענצטן צוטרוי.

אין 1937 האָט דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו געמאַכט אַ גע־שעפטלעכן אויסקער (אומזאַץ) פון איבער 300 טויזנט דאָלאַר, און ס'איז אַסיגנירט געוואָרן די סומע פון 50,000 דאָלאַר אויף אַ נײַעם ווירטשאַפטלעכן בנין פון קאָאָפּעראַטיוו. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט איר אַרבעט אָנגעפאַנגען מיט בלויז 1000 דאָלאַר, וואָס זײַנען דעם יונגן שוואַכן קאָאָפּעראַטיוו געליִען געוואָרן פון דער „ייִדישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט".

דער דאָזיקער חוב איז שוין לאַנג אָפּגעצאָלט געוואָרן. איצט ווערן די פינאַנציעלע אָפּעראַציעס דערהויפּט דורכגעפירט מיט דער הילף פון די הלוואות, וועלכע דער קאָאָפּעראַטיוו באַקומט פון די ספּעציעלע קרעדיט־אַנשטאַלטן און אַגענטורן, וואָס זײַנען פון דער רעגירונג אין די לעצטע יאָרן אויפגעבויט געוואָרן. זײַנען דאָך איצט דאָ ספּעציעלע לאַנד־בענק און קרעדיט־אַנשטאַלטן אין דעם גרעסטן טייל שטאַטן, וואו אָרגאַניזירטע פאַרמערס קריגן אַן אַ שיעור פאַרלײַכטערונגען און באַקוועמלעכקײַטן אין באַנק־וועזן.

ס'איז ניט קיין וואונדער, אַז אַט־דער גוטער בײַשפּיל האָט אַרויסגערופן נאָך זיך ענלעכע עקספּערימענטן און פּראָיעקטן. אין יאָר 1937 איז, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון ייִדישע פאַרמערס, געגרינדעט געוואָרן אַ נײַער קאָאָפּעראַטיוו אין דעם שטעטל פרענטש־טאַון, נ. דזש., וואָס איז אויך ניט קיין ריין־ייִדישער קאָאָפּעראַ־טיוו. ניט מער ווי 12 פון זײַנע 60 מיטגלידער זײַנען ייִדן, אָבער אַט דער טוץ חברים איז טאַקע די אַקטיווסטע, ענערגישסטע גרופּע צווישן די מיטגלידער, און זיי, די 12 ייִדן, האָט מען אָנגעפאַרטרויט צו פירן די געשעפטן פון קאָאָפּעראַטיוו.

אין וואודבײַן, ניו דזשורזי, אַנטוויקלט זיך דער פאַרמערשער קאָאָפּעראַטיוו אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן. אויך דאָרט באַשטייט די מאַיאָריטעט פון די מיטגלידער פון ניט־ייִדן, אָבער מ'קלײַבט דאָרט אויס די ייִדן, פון יאָר צו יאָר, אויף די פירנדיקע פּאָסטנס אין דער פאַרוואַלטונג.

דער פאַרמערשער קאָאָפּעראַטיוו אין פאַין ברוק, ניו דזשורזי, האָט אינגאַנצן 6 ייִדישע מיטגלידער, וועלכע נוצן אויס זייערע שטי־

לע ווינטער־חדשים פאַר אַ נײַעם ווירטשאַפטלעכן צווײַג, וואָס באַ־צאָלט זיך ניט שלעכט, נעמלעך, צו פאַשען גענדז. דער דאָזיקער עסק האָט זיך אַזוי גוט אַנטוויקלט, אַז די קרעדיט־באַדערפעניש פון אָט־דער קליינער פאַרמער־גרופּע (6 משפּחות) באַטרעפט איצט אַרום 50 טויזנט דאָלאַר יערלעך. פאַר זיי איז דער פאַרקויף־קאָאָ־פּעראַטיוו ניט נאָר אַן עקאָנאָמישע שטיצע, נײַערט אויך אַ גוטע פּראַקטישע שול פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייערע לאַנדווירט־שאַפטלעכע מעטאָדן און פירונגען.

אַ קלאָרער בײַשפּיל פאַר דעם ווי פּייאיק עס זײַנען די ייִדישע פאַרמערס צו פירן ווי ס׳דאַרף צו זײַן די קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן, גיט אונדז דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד, וואָס ווערט באַשריבן אין איינעם פון די לעצטע געדרוקטע באַריכטן (פאַרן יאָר 1937) פון דער „ייִדישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט״: די „פעדערייטעד עג פּראָדיוסערס קאָאָפּערייטיוו אַסס׳ן״ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1933 אין ניו דזשוירזי דורך אַ קליינעם הײַפל ניט־ייִדישע פאַרמערס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט עופות־צוכט. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך שלעכט אַנטוויקלט. דאַן זײַנען צוגעשטאַנען צו אים די ייִדישע פאַרמערס, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ שטיקל דערפאַרונג אין די פאַרמערשע פאַרקויף־קאָאָפּעראַטיוון. פון דעמאָלט אָן זײַנען די געשעפטן פון די „פעדערייטעד עג פּראָדיוסערס״ אַוועק פיל בע־סער, און אין 1937 האָט שוין דער קאָאָפּעראַטיוו פאַרקויפט אייער אויף קרוב צו 250 טויזנט דאָלאַר. ער פאַרקויפט זײַן סחורה אין די זומער־פּלעצער בײַם ברעג ים, וואו די שטאָטישע מערק פאַר טײַערע סאָרטן שפּײַז (ווי אייער און דאָסגלײַכן) זײַנען אָפּגעשוואַכט. דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו, ווי פילע אַנדערע, באַמיט זיך כסדר צו פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון זײַן סחורה, כדי צו שאַפן פאַר זיך אַ „גוטע מאַרקע״, אַ „טרעיד רעפּוטאַציע״ פאַר זײַנע פּראָדוקטן, ווייל דאָס קען ברענגען אַ ריווח. און ענלעכע דערפאָלגרײַכע פאַרמער־שע קאָאָפּעראַטיוון, וואו ייִדן נעמען אַ זייער אַקטיוון אַנטייל, וועט איר איצט געפינען אין די אַנדערע צוויי מזרח־שטאַטן, ניו יאָרק און קאָנעקטיקוט, מיט אַ סך ייִדישע פאַרמערס.

ווי שוין אויבן באַמערקט, נוצן אויס די ייִדישע פאַרם־ישובים אין ניו דזשוירזי, ווי פערינוויל און אַנדערע, די נײַע מעגלעכקײַטן

אונטער דעם ליבעראַלן קרעדיט־יוניאַן־געזעץ אין יענעם סטייט. ייִדישע פאַרמער־גרופּעס זײַנען אויך געווען די ערשטע צו קריגן טשאַרטערס פאַר נײַע קרעדיט־יוניאַנס אונטער דעם פעדעראַלן געזעץ, וואָס איז ערשט אין יאָר 1936 אַרײַן אין קראַפט, נאָך לאַנגע באַמיאונגען פון די דעמאָקראַטישע און עכט־פּראָגרעסיווע קרײַזן אין דער אַמעריקאַנער קרעדיט יוניאַן־באַוועגונג.

די ייִדישע פאַרמערס פון ניו יאָרק און ניו דזשוירזי האָבן אין די לעצטע עטלעכע יאָר געגרינדעט פינף אָדער נאָך מער קרעדיט יוניאַנס, וואָס ברענגען זיי אַ קאָלאָסאַלן עקאָנאָמישן נוצן. די פאַרמערס באַרגן געלט פון אָט די קליינע פאָלקס־בענק, די קרעדיט יוניאַנס, אָן דעם ביוראָקראַטישן פלאָנטער פון תקנות און רעגולאַציעס, און זיי קענען אָפּצאָלן די חובות אין קליינע וועכנטלעכע ראַטעס.

אַ גאָר גרויסער דערפאָלג איז די ייִדישע פײַער־אַסעקוראַנץ קאָאָפּעראַציע. אין די 25 יאָר, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע פײַער־פאַרזיכערונג געזעלשאַפט פון די סאַליוואַן און אָלסטער קאַונטיס, ניו יאָרק, עקזיסטירט, האָט זי זיך אַנטוויקלט ווי ס׳קען גאָר ניט זײַן בעסער. זי האָט שוין אַ פּאָרטפעל פון איבער 15 מיליאָן דאָלאַר פײַער־פאַרזיכערונג ריזיקעס. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אין וואודברידזש, נ. י., פאַרטיק געוואָרן אַן אייגענער פײַער בנין, וואו ס׳געפינט זיך דער אָפיס פונם קאָאָפּעראַטיוון פײַער־אַסעקוראַנץ פאַראיין פון די ייִדישע פאַרמערס, האָטעל־באַזיצער און אייגנטימער.

אגב, איז דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו אַ רעזולטאַט פון דער דיסקרימינאַציע און אַנטי־ייִדישן באָיקאָט מצד פילע קאַפּיטאַליסטישע פײַער־אַסעקוראַנץ־פירמעס לגבי ייִדישע פאַרמערס און הויז־באַזיצער. הײַנט־צו־טאָג זײַנען די טאַריפן (רעיטס) פון דעם ייִדישן פײַער־אַסעקוראַנץ קאָאָפּעראַטיוו פיל נידעריקער ווי אין די פּריוואַטע קאָמפּאַניעס גופא; און יענע, למשל, וואו מ׳האָט פון „ייִדישע ריזיקעס” זיך געהאַט אָפּגעקערט אַמאָל, ווי אַ טײַוול פון ווײַרויך.

מען קען צום שלוס זאָגן, אַז די ייִדישע פאַרמערס, בלי שום גוזמא, זײַנען געווען די פּיאָנערן פון אַ סך צווײַגן פון ווירטשאַפט־לעך־קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אין אַמעריקע. נאָך מער : גאָר

אַ סך פון די אינסטיטוציעס אויף אַט־דעם געביט, וואָס די ייִדן האָבן געשאַפן, דינען ווי מאָדעלס און גוטע מוסטערן פאַר די ניט־ייִדישע פאַרמערס. אַלע פאַרמערס, ייִדן און אַנדערע, הויבן ערשט איצט אָן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ריזיקן נוצן און וויכטיקע הילף זיי קענען באַקומען דורך די טיכטיקע און ראַיעל־געפירטע קאָאָפּע־ראַטיווע פאַראייִנען.

אַלזאָ, די ייִדישע פאַרמערס האָבן, דורך די לעצטע 25 יאָר, ענערגיש מיטגעהאָלפן צום גרויסן דערפאָלג פון דער פאַרמערשער קאָאָפּעראַציע בײַ אונדז אין לאַנד.

4. אויפן שוועל פון אַ נײַער תקופה

ניט לאַנג צוריק, אין 1937, איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט ס׳זײַנען אויפגעקומען בײַ ייִדישע פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע אַ פאַרלאַנג און אַ נייגונג זיך צו באַזעצן אויפן לאַנד ווי פאַרמערס. דעמאָלט, אין יאָר 1837, האָט אַ הײַפל אָרימע ייִדן, אימיגראַנטן פון רוסלאַנד אָדער פּוילן, באַשלאָסן זיך צו נעמען צו פאַרמערײַ און פּטור ווערן פון די דאגות פּרנסה אין דער גרויסער שטאָט.

די דאָזיקע איניציאַטיוו איז געקומען ניט פון אויבן, אַ דאַנק די דעות פון בעלי־צדקהס, נאָר פון די פאָלקס־קרײַזן גופא אונטער דער פירערשאַפט פון אַ געוויסן משה כהן. עטלעכע פונם קרײַזל האָבן איינציקווײַז פאַר זיך אײַנגעהאַנדלט נחלות, ד. ה. פאַרמס, אין וואַוואַרזינג, אָלסטער קאונטי, און זיי האָבן געשאַפן אַ קליינעם ישוב, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן מיטן סימבאָלישן (שוין דעמאָלט!) נאָמען — „שלום״. אין אַ פּאָר יאָר צײַט האָט די קאָלאָניע געהאַט דרײַצען ייִדישע פאַרמער־משפחות. קיין לאַנגע יאָרן זײַנען, אָבער, דעם ישוב ניט באַשערט געווען.

די אומשטאַנדן זײַנען נאָך ניט געווען מסוגל צו באַוואָרענען אַ דערפאָלג די ערשטע ייִדישע פּיאָנערן אין אַמעריקע פון דער שווערער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּרנסה. די קאָלאָניסטן האָבן גע־האַט נישטיק קליינע אייגענע קאַפּיטאַלן, לאַנדווירטשאַפטלעכע דערפאַרונג האָט זיי אוודאי געפעלט, און קיין שום געזעלשאַפט־לעכע דערמוטיקונג מן הצד האָבן זיי אויך ניט באַקומען.

צווישן חורבן און אויפבוי

שוין אין 1842, פינף יאָר נאָך דער גרינדונג, האָבן די 12—13 ייִדישע קאָלאָניסטן פון ערשטן ייִדישן דערפל „שלום“, אין די קעטס־קיל בערג, זיך אומגעקערט, מיט צעבראָכענע הערצער, צוריק אין ניו יאָרק אַרײַן. די צײַט איז, אַפּנים, נאָך ניט רײַף געווען פאַר אַ גרעסערער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע פון ייִדן אין אַמעריקע. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק האָבן די ייִדן דאָ אין לאַנד קיין גרויסן קיבוץ ניט געהאַט, אפשר, אַרום און אַרום, 15 טויזנט נפשות, די מערסטע פון זיי — שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע און דײַטש־האָלענדישע ייִדן.*

און דאָך איז יענער זאַמען, וואָס אַ הײַפל רוסיש־פּויליש ייִדן האָבן פאַרזייט, געפאַלן ניט אויף אַן אינגאַנצן שטייניקן באָדן, והראיה: הײַנט צו טאָג, האָט דאָס שטעטל וואַוואַרזינג, ניו יאָרק, אַ ייִדישן ישוב מיט אַ היפּשער צאָל פאַרמערס.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער ייִדישער פאַרמערײַ אין אַמעריקע, אַז שוין דער ערשטער ישוב אירער (הגם אַ קנאַפּ־געראָטענער אַנהויב) איז געגרינדעט געוואָרן דווקא אין יענער געגנט — אין די קעטסקיל בערג, ניט ווײַט פון ניו יאָרק. ווי אַ סך וייסן, געפינט זיך הײַנט אין יענע צוויי קאָונ־טיס (סאָליוועז, אָלסטער) פון אונדזער שטאַט ניו יאָרק די גע־דיכטסטע ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג פון גאַנץ אַמעריקע. דאָרט לעבן, חוץ די טויזנטער און טויזנטער זומער־געסט און סתם אורחים, וואָס קומען געניסן רו און צעשטרייאונג, אויך טויזנטער ייִדישע משפּחות, וואָס האָבן אַ קײַלעכדיקן יאָר אַ נאָענטע פאַרבינדונג מיט דער נאַטור, פון וועלכער ס'געראָט זיי דורך שווע־רער מי און געדולד, אויסצואַרבעטן אַ רעגולמעסיקע פּרנסה.

אַ סך גלגולים און עקספּערימענטן האָט דורכגעמאַכט די ייִדישע פאַרמערײַ אין די פאַראייניקטע שטאַטן, באַזונדערס אין די לעצטע פופציק יאָר, ווי כ'האָב אָנגעוויזן אין ערשטן קאַפּיטל פון דער אַר־בעט. זי איז, ערשט אין 1910, אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ גע־זונטן יסוד — דעמאָלט, ווען אַ היפּשע צאָל פאַסיקע עלעמענטן פון די מער אָדער ווינציקער אײַנגעזעסענע אימיגראַנטן האָבן זיך,

* אויספירלעכער וועגן דער קאָלאָניע „שלום“ ז. ביי א. ש. זאַקס: „אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט“, נ. י. 1938, זז' 163—168.

פון קיינעם ניט געטריבן, אַליין אַ קער געטאָן צו דער דאָזיקער פּרנסה און זיך אין איר אײַנגעפונדעוועט. אויך אין יענער צײַט, ווי שוין געוויזן, האָט מען די אָרגאַניזאַמישע און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע הילף אָנגעפאַנגען צו געבן די ייִדישע פאַרמערס. דעמאָלט, מיט אַ דרײַסיק יאָר צוריק, האָט די „ייִדישע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט", מיטן געלט פון באַראָן הירשס ירושה, גענומען אויף מער־ווייניקער קאָנסטרוקטיווע אופנים דינען דעם טעגלעכן לעבן און ווערק פון ייִדישן פאַרמער.

און איצט איז שוין דער ייִדישער פאַרמערשער ישוב, הגם ניט גרויס אין צאָל (עקספּערטן שאַצן אים, בערך, אויף 30 טויזנט משפּחות, אָדער קאַרגע פיר פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין לאַנד), אָבער פאַרט אַזאַ עקאָנאָמישע פּאָזיציע, וואָס איז שוין, ווי ניט ווי, אַ פאַקטאָר אין דער אַמעריקאַניש־ייִדישער עקאָנאָמיק.

וויכטיק איז אָבער ניט אַזוי די קוואַנטיטעט, ווי די קוואַליטעט פון ישוב, און מ'קען דערבײַ זאָגן, אַז פאַרן וואוקס פון דער קוואַליטעט האָבן מיר אַ גוטן סימן אינם פאַקט, אַז די רעפּוטאַציע פון דער פאַרם־פּרנסה, וואָס איז געשטאַנען גאַנץ נידעריק אין די אויגן פון די ייִדישע מאַסן נאָך מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, איז גוואַלדיק געשטיגן און האַלט נאָך אין וואַקסן עד־היום. און דאָס איז אַ פאַקט, פון וועלכן מ'האָט שוין געהערט אפילו אין די ווײַטסטע טיילן פון דער וועלט, חוץ די הונדערטער קהילות פון די אַמעריקאַנער ייִדן גופא.

אַט זעען מיר, למשל, פונם געדרוקטן באַריכט פון דער „ייִדישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט", פאַרן יאָר 1938, אַז צו אָט־דער געזעלשאַפט זײַנען במשך פון יאָר געקומען 651 אָנפראַגעס (אין 1937 בלויז — 173) פון, אָדער מכוח ייִדישע פּליטים־משפּחות, וואָס וואָלטן וועלן ווערן פאַרמערס אין אַמעריקע. גאָר אַ סך פון זיי האָבן זיך צום הויפּט־אָפיס פון דער געזעלשאַפט, אין ניו יאָרק, געווענדעט דורך בריוו, אָבער צום גרעסטן טייל פלעגן די ייִדישע פּליטים קומען פערזענלעך אין ניו יאָרקער אָפיס, כדי זיך דאָ נאָכצופרעגן אויפן געניסטן שטייגער און כדי צו קריגן הילף דורך ראַט און טאַט.

ס׳זײַנען דערבײַ געווען בקשות פון יידן פון דײַטשלאַנד (אַרײַנגערעכנט עסטרײַך), טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, פוילן, האָלאַנד, שווייצאַריע, דענעמאַרק, לוקסעמ־בורג, איטאַליע, ענגלאַנד — און אפילו פּאַלעסטינע — אַלץ מכוח דעם זעלבן ענין, נעמלעך: יידישע פאַרמערײַ אין אַמעריקע. מ׳האָט געזוכט צו באַקומען ידיעות און אַ צוזאָג מכוח ווײַטערדיקער הילף; ווער פאַר זיך גופא און ווער פון די קרובים׳ס וועגן, וואָס מען האָט געוואָלט ברייגגען, אָדער מ׳האָט שוין געבראַכט קיין אַמעריקע, ווי קאַנדידאַטן אויף נײַע יידישע פאַרמערס דאָ אין אַמעריקע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט מען אין די קרײַזן פון די יידישע פאַרמערײַ־עקספּערטן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן פאַרזיכט און מיט גרויס ישוב־הדעת צו די פּראָבלעמען פון הילף פאַר פליכטלינגע דורך פאַרמערײַ. סוף כל סוף איז דאָך פאַרמערײַ אַ פּראָבלעמאַטישער און זייער ריזיקאַלישער ענין פאַר אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זיי פעלט דערצו די ריכטיקע פאַרהעלטעניש, ווי אויך אַביסל אייגנס, און, דער עיקר, די פריערדיקע דערפאַרונג אין דער פאַרמערײַ. אין די מערסטע פאַלן האָבן די עקספּערטן פון דער „יידישער אַגריקול־טורעלער געזעלשאַפט" די בקשות פון די פליטים (פליכטלינגע) אָפּ־געוואָרפן און צעשטערט ניט ווייניק זיסע אילוזיעס...

און דאָך זײַנען שוין הונדערטער יידישע נפשות, אויב ניט משפחות פון די פליכטלינגען, אײַנגעאָרדנט געוואָרן אויף פאַרמס דאָ אין לאַנד, דערהויפּט בײַ עופות־ווירטשאַפט, גערטנערײַ און דאָס גלײַכן. און דער נײַער צופלוס פון בעלנים אויף ווערן פאַרמערס, קומט דאָך פאַר אין אַ צײַט, וואָס איז, ווי מיר האָבן געוויזן, אַן איבערגאַנג־תקופה פון איין עפּאָכע צו אַ צווייטער, וואָס פאַנגט זיך ערשט אָן, אין דער יידישער פאַרמערײַ.

דער ערשטער דור פון אונדזערע אימיגראַנטן־פאַרמערס, פאַר־געסט ניט, ווערט עלטער, ממש פאַר אונדזערע אויגן, נאָכדעם ווי אַ 30 יאָר צײַט האָט ער פאַרנומען דעם אויבנאָן. באַלד וועט ער שוין האָבן אָפּגעשפּילט זײַן אַקטיווע ראָלע אינגאַנצן, און זײַן אָרט, ווי ס׳איז לאָגיש, וואָלטן געדאַרפט פאַרנעמען די זין און טעכטער פון דעם עלטערן דור גופא.

און, צום גליק, איז דאָך טאַקע שוין אָוועקגעלייגט געוואָרן,

ווי מיר ווייסן, אַ גרונטשטיין פאַר אַזאַ בנין, פאַר אַן אָרגאַנישער פאַראייניקונג צווישן די יידישע עלטערן און קינדער, וואָס לעבן אויף די פאַרמס. אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט פון פאַראינטערעסירן דעם יונגן יידישן דור, וואָס שטאַמט פון די פאַרמס, אין דער פאַרם־פּרנסה, און געשולטע פּראָפעסיעס, וואָס שטייען נאָענט צו איר, איז שוין איצט אַ געוויינלעכע דערשיינונג. די אַרבעט ווערט אויס־געפירט, ווי מיר האָבן געזען, פונם „פאַרמערשן יונגנט־פאַרבאַנד" („רורעל יוטה אָוו אַמעריקאַ") וואָס זיין 2—3־יאַריקע עקזיסטענץ איז אי אַ קלאָרער באַווייז, אי אַ באַוואָרעניש, אַז מ'קען און מ'וועט נאָך אַ סך אויפטאָן אויפן דאָזיקן געביט.

אַ צווייטער דייטלעכער באַווייז, אַז די יידישע פאַרמעריי האָט אויסגעפירט בעסער ווי געוויסע קרייזן האָבן מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק געקלערט און גערעכנט, לאָזט זיך געפינען אינם אַנטוויק־לונג־גאַנג פונם איינציקן יידישן פאַרמער־זשורנאַל אין אַמעריקע — „דער יידישער פאַרמער".

אין יאָר 1908 האָט די „יידישע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט" אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן אַט־דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל, אין יידיש און ענגליש. די צייטשריפט האָט עקזיסטירט די גאַנצע דרייסיק יאָר כסדר. זי זוכט צו באַלייכטן, דערהויפּט, יענע ממשותדיקע פּראָבלעמען פון דער פאַרם־עקאָנאָמיק, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק פון די ספּעציאַליזירטע ווירטשאַפט־צווייגן, ווי עופות, בהמות, מילך א. ד. גל.

דער גרעסטער טייל פון זשורנאַל פלעגט, ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק, אָפּגעגעבן ווערן פאַר דער יידישער אָפּטיילונג, בעת דער ענגלישער טייל פלעגט פאַרנעמען בלויז 3—4 זייטן. אין די לעצטע צוויי יאָר, זינט ס'איז אויפגעבויט געוואָרן די „רורעל יוטה אָוו אַמעריקאַ", ווערט פאַר די באַריכטן און אַנדערע ידיעות פון אַט דער קערפּערשאַפט אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ, און, דעריבער, איז דער ענגלישער טייל פאַרגרעסערט און פאַרבעסערט געוואָרן. אָבער אויך דער יידישער טייל ווערט אַלץ אינטערעסאַנטער און לעבעדיקער. אין די לעצטע פאַר יאָר האָט מען דאָרט איינגעפירט אַ שפּאָגל־נייע אָפּטיילונג — „עלטערן און קינדער", מיט פראַגעס פון לע־זערס און ענטפערס פון דער רעדאַקציע מכוח דערציאונג, באַציאונ־

גען צווישן יידישע קינדער און ניט־יידן און ענלעכע פּראָבלעמען. די נייע אָפּטיילונג ווערט געפירט פון אַ פּרוי פון אַ יידישן פאַרמער אין ניו יאָרק סטייט, אַ פרוי, וועלכע האָט ספּעציעל שטודירט די פּראָבלעם פון פאַרבעסערן די באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער.

צווישן די לייענער פון „יידישן פאַרמער" איז לעצטנס אויפגעקומען דער פאַרלאַנג, אַז די אַרויסגעבער פון זשורנאַל (וואָס קאָסט אַרום 1 דאָלאַר אַ יאָר צו סובסקרייבערס) זאָלן אים פאַרוואַנדלען אין אַ וואָכנשריפט. דערווייל איז דאָס בלויז אַ חלום; אָבער פאַרגעסט ניט, אַז מיט 30 יאָר צוריק זיינען די סקעפּטיקער מכוח דעם צוועק און נוצן פון זשורנאַל פאַר יידישע פאַרמער געווען, מסתם, אין דער מאַיאָריטעט, בעת היינט זעען אַלע די גרויסע פּראַקטישע און קולטורעלע באַדייטונג פון אַ ספּעציעלער פּעריאָדישער אויסגאַבע פאַר די טויזנטער יידישע פאַרמערס אין אַמעריקע.

איצט, ווען די יידישע פאַרמעריי שטייט אויף דעם שוועל פון אַ נייער עפּאָכע, איז נאָך וויכטיקער, ווי ווען ניט איז פריער, צו קאָנצענטרירן אַלע שאָפערישע כוחות, וואָס אַרבעטן שוין אויף אָט דעם געביט, און זיי צוציען צו די אָרגאַניזאַציעס, וואָס טוען געזונטע, קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, ווי קאָאָפּעראַטיוון, פאַרמערפאַרבאַנדן און דאָס גלייכן. דאָס וועט עפענען נאָך ליכטיקערע, ברייטערע אויסזיכטן פאַרן נייעם אָנקומענדיקן דור, וואָס וועט באַלד ווערן דער טרעגער, דער הויפּט־טרעגער פון דער יידישער פאַרמעריי אין אַמעריקע.

יידן אין דעם געשעפט־לעבן פון אַמעריקע

אין משך פון די לעצטע 50 יאָר, ד. ה. זינט דעם אָנפאַנג פון דער יידישער מאַסן־אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן די יידן פאַר זיך געשאַפן אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אַמע־ריקאַנער ווירטשאַפט. אין עטלעכע גרויסע צווײַגן פון דער פּראָ־דוקציע און האַנדל האָבן זיי זיך דערהויבן צו אַ דאָמינירנדיקער פּאָזיציע. אין אַנדערע עקאָנאָמישע געביטן שפּילן זיי אַ קלענערע ראָלע. ליידער פעלן נאָך די גענויע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן מכח דעם דאָזיקן ענין, און מען מוז אָנקומען צו השערות און צופעליקע באָאָבאַכטונגען. דער ציפער־מאַטעריאַל פעלט אָבער אַזוי גוט ווי אינגאַנצן.

אַפילו אויספרעגונגען און אַנקעטעס, ווען זיי קומען פון יידישע קרײַזן, וואָלטן דעם ציל — צו קריגן אַ ריכטיק בילד פון דער יידישער ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן, אָדער געשעפטלעכן לעבן פון אַמעריקע — אויך ניט דערגרייכט. דווקא די יידן, וואָס פאַרנעמען די העכסטע פּאָזיציעס אין די גרויסע געשעפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, זיינען ניט קיין בעלנים זיך אָפן אַרויסצושטעלן אַלס יידן. און געוויינלעך גיבן זיך אָפּ מיט אַזעלכע פאָרשונג־פראַגן דווקא די ניט־געשעפטלעך פאַראינטערעסירטע יידישע קרײַזן, ווי אַ שטייגער סטאַטיסטיקער און קולטור־וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. אַט די קרײַזן אָבער האָבן בדרך־כלל ניט קיין „אינעווייניקסטע" ידיעות מכח דעם לעבן פון גרויסע קאָרפּאָראַציעס (אַקציע־געזעלשאַפטן), וואו ס'איז קאָנצענטרירט די ווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכע טע־טיקײַט פון דער גרעסטער קאַפּיטאַליסטישער לאַנד אין דער וועלט. אַרום און אַרום זײַנען בכן די אויסזיכטן, אַז ווען ס'איז, וועט דאָך מעגלעך ווערן צו קריגן אַ מער אָדער ווייניקער גענויעם ענטפער

אויף דער פראַגע מכּח דער יידישער ראָלע אין אַמעריקאַנישן „ביזנעס" לעבן, צום באַדויערן גאַנץ שוואַכע.

צום גליק האָט זיך אָבער אין יאָר 1936, גאַנץ אומגעריכט געשאַפן אַ געלעגנהייט צו קריגן דורך אַן אַנקעטע אַ באַגריף וועגן דער ראָלע און באַדייטונג פון יידישע קאַפּיטאַליסטן און אונטערנעמער אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק. שוין עטלעכע יאָר ווי ס'גייט אַרויס אין ניו־יאָרק אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל — „פאָרטשון". דאָס איז אַ „פּאַכאָווע צייטשריפט", אַן עקאָנאָמישער זשורנאַל, מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. דער „פאַך", וועלכן ער באַדינט, באַשטייט פון די עטלעכע צענדליק טויזנט דירעקטאָרן פון די גרויסע קאָרפּאָראַציעס, טראָסטס, „האָלדינג קאָמפּאַניס", און ענלעכע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. פאַר אָט די אַנגעשטעלטע, וואָס קריגן געהאַלטן פון 20—25 טויזנט דאָלער ביז 250 טויזנט דאָלער אַ יאָר, ווי אויך פאַר די גרויסע „שערהאָלדערס" און געשעפט־מאַגנאַטן, די מיליאָנערן, וועלכע קירעווען מיטן עקאָנאָמישן לעבן פון אַמעריקע, גייט עס אַרויס אַ ספּעציעלער זשורנאַל ביי אונדז אין אַמעריקע, וואו די פאַך־פּרעסע איז בכלל אַזוי אַנטוויקלט און ספּעציאַליזירט. דאָס וואָרט „פאָרטשון" האָט צוויי באַדייטונגען אין ענגליש, דהיינו: 1) גליק און 2) גרויסער פאַרמעגן, עשירות. און דער נייער פאַך־זשורנאַל פאַר מיליאָנערן האַלט טאַקע, אַז זיין הויפּט־אויפגאַבע דאַרף באַשטיין אין באַפרידיקן די אינטערעסן פון די גרעסטע גבירים צווישן די געשעפטסלייט אין אַמעריקע, ווי אַ שטייגער אויפצוהויבן זייער חשיבות און פּרעסטיזש אין די אויגן פון עולם און צו באַשרייבן די לעבנס־געשיכטעס פון די גאָר דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט, ווי אויך צו באַלייכטן די צייט־פראַגן, וואָס קענען דווקא אָט די קרייזן אין געגעבענעם מאָמענט באַזונדערס שטאַרק אינטערעסירן. די רעדאַקטאָרן פון זשורנאַל „פאָרטשון" דריקן דאָס אויס אין אַ פאַרשטעלטער שרפאַך, אָבער דער מיין זייערער איז דווקא אַ קלאָרער. זיי האָבן למשל דערקלערט אין אַ פּראָגראַם־אַרטיקל: „מיר ווילן אָפּשפּיגלען דעם אינדוסטריעלן לעבן אין טינט, פּאַפּיר און בילד, פּונקט ווי די וואָלקנקראַצערס שפּיגלען אים אָפּ אין שטיין און אַרכיטעקטור". און מ'קען שוין לייכט פאַרשטיין, אַז די אויי־

סערלעכקייט פון זשורנאַל שטייט אויך אויף דער מדרגה, ווי ס׳פּאַסט פאַרן מיליאָנערסקן ניט צו־פיינעם, ניט־איבערגעשפּיצטן, געשמאַק: מיט גרויסע פאַרביקע בילדער, טייערע פּאַפּיר, אַן אומגעווייינלעך־גרויסער, אימפּאַזאַנטער פאָרמאַט און אַ סך, אַ סך גוט־באַצאָלטע אַנאָנסן. דער אַבאָנעמענט־פּרייז איז ווייט ניט קיין צוגענגלעכער — 10 דאָלאַר אַ יאָר, און אויף די „סטענדס״ ווערט די „פאָרטשון״ בכלל ניט פאַרקויפט. פונדעסטוועגן האָט שוין דער ערשטער נומער געהאַט אַ טיראַזש (צירקולאַציע) פון 30.000 עקזעמפּלאַרן.

ס׳איז קלאָר, אַז פון אַן אָביעקטיווער און פולער אָפּשפּיגלונג פון אינדוסטריעלן לעבן אין דער היינטיקער אַמעריקע איז דער זשורנאַל „פאָרטשון״ ווייט ווי מזרח פון מערב, און אַז זיין אויפ־גאַבע איז ניט בלויז צו דינען די אינטערעסן פון „ביג ביזנעס״ (גרויסע געשעפטסלייט), נאָר אַליין צו ווערן אַ גרויסע „ביזנעס״ און אַרייננצוטראָגן דער פאַרלאַג־פירמע היפּשע פּראָפיטן. און אָט דעם ציל האָט טאַקע דער זשורנאַל, וואָס גייט אַרויס אין אַ פאַרלאַג וועלכער האָט שוין פון פריער געהאַט אַ גוט־גייענדיקע אילוסטרירטע וואָכנשריפט „טאַים״ (פון צייט צו צייט ווייזט זי אַרויס אַנטיסע־מיטישע טענדענצן), מסתם טאַקע דערגרייכט: „פאָרטשון״ רופט אַרויס ביי די רייכע געשעפטסלייט אַ גרויסן רעספּעקט, ווייל דער זשורנאַל גופא איז געוואָרן אַ גרויסער געשעפט וואָס טראָגט אַריין אַ היפּשע הכנסה.

און אָט האָבן די רעדאַקטאָרן פון דער „פאָרטשון״ אָפּגע־דרוקט אין דעם נומער פון פעברואַר, 1936, די רעזולטאַטן פון אַן אויספאָרשונג, וואָס זיי האָבן אונטערגענומען אין פאַרבינדונג מיט דער יידן־פראַגע אין אַמעריקע. דער אַנטיסעמיטיזם איז, זינט היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און זיין וועלט־קאַמף קעגן יידן, אַ גאַנץ אַקטועלע פראַגע ביי אונדז אין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער שונאי־ישראל פאַרשפּרייטן, ווי דער שטייגער, בלבולים מכח דער יידישער הערשאַפט איבערן עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. האָט, אַלזאָ דער זשורנאַל „פאָרטשון״ באַשלאָסן אויפצוקלייבן די פאַקטן גופא און זיי אַרויסברענגען פאַרן עולם. דער פעברואַר, 1936, נומער איז אינגאַנצן געווען געווידמעט דעם אַנטיסעמיטיזם

אין אַמעריקע, און זײַן אינטערעסאַנטער אינהאַלט איז שפּעטער אַרויס אויך אין בוך־פאָרם*.

צו דער דאָזיקער אַרבעט דאַרף מען זיך באַציען ניט ווי צו אַ שטיק עקאָנאָמיש־זשורנאַליסטישן רעפּאָרטאַזש סתם. „פאָרטשון" האָט געגנוג „אינעווייניקסטע" ידיעות מכח דעם לעבן פון די גרויסע און מיטעלע געשעפטלעכע אָרגאַניזאַציעס כדי צו וויסן, ווער עס זײַנען דאָרט די הויפּט דעה־זאָגער, און דעריבער זײַנען די פאַקטן, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעבראַכט, ניט אַרויסגעזויגן פון פינגער. ווי־דער, ווען ס׳קומט צו ענטפערן אָנקעטע־בויגנס, בריוו א. אַ. וו., ווען די ייִדישע געשעפטסלײַט שטענדיק זיך באַציען מיט מער דרך־ארץ צו אַן אָנפראַגע, וואָס קומט דווקא פון דער אײַנפלוסרײַ־כער „פאָרטשון", איידער צו אַן אָנפראַגע פון אַ ריין־וויסנשאַפט־לעכער ייִדישער אינסטאַנץ. און שליסלעך, זעט מען פון דעם גאַנצן טאָן פון דער אָפּגעדרוקטער אַרבעט, אַז די מחברים האָבן קיין שום אַנטיסעמיטישע טענדענץ ניט געהאַט. אַדרבא, פאַר זייערע אינ־טערעסן איז גראָד נויטיק ניט צו אַנטאַגאָניזירן יענע ייִדן, וואָס האָבן אַן אײַנפלוס אין די רײַכע פירמעס, וואָס קענען געבן די גוט־באַצאָלטע אָנאָנסן; און פון דער צווייטער זײַט, ליגט גאָרניט אין אינטערעס פון דער „פאָרטשון" צו זײַן אַן אַפּאָלאָגעט (פאַר־טיידיקער) פון די ייִדן אין אַמעריקע, ווײַל דאָס צו זײַן וואָלט געוויס פאַרמינערט דעם רעספּעקט און צוטרוי פון דער גרויסער ניט־ייִדישער מערהײַט אין די רײַכע געשעפטס־קרײַזן צו אָט דעם זשורנאַל.

צוליב די אויסגערעכנטע אומשטאַנדן פאַרדינען טאַקע די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע פון „פאָרטשון", וועלכע ברענגט אַרויס אָביעקטיווע מאַטעריאַלן, ווי ציפערן, נעמען און פאַקטן, אַ ברייטן און אַלזײַטיקן אינטערעס. מיט אָט די פאַקטן און ציפערן וועלן מיר זיך טאַקע באַנוצן כדי צו געבן דעם לעזער אַ באַגריף מכח דער ייִדישער ראָלע אין דעם מעכטיקן געשעפטלעכן אַפּאַראַט פון אַמעריקע.

* JEWS IN AMERICA by the Editors of Fortune Magazine, N. Y. 1936, Random House, 104 p.

דער ייִד אין אַמעריקע

1. פינאַנץ און שווערע אינדוסטריע

קודם־כּל איז ניט אמת, זאָגן די רעדאַקטאָרן פון „פאָרטשון״, אַז די ייִדן באַהערשן די באַנק־סיסטעם פון אַמעריקע. ייִדן שפּילן גאָר קיין ראָלע ניט, אָדער אַ גאַנץ קליינע ראָלע, אין די גרויסע אַמעריקאַנער פינאַנץ־הײַזער. פון די 420 דירעקטאָרן פון די 19 מיטגלידער פון דער ניו־יאָרקער „קלירינג־האַוז״ (אָפּרעכנונג־אַנשטאַלט פון די גרויסע בענק פאַר זייערע קעגנזײַטיקע חשבונות) אין יאָר 1933 זײַנען בלויז 30 געווען ייִדן, און כמעט איין העלפט פון זיי זײַנען געווען אין צוויי בענק — „קאָמערשעל נעשאָנאַל באַנק ענד טראַסט קאָמפּ.״ און אין „פּאַבליק נעשאָנאַל באַנק ענד טראַסט קאָמפּאַני״. ס׳איז כמעט אַ כּלל (זאָגט די „פאָרטשון״), אַז אין די גרויסע קאָמערציעלע בענק זײַנען ניטאָ קיין ייִדישע אַנגעשטעלטע. אין פעלד פון אינוועסטמענט־בענק זײַנען יאָ דאָ עטלעכע ייִדישע פירער, ווי קוהן, לאָעב ענד קאָמפּ., שפּײַער ענד קאָמפּ., און ווי זעליגמאַן ענד קאָמפּ., לאַדענבורג, טהאַלמאַן ענד קאָמפּ., און ברידער לעהמאַן, א. אַ. וו., אָבער זיי קענען זיך ניט פאַרגלײַכן אין מאַכט און פאַרנעם מיט די ניט־ייִדישע אינוועסטמענט באַנ־קירן, ד. ה. בענק, וואָס גיבן אַ לאַנג־טערמיניקן קרעדיט דורך אָפּ־קויפן אָבליגאַציעס און אַנדערע פינאַנץ־אָפּעראַציעס. די קלאַנגען, וואָס זײַנען פאַרשפּרייט אין דער וועלט, גיבן אַ פאַלשע פאָרשטע־לונג וועגן דער גאַנצער לאַגע. אַזוי למשל, האַלט מען, (אַפילו אין אַמעריקע), אַז מר. דיללאָן, פון דער באַוואוסטער באַנק־הויז דיללאָן, ריעד ענד קאָמפּ., איז אַ ייִד. זאָל שוין זײַן, אַז דאָס איז אמת, אָבער דאָך קלערט קיינער ניט, אַז אָט די פירמע איז אַ ייִדישע, דאָס הייסט, אַז ייִדן זײַנען די הויפּט־אַקציאָנערן און דעה־זאָגער. די גרעסטע ייִדישע אינוועסטמענט־בענק אין אַמעריקע איז קוהן, לאָעב ענד קאָמפּ., צו וועלכער ס׳האָבן געהאַט אַ שײַכות די פאָרשטאָרבענע ייִדישע מיליאָנערן יעקב שיף, אָטאָ קאַהן, און מיט וועלכער ס׳איז געווען פאַרבונדן דער פאַרשטאָרבענער פעליקס וואַרבורג. ווי גרויס איז אָבער די ראָלע פון אָט דער פינאַנץ־אַנשטאַלט אין דער באַנק־וועלט? צום 1טן מערץ 1935 איז אין

איר פּאָרטפעל געווען בלויז 2.88 פּראָצ. פון דער טאָטאַלער־סומע אָפענע הלוואות, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן פון די אַמעריקאַנער אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן צו פירמעס און עפנטלעך־רעכטלעכע אַנשטאַלטן (ווי שטעט, רעגירונגען וכד.) אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד. דער חלק פון דער פירמע מאָרגאַן איז געווען 19.87 פּראָצ. פון דער גאַנצער סומע אויסלענדישע הלוואות. און פון דער באַנק „דיללאָן, ריעד ענד קאָמפּ.״ — 11.44 פּראָצ., און אַזוי ווײַטער. לעצטנס זײַנען אַרײַן די בענק אַלץ מער און מער אין די אינערלעך־אַמעריקאַנער געשעפטן. באַנקירן פאַרבינדן זיך אַלץ מער מיט די מיליאָניקע אינדוסטריעלע געשעפטן אויף אַלע געביטן — פון שטאָל און אויטאָמאָבילן ביז די פילמען און בוך־פאַרלאַגן, און אויך די יידישע באַנקירן זײַנען טעטיק אין אָט דער ריכטונג. אָבער זייער ראָלע און באַדײַטונג אין אָט די אינדוסטריעלע פינאַנצירונג־אָפּעראַציעס איז אַ פיל, פיל קלענערע ווי די ראָלע פון די ניט־יידישע אינוועסטירונג־בענק.

וויכטיק איז אויך אָבער צו וויסן, אַז סאַי די באַנק קוהן, לאָעב ענד קאָמפּ. סאַי י. און וו. זעליגמאַן, הגם, זיי זײַנען געוויס „יידישע״ באַנק־הײַזער, האָבן זיי דאָך עטלעכע ניט־יידישע שותפים.

די ניו־יאָרקער פאָנדן־בירזשע האָט צווישן אירע 1375 מיט־גלידער 252 יידן, אָדער 18 פּראָצ. אין בירזשע אַדרעס־בוך (די־רעקטאָרי) זײַנען פּאַרצייכנט 637 פירמעס (פון „בראָקערס״, מעק־לער), פון וועלכע בלויז 55 זײַנען יידישע (לויט די השערות פון „פּאָרטשון״), 24 זײַנען האַלב־יידישע, און 39 האָבן אין זיך אַ שטאַרקן יידישן עלעמענט. אין אַן אַנדער וויכטיקן פינאַנץ־געשעפט צווײַג — אין דעם אַסעקוראַנץ־וועזן שפּילן די יידן, ווי די „פּאָר־טשון״ זאָגט, גאָר קיין שום ראָלע ניט, מיינענדיק דערבײַ די די־רעקטאָרן פון די אַסעקוראַנץ־קאָמפּאַניס, וואו מ׳געפינט בלויז גע־ציילטע יידן אויפן געביט פון דער אַסעקוראַנץ אַגענטור: אַ העלפט פון דעם ניו־יאָרקער אַסעקוראַנץ־אַגענטור־געשעפט, ווי גענעראַל־אַגענטן, מעקלער, סוב־אַגענטן א. אַ. וו., ליגט בײַ יידן אין די הענט. און וואָס פאַר אַ גרויסער געשעפט־צווײַג דאָס איז, קען מען האָבן אַ באַגריף דערפון, אַז די גאַנצע לעבנס־פאַרזיכערונג־סומע (סך־הכל פון אַלע פּאָליסן) אין אַמעריקע האָט אין 1935 באַטראָפן

איבער 100 מיליאַרד דאָלער, און איין דריטל פון אַט דער סומע פאַלט אויס אויפן חלק פון ניו־יאָרק. אויף דער פּראָווינץ האַרמאָנירט די יידישע ראָל אין דעם אַסעקוראַנץ־אַגענטור געשעפט מיט דעם פּראָצענט־זאַץ פון די יידן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (וואו זיי באַטרעפן דרײַ ביז פיר פּראָצענט).

נאָך קלענער ווי אין דעם פינאַנץ־וועזן פון לאַנד איז די ראָל פון די יידן אין דער שווערער אינדוסטריע. די אַנקעטע פון „פאָר־טשון" ווײַזט, אַז נאָר צוויי יידישע נעמען שפּילן אַ ווּיכטיקע ראָל אין די אונטערנעמער־קרייזן פון דער אײַזן־און שטאָל־אינדו־סטריע. דאָס זײַנען די בלאָקס, וואָס האָבן דעם הויפּט־חלק פון די אַקציעס פון דער שטאָל־קאָרפּאָראַציע „אינלאַנד סטיעל", מיט איר 20 מיליאָן דאָלאַרדיקער פאַבריק אין אינדיאַנאַ האַרבאָר, מישיגען, וועלכע פאַרנעמט דעם 7טן פּלאַץ צווישן די אויסאַרבעטער פון שטאָל אין אַמעריקע. און צווייטנס — מאַקס עפּשטיין פון שיקאַגאָ, פּאָרזיצער פון דעם דירעקטאָרן־ראַט פון דער „דזשענעראַל אַמעריקען טראַנספּאָרטיישאָן קאָרפּאָריישאָן", וועלכע פּראָדוצירט ציסטערן־וואַגאָנען פון שטאָל. בדרך כלל איז איצט קאָמערציעל די שטאָל־אינדוסטריע ענג פאַרבונדן מיט דער אויטאָמאָביל־פּראָדוק־ציע, וועלכע פאַרברויכט די בעסטע סאָרטן שטאָל, און אויך אין דער ריזיקער אַמעריקאַנער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע שפּילן יידן אַ גאַנץ קליינע ראָלע. בלויז 2—3 יידן פאַרנעמען דירעקטאָרן שטעלעס אין דעם גרעסטן אויטאָמאָביל־טראַסט פון אַמעריקע, „דזשענעראַל מאָטאָרס". אַן אַנדער יידישער אויטאָמאָביל־מאַגנאַט, א. ע. באַריט, איז וויצע־פּרעזידענט און הויפּט־דירעקטאָר פון דער פירמע „האַד־סאָן", וואָס פּראָדוצירט אויטאָמאָבילן. אין די פירמעס וואָס פי־נאַנצירן דעם פאַרקויף פון מאָטאָר־וועגענער אויף אויסצאָלן אין ראַטעס, איז אויך די ראָלע פון די יידן אַן אומבאַדײַטנדיקע, און זייער ווינציק יידן געפינט מען אין דעם האַנדל מיט נײַע אויטאָ־מאָבילס און מאָטאָר לאַסטוועגענער. ערשט ווען מען קומט צום מסחר מיט געניצטע אויטאָמאָבילס און „טראַקס" (לאַסט־וואַגנס) שטויסט מען זיך שוין אָן אויף גרויסע צאָלן יידישע געשעפטס־לײַט.

מ'קען אָבער ניט זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער מעטאַל־אינדוסטריע

איז לחלוטין פריי פון יידן. דעם צווייג פון ברוך־מעטאל־אינדוסטריע (ד. ה. אויפקויף, סארטירונג און באארבעטונג) האבן די יידן כמעט אינגאנצן מאנאפאליזירט פאר זיך. און דאס איז א גאר גרויסער טייל פון דער מעטאל־אינדוסטריע; זיין אומזאץ אין יאר 1929 איז געווען ארום 500 מיליאן דאלער. א העלפט פון דעם רויען מאטעריאל פאר די שטאל־פאבריקן אין אמעריקע קומט איצט פון אייזן־ברוך. 90 פראצ. פון אט דעם געשעפט, ווי ס'ווייזט די אונ־טערזוכונג פון „פארטשון", ליגט אין די הענט פון יידן. דאס איז, היסטאריש גענומען, די צווייטע, (נאך אלטע מלבושים) געהויבע־נערע מדרגה פון מסחר מיט אלטווארג (דזשאנק, אין ענגליש), צו וועלכער ניט ווייניק ארעמע יידישע אימיגראנטן פלעגן זיך נעמען מיט 30 — 40 יאר צוריק. סוף 19טן יארהונדערט איז דער גאנצער האנדל מיט אלטע אייזן געלעגן ביי די רוסישע יידן אין די הענט. אויך היינט צו טאג געהערט די גרעסטע פירמע פון אלטע אייזן — ברידער לוריא און קאמפ. פון פילאדעלפיע, — צו רוסישע יידן. אנדערע גרויסע יידישע פירמעס זיינען היימאן מיקאעלס ענד קאמפ. פון שיקאגא, געגרינדעט פון א פארטוגעזישן ייד, יוסף ע. מיקאעלס; די פירמע טשארלס דרייפוס קאמפ. פון פיטסבורג, און די פירמע „לונץ אייראן ענד סטיעל קאמפ." פון קאנטאן, אהייא. אויך די גאנצע אינדוסטריע פון אלע אלטע מאטעריאלן און אפפאל, ווי שמאטעס, פאפיר און פון „קאלירטע" מעטאלן (ווי קופער, בליי, אלומינום א. א. וו.), מיט אן אומזאץ פון 300 מיליאן דאל. (אין 1929), ליגט אין די יידישע הענט.

אין דער קוילן־אינדוסטריע זיינען כמעט ניטא קיין יידן, ניט צווישן די אונטערנעמער און צווישן די ארבעטער. אויך אין מסחר מיט שטיין־קוילן זיינען זיי א קליינע מינדערהייט, א 2 פראצ., פון אנגרא־האנדל (האלסייל) און אפשר א 10 פראצ. פון ריטייל (איינצל פארקויף), דערהויפט אין און ארום ניו־יארק. די זעלבע לאגע איז כאראקטעריסטיש אויך פאר דער נאפט־אינדוסטריע. ניט מער ווי 5 פראצ. פון די פעטראלעאום־פארקויף פירמעס האבן א שייכות צו יידן. פירמעס, וואס זיינען פון יידן געגרינדעט געווארן, ווי די „אמעריקען אויל" פון באלטימאר, וואס איז אויפגעבויט געווארן פון דער פאמיליע בלאושטיין, געהערן איצט בלויז נאמינעל צו

זיי. פּאַקטיש איז זי אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין ריזיקן ראָקעפעלער טראַסט, „סטאַנדאַרד אויל״, וועלכער האָט אַ פולן קאָנטראָל אויך איבער דעם האַנדל מיט אַלע אויל־פּראָדוקטן און ניט בלויז מיט דער אויסאַרבעטונג פון נאַפט. אויך אין דער כעמישער אינדוסטריע זײַנען קיין ייִדישע אונטערנעמער און דירעקטאָרן אַזוי גוט ווי ניט בנמצא. אין די פאָרשונגס־אַנשטאַלטן און לאַבאָראַטאָריעס געפינט מען אפשר יע אייניקע ייִדן, און עטלעכע פון זיי האָבן זיך געשאַפן אַ גאָר גרויסן נאָמען.

ניט קיין גרויסע ראָלע שפּילן די אַמעריקאַנער ייִדן אין דער טראַנספּאָרט־אינדוסטריע ווי באַנען, שיף־קאָמפּאַניעס, לופט־טראַנס־פּאָרט, א. אַ. וו. איין שיף־געזעלשאַפט — אַמעריקען פּאָרעין סטימשיפּ קאָרפּאָריישאָן — שטייט יאָ אונטער אַ ייִדישן קאָנטראָל, אָבער דאָס איז אַ צווייטקלאַסיקע פירמע. פון די אינעווייניקסטע וואַסער־טראַנספּאָרט פירמעס איז איינע — די „האַדסאָן נאַוויגיי־שאָן קאָרפּ.״ — לעצטנס אָפּגעקויפט געוואָרן דורך דעם באַוואוסטן ייִדישן קאָנטראַקטאָר (בוי־אייגנטימער) שמואל ראָזאָף פון ניו־יאָרק. עס זײַנען אויך ניטאָ קיין ייִדן אין דער שיף־אינדוסטריע.

2. לײַכטע אינדוסטריע און האַנדל

ווי מיר זעען, זײַנען אין די וויכטיקסטע געביטן פון דער שווערער אינדוסטריע די ייִדן שוואַך פאָרטראָטן. אין דיווירט־שאַפטלעכע צווײַגן, וואָס זײַנען פון אונדז ניט דערמאָנט געוואָרן, ווי ליכט און קראַפט־פּראָדוקציע, טעלעפאָן און טעלעגראַף קאָמ־פּאַניעס א. ד. גל., זײַנען אויך בלויז געציילטע ייִדן דערווײַל אַרײַנגעדרונגען. און אין מאַשין־בוי, ווי אין אינזשענערישע פיר־מעס בכלל, ווי אויך אין דער געהילץ־אינדוסטריע און אין דער אויסאַרבעטונג פון מילך־פּראָדוקטן (וואָס איז אַ שטאַרק פאָרטראָס־טעוועטע אינדוסטריע אין אַמעריקע), איז די באַטייליקונג פון די ייִדן אַ נישטיקע. מיט איין וואָרט: די טיפּיש־אַמעריקאַנישע גע־שעפטלעכע אונטערנעמונגען אויפן אינדוסטריעלן געביט זײַנען אַזוי גוט ווי „ייִדן־ריין״, שוין ניט צו ריידן פון אַ ייִדישן אײַנפלוס און קאָנטראָל איבער זיי.

אַנדערש איז אָבער די לאַגע אין די לײַכט־אינדוסטריעלע צווײַגן, און אויך דאָרט איז אין פיל צווײַגן די ראָלע פון ייִדן אַ סך אַ גרעסערע אין דער ספערע פון פאַרטיילן די סחורות (אויפן וועג פון דעם פּראָדוצענט צום קאָנסומענט) איידער אין דער פּראָדוקציע. אין אַ גאַנצער גרופּע אינדוסטריע־צווײַגן, ווי וואָל, זײַד און רעיאָן (קונסט־זײַד) וועבערײַ, איז דער ייִדישער חלק אין דער פּראָדוקציע אַ קליינער, ווי למשל 5 ביז 10 פּראָצ. אין דער פּראָדוקציע פון וואָל; 15 פּראָצ. פון זײַד; 5 פּראָצ. פון באַוול; און 16 פּראָצ. פון קונסטזײַד־גאַרן אויסאַרבעטונג. די באַטייליקונג פון ייִדן אין דעם גרויס־האַנדל פון די אַלע אינדוסטריע־צווײַגן איז טאַקע אַ זייער באַדייטנדיקע. אַ העלפט פון די וואָל־מעקלערס און הורט־סוחרים, דרײַ־פערטל פון די זײַד„־קאָנווערטאָרס״ (דאָס זײַנען טעקסטיל־גראָסיסטן, ד. ה. האָלסיילערס, וואָס קויפן אײַן רויע, גרויע געוואַנט און לאָזן עס בלייכן, פאַרבן און געבן עס אַ געמוסטערטן אויסזען איידער זיי פאַרקויפן אָט די שטאָפן צו די קליידער־פאַבריקאַנטן א. אַנד), און דרײַ־פערטל פון די באַוול־שטאָף־„קאָנווענטאָרס״ זײַנען ייִדן. אין דעם „האָלסייל״ האַנדל (הורט) פון אונטערוועש און פרויען־קליידער־שטאָפן, וואו דער רויער מאַטעריאַל איז איצט דערהויפּט רעיאָן (קונסט־זײַדע), זײַנען 80 ביז 90 פּראָצ. פון די סוחרים ייִדן.

אין עטלעכע צווײַגן פון דער לײַכטער אינדוסטריע האָבן די ייִדן זייערע אייגענע אָפּטיילונגען, ווי אַ שטייגער דאָס שלאַכטן פון בהמות אויף כשרע פלייש, וואורשט־אויסאַרבעטונג א. אַ. וו. די „פלייש־פּעקינג״ (שלאַכטן בהמות און אויסאַרבעטן פלייש־פּראָדוקטן) איז אַ רײַכע און זייער פאַרטראָסטעוועטע אינדוסטריע אין אַמעריקע, און איר פּראָדוקציע האָט באַטראָפן 2177 מיליאָן דאָלאַר אין יאָר 1931. די שחיטה פאַר דער כשרער פלייש־פּראָדוקציע באַטרעפט אַן ערך 10 פּראָצענט פון דער טאָטאַלער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע. דאָס איז געוויס אַ נאַטירלעכער און באַרעכטיקטער ייִדישער מאָנאָפּאָל. אין אַנדערע אינדוסטריעלע צווײַגן האָבן די ייִדן אַליין געשאַפן ספּעציעלע אינדוסטריעלע געביטן פאַר זיך. דאָס איז, למשל, געווען דער פאַל מיט דער אויסאַרבעטונג פון ווייכע (טאַפּעצירטע) סאָרטן מעבל, און פון אייניקע געוועזענע רוסיש־

דער ייִד אין אַמעריקע

ייִדישע אימיגראַנטן טאַפּעצירער זײַנען אַרויסגעקומען רײַכע פאַבריקאַנטן פון טאַפּעצירטע, מאָדערנע מעבל. דרײַ־פיר ייִדישע פירמעס, אין דעטראָיט, לאָס אַנדזשעלעס און שיקאַגאָ אַרבעטן אויס כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער סחורה אין לאַנד. אין דער פּראָדוקציע פון הילצערנע (וויענער) מעבל האָבן אָבער די ייִדן אַ גאַנץ קליינעם חלק.

אין אַנדערע צווײַגן פון דער לײַכטער אינדוסטריע שפּילן ייִדן אַ קליינע ראָלע. אין דער שיך־פאַבריקאַציע, למשל, רעפּרעזענטירן ייִדן בלויז 40 פּראָצ. פון דער צאָל פירמעס, און 29 פּראָצ. פון דעם פּראָדוקציע־טאָטאַל. אָבער ווען ס׳קומט צו דער באַקליידונג־אינדוסטריע זײַנען די ייִדישע אונטערנעמער די אמת׳ע מאָנאָפּאָליסטן און טאָן־געבער פון אָט דעם גרויסן צווײַג פון דער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע. אַרום 85 פּראָצ. פון די פּאַרטיקע מענער־בגדים, אַרום 95 פּראָצ. פון פעלץ־בגדים, און כמעט דער גאַנצער האַנדל מיט אָט די סחורות ליגן אין ייִדישע הענט, דערהויפּט אין די הענט פון ניו יאָרקער ייִדן. און ווי גרויס אָט די פּראָדוקציע איז, זעט מען פון אָט די ציפערן. אין יאָר 1933 האָט די פּראָדוקציע פון פּאַרטיקע קליידער אין שטאָט ניו יאָרק באַטראָפן איבער 881 מיליאָן דאָל. און האָט באַשעפטיקט אַרום 120 טויזנט אַרבעטער. און דאָס איז געווען אין אַ יאָר, וואָס האָט נאָך געשפּירט די נאָכווייענישן פון קריזיס פון 1930—1932.

אין פאַרבינדונג מיט דער עקאָנאָמישער איבערשיכטונג פון די ייִדישע ברייטע מאַסן, מיט דעם איבערגאַנג פון די אַרבעטער און זייערע קינדער צו מיטלשטאַנד־פּרנסות, איז אויך אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז די אונטערנעמער־גרופּע אין דער אַמעריקאַנער באַקליידונג־אינדוסטריע בלײַבט נאָך אַלץ, פּונקט ווי מיט 25 און 50 יאָר צוריק, כמעט אַ ריין־ייִדישע אין איר צוזאַמענשטעל, הגם אַ גוטע העלפט פון די ייִדישע אונטערנעמער באַשטייט שוין פון די היגע־געבאָרענע ייִדן.

אין דעם בראַנפן־געשעפט, וועלכער איז אין מזרח־אייראָפּע שטענדיק געווען כמעט אַ ייִדישער מאָנאָפּאָליע־עסק, האָבן דאָ אין אַמעריקע די ייִדן אַ גאַנץ באַשיידענעם חלק. בלויז איין־איינציקע גרויסע שנאַפּס־פאַבריק פירמע, די „סיגראַמס קאָמפּאַני״, וועלכע

שטייט לויט איר פּראָדוקציע פון בראָנפן אויפן דריטן פּלאַץ, געהערט צו ייִדן, די ברידער בראָנפמאַן. די גרעסטע אַמעריקאַנער בראָנפן־פירמע, די „נעשאַנאַל דיסטילער קאָמפּאַניע" מיט אַ פאַרקויף־אומזאַץ פון 50 מיליאָן דאָל. אין 1934, האָט בלויז איין ייִדישן דירעקטאָר, דניאל ק. ווייסקאָפּף, און געהערט צו ניט־ייִדן. די צווייטע (לויט דער פּראָדוקציע) די „שענלעי קאָמפּאַניע", ווערט קאָנטראָלירט דורך ייִדישע קאַפּיטאַליסטן, אָבער איר הויפּט־דירעקטאָר איז ניט קיין ייִד, הגם אַ פּאָפּולערער צווישן די ניו יאָרקער ייִדן „פּאָליטישען" — גראָוועער א. ווהעילען. אַט די דריי שנאַפּס־אויסאַרבעטונג פירמעס קאָנצענטרירן אין זייערע הענט כמעט אַ העלפט פון גאַנצן בראָנפן־פאַרקויף. פון די נעקסטע דריי פירמעס ווערט בלויז איינע — די „קאָנטינענטאַל" — געפירט פון ייִדן. אין האָלסייל בראָנפן־געשעפט פון ניו יאָרק מאַכט אויס דער אַנטייל פון ייִדן בלויז אַ 2 פּראָצ. די דריי גרעסטע שנאַפּס־פאַרקויף־פירמעס זײַנען ניט קיין ייִדישע. און מחוץ פון ניו יאָרק איז די ראָלע פון ייִדן אין גרויס־האַנדל מיט ספּיריטוס־געטראַנקען נאָך אַ קלענערע. אין אימפּאָרט פון שנאַפּס און ווײַן פאַרנעמען די ייִדן אַ קליינעם אָרט, ווי אויך אין מסחר מיט היימישע ווײַנען. ביז 1932־1933 (ווען ס'איז בטל געוואָרן דער שנאַפּס־פאַרבאָט פּאַראַגראַף פון דער קאָנסטיטוציע) איז די ביר־פּראָדוקציע געווען כמעט דורכאויס אַ מאָנאָפּאָליע פון די דײַטשן, אָבער אין די לעצטע יאָרן זײַנען געמאַכט געוואָרן געלונגענע פּרוואון פון ייִדישע אונטערנעמער איבערן לאַנד אָפּצוקויפן די אַלטע אָפּגעשטאַנענע ביר־ברויערײַען, זיי צו רעאָרגאַניזירן, צו פאַרגרעסערן און מיט דער הילף פון ניו יאָרקער בענק זיי אָוועקצושטעלן אויף אַ נײַעם יסוד — ווי גרויסע פינאַנץ־אָרגאַניזאַציעס. (די ביר־אינדוסטריע איז ניט באַרירט געוואָרן אין דער טערזוכונג פון דער „פּאָרטשון").

אין טאַבאַק־עסקים האָבן אַ סך רײַכע אַמעריקאַנער ייִדן אַמאָל געמאַכט דעם אָנהייב פון זייער געשעפטלעכער מזל־ברכה. מ'קען אָבער בשום אופן ניט זאָגן, אַז אויך איצט ווערט דער טאַבאַק־געשעפט אין אַמעריקע געפירט דערהויפּט פון ייִדן. איין צווײַג האָבן די ייִדן יאָ מאָנאָפּאָליזירט — זיי זײַנען די אײַנקויפער פון די רויע טאַבאַק־בלעטער און פאַרקויפן זיי צו די פאַבריקאַנטן פון ציגאַרן

און פּאַפּיראָסן. דרײַ אָדער פיר גרויסע ציגאַר־פאַבריקן געהערן נאָך ביז הײַנט צו ייִדן. צווישן זיי איז די באַקאַנטע „פרעד הירשהאָרנס דזשענעראַל סיגאַר קאָמפּ״, וועלכע פּראָדוצירט איין־זיבעטל פון גאַנצן ציגאַרן־פאַרברויך אין אַמעריקע. אָבער איצט איז דער פּאַפּיראָסן צווײַג דער וויכטיקסטער טייל פון דער גרויסער טאַבאַק־באַאַרבעטונג אינדוסטריע, און פון די גרעסטע פיר מולטי־מיליאָניקע פּאַפּיראָסן־קאָרפּאָראַציעס האָט בלויז איינע, די פּ. לאָרילאַרד, אַ שײַכות צו ייִדישע געשעפטסלײַט, און אויך דאָרט שפּילן די ייִדישע שותפים דערהויפּט די ראָליע פון באַנקירן — דאָס באַנק־הויז י. און וו. זעליגמאַן פינאַנצירט די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע.

אַלס אַ שטיקל סך־הכל פון דער גאַנצער איבערזיכט, מאַכן די רעדאַקטאָרן פון דער „פאָרטשון״ אַזאַ אויספיר: ייִדן קען מען געפינען אין יענע צווײַגן פון דער אינדוסטריע (אינדוסטריע נעמט אַרום אין אַמעריקאַנישן שפּראַך־געברויך ניט בלויז די פּראָדוקציע פון סחורה, נאָר אויך דעם מסחר מיט אָט דער סחורה), וואו דער פאַבריקאַנט און סוחר קומען אין באַרירונג, וואו ביידע פונקציעס קומען זיך צונויף. דאָס איז אַ וויכטיקע און צענטראַלע פּאָזיציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן, וועלכע רעגולירט דעם גאַנצן שטראָם פון יענער גרויסער שפע, וואָס די ריזיקע פּראָדוקציע אין שטאָט און אויף די פאַרמס אַרבעט אויס. און על פּי אָט דער שיטה וואָלט מען דאָך געמעגט דערוואַרטן, אַז ייִדן זאָלן טאַקע זײַן דער הערשנדיקער עלעמענט אינם ריטייל־האַנדל. פאַקטיש איז אָבער די לאַגע איז אַמעריקע אַן אַנדערע. ייִדן זײַנען ניט אַ דאָמינירנדיקער עלעמענט אין דער קרעמער־שיכט פון פאָלק. אין ניו יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעט פון מזרח־טייל פון לאַנד, וואו ס׳לעבן איבער 3 מיליאָן ייִדן, געהערן טאַקע די מערסטע וואָרן־הײַזער (דעפּאַרטמענט סטאָרס) צו די ייִדישע פירמעס. אָבער שוין אין שיקאַגאָ זײַנען די צוויי גרעסטע „דעפּאַרטמענט סטאָרס״ ניט קיין ייִדישע פירמעס. „קייט־קראָמען״, דאָס מיינט אַ גרויסע צאָל קראָמען אין איין שטאָט, אָדער קראָמען אין אַ סך שטעט, וואָס טראָגן אַלע איין פירמע־שילד און שטייען אַלע אונטער איין געשעפטלעכן קאָנטראָל, ליגן דערהויפּט אין ניט־ייִדישע הענט. אגב געפינט מען איצט די גרעסטע צאָל קייט־קראָמען אין שפּײַז און באַקאַליי־מסחר, וואו זיי קאָנקורירן

ביטער און שאַרף מיטן קליינעם יידישן קרעמער. אָבער 90 ביז 95 פראָצ. פון אָט די קייט־קראָמען אין שפּייז־מסחר געהערן צו ניט־יידישע קאָרפּאָראַציעס. נאָך אַ גרויס־קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון ריטייל־האַנדל זיינען די „פּאָסט־באַשטעלונג־וואָרן־הייזער" (מעיל אָרדער האַוזעס), וואָס פאַרקויפן סחורה אין ריטייל לויט שריפט־לעכע באַשטעלונגען פון געדרוקטע קאַטאַלאָגן. און די גרעסטע פון אָט די פירמעס, וואָס געפינט זיך אין טשיקאַגאָ, איז ניט קיין יידישע. נאָענט צו איר קומט די פירמע „סיערס, רובאַק קאָמפּ.", אויך פון שיקאַגאָ, וועלכע האָט טאַקע אַ יידישע געשיכטע, ווייל איר לאַנגיאָריקער בעל־הבית איז געווען דער באַרימטער יידישער מי־ליאָנער און פילאַנטראָפּ, דזשוליאוס ראָזענוואַלד; זי איז אָבער היינט צו טאָג אַ „געמישטע" פירמע, און איר הויפּט־דירעקטאָר איז ניט קיין ייד. אַפּטעקערשע קייט־קראָמען זיינען אויך שטאַרק פאַר־שפּרייט אין אַמעריקע, אָבער 90 פּראָצ. פון זיי געהערן צו ניט יידישע פירמעס. פאַרקערט, פון די קייט־קראָמען אין דעם באַקליי־דונג־האַנדל ליגן 90 פּראָצ. אין יידישע הענט.

אַרום און אַרום, זעט מען, אַז אין אַמעריקאַנעם איינצל־האַנדל, וועלכער איז שוין צו 60 פּראָצענט אַ גרויס־קאַפּיטאַליסטישער גע־שעפט, שפּילן די יידן לחלוטין ניט קיין מאַיאָריטעט־ראָלע, אויב מען נעמט אין חשבון ניט בלויז איין כרך ניו יאָרק, מיט זיינע 2 מיליאָן יידן, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד. צוגעבן מוז מען אָבער, אַז דער ניו יאָרקער מאַרק שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין אַמעריקאַ־נישן האַנדל. אין יאָר 1929 האָט דער ריטייל־פאַרקויף פון גאַנצן לאַנד באַטראָפן אַן ערך 49 מיליאָן דאָל. און איין־זיבעטל איז אויס־געפאַלן אויף דעם חלק פון ניו יאָרק, הגם ניט מער ווי איין־פופ־צענטל פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג לעבט אין ניו יאָרק.

3. צייטונג־פאַרלאַג און פילם־עסקים

די טענה פון די אַנטיסעמיטן, אַז יידן באַהערשן דאָס געשעפט־לעך לעבן פון אַמעריקע, האָט ווי ס׳וויזט אַלזאָ די אָביעקטיווע אונטערזוכונג פון דער „פּאָרטשון", אַבסאָלוט קיין שום ממשות ניט.

קומען אָבער אַרויס אַ טייל אַנטיסעמיטן מיט אַ באַשולדיקונג, אַז הגם איבער די געשעפטן פון אַמעריקע האָבן טאַקע די ייִדן קיין גרויסע שליטה ניט, באַהערשן זיי אָבער די עפנטלעכע מיינונג פון לאַנד דורך די צײַטונגען, טעאַטערס, ראַדיאָ און פילמס. און אויך דאָס איז געוויס אַ נאַרישע און פוסטע טענה.

אין אַמעריקע, מוז מען וויסן, זײַנען אויך די צײַטונג־פאַרלאַגן שטאַרק קאָנצענטרירט, און די צײַטונגען זײַנען אָרגאַניזירט אין „קייטן"; דאָס מיינט, אַז איין פאַרלאַג לאָזט אַרויס זײַנע טעגלעכע און אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבן אין אַ סך שטעט, הגם די זשורנאַלן טראָגן פאַרשיידענע נעמען. ס'זײַנען דאָ צענדליקער אַזעלכע צײַטונג־קייטן אין אַמעריקע, אָבער ניט מער ווי פיר געהערן צו ייִדן. אָט זײַנען זיי. (1) די אָקס קייט (לויטן נאָמען פון אַדאָלף אָקס, געשטּ. אין 1935, לאַנגיאָריקער פאַרלעגער פון דער „ניו יאָרקער טאַימס", וועלכע אַדאָלף אָקס האָט אָפּגעקויפט מיט איבער 40 יאָר צוריק, ווי אַ קליינע, אָרימע צײַטונג און האָט פון איר געמאַכט איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און אײַנפלוסרײַכסטע צײַטונגען אין גאַנץ וועלט) — מיט צוויי צײַטונגען — אין ניו יאָרק און טשאַטאַנוגאַ, אין שטאַט טענעסי, מיט אַ טיראַזש צוזאַמען פון אַרום 490 טויזנט, (2) דוד י. שטערן איז דער פאַרלעגער פון דער „ניו יאָרק פּאָסט", און גיט אויך אַרויס צײַטונגען אין פילאַדעלפיע און אין קעמדען, ניו דזשורזי. זייער טיראַזש (צירקולאַציע) אין אַרום 392 טויזנט; (3) פּאַול בלאָק איז דער פאַרלעגער פון „סטאַר־איגל" אין נואַרק און האָט אויך 2 צײַטונגען אין דער מיטל־וועסט טייל פון לאַנד. זייער צירקולאַציע איז אַרום 290 טויזנט; (4) עמנואל פּ. אַדלער פון דעווענפּאָרט אין שטאַט אײַאָוואַ האָט אַ קייט פון טעגלעכע צײַטונגען אין די פאַרשיידענע ראַיאָנען פון דער מיטעלער וועסט, מיט אַ צירקולאַציע פון אַרום 199 טויזנט. אַלע פיר פאַרלעגער צוזאַמען האָבן אַ טיראַזש אַרום 1.371.000. נו, פאַרגלײַכט עס נאָר מיט דער צירקולאַציע פון די צײַטונגען, וואָס דער גרעסטער פּרעסע־מאַגנאַט, וו. ר. הוירסט, גיט אַרויס — אַרום פינף און אַ האַלב מיליאָן טאָג־טעגלעך! די צווייטע גרעסטע קייט פון אַמעריקע האָט אַ טיראַזש פון אַרום 2.340.000, און די דריטע — אַרום 1.800.000. דירעקט איז אַלזאָ דער ייִדישער אײַנפלוס אויף

דעם פאַרלאַג־וועזן אַ קלענער. אומדירעקט — דורך די אַנאָנסן־געבער, דערהויפּט פון די גרויסע יידישע וואָרן־הייזער (דעפּאַרט־מענט סטאָרס), קענען טאַקע די יידן אויך באַאײַנפלוסן די ריכטונג פון די צײַטונגען. בדרך כלל לאָזט זיך אָבער פעסטשטעלן, אַז דער יידישער אײַנפלוס ווירקט זיך אויס מער אין אַ נעגאַטיווער באַ־ציאונג, ד. ה. צו קענען צווינגען די צײַטונגען אָפּצוהאַלטן זיך פון אַטאַקעס אויף יידן, ווי אין אַ פּאָזיטיווער ראָלע, ד. ה. צו טרייבן די פאַרלעגער אַרויסצוטרעטן פאַר יידישע פּערזאָנען אָדער פּראָגראַמען אויף די שפּאַלטן פון די גרויסע צײַטונגען.

אין דעם זשורנאַל־פאַרלאַג און דעם בוך־פאַרלאַג געשעפט האָבן די יידן נאָך אַ קלענערע באַדײַטונג אַלס אונטערנעמער ווי אין דעם צײַטונגס־פאַרלאַג. יידן האָבן אין די לעצטע יאָרן געגרינדעט אַ סך מאָדערנע, ד. ה. פּראָגרעסיווע און קאָסמאָפּאָליטיש־אָריענטירטע, בוך־פאַרלאַגן, אָבער ווי נאָר זייער געשעפט האָט זיך צעוואַקסן, האָט מען, כדי צו פינאַנצירן אים, געמוזט אָנקומען צו די גרויסע בענק, איז בכן דער אײַנפלוס פון די גרינדער־יידן שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן.

אין געביט פון אַנאָנסן־אַגענטור, וועלכער איז אַ זייער גרוי־סער צווײַג פון אַמעריקאַנישן געשעפט־לעבן, איז דער חלק פון יידן אַן ערך 2 פּראָצ. אָדער 3 פּראָצ.. עס זײַנען אפשר דאָ אַ 5 אָדער 6 יידישע פירמעס צווישן די 200 גרעסטע אַנאָנס־עקספּעדיציעס (אַגענטורן) אין אַמעריקע. פון די 1800 קלענערע פירמעס ליגן בלויז אַרום 200 אַנאָנסן־ביוראָס אין יידישע הענט.

אין טעאַטער־אונטערנעמונגען און ראַדיאָ־געביט האָבן די יידן אַ פיל גרעסערן אײַנפלוס און מאַכט. איינע פון די צוויי גרעסטע קייטן פון ראַדיאָ־סטאַנציעס אין אַמעריקע (אַלע ראַדיאָ־סטאַנציעס זײַנען אין אַמעריקע פּריוואַטע אונטערנעמונגען מיט גרויסע הכנסות פון אַנאָנסן־רעקלאַמע און פּראָפּאַגאַנדע) שטייט אונטער אַ יידישן קאָנטראָל: די „קאָלאָמביאַ בראָדקעסטינג קאָמפּאַני". די צווייטע קייט — די „נעשאָנאַל בראָדקעסטינג קאָמפּ." — האָט אין דער שפּיץ פון איר אַדמיניסטראַציע אַ רוסישן יידן, דוד סאַרנאָף, הגם געהערן געהערט זי און ווערט אָנגעפירט פון ניט־יידן. מחוץ פון

ניו יאָרק ליגט די גרעסטע מערהײַט פון סטאַנציעס אין ניט־ייִדישע הענט.

אין דעם פילם־טעאַטער געשעפט שפּילן די ייִדן אַ פּיל גרעסערע ראָלע ווי אין אַנדערע צווײַגן פון די ריזיקע געשעפטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט קאָמוניקאַציע און פאַרווײַלונג. געקומען איז אָט דער צושטאַנד אויף אַזאַ וועג. ייִדן זײַנען געווען די ערשטע, (אַדאַנק דער ענערגיע און „ייִדישן" אונטערנעמונג־דראַנג) אײַנצופירן אין אַמע־ריקע די פילם־טעאַטערס מיט איינציקע צענדליק יאָר צוריק. די אור־זאַך איז געווען אַ פּשוטע: פאַר אָט דעם עסק האָבן זיך ניט גע־פאָדערט קיין גרויסע קאַפּיטאַלן. די ערשטע פילם־טעאַטערס זײַנען מערסטנס געווען אײַנגעאָרדנט פּרימיטיוו ביז גאָר: צ. ב. פּוסטע גרוי־סע קראָם־לאָקאַלן מיט פאַרטאַטיווע שטולן וכד. די הכנסה פון אַזעלכע אונטערנעמונגען איז אָבער געווען טאַקע אַ גאַנץ גוטע, —אַמאָל ממש אַ לעגענדאַריש־גרויסע. די טעאַטער־אונטערנעמער זײַנען מיט דער צײַט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער פילם־פּראָדוק־ציע גופא, און ביסלעכווײַז איז די פילם פּראָדוקציע געוואָרן אַן אינדוסטריע מיט אַן אומזאַץ פון שיינע הונדערטער מיליאָנען דאָ־לאַר. די אַמעריקאַנער פילמס פלעגן טאַקע אַ לאַנגע צײַט פּראָדוצירט ווערן כמעט בלויז פון ייִדן, ווי מאַרקוס לאָעוו, אַדאָלף צוקער, סעם גאָלדווין, קאַרל לעמלע, לואיס זעלצניק, לואיס ב. מייער, דזשעסי לאַסקי און וויליאַם פאָקס. און ניט איינער פון זיי האָט ווירקלעך געהאַט אַ ביליקן, שלעכטן געשמאַק און גאָר אַ קנאַפּע ידיעה אין קונסט. במילא איז טאַקע די נײַע אײַנפלוסרײַכע אינדוסטריע, וואָס האָט געזוכט צו געווינען אַ וואָס גרעסערן מאַרק, שטאַרק וואולגאַ־ריזירט און פאַרביליקט געוואָרן. און דאָס פלעגט מען באַדויערן אין קולטורעלע ייִדישע קרײַזן נאָך מער אפשר ווי צווישן דעם גרויסן ניט־ייִדישן עולם.

הײַנט צו טאָג קען מען שוין אָבער ניט זאָגן אַזוי קאַטעגאָריש, אַז ייִדן זײַנען דער הערשנדיקער פאַקטאָר אין דער אַמעריקאַנער פילם־פּראָדוקציע, ווי דאָס איז אפשר געווען דער פאַל מיט אַ יאָר 20 צוריק. עס זײַנען איצט דאָ אַכט גרויסע פילם־קאָמפּאַניעס אין אַמעריקע, דרײַ פון זיי זײַנען ייִדישע — וואָרנער בראָדערס, לאָעוו'ס (צו וועלכער ס'געהערט אויך די פירמע „מעטראָ־גאָלדווין־מייער"),

און „קאָלומביאַ". צוויי קאָמפּאַניעס ליגן דורכאויס ביי ניט־ייִדן אין די הענט. און אין דריי קאָמפּאַניעס זיינען די פירערשאַפט און פינאַנץ־קאָנטראָל האַלב־ייִדישע און האַלב — ניט־ייִדישע. דאָס זיינען: ר. ק. א., וואו ייִדישע באַנקירן, ווי אויך דוד סאַרנאָף, האָבן אַ גרויסע דעה: „אוניווערסאַל", וואו אַ ייִד, קאַרל לעמלע, איז דער גרעסטער אַקציאָנער; און „יונייטעד אַרטיסטס", וואו איינער פון די צוויי הויפּט־אייגנטימער, איז סעם גאָלדווין.

פינאַנציעל איז דער ייִדישער איינפלוס אין דער פּראָדוקציע איצט קלענער ווי אַמאָל, נאָר צווישן די „פּראָדוסערס" (רעזשיסאָרן) זיינען די ייִדן נאָך אַלץ אין דער מערהייט: פון 85 אַזעלכע דיי־רעקטאָרן פון סטודיאָס און פילם־אויפפירונגען זיינען 53 ייִדן, און אַ סך פון זיי מיט גרויסע נעמען, ווי לוביטש, דזשעק וואַרנער, שול־בערג, טהאַלבערג א. א. ד.

אין דעם טעאַטער און ראַדיאָ אונטערנעמונג־געביט ווערט דער ייִדישער איינפלוס געשאַצט (דורך די דירעקטאָרן פון „פאָר־טשון") אין 50 פּראָצענט און דאָס איז אויך דער כלל, צו וועלכן זיי קומען אין שלוס פון אַט דעם קאַפּיטל פון זייער אונטערזוכונג, דהיינו: אַ העלפט פון די פאַקטאָרן, וועלכע באַאיינפלוסן די עפנט־לעכע מיינונג, און שאַפן דעם ניוואָ פון געשמאַק פאַרן עולם, דורך די ראַדיאָ פּראָגראַמען און פילמס, שטייען דירעקט אָדער אומדירעקט אונטער אַ ייִדישן איינפלוס. אָבער ווען דאָס זאָל טאַקע זיין אַזוי, ווערט פאַרט דורך דער איצטיקער אונטערזוכונג גאַנץ קלאָר באַוויזן, אַז עס איז נאָך גאַנץ וויט צו אַ פינאַנציעלן באַהערשן מצד די ייִדן דאָס גייסטיקע לעבן פון די 130 מיליאָן אַמעריקאַנער, וואָס קריגן זייער טעגלעכע גייסטיקע שפּייז פון צייטונגען, וועלכע האָבן מיט ייִדן גאָר קיין שייכות ניט.

4. אויספיר

דער אונטערשטער סך הכל, לויט דער רעדאַקציע פון „פאָר־טשון", איז אַזאַ: עס זיינען פאַראַן עטלעכע צווייגן פון אַמערי־קאַנישן געשעפטלעכן לעבן, וואו ייִדן שפּילן טאַקע אַ דאָמינירנדי־קע ראָלע, און ס'זיינען אויך דאָ גאַנץ גרויסע טיילן פון עקאָנאָמישן

לעבן, און דווקא אַזעלכע טיילן, וואָס רעכענען זיך פאַר די סאַמע טיפּיטשנע אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, וואו ייִדן שפּילן לחלוטין גאָר קיין שום ראָלע ניט.

און דערבײַ ברענגען די רעדאַקטאָרן פון „פאָרטשון" די פאָלגנדיקע ראיה צו באַווײַזן, ווי מגוזמדיק איז עס צו טענהן, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן אַ צו־גרויסן חלק אין דער פירערשאַפט פון געשעפטלעכן לעבן. אין אַמעריקאַניש־ייִדישן וואָכן־זשורנאַל „אַמעריקען היברו" איז לעצטנס געווען אָפּגעדרוקט אַ סטאַטיסטיק, וועלכע ווײַזט, אַז פון די 80.000 נעמען אין אַ באַרימטן אַמעריקאַנעם אַדרעס־בוך פון דירעקטאָרן פון געשעפטלעכע פירמעס (פּור'ס רעדזשיסטער אָוו דירעקטאָרס) זײַנען דאָ בלויז 4 מיט 7 צענטל פּראָצ. ייִדישע נעמען. און ציט מען אין באַטראַכט, אַז ייִדן זײַנען אַרום 4 פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אַמעריקע, זעט מען, אַז קיין גרויסע דיספּראָפּאָרציע איז צווישן אָט די צוויי ראַטעס טאַקע ניטאָ. אמת, ווי דער שטייגער, האָבן דערבײַ אַ צאָל ייִדישע דירעקטאָרן מסתם געטראָגן (איבערגעמאַכטע) גוייש־קלינגנדיקע פאַמיליעס; אָבער, פון דער צווייטער זײַט, זײַנען אויך מסתם אַ סך ניט־ייִדן מיט ייִדישע נעמען דווקא פאַררעכנט געוואָרן אין דער רשימה פון ייִדן. אויף אַזאַ אופן איז דער טעות פון ביידע זײַטן וואַרשײַנלעך אויסגעגלײַכט געוואָרן. במילא, באַקומט זיך סוף כל סוף, אַז די ציפער 4.7 פּראָצ. שפּיגלט דאָך ריכטיק אָפּ די פאַקטישע לאַגע.

און דער אײַנדרוק, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן שפּילן ניט קיין ראָלע, וועלכע שטײַגט שטאַרק אַריבער זייער פּראָפּאָרציע אין דער גאַנצער באַפעלקערונג, ווערט נאָך בײַ די רעדאַקטאָרן פון „פאָרטשון" פאַרשטאַרקט דורך אַ בליק, וועלכן זיי וואַרפן צום סוף אויף דער ראָלע פון די ייִדן אין דער אַמעריקאַנער פאַרמעריי. זיי געפינען, נעמלעך, אַז ייִדן זײַנען דאָ פאַרטראָטן מיט אַ נישטיקער צאָל: אַרום 80 טויזנט נפשות אויפן לאַנד צווישן די 30.500.000 נפשות, וואָס לעבן פון אָט דעם סאַמע פונדאַמענטאַלן טייל פון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק. דאָס איז אַ נישטיקער פּראָצענט — ייִדישע פאַרמערס באַטרעפן אַרום איין פערטל פון איין פּראָצענט, אָדער איין זעכצנטל פון דער נאָרמע, וועלכע וואָלט געדאַרפט זײַן לויט

דער פּראָפּאָרציע פון די ייִדן אין דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג־מאַסע בכלל.

דאָך דערמאָנט די „פּאָרטשון", אין שייכות מיט דער פּראָבלעם פון ייִדישער פּאַרמערײַ די נעמען פון עטלעכע זייער דערפּאָלגרײַכע ייִדישע פּאַרמערס אין אַמעריקע, ווי, למשל, שמעון פישמאַן, איינער פון די גרעסטע ווייץ־פּאַרמערס אין דער מיטעלער וועסט און אַ מיטגליד פון סענאַט פון שטאַט קאַנזאַס; יעקב קאַרלין, באַזיצער פון אַ פּאַרם פון גרינסן אין קאַלווערטאָן, לאָנג אײַלאַנד, וואָס טראָגט אַרײַן היפש הכנסה; אוירווינג קאָודער, גרעסטער ציכטער פון ווײַסע לעגהאָרן עופות אין שטאַט ניו יאָרק; און מאַקס צ. כהן, אַ ציכטער פון אַרום 2500 בהמות אויף אַ 3600־אַקער פּאַרם אין שטאַט אַידאַהאָ, אין דעם גאַנץ ווייטן מערב־טייל פון די פּאַראייניקטע שטאַטן.

אונדזערע געזעלשאַפטלעכע צדקה־טעטיקייטן

1. היסטאָרישער איבערבליק

די געשיכטע־שרײַבער פון דער ייִדישער פילאַנטראָפּיע אין אַמעריקע האַלטן, אַז אין יאָר 1652 האָט פּיטער סטאַיוויסענט, דער דעמאָלטדיקער הערשער פון ניו אַמסטערדאַם (הײַנטיקע ניו יאָרק), באַקומען אַ פֿײַערלעכע הבטחה פון די פּאָרטוגעזישע ייִדן, וואָס זײַנען געווען די ערשטע ייִדן זיך צו באַזעצן אין נאָרד־אַמעריקע, אַז זיי די דאָזיקע ייִדן, וועלן אַליין שטענדיק זאָרגן פֿאַר זייערע אָרימע און נויטבאַדערפטיקע ברידער. ס'ווערט אויך דערציילט אין שײַכות דערמיט, אַז אָט די פּיאָנערן פון דעם ייִדישן ישוב דאָ אין לאַנד, האָבן אויף זיך גענומען די דאָזיקע פֿאַרפֿליכטונג אַלס אַ תנאי צו באַקומען דאָס רעכט פון באַזעצן זיך אין דער נײַער היים. ווײַט און ברייט איז געווען פֿאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז אַלץ אין אָט דער מעשה מכוח דעם האַלב־לעגענדאַרישן עפּיזאָד פון דער אָנפאַנג־עפּאָכע פון דער ייִדישער געשיכטע אין אַמעריקע איז אמת. די מעשה ווערט אָפט געבראַכט אַלס באַווײַז פֿאַר דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון די באַזונדערע ייִדישע צדקה־אינסטיטוציעס און פֿאַראייניקטע שטאַטן. אָבער צי די גאַנצע מעשה איז נען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אָבער צי די גאַנצע מעשה איז אַן אמתע פּאַסירונג, אָדער צי איז זי גאָר אַן אויסגעטראַכטע זאַך, דאָס איז אַ שטרײַטבאַרער ענין. געוויס, לאָזט זיך גלויבן, אַז די „דאָטש וועסט אינדיאַ קאָמפּאַני”, ד. ה. די מאַכט וואָס האָט דע־מאָלט געהערשט אין ניו אַמסטערדאַם, האָט אַזאַ תנאי טאַקע געהאַט געשטעלט, אָבער מען ווייסט ניט אויף זיכער, צי פּיטער סטאַיוויסענט האָט ווירקלעך די דאָזיקע באַדינגונג געהאַט בדעה אַרויפצוצווינגען אויף די ערשטע ייִדישע עמיגראַנטן; און מ'ווייס אויך ניט, צי יע־

נע אימיגראַנטן האָבן אַט אַזאַ שטרענגן תנאי איינעוווליקט אָנצו־נעמען. דער אויסערגעוויינלעכער וואוקס, ממש אָן גלײַכן צו זיך, פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער צדקה־טעטיקייט דאָ אין לאַנד, איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אָן אומגעהויערן וואוקס פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג דאָ אין לאַנד במשך פון 19טן יאָרהונדערט. עס האָבן, לויט די אָנגענומענע שאַצונגען, געהאַט געלעבט בלויז אַרום זעקס טויזנט ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1825. מיט הונדערט יאָר שפּעטער האָט שוין דער אַמעריקאַניש־ייִדישער ישוב דערגרייכט ביז צו פיר און אַ האַלב מיליאָן — אַ פאַרמערונג אין זיבן הונדערט מאָל. פאַרגעקומען איז דער דאָזיקער וואוקס, פאַר־שטייט זיך, אַדאַנק דעם ריזיקער אימיגראַציע, פריער פון דײַטש־לאַנד, אין די יאָרן פון 1825 ביז 1880, און שפּעטער פון מזרח־אייראָפּע, אין די יאָרן 1880—1925.

ביזן יאָר 1880 איז די גאַנצע ייִדישע קהלשע אַרבעט אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד פאַרבונדן געווען, בדרך הכלל, מיט די בתי־תפילה, ד. ה. די סינאַגאָגעס. אין יאָר 1822 איז, לויט דער בקשה פון אַ ייִדישן וועטעראַן פון אַמעריקאַנישן אומאָפּהענגיקייט־קריג, וואָס איז געלעגן אין שפּיטאָל, מען זאָל אים מבקר חולה זײַן, גע־גרינדעט געוואָרן אַ ייִדישע צדקה־חברה אין ניו יאָרק — די „היברו בענעוואָלענט סאָסײַעטי". פון דער דאָזיקער חברה, וואָס איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן צו פאַרוואַלטן מיט אַ פאָנד פון דרײַ הונדערט דאָלאַר, וואָס דער דאָזיקער וועטעראַן האָט געלאָזן בירושה אויף צדקה, איז שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן די „יונײַטעד היברו טשאַריטיס", וואָס הייסט שוין הײַנט־צו־טאָג „דזשואיש סאָשעל סורוויס אַסאָסיאיישאָן אין ניו יאָרק סיטי". דאָס איז אגב די גרעסטע ייִדישע צדקה אָרגאַניזאַציע אין דער גאַנצער וועלט. אָבער נאָך פריער, ד. ה. פאַר דעם יאָר 1822, האָבן שוין עקזיסטירט אין די גרעסטע ייִדישע קהלות פון לאַנד ייִדישע אָרגאַניזאַציעס — חוץ בתי־מדרשים און סינאַגאָגעס — אויף צו באַדינען די אַמע־ריקאַנער ייִדן. אַזוי האָבן אין ניו יאָרק אָנפאַנג 19טן יאָרהונדערט עקזיסטירט אַזעלכע פאַראיינען ווי די „פּימעיל היברו בענעוואָלענט סאָסײַעטי" (פילאַנטראָפּישער פרויען־פאַריין); אויך אַ חברה צו

פארזארגן ארימע יתומים, א הילפס־פאראיין פאר ארבעטסלאזע, און אן אגענטור צו שטיצן יידישע פארמערס א. א. וו.

אין יאר 1856 האט די „היברו בענעוואלענט סאסייעטי" אין ניו יארק אויסגעגעבן אויף 1900 נויטבאדערפטיקטע פערזאנען בערך $5000. ווערליק די היינטיקע באגריפן איז עס אפשר ניט קיין גרויסע סומע געלט, אבער פארגעסט ניט, אז אין יענער צייט האבן אין ניו יארק געלעבט בלויז פון 15 ביז 20 טויזנט יידן. פון דער צווייטער זייט, איז כדאי צו וויסן, אז אין יענער צייט פלעגן אלע יידישע ארגאניזאציעס צוזאמענגענומען שטיצן פון 4 ביז 5 טויזנט יידישע נפשות יאר־יערלעך. פון אט די פאר ציפערן זעען מיר, אז פון 10 ביז 20 פראצענט פונם גאנצן יידישן ישוב אין ניו יארק האבן דער־מאלט, מיט א יאר 80 צוריק, זיך גענויטיק אין הילף, אין שטיצע. אזא גרויסע ארימקייט אין יענער צייט איז געווען דער פועל יוצא פון דער פארגרעסערטער אימיגראציע זינט דעם יאר 1820, אלס א רעזולטאט פון די רדיפות און גזירות, וואס האבן זיך א שאט גע־טאן אויף די אייראפעישע יידן נאך די נאפאלעאנישע מלחמות און האבן זיך געצויגן אן אויפהער פון 1830 ביז 1860.

די יידישע אימיגראנטן פון דייטשאנלד זיינען ניט צופרידן געווען מיט דער פירערשאפט פון די צדקה־פאראיינען, וואס איז געלעגן הויפטזעכלעך אין די הענט פון די פריערדיקע איינוואנדע־רער, די פארטוגעזישע יידן, פונקט אזוי ווי די שפעטערדיקע אי־מיגראנטן, די רוסישע יידן, ווי באקאנט, איז ניט געפעלן געווען דער שטייגער ווי ס'האבן זיך געפירט די צדקה־טוערס אין די אינסטיטו־ציעס, וואס אין זייער שפיץ זיינען סוף 19טן יארהונדערט געשטא־נען די דייטשע יידן. אין יאר 1844 איז געגרינדעט געווארן „די דזשוירמען היברו בענעוואלענט סאסייעטי", און אן ספק קען מען זאגן, אז אט די חברה איז געבארן געווארן פון א פראטעסט קעגן דער צדקה־געזעלשאפט, וואס האט אין יענער צייט שוין עקזיסטירט פון פריער. די דאזיקע נייע חברה האט שנעל געקראגן א גוטן נא־מען, און שוין אין ערשטן יאר האט זי צוגעצויגן צו זיך ארום 200 מיטגלידער. אין יאר 1860 האבן ביידע צדקה־ארגאניזאציעס, מחמת דער געזעלשאפטלעכער אומצופרידנקייט מיט דער שעדלעכער שפאל־טונג פון די כוחות אויפן צדקה־געביט זיך פאראייניקט. אט דער־

פון נעמט זיך טאַקע דער נאָמען, וואָס איז אויבן שוין דערמאָנט גע־וואָרן, „יונײַטעד היברו טשאַריטיס״.

די הונדערטער טויזנטער אימיגראַנטן, וואָס פלעגן אָנקומען אין אַמעריקע אין די יאָרן נאָך 1880, האָבן געשאַפן אַ לאַגע, וואָס האָט געצוואונגען די פון פריער אײַנגעזעסענע ייִדן צו פאַרלײַכטערן פאַר די נײַ־אָנגעקומענע ייִדן די צופּאַסונג צום נײַעם פרעמדן שטײַ־גער אין זייער פרישן פאַטערלאַנד. די צײַט־אומשטענדן זײַנען גע־וואָרן שווערע. דער ייִדישער קיבוץ אין ניו יאָרק און אין אַנדערע גרויסע קהלות איז געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט אַ האַר־בער פּראָבלעם: ווי העלפט מען פאַרט די טויזנטער פריש־אָנגעקו־מענע אָרימע ייִדן אײַנצואָרדנען זיך? — אַ פראַגע, וואָס איז פרי־ער פאַר די ייִדישע קיבוצים דאָ אין אַמעריקע קיינמאָל ניט געשטאַ־נען. די פירער פון דער „פאַראייניקטער צדקה־געזעלשאַפט״ (יונײַ־טעד היברו טשאַריטיס), און פון ענלעכע געזעלשאַפטן אין אַנדערע שטעט, האָבן פאַר דער עפנטלעכקײַט דערקלערט, אַז זייער ציל איז „צו שטיצן די אָרימעלײַט אין ניו יאָרק און ניט אין דער גאַנצער וועלט״ (דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף די ייִדישע אימי־גראַנטן פון מזרח־איירָאָפּע). די ניו יאָרקער צדקה־אָרגאַניזאַציעס זײַנען אַזוי איבערגעשראָקן און מבולבל געוואָרן, אַז זיי האָבן שטיל־לערהייט געגעבן זייער צושטימונג צום אימיגראַנטן־פײַנדלעכן שוץ־געזעץ פון יאָר 1882 מכוח רעגולירן די אימיגראַציע. זיי האָבן אויך אַרויסגעשיקט פּראָטעסט־בריוו צו די איירָאָפּעיִשע ייִדישע פירער און האָבן געפאָדערט אַ שטרענגן אָפּקלײַב פון די אימי־גראַנטן. געוויס, דער כסדר־וואַקסנדער אימיגראַציע־שטראָם האָט פּשוט געצוואונגען די ניו יאָרקער ייִדישע פירער אָנצופאַנגען אַ קאָנסטרוקטיווע הילף־אַקציע. זיי האָבן אָוועקגעזעצט אַן אייגענעם אַגענט זייערן אויף עליס־אײַלענד (דער קליינער אינדזל בײַם אַרײַנ־גאַנג אין ניו יאָרקער האַפן), וואָס האָט געדאַרפט מיט ראָט און טאָט העלפן די ייִדישע אימיגראַנטן; זיי פלעגן זיך אַנטקעגנשטעלן דער דראָענדיקער דעפּאָרטאַציע פון געוויסע פאַמיליע־מיטגלידער, ווען גאַנצע משפּחות האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקײַטן בײַם לאַנדן אין ניו יאָרק; זיי האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט דעם נײַ־געשאַפענעם פאַראיין פאַר אימיגראַנטן־שוץ, וואָס איז דעמאָלט

טאַקע געגרינדעט געוואָרן („האַיאַס״) ; זיי האָבן געעפנט אַכסניות פאַר די, וואָס האָבן קיין דאַך איבערן קאָפּ ניט געקאָנט געפינען, און האָבן אויף אַ סך אַנדערע אופנים געהאָלפן די „גרינע״ זיך צו־צופּאַסן צום נײַעם האַרבן לעבן.

צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז אויך געוואַקסן די פאַרזאָרגונג־אַרבעט אויפן געביט פון געזונט־אָפּהיטונג. דער גרעסטער ייִדישער שפּיטאָל אין אַמעריקע איז דער „מאָונט סיני״ האָספּיטאָל אין ניו יאָרק. ער איז געגרינדעט געוואָרן אונטערן נאָמען „ייִדישער שפּיטאָל״ אין 1856, און איז געווען דער ערשטער פון די גרויסע ייִדישע שפּיטאָלן דאָ אין לאַנד, אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם שפּיטאָל אין סינסינעטי, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1850. אין 1855 האָט דער מאָונט־סיני שפּיטאָל געהאַט פּלאַץ פאַר 150 בעטן. זײַן בנין האָט אָפּגעקאָסט אַרום 30,000 דאָ־לאַר, און אין די ערשטע פינף חדשים האָט ער אויפגענומען 271 קראַנקע, אָבער ניט מער ווי 15 ביז 20 פּאַציענטן זײַנען דאָרט גע־האַלטן געוואָרן גלײַכצײַטיק. אין באַריכט פאַר דעם יאָר 1857 ווערט געזאָגט, אַז אין האָספּיטאָל האָבן זיך אין יענעם יאָר קורירט 110 קראַנקע דײַטשע ייִדן, 64 ייִדן פון פּוילן, 5 אַמעריקאַנער־געבאָרענע ייִדן, און 1 ייִד פון רוסלאַנד. פון די 285 פּאַציענטן במשך פון יאָר זײַנען 200 געווען אָרימעלײַט. דעמאָלט איז אין מט. סיני האָספּיטאָל געווען בלויז איין שטענדיקער דאָקטאָר (אינטערן) און איין דרויסנ־דיקער (באַזוכנדער) דאָקטאָר, וואָס האָט אפילו קיין געהאָלט ניט גענומען. אַלע 9 שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע פלעגן צוזאַמען באַקומען אין שכירות 1865 דאָלאַר אַ יאָר, און די גאַנצע יערלעכע הוצאה האָט באַטראָפן 9,700 דאָלאַר. און פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף אַזאַ קליינעם פאַרנעם, האָט דער מט. סיני האָספּיטאָל פאַרט געשמט אין יענער צייט ווי איינער פון די גרעסטע ייִדישע שפּיטאָלן אין אַמעריקע.

פונקט אַזוי גיך און גרויס ווי די ייִדישע שפּיטאָל־אינסטיטו־ציעס, איז אויך אויסגעוואַקסן בײַ ייִדן אין אַמעריקע די פאַרזאָר־גונג־אַרבעט פאַר די יתומים און אָרימע קינדער. דאָס ערשטע ייִדי־שע יתומים־הויז איז געעפנט געוואָרן אין טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַ־ראָלײַנאַ, אין יאָר 1801. אין ניו יאָרק איז דאָס ערשטע יתומים־

הויז געגרינדעט געוואָרן אין 1860, מיט פּלאַץ פאַר 30 קינדער. מיט 8 יאָר שפּעטער האָט ער שוין געהאַט פּלאַץ פאַר 150 קינדער. הײַנט־צו־טאָג זײַנען אין ניו יאָרק אַליין פאַראַן 5 ייִדישע אָנ־שטאַלטן פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג, און אַרום 5000 קינדער האַלטן זיך אויס אין אָט די ייִדישע קינדערהיימען.

2. ייִדישע צדקות זינט 1880

דער פאַרנעם פון דער אַרבעט פון די „יונײַטעד היברו טשאַרי־טיס" פון דער שטאָט ניו יאָרק, פשוט ווי אַן אילוסטראַציע, וואָס ווײַזט ווי גרויס אָט די פּראָבלעם איז געווען אין אַנדערע שטעט דעמאָלט, בײַם אָנפאַנג פון דער מאַסן־אימיגראַציע אין יאָר 1881, — אָט דאָס אַלץ קען מען באַגרײַפן פון אַ פאַר סטאַטיסטישע ציפערן, וואָס מיר וועלן דאָ ברייִנגען. אין יאָר 1882 האָבן 300 ייִדן באַקומען (פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע) געלט אויף באַן־בילעטן אויף אַרויסצופאָרן, און זוכן אַרבעט, אין אַנדערע שטעט; אין 1883 שוין — 1040 נפשות; אין 1892 האָט מען שוין אויסגעטיילט פרײַע טראַנספּאָרטאַציע צו 4030 נפשות, און די הוצאה אויף אָט די באַן־בילעטן האָט באַטראָפן קרוב 25,000 דאָלאַר. אין יאָר 1882 האָט די גאַנצע הוצאה פון די „יונײַטעד היברו טשאַריטיס" באַ־טראָפן 55,000 דאָלאַר, אין 1883 — שוין 90,000 דאָלאַר. אָבער די אַרבעט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און די הוצאות פלעגן כסדר וואַקסן. אָט איז איין בײַשפּיל: אין יאָר 1896 איז געווען אַ טאָג ווען ס׳זײַנען אָנגעקומען 600 בקשות פאַר הילף, און 8000 אַרבעטלאָזע זײַנען געשטיצט געוואָרן אין יענעם יאָר.

עס זײַנען דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אָט דער ניו יאָרקער ייִדישער אָרגאַניזאַציע פּראָפעסיאָנעלע שולן פאַר ייִנגלעך און מיידלעך. ווײַטער האָט זי אָרגאַניזירט אַ היים פאַר כראָנישע קראַנקע און אינוואַלידן; די זעלבע אָרגאַניזאַציע איז געווען די ערש־טע צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע געשולטע קראַנקן־שוועסטער (נוירסעס) צו באַזוכן אָרימע קראַנקע אין זייערע היימען; זי האָט אונטערגענ־נומען אַן עקספּערימענט צו קאָלאָניזירן אויף פאַרמס ייִדישע אי־מיגראַנטן; זי האָט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט צו געבן אומזיסטע

יורידישע הילף; זי האָט געשאַפן די „סענטראַל ראַשען רעפּיודזשי קאָמיטע" (צענטראַלער קאָמיטעט פון די פּליכטלינגע פון רוסלאַנד) אין יאָר 1890. מיט איין וואָרט — „די יונײַטעד היברו טשאַריטיס" איז געוואָרן די ערשטע טרײַב־קראַפט ,דער אור־מאָטאָר, פון אַלער־ליי קהלשע טעטיקײַטן צו העלפן אי די אָרימע אײַנגעזעסענע אי־מיגראַנטן אי די פריש־געקומענע ייִדישע אימיגראַנטן פון אייראָפּע.

אין די 90ער יאָרן האָט דער שטראָם פון די אָנקומענדיקע אימיגראַנטן געהאַלטן אין איין וואַקסן, הגם די גרויסע שטעט, דער־הויפּט אין מזרח־טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זײַנען שוין גע־ווען איבערגעפּילט מיט ייִדישע אימיגראַנטן. אַ סך ייִדישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס זײַנען אין יענער צײַט, מיט אַ יאָר 40—45 צוריק, געגרינדעט געוואָרן, כדי צו פאַרלײַכטערן פאַר די „גרינע" די צו־פּאַסונג צו די נײַע לעבנס־באַדינגונגען. מ'האָט געשאַפן רעליף־אַגענטורן צו געבן געלט־שטיצע, קינדער־פאַרזאָרגונג אַנשטאַלטן, שפּיטאָלן, מושב זקנים'ס, „סעטלעמענטס" און אז. גער. „קאָמיוניטי־הײַזער", קורץ און גוט: אַ ריי אָפּגעזונדערטע, ניט־קאָאָרדינירטע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַלע געשטרעבט צו באַקומען פון דעם ייִדישן קיבוץ אַ מאָראַלישע און מאַטעריעלע אונטערשיצונג, כדי צו האָבן דאָס געלט פאַר זייער אַרבעט. אַזאַ לאַגע, די קאָנקורענץ פון די צדקה־עסקנים, האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך געמוזט אַרויסרופן ניט ווייניק שוועריקײַטן און מניעות. מ'קען אָט די אַלע שוועריקײַטן, וואָס פלעגן האַלטן אין איין וואַקסן, אײַנטיילן אין דרײַ קאַטעגאָריעס. ערשטנס, די דופּליקאַציע פון די צדקה־אַרבעטן, ווען אין געוויסע טע־ריטאָריעס און אין געוויסע צדקה־צווײַגן האָבן צוויי, אָדער נאָך מער, אינסטיטוציעס, זיך מתעסק געווען מיט כמעט דערזעלבער פילאַנטראָפּישער טעטיקײַט. צווייטנס, איז די צדקה פאַרזאָרגונג פאַר אַלע אָרימע ייִדן פון אַ שטאָט, גענומען ווי איין קיבוץ, דאָך געשטאַנען אויף אַ ניט צו־הויכער שטופע. דריטנס, איז דער רײַכער עולם, וואָס פלעגט, ווידער און אָבער, געבן די נדבות, אַוודאי צו אָפט „געפּלאָגט" געוואָרן פון די געלט־זאַמלונג אַקציעס לטובת די ייִדישע צדקה־אינסטיטוציעס (ווי דער שטייגער איז בײַ אַ סך גבירים זיך צו באַקלאָגן אויף אָפטע צדקה־אַפּילס...)

אַלס אַ לאָגישער רעזולטאַט פון אַזאַ צושטאַנד, און ווי אַ מיטל ייִדישער אַמעריקע אַ ספּעציעלער מין שטאַטישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס, אַ מין צדקה־גדולה פאַר דער גאַנצער שטאַט ייִדן, די אַזוי גערופענע „צדקה־פעדעראַציע". די ערשטע אָרגאַניזאַציעס פון דעם דאָזיקן מין זײַנען געשאַפן געוואָרן אין באָסטאָן, אין יאָר 1895, און אין סינסינעטי, אָהײַאָ, אין יאָר 1896. אַ סך פעדעראַציעס זײַנען אויפגעקומען אין די נעקסטע צען־צוועלף יאָר צײַט. אין 1909 איז אַ „פעדעראַציע פון ייִדישע צדקות" געגרינדעט געוואָרן אין ברוקלין, און אין 1917 איז אַזאַ פעדעראַציע געגרינדעט געוואָרן אין ניו יאָרק פאַר די באָראָס פון מאַנהעטן און בראָנקס. איר אָפיציעלער נאָמען איז געווען: פעדעריישאָן פאַר דהי סופּאָרט אָוו דזשואיש פילאַנטראָפּיק סאָסייעטיס.

אין די ערשטע יאָרן פלעגן די פעדעראַציעס דער עיקר זאָרגן פאַר אַ בעסערער סיסטעם פון געלט־זאַמלונג קאַמפּעינס, און דאָס געלט פלעגט אַוועקגיין צו פינאַנסירן די אַגענטורן, וואָס זײַנען אָנגעשלאָסן צו דער פעדעראַציע, ווי די פּריוואַטע (ניט פון דער שטאַט אָדער שטאַט) פאַמיליען־שטיצע אָרגאַניזאַציעס, (ד. ה. די אונטערשטיצונג, רעליף אָפיסעס), האָספּיטאַלס, מושב זקנים׳ס, יתומים־הײַזער, קאָמיוניטי צענטערס א. ד. גל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, באַזונדערס נאָך דער מלחמה, און ספּעציעל אין די לעצטע 10—15 יאָר זײַנען אַ סך צדקה־פעדעראַציעס געוואָרן קהלשע אַגענטורן שוין מיט ברייטע פונקציעס. זיי אונטערנעמען זיך ניט בלויז צו שטיצן די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס זײַנען אָנגעשלאָסן צו די פעדעראַציעס, נאָר אויך אויסצואַרבעטן קאָנסטרוקטיווע פלענער פאַר דער פילאַנטראָפּיע גופא, פאַר קהלשע אַרבעטן אויפן צדקה־געביט. דאָס איז די אורזאַך הלמאי געוויסע פעדעראַציעס טראָגן שוין איצט דעם נאָמען דזשואיש וועלפעיר פעדעריישאָנס אָדער גאָר יונייטעד סאָשעל איידזשענסיס.

הײַנט־צו־טאָג ,אויב מען זאָל רעכענען אָן אויסנאָם דאָ און דאָרט, איז לאָזט זיך שוין זאָגן, אַז די פעדעראַציעס שטרעבן צו אונטערשטיצן, צו קאָאָרדינירן און צו קאָנטראָלירן (אָנצופירן) די וויכטיקסטע ייִדישע סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע אַגענטורן און טעטיקײַטן אין זייערע קהלות. באַזונדערס איז אָט דער כלל חל אויף די

קליינע שטעט. דאָרט האָבן די פעדעראַציעס דעם ציל אויסצואַרבעטן די פּלענער פאַר די אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס און אָנצופירן מיט זייערע פונקציעס בכלל. אין נאָך קלענערע קהלות איז די פעדעראַציע פאַקטיש אויך די צדקה־אַגענטור גופא, און זי איז דאָרט אַן אָרגאַניזאַציע אפילו וואָס פירט איר צדקה־אַרבעט אויפן באַזיס פון „קעיס וואָירק״, ד. ה. זיך פאַרנעמענדיק פּראָסט־פּשוט מיט יעדן איינצלנעם נויט־פאַל אינדיווידועל און דירעקט, ד. ה. קומענדיק גלייך צו הילף וואו נאָר אַ ייִדישער נפש אָדער משפחה איז אין נויט און איז געצוואונגען אָנקומען צו קהלשער צדקה.

צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער צענטראַליזאַציע און קאָאָרדינאַציע באַוועגונג, האָבן די באַזונדערע צווייגן פון דער ייִדישער פילאַנטראָפּישער אַרבעט דורכגעמאַכט אַ פאַרבעסערונג אין איינקלאַנג מיט די מאָדערנע פּראָגרעסיווע געדאַנקען מכוח גזעלשאַפטלעכער פילאַנטראָפּיע. נעמט, למשל, די „יונײַטעד היברו טשאַריטיס״ פון ניו יאָרק. פון אַן אונטערשטיצונג פאַראיין (רעליף סאָסײַעטי), וואו די אָרימעלײַט שטייען אין אָפּיס אין אַ לאַנגער שורה וואַרטנדיק אויף אַ נדבה, האָט זיך מיט דער צײַט אַנטוויקלט אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האַלט אויס נויטבאַדערפטיקטע משפחות אויף אַ בכבודדיקן אופן, און צומאָל העלפט זי זיי זיך אַליין אויסצוהאַלטן; און די מיטלען דערצו זײַנען: פּראָפעסיאָנעלע איבערשיכטונג (זיך צו נעמען צו נײַע פּרנסות, אָדער אײַנצואָרדענען פאַר זיי קליינע געשעפטן א. ד. גל.). אויך זוכט די צדקה־געזעלשאַפט שאַפן דערציאונג און שולונג פאַר די אָרימע קינדער, און מ׳גיט זיי, די אָרימע משפחות, קאָנסטרוקטיווע הילף אויף אַ סך אַנדערע אופנים. די דאָזיקע ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע און אַנדערע ייִדישע אונטערשטיצונג אַגענטורן האָבן אויסגעאַרבעט אַ סטאַנדאַרד פון אַ פאַמיליען־ביודזשעט און גיבן די נויטבאַדערפטיקטע פאַמיליעס אַזאַ וועכנטלעכע אָדער מאָנאַטלעכע אונטערשטיצונג, וואָס איז גענוי אויסגערעכנט צו דעקן זייערע באַדערפענישן. די דאָזיקע אַגענטורן רעכענען זיך, אַלזאָ מיט דעם זעלבסט־רעספּעקט פון די אָרימעלײַט, וואָס ווערן אגב איצט גערופן „קליענטן״. אַ גרינדלעך געשולטער פּערסאָנאַל פון ספּעציעלע אָנגעשטעלטע, מערסטנטיילס גראַדויִרטע פון קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, אין אַ סך פאַלן גראַדואירטע פון דער

„ייִדישער שולע פֿאַר סאָציאַלער פֿילאַנטראָפּישער אַרבעט אין ניו יאָרק", אָדער פֿון אַנדערע פּראָפֿעסיאָנעלע שולן פֿאַר די וואָס וועלן זוכן באַשעפֿטיקונג אין דער סאָציאַל־פֿילאַנטראָפּישער באַדינונג, האָבן השגחה איבער די אָרימע פֿאַמיליעס וואָס זיי, די צדקה־אַגענטן, באַזוכן אין די היימען און זוכן אויפֿצוריכטן און צו אַנטוויקלען אין זיי אויפֿבויענדיקע כּוחות. זינט דעם יאָר 1920, ווען „די דזשואיש עיד סאָסײַעטי אָוו שיקאַגאָ" האָט געביטן איר נאָמען אויף „דזשואיש סאָשל סירוויס ביוראָ אָוו שיקאַגאָ", האָבן כמעט אַלע גרויסע ייִדישע פֿילאַנטראָפּישע אַגענטורן אין לאַנד, אײַנשליסלעך די „יו־נײַטעד היברו טשאַריטיס אָוו ניו יאָרק", אויך געביטן זייערע נעמען. אַנשטאָט די „דזשואיש טשאַריטיס" און „דזשואיש רעליף" פֿאַראיי־נען, געפֿינען מיר איצט ייִדישע „סאָשעל סירוויס ביוראָס" אָדער „אַסאָסיאיישאַנס" אין יעדער שטאָט מיט אַ גרעסערער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דר. מ. קאַרפּף, דירעקטאָר פֿון דער אויבנדערמאָנ־טער „דזשואיש סקול אָוו סאָשעל וואָירק" אין ניו יאָרק, זאָגט, אַז דאָס איז אַן ענדערונג ניט בלויז אין נאָמען: געביטן האָט זיך די גאַנצע אויפֿפֿאַסונג, דער גאַנצער קוק, די מעטאָדן און די שיטה, ווײַל אַנשטאָט „רעליף אַרבעט" האָבן מיר איצט אינדיווידועלע פֿי־לאַנטראָפּישע פֿאַרזאָרגונג (קעיס וואָירק), און די דאָזיקע נײַע פֿאַר־זאָרגונג־אַרבעטן ווערן וואָס ווײַטער אַלץ מער געבראַכט אין אײַנ־קלאַנג מיט די וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריעס פֿון דער סאָציאַלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע.

ווי עס ווײַזן די אָפֿיציעלע דאָקומענטן מכּוח סאָציאַלער פֿאַר־זאָרגונג און פֿילאַנטראָפּיע, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, שטייען די ייִדישע אונטערשטיצונג־אָרגאַניזאַציעס, אין באַצוג צו די סטאַנדאַרדס פֿון זייער טעטיקײַט, העכער פֿון די קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע און ניט־סעקטאַרישע צדקה־אַגענטורן אין אַמעריקע. אונדזערע ייִדישע אַגענטורן גיבן אַ ברייט־האַרציקע אונטערשטיצונג צו די נויטלײַדנדע פֿאַמיליעס און העלפֿן זיי פֿאַר אַ לענגערן פּעריאָד; זייער קליענטור איז אַ מער סטאַבילע; זיי צאָלן בעסערע שכירות און לייגן ניט אַרויף אַ צו־שווערע אַרבעט־לאַסט אויף די „סאָשעל וואָירקערס" (ווי אַלע פּראָ־פֿעסיאָנעלע צדקה־טוער און אַנגעשטעלטע ווערן אין אַמעריקע אָנ־

גערופּן). אַלע פאָרשער גיבן צו, אַז די ייִדישע אונטערשטיצונג פאַראייִנען פּרובירן אויס נײַע, נאָך ניט אויסגעפאָרשטע, פעלדער פון סאָציאַלער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. זיי זײַנען אויך אַזאַ אופן די פּיאָנערן פאַר אַלע אַנדערע גרופּעס, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער אָרגאַניזירטער צדקה־טעטיקייט. אַזוי, למשל, זײַנען די ייִדישע פילאַנטראָפּישע אַגענטורן געווען די ערשטע דאָ אין אַמעריקע אײַנ־צופירן די אַזוי גערופענע טראַנספּאָרטאַציע אַגרימענטס. די דאָזיקע אַגרימענטס פירן אַרײַן אַ סדר אין דער אַרבעט מיט וואַנדערנדיקע קליענטן פון די אונטערשטיצונג־אָרגאַניזאַציעס, און פירן צו אַ קאָ־אָפּעראַציע פון אַלע צדקה־אינסטיטוציעס איבערן לאַנד. גלײַכצײַ־טיק שאַפט דער דאָזיקער אַגרימענט אַ זייער שטאַרקע פאַרקלענע־רונג אין די אײַזנבאַן רײַזע־הוצאות פאַר די אָרימע, וואָס פאָרן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער, למשל, וואָס פאָרן זיך קורירן, אָדער פאָרן זוכן אַרבעט א. ד. גל. דער דאָזיקער אַגרימענט, איצט ממש אַ מאָדעל, נאָכגעמאַכט פון אַלעמען, איז מעשה נײַעס אײַנגעפירט גע־וואָרן פון די ייִדישע צדקה־טוערס שוין אין יאָר 1900, און איבער 800 צדקה אינסטיטוציעס זײַנען איצט שותפים צום דאָזיקן פּלאַן.

די אַמעריקאַנער ייִדישע פילאַנטראָפּישע אַרבעט איז אַ זייער פאַרשיידנאַרטיקע, און איז גלײַכצײַטיק אויך מאָדערן און פּראָגרע־סיוו. אַט נעמט, למשל, די מעדיצינישע הילף; זי איז געוואַקסן פון אַ גאַנץ קליינעם אָנפאַנג ביז צו אַ טעטיקייט, וואָס האָט איצט אַ ריזיקן פאַרנעם. פאַרגלײַכט די 285 פּאַציענטן וואָס זײַנען אין יאָר 1857 באַהאַנדלט געוואָרן, ווי אויבן דערמאָנט, אין דעם עלטסטן ייִדישן האָספּיטאַל אין ניו יאָרק, מט. סיני האָספּיטאַל מיט די 13,858 פּאַציענטן, וואָס זײַנען אין יענעם שפּיטאַל באַהאַנדלט גע־וואָרן אין 1935. הײַנט צו טאָג האָט איר אין גרייטער ניו יאָרק אַליין 18 האָספּיטאַלס און סאַנאַטאָריעס פאַר ייִדישע קראַנקע, מיט פלעצער פאַר קרוב 4000 בעטן, און מיט אַ יערלעכן ביודזשעט פון 9 מיליאָן דאָלאַר. עס זײַנען דאָ אַרום 70 ייִדישע האָספּיטאַלס אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט פלעצער פאַר קרוב 9000 בעטן און מיט אַן אַלגעמיינער פאַר זיי אַלע יערלעכער הוצאה פון קאַרגע 19 מיליאָן דאָלאַר. די ייִדישע האָספּיטאַלס איבערן לאַנד גיבן איבער 2,750,000 אויפהאַלט־טעג צו די ייִדישע און ניט־ייִדישע קראַנקע.

אין די דאָזיקע מעדיצינישע אַנשטאַלטן זײַנען באַשעפטיקט אומגעפער 4,300 פּראָפעסיאָנעל־געשולטע פּערזאָנען, ווי דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער, און אַזוי ווי. אין 7—6 (ווייניקסטנס) גרעסערע שטעט פון לאַנד זײַנען דאָ יידישע אינסטיטוציעס ניט בלויז פאַר די צײַטווײַליקע קראַנקע, נאָר אויך כראָנישע קליניקס און אַנשטאַלטן פאַר קימפּעטאָרינס.

אָפּט האַלטן אויס די יידישע אונטערשטיצונג פאַראייִנען היימען פאַר די אומגליקלעכע, וואָס האָבן ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ, הגם מען טרעפט אויך ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס פאַר די דאָזיקע צוועקן. די „ביישאָנעל דעזערשאָן ביוראָ״ איז דער צענטראַלער אָפּיס פאַרן גאַנצן לאַנד צו כאַפּן די אַנטלאָפענע מענער, וואָס וואַרפן אַוועק זייערע ווײַבער און קינדער; און עס ווערט אויך געזאָרגט, אַז די דאָזיקע דעזערטירן זאָלן געשטעלט ווערן פאַרן געריכט.

עס זײַנען דאָ אַרום 100 יידישע אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד, וואָס זאָרגן פאַר די יתומים און אָרימע קינדער, סײַ אין אינסטיטוציעס סײַ אין די היימען וואוהין מען גיט די קינדער אָפּ אויף קעסט. די 100 אינסטיטוציעס האָבן אויסגעגעבן אין יאָר 1935 כמעט פינף מיט אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר. אַרום 10 טויזנט אומגליקלעכע יידישע קינדער, פון וועלכע בלויז אַ קליינער טייל זײַנען קײַלעכדיקע אָדער האַלבע יתומים, ווערן אויסגעהאַלטן אין אַלע אינסטיטוציעס.

די פאַרזאָרגונג פון די יידישע זקנים און זקנות ווערט וואָס ווײַטער אַלץ אַן ערנסטערע פראַגע. עס זײַנען דאָ אַרום 60 יידישע מושב זקנימס אין אַמעריקע, וואו עס לעבן קרוב 6000 אַלטע לײַט. די מערסטע אינסטיטוציעס ווערן אויסגעהאַלטן פון די געלט, וואָס די יידישע צדקה־פעדעראַציעס אין די באַטרעפנדע שטעט קלײַבן אויף. זיי גיבן אויס אַרום 2,300,000 דאָלאַר אַ יאָר. עס בלײַבט צו זען, ווי אַזוי דער געזעץ וועגן פענסיעס פאַר די אָרימע אַלטע בירגער, ווי דאָס איז שוין אײַנגעפירט געוואָרן אין כמעט אַלע שטאַטן אין אַמעריקע, וועט מיט דער צײַט ווירקן אויף דער פאַרזאָרגונג־אַרבעט פאַר די אָרימע יידישע זקים און זקנות.

3. צדקה פעדעראַציעס, „קאָמיוניטי טשעסטס" און „וועלפעיר פאָנדס"

אין אַ סך שטעט באַלאַנגען די ייִדישע צדקה־פעדעראַציעס צו נאָך גרעסערע אָרגאַניזאַציעס, באַוואוסט אונטערן נאָמען „קאָמיוניטי טשעסטס", דאָס מיינט אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו קאָאָרדינירן די פינאַנצן פאַר אַלע צדקה־ און סאָציאַלע פאַרזאָרגונג־אַגענטורן אין דער גאַנצער שטאָט. אין אַזעלכע שטעט ווערן די ייִדישע מנדבים וואָס גיבן געלט פאַר אַט דעם שטאָטישן „טשעסט" טעאָרעטיש פאַררעכנט שוין ווי בײַשטײַערער צו דער ייִדישער פעדעראַציע. די ייִדישע פעדעראַציע קריגט געוויינלעך גרעסערע סומעס פון דעם שטאָטישן טשעסט, און די פעדעראַציע צעטיילט אַליין דאָס געלט צווישן די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס זײַנען אָנגעשלאָסן צו דער פעדעראַציע. אין אַנדערע פאַלן קריגן די אָנגעשלאָסענע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס זייער חלק סובסידיע פון דעם שטאָטישן טשעסט דירעקט, און אויף אַזאַ אופן האָט שוין די ייִדישע צדקה־פעדעראַציע ניט מער ווי בלויז אַן אומדירעקטן קאָנטראָל איבער די ייִדישע פאַרזאָרגונג־אַנשטאַלטן אין דער באַטרעפנדער שטאָט.

די גרויסע מערהײַט פון די ייִדישע פעדעראַציעס זײַנען שוין צוגעשטאַנען צו די „קאָמיוניטי טשעסטס". פון 57 פעדעראַציעס אין די שטעט, וואָס האָבן געהאַט „טשעסטס" אין יאָר 1930, זײַנען בלויז 16 פעדעראַציעס ניט געווען קיין מיטגלידער אין דעם לאָקאַלן „קאָמיוניטי טשעסט". דאָ איז אגב כדאי צו באַטאָנען, אַז דער דערמוטיגנדיקער בײַשפּיל פון די ייִדישע צדקה־פעדעראַציעס, אַלס פאָרם פון אַ בעסערער פינאַנציעלער פילאַנטראָפּישער אַרבעט, האָט סטימולירט דעם וואוקס פון דער „קאָמיוניטי טשעסט" באַוועגונג, באַזונדערס זינט דעם יאָר 1917, אין לאַנד. פון דער צווייטער זײַט, באַמערקט זיך איצט אַ טענדענץ פון דער ייִדישער סאָציאַלער פילאַנטראָפּישער אַרבעט אין אַמעריקע צוצושטיין צו אַלע צענטראַליזירטע מעטאָדן פון גרעסערע אַקציעס פאַר צדקה־פינאַנצן, ווי צום בײַשפּיל, די „קאָמיוניטי טשעסטס" און „עמערדזשענסי אַפּילס", ווי מיטלען פון אַ פינאַנציעלער קאָאָרדינאַציע אין

נאָמען פון מענטשלעכקייט און „מענטשלעכער נויט" אין דער גאַנצער שטאָט אָן אונטערשייד פון רעליגיע און ראַסע.

עס איז אָבער דאָ איין ספּעציעלער אומשטאַנד, אַלס אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דעם אַנטייל פון יידישן קיבוץ אין דער פילאַנטראָפּישער אַרבעט אין אַמעריקע, אַן אומשטאַנד, וואָס פירט צו קאָמפּליקאַציעס אין דעם ענין פון יידישער באַטייליקונג אין די „טשעסטס". די יידישע צדקה־פעדעראַציעס ווערן אָפט אויפגעפאָדערט צו סובסידירן די באַוועגונגען און פּראָיעקטן, ווי, למשל, יידישע קינדער־שולן, ד. ה. אַזעלכע צילן, וואָס זיינען לחלוטין קיין שום נויטווענדיקייט ניט ביי אַנדערע טיילן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, ווי די קריסטן פון אַלערליי דענאָמינאַציעס, אָדער נעגערס און א. אַ. ווייטער; און וואָס איז נאָך וויכטיקער, די יידישע צדקה־פעדעראַציעס ווערן אָפט איינגעלאַדן און אויפגעפאָדערט בייצוטראָגן געלט צושטייער די ביודזשעטן פון אַזעלכע אַגענטורן, וואָס זייער אַרבעט־פּראָגראַם איז בכלל ניט קיין לאָקאַלע. דאָס זיינען, פון איין זייט די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע, דאָס הייסט צענטראַלע אַמעריקאַניש־יידישע אינסטיטוציעס ווי צום ביישפּיל דער גרויסער האָספּיטאַל פאַר שווינדזיכטיקע אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, אָדער די סאַנאַטאָריע אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע; און, פון דער צווייטער זייט, — די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע „רעליף" אָרגאַניזאַציעס ווי אויך די ציוניסטישע אַרבעט.

נו, אַזוי שנעל ווי די יידישע צדקה־פעדעראַציע טרעט אַריין אין דעם שטאָטישן „טשעסט", איז שוין די פראַגע מכוח אַריינגענעמען די זאָרג מכוח די נאָר וואָס דערמאָנטע פינאַנס־פאַרפּליכטונגען פאַר אַלערליי צוועקן, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט די יידישע באַדערפעניש אין דער שטאָט גופא, איז שוין ממילא די דאָזיקע פראַגע אַן ענין, וואָס באַשאַפט פּראָבלעמען און קאָמפּליקאַציעס. דאָ קומט שוין אויס, אַזוי צו זאָגן, געבן די יידן אַ מין ספּעציעלע, אָדער ספּעציפישע, פּאָזיציע. און אָט דער פאַקט האָט טאַקע געהאַט אַ וויכטיקן פועל יוצא — ער איז געווען דער אורשפּרונג פון אַ נייעם צווייג אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער צדקה אין אַמעריקע. אין איבער 20 שטעט, וואָס אין די מערסטע פון זיי געפינט

מען שוין יידישע צדקה־פעדעראַציעס, זיינען אין די לעצטע יאָרן אָרגאַניזירט געוואָרן חוץ דער צדקה־פעדעראַציע, אויך די אַזוי גע־רופענע „דזשואיש וועלפעיר פאָנדס". דער צוועק זייערער איז צו קאָאָרדינירן די יידישע פילאַנטראָפּישע אַרבעט אויף יענע געביטן, וואָס נעמען אַרום די ריין יידישע פּראָבלעמען, ווי למשל, די יידישע דערציאונג אָדער די פינאַנצירונג פון די צענטראַלע יידישע קער־פּערשאַפטן אין אַמעריקע (דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָנגרעס", דער דענווער שפּיטאָל א. א. וו.), פון איין זייט, און צו שטיצן די אינ־טערנאַציאָנאַלע יידישע הילף אָרגאַניזאַציעס („דזשאָינט", „אָרט" א. א. וו.), פון דער צווייטער זייט.

אין יאָר 1927 האָבן בלויז 4 „טשעסטס" (סאַן־פראַנציסקאָ, אינדיאַנאָפּאָליס, סיעטל, קאָלומבוס, אָהייאָ) געהאַט אָרגאַניזאַציעס צו פינאַנצירן די ניט־לאָקאַלע יידישע צדקות חוץ דער יידישער פע־דעראַציע פאַר די דאָרטיקע לאָקאַלע פילאַנטראָפּישע צוועקן. אין די לעצטע יאָרן איז אָבער די צאָל יידישע קהילות אין נאָרד אַמע־ריקע וואָס האָבן „וועלפעיר פאָנדס" שטאַרק געשטיגן, און זי וואַקסט כסדר. וואָס אַ יאָר ווערט אַלץ גרעסער די צאָל שטעט אין וועלכע די יידישע קהילות טראָגן, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, ביי צו דער פינאַנצירונג פון די ניט־לאָקאַלע צוועקן, סיי לטובת די אַמעריקאַנער יידישע קולטורעלע און צדקה־באַדערפענישן גופא, סיי צו שטיצן אונדזערע אומגליקלעכע ברידער אויף יענער זייט ים. אין שייכות מיט דעם איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט" האָט, אין די ערשטע 20 ביז 22 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, אויסגעשפּרייט זיין טעטיקייט איבער עטלעכע און פערציק לענדער און האָט אויסגעגעבן אַרום 85,000,000 דאָלאַר. דער „יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד" האָט אויפ־געקליבן, ווי עס ווערט געשאַצט, אַרום 5,000,000 דאָלאַר ביז דעם 1טן אָקטאָבער 1935. אין דורכשניט גיבן יאָר־יערלעך די אַמערי־קאַנער יידן איבער 5,000,000 דאָלאַר פאַר די אָרימע יידן אויף יענער זייט ים. אין יאָר 1937 האָט דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָ־מיטעט" און דער „יונייטעד פאַלעסטיין אַפּיעל", יעדער איינער, געפירט אַ קאַמפּעין צו זאַמלען אַרום 4.500,000 דאָלאַר. אָט די סומע פון 9,000,000 דאָלאַר איז די גרעסטע סומע געלט, וואָס די

אמעריקאנער יידן זיינען געטרופן געוואָרן בײַצושטײַערן פאַר זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער במשך פון איין יאָר צײַט. די נאָר וואָס דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס קריגן אַ גרויסן טייל פון זייערע געלט פון די צדקה־פעדעראַציעס און „וועלפעיר פאָנדס״. דערבײַ איז אָבער נויטיק געווען צו שאַפן אַן אָפּמאַך מכוח פאַרמײַדן די קאָנ־קורענץ און דעם קאַמף פאַר די אַסיגנירונגען, ווי דאָס איז פאַר־געקומען, מיט זייער טרויעריקע רעזולטאַטן, במשך פון דער געלט־זאַמלונג אַקציע אין יאָר 1936. אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער דערפאַרונג איז געווען, אַז מען איז געקומען צו אַן אַגרימענט, לויט וועלכן דער „דזשאָינט״ דאַרף קריגן 60 פּראָצענט פון די געלט, וואָס ווערט אויפגעקליבן פאַר דער אונטערשטיצונג־אַרבעט אין איי־ראָפּע און ארץ ישראל, און דער „יונײַטעד פּאַלעסטײַן קאַמפּעין״ דאַרף קריגן בלויז 40 פּראָצענט. דער דאָזיקער אַגרימענט באַציט זיך בלויז אויף יענע שטעט, וואו דער קאַמפּעין פאַר צדקה־און אויפבוי־אַרבעט אין אייראָפּע און ארץ ישראל ווערט געפירט דורך אַ „וועלפעיר פאָנד״ אָדער אַ פעדעראַציע.

עס איז פּאַקטיש אוממעגלעך פעסטצושטעלן גאַנץ גענוי, וויפל עס באַטרעפט דאָס געלט, וואָס די אַמעריקאַנער יידן שיקן יאָר נאָך יאָר צו זייערע ברידער אין אייראָפּע און ארץ ישראל. ספּעציעל אומבאַקאַנט זײַנען די ציפערן מכוח דער געלט־שטיצע וואָס ווערט געשיקט פון קרובים אין אַמעריקע צו זייערע קרובים אין אייראָפּע, און מ׳ווייס ניט וואָס פאַר אַ סומע ווערט אַוועקגעשיקט פון אַלע היגע לאַנדסמאַנשאַפטן צו שטיצן יחידים און קהלשע אינסטיטו־ציעס אין דער אַלטער היים. מיר האָבן אויבן דערמאָנט אַ יערלעכן דורכשניט פון געלט־איבערשיקונגען פון 5,000,000 דאָלאַר אַרום און אַרום, וואָס די אַמעריקאַנער יידן באַשאַפן פאַר אינטערנאַצי־אָנאַל־יידישע צדקה־צוועקן, ד. ה. פאַר צדקה אין אייראָפּע און פּאַ־לעסטינע. וויסן דאַרף מען, אַז דאָס איז אָבער ניט מער ווי 40 ביז 50 פּראָצענט פון דעם פולן סך הכל, אויב מען זאָל נעמען אין באַטראַכט די זייער היפשע סומעס געלט, וואָס גייען אַוועק פון אַמעריקע אין דער אַלטער היים אַרײַן, חוץ דעם געלט, וואָס דער „דזשאָינט״ און די ציון־אָרגאַניזאַציעס שיקן יאָר־יערלעך אַרויס

פון אַמעריקע, און וואָס זייערע סטאַטיסטיקס איז ניט שווער צו וויסן.

4. פילאַנטראָפיע און די דעפּרעסיע
(1934—1929)

די דעפּרעסיע, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען סוף 1929 און האָט אָנגעהאַלטן פון 4 ביז 5 יאָר, האָט אַרויפגעוואָרפן אַ זייער שווערע לאַסט אויף דער יידישער פילאַנטראָפּישער אַרבעט בכלל און אויף דער שטיצע פאַר די אָרימע פאַמיליעס בפרט. דאָ אין אַמעריקע געפינען זיך איבער 100 אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטיצן אָרימע פאַמיליעס, ניט רעכענענדיק די גרויסע צאָל פון די לויז־אָרגאַניזירטע אַלטע אונטערשטיצונג חברות און פאַראיינען פון אַלערליי מינים, ווי צ. ב. לאַנדסמאַנשאַפטן, בענעפיט־סאָסייעטיס, און אַזוי ווייטער. אַט זיינען אַ פּאָר ציפערן, וואָס ווייזן ווי שווער עס איז געווען די דאָזיקע פינאַנציעלע לאַסט. אין יאָר 1929, איידער עס איז אויסגעבראָכן דער קריזיס, האָט די „דזשואיש סאָשעל סורוויס אַסאָסיאיישאָן" אין ניו יאָרק אויסגעגעבן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר צו אונטערשטיצן אָרימע יידישע פאַמיליעס. אין 1932 האָט זי שוין אויסגעגעבן אַרום 1,500,000 דאָלאַר און אַ גרויסער טייל פון דער סומע איז געקומען פון די אַלגעמיינע שטאַטישע זאַמלונג־אַקציעס, ד. ה. פון נדבות, וואָס יידן און ניט־יידן האָבן געגעבן, אין פאַרשיידענע קאַמפּאַניעס, פאַר די אָרימע אין דער שטאָט ניו יאָרק בעת יענער קריטישער צייט.

אין יאָר 1930 האָבן 39 פון די גרעסטע יידישע „פאַמיליען־אונטערשטיצונג" אַגענטורן איבערן לאַנד געהאָלפן אַרום 25 טויזנט אָרימע פאַמיליעס. אין 1931 האָבן זיי שוין געשטיצט 29,000 פאַמיליעס. אין 1932 און 1933 — אַרום 31,000 פאַמיליעס. אָבער אין יאָר 1935 איז די צאָל אונטערשטיצטע יידישע משפחות אַרונטער ביז 23,000. די פעדעראַלע און שטאַטלעכע רעגירונגען האָבן, ווי באַקאַנט, גענומען אויף זיך צו שטיצן אַ גאָר גרויסן טייל פון דער אָרימער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. אַט די פאַרקלענערונג

האָט זיך געלאָזט שפּירן ביז דעם יאָר 1937, ווען די באַוואוסטע ענדערונג אין דער רעגירונגס־פּאָליטיק, אין נאָמען פון עקאָנאָמיע אין מלוכה־ביודזשעט, האָט געצוואונגען די יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס ווידער צו נעמען שטיצן גרויסע צאָלן אָרימע משפחות. פונדעסטוועגן האָט נאָך אָט די פאַרגרעסערונג אין דער צאָל געשטיצטע פאַמיליעס אָלץ ניט דערגרייכט דעם פאַרנעם פון די קריטישע יאָרן 1932 און 1933.

אין יאָר 1929 און אין 1930 האָבן 34 פון די גרעסטע אַמעריקאַנער יידישע צדקה־אַגענטורן, אויסגעגעבן אַרום 2,100,000 דאָלאַר אַ יאָר, און האָבן געהאָט אַ קליענטעלע פון אַרום 4,000 נויטבאַדערפטיקע יידישע פאַמיליעס מאָנאַטלעך. אין 1931 האָבן זיי שוין אויסגעגעבן אַרום 2,900,000 דאָלאַר און געשטיצט האָבן זיי דערביי 6,350 פאַמיליעס אַ חודש. אין יאָר 1932—1933 איז יערלעך אויסגעגעבן געוואָרן אַרום 4,000,000 דאָלאַר צו די 9,500 ביז 10,500 פאַמיליעס, וואָס זיינען מאָנאַטלעך געשטיצט געוואָרן. אין 1935 האָבן אַרום 4,950 פאַמיליעס פון מאָנאַט צו מאָנאַט באַקומען געלט־שטיצע. עס זיינען געווען באַשעפטיקט 400 פּראָפעסיאָנעלע „סאָושעל וואָירקערס" פּאַרטיק צו ווערן מיט דער דאָזיקער שווערער אונטערשטיצונג־אַרבעט.

צום גליק האָבן די „קאָמיוניטי טשעסטס", וואָס זיינען אויבן אין קורצן באַשריבן געוואָרן, שטאַרק געהאָלפן די יידישע צדקה־אַגענטורן אין דער דעפּרעסיע־צייט. זיי האָבן צוגעשטעלט געלט־מיטלען און האָבן בכן געשאַפן די סטאַבילקייט, ד. ה. די אומאונטערבראָכענע אַרבעט־מעגלעכקייטן, וואָס וואָלטן אַנדערש מסתמא גאָרניט געקענט געמאָלט זיין בעת יענער טראַגישער צייט. עס ווערט געשאַצט, אַז אין יאָר 1935 האָבן די יידישע צדקה־אַגענטורן אין 63 שטעט, מיט אַ יערלעכער הוצאה צוזאַמען פון אַרום 7,000,000 דאָלאַר באַקומען דערויף 4,070,000 דאָלאַר, אָדער קרוב 43 פּראָצענט, פון „קאָמיוניטי טשעסטס". אין די לעצטע יאָרן געפינט מען אין 140 שטעט מיט „קאָמיוניטי טשעסטס" — 83 שטעט, אָדער אַרום 60 פּראָצענט, וואו די יידישע צדקה־אַגענטורן זיינען באַטייליקט אין דעם „טשעסט". פון דער צווייטער זייט זעט מען, אַז איז 80 שטעט, וואָס האָבן אי יידישע צדקה־פעדעראַציעס אי

„טשעסטס״, זײַנען 52, אָדער 65 פּראָצענט, פון די דאָזיקע פּע־דעראַציעס אָנגעשלאָסן צו די דאָזיקע „טשעסטס״.

זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק איז צו באַקומען אַ דײַט־לעכן בילד אין ציפערן פון דעם גאַנצן סאָציאַל־פילאַנטראָפּישן הוצאה־ביודזשעט פון דער יידישער אַמעריקע. מיר ברייגנען דאָ (אויף ז. 316) אַן אויספירלעכע טאַבעלע מכוח די צדקה־הוצאות פון אַלערליי מינים אין דעם יאָר 1935, ווי זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דעם פריער שוין דערמאָנטן דר. מאָריס קאַרפּף, דער דירעק־טאָר פון דער פּראָפעסיאָנעלער „שול פאַר יידישע צדקה עסקנים אין ניו יאָרק״.[1]

דרײַ שאַרף אויסגעדריקטע פאַקטן מוזן וואַרפן זיך אין די אויגן בײַם אַרײַנטראַכטן זיך אין אָט דער טאַבעלע. ערשטנס, זעען מיר, אַז כמעט 40 פּראָצענט פון דעם גאַנצן הוצאה־ביודזשעט גייט אַוועק אויף דער מעדיציניִשער הילף. צווייטנס, — אַז אַלע קולטור־אַרבעטן צוזאַמען גענומען, ווי למשל, די קינדער־שולן, „יידישע צענטערס״, א. ד. גל. (בערך 2,500 אינסטיטוציעס), פאַרברויכן די ניט גאַנץ גרויסע סומע, אין גרונט גענומען, פון קאַרגע 10,000,000 דאָלאַר, וואָס דאָס איז בלויז אַרום 20 פּראָצענט פון דעם ריזיקן סאָציאַלן הוצאה־ביודזשעט פון אַמעריקאַנער יידנטום. דער דריטער בולט־אַרויסקומענדיקער פאַקט איז, אַז די גאַנצע צדקה־אַרבעט פאַר די אומגליקלעכע ברידער אויף יענער זײַט ים, שוין אַרײַנשליסנדיק דערין די בײַשטײַערונגען פאַרן ארץ ישראל־אויפבוי, איז ניט מער ווי אַרום דריי און איין־פערטל מיליאָן דאָלאַר, אָדער ווי בלויז קאַר־גע 7 פּראָצענט פון דעם יערלעכן הוצאה־ביודזשעט אין יענעם יאָר (1935). די מעדיציניִשע הילף אין דער יידישער אַמעריקע גופא שלינגט אַלזאָ אײַן 6—7 מאָל אַזוי פיל געלט ווי די גאַנצע סומע, וואָס דער „דזשאָינט״, די ציוניסטישע באַוועגונג, א. א. וו. שיקן אַוועק צו די יידן מעבר לים.

צו דער סומע, וואָס דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ גיט אויס אויף די אָרגאַניזירטע צדקה און קולטור־אַרבעטן, וועלן מיר

[1] JEWISH COMMUNITY ORGANIZATION IN THE UNITED STATES, by Maurice J. Karpf, New York, 1938. Bloch Publishing Company, p. 68.

די סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע הוצאות פון יידישן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1935

אַרבעט־געביט און ציל	צאָל אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן	הוצאה אין דאָלאַרן	פּראָצענט
1. לאָקאַלע און ראַיאָנע אָגענטורן			
מעדיצינישע הילף	67	$18,786,222	39.0
פאַמיליען־שטיצע און „רעליף"	113	4,179,713	8.7
קינדער פאַרזאָרגונג	94	5,422,521	11.2
הילף פאַר אַלטע לייט	60	2,322,609	4.8
שטיצע פאַר היימלאָזע און עלנדע	15	93,677	0.2
אַרבעט - פאַרמיטלונג, פּראָפעס. אָריענטאַציע	10	237,516	0.5
קליינע הלוואות (גמ. חסדים)	12	89,796	0.2
וואַקאַציע פאַר אָרימע, קינדער און אַזוי ווייטער	22	270,323	0.6
„יידישע צענטערס" און סעטל־מענטס"	216	4,000,000	8.3
יידישע דערציאונג	2200	5,825,000	12.1
בסך הכל	2809	41,227,377	85.6
2. נאַציאָנאַלע אַגענטורן	26	2,477,673	5.1
3. הילף פאַר יידן מעבר לים	11	3,251,988	6.8
4. אַדמיניסטראַטיווע הוצאות פון פעדעראַציעס, וועלפעיר פאָנדס, געלט־זאַמלונגען. אַקציעס א. ד. גל.	89	1,200,000	2.5
צוזאַמען	2935	$48,157,038	100.0

נאָך צוגעבן די 25 ביז 35 מיליאָן דאָלאַר, וואָס גייען אַוועק אויף די רעליגיעזע באַדערפעניש (אויסצוהאַלטן רבנים, חזנים, טעמפּלען, שולן א. ד. גל.), ווי אויך צוגעבן די צדקה־הוצאות פון אַלערליי קלענערע גרופּעס ווי לאַנדסמאַנשאַפטן, פּראַטערנאַלע פאַראיינען, אָרדנס און אַזוי ווײַטער. אַט אויף אַזעלכע יסודות וואָלט מען געקענט אָן גוזמא זאָגן, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן גיט יאָר יערלעך אויס אַרום 100,000,000 דאָלאַר אויף אירע אָרגאַניזאַציעס און אויף פאַרשיידענע קהלשע אַרבעטן אויף דעם סאָציאַלן, רעליגיעזן און דערציערשן געביט. גאַנץ געוויס נעמט נאָך אַט די דאָזיקע סומע ניט אַרײַן אין זיך די זייער גרויסע נדבות, וואָס רײַכע יחידים־ייִדן גיבן צושטײַער אויף פאַרשיידענע „פאָונדיישאַנס", אוניווערזיטעטן, און פאַר אַנדערע אַלגעמיינע פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע צוועקן, וואָס טרײַבן אַרײַן יאָר־יערלעך אין די שווערע מיליאָנען. אַט די נדבות באַרירן אָבער ניט אויף אַ דירעקטן און באַלדיקן אופן די ייִדישע ברידער פון די מנדבים דאָ אין לאַנד.

5. אויפן שיידוועג

דאָ אין אַמעריקע, אין קעגנזאַץ צום צושטאַנד אין פילע אייראָפּייאישע לענדער, האָבן מיר ניט קיין ייִדישע קהלה, קיין געמיינדע אַלס אַ יורידישע, ד. ה. לעגאַליזירטע, קערפּערשאַפט. אין אַ געוויסן זין האָט די ייִדישע צדקה־פעדעראַציע אַלס אַ מין סוראָגאַט (כמו־אַרטיקל) פון דער געמיינדע, אין די לעצטע 20—30 יאָר, אויסגעפירט די פילאַנטראָפּישע פונקציעס פון אַ ייִדישער קהילה. די דאָזיקע פעדעראַציעס האָבן רעפּרעזענטירט אַ געוויסן טייל פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, אָבער בשום אופן ניט אַלע ייִדן אין דער שטאָט. איצט, נאָך 30 יאָר פון וואוקס און אַנטוויקלונג, האָט די פעדעראַציע פאַר זיך געשאַפן אַ פעסטע פּאָזיציע פון פּרעסטיזש און אויטאָריטעט. עס איז אַדאַנק איר באַוויזן געוואָרן, אַז פאַרשיידענע ייִדישע גרופּעס קענען זיך פּאַרט צוזאַמענקומען אויף אַ פּלאַטפאָרם פון געמיינזאַמער אַרבעט, ניט פאַרגוואַלטנדיק זייערע באַזונדערע אַנזיכטן און זייערע סאָציאַלע אָדער פילאַנטראָפּישע אידע־

אַלן. צום באַדויערן האָט די דאָזיקע באַוועגונג, הגם זי איז שוין 40 יאָר אַלט, נאָך אַלץ ניט צוגעצויגן די מיטאַרבעט פון אַלע ייִדישע גרופּעס סײַ אין באַצוג צו פינאַנציעלער שטיצע (אַלס מנדבים) סײַ דורך צוציען פרישע געזעלשאַפטלעכע טוער פון יענע ברייטע ייִדישע שיכטן, וואָס זײַנען לאַנג געשטאַנען ווײַט פון די פעדעראַציעס. ערשט, אין דער סאַמע לעצטער צײַט באַווײַזן זיך אויף דעם האָריזאָנט סימנים פון אַ פאַרבעסערונג אין דעם צושטאַנד, און די נײַע גרויסע מעגלעכקײַטן פאָדערן אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט אין אַ נײַעם גײַסט.

די „קאָמיוניטי טשעסט" באַוועגונג שטעלט נײַע פאָדערונגען צו דער ייִדישער פעדעראַציע, וואָס איז געווען, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אַ מוסטער און מאָדעל פאַר דער „טשעסט"-באַוועגונג גופא. איצט, ווען די ייִדישע צדקה ווערט אַליין אַ גליד אין דער „טשעסט-באַוועגונג", איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויף דער פעדעראַציע פאַלט די פליכט אַרײַנצוקריגן פון די ייִדישע צדקה-געבער וואָס מער געלט אין די „קאָמיוניטי טשעסטס". די נויטן פון די ייִדישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס וואַקסן כסדר, און כדי דער „טשעסט" זאָל אַנטקעגן קומען אָט די באַדערפענישן איז נויטיק, אַז דער חלק פון ייִדישן צושטײַער אין די פינאַנצן פון די „טשעסטס" זאָל אויך שטײַגן אָן אויפהער.

לויט דער מיינונג פון די גרעסטע ייִדישע כלל-פירער זײַנען די פעדעראַציעס אַבסאָלוט נויטווענדיק פאַר דער ריכטיקער פינאַנצירונג פון די ייִדישע קהלשע באַדערפענישן. קיין שום איינציקע ייִדישע אינסטיטוציע פאַר זיך איז ניט אימשטאַנד צו האַלטן אַ קאַרטן-אינדעקס (קאַטאַלאָג) פון אַלע ייִדן אין שטאָט, וואָס קענען און דאַרפן געבן צושטײַער דער הילף פאַר די אָרימע ברידער. די פעדעראַציע האָט אָבער יע די מעגלעכקײַט אויפצושטעלן אַ ליסט פון מענטשן, וואָס דאַרפן צאָלן פאַר קהלשע נויטן, און וואָס דאַרפן דורך מאָראַלישער ווירקונג געצוואונגען ווערן אײַנצוצאָלן זייער בײַטראָג צום קהלשן צדקה-ביודזשעט. בײַ דער איצטיקער לאַגע פון דער פעדעראַציע באַוועגונג, האָבן מיר לײַדער ניט קיין גענוג ברייטן באַזיס פאַר דער פינאַנציעלער עקזיסטענץ פון דער ייִדישער צדקה-פעדעראַציע. אין ניו יאָרק, למשל, איז דער העכסטער פונקט, מיט

אַ יאָר צען צוריק, אין באַצוג צו דער צאָל בײַשטײַערער צו דער יידישער צדקה־פעדעראַציע, ניט איבערגעשטיגן 50,000, בעת די יידישע באַפעלקערונג איז אַ סך העכער פון 1,500,000 נפשות. וואַרשײַנלעך איז די לאַגע ניט בעסער אין אַנדערע גרויסע שטעט פון דער יידישער אַמעריקע.

אָט זײַנען עטלעכע ציפערן, וואָס באַלײַכטן די סיטואַציע אין ניו יאָרק. אין דעם „בליו בוק" פון דער צדקה־פעדעראַציע פאַר דעם יאָר 1929 זײַנען פאַרצייכנט געווען די נעמען פון אַרום 30,000 בײַטראַג־צאָלער, סײַ געשעפטלעכע פירמעס סײַ יחידים. נו, האָט מען די דאָזיקע ליסטע פאַרגליכן מיט אַ צעטל פון 4,860 ביזנעס פירמעס, וואָס האָבן אין זעלבן יאָר געבעטן די 5 יידישע קהלשע אַרבעט־פאַרמיטלונג אַגענטורן (עמפּלאָימענט אָפיסעס) אין ניו יאָרק אַרײַנצושיקן צו זיי אַרבעטער און אָפיס־אַנגעשטעלטע. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון די 4,860 יידישע געשעפטן האָבן ניט מער ווי 489 געצאָלט אַ בײַטראַג צו דער יידישער צדקה־פעדעראַציע. אָט די 489 פירמעס האָבן אַלע צוזאַמען אַרײַנגעצאָלט איבער 143,000 דאָלאַר, דער דורכשניט־בײַטראַג איז געווען 10 דאָלער; מאַנכע האָבן געגעבן גאָר גרויסע סומעס, ביז 25,000 דאָלאַר, אָבער דער מיטל־דורכשניט־בײַטראַג איז געווען אַרום 440 דאָלאַר. דאָס ווײַזט, אַז די יידישע געשעפטלעכע וועלט, הגם זי איז נאָך אַלץ די וויכטיקסטע פינאַנציעלע שטיצע פון דער ניו יאָרקער צדקה־פע־דעראַציע, איז זי נאָך ווײַט הינטערשטעליק פון דעם געהעריקן חלק אין דער ניו יאָרקער קהלשער צדקה־הוצאה, וואָס פאָדערט אַזעלכע גרויסע מיטלען (מאַנהעטן—בראָנקסער צדקה־פעדעראַציע האָט אַ ביודזשעט פון 4,000,000 דאָלאַר אַ יאָר, וואָס גייט צו שטיצן איבער 100 יידישע צדקה־אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס).

עס שטעלט זיך בכן אַוועק די פראַגע, צי די פעדעראַציע, ווי זי האָט זיך אויסגעפאָרמט אין דער פאַרגאַנגענהײַט, איז נאָך אַלץ די פּאַסיקסטע פאָרם פון קהלשער אָרגאַניזירונג אָדער — צי איז ניט שוין די צײַט געקומען פאַר די אַמעריקאַנער יידן צו באַשאַפן נײַע פאָרמען פון דער פינאַנץ־פאַרזאָרגונג פאַר זייער סאָציאַל־פי־לאַנטראָפּישן ביודזשעט. די אומשטאַנדן האָבן זיך די לעצטע יאָרן געביטן. עס שטאַרבן אָפּ די יחידים, גרעסערע מנדבים, פון צווישן

דעם אַלטן אימיגראַנטן דור, וואָס זײַנען געווען דורכגעזאַפּט מיט די אַלטע ייִדישע טראַדיציעס פון צדקה און פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דעם אָרימען ברודער. די „נײַע" אימיגראַנטן־ייִדן, וואָס זײַנען מיט אַ יאָר 20—30 צוריק נאָך אַליין געווען אומפאַרמעגלעכע לײַט און מענטשן אָן אַ געזעלשאַפטלעכן אײַנפלוס, זײַנען הײַנט צו טאָג שוין פינאַנציעל און סאָציאַל אַ סך בעסער געשטעלט ווי אַמאָל. שליסלעך איז דער וואַקסנדיקער ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזײַן אַ שטאַרקע סגולה צו אַ מער פּלאַנמעסיקער און אָרגאַניזירטער קהלשער אַרבעט דאָ אין לאַנד.

אַט די נײַע אומשטענדן האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אַזוי גערופענער דעמאָקראַטיזאַציע פון די ייִדישע צדקה־פעדעראַציעס. מען זעט דאָס, למשל, אין דער שטרעבונג פון דער ניו יאָרקער צדקה־פעדעראַציע, פון איין זײַט, צו קומען אין באַרירונג מיט די הונדערטער פאָלקסטימלעכע לאַנדסמאַנשאַפטן דאָ אין ניו יאָרק, און, פון דער צווייטער זײַט, צו מאַכן אַ קאָנטאַקט מיטן ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט, כדי צו שעפּן מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע פון די דאָזיקע ייִדישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. אַט די אַלע פאָלקסטימלעכע גרופּעס האָבן אויך לאַנג זיך באַצויגן מיט פאַרדאַכט און אַנטיפּאַטיע צו די רײן פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען אגב געווען שטענדיק אונטער דעם קאָנטראָל פון די אַזוי גערופענע יאַהודים, דאָס הייסט די האַלב־אַסימילירטע דײַטשע ייִדן. אויב די פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס הויבן אָן גינסטיקער זיך צו פאַרהאַלטן אין די לעצטע יאָרן צו די מאָדערן־אָרגאַניזירטע צדקה אַרבעטן, קען מען דערין זען אַ סימן פון אַ גרעסערן אייניקײַט־געפיל אין די רייען פון אַמעריקאַנישן ייִדנטום. דאָס ווידער איז אַ באַווײַז, אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ האָט באַטראָטן אַ וועג צו אַ געוויסער קאָנסאָלידירונג אין גײַסט פון דער דורות־לאַנגער קהלה־אָרגאַניזירונג פון דעם ייִדישן לעבן אין גלות.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איין נײַער פּראָבלעם פון דער ייִדישער צדקה־טעטיקײַט אין אַמעריקע, און איצט לאָמיר בקיצור באַרירן די צווייטע דרינגלעכע פראַגע אין דער פּראָגראַם פון דער ייִדישער סאָציאַל־פילאַנטראָפּישער אַרבעט. דער נײַער וויכטיקער אומשטאַנד איז דער פאַקט, אַז די ייִדישע צדקה־אַגענטורן טראָגן

שוין מער ניט די גאַנצע שווערע משא פון אונטערשטיצן די אַרבעטלאָזע. די רעגירונגען (פון די שטאַטן און אין וואַשינגטאָן) האָבן דורך סאָציאַלע געזעצן אַרײַנגענומען אַ גרויסן טייל פון יענע הילף־אַרבעטן, וואָס זײַנען אין די פריערדיקע יאָרן געווען דער רעזערווירטער געביט פון דער פּריוואַטער קהלשער צדקה אין אַמעריקע. דער „ניו דיל" האָט בלויז אַרויסגעבראַכט אין אַ שאַרפער פאָרם די טענדענצן, וואָס האָבן געווירקט אין דער טיפעניש פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע שוין אַרום 25 יאָר צײַט. האָבן מיר דאָך שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר די אַקסידענט קאָמפּענסאַציע פאַר אַרבעטער, פּענסיעס פאַר אָרימע מאַמעס מיט קליינע קינדער, פּענסיעס פאַר אָרימע אַלטע בירגער און א. וו. און דאָס זײַנען מיטלען צו שטיצן די אָרימע פאַמיליעס, די ייִדישע אַזוי גוט ווי די ניט־ייִדישע. דאָך האָט אין די לעצטע יאָרן די ברייטע ייִדישע מאַסע באַך אַלץ אַ באַדערפעניש אין סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, מחמת דער קריזיס און די איבערקערענישן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער אַרומיקער סביבה אין די לעצטע צען יאָר, האָבן ניט איין ייִדישע משפחה רואינירט, און די אָרימקייט איז איצט, אפשר ניט ווייניקער ווי אַמאָל, נאָך אַלץ געבליבן די ברענענדיקסטע פּראָבלעם בײַ אַ גרויסן טייל פון די ייִדישע מאַסן. אין דער זעלבער צײַט ווײַזן אָן די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער און וואָרט־פירער, אַז די צײַט איז שוין רײַף אויך פאַר וויכטיקע קהלשע אונטערנעמונגען פון אַ נײַעם מין. מען רעדט און שרײַבט, למשל, אַ סך וועגן די פּראָפעסיאָנעלע איבערשיכטונג פּלענער, וועגן פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע (ווײַזן וועגן צו נײַע פּרנסות), פאַך־בילדונג פאַר דעם יונגן ייִדישן דור, קרעדיט אינסטיטוציעס פאַרן קליינעם ייִדישן הענדלער און געשעפטסמאַן, און וועגן אַנדערע פאָרמען פון קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר ייִדן, ווי אויך וועגן בעסערע מעטאָדן פון קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע, וואָס זײַנען צום אומגליק אַזאַ גרויסע שטערונג פאַר דער לייזונג פון דער באַשעפטיקונג־פּראָבלעם פון ייִדישע מענער און פרויען אין אונדזער לאַנד.[2]

[2] אויספירלעכער וועגן אָט דער פראַגע ווערט געשריבן אין דער אַרבעט „אונדזערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אויפגאַבן" (קאַפּ. 2: די גרויסע דעפּרעסיע), זז" 230—233.

צווישן חורבן און אויפבוי

אַ דריטע נײַע פּראָבלעם האָט אַ שײַכות מיט דעם ייִדישן אינהאַלט פון דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג אַרבעט. אין דער צײַט בעת די ייִדישע צדקה־אַגענטורן גיבן ביסלעכווײַז איבער גרויסע טיילן פון זייער קליענטעלע צו די אַנשטאַלטן וואָס געהערן צו דער שטאָט, צו דעם שטאַט און צו דער פעדעראַלער רעגירונג, אין אַזאַ צײַט קען די ייִדישע סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע אַרבעט נאָר דעמאָלט האָבן אַ זין און באַרעכטיקונג, ווען זי ווערט אָנגעפילט מיט אַ גײַסט פון אַ באַזונדערן ייִדישן גרופּן־באַוואוסטזײַן. דאָס מיינט, אַז מ׳מוז אָנערקענען, אַז די ייִדן האָבן אַלס אַ גרופּע זייערע ספּעציפישע סײַ עקאָנאָמישע סײַ היסטאָרישע און קולטורעלע אייגנאַרטיקע שטריכן און באַזונדערע אייגנשאַפטן, מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך רע־כענען און וואָס פאַרדינען געפאָרשט און שטודירט צו ווערן. אָט דער קוק שטייסט זיך אָבער אָן אויף דער אָפּאָזיציע פון אַ געוויסן ראַדיקאַלן פליגל צווישן די ייִנגערע ייִדישע „סאָשעל וואָירקערס“, וואָס זײַנען באַרירט פון אַן אויבערפלעכלעכער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע און פון אַן אומקלאָרן באַגריף מכוח אינטערנאַציאָנאַ־ליזם און סאָציאַלן יוניפאָרמיזם. נו, פאַרשטייט מען דאָך, אַז גראָד איצט, אין דער איבערגאַנג־צײַט פאַר דער ייִדישער סאָציאַל־פילאַנ־טראָפּיע, אין דער דאָזיקער אינדיפערענטיזם צום ייִדישן אינהאַלט פון דער צדקה־אַרבעט אַ קאַלאָסאַלע שטערונג פאַר אַ געזונטער אַנטוויקלונג, און איז פון יעדן שטאַנדפּונקט אַ חסרון בנוגע דעם זיכערקײַט־געפיל פון אַ ייִדישער צוקונפט אין אַמעריקע.

אָט די אַלע נײַע פּראָבלעמען און אומשטענדן האָבן געפירט די ייִדישע צדקה־טוער, אַלס די הויפּט־טרעגער פון ייִדישן קהלשן לעבן אין אַמעריקע, צו דער איבערצײַגונג, אַז עס איז ממש דער געבאָט פון דער שעה, אַז עס איז אַ ברענענדיקע צײַט־פראַגע צו באַשאַפן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פאַר דער דיסקוסיע און פאַר־ווירקלעכונג פון אַלע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע פראַגעס און פּלע־נער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין קליוולאַנד, אין אָקטאָבער, 1932, איז אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַ סך ייִדישע צדקה־טוער גע־גרינדעט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ראַט אונטער דעם נאָמען: „נעשאָ־נעל קאָונסיל אָוו דזשואיש פעדעריישאָנס ענד וועלפעיר פאָנדס“.

הײַנט צו טאָג זײַנען אַרום 100 ייִדישע צדקה־פעדעראַציעס און

מער ווי 30 „וועלפֿעיר פֿאָנדס" פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע שוין אָנגעשלאָסן צו דעם דאָזיקן „קאַונסיל". פֿון יאָר צו יאָר האַלט אָפּ דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער ראַט זײַנע רעגולערע קאָנפֿערענצן, וואָס ווערן פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרוואַנדלט אין אַ ברייטן פֿאָרום מכּוח די ברענענדע פֿראַגעס פֿון ייִדישן קהלשן לעבן אין אַמעריקע. די הויפּט־אויפֿגאַבן פֿון דעם דאָזיקן „ראַט" איז צו פֿאָרמילירן די פּראָגראַמען מכּוח די צײַטמעסיקע ייִדישע פּראָבלעמען אין ליכט פֿון די נײַע סאָציאַלע אומשטענדן און אַנטוויקלונגען בײַ די ייִדן און אין דער אַרומיקער סביבה בכלל. די דאָזיקע קאָנפֿערענצן רופֿן אַרויס אַן אויפֿזען און אינטערעס אין דער פֿירנדיקער שיכט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. עס ווערן אויף זיי באַהאַנדלט אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי, אַ שטייגער, ווי אַזוי, חוץ די צדקה־פֿעדעראַציעס, וואָלטן אויך די ניט־אָרגאַניזירטע ייִדישע גרופּעס געקענט אַרײַנגעצויגן ווערן אין דער ייִדישער סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג־אַרבעט, און ווי אַזוי די ייִדישע יחידים וואָלטן אויך געקענט אַרײַנגעבן זייער צושטײַער פֿאַר דעם טובֿת הכּלל.

אַ גרויסע וויכטיקײַט האָט געהאַט די קאָנפֿערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאַנואַר, 1935, אין ניו יאָרק. דאָס איז געווען ניט בלויז דער צווייטער יערלעכער מיטינג (דער ערשטער איז פֿאָרגעקומען מיט אַ יאָר פֿריער אין שיקאַגאָ) פֿון דער אָרגאַניזאַציע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין קליוולענד, סוף 1932, נאָר אַ מין נאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ וועגן אַלע פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג אין אַמעריקע. אַן אויספֿירלעכער און באַלערנדיקער געדרוקטער באַריכט איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן נאָך יענער קאָנפֿערענץ.[3]

מיר וועלן שליסן אונדזער איבערזיכט מיט אָט אַזאַ באַמערקונג. עס שאַפֿט זיך אין אַמעריקע אַ ייִדישער גרופּן־באַוואוסטזײַן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב; דאָס הייסט, אַזאַ באַוואוסטזײַן, וואָס נעמט אַרום ייִדן פֿון גאַנצן לאַנד, פֿון אַלע 48 שטאַטן; און דאָס איז אַ דערשײַנונג, וואָס שטייט אין קעגנזאַץ צו דעם פֿריער־

3 PROCEEDINGS OF THE 1935 NATIONAL CONFERENCE ON JEWISH WELFARE, New York, January, 1935.

צווישן חורבן און אויפבוי

דיקן צוגאַנג, אַ צוגאַנג וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף אַ שמאָלן יסוד, אויף דעם לאָקאַלן, ד. ה. שטאָטישן, אָדער נאָך אַן ענגערן (ווי למשל — יעדע אינסטיטוציע פאַר זיך) באַזיס; אַלס דער פונדאַמענטאַלער יסוד פון דער ייִדישער פילאַנטראָפּיע און פון אירע בײַפּראָבלעמען. עס ווערט, קען מען זען, דורך דעם גאַנג פון לעבן גופא באַשאַפן אַ נײַע פּראָגראַם און אַן אידעאָלאָגיע פאַר דער ייִדישער קהלשער פאַרזאָרגונג אין אַמעריקע. די דאָזיקע פּראָגראַם ווערט לאַנגזאַם און מיט אַ ישוב הדעת אויפגעבויט דורך דער קאָאָפּעראַציע פון אַלע לעבעדיקע כוחות אויף דעם פעלד פון דער ייִדישער קהלשער טעטיקײַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.[4]

[4] דער גרעסטער טייל ציפערן צו דער געשיכטע און איצטיקן שטאַנד פון דער ייִדישער צדקה־טעטיקײַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס ווערן געבראַכט אין אָט דער אָפּהאַנדלונג, איז גענומען געוואָרן פון דר. מ. קאַרפּס בוך. וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אויבן. אין דער פוס־נאָטיץ אויף זײַט 321. אָט דאָס בוך ווערט, אַגב, רעצענזירט אין דעם אַרטיקל אַ בוך וועגן אונדזערע קהלישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז אָפּגעדרוקט אונטן.

נייע וועגן פון קהילה־אויפבוי

אַ וויכטיקער רעזולטאַט פון דער נײַעסטער אַנטוויקלונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער יידישער אַמעריקע, איז דער וואוקס פון דער אינסטיטוציע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „יידישער קהילה־ראַט".

אָנפאַנג יאָר 1938 זײַנען 23 אַזעלכע ראַטן געווען אָנגעשלאָסן צו דער צענטראַלער אַמעריקאַנער יידישער אָרגאַניזאַציע פון די לאָקאַלע קהלשע אינסטיטוציעס, — פון צדקה־פעדעראַציעס און „וועלפעיר פאַנדס". הײַנט צו טאָג עקזיסטירן די קהילה־ראַטן אין אַ סך פון די גרעסטע יידישע קיבוצים אין לאַנד, ווי קליוולאַנד, סינסינאַטי, סט. פּאָול, דעטראָיט, און אין אַ סך קלענערע קהילות (יוטיקאַ, נ. י.; לואיסוויל, קע.; דייטאָן, אָ. און אַנדערע). אין פילע קהילות שטייט איצט די פראַגע וועגן גרינדן אַזעלכע ראַטן אויף דער טאָג־אָרדענונג. דער וואוקס פון דער דאָזיקער באַוועגונג אינ־טערעסירט שטאַרק די טוער און פירער פון דעם יידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן איבערן לאַנד. דער געדאַנק מכוח אַ קהילה־ראַט איז ניט גאַנץ נײַ אין די קרײַזן פון קהלשע עסקנים אין אַמעריקע. ענלעכע אָרגאַניזאַציעס זײַנען נאָך מיט יאָרן צוריק אויפגעבויט געוואָרן דאָ און דאָרט אין גרויסע יידישע ישובים. באַזונדערס חשוב און ברייט באַקאַנט איז געווען דער ראַט פון דער יידישער קהילה דאָ אין „גרייטער ניו יאָרק", אונטערן נאָמען „ניו יאָרקער קהילה", אָרגאַניזירט, מיט עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער וועלט מלחמה, דורך די אָרטיקע כלל־טוער מיט דר. יהודה ליב מאַגנעס אין דער שפּיץ. נאָך אַ גאַנץ קורצער עקזיסטענץ זײַנען אָבער די אַלע אָרגאַניזאַציעס בטל געוואָרן, ווײַל די מאַיאָריטעט פון דעם יידישן קיבוץ איז, ווי עס ווײַזט אויס, נאָך ניט רײַף אָדער ניט גרייט גע־ווען צו שטיצן אָט די באַוועגונג.

דער ערשטער קהילה־ראַט פון דעם נײַעם טיפּ איז געגרינדעט

געוואָרן אין סינסינאַטי מיט אַ יאָר צען צוריק. זינט יענער צײַט זײַנען געגרינדעט און אַנטוויקלט געוואָרן ענלעכע ראַטן אין פילע שטעט, און זיי אַלע האָבן אומגעפער איין און דעם זעלבן ציל, נעמלעך: צו באַשאַפן אַ מיטל פון געמיינזאַמער קהילה׳שער טעטיקײַט פאַר אַלע יידישע כוחות וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער פאַרבעסערונג פון די קהלשע לעבנס־באַדינגונגען. אַט די אינסטיטוציעס, די קהילה־ראַטן, פאַרנעמען זיך מיט ענינים, וואָס האָבן אַ גענעראַלן און ברייטן באַדײַטונג פאַר יידן און וואָס זײַנען פריער געווען אַן אַרבעטס־געביט פון די באַזונדערע, צווישן זיך לחלוטין ניט־פאַרבונדענע קרײַזן. אָפטמאָל פאַרנעמען זיך אַזעלכע קהילה־ראַטן מיט דער אָרגאַניזירונג פון געלט־זאַמלונגען פאַר צדקה צוועקן, באַזונדערס — צו קלײַבן די פינאַנצן פאַר די „וועלפעיר פאַנדס”, ד. ה. — געלט פאַר די ניט־לאָקאַלע קהלשע באַדערפענישן, אָדער פאַר לאָקאַלע באַדערפענישן וואָס געהערן ניט צום ביודזשעט פון די שטאָטישע יידישע צדקה־פעדעראַציעס. אָט די געלט־זאַמלונג־אַקציע איז אין אַ סך שטעט שוין דורכגעפירט געוואָרן דורך די קהילה־ראַטן. מיט איין וואָרט: די קהילה־ראַטן נעמען אַרום אַזעלכע אַרבעט־פעלדער, וואָס באַלאַנגען ניט געוואוינלעך צו דער אַרבעט־ספערע פון די צדקה־פעדעראַציעס און פון די אַנשטאַלטן וואָס זײַנען אָנגעשלאָסן צו די דאָזיקע פעדעראַציעס.

1. ענדערונגען אין די צדקה פעדעראַציעס

ניט ווייניק אינערלעכע און אויסערלעכע פאַקטאָרן האָבן אין די לעצטע יאָרן געפירט צו אַ ריי ענדערונגען אין דעם פּראָגראַם און אין דער טעטיקײַט פון די יידישע צדקה־פעדעראַציעס. דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע פון זיי; אויף די, וואָס זײַנען, לויט אונדזער מיינונג, די וויכטיקסטע פאַקטאָרן.

דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1930, האָט געווירקט אויף די פעדעראַציעס אין אַ גאַנץ שטאַרקער מאָס. די רעגירונג האָט אָנגעפאַנגען, אויף אַ מאַסשטאַב, וואָס איז פריער ניט באַקאַנט געווען, צו שטיצן נויט־לײַדנדע משפחות און יחידים. די פאַרגרעסערטע פאַרזאָרגונגס טעטיקײַט מצד דער רע־

גירונג האָט נאַטירלעך געפירט אויך צו דער העכערונג פון די שטײַערן. במילא האָט זיך פאַרקלענערט דערבײַ די גרייטשאַפט פון די פאַרמעגלעכע קרײַזן בײַצושטײַערן פרײַוויליקע נדבות פאַר דער אָרימער באַפעלקערונג, הגם דער עקאָנאָמישער שטאַנד פון די אומ־פאַרמעגלעכע שיכטן איז, ווי אַ רעזולטאַט פון קריזיס, געוויס, פאַר־ערגערט געוואָרן. דאָס אַלץ מיינט, אַז די געלט־זאַמלונג פאַר די יידישע קהלשע באַדערפענישן דאַרף איצט אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ פיל ברייטערן באַזיס, ד. ה. אַז אויך די פאַלקסטימלעכע יידישע שיכטן דאַרפן צוגעצויגן ווערן צו דער צדקה־פעדעראַציע באַוועגונג. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז די עקאָנאָמישע איבערשיכטונג צווישן די יידישע מאַסן, ד. ה. די אַרויסשטויסונג פון אַרבעטער פריער דורך נײַע מאַשינען און שפּעטער דורך דער לאַנגער דעפּרע־סיע און אַנדערע כראָנישע צרות, דאָס אַלץ האָט געשטעלט די יידי־שע צדקה־פעדעראַציעס פאַר שווערע אויפגאַבן, וואָס זײַנען פאַר זיי פריער נאָך קיינמאָל אין אַזאַ שאַרפער פאָרם ניט געשטאַנען.

דער טראַגישער צושטאַנד פון די יידן אין די מערסטע לענ־דער פון דער אַלטער וועלט איז אויך געווען אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געביטן דעם פּנים פון די פעדעראַציעס. די יידישע צרות אין איי־ראָפּע האָבן אויף אונדז, אַמעריקאַנער יידן, אַרויפגעלייגט נײַע, שווערע פליכטן אין באַצוג צו די אומגליקלעכע ברידער אויף יענער זײַט ים. פון דער צווייטער זײַט האָבן די אַלגעמיינע אומשטאַנדן, (ווי די כראָנישע אַרבעטסלאָזיקײַט און אַנדערע) באַזונדערס שטאַרק געדריקט אויף דעם אַמעריקאַנער יידן, מחמת די אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציע איז אָפּט די גרעסטע שטערונג פאַר דעם יידן, וואָס זוכט אַרבעט. די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע, דער אַנטיסעמיטיזם, די נויטווענדיקײַט איבערצוגייען צו נײַע פּרנסות, און דער אינערלעכער צוואַנג צו באַשאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא (נאַציזם א. ד. גל.) — אָט די אַלע ברענענדע טאָג־פראַגן באַרירן דאָך, פאַרשטייט זיך, ניט בלויז די ענגערע יידישע קרײַזן פון פאַרמעגלעכע נדבה־געבערס, נאָר טאַקע דעם גאַנצן יידישן קיבוץ אין אַמעריקע.

ס'איז דאָ נאָך אַ וויכטיקער אומשטאַנד. אין משך פון די

לעצטע יאָרן זײַנען, אַזוי צו זאָגן, רײַף געוואָרן נײַע שיכטן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט, מענטשן פון דעם ערשטן און דעם צווייטן דור ייִדישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד און עסטרײַך, וואָס האָבן זיך שוין פעסט אײַנגעוואָרצלט אין זייער עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מעמד. ביסלעכווײַז האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די געזעלשאַפטלעכע אויבן־אָן פלעצער פון די אַלטע ייִדיש־דײַטשע אימיגראַנטן, וואָס זײַנען אַזוי לאַנג געווען די טאָן־געבנדיקע קרײַזן אין דער ייִדישער קהלשער אַרבעט, אָבער וואָס האָבן אין דער לעצטער צײַט, אָדער צוליב אַלטקײַט, אָדער צוליב דער עקאָנאָמישער ירידה, אָנגעהויבן פאַרלירן זייער פּרעסטיזש און די הויכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציע. גלײַכצײַטיק האָבן זיך אַנטוויקלט צווישן די ייִדישע מאַסן נײַע טוערס און פירערס, וואָס שטרעבן זיך צו שטעלן אין דער פאָדערשטער שורה זײַט בײַ זײַט מיט די „יאַהודים" (ד.ה. ייִדן פון דײַטש־ייִדישער אָפּשטאַמונג) אַלס די דעה־זאָגער אין דער ייִדישער כלל־טוערײַ. דאָס מיינט, אַז עס פאָדערן זיך איצט געוויסע נײַע טריט, מצד די ייִדישע צדקה־פעדעראַציעס, מיטן צוועק אײַנצופירן דווקא אָט די נײַע געזעלשאַפטלעכע כוחות אין דעם שטראָם פון ברייטערער קהלשער טעטיקײַט. דאָס אַלץ שעפּט נאָך ניט אויס די גרויסע און וויכטיקע ענדערונגען אין דער אָרגאַניזאַציע און פירערשאַפט פון דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע. אויף דער אַרענע פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט זײַנען אויפגעטראָטן קרײַזן און שטרעמונגען, וואָס זייערע אויפגאַבן און צילן באַרירן בכלל ניט בלויז צדקה־ענינים וואָס זײַנען פון שטענדיק געווען די הויפּט־פונקציעס פון די פעדעראַציעס. אָט נעמט אַזעלכע נײַע שטרעמונגען און באַוועגונגען, וואָס זייערע טרעגער זײַנען די ציוניסטן, אַרבעטער, ייִדישע קולטוריסטן און אַזוי ווײַטער. די חשובֿסטע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן אין זייערע אויגן זײַנען אַ שטייגער, ארץ ישׂראל, אָדער דער שוץ פון די ייִדישע פּאָליטישע רעכטן, אָדער דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, אָדער דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ענלעכע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון הײַנטיקן טאָג. די אַלע קרײַזן פאָדערן מיט רעכט אַ פאַרטרעטערשאַפט אין די אָרגאַנען וואָס פירן אָן מיט דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. דווקא די פעדעראַציעס, וואָס פלעגן אַגבֿ רעפּרעזענטירן

בלויז געוויסע טיילן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, האָבן פּאַקטיש מיט די נאַר־וואָס אויסגערעכנטע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען קיין באַריר בכלל ניט געהאַט, ווײַל דער „א" און „ת" פון זייער אַרבעט איז, ווי מיר ווייסן, געווען די פילאַנטראָפּיע און דאָס גאַר.

ערשט איצט, אונטער דעם דרוק פון די אַלע אויסגערעכנטע נײַע פּאַקטאָרן, האָבן די צדקה־פעדעראַציעס אין געוויסע שטעט אָנ־געפאַנגען אויסצוברייטערן זייערע פונקציעס און אַרײַננעמען אין דעם אַרבעט־פעלד זייערן נײַע געזעלשאַפטלעכע ייִדישע אינטערעסן און כוחות. אָט דער אַנטוויקלונג־שטריך צייכנט מיט זיך אויס דעם וואוקס פון דער פעדעראַציע־באַוועגונג בײַ די אַמעריקאַנער ייִדן אין די נאָך־מלחמה יאָרן. דאָס איז אויך די טיפע אורזאַך פון דעם אויפקום אין די לעצטע יאָרן פון אָט אַזאַ נײַער חשובער אינסטי־טוציע אין דעם אַמעריקאַניש־ייִדישן קהלשן לעבן ווי דער קהילה־ראַט.

2. די ערשטע קהילה־ראַטן

די ערשטע קהלשע אָרגאַניזאַציע פון דעם נײַעם מין, דער קהילה'שער ראַט אין סינסינאַטי (איצט אַ שטאָט מיט קרוב 25,000 ייִדן), איז געווען דער דירעקטער רעזולטאַט פון דער שטרעבונג אַרײַנצופירן אַ סדר און סיסטעם אין דער געלט־זאַמלונג אַקציע פאַר די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס אַרבעטן צווישן די ייִדן אין אַמעריקע פאַר די היגע ייִדישע באַדערפענישן און לטובת די ייִדן אין אַנדערע לענדער. די אָפטע זאַמלונגען האָבן אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקײַט בײַ די מנדבים, וואָס זײַנען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו געבן אייניקע מאָל אין יאָר געלט לטובת הכלל. וויכ־טיקע קהלשע באַדערפענישן האָבן אויך געליטן בעת קאַמפּעינס פאַר זיי, אויב מיט אַ קורצער צײַט פריער זײַנען געקליבן געוואָרן געלט פאַר אַנדערע ווייניקער חשובע צוועקן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנקורענץ און גערודעל צווישן די אינסטיטוצ־יעס, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געזוכט צו געווינען וואָס מער אונטערשטיצונג פון דער ייִדישער געזעלשאַפט אין שטאָט פאַר א י ר ע צוועקן. אויך די הוצאות פון די געלט־זאַמלונגען זײַנען

כסדר געשטיגן, און דערבײַ האָבן דאָך די אינסטיטוציעס ניט גע־קענט ווי געהעריק דערציען די יידישע געזעלשאַפט צו פאַרשטיין די פאַרשיידענע צילן, דעם אַרבעט־סדר און די באַדערפענישן פון יעדער איינער צווישן די פילע קהלשע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אָרטיקע און אַלגעמיין־יידישע, ד. ה. אַזעלכע וואָס דינען אַלע יידישע ישובים איבערן לאַנד.

כמעט אין דער זעלבער צײַט, אין די יאָרן 1926—1928, איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק מכוח דעם „וועלפעיר פאָנד". אין סאַן־פראַנציסקאָ און אין אַנדערע שטעט פון דער ווײַטער וועסט האָבן די יידישע קיבוצים אָנגעפאַנגען אויסצופּרובירן אַ נײַעם סדר פון געלט־זאַמלונגען פאַר די דאָרטיקע צדקה־פעדעראַציעס. די קהל־שע פירער פון סינסינאַטי האָבן אײַנגעזען, אַז די סיסטעמאַטישע צענטראַליזאַציע איז דער איינציקער וועג, ווי אַזוי די פראַגע פון פילאַנטראָפּישער געלט־זאַמלונג קען בכלל געלייזט ווערן. זיי, די סינסינאַטער כלל־טוער, האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָ אַ מעג־לעכקײַט דעם יידישן ציבור דורך אַ לאַנגזאַמער פּראַקטישער דער־ציאונג צוגרייטן און דערציען צו ענטפערן ווי עס באַדאַרף צו זײַן אויף די קהלשע רופן און בײַצוטראָגן ווי געהעריק אין איין פּאַראַיי־ניקטן קאַמפּײן פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן. די דאָ־זיקע כוונה איז דערגרייכט געוואָרן דורך דער שאַפונג פון דעם קהילה־ראַט אין סינסינאַטי.

אין פעברואַר 1929 איז דאָרט אויפגערופן געוואָרן אַ פאַר־זאַמלונג פון די יידישע עסקנים, אַ מין קאָנפערענץ פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אין איר האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון 25 געזעלשאַפטן און פאַראיינען פון שטאָט. דער דאָזיקער מיטינג האָט באַשלאָסן זיך צו דערקלערן פאַר אַ שטענדיקן אָרגאַן מיט דעם ציל צו אונטערזוכן בכלל אַלע בקשות וועגן געלט־שטיצע פאַר אָר־גאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, און בפרט — די סומעס פון די גע־פאָדערטע אונטערשטיצונגען און די צײַט (דעיטס) פאַר וועלכער זאַמ־לונגען ווערן געפּלאַנט. פון אָנפאַנג איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער דאָזיקער אָרגאַן, אָדער „ראַט" (קאָונסיל) וועט זיך באַנוגענען בלויז מיט זאָגן זײַן דעה אין באַצוג צו דעם אָדער יענעם קאַמפּײן פון אַן אינסטיטוציע אָדער געזעלשאַפט, און אַז די דאָזיקע דעה

וועט שוין אַליין האָבן אַ גרויסע מאָראַלישע ווירקונג אויף דעם קהל. במשך פון די צוויי שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך אָבער דער „ראַט"־פּלאַן ביסלעכווײַז ווײַטער אַנטוויקלט, און פון אַ פּאַסיווער, באַראַטנדיקער קערפּערשאַפט איז ער אַליין געוואָרן אַ נײַער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר, אַ געאייניקטער און פאַראייניקנדיקער צענטער. און במשך פון די דאָזיקע צוויי יאָר איז עס אגב אָוועקגעלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער שאַפונג פון דעם „וועלפער פאָנד" אין סינסינאַטי. דער דאָזיקער „פאָנד" האָט אין דעם ערשטן יאָר, 1932, אויפגעקליבן בערך 143,000 דאָלאַר; שפּעטער — אין 7 יאָר אַרום, האָט זײַן יערלעכע הכנסה שוין באַטראָפן אַרום 143,000 דאָלאַר.

אין אַ קהילה וואָס איז מינדעסטנס דרײַ מאָל גרעסער פון דער ייִדישער סינסינאַטי — אין דעטראָיט, איז די שאַפונג פון אַ קהילה־ראַט געגאַנגען אויף אַן עכטן דעמאָקראַטישן וועג, נעמלעך — דורך דער קאָאָפּעראַציע פון אַלע ייִדישע געזעלשאַפטן אין שטאָט. דער הויפּט־פאַקטאָר פאַר דער באַשאַפונג פון אַזאַ „ראַט" איז דאָרט געווען איין פראַגע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער דאָרטיקער ייִדישער צדקה־פעדעראַציע און האָט אגב זייער שטאַרק אויפגערודערט די ייִדישע געזעלשאַפט אין שטאָט. דאָס איז געווען אַ פראַגע: „וואָס איז בילכער און דאַרף צואַלעמערשט אויפגעבויט ווערן אין דעטראָיט — אַ ייִדישער שפּיטאָל אָדער אַ מושב זקנים?" די פירער פון דער צדקה־פעדעראַציע האָבן געהאַלטן, אַז אַ מושב זקנים וועט אַנטקעגנקומען אַן אָנגעווייטאָגטער באַדערפעניש אין דעם לעבן פון דער דעטראָיטער ייִדישער קהילה. אין די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע קרײַזן איז, אַנטקעגן דעם, שטאַרק פאַרשפּרייט געווען די נייגונג דווקא צו אַ שפּיטאָל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די פאָרטרעטער פון דער צדקה־פעדעראַציע, פון איין זײַט, און פון די דעלעגאַטן פון די געזעלשאַפטלעכע קרײַזן פון דער צווייטער זײַט, כדי ענדלעך צו קומען צו אַ באַשלוס אין דער שטרײַטבאַרער פראַגע. דער סוף איז געווען, אַז די כלל־טוער האָבן אײַנשטימיק באַשלאָסן, אַז דער מושב זקנים איז אַ פיל וויכטיקערער ציל ווי אַ שפּיטאָל. דעמאָלט איז אויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, אַ מין מאַסן־מיטינג, פון די פירער פון די פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס (די ייִדיש־ריידנדיקע), און

דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערקלערן, אַז עס איז אַ חוב פון אַלע געזעלשאַפטלעכע יידישע קרייזן צו נעמען אַן אָנטייל אין אויפבוי פון דעם מושב זקנים. סוף יאָר 1934 איז אַנאַנסירט געוואָרן פאַר איינעם פון די לעצטע טעג פון קומענדן יאַנואַר אַ גרויסע קהלשע באַראַטונג מכוח דער געלט־זאַמלונג און דעם געגויעם פּלאַן פאַר אַ מושב זקנים. די דאָזיקע באַראַטונג האָט בעיקר געהאַט דעם צוועק צוציען צו דעם „קאַמפּעין" אַזעלכע קרייזן, וואָס זיינען ביז דעמאָלט געשטאַנען פון דער ווייטן, בעת די צדקה־פעדעראַציע פלעגט קלייבן דורך נדבות אירע יערלעכע פאָנדן. יעדע יידישע אָרגאַניזאַציע אין דעטראָיט איז אויפגעפאָדערט געוואָרן אַריינצושיקן צוויי באַפולמעכטיקטע דעלעגאַטן צו יענעם גרויסן מיטינג. אַ ספּעציעלע קאָמיטע האָט באַזוכט אַלע חברות און פאַראיינען כדי זיי צו באַוועגן אָנטייל צו נעמען אין דער גרויסער באַראַטונג.

דעם 27טן יאַנואַר, 1935, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג מיט דעם אָנטייל פון קרוב 200 דעלעגאַטן, וואָס האָבן דאָרט פאַרטראַטן 70 יידישע אָרגאַניזאַציעס. צום ערשטן מאָל זיינען צוזאַמענגעקומען אינאיינעם יידן רייכע און אָרימע, פרומע און פרייַדענקער, דעלעגאַטן פון די בתי־מדרשים, שולן און טעמפּלען, פאַראיינען און חברות, „ברענטשעס" פון אַרבעטער רינג, פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, און א. וו. אַ סך פון די רעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצודריקן זייער, פון לאַנג שוין אָנגעקליבענע, אומצופרידנקייט מיט דער צדקה־פעדעראַציע, וואָס שטייט אונטער דער השגחה פון די יאַהודים, ד. ה. מענטשן, וואָס זיינען ווייט פון די ברייטע, די יידישריידנדיקע מאַסן. אַ רעדאַקטאָר פון אַן אָרטיקער יידישער צייטונג איז, אין סאַמע מיטן פון דער דעבאַטע, אַרויסגעטראָטן מיט אַ מיליטאַנטישער רעדע, און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם מיט זיין דערקלערונג, אַז די פעדעראַציע פירער האָבן אָוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן דער פעדעראַציע און דעם פאָלק. ער האָט דערקלערט, אַז דורך דער פאַראייניקונג פון אַלע כוחות פון דער יידישער דעטראָיט, אויף דעם זעלבן שטייגער ווי ס'איז צושטאַנד־געקומען די איצטיקע פאַרזאַמלונג גופא, וועט טאַקע מעגלעך ווערן אויפצוטאָן אין דעטראָיט אַ סך פאַרן טובת הכלל. די דאָזיקע ווערטער האָבן די אויפגערעג־

טע געמיטער פון דעם עולם באַרואיקט, און בײַם שלוס פון דער פאַר־זאַמלונג איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז די וואַנט, וואָס וועגן איר האָט דער רעדנער אַזוי שאַרף גערעדט, איז ענדלעך אײַנגעבראָכן. אַ קאָמיטע פון דרײַ איז אויסגעקליבן געוואָרן צו נאָמינירן אַן עק־זעקוטיוו־קאָמיטעט פון 21 מיטגלידער. במשך פון דעם יאָר זײַנען פאָרגעקומען אייניקע פאַרזאַמלונגען פון די דעלעגאַטן פון די אָר־גאַניזאַציעס און אין דער צווישנצײַט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די פונקציעס פון אַ צײַטווײַליקן קהילה־ראַט. עס איז אויך אָנגעצייכנט געוואָרן אַ פּראָגראַם און אַ פּלאַן פון אַ שטענדיקן ייִדישן קהילה'שן „ראַט", וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די געלט־זאַמלונגען קאַמפּעינס פאַר אַלע ייִדישע געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישע באַדערפעניש. אין יוני, 1937, האָבן די דעלעגאַטן פון אַלע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַני־זאַציעס אין דעטראָיט געגעבן זייער גוטהייסונג פון אַ סטאַטוט (קאָנ־סטיטוציע) פון דעם נײַעם קהילה־ראַט, און סוף 1937 זײַנען שוין 164 אָרגאַניזאַציעס געווען אָנגעשלאָסן צום דאָזיקן „ראַט". אַט די אָרגאַניזאַציעס נעמען אַרום קרוב 40,000 מיטגלידער, ד. ה. דרײַ־פערטל פון דער דערוואַקסענער ייִדישער באַפעלקערונג אין דע־טראָיט.

אויף אַנדערע וועגן איז געגאַנגען דער אויפבוי פון דעם קהילה־ראַט אין קליוולאַנד. די „באָאַרד אָוו טראַסטיס" פון דער דאָרטיקער צדקה־פעדעראַציע האָט באַשלאָסן, אַז אָנפאַנג 1934 זאָל באַשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט זיך צו פאַרנעמען מיט דער פראַגע פון קהילה־ראַט. אַנשטאָט אויפצורופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אַ גרעסערן מיטינג, ווי עס קומט געוואוינלעך פאַר בײַ אַזעלכע פּראָיעקטן, זײַנען אָבער אײַנגעאָרדנט געוואָרן עטלעכע קלענערע באַראַטונגען מיט די קהלשע טוערס, כדי אַרומצורײדן דעם גאַנצן פּלאַן. ערשט נאָך דעם איז שוין אויפגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די פריער־דיקע קלענערע קאָנפערענצן, און דער קהילה־ראַט פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן אײַנשטימיק. די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט באַפול־מעכטיקט איר פאָרזיצער צו נאָמינירן אַ קאָמיטעט אויף אויסצואַר־בעטן אַ קאָנסטיטוציע פאַר דעם נײַעם „ראַט". די קאָנסטיטוציע איז

צוגעגרייט געוואָרן און דער נוסח איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די אָרגאַניזאַציעס פאַר זייער גוטהייסונג. אַזוי שנעל ווי 100 פאַראייניען און אָרגאַניזאַציעס האָבן זייער הסכמה (גוטהייסונג) געגעבן, זײַנען גלײַך אויסגעקליבן געוואָרן דעלעגאַטן צו דעם „ראַט".

אַרום יולי—אויגוסט 1936 האָט דער קהילה־ראַט שוין אַרומגענומען דעלעגאַטן פון 120 יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון קליוולאַנד, וואָס קומען שטענדיק אין באַריר מיט אַלע ווינקלען פון יידישן לעבן אין שטאָט. דער ראַט גופא באַשטייט פון 160 מיטגלידער. יעדע איינצלנע אָרגאַניזאַציע איז פאַרטראָטן אין „ראַט" דורך אַ צאָל דעלעגאַטן, וואָס איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל מיטגלידער אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. דער מאַקסימום פון דעלעגאַטן פאַר אַן אָרגאַניזאַציע איז אָבער 4, כדי דער „ראַט" זאָל ניט זײַן געשטערט דורך צו־פיל מיטגלידער. אויך דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „קהילה־ראַט", וואָס באַשטייט פון 36 חברים, האָט אין זיך פאַרטרעטער פון אַלע וויכטיקע יידישע קהלשע אָרגאַניזאַציעס אין קליוולאַנד.

3. פונקציעס פון קהילה־ראַט

דער קהילה־ראַט אין קליוולאַנד, וועלכער ווערט אגב אָנגענומען ווי אַ זייער געלונגענער מוסטער פון אַט דעם נײַעם מין אינסטיטוציעס, קען דינען ווי אַ באַווײַז, אַז אויך ברייטערע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן, חוץ פילאַנטראָפּישע געלט־זאַמלונגען, קענען אונטערגענומען ווערן דורך אַט די אָרגאַניזאַציעס, די קהילה־ראַטן. דאָס זײַנען אַזעלכע אויפגאַבן און פראַגן, וואָס די לייזונג זייערע קען געמאָלט זײַן ניט אַנדערש ווי דורך אַ פאַראייניקטער אַקציע פון אַלע פאַקטאָרן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. לאָמיר געדענקען, אַז דער „וועלפער פאָנד", וואָס איז אין סינסינאַטי געשאַפן און געשטיצט געוואָרן דורך דעם קהילה־ראַט (ווי אויבן באַשריבן), אַז אַזאַ „וועלפעיר פאָנד" האָט שוין עקזיסטירט אין קליוולאַנד נאָך איידער דער קהילה־ראַט איז דאָרט אויפגעבויט געוואָרן. דאָ, אין קליוולאַנד, איז דער „וועלפעיר פאָנד" געבליבן, ווי פריער, אין דעם רשות פון דער צדקה־פעדעראַציע, און פון איר זײַט איז די דאָזיקע

פעדעראַציע גופא אַנגעשלאָסן געוואָרן צו דעם נײַעם קהילה־ראַט, פּונקט ווי אַנדערע ייִדישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס.

דער אַרבעט־געביט פון דעם קליוולאַנדער קהילה־ראַט, ווי דאָס איז פאָרמולירט געוואָרן דורך זײַנע גרינדער איז, „יעדער מין ענין וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיט די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אינטע־רעסן". גלײַך פון אָנפאַנג, שוין אויף דער ערשטער זיצונג, האָט זיך דער קליוולאַנדער קהילה־ראַט פאַרנומען מיט דער אַזוי גערופענער פראַגע פון ייִדישן „וואָוט" אין דעם פּאָליטישן קאַמף אין שטאָט. דער ענין איז, ווי באַקאַנט, אַזאַ: געוויסע פּאָליטישע פּאַרטייען נוצן אויס בײַ וואַל־קאַמפּאַניעס די צעטיילונג פון דער באַפעלקע־רונג לויט ראַסן און רעליגיעס פאַר די עגאָאיסטישע אינטערעסן פון דער אָדער יענער גרויסער פּאָליטישער פּאַרטיי אין שטאָט, דער־הויפּט פון דער דעמאָקראַטישער אָדער רעפּובליקאַנישער. פאַקטיש איז אַזאַ זאַך ווי דער ייִדישער „וואָוט" גאָר ניטאָ, און מען דאַרף גאָר ניט דערוואַרטן, אַז אַלע ייִדן וועלן אָפּגעבן זייערע שטימען פאַר איין פּאַרטיי. אָבער געוויסע צײַטונגען און פּאָליטישנס נוצן אויס אָט די פיקציע, די אײַנביידעניש, און ברייגען דורך אַזאַ קונץ אַ שאָדן דעם בירגערלעכן פאָרשריט בכלל און באַזונדערס די ייִדישע אינטערעסן גופא. האָט טאַקע דער קליוולאַנדער קהילה־ראַט פעסט באַשלאָסן צו באַקעמפן, דורך אויפקלערונג, אָט די פּאָליטישע מע־טאָדן, און אויף אַזאַ אופן, ד. ה. אויף אַ ווירדיקן שטייגער, זיך אָנ־צונעמען פאַר דעם ייִדישן כבוד און פּאָליטישן פרעסטיזש.

אַנדערע טעטיקײַטן פון קהילה־ראַט, שוין אין זײַנע ערשטע חדשים, זײַנען אין קליוולאַנד געווען די, וואָס מיר רעכענען דאָ אויס: אײַנצופירן אַ סדר און פּלאַן אין די געזעלשאַפטלעכע „אונ־טערנעמונגען" (קאָנצערטן, באַנקעטן, בעלער א. אַ. וו.), וואָס די אַנשטאַלטן אָרדענען אײַן, און דערבײַ זוכט דער קהילה־ראַט צו פּועלן, אַז זיי זאָלן ניט אויספאַלן אויף דעם זעלביקן טאָג און זאָלן ניט שטערן איינע די צווייטע. ווײַטער, דער קהילה־ראַט האָט גע־פּועלט בײַ דער שול־אַדמיניסטראַציע פון שטאָט, אַז די עקזאַמענס אין די שולן זאָלן ניט פאָרקומען אום שבת און יום־טוב; ווידער, די פּרינציפּאַלס פון די „פּאַבליק סקולס" האָבן אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם קהילה־ראַט, צוגעזאָגט, ווי ווײַט מעגלעך, צו באַשרענקען

די טראַדיציאָנעל קריסטלעכע פּײַערונגען, און אַלע צוגרייטונגען צו זיי, אין פֿאַרבינדונג מיט „קריסטמעס״ און „פּאַסכאַ״ אין יענע פּאַבליק־סקולס, וואָס געפֿינען זיך אין די שטאָט־טיילן, וואו די גרעסטע צאָל שול־קינדער זײַנען יידן. די יידישע עלטערן האָבן ניט גע־האַט קיין מוט אין זייער אייגענעם נאָמען, ד. ה. פּריוואַט, צו פּראָ־טעסטירן קעגן אַט דעם מנהג, וואָס איז דאָך אַזאַ שרײַאיקער קעגנ־זאַץ צום רעליגיעזן יידישן געפֿיל. קיין איינציקע יידישע אָרגאַני־זאַציע האָט זיך מיט דער דאָזיקער זאַך אויך ניט פֿאַראינטערעסירט ביז דער קהילה־ראַט איז געגרינדעט געוואָרן. ערשט נאָכדעם, ווי די קהילה־ראַט פֿירער האָבן אונטערהאַנדלט מיט די פּרינציפּאַלן פֿון די באַטרעפֿנדע פּאַבליק־סקולס, און האָבן זיי דערקלערט דעם צושטאַנד, איז יענער מנהג, וואָס האָט אַ סך יידן באַליידיקט, בטל געוואָרן. אין דער דאָזיקער פֿראַגע, פּונקט ווי אין דער ערשטער פֿונקציע (יידישער „וואָוט״), וואָס איז אויבן באַשריבן געוואָרן, האָט דער קהילה־ראַט געהאַנדלט אין נאָמען פֿון דער גאַנצער יידישער באַ־פֿעלקערונג אין קליוולאַנד, און אַלע זײַנע צילן האָט ער דערבײַ דערגרייכט.

נאָך אַנדערע וויכטיקע פֿונקציעס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין פּראָגראַם פֿון דעטראָיטער קהילה־ראַט; למשל, דער אַנטי־נאַצי באָיקאָט, די כשרות אָפּהיטונג, די באַטייליקונג אין דער קאָנפֿע־רענץ פֿון אַלע יידישע כלל־טוער אין אַמעריקע וועגן די פּראָבלע־מען פֿון יידישן־אַמעריקאַנישן לעבן, און דאָסגלײַכן — און אַלץ אויף אַזאַ אופֿן און אַזאַ פֿאַרנעם, וואָס האָט פֿריער גאָר ניט גע־קענט געמאָלט זײַן.

דער קהילה־ראַט אין דעטראָיט האָט אין זײַן קאָנסטיטוציע אויסגעדריקט זײַן פּילזײַטיקע פּראָגראַם אויף אַזאַ אופֿן:

א) צו העלפֿן אָפּהיטן דעם יידנטום און אויפֿצוהויבן זײַן פּרעס־טיזש; ב) אַרויסצוזאָגן די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג אויף אַ קלאָרן, פֿאַרנינפֿטיקן און אײַנפֿלוסרײַכן אופֿן; ג) אײַנצואָרדענען, לויט דער בעסטער מעגלעכקײַט, די טעטיקײַטן פֿון פֿאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס; ד) צו שטיצן און אַנטוויקלען די קולטורע־לע, געזעלשאַפֿטלעכע, עקאָנאָמישע און פֿילאַנטראָפּישע אינטערעסן, ווי אויך נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג;

ה) צו באַשיצן די בירגערלעכע רעכט, ווי אויך דעם פּאָליטישן, עקאָ־נאָמישן און רעליגיעזן סטאַטוס פון די יידן, ווען עס פאָדערט זיך אַרויסצוטרעטן פאַר דעם שוץ פון די דאָזיקע רעכט; ו) אויסצו־גלייכן אויף אַ פרידלעכן אופן די שטרייטיקייטן און סיכסוכים צווישן יידן־יחידים און אינסטיטוציעס אויף דעם וועג פון אַרביטראַזש, ד. ה. דורך אַ שייד־געריכט; ז) בשותפות מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס צו אַרבעטן פאַר אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג צווישן יידן און אַנדערע טיילן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג; ח) צו קאָאָפּערירן מיט דער אַרבעט פון אַנדערע שטעט, וואָס שטרעבן צו די זעלבע קהלשע צילן ווי דער דעטראָיטער קהילה־ראַט.

אמת, די נייע צענטראַלע קהלשע אָרגאַניזאַציע אין דעטראָיט, פּונקט ווי איר חברטע, דער קהילה־ראַט אין סינסינאַטי, זעען דעם עיקר פון זייער גאַנצער אַרבעט אין דעם „וועלפעיר פאַנד"; דאָך איז באַרעכטיקט אַ שטאַרקע האָפענונג, אַז די ספערע פון זייער טעטיקייט וועט באַדייטנדיק אויסגעברייטערט ווערן. אין יאָר 1935 האָט דער קהילה־ראַט אין סינסינאַטי געגרינדעט אַ שטאָט־געריכט קאָמיסיע, ד. ה. אַ מין פרייוויליקן יידישן געריכט, און כמעט אין דער זעלבער צייט איז געשאַפן געוואָרן ביים קהילה־ראַט אַ פּוב־ליסיטי קאָמיסיע. נאָך פאַר דעם האָט דער סינסינאַטער קיהלה־ראַט גענומען אויף זיך די השגחה איבער דער „פּובליסיטי", וואָס ווערט פון צייט צו צייט געגעבן אין די דאָרטיקע צייטונגען פאַר דער טובה וועגן פון דער אָדער יענער יידישער אינסטיטוציע אָדער אָרגאַניזאַ־ציע. די דאָזיקע השגחה זוכט צו דערגרייכן אַזאַ ציל: ניט צו דער־לאָזן, אַז צוליב עגאָאיסטישע אינטערעסן זאָל אַן אינסטיטוציע פאַרפירן דעם עולם. אין פאַלן, ווען איינע פון די אָרגאַניזאַציעס טרעט אַריבער אין איר „פּובליסיטי" די גרענעצן פון באַשיידנקייט און פון געשמאַק, האָט דער סינסינאַטער קהילה־ראַט ניט פאַרפעלט באַקאַנט צו מאַכן די גאַנצע געזעלשאַפט מיט דער שטעלונג וואָס ער, דער קהילה־ראַט, נעמט אָן צו דעם ענין. דער קהילה־ראַט האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער אויספאָרשונג פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין שטאָט. אין יאָר 1936 האָט דער קהילה־ראַט געגרינ־דעט אַ קאָמיסיע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער איינאָרדענונג פון די יידישע פליכטלינגע פון דייטשלאַנד. אויך האָט דער ראַט גענומען

אויף זיך אויסצוהאַלטן אין משך פון צוויי יאָר צײַט אַ קאַטעדרע אין דעם אוניווערזיטעט פון סינסנאַטי פאַר אַ ייִדישן פּראָפעסאָר פון דײַטשלאַנד.

דער קהילה־ראַט אין סט. פּאָול צענטראַליזירט אין זײַנע הענט, צווישן אַנדערע פונקציעס, אויך די גאַנצע מעות־חטים אַקציע פאַר פסח. די וויכטיקסטע דערגרייכונג פון דעם דאָזיקן קהילה־ראַט דאַרף מען אָבער זען אין זײַן טעטיקײַט אויף דעם דערציאונג־געביט. אַזוי, למשל, שטרעבט ער צו געבן דעם דאָרטיקן ייִדישן קיבוץ ידיעות וועגן די פּראָגן און באַדערפענישן, וואָס שטייען איצט אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דעם ייִדישן לעבן. דער קהילה־ראַט אין סט. פּאָול פאַרנעמט זיך ווייניקער מיט געלט־זאַמלונג אַקציעס, און קאָנצענטרירט זיך דערהויפּט אויף אַזעלכע אַרבעטן ווי צו פאָרשן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און פּראָבלעמען בײַ די ייִדן פון סט. פּאָול, אויסצואַרבטן פּלענער פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן, און ד. גל. אין דער לעצטער צײַט האָט דער דאָרטיקער קהילה־ראַט געהאָלפן צו שאַפן אַ פאָרשונג־ביוראָ צו אונטערזוכן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן יסוד אַזעלכע חשובע ענינים ווי דער צושטאַנד פון ייִדישער דערציאונג, אָדער דער צושטאַנד פון דער ייִדישער פאַמיליע, אָדער די פאַרזאָרגונג פון קינדער און אַלטע לײַט, פאַרווײַלונגס־פּראָגראַמען פאַר דער ייִדישער יוגנט און אז. וו. מיר וועלן נאָך באַלדריידן וועגן דער ממשותדיקער הילף, וואָס דער קהילה־ראַט אין סט. פּאָול האָט שוין געגעבן דער באַוועגונג אויפצוהייבן אין שטאָט דעם צושטאַנד פון דער רעליגיעזער און העברעאישער דערציאונג־אַרבעט.

4. דרײַ מדרוגות פון אויפבוי

הײַנט־צו־טאָג פירט אויס די צדקה־פעדעראַציע, אַט די עלטסטע פאָרם פון דער קהילה־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, די אויפגאַבן פון אויפקלײַבן און פאַרטיילן דאָס געלט פאַר די ייִדישע קהלשע באַדערפענישן און אינסטיטוציעס. דער „וועלפעיר פאָנד״ האָט אַן ענלעכע אויפגאַבע פאַר אַלגעמיינע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס

און באַוועגונגען (ווי „דזשאָינט", „ציוניזם", „אָרט", און אַ. וו.), און אויך פאַר די לאָקאַלע אינסטיטוציעס (ווי קינדער־שולן און ד. גל.), וואָס קריגן ניט קיין שטיצע פון די „קאָמיוניטי טשעסטס", וועלכע ווערן געשטיצט, ווי באַקאַנט, סײַ פון ייִדן סײַ פון גויים אין שטאָט. די לעצטע, ד. ה. נײַעסטע, פאָרם פון קהילה־אָרגאַני־זירונג — דער „קהילה־ראַט", פונקציאָנירט דערהויפּט ווי אַ באַ־ראַטנדיקע, צומאָל ווי אַ קאָאָרדינירנדיקע אַנשטאַלט צו באַהאַנדלען די אָרטיקע ייִדישע ענינים. די אויפגאַבן פון אַזאַ „ראַט" האָבן אַ מאָל אַ קלענערן און אַ מאָל אַ גרעסערן פאַרנעם.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די דאָזיקע דרײַ פאָר־מען פון אָרגאַניזאַציע זײַנען דרײַ גאַנץ באַזונדערע זעלבסטשטענ־דיקע, צווישן זיך ניט פאַרבונדענע, טיפּן פון דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן קהלשן לעבן אין אַמעריקע. על־פּי־רוב אַרבעטן אין זיי די זעלבע מענטשן, און אַלע דרײַ פאָרמען פון קהלשער אָרגאַניזאַציע ווערן געפירט אין גײַסט פון איין און דער זעלבער אַנשויאונג אויף דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. פיל ריכטיקער איז צו באַ־טראַכטן אָט די דרײַ מינים אינסטיטוציעס ווי דרײַ אַנטוויקלונג־שטופעס, עטאַפּן, אָדער ווי 3 אויפטואונגען, אין דער קהילה־אָרגאַניזי־רונג טעטיקײַט; אַנדערש גערעדט, דאָס זײַנען דרײַערליי אַרבעטן, וואָס פירן זיך אין נאָמען פון איינער און דער זעלבער אידייע, נעמלעך: מיט געמיינזאַמע כוחות צו שטרעבן צום געמיינזאַמען ציל. זײַט בײַ זײַט מיט די דרײַ מינים אינסטיטוציעס עקזיסטירן אַנדערע, עלטערע פון זיי, ווי די טעמפּלען, שולן און ד. גל., און נײַערע (ווי צ.ב. די „ייִדישע צענטערס"), אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון אַ ווייניק קאָאָרדינירטן און ניט־פּלאַנמעסיקן ייִדישן קהילה'שן לעבן אין אַמעריקע. נאָך מיט צען ביז פופצן יאָרן צוריק איז די צדקה־פעדעראַציע געווען דער חשובסטער אָרגאַן פון אַמעריקאַניש־ייִדישן לעבן, און אין אירע הענט איז געווען קאָנצענטרירט די פּי־נאַנצירונג פון כמעט אַלע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן און במילא — אויך די דעה איבער אָט דער אַרבעט. איצט, ווען אַזוי פיל צדקה־פעדעראַציעס גיבן זיך שוין מער ניט אָפּ מיט געלט־זאַמלונגען, פשוט ווײַל זיי קריגן זייערע פאָנדן פון די אַלגעמיינע שטאָטישע „קאָמיוניטי טשעסטס", פאַרלירט די פעדעראַציע איר

אַמאָליקע חשיבות אַלס דער צענטראַלער קהילה־אָרגאַן. אין דער זעלבער מאָס ווי די פעדעראַציע פאַרלירט אין וואָג און ווירקונג, געווינען אָבער אין פּרעסטיזש דווקא די צוויי נײַערע פאָרמען פון קהילה־אָרגאַניזירונג — דער „וועלפעיר פאַנד" און דער קהילה־ראַט (דזשואיש קאָמיוניטי קאָונסיל).

די צילן און פונקציעס פון די דרײַ באַזונדערע מינים צענטראַלע אינסטיטוציעס אויף דעם געביט פון קהילה־אויפבוי האָבן ליידער ניט קיין שײַכות מיט די פונדאַמענטאַלע אָנזיכטן אויף די ייִדישע פראַגן. עס פעלט זיי אַ ברייטערער סינטעטישער, ד. ה. אַלץ־אַרומנעמענדיקער און אַלזײַטיקער, בליק אויף די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס זײַנען הײַנט־צו־טאָג פאַרבלעמען מיט אַן אַלוועלטלעכן פאַרנעם. און אָן אַזאַ טיפן און ברייטן בליק קען דאָך ניט געמאָלט זײַן קיין שום געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וואָס זאָל זײַן מער אָדער ווייניקער ענלעך צו דער אײַנגעפונדעוועטער ייִדישער קהילה אין די אייראָפּעאישע לענדער. גראָד פאַרקערט: על־פּי־רוב באַמערקט זיך בײַ די אַמעריקאַניש־ייִדישע טוערס גאָר אַן אומווילן צו פאַרווירקלעכן דאָ, אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, דעם אידעאַל פון אַ פילזײַטיקער און פולבלוטיקער ייִדישער קהילה, ווי דאָס איז דער אידעאַל, למשל, פון דעם טעאָרעטיקער פון אַ נײַער ייִדישער קהילה־אָרגאַניזירונג אין אַמעריקע, פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן. ער זעט אין אַזאַ קהילה דעם מיטל צו אַ גײַסטיקער באַנײַאונג און פאַרשטאַרקונג פון די ייִדן אין אַמעריקע. בײַ די פּראַקטישע טוערס באַמערקט זיך אָבער אַ מורא, אַז די שאַרפע מיינונג־פאַרשיידנקײַטן וועלן נאָך חלילה ברייננגען שאָדן די געלט־זאַמלונג אַקציעס. מען טאָר דאָך ניט פאַרגעסן, אַז אַט די געלט־קאַמפּאַניעס בלײַבן נאָך אַלץ דער צענטראַלער און שטענדיקער פּראָגראַם־פּונקט פון דער קהילה׳שער אָרגאַניזירטער ייִדישער טעטיקײַט אין אַמעריקע. עס איז דערבײַ נאָך ניטאָ קיין שום סימן פון אַ דערנענטערונג אין דעם פאַקטישן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן דאָ אין לאַנד צום אידעאַל פון אַ ברייטער און אַלגעמיין־דעספּעקטירטער קהילה־פאַרוואַלטונג, וואָס דערצו שטרעבן די באַגײַסטערע אָנהייגער פון אַזעלכע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן ווי די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַוטאָנאָמיע אין גײַסט פון ש. דובנאָווס

טעאָריעס און ד. גל. דאָ און דאָרט מאַכן זיך אָבער געוויסע אויס־
נאַמען צום גוטן, און אויף זיי איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן לענגער.

דער ייִדישער קהילה־ראַט אין דעטראָיט, למשל, אונטערשיידט
זיך פון די איבעריקע קהילה־ראַטן איבערן לאַנד אין צוויי וויכטיקע
הינזיכטן. דער פאַרנעם פון זײַנע אינטערעסן איז, ווי מיר האָבן
שוין געוויזן, אַ ברייטערער ווי אין אַנדערע שטעט. דאָס איז איינס.
צווייטנס, כדי צו פאַרווירקלעכן זײַנע צילן, איז זײַן פּראָגראַם אויס־
גערעכנט אויף אַ פיל לענגערן פּעריאָד פון פּלאַנמעסיקער געזעל־
שאַפטלעכער טעטיקײַט אין שטאָט, ווי אַ שטייגער צו שטעלן זיך
בויען אינסטיטוציעס פאַר אַלטע לײַט, זיי אויסצוהאַלטן, א. ד. גל.
זייער וויכטיק איז אויך דער פּרינציפּ פון דעם דעטראָיטער קהילה־
ראַט, אַז קיין שום ייִדישע אָרגאַניזאַציע איז ניט באַרעכטיקט אָנ־
צושליסן זיך צו דעם דאָזיקן „ראַט", אויב אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווײַזט
ניט אַרויס קיין קאָנסטרוקטיוון אינטערעס צו דער אויפהאַלטונג און
אָפּהיטונג פון די גרונט־יסודות פון ייִדישן לעבן. קיין שום אַנדערער
קהילה־ראַט האָט מיט אַזאַ קלאָרקײַט ניט פּראָקלאַמירט די דאָזיקע
באַדינגונג, אַלס אַ באַזיס פון געמיינזאַמער אַרבעט פאַר די ייִדישע
אינטערעסן. דאָס ווידער ווײַזט, אַז דער קהילה־ראַט אין דעטראָיט
פאַרשטייט גוט די באַדײַטונג פון די ייִדישע גײַסטיקע ווערטן, ד.
ה. פון די פּרינציפּן פון דעם אייגנאַרטיקן ייִדישן לעבן, ווי אָט דאָס
לעבן האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון אונדזער טויזנט־יאָריקער
געשיכטע; און אויך ווײַזט דאָס, אַז דער קהילה־ראַט גיט זיך אָפּ
אַ חשבון אין דעם, אַז אָן פּאָזיטיווער באַציאונג צו די דאָזיקע ייִדי־
שע פּרינציפּן איז ניט מעגלעך צו פירן אַ בשותפותדיק קהלשע אַר־
בעט צווישן פאַרשיידענע ייִדישע שטרעמונגען, אָרגאַניזאַציעס און
אינסטיטוציעס אין שטאָט און איבערן לאַנד.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון גײַסטיקע ייִדישע אינטערעסן,
פאַרדינען, פאַרשטייט זיך, די גרעסטע אויפמערקזאַמקײַט יענע
אַרבעטן פון די קהילה־ראַטן, וואָס האָבן אַ באַרירונג מיט דער פראַגע
פון דער ייִדישער דערציאונג. אַ שיינעם בײַשפּיל גיט אונדז, אין
אָט דעם אַ פּרט, דער קהילה־ראַט פון סט. פּאָול. ער האָט, נאָך אַ
גרינטלעכער אויספאָרשונג, גענומען אונטער זײַן שוץ, די לאָקאַלע
ביוראָ פון דער ייִדישער דערציאונג, וועלכע פירט אָן מיט דרײַ

העברעאישע שולן אין שטאָט. אויך האָט יענער קהילה־ראָט אָרגאַניזירט אַ „יידישן דערציאונג צענטער", און די קינדער־שול בײַם דאָזיקן צענטער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ ברייטערן פונדאַמענט ווי פריער.

דער אויספיר פון אונדזער גאַנצער באַטראַכטונג איז אָט אַזאַ: די נײַע קהילה־ראָטן שטייען נאָך אין דעם סאַמע אָנפאַנג פון זייער אָרגאַניזירונג פּראָצעס, אָבער זיי פאַרמאָגן שוין געוויסע אייגנאַרטיקע שטריכן, זיי האָבן שוין זייער אייגענעם כאַראַקטער און פּנים. דער פונדאַמענטאַלער אויסגאַנג־פּונקט פון אָט דער נײַער אַמעריקאַניש־יידישער אינסטיטוציע, דער קהילה־ראָט, איז ניט, אויף דעם פריערדיקן שטייגער, דער איינצלנער יידישער נדבה־געבער און ניט די נויטבאַדערפטיקע אינסטיטוציע, נאָר דער אָרגאַניזירטער יידישער קיבוץ אַלס אַ גאַנצקײַט. דער קהילה־ראָט באַשטייט, געוויינלעך פון די דעלעגאַטן פון די סינאַגאָגן און טעמפּלען, פון פראַטערנאַלע אָרדנס, פון די קולטורעלע אינסטיטוציעס ווי אויך פון די פילאַנטראָפּישע פאַראייגען, און ענלעכע יידישע קערפּערשאַפטן. דער קהילה־ראָט איז (אַלס אַ רעגל געוומען) ניט דער דעה־זאָגער איבער די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס; די אחדות פון אַלע אָנגעשלאָסענע און קאָאָפּערירנדיקע אָרגאַניזאַציעס דאַרף דערגרייכט ווערן אויף אַ יסוד פון אַ פרײַוויליקער, ד. ה. אַוטאָנאָמישער און אַלייך־פאַר־זיך געפירטער טעטיקײַט פון יעדן אָנגעשלאָסענעם טייל פון דער גרויסער, צענטראַלער קהילה־קערפּערשאַפט. דער קהילה־ראָט שטרעבט אַלזאָ צו דינען דער פאַראייניקונג פון אַלע אָרגאַניזירטע יידישע כוחות אין דעם לאָקאַלן קהלשן לעבן. אין די קלענערע שטעט פון לאַנד ווי, למשל, אין האַריסבורג, פּאַ., ווערט דער קהילה־ראָט טאַקע אָנגערופן „פאַראייניקטער ראָט פון דער יידישער קהילה אין האַריסבורג".

5. יידישע „צענטערס"

ווען מיר ריידן וועגן די קלענערע יידישע ישובים אין אַמעריקע (ניט מער פון 5,000 יידישע נפשות), איז נויטיק צו שענקען אויפמערקזאַמקײַט אויך דעם „דזשואיש סענטער", וואָס איז שוין

לאַנג אַ זייער ממשותדיקער כוח אין דעם אַמעריקאַניש־ייִדישן לעבן. אַ העלפט פון די 315 „ייִדישע צענטערס", וואָס זײַנען אָנגעשלאָסן צו דער „וועלפעיר באָאַרד" אין ניו יאָרק (די צענטראַלע קערפּער־שאַפט פאַר אָט די אינסטיטוציעס איבערן גאַנצן לאַנד), עקזיסטירט אין די ישובים, ד. ה. שטעט, מיט בלויז עטלעכע טויזנט ייִדן. וויסן דאַרף מען אגב, אַז פון די פיר און אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אין אַמע־ריקע זײַנען כמעט 90 פּראָצענט אײַנוואוינער פון די גרויסע שטעט (מיט איבער הונדערט טויזנט אײַנוואוינער), און כמעט 45 פּראָצענט פון די פיר און האַלבן מיליאָן ייִדן לעבן אין גרעיטער ניו יאָרק אַליין. דאָס איז איין זײַט פון דער פראַגע מכוח דער פּאַרטיילונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איבערן שטח פון אַמעריקע. די צווייטע זײַט איז אָבער, אַז די ייִדישע אַמעריקע איז צעזייט און צעשפּרייט איבער 700 שטעט און שטעטלעך פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

יעדער איינער פון אָט די 700 ייִדישע קיבוצים איז אַ מין ייִדישער „מיקראָקאָסם" (אַן „עולם קטן", אַ קליינע וועלט) פאַר זיך. ווען מיר ריידן וועגן דער קהילה'שער אָרגאַניזירונג פון דעם ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, איז נויטיק צו ציען אין באַטראַכט, אַז עס איז געוואונטשן אויסצושפּרייטן אָט די אָרגאַניזירונג איבער אַלע ייִדישע ישובים פון גאַנצן לאַנד. די אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פון די צדקה־פעדעראַציעס, „וועלפעיר פאָנדס" און קהילה־ראַטן האָבן דערווײַל אַרומגענומען בלויז אַ באַשרענקטע צאָל, און געוויס אפילו ניט די מערהײַט פון אַזעלכע שטעט. זיי עקזיסטירן דערהויפּט אין די ג ר ו י ס ע שטעט. אַרום און אַרום גרייכט זייער צאָל ביז 150. אין אַ סך פאַלן האָבן די צדקה־פעדעראַציעס און דער „ייִדי־שער צענטער" אין גרונט איינע און די זעלבע פאַרוואַלטונג. עס איז קלאָר דעריבער, אַז די קליינע קהילות קענען זיך ניט באַנוגענען מיט אַזאַ מין אינסטיטוציע ווי די פעדעראַציע און דער „וועלפעיר פאָנד", כדי צו אָרגאַניזירן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט בײַ זיך אין שטאָט, ווי די רעליגיעזע, קולטורעלע באַדערפענישן א. א. וו. אין אַ סך פון די קלענערע שטעט דינט דער „ייִדישער צענטער" צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, ד. ה. ער, דער „צענטער", באַפרידיקט ניט נאָר די גײַסטיקע ייִדישע באַדערפענישן, די רעליגיעזע און ביל־

דורכ־שטרעבונגען, נאָר ער נעמט אויף זיך אויך די געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניששן און די שטיצע פאַר די אָרימע, די פּראָפעסיאָנעלע אָריענטאַציע (ד. ה. מיטלען צו העלפן אויסקלײַבן בעסערע, פּאַסיקערע פּראָפעסיעס פאַר דער יוגנט) און אַזוי ווײַטער. דער „צענטער" ווערט, מיט איין וואָרט, אַ מין לאָקאַלע ייִדישע קהילה־פאַרוואַלטונג אינסטיטוציע.

אין די לעצטע יאָרן פאַרמערן זיך די בײַשפּילן, וואָס ווײַזן ווי וויכטיק עס זײַנען די „ייִדישע צענטערס" אין דעם קהלשן לעבן. די „צענטערס" זײַנען אין גרונט אַ מין צונויפגיסונג אינאיינעם פון אַלע דרײַ באַשריבענע מדרגות פון קהילה׳שער אָרגאַניזירונג, און דינען ווי אַ מין ברייטע באַזע פאַר דער גאַנצער קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג פון דעם קלענערן ייִדישן ישוב מיט אַלע זײַנע אָרטיקע באַדערפענישן. אמת, די צײַט איז נאָך ניט רײַף איז אַן ענדגילטיקער פאָרם צו משפטן מכוח דער באַדײַטונג פון „צענטער" פאַרן גאַנצן ייִדישן כלל, אָבער מען קען שוין זאָגן, אַז געוויסע סימנים באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז זיי — די „ייִדישע צענטערס" — וועלן זײַן באַרופן צו שפּילן אין דעם ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע אַ חשובע ראָלע, אַזאַ ראָלע, וואָס האָט אין זיך גרויסע מעגלעכקײַטן פאַר אַ ווײַטערדיקן וואוקס און אַנטוויקלונג.

6. קהילה פּערספּעקטיוון

די דערפאַרונג פון די לעצטע 8—9 יאָר האָט שוין באַוויזן, ווי גרויס ס׳איז די וויכטיקײַט און די באַדײַטונג פון אַט די נײַע קהילה־ראַטן. דער „וועלפעיר פאָנד" איז, ווי מיר האָבן געזען, אַן אינסטיטוציע אַן אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר, און זײַן אַרבעט באַשרענקט זיך אויף דורכפירן אין אַ שטאָט דערפאָלגרײַכע געלט־קאַמפּעינס, במילא איז שווער געווען צו געפינען די אונטערשטיצונג פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן פאַר אַזאַ אינסטיטוציע. אַנטקעגן דעם אָבער זעט מען, אין די שטעט ווי סינסינאַטי און דעטראָיט, וואו דער „וועלפעיר פאָנד" איז בלויז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון קהילה־ראַט, אַז דאָרט טוען די ברייטע פאָלקס־

שיכטן זייער חלק פליכט אַנטקעגן גאַנצן כלל און באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן. דער „וועלפעיר פאַנד", וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט אַ קהילה־ראַט ווערט דורך דעם פאָלק, פונקט ווי עס איז פריער לאַנג געווען דער פאַל מיט דער צדקה־פעדעראַציע, באַטראַכט ווי בלויז אַן ענין פון די רײַכע ייִדן אין שטאָט, וואָס גיבן אַ וואָרף־צו פון צײַט־צו־צײַט קלענערע אָדער גרע־סערע נדבות. דער „וועלפעיר פאָנד", פון זײַן זײַט, האָט אויך ערנסט ניט געזוכט צו שאַפן בײַ זיך אַ פּלאַץ פאַר די פאָרטרעטער פון די ברייטע שיכטן אויך. אַרום און אַרום, איז די „וועלפעיר פאַנד" אי־דייע געבליבן ווײַט פון די ייִדישע פאָלקסטימלעכע באַוועגונגען און שטרעבונגען, און די באַוועגונג האָט אויך אַרויסגעוויזן ווייניק אינ־טערעס פאַר אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי ישיבות, קולטורעלע העב־רעאישע און ייִדישע אַנשטאַלטן, וואָס זײַנען פון שטענדיק נאָענט און טײַער די גײַסטיקע פירער פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן.

אַ קעגנזײַטיקע ווירקונג און פרוכטבאַרער אײַנפלוס האָבן זיך באַשאַפן צווישן ביידע צדדים — דער „קהילה־ראַט" און דער „וועל־פעיר פאַנד". פאַר יעדן באַאָבאַכטער פון דעם ייִדישן לעבן אין אַמע־ריקע איז שוין קלאָר, אַז דערוויַל זײַנען זייער קליין אין צאָל די קולטורעלע אינטערעסן, וואָס אַרום זיי קענען געשאַפן ווערן פאַר־אייניקטע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס פון אַלע ייִדישע קרײַזן. די אָנ־שויאונגען און באַגריפן בנוגע צו אַ גרויסן אָדער קלענעם ענין זײַנען צו פאַרשיידן, גייען זיך צו שטאַרק פונאַנדער, אַז ס'זאָל זײַן מעג־לעך צו פאַראייניקן אַלע ייִדן פון שטאָט אויף איין געמיינזאַמער פּראָגראַם. אָבער אין דער פּראַקטישער אַרבעט פון אָנפירן אַ פאַר־אייניקטע געלט־זאַמלונג־אַקציע פאַר קהלשע באַדערפענישן איז גע־וויס יע דאָ אַ פּלאַץ און אַ מעגלעכקײַט פאַר אַ צענטראַלן קהילה־ראַט, וואָס זאָל ווערן אַן אײַנפלוסרײַכער פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן. פון דער געלט־זאַמלונג אַקציע מאַכט טאַקע דער קהילה־ראַט פאַר זיך אַ פעסטע פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, און בשעת מעשה ווערן די מיטגלידער פון קהילה־ראַט גופא צוגעגרייט, דערצויגן צו אַרבעטן געמיינזאַם אויך פאַר אַנדערע, פאַר ברייטערע און טיפע־רע קהלשע ייִדישע אינטערעסן. אין משך פון צײַט וועט, וואָר־שײַנלעך, דער קהילה־ראַט ווערן אַן אינסטיטוציע, וואָס וועט נעמען

אויף זיך נײַע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן פון אַזאַ מין, למשל, ווי צו געבן ייִדישע בילדונג צו דערוואַקסענע, אָנפירן סטאַטיסטישע פאָר־שונג־אַרבעטן, און נאָך אַנדערע ענלעכע קאָנסטרוקטיווע טעטיקײַטן, וואָס אַרום זיי איז ניט שווער צו פאַראייניקן די פאַרשיידנאַרטיקע נאַציאָנאַלע אידעאַלן אָדער אָנשויאונגען אויף פּראָבלעמען פון ייִדן און ייִדישקײַט און אַמעריקע און בכלל. אין יעדן פאַל, ווי מיר האָבן שוין געזען, אויפן בײַשפּיל אין סינסינאַטי, זײַנען אי דער „קהילה־ראַט" אי דער „וועלפער פאָנד" אויסגעצייכנטע פּראַקטישע מיטלען צו פאַרשטאַרקן דעם צוזאַמענבונד צווישן זיך פון איינצלנע גרופּעס און ריכטונגען אין דעם ייִדישן ישוב, און צוגרייטן זיי פאַר די צוקונפטיקע גרויסע און וויכטיקע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן.

ווי אַן אַלגעמיינע רעגל לאָזט זיך זאָגן, אַז דער ווערט און אײַנפלוס פון קהילה־ראַט שטײַגט איבער די גרענעצן פון אַ לאָקאַ־לער (שטאָטישער) פונקציע אויף דעם געביט פון ייִדישער פילאַנ־טראָפּיע און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דער מאָראַלישער אײַנפלוס איז, פאַרגעסט ניט, אויך אַזאַ דערגרייכונג, וואָס איז ניט קלענער אין איר חשיבות און ווערט ווי דער היפשער פּראַקטישער אויפטו פון שאַפן געלט פאַר די פילצאָליקע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַ־ציעס אויף דער ייִדישער גאַס. דער קהילה־ראַט, וואָס באַשטייט פון דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און פאַר־טרעטער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען און נאַציאָנאַלע שטרעמונגען אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט, אַזאַ ראַט מוז פריער צי שפּעטער אַנטוויקלען אויך דעם באַוואוסטזײַן אין דער ייִדי־שער געזעלשאַפט מכוח דער אַלגעמיינער וויכטיקײַט און באַדײַ־טונג פון אַ פאַראייניקונג און אחדות צווישן אַלע ייִדישע כוחות, וואָס אַרבעטן איצט אויפן געזעלשאַפטלעכן פעלד. בלויז אויף אַזאַ אופן וועט אפשר מעגלעך זײַן צו קומען צו אַ דערנענטערונג און צו אַ שטיקל אויסגלײַך צווישן די אַנטקעגנגעזעצטע אָנשויאונגען, און סוף כל סוף צו באַשאַפן בײַ ייִדן אַן אַטמאָספער פון טאָלעראַנץ, וואָס אָן דעם קען דאָך ניט געמאָלט זײַן קיין געמיינזאַמע אַרבעט און קיין דערפאָלגרײַכע שטרעבונג צו גרעסערע געמיינזאַמע צילן. דער קהילה־ראַט וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַן אָפענע געמיינזאַמע

טריבונע, אַן מין קהלשע פּלאַטפאָרמע פאַר דעם פרײַען מיינונג־אויסבײַט, גיט במילא אַ מעגלעכקײַט צו שאַפן די פאַראייניקטע קהלשע אַרבעט־געלעגנהײַטן, אויך אין יענע שטעט אפילו וואו עס איז דערווײַל נאָך קיין אחדות אין די מיינונגען און פּראָגראַם־אָנשוויאונגען ניטאָ.

פון אַזאַ שטאַנדפּונקט געזען, שטעלט מיט זיך געוויס די באַוועגונג פון שאַפן קהילה־ראַטן פאַר אַ דערמוטנדיקע אַנטוויקלונג־שטופּע אין דעם לעבן פון דעם ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע. מיר, ייִדן, קענען ניט און מיר ווילן ניט אַראָפּוואַרפן פון זיך און בטל מאַכן אונדזער טויזנטיעריקע ייִדישע אייגנאַרטיקײַט, דעם אייביקן גײַסטיקן פּנים אונדזערן ווי ייִדישע מענטשן. נו, הייסט אונדז דער גלײַכער שכל אײַנצופירן ענדלעך אַ פאַרנינפטיקן סדר, אַ געזונטן יסוד אין דעם אויפבוי פון אונדזער ייִדישן קהילה'שן לעבן. געשען קען עס דורך אַ ריכטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג; דאָס הייסט, דורך אַ קהילה־אויפבוי. דער קהילה־ראַט, און אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי דער „ייִדישער קאָמיוניטי צענטער", זײַנען טאַקע וויכטיקע עטאַפּן אין דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג און וואוקס פון דער דאָזיקער אָרגאַניזירונג. זיי פאַרדינען באַטראַכט צו ווערן ווי אָנזאָגער פון דער צוקונפטיקער פולער און פאַראייניקטער ייִדישער קהילה־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וואָס זאָל זײַן אַ פאַרצווײַגטער בנין, געקרוינט פון דער אַקטיווער, אַלגעמיין־רעספּעקטירטער און קאָנסטרוקטיוו־שעפערישער קהילה־פאַרוואַלטונג אין יעדן ייִדישן ישוב פון לאַנד. אַזאַ אינסטיטוציע, דאָ, אויף אַמעריקעס באָדן, וועט אפשר טאַקע זײַן נײַ און מאָדערן אין פאָרם, אָבער — אַלט אין גײַסט און אין איר לאַנגער היסטאָרישער דערפאַרונג אין דעם לעבן פון ייִדישן פאָלק.*

* די אַרבעט איז געשריבן געוואָרן טיילווײַז נאָך קוואַלן און מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן אין זשורנאַל:

JEWISH SOCIAL SERVICE QUARTERLY, for September, 1936 ; December, 1937, and June, 1938.

אַ בוך וועגן אונדזערע קהלישע אָרגאַניזאַציעס

מיר, אַמעריקאַנער ייִדן, זײַנען איצט דער גרעסטער איינצלטייל פון דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן פאָלק. מיר האָבן אַ קהלשן ביודזשעט, ד. ה. הוצאות אויף די רבנים, סינאַגאָגן, שפּיטאָלן, קינדערשולן, „ייִדישע צענטערס", צדקה־אַנשטאַלטן און הילף פאַר אונדזערע ברידער אין אַנדערע לענדער, פון איבער הונדערט מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.[1] טויזנטער אינסטיטוציעס באַדינען אונדזערע רעליגיעזע, פילאַנטראָפּישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדערפעניש. אָבער ניט קוקנדיק אויף אָט דער פאַרצווײַגטער אָרגאַניזאַציאָנעלער סיסטעם, זײַנען מיר נאָך אַלץ זייער ווײַט פון וויסן מכוח דעם סאָציאַלן צונויפֿשטעל, ווי למשל, די פּראָפעסיעס, לעבנס־אומשטענדן, און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שטריכן פון דעם 4—5 מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע.

קומט דר. מאָריס י. קאַרפּף, אַ סאָציאָלאָג און דער דירעקטאָר פון דער ניו יאָרקער הויך־שול פאַר ייִדישער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג (סאָושעל וואָירק), מיט אַן אַלזײַטיקן איבערזיכט פונם קהלשן לעבן פון די אַמעריקאַנער ייִדן.[2] ער באַהאַנדלט די סטאַטיסטישע פּראָבלעמען (צאָל פון ייִדן אין אַמעריקע, אימיגראַציע א. אַ. וו.), די

[1] וועגן אונדזער סאָציאַלן הוצאה־ביודזשעט איז אויספירלעך געשריבן געוואָרן אין דעם אויבן־געדרוקטן אַרטיקל „אונדזערע געזעלשאַפטלעכע צדקה טעטיקײַטן" (זע אויבן זז. 297 פפ.). גאַנץ געניי ווערט די טעמע באַהאַנדלט אין אונדזער אָפּהאַנדלונג „סאָציאַלע הוצאה פון אַמעריקאַנער ייִדנטום" אין „ווירטשאַפט און לעבן", בערלין, אויג. 1930; און אין דעם אַרטיקל „די 100 מיליאָן דאָלאַר" אין „דאָס ייִדישע פאָלק", ניו יאָרק, 25 פעבר. 1938.

[2] JEWISH COMMUNITY ORGANIZATION IN THE UNITED STATES, by Maurice J. Karpf. Bloch Publishing Co., New York, 1938, 234 pages.

עקאָנאָמישע סטרוקטור פון ייִדישן ישוב, אַלערליי קהלשע אָרגאַני־זאַציעס (פאַר צדקה, דערציאונג, שוץ פון ייִדישע רעכט א. אַ. וו.), ייִדישע פּאַרטייען און באַוועגונגען און די הילף־אַקציעס פון ייִדן אַמעריקע פאַר זייערע ברידער אין די מעבר לים לענדער. צום שלוס באַטראַכט ער די פּראָבלעם פון ייִדיש־נאַציאָנאַלער פירערשאַפט און אויסזיכטן פאַר דער קהלשער אָרגאַניזאַציע פון ייִדישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס בוך האָט אַ לאַנגע ביבליאָגראַפיע און גוט־צוזאַמענגעשטעלטן זוך־צעטל (אינדעקס). אָרום און אָרום גיט דר. קאַרפּפס בוך אַ מעטאָדישע אײַנפירונג אין דער סאָציאַל־קול־טורעלער באַשרײַבונג פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער באַפעלקערונג, דאָס מיינט פון די אָרגאַניזירטע כוחות, וואָס פורעמען און טרײַבן דעם קהלשן לעבן פון גרעסטן ייִדישן קיבוץ אין דער הײַנטיקער צײַט.

דער הויפּט־אויספיר, צו וועלכן דר. קאַרפּף קומט, איז אַזאַ: אַן דעם פולן און פאַקטישן וויסן מכוח דעם מצב פון ייִדן אין אַמע־ריקע אויף אַלע געביטן און אין אַלע צווײַגן פון דער מאָדערנער קאָמפּליצירטער געזעלשאַפט, איז אויך ניט מעגלעך קיין ריכטיקער צוגאַנג צו דער לייזונג פון די אַנגעוויטאָקטע ייִדישע פּראָבלעמען בײַ אונדז אין לאַנד. ער ברענגט דערבײַ אָט אַזאַ בײַשפּיל (ז. 160): די דיסקרימינאַציע און באָיקאָט קעגן די ייִדישע פּראָפעסאָרן און אַנדערע קאַלעדזש־לערער שאַפט אַפּנים בײַ די אַמעריקאַנער ייִדן אַן אָפּנייגונג פון די אַקאַדעמישע פּראָפעסיעס, ד. ה. אַ טענדענץ אַוועקצוגיין פון אַזעלכע פּראָפעסיעס און קאַריערעס, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט ריין־גײַסטיקע אינטערעסן און שטרעבונגען, ווי פאַר־שונג, העכערער טעאָרעטישער שטודיום, א. אַ. וו. נו, קען געוויס זײַן, זאָגט דר. קאַרפּף, אַז די זעלבע קרײַזן וואָס לאָזן איצט ניט צו, אַז ייִדן זאָלן ווערן קאָלעדזש פּרעזידענטן, פּראָפעסאָרן, א. ד. גל., וועלן זײַן די ערשטע צו באַשולדיקן די אַמעריקאַנער ייִדן אין גראָב מאַטעריאַליסטישע נייגונגען, אין אַ שטרעבונג צום קאָמער־ציאַליזם. דעמאָלט וועלן אָט די אַנטיסעמיטן האַלטן אין איין טענהן, אַז די ייִדן באַרײַכערן ניט דאָס גײַסטיק לעבן פון לאַנד, והראיה — ייִדן נעמען זיך ניט צו קיין גײַסטיקע (אַקאַדעמישע) פּראָפעסיעס... און דער פאַקט, אַז מ'לאָזט די ייִדן ניט אַרײַן אין

אַט דעם קרײַז פון גײַסטיקע קאַריערעס און פּראָפעסיעס וועט מסתמא ניט זײַן קיין אַרגומענט אין די אויגן פון די אַנטיסעמיטן, פּונקט ווי דער פאַקט, אַז מ'האָט די יידן אין מיטלאַלטער ניט דער־לאָזן צום ערד־באַזיץ און אַז מ'האָט זיי ניט אַרײַנגענומען אין די האַנטווערקער־צעכן, שטערט אפילו אויף אַ האָר ניט די אַנטיסעמיטן צו בילן, אַז די יידן זײַנען פון שטענדיק געווען אַ פּאַראַזיטישער, אומפּראָדוקטיווער טייל פון דער באַפעלקערונג. נו, איז קלאָר, זאָגט דר. קאַרפּף, אַז אויב מען וויל עפּעס טאָן צו פאַרבעסערן דעם צו־שטאַנד פון די יידן, וואָס שטרעבן צו די אַקאַדעמישע קאַריערעס, איז קודם־כל נויטיק צו האָבן אַ וויסן מכוח אַלע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שײַכות צום ענין, און דאָס האָבן מיר נאָך ליידער ניט.

מיט רעכט באַקלאָגט זיך דר. קאַרפּף אויפן איצטיקן כאַאָטישן צושטאַנד, וואָס הערשט אין אונדזער ריזיקן געזעלשאַפטלעכן הוצאה־ביודזשעט, אַ קיימא־לן פון הונדערט מיליאָן דאָל. יאָר־יערלעך. אַט די קאָלאָסאַלע סומע ווערט אויפגעקליבן און אויסגעגעבן פון אונד־זערע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן. שטעלט זיך די פראַגע: צי גייט דאָס געלט ווירקלעך אַוועק אויף די סאַמע וויכטיקסטע, בווי־טיקסטע צוועקן? די תשובה איז: ניין. און די אורזאַך: צופעליקע, ניט־זאַכלעכע מאָטיוון און אומשטענדן שפּילן די הויפּט־ראָלע בײַם פאַרנוצן די מיליאָנען פון סאָציאַלן ביודזשעט פון די יידן אין אַמע־ריקע, בײַם פאַרטיילן די געלט־סומעס לויט די באַזונדערע צווײַגן פון דער קהלשער הוצאה. יעדע אָרגאַניזאַציע, אָדער אינסטיטוציע, האַלט, אַז זי איז בילכער פון אַלע אַנדערע; זי נעמט זיך מיט אַלע כוחות צו קלײַבן פאַנדן פאַר אירע צוועקן, ניט רעכעַנינדיק זיך לחלוטין מיט דעם וואָס דערפון וועט אַרויסקומען אַ דופּליקאַציע, אַ ניוועץ, אָדער סתם אַ שאָדן פאַר די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. סוף כל סוף איז דאָך יעדע פון אַט די אַנדערע אינ־סטיטוציעס אויך אײַנגאַנצן אָנגעוויזן אויף די געלט־געבונגען פון ידישן עולם, אויף „אַפּילס" פאַר געוויסע לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע (פאַר גאַנץ אַמעריקע) פּראָגראַמען. און בײַ אַזאַ מאַנגל פון פּלאַנ־מעסיקײַט, פאַראַנטוואָרטונגס־געפיל און ברייטקײַט פון קוק, קומט דער נצחון צו יענעם צד וואָס האָט די שטאַרקסטע עלנבויגנס, וואָס שרײַט מיט אַ הילכיקערן קול, און באַנוצט זיך מיט אַנדערע פאַרמען

פון געזעלשאַפטלעכן דרוק, אָדער „פּרעשור”, אין די גוט־באַקאַנטע אַמעריקאַניש־ייִדישע פינאַנץ־קאַמפּיינס און „דרײַווס”... און פון דעם געזעלשאַפטלעך־אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט איז אַט אַזאַ אויסוועג, רעאַל און ניכטער ווי ער זאָל ניט זײַן, דאָך ניט דער געוואונטשענסטער און געזינטסטער אויסוועג. און דערצו ווערט אַלץ שווערער פאַר אונדז ייִדן צו שאַפן די ריזיקע סומעס פאַרן קהלשן ביודזשעט.

וואו איז אַ לייזונג פון אַט דער פראַגע? דר. קאַרפּף, דער מומחה אין ענין ייִדישער פילאַנטראָפּיע, וואָס פאַרנעמט איצט כמעט דעם פּלאַץ פון פאַרשטאָרבענעם דר. באָריס באָגען, לייגט די גרעסטע האָפענונגען אויף דעם אויסגעפּרובירטן ייִדישן מיטל — לומדות, ד. ה. וויסן און לערנען. ער דערוואַרט פון אַ נײַעם געבילדעטן דור פון ייִדישע כלל־טוער און עסקנים, מענטשן מיט אַ ברייטער אַלגעמיינער צוגרייטונג און מיט אַ גוטער באַהאַוונטקײַט אין ייִדישע ענינים, אַט פון אַזאַ דור דערוואַרט דר. קאַרפּף אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין גאַנצן סדר פון ייִדישער כלל־טוערײַ אין אַמעריקע. פאַר אַ דירעקטאָר פון דער ערשטער און דערווײַל איינציקער ייִדישער שול פון פילאַנטראָפּיע און פּראָפעסיאָנעלע צדקה־אַרבעט (סאָשעל וואָירק) איז עס אפשר טאַקע אַ נאַטירלעכע זאַך צו רעקאָמענדירן אַט אַזאַ רפואה פאַר דעם ניט־גאַנץ געזונטן איצטיקן צושטאַנד. אונדז שײַנט אָבער, אַז ניט דאָ ליגט דער שליסל צו דער לייזונג פון דער שווערער פּראָבלעם. די צרה איז, אַז דער גרעסטער טייל פון אונדזער פירערשאַפט, ד. ה. פון ראַבינאַט, לערערס, פּאַרטיי־טוערס און וואָרט־מײַסטער איז טיף דורכגעגנומען פון אַסימילאַטאָרישע איידייען און ניט אינגאַנצן פרײַ פון אייגננוציקע, אַמאָל אָפן קאָמערציאַליזירטע, כמעט קרעמערישע שטרעבונגען. זיי דערוועקן צו זיך קיין רעספּעקט ניט אין דער ייִדישער וועלט, און קענען די נשמה און דאָס האַרץ פון ייִדישן מענטש ניט שפּײַזן. במילא פעלט דער ערשטער גרונט־באַדינג, דער באָדן, פאַר קאָאָרדינירטע קהלשע טעטיקײַטן.

וואָס ס׳איז שײַך ווידער צו די וואַקסנדע שוועריקײַטן פון דעקן דעם גרויסן סאָציאַלן ביודזשעט פון ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע, ווערט וואַרשײַנלעך די לייזונג פון דעם פּראָבלעם קומען ערשט מיט

דער רעאָרגאַניזירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג בכלל. די דאָמינירנדיקע ראָלע, וואָס די טאָנגעבער פון דער געשעפטס־וועלט האָבן ביזן קראַך פון 1929 געשפּילט אין אַמעריקאַנישן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז ניט געווען קיין סגולה פאַר דער אַנטוויקלונג פון די הומאַניטאַרע, אידעאַל־מענטשלעכע שטריכן אינם יחיד און כלל. דערפון נעמט זיך דער איצטיקער גײַסטיקער קריזיס בײַ אונדז אין לאַנד, וואָס ציט זיך שוין זינט 1930. ערשט דאַן, ווען „ביזנעס", געשעפט, וועט אויפהערן צו זײַן דער ענדציל און וועט ווערן בלויז אַ מיטל פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, וועט בײַ יידן, אַזוי גוט ווי בײַ ניט־יידן, די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג אַוועקגעשטעלט ווערן אויף דעם געהעריקן יסוד. דעמאָלט ערשט וועט די סאָציאַלע הילף און פאַרזאָרגונג פון די גײַסטיקע באַדערפענישן באַקומען יענע זיכערקײַט און דויער, וועלכע זיי קענען ניט האָבן אין אַ ציוויליזאַציע, וואָס איז דורכגענומען פון אַ כאַאָטישן פּראָפיט־גײַסט, פון אַ „קאַמף פון אַלע קעגן אַלע", און וואָס לײַדט כסדר פון אַ פאַרנאַכלעסיקונג פון דער מענטשלעכער ווירדע, פון מענטשלעכע לעבנס און אינטערעסן, בעת „געשעפט" און אַנדערע מאַטעריאַליסטישע שטרעבונגען שטייען העכער פון די אייביקע עטישע פּרינציפּן און אידעאַלן.

יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט

עס לעבן נאָך פריש אין זכרון די מוראדיקע פאַרפאָלגונגען פון די „פרעמדע" דאָ אין אַמעריקע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה. זיי זײַנען געווען אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה־משוגעת, אַ סימפטאָם פון דער אַלגעמיינער אומרו און צעמישעניש פון דער מלחמה־צײַט. אין די לעצטע יאָרן פילט זיך בײַ אונדז אין לאַנד ווידער אַ שנאה, אַ שאַרפער אומצוטרוי, אַ מורא פאַר די „פרעמדע", און אפילו פאַר די נאַטוראַליזירטע אימיגראַנטן און זייערע קינדער. דאָס אַלץ דריקט זיך אויס אין אַ גיפטיקער מינדלעכער און געדרוקטער אַגיטאַציע, ווי אויך אין די געזעץ־פראָיעקטן, מיט וועלכע די אימיגראַנטן־פרעסער פאַרוואַרפן דעם קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן.

דער איצטיקער אויסדרוק פון אַט די רדיפות און פון דעם פסיכאָז, דעם קראַנקן שגעון, וואָס טרײַבט אַ טייל פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק אָנצופאַלן מיט בלבולים און זלזולים אויף אומשולדיקע מענטשן, אַרויסטרײַבן זיי פון לאַנד (דורך דעפאָרטאַציע) און שטיצן געמיינע דעמאַגאָגן און פאַרפירער — די־אָ באַוועגונג איז שוין ניט קיין נאָכווייעניש פון דער וועלט־מלחמה. ניין, זי קומט פון דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן קריזיס אין די לעצטע יאָרן. גענויער אויסגעדריקט: זי קומט פון דער מורא, וועלכע באַהערשט די אָנפירנדע עקאָנאָמישע און קולטורעלע גרופן, אַז דער פאַרצוויגענער פלאָנטער אין דער פאָליטיק און עקאָנאָמיק קען פירן צו שווערע אומרוען, אָדער אפילו איבערקערענישן, סאָציאַלע דערשיטערונגען. און אַט דער דאָזיקער פחד טרײַבט די אויבערשטע, פריווילעגירטע שיכטן, וואָס שטאָלצירן אַזוי מיט זייער אַמעריקאַנישן יחוס, אַרומצוטראָגן זיך מיט פלענער (בנוגע די „פרעמדע"), וועל־

כע האָבן קיין שום שייכות ניט מיט די פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטי־שע פּרינציפּן פון אַמעריקאַניזם, טאָלעראַנץ, יושר און גלייכהייט.

איז אָבער, ווי עס לערנט אונדז די היסטאָריע, אין אַזעלכע אומשטענדן שטענדיק דאָ אַ באַדאַרף אין אַ כּפּרה־הינדל, אַ זינדן־באָק, און די הילפלאָזע און שוצלאָזע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, באַ־זונדערס די ייִדן, זיינען ממש ווי געשאַפן פאַר דער טראַגישער ראָלע פון אַזאַ מין שעיר־לעזאזל, אַ זינדן־באָק.[1]

1. ייִדן ווי אַן אַמעריקאַנער מינדערהייט

אָט וואָס ס'זאָגט אַ געניטער באַאָבאַכטער פון דער נייסטער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, פּראָפעסאָר ראָבערט לינד, פּראָפעסער פון די צוויי קלאַסישע סאָציאָלאָגישע ווערק — „מידלטאָון" און „מידלטאָון אין טראַנזישאָן", וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם סאָציאַלן און קולטורעלן פּנים פון אַ דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער קליינער שטאָט במשך פון די לעצטע 15—20 יאָר: „וואָס ס'איז שייך צו די ייִדן, פונקט ווי עס איז דער פאַל מיט די קאַטאָליקן, איז דער ענין אַ גאַנץ פּשוטער, נעמלעך: צוגרייטן אויסגעטריקנטע ברענ־האָלץ פאַר דעם שייטער־הויפן, אויף וועלכן מידלטאָון וועט פאַר־ברענען איר זינדן־באָק. און אויב די פּראַגע וועט אָננעמען זייער אַ שאַרפע פאָרמע, וועט די פאַרשאַרפונג קומען דערהויפּט פון די קרע־מער, וועלכע האָבן נאָך אין 1935 אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף די קעפּ פון די ייִדן, זאָגנדיק אַ שטייגער, אַז די ייִדן (און די טשעין סטאָרס) טראָגן די שולד דערפאַר, וואָס די קראָמען ווערן געהאַלטן אָפן לענגערע שטונדן".[2]

און אָט איז אַ צווייטער ביישפּיל. אין יאָר 1934 האָט די רע־גירונג פון קאַנאַדע דורכגעפירט אַן אונטערזוכונג מכּוח די אַר־בעטס־שטונדן און שכירות אין די קליידער־שעפער פון לאַנד. ס'האָט

[1] אויספירלעכער וועגן אָט דער זייט פון דער מינדערהייט־פראַגע אין אַמעריקע ז. דעם אַרטיקל „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַמעריקע", אויבן זז. 36—49.

[2] MIDDLETON IN TRANSITION (A Study in Cultural Conflicts), by R. S. Lynd and H. M. Lynd, New York, 1937, pp. 462—463.

זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָ און דאָרט צאָלן די ייִדישע פאַבריקאַנטן צו־קלײנע שכירות (אונטערן געזעצלעכן מינימום־לוין). די אַנטיסע־מיטן האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר אָט דעם שטיקל נײַעס ווי פאַר אַ טײַערע מציאה, האָבן אָבער לחלוטין פאַרשוויגן אַ צווייטן פאַקט, וואָס די אונטערזוכונג האָט אַרויסגעבראַכט, דהײַנו: דווקא גויישע פירמעס, ווי דעפּאַרטמענט־סטאָרס, א. אַ. וו., צווינגען אַרויף אויף די ייִדישע אונטערנעמער, מאַנופעקטשורערס, אַזעלכע קלעגלעכע פרײַזן פאַר וואַרע, אַז במילא מוזן די פאַבריקאַנטן אַרונטערדריקן די לוין־סטאַנדאַרדס פון די אַרבעטער.[3]

ווײַזט דאָס אַלץ ניט, אַז ייִדן קומען גוט צוניץ, ווען מ׳דאַרף אויף אימיצן אַרויפוואַרפן די שולד פאַר דער אומאָרדנונג, מיט אַלע צרות און מכות, וואָס קומען פון דעם כאַאָטישן, הפקרדיקן סאָציאַלן סדר פון קאַפּיטאַליזם? די ראָלע פון ייִדן אַלס כפרה־הינדל וועט, וואַרשײַנלעך, נאָך שאַרפער אַרויסטרעטן אין דער צוקונפט, ווײַל ס׳וואַקסט שנעל אויס אַ יונגער געבילדעטער דור פון ניט־ייִדן, וואָס איז פאַרמשפּט צו אַ כראָנישער אַרבעטסלאָזיקײַט, און שאַפט דורך דעם גופא אַן אַ שיעור צינד־שטאָף פאַר די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרס. ס׳איז איצט אַ פעסטגעשטעלטער כלל, אַז פון דער אַרבעטלאָזער יוגנט רעקרוטירן זיך די גרויסע מאַסן פון אומצופרי־דענע בירגער, וואָס לויפן נאָך די דעמאַגאָגן און שאַפן דעם באַזיס פאַר די דיקטאַטאָרישע רעזשימען.

ווי אַ פאַראַלעלע דערשײַנונג און בײַשפּיל צום ענין „עקאָנאָ־מישער קאַמף צווישן ראַסן און נאַציעס", קען דאָ דערמאָנט ווערן דער פאַקט, אַז דווקא אין די ערגסטע יאָרן פון קריזיס זײַנען פאַר־געקומען די שאַרפסטע צוזאַמענשטויסן צווישן די ווײַסע און נעגער־אַרבעטער אין דער סאַוט. בלוטיקע נקמה איז, למשל, גענומען גע־וואָרן פון די שוואַרצע פײַערלײַט (הייצערס) אין שטאַט לואיזיאַנאַ, ווען די אומגליקלעכע נעגער־אַרבעטער פלעגן דערשאָסן ווערן בײַ דער אַרבעט גופא, אין זייערע לאָקאָמאָטיוון, און די רציחות פלעגן פאַרבײַגיין כמעט אומבאַשטראָפט.

3 CATHOLICS, JEWS AND PROTESTANTS, by Silcox & Fischer, p. 65.

2. דער נײַער אַנטיסעמיטיזם

די לאַנגע דעפּרעסיע האָט, אַלזאָ, אַרײַנגעשפּילט אין די הענט פון די אַנטיסעמיטן. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער פאַרלאַנג צו וויסן גענויער, ווי גרויס איז די ראָלע פון די ייִדן אין דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק. בײַם מאַנגל פון אָפיציעל־פעסטגעשטעלטע פאַקטן האָט מען, נאַטירלעך, געמוזט אָנקומען צו די אומאָפיציעלע אונטערזוכונגען. דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן — אין יאָר 1935 — פון דעם גרויסן מאַנאַטלעכן זשורנאַל „פאָרטשון״, מיט גלענצנדע פאַרבינדונגען אין דער געשעפטלעכער וועלט בכלל און מיט גרויס־קאַפּיטאַליסטישע קרײַזן בפרט. די אונטערזוכונג איז דורכגעפירט געוואָרן פון ניט־ייִדן און פאַרדינט די גרעסטע אויפמערקזאַמקײַט. וואָס האָט זי געוויזן?

אַרום און אַרום קומט יענע אונטערזוכונג צום אויספיר, אַז ס׳קען גאָר קיין רייד ניט זײַן, אַז ייִדן שפּילן די הויפּט־ראָלע אין דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק. דאָס איז די מיינונג פון אָביעקטיווע ניט־ייִדישע עקספּערטן.[4]

און דאָך הערן אָן אויפהער די אַנטיסעמיטן קעגן די ייִדן, צימבלענדיק דווקא אויף דער סטרונע פון „עקאָנאָמישן יאָך״, וואָס אין אים האַלטן כלומרשט די ייִדן די ניט־ייִדישע מערהײַט פון אַמעריקאַנישן פאָלק. דאָס גיט אַ תירוץ די גרויסע פירמעס, וואָס ווילן ניט ציען דעם אומחן פון די אַנטיסעמיטן, צו האַלטן אַזוי קליין ווי מעגלעך די צאָל ייִדישע אָנגעשטעלטע. עס וואָלט דעריבער נויטיק געווען אָנצופאַנגען אַ סיסטעמאַטישע פאַרטיידיקונגס־אַקציע פאַרן שוץ פון די ייִדישע רעכט אויף אַרבעט אין די גרויסע קאָרפּאָרײשאַנס, ווי יוטיליטיס, אינשורענס, בענק, א. אַ. וו.

ליידער פעלט אונדזערע אַמעריקאַניש־ייִדישע פירער די פאַרשטענדעניש פאַר אַזעלכע שריט און פאַר אַ קאָלעקטיווער זעלבסט־הילף בכלל. דאָ און דאָרט ווײַזן זיך אָבער די ערשטע סימנים פון

[4] אויספירלעך גיבן מיר איבער די רעזולטאַטן פון יענער אונטערזוכונג אינם אַרטיקל „ייִדן אינם געשעפט־לעבן פון אַמעריקע״, אויבן זז. 277—296.

אַ גרעסערן גרופּן־באַוואוסטזײַן און אחדות־געפיל. אַלס אַ נײַע דער־שײַנונג פאַרצייכענען, למשל, די לינדס דעם דאָזיקן פאַקט: זינט 1925 אַנאַנסירן די 25 ייִדישע געשעפטן פון מידעלטאַון (ד. ה. די שטאָט מונסי, אינדיאַנאַ) דורך די לאָקאַלע צײַטונגען, אַז יום־כפור וועלן זייערע קראָמען זײַן געשלאָסן („מידלטאַון אין טראַנזישאָן", זז. 462 און 313 פוס־נאָטיץ).

עס פעלט אָבער נאָך אַלץ יענע ערנסטע אַקציע אין נאָמען פון די געמיינזאַמע ייִדישע אינטערעסן, וואָס זאָל דינען אי דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אין עקזיסטענץ־קאַמף, אי דער באַשיצונג פון כבוד פון ייִדישן פאָלק. די לאַגע פון די ייִדן, אפילו אין דער „פרײַער אַמעריקע", ווערט אָבער ערנסטער פון יאָר צו יאָר. געוויס האָט אַ גרויסן טייל שולד דער נאַצישער באַרבאַריזם. צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע האָט אַ מעכטיקער, גוט־אָרגאַניזירטער שטאָט זיך גענומען צו פאַרפלייצן די וועלט מיט אַן אַנטיסעמיטי־שער פּראָפּאַגאַנדע. זינט דעם 1טן מערץ 1933 זײַנען בײַ אונדז אין לאַנד אויפגעקומען צענדליקער נײַע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַ־ציעס און באַוועגונגען אונטער די סאַמע משונהדיקע נעמען, ווי „שוואַרצע לעגיאָנען", „ווײַסע ריטער" א. אַ. וו., און דער גרעסטער טייל פון זיי שטייט אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט היטלערס מלוכה־אַפּאַראַט. די פּראָפּאַגאַנדע קעגן רוזוועלטס פּאָליטיק, אָדער ווי די אַנטיסעמיטן זאָגן, רוזוועלטס „דזשו דיל", ווערט נאָך שאַרפער ווערן, ווען און אויב רוזוועלטס רעזשים ווערט, צוליב אַ נייער דע־פּרעסיע, געצוואונגען צו זײַן דער צד, וואָס זוכט צו פאַרטיידיקן זײַ־נע פּאָזיציעס אַנשטאָט, ווי פריער, אַנצופאַלן אויף די „עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן" און „פּרינצן פון פּריווילעגיעס", ווי פּרעזידענט רוז־וועלט האָט זיי אָנגערופן.

און אָט זעען מיר טאַקע ווי די אויבערשטע סאָציאַלע שיכטן פון דער ייִדישער אַמעריקע (רעפּרעזענטירט, למשל, דורך דעם בני־ברית אָרדן), וועלכע פלעגן אַלע פריער זיך נוהג זײַן צו פאַרשווײַגן דעם פאַקט, אַז אויך אין אַמעריקע ווירקט דער אַנטיסעמיטישער סם, פאַרשטייען גוט די נײַע סכנה. האָבן זיי דאָך, אויף זייער לעצטער קאָנווענשאָן, שוין אין פאַריקן מאַי, אין וואַשינגטאָן, אָנגעקלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ ספּעציעלן „עמערדזשענסי פאָנד" פון אַ האַלבן

מיליאָן דאָלאַר פאַרן קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. מ׳קען דערצו זאָגן בלויז איין איינציקן וואָרט פון קריטיק: פאַרוואָס אַזוי ש פּ ע ט ? שוין זינט 1934 ווירקט אַן „אַנטיסעמיטישער אינטערנאַציאָנאַל״, געשאַפן פון נאַצי־דײַטשלאַנד, כּדי צו העצן אַלע פעלקער פון דער וועלט קעגן דער יידישער מינדערהײַט אין אַ ל ע לענדער וואו יידן לעבן. דער צענטער פון דער נײַער שרעקלעכער בעץ פון דער אַנטי־יידישער אַגיטאַציע און פאַרגיפטונג געפינט זיך אין ערפורט, דײַטשלאַנד. פון דאָרט ווערט אַרויסגעשיקט אין אַלע עקן וועלט, און אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אַ פעריאָדישער פרעסע־אָרגאַן, וועלכער רופט זיך „וועלט־דיענסט״, מיט די ערנסטע בלבולים און ליגנס וועגן יידן און יידישקײַט. דער „וועלט־דיענסט״ קומט אָן אומזיסט צו די רעדאַקציעס פון די זשורנאַלן און צײַטונגען, און ווערט פאַר אַ קליינעם פרײַז צוגעשטעלט אויך צו טויזנטער אַבאָנענטן איבער גאָר דער וועלט.

און אויף אָט דעם אופן, ווי אַ מין נײַע אידעאָלאָגיע, אַ וועלט־לערע, וועלכע ווייס ניט פון קיין נאַציאָנאַלע גרעניצן און שפּראַכלעכע באַריערן, איז דער איצטיקער אַנטיסעמיטיזם אַזאַ שונא, וואָס אפילו אונדזער פיל־אויספּרובירטער פאָלק האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. איז עס ניט די העכסטע צײַט, אַלזאָ, אַז אויך מיר יידן זאָלן פּלאַנמעסיק און ענערגיש אַרויסטרעטן מיט אַ פּראָפּאַגאַנדע, אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, פאַרן שוץ פון אונדזער כּבֿוד ווי אויך אונדזער רעכט אויף עקזיסטענץ־מיטלען און זיכערקײַט? און דאַרף עס ניט זײַן די פליכט פון די אַמעריקאַנער יידן, אָט דעם גרעסטן און שטאַרקסטן איינצלטייל פון יידישן פאָלק, צו ווערן דער אַוואַנגאַרד אין דעם פאַרטיידיקונגס־קריג און ווײַזן אַ וועג ווי אַזוי דער גיפט, וואָס ווערט צעטראָגן דורך די באַצילן פון היטלערס „אַנטיסעמיטישן אינטערנאַציאָנאַל״ זאָל דורך דעם כּוח פון אמת, דורך דעם ליכט פון אויפקלערונג, דורך דער דערוואַכונג פון מענטשלעכקײַט, געמאַכט ווערן אומשעדלעך און זאָל די טײַוולשע אַרבעט זיינע דאָך ניט אויפטאָן?!

3. פֿאַשיזם און די מינדערהייטן

די נײַע לאַגע פֿון דער ייִדישער מינדערהייט דאָ אין לאַנד, ווי איבעראַל, איז ניט קיין אויסנאַם־דערשײַנונג. ניין, די גאַנצע פּראָבלעם פֿון נאַציאָנאַלע און ראַסן־מינדערהייטן נעמט אָן, דורך דעם זיג פֿון היטלעריזם אין בערלין און אין ווין, אַ גאַנץ נײַעם אויסזען, און שטעלט אַוועק אַלע מינדערהייט־גרופּן אין אַמעריקע פֿאַר אַ גאַנץ נײַער סיטואַציע. ניט די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע, מיט איר פּרינציפּ פֿון דעמאָקראַטישן סואווערענעם שטאַט, איז דער אמתער קעגנזאַץ פֿון פֿאַשיזם און נאַציזם (ווי היטלער וויל אײַנריידן די וועלט), נאָר דווקא דער אַנגלאָ־זאַקסישער פּרינציפּ פֿון טאָלעראַנץ און רעספּעקט פֿאַר אַלערליי מינדערהייטן — פּאָליטישע, רעליגיעזע אָדער קולטורעלע. דאָ איז די אורזאַך, וואָרום היטלער זוכט צו פֿאַרסמען די פֿרישע לופֿט פֿון דער ענגלישער פּאָליטישער סיסטעם און שפּאָרט ניט קיין געלט און מי אײַנצופֿלאַנצן די שנאה צו ייִדן בײַ אונדז אין אַמעריקע. מיט די אַלע מיטלען זוכט היטלער אונטערצוגראָבן די פּאָליטישע אָרדנונג, וואָס האַלט זיך שוין אַ פּאָר הונדערט יאָר אויף אַזעלכע פּרינציפּן ווי טאָלעראַנץ און פֿרײַהייט פֿון געוויסן און גלויבן.

אמת: אין דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פֿון די אַמעריקאַנישע מאַסן פֿעלט ניט, צוליב היסטאָרישע אורזאַכן, ווי, למשל, די אַריבערגעבראַכטע טראַדיציעס פֿון די באַזונדערע אימיגראַנטן־גרופּן, קיין שפּײַז צו דערנערן די שנאה און אומטאָלעראַנץ צווישן די באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָדער קולטורעלע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג. דאָס אַליין אין אַן אומגליק, אַ פּועל יוצא פֿון דער פֿאַלשער, אומפֿאָלשטענדיקער און אומערלעכער אַמעריקאַניזירונג פֿון די אימיגראַנטן; און די שנאה צווישן באַזונדערע גרופּן איז אַ סגולה פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון פֿאַשיסטישן גיפֿט, ווי מיר וועלן דאָס באַלד באַווײַזן. אָבער ביז צום ענדגילטיקן נצחון פֿון פּאָליטישן פֿאַשיזם אין אַמעריקע איז נאָך דער מהלך צום גליק אַ לאַנגער. מיר אַמעריקאַנער האָבן קיין חשק ניט צו דולדן אַזאַ צושטאַנד, וואו איין־איינציקע גרופּע פֿאַרכאַפּט די פּולע, 100־פּראָצענטיקע מאַכט איבער דעם גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן און גײַסטיקן לעבן. אָבער קיין

אבסאלוטע באווארעניש קעגן דעם פאשיזם איז אט דער פסיכאלאגישער שטריך, די מורא פאר דער הערשאפט פון איין־איינציקער גרופע אדער פארטיי, אויך ניט, בפרט ווען די טראדיציעס פון „יד חזקה" מעטאדן קעגן אזעלכע מינדערהייטן, ווי די אינדיאנער און נעגערס, האבן זייער טיפע ווארצלען אין דער אמעריקאנער פאלקס־פסיכאלאגיע. די אנטוישטע, צעמישטע, פון פארצווייפלונג און דלות געפייניקטע מאסן וועלן לאנג פארט ניט קענען בייַשטיין דער פארפירערישער פראפאגאנדע פון דעם „נייעם משיח", פון דעם שניט פון א יוהי לאנג, דא אין אמעריקע פונקט ווי דארט אין אייראפע.[5] און אויס מורא פאר'ן פאלק, וואס וועט פארלאנגען ווייט־גייענדיקע סאציאלע ענדערונגען, וועלן מסתמא אויך ביי אונדז די מעכטיקע רעאקציאנערע כוחות, אין זייער סאציאלער בלינדקייט, מאכן א פרואוו צו דערשטיקן די דעמאקראטיע אין זייער אייגענעם לאנד — דא אין אמעריקע.

אין אזעלכע אומשטענדן טארן די מינדערהייטן אין אמעריקע ניט בלייבן שטום. פראפאגאנדע איז ניט בלויז א מיטל פאר דעמאגאגיע און פארפירונג. עס איז א כשרע און ערלעכע זאך דורכצופירן אויף א ברייטן פארנעם די אויפקלערונג און דערציאונג פון די גרויסע מאסן און פון די אנפירער פון פאלק פאר די אינטערעסן פון רעכט, פאר די גערעכטע פאדערונגען פון מיליאנען מענטשן. די דיקטאטארן האבן גוט פארשטאנען, אפלערנענדיק א לעסאן פון די דעמאקראטיעס אין דער מלחמה־צייט, אויסצונוצן די פראפאגאנדע אויפן העכסטן גראד פאר דעם בארבארישן „טאטאליטארישן" שטאט. און די טראגעדיע באשטייט דערין, וואס די שונאים פון דיקטאטור און פארשקלאפונג, וואס זיינען געווען די טאטעס פון דער מלחמה־פראפאגאנדע קעגן דייטשלאנד, פארשטייען לחלוטין ניט די ראלע,

[5] יוהי לאנג (געשט. 1935) איז געווען א סענאטאר פון די פאראייניקטע שטאטן, וואס האט געהאלטן אונטער זיין דיקטאטארישער מאכט זיין אייגענעם שטאט, לואיזיאנא, און האט דורך דעמאגאגישע מעטאדן געזוכט צו באקומען א פאליטישע מאכט איבער כמעט אלע שטאטן פון דער סאוט און אין אנדערע טיילן פון לאנד. ער איז דערשאסן געווארן דורך א פאליטישן קעגנער אין דער רעזידענץ־שטאט פון זיין שטאט סוף זומער, 1935.

וועלכע די פּראָפּאַגאַנדע וואָלט געדאַרפט איצט שפּילן אין קאַמף מיט דעם נײַעם מיליטאַריזם און מיט דער דיקטאַטור.

דאָס דאַרף אָבער ניט צוריקהאַלטן די אַמעריקאַנער מינדער־הײַטן פון זייער אייגענער פּראָפּאַגאַנדע טעטיקײַט. דורך דעם וואָלט מען דער מערהײַט, די היגע געבאָרענע פון דור־דורות, געוויזן וואָס די מינדערהײַטן האָבן געשאַפן, מען וואָלט אויסגעלערנט דאָס פאָלק צו פאַרשטיין און שעצן דעם בײַטראַג פון יעדער מינדערהײַט, ווי קליין אין צאָל און מאַכט די נאַציאָנאַלע מינדערהײַט זאָל ניט זײַן. אין דער זעלבער צײַט דאַרף אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע אַרויסברייִנגען דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון יעדן דיקטאַטאָרישן פאַרזוך צו פאַר־פעסטיקן די הערשאַפט פון אייך־אייִנציקער קולטור איבער אַלע אַנ־דערע, ווי דאָס טוען די מלוכות פון מוסאָליני און היטלער, וואו די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן ווערן דערשטיקט און גערודפט.

אין קעגנזאַץ צום פאַשיזם, דאַרף די אמתע דעמאָקראַטיע, ווי עס לערנען אירע פילאָזאָפן, למשל, אַ דזשאָן דיואי, באַווײַזן, אַז זי איז אַ פּרײַוויליקע פאַראייניקונג פון די באַזונדערע קולטור־גרופּן, פאַרבונדן צווישן זיך דורך די געמיינזאַמע גײַסטיקע, קולטורעלע אינטערעסן. די גרעסטע טראַגעדיע פון אונדזער צײַט קומט פון דעם, אַז דווקא בעת דער מאַטעריעלער פאָרטשריט, צ.ב. די וואונדערבאַרע קאָמוניקאַציע, פאַרקניפּט אַלץ נאָענטער און פעסטער די פעלקער צווישן זיך, ווערט אָבער אַלץ טיפער דער גײַסטיקער תהום, וואָס טיילט זיי פאַנאַנדער אין פײַנטלעכע מחנות. לאָמיר האָפן, אַז וואָס מער ס׳פאַרשפּרייטן זיך איבער דער וועלט די מאָדערנע וויסנשאַפט און עטיק, אַלץ שנעלער וועט דערגרייכט ווערן אַזאַ שטופע פון דער מענטשהײַט, ווען די גײַסטיקע עלעמענטן און שאַפונג־כוחות, וואָס כאַראַקטעריזירן די באַזונדערע נאַציעס און ראַסן, וועלן אַלץ קענ־טיקער, בולטער אַרויסטרעטן, אין קעגנזאַץ צו אַ בלאָסער, גײַסט־לאָזער קאָסמאָפּאָליטיש־אייִנאַרטיקער און מאָנאָטאָנער מענטשהײַט אָן יעטווידער קולטורעלער פילפאַרביקײַט און גײַסטיקער רײַכ־קײַט.

און מיר, אַמעריקאַנער יידן, אַ פאָלקס־גרופּע, וועלכע איז אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט די קולטורן און שפּראַכן פון אַ סך אייראָ־פּעיִשע פעלקער, און וועלכע איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין אַ

פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון אַלע פעלקער, מיר ייִדן דאַרפן געוויס אַרבעטן, צוזאַמען מיט דער שטרעבונג צו אונדזער זעלבסט־אויסדרוק, אויך פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַ שענערן סאָציאַלן סדר, אַ העכערע שטופע פון גייסטיקער עקזיסטענץ אין אונדזער לאַנד. שוין דורך דעם אַליין ווען מיר, אַמעריקאַנער ייִדן, העלפן באַשאַפן פאַר די צענדליקער מיליאָנען אַמעריקאַנער פון אייראָפּעיִשער אָפּשטאַמונג אַ פעסטן בריק צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער אַלטער וועלט (אייראָפּע) און דער צוקונפט אין דער נייער וועלט (אַמעריקע).

4. רדיפות אויף די „פרעמדע"

אַ שטערונג אין אָט דער אַרבעט פון האַרמאָניזירן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז דער פאַקט, אַז דער גרעסטער טייל פון די אַמעריקאַנער, אַרייַנגערעכנט די געזעצגעבער אונדזערע, האָבן בכלל קיין שום באַגריף ניט מכוח די מינדערהייט־גרופּן. נאָך ערגער: פּראָפעסיאָנעלע פּאַטריאָטן, אייניקע צווישן זיי — ממש פאַשיסטישע פאַנאַטיקער, נוצן אויס אָט די אומוויסנהייט פאַר זייערע פינצטערע צוועקן. אָט די „פּאַטריאָטן" ווערן געשטיצט פון „רעקעטירס", ביי וועמען דער פּאַטריאָטיזם איז אַ גאַנגבאַרע סחורה; פון ענגהאַרציקע, גייסטיק־באַשרענקטע יוניאָן־שתדלנים אין קאָנגרעס (וואָס ווילן ניט האָבן קיין „פרעמדע" אַרבעטס־הענט); פון פינצטערלינגע־פּאָליטישנס און רעדאַקטאָרן פון קליינע בלעטלעך; פון געמיינע שרייבער, וואָס פאַרקויפן זייער פעדער דעם ערשטן בעסטן קויפער; פון בעלנים צו מאַכן אַ פּאָליטישע קאַריערע, אויסנוצנדיק דעם „אַמעריקען לידזשאָן" און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס און שליסלעך פון די מיטגלידער פון קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן, וועלכע לעכצן נאָך נאַציאָנאַלער פּובליסיטי — אָט די אַלע עלעמענטן אַרבעטן איצט מעשים, האַנט אין האַנט מיט די פּראָפעסיאָנעלע פּאַטריאָטן, כדי צו דערשלאָגן זיך צו אַ ביליקן זיג, אויב ניט איבער די צענדליקער מיליאָנען פרעמד־געבאָרענע און זייערע קינדער, איז כאָטש איבער די 4 ביז 5 מיליאָן „פרעמדע", די ניט־נאַטוראַליזירטע איינוואוינער פון לאַנד.

מיט אַלערליי פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות, אומפּינקטלעכע באַ־ריכטן, פּרעכע גוזמאות און בלבולים, ניט־געשטויגענע, ניט־געפֿלוי־גענע מסירות און ליגנס, זוכן אַט די אימיגראַנטן־פֿרעסער צו פֿאַר־טומלען די מוחות פֿון די סענאַטאָרן און קאָנגרעסלײַט. די פֿראַגע מכוח די „פֿרעמדע" ווערט גוואַלדיק באַשווערט און פֿאַרנעפּלט. עס ווערט, למשל, צונישט געמאַכט יעדער פֿאַרזוך צו שאַפֿן בעסערע, מענטשלעכערע געזעצן מכוח אימיגראַציע פֿאַר קרובֿים פֿון בירגער און מכוח דעפּאָרטאַציע. מען דאַרף אגבֿ, ניט מיינען, אַז איצט, ווען די אימיגראַציע איז אַזוי נישטיק־קליין, האָבן אויך אויפֿגע־הערט די דעפּאָרטאַציעס און די „פּריוויליקע" צוריק־רײַזעס פֿון די „פֿרעמדע", וועלכע מען לאָזט ניט, צוליב פֿאָרמאַלע אָדער אַנדערע זײַטיקע אורזאַכן, צו בלײַבן אין לאַנד אויף שטענדיק. אין יאָר 1929 זײַנען געווען 39,000 פֿאַלן פֿון אַזעלכע אַרויסשיקונגען פֿון אַמע־ריקע, במשך פֿון 1930 ביז 1933 האָט דער יערלעכער דורכשניט באַטראָפֿן 29 טויזנט, און אונטער רוזוועלטס „ניו דיל" פֿלעגט מען אויך אַרויסשיקן טויזנטער מענער, פֿרויען און קינדער.[6]

און וויסן מוז מען, אַז הײַנט צו טאָג איז די דעפּאָרטאַציע קיין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע פֿאַר די מערסטע גלײַכבאַדײַטנד מיט אַ לעבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער אפֿילו מיט אַ זיכערן טויט, ווײַל עמיגרירן קיין אַמעריקע פֿלעגן געוויינלעך בלויז אָפּע־נע אָדער געהיימע אַנטי־פֿאַשיסטן, שוין ניט צו ריידן פֿון די אָפּטע דעפּאָרטאַציעס פֿון די פֿרעמד־געבאָרענע ראַדיקאַלן. דאָך דערלאָזן ניט די אימיגראַנטן־פֿרעסער צו שאַפֿן מענטשלעכע כּללים און גע־זעצן מכוח די דעפּאָרטאַציעס. איצט ווערן גאַנץ אָפֿט היגע־גע־באָרענע און דאָ־דערצויגענע קינדער אָפּגעריסן פֿון זייערע טאַטעס, וואָס מ׳דעפּאָרטירט פֿון אַמעריקע.

דאָס ווידער פֿאַרשפּרייט אַ שׂנאה צו אַלע נאַציאָנאַלע מינדער־הײַטן, פֿאַרסמט די לופֿט מיט אומצוטרוי צווישן די באַזונדערע נאַ־ציאָנאַלע גרופּן, שטערנדיק צו האַרמאָניזירן צווישן זיך די באַזונ־

[6] LOUIS ADAMIC : Aliens and Alien-Baiters, in "Harper's Magazine", November, 1936, p. 561. Also : BROWN & ROUCEK: Our Racial and National Minorities, Their History, Contributions and Present Problems, N. Y., 1937. p. 720.

דערע פאָלקס־טיילן פון לאַנד אין גייסט פון פריינדשאַפט און פרידן. די רעגירונג ווערט דורך די העצעס קעגן „פרעמדע״ געטריבן צו ברעכן די שענסטע טראַדיציעס פון יושר, טאָלעראַנץ און גלייכהייט, און ס׳ווערן נאָך מער קאָמפּליצירט די שווערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און טאָג־פראַגן. דאָס אַלץ פאַרמינדערט די פּייאיקייט פון אַמעריקע צו לייזן אירע ברענענדיקע פראַגן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, און במילא ווערט צוגעגרייט דער באָדן פאַר אַ פּאָליטישער סיסטעם, וואָס טראָגט די שטריכן פון פאַשיסטישע, אַנטי־דעמאָקראַטישע פירונגען.

געוויסע „פּאַטריאָטישע״ אָרגאַניזאַציעס גייען איצט אַזוי ווייט, אַזש, אַז זיי שרייען אָפן, אַז אַלע „פרעמדע״ מוזן אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד. דערביי זאָגן זיי נאָך, אַז אַמעריקע האָט בערך צען מיליאָן פרעמדע, אָדער מיט זעקס מיליאָן מער ווי אין דער אמתן. און דאָך ווערן אין געוויסע קרייזן אָט אַזעלכע האַלב־משוגענע פּלעט־נער גענומען ערנסט, אפילו אין דעם יונייטעד סטעיטס קאָנגרעס. די ערגסטע אימיגראַנטן־פרעסער זיינען דאָרט מאַנכע פאַרשטייער פון דער סאַוט, דאָס הייסט פאַרשטייער פון יענע טיילן פון לאַנד, וואו ס׳זיינען ניטאָ קיין סך שטימבאַרעכטיקטע פרעמד־געבאָרענע בירגער און זייערע קינדער. און געשטיצט ווערן אָט די שונאים פון די „פרעמדע״ דורך אַזעלכע פּרעסע־אָרגאַנען, מיט מיליאָנען לייענער־מאַסן, ווי די הוירסט־בלעטער אָדער די „סאַטורדעי איוו־נינג פּאָסט״.

צום גליק קוקט די גרויסע מערהייט פון אַמעריקאַנישן פאָלק אויף די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל, און אויף די „פרעמדע״ (ניט־בירגער) בפרט, ווייניקער קרום ווי מ׳קוקט אויף זיי אין די אי־בעריקע לענדער פון דער וועלט. די ברייטע פאָלקס־מאַסן זיינען פריינטלעך און טאָלעראַנט געשטימט צו די פיר־פינף מיליאָן ניט־נאַטוראַליזירטע איינוואוינער, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז שוין, אגב, עלטער פון 50 יאָר, און קיין גרויסע סכנה פאַר אַמע־ריקע קען שוין פון זייער זייט, אַלזאָ, ניט קומען... אָבער פאַר די „פּראָפעסיאָנעלע פּאַטריאָטן״ זיינען די ביסל „פרעמדע״ אַ זייער נויטיקער ענין — אַ כפרה־הינדל, וואָס איז ווי געשאַפן פאַר אַ פאַ־שיסטישער, „פּאַטריאָטישער״ עקספּלואַטאַציע. אָט דערפון קענען

און טוען אַרויסוואַקסן די שעדלעכע באַוועגונגען, וואָס זיינען אַ גרויסע געפאַר פאַר אַמעריקע ווי אַ נאַציע, ווי אַ פריַיער פּאָליטי־שער אָרגאַניזם. אין גרונט אין דער ענין „פרעמדע" אָן אויפגעבלאָ־זענע, פוסטע און אומשולדיקע פראַגע מכוח אַסימילירן די פיר און אַ האַלב מיליאָן ניט־נאַטוראַליזירטע אַמעריקאַנער; און דאָך איז אונטער דער ווירקונג פון דעם אייראָפּעיִשן פאַשיזם, און אונדזערע „פּראָפעסיאָנעלע פּאַטריאָטן", איז די גאַנצע פראַגע לײַדער געוואָרן דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר די זייער געפערלעכע אומאַמעריקאַנישע, אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען אויפן אַמעריקאַנישן באָדן און אַ פינצ־טערע סכנה פאַר גאַנץ אַמעריקע.

דער נעגערשער אַנטיסעמיטיזם

מיט אַ קורצער צײַט צוריק, אין מערץ 1935, זײַנען אין האַרלעם, אַט דער גרעסטער נעגער־שטאָט אין אַמעריקע, וואָס ליגט אין סאַמע מיטן פון ריזיקן כרך ניו יאָרק, פאָרגעקומען שטורעמדיקע אומרוען. געווען איז עס כמעט אַן אויפשטאַנד קעגן די שוידערלעכע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לעבנס־באַדינגונגען פון דער פיל־טויזנט־קעפּיקער שוואַרצער באַפעלקערונג פון ניו יאָרק. דער ניו יאָרקער מעיאָר, פ. לאַגוואַרדיאַ, האָט דעמאָלט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן און אונטערזוכן די לעבנס־באַדינגונגען אין האַרלעם. די דאָזיקע אונטערזוכונג האָט אַרויסגעבראַכט אַ פיל־זײַטיקן און אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל.

דער וויכטיקסטער פאַר אונדז ייִדן טייל פונם דאָזיקן מאַטע־ריאַל האָט אַ שײַכות צו די אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין האַרלעם און אין דער נעגער־וועלט בכלל. אויך די פּראָבלעם פון די באַציאונגען צווישן די היגע טרייד יו־ניאָנס און די נעגער־אַרבעטער איז פאַר אונדז ייִדן אינטערעסאַנט און וויכטיק. די נאָדל־טריידס זײַנען די הויפּט־צווײַגן פון דער אָר־גאַניזירטער פאַבריק־אינדוסטריע אין ניו יאָרק, און אין די דאָזיקע טריידס זײַנען די ייִדישע אַרבעטער נאָך אַלץ אַ וואָגיקער עלעמענט, הגם אַזאַ טייל, וואָס פאַרקלענערט זיך פון יאָר צו יאָר. די פראַגע מכוח די באַציאונגען צווישן די צוויי וויכטיקסטע מינדערהײַטן אין אַמעריקע, די נעגערס און די ייִדן, איז ווי מיר זעען, אַן אַקטועלע פראַגע אויך פון ייִדישן שטאַנדפּונקט.

אַ פאַרשטאַרקטער ראַסן־באַוואוסטזײַן צווישן די נעגערס איז געקומען צוזאַמען מיט דער וועלט־מלחמה, ווען די אָפּגעשטעלטע אימיגראַציע פון אייראָפּע האָט געעפנט דעם געוואַלדיק־גרויסן

אַרבעטס־מאַרק אין די נאָרדלעכע טיילן פון לאַנד פאַר אַ שטראָם פון פרישע נעגער־מאַסן, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון דער סאַוט. דער מיליטאַנטישער גײַסט פון די דעמאָביליזירטע נעגער־סאָלדאַטן, וואָס זײַנען פאַרבליבן דאָ אין ניו יאָרק, און אין אַנדערע גרויסע שטעט, אַנשטאָט אומצוקערן זיך צוריק אַהיים, אין דער סאַוט אַרײַן — דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם דערוואַכטן נעגערשן נאַציאָנאַליזם. אין אַ מלחמה „צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע", האָט מען זיי, די שוואַרצע, באַהאַנדלט ווי אַ ניידעריקערע ראַסע, מען האָט זיי איזאָלירט און אָפּגעטיילט פון די ווײַסע, דאָס האָט זיי, די נעגערס, באַליידיקט און איצט, ווען זיי האָבן זיך באַזעצט אינם לפּי ערך טאָלעראַנטן טייל פון לאַנד, די נאָרדלעכע שטאַטן, האָבן זיי, שוין אַלס ציווילע באַפעלקערונג, געוואָלט אָפּן קעמפן פאַר די פולע רעכט, וואָס עס באַזיצן אַלע אַמעריקאַנער פרײַע בירגער.

אַ צווייטער קאַפּיטל פון וואַקסנדיקן נעגערשן ראַסן־באַוואוסטזײַן פאַנגט זיך אָן מיט רוזוועלטס נ. ר. א., אין יאָר 1933, ווען די באַציאונגען צווישן די ווײַסע און שוואַרצע אַרבעטער־מאַסן זײַנען ראַדיקאַל פאַרבעסערט געוואָרן. דעמאָלט, אין יאָר 1933, איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער טריט צו אַן אָפיציעל־געפּאַדערטער יוניאָן אָנערקענונג און קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע; און גלײַכצײַטיק זײַנען אין די ניו יאָרקער יוניאָנס אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַ סך נעגער־אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין פון פריער געאַרבעט אין טרייד, אָבער זײַנען געבליבן מחוץ דער מחנה פון אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, צוליב אַ רייע אורזאַכן.

צוגלײַך מיט אַזאַ נײַער סיטואַציע, וואָס איז געווען ביז גאָר גינסטיק פאַר די נעגערס, וואָס זײַנען שוין געווען פון לאַנג באַשעפטיקט אין די ניו יאָרקער נאָדל־טריידס, וואו אגב די פירערשאַפט באַשטייט, צום גרעסטן טייל, נאָך אַלץ פון יידן, — צוגלײַך מיט אַזאַ זיג פון טאָלעראַנץ און אַרבעטער־אחדות, האָט אָבער אָנגעפאַנגען, צום באַדויערן, זיך צו פאַרשפּרייטן צווישן די נעגער־מאַסן אַ שאַרפער אַנטיסעמיטיזם. עפּעס אַ פאַרדעכטיקער פאַרשוין, סופי אַבדול האַמיד, וואָס שטאַמט פון סודאַן, אין טיף־אַפריקע,

און וואָס האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן „דער שוואַרצער היטלער", האָט אין האַרלעם אין די ערשטע דעפּרעסיע־יאָרן אָנגעפאַנגען אָפּן צו העצן קעגן די ייִדן. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געפירט צו יענע בלוטיקע אומרוען פון יאָר 1935, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט.

פאַר אָט די פינצטערע פּראָפּאַגאַנדיסטן איז דער ייִד, ווי דער שטייגער, געוואָרן דער „שעיר לעזאזל", דער „זינדן־באָק", פאַר דעם שרעקלעכן דלות, פּײַן און צרות פון די נעגער־מאַסן אין די קריזיס־יאָרן נאָך 1929. מיט איין וואָרט, די אַנטי־ייִדישע אַגיטאַציע צווישן די אַמעריקאַנער שוואַרצע איז געוואָרן אַן אָפּקלאַנג און אַ נאָכמאַכונג פון דעם דײַטשישן פאַשיזם, וועלכער איז דאָך אויך געקומען אַלס אַ פּסיכאָז, אַ קאָלעקטיווער שגעון, וואָס וואַקסט אַרויס פון הונגער, אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג. אַגב, זײַנען טיילן פון די קאָמוניסטישע קרײַזן אינדירעקט שולדיק פאַר דער שאַפונג פון אַזאַ גוטן באָדן פאַרן נעגערשן נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט, דאָ אין ניו יאָרק, אָנגעפאַנגען זײַן עקזיסטענץ דורך אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע קעגן די ייִדן. אָט אַזעלכע „ראַדיקאַלן" האָבן דעם דאָזיקן באָדן געשאַפן מיט זייער אומרעאַליסטישער, פאַנטאַסטישער פּראָגראַם־פאָדערונג מכוח דער „פולער זעלבסט־באַשטימונג פון דער שוואַרצער באַפעלקערונג אין דעם שוואַרצן טייל (פּאַס) פון יונײַ־טעד סטייטס". דערמיט איז געמיינט געוואָרן, אַז די נעגערס זאָלן האָבן פאַר זיך אַ פולע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקײַט אין יענע טיילן פון לאַנד, וואו זיי לעבן אין אַ געדיכטן און געשלאָסענעם שטח, און זיי זאָלן דאָרט אויפבויען אַ מין נעגערשע רעפּובליק.

אַזאַ דעמאַגאָגישע פאָדערונג מוז תיכף פאַנאַנדערבלאָזן די גליענדיקע פונקן פון נעגערשן ראַסן־שאָוויניזם. און אַזאַ צעהיצטער נאַציאָנאַליזם וועט באַדראָען קודם כל דעם ייִדן, און ניט בלויז דאָ־הי אין ניו יאָרק, נאָר אויך אין טשיקאַגאָ און אין אַלע אַמערי־קאַנער שטעט מיט אַ גרויסער שוואַרצער באַפעלקערונג. עס איז כדאַי מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם זיך נענטער צו באַקענען, כדי באַצײַטנס אָפּצואווענדן אַ סכנה, וועלכע באַדראָט די אַמעריקאַנער ייִדן אין דער איצטיקער עפּאָכע פון פאַשיסטישער געפאַר און אַנ־דערע סאָציאַלע דערשיטערונגען.

דער ייִד אין אַמעריקע

1. ראַסן־סכסוכים אין אַמעריקע

מיטלשטאַנד באַוועגונגען, וואָס זײַנען דער באָדן, פון וועלכן ס׳שפּראָצן אַרויס די אַנטיסעמיטישע פּלאַנצן, זײַנען אַ לערך נײַע דערשײַנונג אין דער נעגער־וועלט דאָ אין אַמעריקע. ערשט אין יאָר 1929 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „קאָלאָרד מוירטשענטס אַסאָסיאיישאַן״, אַ פאַרצווײַגטע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פון נעגערשע קרעמערס איבערן לאַנד. זי האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווײַל די דעפּרעסיע פון 1930—1933 האָט פאַר די מערסטע אָרימע שוואַרצע קרעמער אוממעגלעך געמאַכט צו באַצאָלן „דיוס״, דעם מיטגליד־אָפּצאָל. דאָס איז געווען אַ ניט־געלונגענע פּראָבע צו שטעלן אַן עקאָנאָמישן פונדאַמענט פאַר אַ שוואַרצן בורזשואַזנעם קלאַס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז אַן אויפגאַבע, וועלכע לאָזט זיך אין גרונט ניט פאַרווירקלעכן, און אָט צוליב וואָס:

כדי אַ גאַנצער בורזשואַזנער קלאַס אין דער אַמעריקאַנער נעגער־וועלט זאָל מעגלעך ווערן, כדי עס זאָלן קענען עקזיסטירן די אינסטיטוציעס, ווי בענק, אינשורענס קאָמפּאַניעס, קייט־קראָמען און אַ. וו., אין וועלכע די מאָדערנע אַמעריקאַנער בורזשואַזיע פירט דורך אירע פונקציעס, — צו דעם פאָדערט זיך אַ פיל גרעסערער פאַרמאָג פון קאָמערציעלע געשעפטן, פון אינדוסטריע און האַנדל, ווי די, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אין די אַמעריקאַנער נעגער־קרײַזן. אמת, זינט דעם אָנפאַנג פון 20טן יאָרהונדערט האָבן ניט ווייניק נעגער־יחידים אָנגעקליבן היפּשע פאַרמעגנס — דורך מעדיצינישער פּראַקטיק, פון ריעל עסטייט עסקים, פון צײַטונג־פאַרלאַגן (פאַר די שוואַרצע), פון ביליאַרד־לאָקאַלן (פּול רומס), פון „פּאָליסי״ (לאָטעריי־שפּיל), און פון דער אויסאַרבעטונג פון אַזעלכע פּאַטענטירטע פּרעפּאַראַטן, וואָס גלײַכן כלומרשט אויס די האָר און מאַכן די הויט ווײַס. דאָך האָט דאָס נעגערשע לעבן קיינמאָל ניט געשאַפן קיין גענוג ברייטן פונדאַמענט פאַר אַן עכטן שוואַרצן מיטלשטאַנד. און וואָס ווײַטער, ווערן די אויסזיכטן פאַר אַזאַ קלאַס אַלץ קלענער און ערגער, ווײַל עס שטאַרקט זיך אַלץ מער און מער די קראַפט פון די ווײַסע פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע קאָמפּאַניעס. אפילו אין די באַדינונג און פאַרווײַלונג געשעפטן, וואָס

זײַנען אַ לאַנגע צײַט געווען אַ מאָנאָפּאָל פון נעגער־אונטערנעמער, דרינגט וואָס ווײַטער אַלץ טיפער אַרײַן דער ווײַסער קאַפּיטאַליסט. כמעט קיין שום גרעסערער טעאַטער, וואָס ווערט פאַטראָניזירט פון די שוואַרצע, באַלאַנגט שוין איצט ניט צו די נעגערס גופא. אפילו אין די באַגראַבונגס־פירמעס (אָנדערטעיקערס) אין די שטעט פון דער סאַוט ווערן די נעגערס אַרויסגעשטופּט פון די ווײַסע אונטערנעמער.

זעענדיק, אַז דער לאָזונג „ביגער ענד בעטער ניגראָ ביזנעס״ האָט שוואַכע שאַנסן צו דערגרייכן ממשותדיקע רעזולטאַטן, האָבן די פירער פון נעגערשן ראַסן־נאַציאָנאַליזם לעצטנס אַרויסגעשטעלט אַ גאַנץ נײַעם לאָזונג, נעמלעך: „קויפט ניט דאָרט, וואו איר קריגט קיין אַרבעט ניט!״ אָט די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג איז געבאָרן געוואָרן אין שיקאַגאָ אין יאָר 1931 און האָט זיך פאַרצווײַגט איבערן לאַנד. איר ווירקונג איז ניט געבליבן אינגאַנצן דערפאָלג־לאָז. געוויסע קרעמערס, וואָס האָבן אַ גרעסערן נעגער־פּדיון, האָבן געמוזט אָננעמען אַנשטאָט זייערע פריערדיקע ווײַסע קלוירקס, נע־גערשע אָנגעשטעלטע, גצוואונגען צו דעם דורך סטרײַקס און פּי־קעטס.

דאָס איז אַ העכסט־געפערלעכע און שעדלעכע, פאַר די נעגערס גופא, שפּיל. ערשטנס, ווערט די נעגער־אַרבעטסלאָזיקײַט אין אַזאַ פאַל פאַרקלענערט ניט אויף אַ נאָרמאַלן, געזונטן אופן, נאָר אויף דעם חשבון פון די ווײַסע אַרבעטער, וואָס פאַרלירן זייער שטיקל ברויט. צווייטנס, פירט די דאָזיקע באַוועגונג בלויז דערצו, אַז דער תהום, וואָס טיילט אָפּ די ווײַסע פון די שוואַרצע אַרבעטער, ווערט אַלץ ברייטער. סוף כל סוף וועלן דאָך פון אַזאַ שאָוויניסטישער אַגיטאַציע לײַדן די נעגערס גופא. אייניקע טויזנט נעגער קלוירקס, סיילסלײַט און מענעדזשערס ווען אפשר באַקומען נײַע אַרבעט־פּלעצער, ס׳וועלן אָבער געשטעלט ווערן אין אַ סכנה די הונדער־טער טויזנטער נעגער־אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אין די אינדוסט־ריעס, וואָס ווערן קאָנטראָלירט פון ווײַסן קאַפּיטאַל. „מען שלאָגט פײַער מיט פײַער״, און באַלד וועט פון די שאָוויניסטישע ווײַסע אַרבעטער־קרײַזן קומען אַזאַ מין קעגן־לאָזונג: „זאָלן די נעגערס באַשעפטיקט ווערן בלויז פון יענע ווײַסע קאַפּיטאַליסטן, וואָס ציען

זייער פּדיון דערהויפּט פון די נעגערשע קונים!" עס פאַרשטייט זיך, אַז דערפון ווערט געשטעלט אין געפאַר די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פון הונדערטער טויזנטער נעגערשע האַרעפּאַשניקעס גופא.

פון אַט אַזאַ לאַגע, ווען די נעגערס האָבן ניט קיין שום קאָנקורענץ־מעגלעכקייטן זיך צו פאַרמעסטן מיט די ווייסע אין די העכערע שטאַפּלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטרוקטור, און ווען עס איז פאַראורטיילט צו אַ דורכפאַל יעדע פּראָבע צו באַשאַפן אַ קליינע קאַפּיטאַליסטישע וועלט אין די ראַמען פון דער נעגער־געזעלשאַפט גופא, ווערט דער נעגערשער מיטלשטאַנד, דאָס מיינט די קליינע קרעמער, קלוירקס, „ווייס קאָלנערניקעס", א. אַנד. מיט דער צייט געטריבן צו אַן עקסטרעמען ראַסן־שאָוויניזם, וועלכער איז געריכטעט קעגן אַנדערע מינאָריטעט־גרופּן אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. מען פאַנגט אָן צו קוקן אויף אַט די מינאָריטעטן, און קודם כל אויף אונדז ייִדן, ווי אויף דעם איינציקן קוואַל פון די עקאָנאָמישע צרות, פון וועלכע נעגערס ליידן. אין דער ווירקלעכקייט שפּיגלט זיך אָבער אָפּ אין דער קלעגלעכער לאַגע פון דעם אָרימען ייִדישן מיטלשטאַנד־מענטש, פּונקט ווי ס'איז דער פאַל מיטן נעגער גופא, די גאַנצע שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט פון דעם קליין־בורזשואַזן עלעמענט אין דער צייט פון סופּער־קאַפּיטאַליזם, אין דער עפּאָכע פון ריזיקע אונטערנעמונגען. עס אַרבעטן אָבער די העצערס אָן אויפהער, און אין ניו יאָרק־האַרלעם האָט זיך ברייט פאַרשפּרייט די פאַלשע מיינונג, אַז דער ייִדישער הויז־באַזיצער און קליינער קרעמער טראָגן די שולד פאַר גרויסע דירה־געלט, פאַר דעם יקרות און פאַר די הויכע פּרייזן. און ווי עס זאָגן די נאַציאָנאַליסטישע נעגער־לידערס, איז די דאָזיקע עקספּלואָטאַציע טאָפּלט שווער, באַליידיקנד, ווען די האַרלעמער ייִדישע געשעפטן באַשעפטיקן אַ גאַנץ קליינע צאָל נעגער־אַרבעטער. דאָס איז, ווידער, אַ פּוסטער בלבול, ווייל פאַקטיש זיינען אַלע ייִדישע געשעפטן אין האַרלעם, חוץ אייניקע גרעסערע פירמעס אויף דער 125טער גאַס, אַזעלכע מיזעראַבלע, אָרימע אונטערנעמונגען, אַז זייער גאַנצער אַרבעטער־פּערזאָנאַל באַשטייט נאָר פון דעם קרעמערס ווייב און אַ פּאָר קינדער... די דאָזיקע קרעמער־קבצנים קענען בשום אופן ניט האַלטן ביי זיך קיין נעגער־פּערסאָנאַל, ווי קלוירקס,

סיילסלײַט אָדער אַנדערע אָנגעשטעלטע, וואָס זאָלן דאָרט באַשעפֿטיקט ווערן, פּונקט אַזוי ווי דאָס איז אויך אַן אוממעגלעכע זאַך פֿאַר די קרוב 260 אָרימע נעגער־קרעמערס גופֿא, וואָס מיר געפֿינען דאָרט אין האַרלעם. „מעגלעך, אַז ס׳פֿעלן ניט קיין ייִדן צווישן די האַרלעמער הויז־באַזיצער און קרעמער, זאָגט אַן עקספּערט אין דער עקאָנאָמישער נעגער־פֿראַגע, אָבער עס איז נאַריש צו באַשולדיקן בלויז די ייִדן אין דער עקספּלואַטאַציע פֿון די נעגער־מאַסן. אויב ס׳איז טאַקע דאָ אַזאַ עקספּלואַטאַציע אין האַרלעם, איז האָט אין איר דער נעגערשער געשעפֿטסמאַן פּונקט אַזאַ חלק ווי דער ייִדישער, ווײַל סײַ דער נעגער, סײַ דער ייִד ווערן אַלס געשעפֿטס־אונטערנעמער קאָנטראָלירט פֿון העכערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קרעפֿטן, איבער וועלכן זיי ביידע האָבן לחלוטין קיין דעה ניט".[1]

2. עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם צווישן נעגערס

דער אַנטיסעמיטיזם בכלל איז ניט קיין גאַנץ נײַע דערשײַנונג בײַ די נעגערס אין אַמעריקע. דער קליינער קרעמער אין די נעגער־נאַכבאַרשאַפֿטן איז פֿון שטענדיק געווען אַ ייִד. מיט זייער לאַנגער דערפֿאַרונג אין דער מסחר־פּרנסה און געשעפֿטלעכער בריה׳שקײַט, האָט דער ייִדישער קרעמער געוויס געמוזט זײַן אַ דאָרן אין אויג פֿון די קליינע ביזנעסלײַט צווישן די שוואַרצע, וועלכע פֿלעגן זיך אָנשטויסן אויף דער ייִדישער קאָנקורענץ. אָפֿט קלערט גאָר אַזאַ נעגער, אַז דער ייִד, וואָס איז אַ דאַנק דעם פֿדיון פֿון די נעגערס דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערן סאָציאַלן שטאַפּל, איז נאָך אַ שאַרפֿערער קעגנער פֿון דער נעגער־גלײַכהײַט ווי יענע כלומרשט־גוטהאַרציקע ווײַסע קריסטן, די „יענקיס", וואָס שפּילן די ראָלע פֿון די גרעסטע פֿרײַנט און אויסלייזער פֿון די שוואַרצע, בעת אין האַרצן קוקן זיי פֿון אויבן אַראָפּ אויף דעם נעגער. אינצווישן זוכט דער מיטלשטאַנד־נעגער זיך צוצופּאַסן און צו אַסימילירן מיטן הערשנדן קלאַס פֿון די אַנגלאָ־זאַקסן, און בשעת

[1] THE NEGRO AS CAPITALIST, by A. L. Harris, "Americ. Acad. of Political Science", Phila., 1936, pp. 183—184.

דער ייִד אין אַמעריקע

מעשה זאָפּט ער קודם־כל אַרײַן אויך די אַנטיסעמיטישע שטימונג, די באַגריפן, טראַדיציעס און פאַראורטײלן פון אַנטיסעמיטיזם. במילא פאַרפלאַנצט זיך די שנאה און אומצוטרוי צו ייִדן אויך אין דעם נעגערשן מיטלשטאַנד און אפילו אין דעם אָרימען קלאַס.

אָבער אַט דער פריערדיקער אַנטיסעמיטישער גײַסט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די יאָרן פון קריזיס און דעפּרעסיע אין אַמעריקע, פון וועלכער דער נעגערשער מיטלשטאַנד און אַר־בעטער־קלאַס האָבן געליטן נאָך שמערצלעכער פון אַט די קלאַסן אין דער ווײַסער באַפעלקערונג. דער נײַער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך געלאָזט שפּירן ניט בלויז אין ניו יאָרק (האַרלעם). ער האָט זיך באַוויזן אין שיקאַגאָ און אין אַנדערע גרויסע שטעט מיט אַ סך שוואַרצע. די ערגסטע פאָרמען האָט דער פאַרשאַרפטער נעגערשער אַנטיסעמיטיזם אָנגענומען אין דער העכסטער לערן־אַנשטאַלט פאַר די נעגערס דאָ אין לאַנד — אין דער האָוואַרד אוניווערזיטעט אין וואַשינגטאָן, די. סי., מיט אירע קרוב 2000 סטודענטן. דאָרט האָט מען, למשל, סיסטעמאַטיש, אין די לעצטע צען יאָר, אָפּגעוואָרפן אַלע אַפּליקאַציעס פון די ייִדישע סטודענטן, וואָס ווילן שטודירן מעדיצין און וואָלטן גוטווילליק געגאַנגען לערנען אינאיינעם מיט די שוואַרצע, אַ זאַך, וואָס קיין קריסטלעכער קאָלעדזש־סטודענט וואָלט דאָ אין לאַנד קיינמאָל ניט געטאָן. און דערבײַ באַקומט נאָך אַט דער גרעסטער נעגער־קאָלעדזש אין אַמעריקע אַ היפּשע סובסידיע פון דער פעדעראַלער רעגירונג און האָלט בײַם ווערן, איצט 70 יאָר נאָכ־דעם ווי ער איז געגרינדעט געוואָרן, די נאַציאָנאַלע נעגער־אוניווערזי־טעט אין אַמעריקע. די גראַדואירטע פון די קרוב הונדערט נעגער־קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן דאָ אין לאַנד זײַנען לײַדער די הויפּט־טרעגער פון די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע אידיי־ען אין דער נעגער־געזעלשאַפט. אַזוי, צום בײַשפּיל, איז פון דער נעגער־„פראַטערניטי״ (חברה פון גראַדואירטע) „פּאַי בעטאַ סיגמאַ״ אַרויסגעקומען די באַוועגונג, וועלכע זוכט, דורך אַדווערטײַזינג קאַמפּעינס, צו טרײַבן די נעגערס צו טאָן ביזנעס בלויז מיט אַזעל־כע פירמעס, וואָס באַלאַנגען צו נעגער־לײַט. דער לאָזונג פון אַט דער שאָוויניסטישער באַוועגונג איז, ווי פריער דערמאָנט, „ביגער

ענד בעטער ניגראָ ביזנעס!" (גרעסערע און בעסערע נעגער געַ־שעפטן!).

אין דער צייט ווען די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרס העצן די נעגער־מאַסן קעגן די ייִדן, דערהויפּט קעגן די ייִדישע קרעמער, ווייזט אָבער דער גאַנג פון לעבן, באַזונדערס אין דער סאַוט, וואו ייִדישע קרעמערײַ האָט זיך זייער שטאַרק פאַרשפּרייט אין די לעצ־טע 25 יאָר, אַז די ייִדישע קרעמער באַהאַנדלען די נעגערס נאָך פיל לײַטישער ווי ס'טוען די קריסטלעכע קרעמער, און דאָס דווקא איז אַ סגולה צו דער געשעפטלעכער מזל־ברכה פון די ייִדן־קרעמער. אין דער סאַוט קוקט מען דאָך כסדר אויף די נעגערס ווי אויף אַ נידעריקער ראַסע, און אַ ווײַסער קריסטלעכער קרעמער זאָגט געוואוינלעך צו יעדן נעגער־קונה, וואָס גייט אַרײַן אין קראָם, מעג דער שוואַרצער זײַן אפילו 80 יאָר אַלט: „וועל, ב אָ י ווהאַט דו יו וואָנט?" און דאָס באַליידיקט די שוואַרצע ביז גאָר. דער ייִדישער קרעמער, דאַגעגן, וועט עס קיינמאָל ניט טאָן, ווי דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון די אומפּאַרטייאישע באַאָבאַכטער און פאָרשער פון די צווישן־ראַסן באַציאונגען אין דער גרויסער אַמעריקאַנער סאַוט. אמת, אויך זיי, די ייִדישע קרעמער, וועלן קיינמאָל ניט אָנרופן די שוואַרצע „מר." אָדער „מרס.", ווײַל פאַר אַרויסווײַזן אַט אַזאַ כבוד לגבי די שוואַרצע, וועלן די קריסטלעכע ווײַסע בעלי־גאווהס תיכף דערקלערן אַ באָיקאָט קעגן דעם ייִד, וואָס „שעצט צו גרינג זײַן ווײַסן יחוס". וואָס טוט אָבער פאָרט דער ייִדישער קרעמער? — ער געפינט לײַכט אַן אויסוועג און רעדט אין אַ זייער העפלעכן טאָן מיט אַלע נעגערס, וואָס קומען אין זײַן קראָם און גיבן אים צו לייזן. ער זאָגט צו זיי פשוט: „וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?" א. אַ. וו.[2]

אָרום און אָרום לאָזט זיך זאָגן, אַז דער נײַער נעגערשער אַנטיסעמיטיזם איז דער ערשטער רעזולטאַט פון דעם פּראָטעסט פון נעגערשן מיטלשטאַנד קעגן די כסדר וואַקסנדיקע באַגרענצונגען פון זייערע עקאָנאָמישע געלעגנהײַטן. חוץ דעם מוז דער דאָזיקער

2 CASTE AND CLASS IN SOUTHERN TOWN, by Dr. J. Dollard, Yale Univ., 1937, pp. 129—130.

שוואַרצער ראַסן־שאָוויניזם, פּונקט ווי יעדער צוגעשפּיצטער, קרענק־לעכער נאַציאָנאַליזם, ווערן אַן אַפּליײטונג־פּסיכאָז (עסקעיפּ) בײַ די שוואַרצע מאַסן, וועלכע לײַדן פון אַרבעטסלאָזיקײַט און הונגער. צעמישטע, פאַריאושטע און האָפנונגסלאָזע ווערן די מאַסן געטריבן אויסצולאָזן זייער כעס און גיפט אויף די ייִדן און אויף די ווײַסע בכלל. די פאַקטישע סאָציאַלע קרעפטן, וואָס פאַראורזאַכן די גזירות און לײַדן, וואָס שיטן זיך כסדר אויף די קעפּ פון די נעגערס, ווערן אין די אויגן פון דער אומוויסנדיקער מאַסע פאַרדעקט מיט אַ ראַסן־מאַסקע, באופן, אַז יעדער ווײַסער, בפרט נאָך דערצו אַ ייִד, ווערט דערקלערט פאַר אַ שונא פון דעם נעגער־פאָלק. דורך אַזאַ קוק פאַרזעט שוין במילא די נעגערשע מאַסע, אַז אַלץ וואָס דער נעגערשער גע־שעפט־מאַן וויל האָבן, איז ניט אַזוי די פולע גלײַכהײַט און פרײַהײַט פאַר די נעגערס, ווי די פולסטע און פרײַסטע מעגלעכקײַטן צו עקס־פּלואַטירן זײַנע ברידער, די נעגערס; ד.ה. צו מאָנאָפּאָליזירן דעם גאַנצן נעגערשן מאַרק, מיט אַ קויף־קראַפט פון הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן, און פון אים אַרויסציִען וואָס מער פאַרצוגן און פּראָפיטן. זייער ווייניק נעגערס פאַרשטייען שוין, אַז זייער ערגסטער עקספּלו־אַטאַטאָר איז דווקא דער שוואַרצער קאַפּיטאַליסט גופא, וועלכער לעבט ווי אַ פּאַראַזיט פון די נעגער־אַרבעטער, וואָס באַקומען אַ הונגער־לוין, בעת ער אַליין, אינאיינעם מיט זײַן פאַמיליע, לעבט גאָר אין וואוילטאָג, אָפט אפילו אין גרעסטן לוקסוס.

3. די נאָדל־טריידס און די נעגערס

ביסלעכווײַז דרינגט אָבער אַרײַן אין די באַוואוסטזיניקע נעגער־מאַסן די איבערצײַגונג, אַז ניט דורך ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם, נאָר דורך אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, וועט די שווערע לאַגע פון דער אָרימער נעגער־באַפעלקערונג פאַרלײַכטערט ווערן. לײדער האָט זייער לאַנג צווישן די ווײַסע אַרבעטער־מאַסן, דערהויפּט אין די קרײַזן פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, געהערשט אַן אָפּענע אַנטיפּאַטיע צו די שוואַרצע, און פון אַן אַרבעטער־אחדות אויף אַן אינטער־ראַסן יסוד האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זײַן. (אינטערעסאַנט איז, אַז אויפן פּאַפּיר, אין טעאָריע, האָט די „פעדער־

רייִשאָן" ניט אויפגעהערט צו פּרעדיקן ראַסן טאָלעראַנץ און ברי־דערלעכקייט צווישן אַלע אַרבעטער אָן אונטערשייד פון גלויבן, נאַ־ציע אָדער ראַסע). אָבער גלייך נאָך דער איינפירונג פון דער נ. ר. א., אין 1933, און באַזונדערס זינט עס איז אָפיציעל לעגאַליזירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען (דורך דעם „לעיבאָר רילייִשאָנס אַקט" פון יאָר 1935), איז עס ממש געוואָרן אַ קאַטעגאָרישע פאַרבאַדינגונג אינם דערפאָלגרייכן אַרבעטער־קאַמף אין אַמעריקע, אַז די שנאה צווישן די ווייסע און שוואַרצע אַרבעטער זאָל שוין וואָס שנעלער בטל ווערן אויף שטענדיק.

און אין די לעצטע יאָרן איז שוין פיל אויף אָט דעם געביט אויפגעטאָן געוואָרן, הויפּטזעכלעך אין יענע טריידס, ווי די נאָדל־פאַכן אין ניו יאָרק, וואו דער יידישער איינפלוס איז נאָך אַלץ אין קראַפט און ווירקט אויפן גייסט פון דער יוניאָן באַוועגונג. די גינ־סטיקע אומשטענדן פאַרן נעגערשן יוניאָניזם פון די לעצטע פינף יאָר האָבן זיך דאָ אַרויסגעוויזן אָם דייטלעכסטן. נאָך אין יאָר 1928 האָבן די נאָדל־טרייד יוניאָנס פון ניו יאָרק געהאַט אַ נישטיקע צאָל נעגער־מיטגלידער. אַ סטאַטיסטיק פון 10—12 לאָקאַלס אין אַלע פיר הויפּט־צווייגן פון דער אינדוסטריע (פרויען־קליידונג, מע־נער־קליידונג, מילינערי און פאַריערס) האָט געוויזן, אַז פון די 32,650 יוניאָן־לייט אין יאָר 1928 זיינען ניט מער ווי 1,052 געווען נעגערס, פון זיי איבער אַ העלפט אין דער דרעסמאַכער יוניאָן. אין יאָר 1935 איז אָבער די פּראָפּאָרציע געשטיגן. פון 153,761 אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער אין דער היגער באַקליידונג און טעקסטיל אינ־דוסטריע זיינען 6,704, אָדער 4,4 פּראָצענט געווען נעגערס.[3]

אַרום און אַרום ווערט געשאַצט, אַז אין 1928 זיינען בלויז 3.8 פּראָצענט פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין ניו יאָרק געווען נעגערס. אין יאָר 1935 איז שוין אָבער די פּראָפּאָרציע פון די נעגער־יוניאָן לייט געווען 9.3 פּראָצענט, און וואָס ווייטער ווערט זי אַלץ העכער און העכער.

אַלע אומפּאַרטייִאישע פאָרשער פון דער נעגער־פראַגע האָבן שוין פעסטגעשטעלט, אַז די ערשטע פון די גרויסע און פּראָגרעסיווע

[3] CH. F. FRANKLIN: "Negro Labor Unionist of New York", Columbia Univ. Press, N. Y., 1936, pp. 111—160.

אַמעריקאַנער יוניאָנס, וועלכע האָט ברייט געעפנט אירע טירן פאַר די שוואַרצע, איז געווען די „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן“, ד. ה. די יוניאָן, וואו דער פּראָצענט פון ייִדישע אַרבעטער איז אויפן היגן מאַרקעט נאָך אַלץ אַ הויכער (בערך 50—60 פּראָצענט). ביי דער פריער־דערמאָנטער אונטערזוכונג פון יאָר 1935 האָט מען אין דער גאַנצער אָרגאַניזירטער ניו יאָרקער נאָדל־פאַך אינדוסטריע געציילט 153,761 אַרבעטער, און פון זיי זיינען 128,275 געווען מיטגלידער פון דער „אינטערנעשאָנאַל“. אין אַלע נאָדל און טעקסטיל פאַכן האָבן געאַרבעט (בעת דער אונטערזוכונג) 6,704 שוואַרצע יוניאָן־מיטגלידער, און פון זיי איז אַרום 94 פּראָצ. אויסגעפאַלן אויף דער מיטגלידערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנאַל (6260 נעגער אַרבעטער). אין אייניקע לאָקאַלס, ווי נומ. 22, 25, 60, 102, 132 און 142, האָבן די נעגערס באַטראָפן 10 פּראָצ., אָדער נאָך מער, פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט. צווישן די קאָטערס און פאַכאָווע אָפּערייטאָרס איז דער נעגער־פּראָצענט, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פיל קלענערער, אָפטמאָל אונטער 1 פּראָצ., אָבער אפילו דאָרט ווערן פאַר די נעגערס קיינע דיסקרימינאַציעס ניט געמאַכט.

אמת, עס געפינען זיך אין ניו יאָרק אייניקע ריין־ייִדישע טרייד יוניאָנס, ווי, למשל, די „קלינערס ענד דאַיערס יוניאָן“, און דאָרט איז קיין נעגער אויף קיין רפואה ניטאָ, הגם דער לעצטער צענזוס (פון יאָר 1930) ווייזט, אַז ניו יאָרק האָט 533 נעגער־שניידער, וואָס זיינען כמעט אַלע טעטיק אין דער „דאַיאינג־קלינינג“ אינדוסטריע, ד. ה. זיינען באַשעפטיקט ביים פאַרבן, רייניקן און פאַרריכטן אַלטע בגדים. אָבער עס איז דאָך שוין אַן אַלטער כלל, אַז אין אַלע עכט־ייִדישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, ווי אַרבעטער רינג ברענטשעס און געוויסע יוניאָנס, הגם אין פּרינציפּ זיינען זיי אינטערנאַציאָנאַל און קאָסמאָפּאָליטיש, קענען זיך די ניט־ייִדישע מיטגלידער פאָרט ניט איינהאַלטן. במילא ווערן דאַן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אויף 100 פּראָצ. ייִדישע. דאָס האָט לחלוטין קיין שום שייכות ניט צו אַ ייִדישן שאָוויניזם אָדער אומטאָלעראַנץ פון ייִדן צו אַן אַנדער נאַציע אָדער ראַסע.

אַז די ייִדישע יוניאָנס פון ניו יאָרק זיינען טאַקע פאַראינטערע־

סירט און טעטיק פֿאַר דעם געדאַנק פֿון נעגער־יוניאָניזירונג, זעט מען פֿון אַזאַ פֿאַל: זומער־צײַט 1935, האָט די „האַרלעם לייבאָר קאָמיטע", אַ צענטראַלע קערפּערשאַפֿט פֿון נעגער־יוניאָנלײַט, וואָס איז אויסגעוואַקסן פֿון דער „טרייד יוניאָן קאָמיטע צו אָרגאַניזירן נעגער־אַרבעטער" (געגר. 1924), צוזאַמענגערופֿן אַ גרויסע אַרבעטער־קאָנפֿערענץ, וואו די פֿראַגע פֿון אַ צענטראַלער טרייד יוניאָן קערפּערשאַפֿט פֿאַר אַלע היגע נעגער־אַרבעטער איז דיסקוטירט געוואָרן. די פֿירער פֿון די נעגער־אַרבעטער, מוז מען וויסן, האָבן געהאַט אײַנגעזען, אַז פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון דער נעגער־יוניאָניזירונג, איז אַבסאָלוט נויטיק צו שאַפֿן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפֿט, וועלכע זאָל באַשטיין סײַ פֿון שוואַרצע, סײַ פֿון ווײַסע אַרבעטער־פֿירער, און וועלכע זאָל דינען די נעגער־אַרבעטער מיט ראַט און טאַט, פּונקט ווי די „פֿאַראייניקטע יִדישע געווערקשאַפֿטן" דינט די יִדישע אַרבעטער; אָדער ווי די „ווימענס טרייד יוניאָן ליג" דינט די פֿרויען־אַרבעטער; אָדער ווי די „איטאַליען טשעמבער אָוו לייבאָר" באַדינט די איטאַליענישע אַרבעטער (אַזוי האָבן אין זייער אײַנלאַדונג־ציר־קולאַר געשריבן די נעגער־פֿירער). ניט נאָר איז מ. פֿײַנסטאָון, סעקרעטאַר פֿון די „יִדישע געווערקשאַפֿטן", געווען פֿון די איניציאַטאָרן פֿון דער קאָנפֿערענץ, נאָר ער איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע פֿון דער נײַער אָרגאַניזאַציע — די „ניגראָ לייבאָר קאָמיטע".

אָט אַזאַ סיסטעם פֿון אחדות און קאָאָפּעראַציע איז דער איינציקער מיטל צו פֿאַרבעסערן די באַציאונגען צווישן די ווײַסע און שוואַרצע מאַסן אין אַמעריקע. לײדער טרײַבן אָבער נאָך אַלץ געוויסע עלעמענטן אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַ „שוואַרצער רעפּובליק" אין יענע טיילן פֿון דער סאַוט, וואו די נעגער־באַפֿעלקערונג באַטרעפֿט פֿון 25 ביז 50 פּראָצ. פֿון דער אַלגעמיינער פֿאָלקס־מאַסע. דאָס איז בילי́קע דעמאַגאָגיע און קען האָבן די געפֿערלעכסטע רעזולטאַטן אפֿילו פֿאַר די שוואַרצע גופֿא. ערשטנס, ווייסן מיר, אַז אין די נאָרדלעכע סטעיטס און אין דער וועסט לעבן ביז דרײַ מיליאָן נעגערס, וועלכע האָבן קיין שום דירעקטן אינטערעס ניט אין דער פּראָיעקטירטער אַווטאָנאָמער אָדער גאָר סאָוועטישער „נעגער־רעפּובליק" פֿון זעקס־זיבן מיליאָן נעגערס אויף דער טעריטאָריע פֿון

די פּאַראַייניקטע שטאַטן. די דאָזיקע נעגערס אין נאָרדלעכן טייל פון לאַנד פילן אָבער גאַנץ קלאָר, אַז זייערע פּראָבלעמען וועלן גע־לייזט ווערן ניט דורך יענער פאַנטאַסטישער זעלבסט־באַשטימונג פון די נעגערס. וואָס זיי, די באַוואוסטזיניקע נעגערס, ווילן קודם כּל האָבן, איז גלײַכבאַרעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער בירגער, אָן אונטערשייד פון זייער ראַסע.

צווייטנס, פאַרשטייען שוין די בעסערע געזעלשאַפטלעכע טוער צווישן די נעגערס אין דער סאַוט, אַז הגם די שוואַרצע זײַנען טאַקע דאָרט אַן אָפּגעטיילטע און אונטערדריקטע ראַסע, זײַנען זיי אָבער אַן אומאָפּטיילבאַרער טייל פון אַמעריקאַנישן פאָלק, און עס איז אין אַמעריקע קיין שום פּלאַץ ניטאָ פאַר אַן אויסגעטראַכטן נעגערשן נאַציאָנאַליזם אָדער שאָוויניזם.

דערווײַל ווערט אָבער דורך אַזאַ נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע פון געוויסע פּאַרטייען אָנגעצונדן אין דער נעגער־מאַסע אַ שאָווי־ניזם, וועלכער פירט דירעקט צום אַנטיסעמיטיזם. דאָס ווידער באַ־דראָט אַמשטאַרקסטן דווקא די אָרימערע ייִדישע מאַסן, וואָס זיצן שוין יאָרן־לאַנג אין די נעגער־נאַכבאַרשאַפטן, און די גאַנצע אַגי־טאַציע דינט אויף אַזאַ אופן די פֿינצטערסטע צילן פון די מעכטיקע אַנטי־ייִדישע העצערס אין אַמעריקע.

ווי זאָלן מיר באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם?

1. דער וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ניט גרויס געווען די צאָל פון די פעסימיסטן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז אויך אין ענגלאַנד און אַמעריקע וועט דער אַנטיסעמיטיזם אין דער נאָענטער צוקונפט זיך פאַרשטאַרקן און פאַרשפרייטן. און דאָך זעען מיר שוין גאַנץ קלאָר ווי אין אַט די צוויי לענדער האָט דער אַנטיסעמיטיזם געמאַכט זיינע ערשטע „בעיבי טריט". אמת, דאָס זיינען טריט אומגעלומפּערטע, האַלב־קאָמישע, אָבער דאָס קינד קאָן וואַקסן, און דערין באַשטייט איצט די שווערע געפאַר.

ביי אונדז אין אַמעריקע איז דער אַנטיסעמיטיזם ווייט ניט קיין נייע דערשיינונג. שוין איבער דרייסיק יאָר ווי דער גרויסער אָרדן פון די יאַהודים „בני ברית", זוכט צו באַקעמפן די אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטן דורך דער „אַנטי־דעפעמעישאַן ליג", וואָס דער „בני ברית" אָרדן האָט ספּעציעל פאַרן דאָזיקן צוועק געגרינדעט. דער דאָזיקער קאַמף פון די בני ברית לייט איז אין גרונט מער אַ טעאָרעטישער ווי אַ פּראַקטישער, ממשותדיקער ענין. ער באַשטייט דערהויפּט אין זאַמלען און אָפּהיטן אַלערליי דרוק־אויסגאַבן פון אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער, ווי ביכער, בראָשורן און פלוגבלעטער — שונד און שאַנד־ווערק, אין וועלכע מען פאַלט אָן אויף אַ גראָבן און מיאוסן אופן אויף די יידן און יידישקייט. פון צייט צו צייט זוכט די „אַנטי־דיפעמעישאַן ליג" יושר און אמת אין די געריכטן אָדער ווירקט מיט גוטן אויף די גויים וואָס האָבן אַ דעה וואו מען דאַרף, כדי כאָטש אויף וויפיל ס'איז איינצאַמען די ווילדע אַפּעטיטן פון די שונאי ישראל. פון קיין גרעסערע אַקציעס האָט מען

קיינמאָל ביז איצט ניט געהערט. און בײַ דער פעסט־פאַרוואָרצל־טער שאַ־שאַ־פּאָליטיק פון די פּחדנישע יאַהודים בנוגע צום קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם האָט מען אויף אַן אַנדער, מער מוטיקער און בכבודיקער פּאָליטיק, זיך גאָרניט געדאַרפט ריכטן.

אָבער אין דער לעצטער צײַט, נאָך די ערשטע פּאָר יאָר פון היטלער רעזשים, איז די חוצפּה פון דעם הײַפל אַנטיסעמיטן אין אַמעריקע געוואָרן נאָך פיל גרעסער אפילו ווי אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן מיט דער קו־קלוקס־קלען סומאַטאָכע פון יענער צײַט. צענדליקער גרופּעס זײַנען, אין געהיים אָדער אָפן, געגרינדעט גע־וואָרן, זינט 1933, אין אַלע טיילן פון אַמעריקע מיטן צוועק צו העצן, פאַרמיאוסן און באַליידיקן די ייִדן און ייִדנטום. באַוואוסטע אַנטי־סעמיטן, ווי וויליאַם דאַדלי פּעללי, פירער פון די „זילבערנע העמד־לעך", האָבן אפילו געפּועלט, אַז אין גרויסן סטעיט וואַשינגטאָן, זאָל אַן אָפן־אַנטיסעמיטישע „קריסטלעכע פּאַרטיי" האָבן פאַר זיך אַן אָפיציעלן פּלאַץ אויפן באַלאָט אין די וואַלן פון נאָוועמבער, 1936. אַן אַנדער אַנטיסעמיט, דזשעימס טריו, גיט אַרויס אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל „ווהאַיט נאַיט" (ווײַסער ריטער), וואָס איז אַ גיפטיק־אַנטיסעמיטיש העץ־בלעטל. אַ ספּעציעלער נומער פון אָט דעם בלעטל האָט געטראָגן דעם שמעקעדיקן נאָמען „דשזו דיעל" — אַן אַטאַקע אויף דער איצטיקער רעגירונגס־פּאָליטיק פון לאַנד.

ווי געפערלעך די אַגיטאַציע איבערן לאַנד זאָל ניט זײַן, ווייסן מיר פונדעסטוועגן פון איר פיל ווינציקער ווי פון דער שמוציקער מלאכה וואָס די אַנטיסעמיטן טוען אָפּ אין רעכטן צענטער פון דער ייִדישער אַמעריקע, אין כרך־גדול ניו יאָרק. אַלע געדענקען נאָך דעם פאַל ראָבערט עד. עדמאָנדסאָן. אין יאָר 1936 האָט מען דורך אַ געריכטלעכן פּראָצעס אַרויסגעפירט פאַר דער ברייטער עפנט־לעכקײַט אָט דעם פאַרשוין, וועלכער האָט זיך אָנגערופן „דירעקטאָר פון דער עדמאָנדסאָן עקאָנאָמיק סירוויס" — אַן אַנטיסעמיטישע העץ־ביוראָ אין האַרצן פון וואָל סטריט קוואַרטאַל אין ניו יאָרק. צום באַדויערן איז דער גאַנצער ענין צו לײַכט און צו גיך דערשטיקט געוואָרן, אפנים טאַקע לויטן וואונטש פון די ייִדישע פּני, די יאַהור־דים גופא, וואָס בײַ זיי איז דער שאַ־שאַ־פּרינציפּ פון לאַנג דער

עיקר־גדול פון דער נעבעכדיקער טעאָריע מכות רעאַגירן אויף אַלער־ליי אַנטי־ייִדישע אַטאַקעס אין דער פרייַער אַמעריקע.

פרעגן מיר: איז דאָס אָבער טאַקע דער ריכטיקסטער און קליגסטער אופן פון רעאַגירן אויפן אַנטיסעמיטיזם? האָבן דען די דייַטשישע ייִדן, אין די יאָרן פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק, זיך אויך ניט געהאַלטן אייַזן־פעסט ביי אָט דער פּחדנישער פּאָליטיק פון מאַכן זיך ניט וויסנדיק, פאַרשווייַגן, פאַרגעסן און פאַרגעבן אַלע אַנ־טיסעמיטישע העצעס און באַליידיקונגען? און האָבן ענדלעך די דאָרטיקע ייִדישע וואָרט־פירער ניט געליטן די טרויעריקסטע אינער־לעכע און אויסערלעכע מפּלה, אַ פולשטענדיקן צוזאַמענברוך ניט בלויז פון זייער גלייַכבאַרעכטיקונג ווי בירגער, נאָר אויך פון זייער אַסימילאַטאָריש־פּחדנישער אידעאָלאָגיע און טאַקטיק?

אין דער נויטיקייַט פון קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם צווייפלט שוין קיינער ניט. אָבער כדי דער קאַמף זאָל זייַןווירקזאַם, פאָדערט זיך קודם כל אַן אָפענער מוט, יענער מוט, וועלכער איז פּונקט דער היפּוך פון דער „לאָמיר פאַרגעבן און פאַרגעסן” פּאָליטיק פון די אַסימילאַטאָרישע פּני אין דער ייִדישער וועלט פון וואַרשע און בער־לין ביז ניו יאָרק און סאַן פראַנציסקאָ. די פּאַסיווקייַט פון די ייִדן שטעלט דאָך לחלוטין ניט אָפּ די העץ־אַרבעט פון אונדזערע שונאים. זיי פאַרשפּרייטן ווייטער גיפט און גאַל קעגן ייִדן, און קענען גע־פינען ביי אַ טייל פון עולם־גולם נאָך אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייַט ווען זיי ווייַזן אָן און ווידערהאָלן, אַז פון ייִדישן צד מאַכט מען אפילו קיין פּראָבע ניט אָפּצולייקענען און אָפּצוּוואַרפן די באַשול־דיקונגען און אַלערליי אַנטיסעמיטישע פּרעטענזיעס. באַוואוסטזיניק אָדער ניט־באַוואוסטזיניק, נאָר די אַנטיסעמיטן געלינגט אין אָט דעם פאַל אויסצונוצן פאַר זייערע ביייזוויליקע צוועקן דעם טיפן, פון לעבן גופא באַשטעטיקטן אמת, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין אונדזער ייִדישן ווערטל „ניט קיין תשובה איז אויך אַ תשובה”.

ריכטיקער און לאָגישער וואָלט געווען אַרויסצושלעפּן פון זיי־ערע נאָרעס די פאַרפאַסער פון די בעסטיאַלישע העצעס און זיי אַרויסשטעלן, אויף וויפיל ס׳וועט זיך לאָזן, אין דעם ליכטיקן שייַן פון דער עפנטלעכקייַט. גאַנץ אָפט וואָלט דער אומזין פון זייערע העצעס שוין דורך אַזאַ אַקציע גופא זיך אַרויסגעוויזן אין זייַן גאַנ־

צער אַבסורדער דומהייט. דער אַנטיסעמיטיזם וואָלט זיך דאַן אַליין קאָמפּראָמענטירט דורך דער לעכערלעכקייט פון זיינע בבא־מעשיות, דורך דער קאָמישקייט פון די בלבולים און ליגנס. אויסלאָכן זיך פון אָט די שקרים וואָלט מען געדאַרפט הויך אויפן קול, ד. ה. מיט אַלע מיטלען פון דער מאָדערנער געדאַנקען־קאָמוניקאַציע, ווי ביכער, פרעסע, בינע, פילם און ראַדיאָ. דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער ערשטער רעזולטאַט פון דער נייער שטעלונג פון די יידישע פירער צום אַנטיסעמיטיזם, אַ שטעלונג וועלכע וואָלט געווען פול מיט חשיבות און צוגלייך ווירקזאַם ווי אויך זייער לייכט דורכפירבאַר.

דער צווייטער רעזולטאַט פון דעם נייעם פּרינציפּ, דהיינו: עפנטלעך צו רעאַגירן אויף די אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס און ניט פאַרוויגן זיך מיט דער שאַ־שאַ־פּאָליטיק פון ניט־וויסנדיק זיך מאַכן וועגן די רשעות פון אונדזערע שונאים, — דער צווייטער פועל יוצא פון דעם מוטיקן אויסרוף מצד יידן איז נאָך לייכטער צו פאַרווירקלעכן. פאַרגעסט ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אָפּערירט שטענדיק מיט ווידערשפּרעכנדע, זיך קעקנזייטיק בטל־מאַכנדע באַהויפּטונגען און באַגריפן. אָט וואַרפט מען אונדז אין פּנים דעם ליגן, אַז יידן זיינען די נשמה פון קאַפּיטאַליזם, און אין אַ ווײַלע שפּעטער זיינען שוין די יידן די הויפּט־טרעגער פון קאָמוניזם. דאָ באַשולדיקט מען די יידן, אַז זיי זיינען שאָוויניסטן פון זייער אייגענער יידישער נאַציע און ראַסע, קעגנער און אָפּשפּאַטער פון די גויים, און כמעט מיטן זעלבן אָטעם־צוג שיט מען אויף יידן קללות דערפאַר וואָס זיי ווילן כלומרשט וואָס שנעלער זיך אַסימילירן מיטן הערשנדן, פולבאַרעכטיקטן פאָלק. און אַזעלכע טענות מענות וואָס זיינען כסדר אַ ווידערשפּרוך איינע קעגן דער אַנדערער קען מען ברייינגען אָן אַ שיעור.

און געוואוינלעך זיינען די בלבולים און העצעס פאַרבונדן מיט געוויסע יידישע פירער און סתם פּראָמינענטע יחידים. איז עס טאַקע אַ געזעלשאַפטלעכע פליכט פון אָט די יחידים ניט צו פאַרשווייגן און פאַרגעבן זייערע פאַרלוימדער, נאָר זיי צוציען צום קרימינאַלגעריכט, ד.ה. פאַרפירן קעגן זיי יורידישע פּראָצעסן. דערביי וואָלט מען פאַר דער עפנטלעכקייט אַרויסגעבראַכט במילא די ווידערשפּרוכפולע בלבולים און שקרים מכוח יידן און יידישקייט. און אָט די אַנטקעגנ־

געזעצטע באַגריפן, ווי, למשל, אַז די ייִדן זײַנען סײַ די טאַטעס פון קאָמוניזם און סײַ די באַשאַפער פון קאַפּיטאַליזם, וואָלטן זיך דאָן אפשר קעגנזײַטיק נייטראַליזירט, בטל געמאַכט אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן, פונקט ווי אין דער מאַטעמאַטיק ווערן די אַנטקעגנגעזעצטע צייכנס פּלוס און מינוס אויסגעלאָשן און פון אויפלייגן צוזאַמען צווײ גלײַכע צאָלן מיט אַנטקעגנגעזעצטע צייכנס ווערט אַ נול, גאַראַנטירט מיט גאַראַנטיע.

אַזעלכע יורידישע פּראָצעסן און זייערע פּסיכאָלאָגישע רעזולטאַטן וואָלטן אוודאי געווירקט בלויז אויף די ערלעכערע און אינטעליגענטערע צווישן די אַנטיסעמיטן. אָבער סוף כּל סוף דאַרף דאָך דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם געפֿלאַנט ווערן אַזוי, אַז די וואָס זײַנען העכער פון געוויינלעכן דורכשניט אין זייער מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער נאַטור זאָלן טאַקע זײַן די ערשטע אַרויסגעשלעפּט צו ווערן פון דעם אַנטיסעמיטישן זומפּ. דערנאָך וועלן אפשר דווקא אָט די העכער־שטייענדע צווישן די געוועזענע אַנטיסעמיטן אַליין ווערן פאַרקעמפער פאַר יושר און אמת, און וועלן דאָן ווירקן נאָך פיל בעסער ווי די ייִדן גופא אָפּצושטעלן די העצעס אויך צווישן די גײַסטיק־אָפּגעשטאַנענע טיילן פון דער אַנטיסעמיטישער מאַסע.[1]

אין דער צײַט ווען בײַ אונדז אין אַמעריקע האָט דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם קיין שום זיג ניט געהאַט אין די לעצטע 10—12 יאָר, ד. ה. זינט דעם באַוואוסטן פּראָצעס פון פאַרשטאַרבענעם ענגליש־ייִדישן זשורנאַליסט הערמאַן בערנשטיין קעגן הענרי פאָרדן, האָבן אָבער די ייִדן אין ענגלאַנד יע דערגרייכט גאַנץ היבשע רעזולטאַטן אין די לעצטע יאָרן. זיי באַקעמפן איצט דעם דאָרטיקן

[1] פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט (קריסטלעכע עטיק און הומאַניטאַרע אידעאַלן) קומט אויך צום זעלבן אויספיר דער קריסטלעכער מחבר פון פּרעמירטן עסעי, אין קאָנקורס אויף דער טעמע מכּוח קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם, וועלכן דער ניו יאָרקער ענגליש־ייִדישער זשורנאַל „אָפּיניאָן" האָט דורכגעפירט אין יאָר 1937 — „אַ דזשאַב פאַר קרעסטשענס", פון ה. ג. ענגעלברעכט, אין בוך:
HOW TO COMBAT ANTI-SEMITISM IN AMERICA (A Symposium) Jewish Opinion Publishing Corp., New York, 1937, 91 pages.

דער דאָזיקער קאָנקורס האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין איינציקע נײַע אָריגינעלע אידייע אָדער עפּעס אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג מכּוח פּראַקטישע מעשים.

אַנטיסעמיטיזם מיט אַ פיל גרעסערער ענערגיע און מיט אַן אָפּען־געדרן מוט ווי דאָס איז דער פאַל ביי אונדז אין לאַנד, וואו דער יידישער קיבוץ איז פיל, פיל גרעסער און רייכער ווי אין ענגלאַנד.

2. קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם אין ענגלאַנד

אויך אין ענגלאַנד, אין דער עלטסטער און רעספּעקטירטער דעמאָ־קראַטיע אין אייראָפּע, פעלן איצט ניט קיין אָרגאַניזירטע גרופּן און באַוועגונגען וואָס פאַרוואַרפן די יידן מיט בלבולים און פאַר־לוימדונגען. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט אַ גרופּע אונטערן טשיקאַוון נאָמען „מיליטענט קריסטשען פּאַטריאָטס" אַרויסגעלאָזן לעצטנס אין אַ גרויסער אויפלאַגע אַ בוך באַטיטלט „דהי דזשואיש קוועס־טשאַן" (די יידישע פראַגע). דאָס איז אַן איבערדרוק פון הענרי פאָרדס טרויעריק־באַרימטן ביכל, „דהי אינטערנעשאַנעל דזשו", וואָס איז ווי באַקאַנט געוועזן אויך ניט קיין נייע ווערק, נאָר אַ זאַמ־לונג פון די גיפטיקסטע, שעדלעכסטע אַרטיקלען אין פאָרדס אַנטי־סעמיטישן זשורנאַל, „דיערבאָרן אינדעפּענדענט". אַלזאָ, בעת הענ־רי פאָרד גופא האָט שוין מיט יאָרן צוריק זיך צוריקגעצויגן און האָט עפנטלעך חרטה געהאַט (אפשר נאָר לפנים, אָבער דאָך אין אַ גאַנץ קלאָרער פאָרם) מכוח די שקרים און אַטאַקעס אויף יידן, ווערן איצט אויף אַ נייעם קאָן די נידערטרעכטיקע אַנטי־יידישע בילבולים פון גרעסטן אַמעריקאַנישן אַנטיסעמיט אָפּן פאַרשפּרייט איבער דער ברי־טישער אימפּעריע, וועלכע נעמט אַרום אַ פערטל וועלט. אָט דער פאַקט אַליין איז שוין אַ גוטער באַווייז צו איבערצייגן יעדן קלאָרזע־ענדיקן ייד, אַז אַן אָרגאַניזירטע יידישע פאַרטיידיקונג־פּראָפּאַגאַנדע אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב איז היינט־צו־טאָג אַבסאָלוט נויטיק.

צום גליק פאַרשטייען שוין כאָטש די ענגלישע יידן, אַז אָן אַן אָפענעם און מוטיקן קאַמף מיט די אַנטיסעמיטן קען ניט געמאָלט זיין קיים שום שוץ פון די יידישע לעבנס־אינטערעסן. און דורך דער „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס אָוו בריטיש דזשוס" האַנדלען די יידישע פירער אין ענגלאַנד אויף אַ פּלאַנמעסיקן און סיסטעמאַטישן אופן. אַ היסטאָרישע דאַטע, די עפענונג פון אַ נייעם קאַפּיטל אין דער גע־שיכטע פון דעם איצטיקן „אַנטי־דיפעמעישאַן קאַמפּעין" פון די ענג־

לישע יידן, שטעלט מיט זיך פאר דער פראצעס קעגן צוויי פארבי־סענע ענגלישע אנטיסעמיטן, ארנאלד ליעז און וואלטער וואהאיטעד, וועלכער איז פארגעקומען דעם 21־22טן סעפטעמבער, 1936, אין לאנדאן, און האט זיך פארענדיקט מיט א גרויסן נצחון פאר יידן. דער פרינציפיעלער דערפאלג איז נאך געווען גרעסער, ווי מיר וועלן באלד זען, פון דעם פאקטישן רעזולטאט — געלט־שטראף פון 20 פונט פארן דרוקער פון דעם זשורנאל „דהי פאשיסט", און א טור־מע־שטראף פון זעקס חדשים פארן אייגנטימער און רעדאקטאר, אר־נאלד ליעז, א וועטערינאר פון פאך און א פארביסענער, געפער־לעכער שונא ישראל לויט זיינע איבערצייגונגען.[2]

די גרויסע פרינציפיעלע באדייטונג פון דעם דאזיקן פראצעס וועט מען פארשטיין ווען מען נעמט אין באטראכט די פאלגנדע אומשטענדן. אין ענגלאנד, אזוי גוט ווי אין אמעריקע, ווערט דער פארלוימדער פון א יחיד, פון אן איינצלנעם מענטש אדער פון א גרופע געוויסע יחידים, שטרענג באשטראפט, אויב דער געריכט געפינט אזא מנובל שולדיק אין פארשפרייטן שקרים און בלבולים. גאנץ אנדערש איז אבער אין די אנגלא־זאקסישע לענדער די לאגע, ווען אימיצער פארשפרייט א שקר־בלבול אדער א פארלוימדונג קעגן א קאלעקטיוו, א גרויסע גרופע אדער א גאנץ פאלק. אין אזא פאל מישט זיך שוין אריין דער פארהערלעכטער דעמאקראטישער פרינציפ פון פרעסע־פרייהייט אדער גאר פון פרייהייט פון געוויסן און טענהט, אז יעדער איינער איז בארעכטיקט צו זאגן זיין אייגענע מיינונג, ווי משונהדיק ווילד אדער פארפירעריש די מיינונג זאל ניט זיין. נו, איז דאך קלאר, אז אט דער מיסברויך פון פרייער פרעסע און פרייהייט צו אגיטירן קעגן די יידן ווי א פאלק איז א ביטערער חוזק איבער דער עכטער דעמאקראטיע, און טאר אין א באמת פראגרעסיוון שטאט ניט געדולדעט ווערן. פונדעסטוועגן האט אין דער פרומער ענגלאנד לאנג געהערשט דער געדאנק, און ער איז נאך אויף א האר ניט געמינערט געווארן אין אמעריקע, אז דער „רבים", דער קאלעקטיוו, איז לחלוטין שוצלאז קעגן די וואס פאלן

[2] אויספירלעכע ידיעות וועגן אט דעם היסטארישן פראצעס קען מען געפינען אין לאנדאנער „דזשואיש קראניקעל" פון 25טן סעפטעמבער, 1936, זז. 26—28.

אויף אים אָן, אָפּטמאָל טאָג־אײַן טאָג־אויס, מיט זלזולים און בלבולים אָדער פירן אָן העצעס מיט בייזוויליקע צילן.

איז אָבער מיט אַט דעם היסטאָרישן פּראָצעס אין לאָנדאָן קעגן דעם רעדאַקטאָר און דרוקער פון „פאַשיסט" איצט די שטייַנערנע וואַנט צום ערשטן מאָל אײַנגעבראָכן געוואָרן. אַ „דזשורי" (געשוואָרענע) און אַ ריכטער פון אַ קרימינעלן קאָורט האָבן געפּסקנט, אַז די צוויי באַשולדיקטע „האָבן געמיינזאַם און צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, קאָנספּירירט צו דרוקן אין זשורנאַל „דהי פאַשיסט" פון 1טן יולי, 1936, פאַרלוימדנדע און סקאַנדאַליעזע באַשולדיקונגען וועגן ייִדן און האָבן דורך דעם געשאַפן אַן עפנטלעכן שאָדן". און זייער קרימינאַל־פאַרברעכן איז מיט דער האַרציקסטער צושטימונג פון אַלע ליבעראַלן אין ענגלאַנד, עקזעמפּלאַריש, ד.ה. ווי אַ בײַשפּיל פאַר אַלע נאָכמאַכער און נאָכפאָלגער, עפנטלעך באַשטראָפט געוואָרן.

דאָס איז, אַלזאָ, אַ יורידישער פּרעצעדענט, אַ געריכטלעכער בײַשפּיל, וואָס דאַרף לויטן גײַסט פון די ענגלישע און אַמעריקאַנישע רעכט־באַגריפן דינען ווי אַ שטיץ־פּונקט פאַרן פּראָקוראָר (דיסטריקט אַטורני) און פאַרן ציווילן באַשולדיקער אין די צוקונפטיקע ענלעכע פּראָצעסן. און בײַ דער נאָענטער קרובהשאַפט צווישן דער רעכטלעכער סיסטעם, סײַ דער געשריבענער, סײַ דער טראַדיציאָנעל־אַקצעפּטירטער, פון ענגלאַנד און אירע טאָכטער־לענדער, צווישן זיי אויך אַמעריקע, בײַ אַט אַזאַ סיטואַציע, איז שוין גאַנץ מעגלעך איצט צו געפינען אַ יורידישן וועג ווי אַזוי צו באַשטראָפן די פאַרלוימדער פון דעם ייִדישן פאָלק. וואָלטן אונדזערע באַגאַבטע און דערפאַרענע לאַיערס, גרויסע אַדוואָקאַטן, וואָס פלײַסן זיך אַזוי שטאַרק צו דינען די גרויסע און רײַכע קאָרפּאָריישאָנס, אַרויסגעוויזן כאָטש איין צענטל פון זייערע לאַיערשע חריפות און בקיאות פאַרן נוצן פון ייִדישן כלל, וואָלט שוין מסתמא איצט, נאָכן לאָנדאָנער פּראָצעס פון 22טן סעפּטעמבער פון יאָר 1936, געפונען געוואָרן אַ וועג ווי אַזוי צו פאַנגען אין די נעצן פון געריכטלעכע רדיפות די פאַרפאַסער פון די אַנטי־ייִדישע העצעס און שקרים אין אַמעריקע.

די גאַנצע צרה איז נאָר וואָס ס'פעלט נאָך אַלץ בײַ אונדזערע

פּני דער בירגערלעכער יידישער מוט און דער קאַמף־ווילן, אַז וועלכע ס׳קען בכלל קיינמאָל ניט קומען צו אַן אָפענעם שטרײַט מיט די אַנטיסעמיטן אין דער עפנטלעכקײַט, און אוודאי ניט צו אַ פּראָצעס פאַר אַ ריכטער און דזשורי אין אַ מלוכהשן געריכט. עס איז בינו לבינו בײַ אַט די יידישע פּחדנישע עלעמענטן פאַראַן אַ פּאַרטיקער תירוץ אין קעשענע — דער געזעץ דערלאָזט ניט צו באַשולדיקן אי־מיצן פאַר זײַנע אַרויסטרעטונגען און אַטאַקעס, געמאַכט אויף אַן אַנאָנימען אַדרעס, אַטאַקעס וואָס זייער ציל־ברעט איז דער 4—5 מיליאָניקער יידישער ישוב אין לאַנד פון גלײַכהײַט און פרײַהײַט. קומט מען צו אונדזערע יאַהודים מיט די טענות, אַז דער יידישער כבוד און זעלבסטשוץ פאָדערן מען זאָל ניט פאַרשווײַגן די פאַר־לוימדונגען, וואָס מען וואַרפט יידן אין פּנים אַרײַן, ווענדן זיך אַט די יאַהודימשע פּני ענטפערן, אַז אַזאַ אַקציע איז ניט מעגלעך. די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן״, אַט די ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע גופא, באַקעמפט דאָך אין אָלבאַני יעדן ביל, וואָס זוכט אײַנצופירן אין סטעיט ניו יאָרק אַן אַמענדמענט צום געזעץ מכוח פאַרלוימדונגען (לאַיבעלס), אַן אַמענדמענט, וואָס וויל מאַכן אויך די פאַרלוימדונ־גען פון גאַנצע קאָלעקטיוון שטראָפבאַר, פּונקט ווי עס זײַנען שטראָפ־באַר די שקרים און פּאַסקווילן, וואָס מען פאַרשפּרייט אין באַצוג צו יחידים. די דאָזיקע טענה הערט מען פון די פּחדנישע וואָרט־פירער, וואָס האָבן קיין מוט ניט זיך אָנצונעמען פאַר דעם יידישן כבוד און אים באַשיצן.

וויסן מוז מען ווײַטער, אַז בײַ יעדן „לאַיבעל״ פּראָצעס איז עס אַ טייל פון דער געריכטלעכער פּראָצעדור צו צווינגען דעם פאַר־לוימדער צו באַווײַזן, אַז זײַנע בלבולים און טענות האָבן אַ פאַק־טישן באַזיס. אָבער אין יענעם היסטאָרישן פּראָצעס פון יאָר 1936 אין לאָנדאָן איז דער געמיינער פּאַסקוויל קעגן יידן, וואָס האָט אויסגעפילט דעם גאַנצן נומער פון זשורנאַל „דער פאַשיסט״, גע־ווען אַזוי מיאוס אין די אויגן פון דזשאַדזש און דזשורי, אַז זיי האָבן בכלל ניט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך אַרײַנצולאָזן אין אַן אונטער־זוכונג פון די אויסגעטראַכטע טענות־מענות קעגן יידן, צווישן זיי אויף דעם בלוט־בלבול. איז דאָס יורידיש, קען זײַן, קלוג און פּראַק־טיש. אָבער עס בלײַבט דאָך אַ חוב פון דער יידישער געזעלשאַפט צו

ענטפערן אויף די סקאַנדאַליעזע אַטאַקעס, מיט וועלכע די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אַנטיסעמיטן פּאַרסמען איצט די מחות פון די פּשוטע פּאַרמערס און קליינע אומוויסנדע געשעפטסלײַט איבער גאַנצע לענדער. דער דערפאָלג פון קאַמף, וואָס די ענגלישע ייִדן האָבן פּאַרפירט קעגן דער „בריטיש יוניאָן אָוו פאַשיסטס‟, די אַרויסגעבער פון זשורנאַל „דער פאַשיסט‟, קען דערמוטיקן און שטאַרקן די הערצער אין אונדזער אייגענעם קאַמף, אויב נאָר אויך מיר וועלן האַנדלען אַזוי שנעל און ענערגיש, ווי עס האָבן געטאָן די ענגלישע ייִדן.

3. אַרבעט־פּלאַן פאַר אַנטי־דיסקרימינאַציע ביוראָ

דער קאַמף מיט דעם אַנטיסעמיטישן באָיקאָט אויף אַרבעט־זוכער, למשל, איז איצט איינע פון די קאָנקרעטסטע אויפגאַבן אין אונדזער פּאַרטיידיקונג־קריג.

די אַרבעט פון באַקעמפן די פילפאַכיקע פאָרמען פון אַנטי־ייִדישער דיסקרימינאַציע פאָדערט טאַקט, גלײַכן שכל און פעסטן מוט, ווי אויך אַ טיכטיקײַט און געניטקײַט אין קאָנפערענץ־פּראַקטיק און אונטערהאַנדלונגען בײַם גרינעם טיש.

די הויך־קלינגענדיקע פּאַרדאַמונג־אויסרופן, מיליטאַנטישע אַטאַקעס אין דער פּרעסע, און דראָאונגען פון מאַסן־דרוק, ווי למשל, אַ באָיקאָט־אַגיטאַציע קעגן אַנטיסעמיטישע פירמעס, קענען געוויס זײַן נוצלעך. אָבער קליגער איז מען זאָל זיי האַלטן אין רעזערוו, אַלס דעם לעצטן קאַמף־מיטל. צו באַנוצן זיי ראַפּטום, אָן אַ ישוב הדעת, קען אַמאָל ברייגנען מער שאָדן ווי נוצן. נאָך עטלעכע יאָר דערפאַרונג אין דעם גאַנצן ענין, האָט אַן עקספּערט אויסגעדריקט זײַן טיפע איבערצײַגונג, אַז בלויז **דורך אַ ספּעציעלער, לאָקאַלער איידזשענסי**, וועלכע זאָל זײַן עטאַבלירט ווי אַ שטענדיקע ביוראָ, און וואָס זאָל געניסן די פולסטע אונטערשטיצונג פון דער לאָקאַלער ייִדישער געזעלשאַפט, **קען דער קאַמף מיט דעם אַנטיסעמיטיזם אויפן אַרבעט־מאַרק ווי געהעריק געפירט ווערן.** אויך פּראָגרעסיווע ניט־ייִדן, אײַנפלוסרײַכע מיטגלידער פון די פירנדיקע קרײַזן, וואָס גיבן דעם טאָן אין דער עפנטלעכער

מיינונג, קענען און וועלן מיטאַרבעטן אין אַזאַ יידישער אַנטי־דיס־קרימינאַציע ביוראָ.

דאָס איז אַ פּונקט, וואָס פאַרדינט מער פלאַץ. די מיטאַרבעט פון די פּראָגרעסיווע קריסטן אין אַזאַ קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם האָט אַ גרויסע ווערדע ניט נאָר צוליב די פּראַקטישע רעזולטאַטן סתם, ווי גרויס זייער ממשות זאָל ניט זיין, נאָר צוליב אַ וויכטיקער פּאָליטיש־קולטורעלער פראַגע. די קריסטן, באַקעמפנדיק דעם אַנטיסעמיטיזם, קענען ערשט אַוועקשטעלן די פּראָבלעם אין דער געהעריקער פּערספּעקטיוו, אין דער פולער באַלייכטונג. די פּראָבלעם־שטעלונג דאַרף נעמלעך זיין אַזאַ: דער קאַמף פאַר יושר און קעגן דיסקרימינאַציע איז אַן אַלגעמיין־אַמעריקאַנישע פראַגע, און ניט בלויז אַן ענין פאַר יידן, הגם זיי, די יידן, זיינען דערוויילע די דירעקטע און ערשטע קרבנות. אָבער פאַר אַלע פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער איז דער אַנטיסעמיטיזם איצט אַ וואָרנונג און אַ סכנה, און אָט פאַר וואָס.

דער פאַשיזם אין האַלב אייראָפּע מאַכט פון די יידן די ערשטע כפרה־הינדל אין זיין קאַמף קעגן די בירגערלעכע פרייהייטן, דעמאָקראַטיע און יעדן סאָציאַלן פּראָגרעס. איז איצט דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז די באַקעמפונג פון אַנטיסעמיטיזם איז אויך אַן אויסגעצייכנטער פאַרהיטונג־מיטל קעגן די זאָמען פון דער ערגסטער רעאַקציע, וועלכע באַדראָט אַלע לענדער פון דער וועלט. דער היטלעריזם האָט אָפן פּראָקלאַמירט, אַז דער פאַרניכטונגס־קריג קעגן יידן און דער האַקענקרייץ־צוג קעגן ליבעראַליזם זיינען בלויז צוויי זייטן פון איין און דערזעלבער מטבע. און אָט פון דעם טעם איז עס געדרונגען, אַז אפילו דאָ אין אַמעריקע איז דער אַנטיסעמיטיזם, אַלס אַ קריסטלעכע, און ניט בלויז אַלס אַ יידישע פּראַגע, נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ קאָנקרעטע, זעלבסט־פאַרשטענדלעכע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע ווי זינט דער איבערקערעניש אין דייטשלאַנד אין אָנפאַנג 1933.

די אָנגעוויטאַגטע פראַגע, צום ביישפּיל, פון קאַמף מיט דיס־קרימינאַציע קעגן די יונגע יידן, וואָס זוכן אַרבעט האָט לאַנג באַשעפטיקט די פירערשאַפט פון דעם אַמעריקאַניש־יידישן קאָנגרעס. איינע פון די קאָמיטעס פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע — די עקאָנאָמישע קאָמיטע, האָט, נאָך עטלעכע יאָר אַרבעט, אין יאָר

1937, אָפּגעדרוקט אַ קורצן באַריכט וועגן דער גאַנצער פּראַגע. אין אים ווערן אַרויסגעזאָגט געוויסע פּראַקטישע רעקאָמענדאַציעס, ווי, צום בײַשפּיל, צו גרינדן אַן אַנטי־דיסקרימינאַציע ביוראָ.[3] אַזאַ ביוראָ וואָלט געדאַרפט מעטאָדיש און סיסטעמאַטיש פאַרטיידיקן די רעכטן פון ייִדישע מענער און פרויען אָנצוקומען אויף שטעלעס דאָרט, וואו זיי זײַנען באַרעכטיקט צו אַזאַ באַשעפטיקונג, אָדער בלײַבן אַרבעטלאָז, מחמת מ׳רודפט זיי פאַר זייער ייִדישער אָפּ־שטאַמונג.

לאָמיר איצט פאָרמולירן פּרעציזער די פונקציעס און די אַר־בעט פּראָגראַם פון אַזאַ געפּלאַנטער אַנטי־דיסקרימינאַציע ביוראָ.

איינע פון די וויכטיקסטע פונקציעס פון דער אַנטי־דיסקרימי־נאַציע ביוראָ וואָלט געדאַרפט זײַן אָנצונעמען די קלאַגעס פון די קרבנות פון דיסקרימינאַציע. די אַרײַנמישונג פון אַן אַלגעמיין־רעספּעקטירן אומפּאַרטייאישן פאַרמיטלער, אַ מאַן מיט אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער רעפּוטאַציע, קען אָפט פירן צו גוטע רעזולטאַטן.

געוויס פעלן ניט קיין פירמעס, און דווקא גרויסע בערן, וואָס ווילן בשום אופן ניט דערלאָזן, מען זאָל זיך מישן אין זייערע פּי־רונגען מכוח אָטנעמען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אויף שטעלעס. די דערפאַרונג ווײַזט אָבער, אַז ס׳זײַנען צום גליק דאָ אַ סך אַנ־דערע פירמעס, וואָס ווילן מיט אַלע מיטלען זוכן אויסצומײַדן, אַז אויף זייער נאָמען זאָל פאַלן אַ פלעק פון גערעכטע טענות מכוח אַנטיסעמיטיזם אין דעם „עמפּלאָימענט דעפּאַרטמענט".

די פּראָגראַם פון אַזאַ אַנטי־דיסקרימינאַציע ביוראָ, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דעם פּאַרפאַסער פון אויבן־דערמאָנטן באַריכט פון אַמעריקאַנער־ייִדישן קאָנגרעס, דאַרף אַרומנעמען אָט אַזעלכע אויפגאַבעס:

1. צו אונטערזוכן און שליכטן קלאַגעס מכוח דיסקרימי־נאַציע.
2. צו העלפן ייִדן צו קריגן שטעלעס דורך די עקזיסטירנדע עמפּלאָימענט אייגזשענסיס.

[3] מיר האָבן שוין די דאָזיקע פּראַגע באַרירט אין פאַרבינדונג מיט די בּרענענדיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דעם ייִדיש־אַמעריקאַנישן קיבוץ, אויף זז. 237—242, און דאָרט אויך אָנגערופן דעם פולן טיטל פון געדרוקטן באַ־ריכט וועגן דער דיסקרימינאַציע מכה.

3. אַ קאָאָפּעראַציע מיט ניט־ייִדישע כלל־טוערס און געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

4. אַ דערציאונג־אַרבעט צווישן אַרבעט־געבער און פירמעס דורך פאַרהאַנדלונגען און קאָנפערענצן.

5. אויסאַרבעטונג פון בילס (געזעץ־פּראָיעקטן) מכוח אַ פאַרבאָט פון אַלערליי דיסקרימינאַציעס קעגן באַזונדערע ראַסעס, נאַציעס, און רעליגיעס.

6. וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פון דער עקאָנאָמישער ראָלע וואָס די ייִדן שפּילן דאָ אין אַמעריקע.

אַט די אַלע וויכטיקע אויפגאַבעס, וואָס באַרירן אַט אַזאַ ייִדישע לעבנס־פראַגע, זײַנען לאַנג פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. דער ייִדישער יונגער דור האָט געוויס זיך שוין אָנגעליטן גענוג פון אַלערליי באַי־קאָטן, באַגרענעצונגען און דיסקרימינאַציעס, אַז די ייִדישע געזעל־שאַפט זאָל ענדלעך זיך אויפכאַפּן פון איר דרעמל און זאָל מיט ראַט און טאַט העלפן דעם האָפנונגלאָזער יוגנט. מעגלעך, אַז גלײַך אויפן אָרט וועלן טאַקע קיין גרויסע רעזולטאַטן פון אַ סיסטעמאַ־טישער אַנטי־דיסקרימינאַציע אַרבעט זיך ניט ווײַזן, ווײַל די וואָרצ־לען פון דער מכּה גרייכן זייער טיף און שטעקן פעסט אין באָדן. אָבער דאָך לאָזט זיך אויף אַט דעם נײַעם געביט גאָר אַ סך אויפ־טאָן. און דאָס מוז טאַקע געטאָן ווערן, אויב די ייִדישע יוגנט זאָל פאַר זיך דאָך האָבן אַ צוקונפט אין אײַנקלאַנג מיט אַלע מעגלעכ־קײַטן, וואָס אַמעריקע עפנט דווקא פאַר די פייאיקע און טיכטיקע צווישן אירע בירגער.

דער לעצטער וואָפן אין קאַמף פאַר די ייִדישע עקאָנאָמישע רעכט — דער אַרגומענט פון „ייִדישן מאַרק" — דאַרף געלאָזן ווערן אין גאַנג ערשט דעמאָלט, ווען אַן אויטאָריטעטע ייִדישע אינ־סטאַנץ פאָרשט פריער אויס דעם ספּעציעלן, קאָנקרעטן אַנטיסעמי־טישן פאַל און מאַכט די געהעריקע רעקאָמענדאַציעס. ניט ווייניק גרויסע פירמעס זוכן כסדר קונים צווישן ייִדן, ווײַל זיי ווילן גוט פּראָפיטירן פון אַט דעם גרויסן מאַרק. און אויב זיי זײַנען ווירקלעך געכאַפּט אויף אַנטיסעמיטיזם, דאַן איז אַ מצווה דעם פאַקט אַרויס־צוברענגען און אים ווײַט און ברייט אַנאָנסירן, כּדי די ייִדן זאָלן מיט ווירדע רעאַגירן אויף די געמיינהײַטן פון זייערע אָפענע אָדער פאַרשטעלטע שונאים. די פּובליקאַציע פון אַלע „רעקאָרדס" פון אַזאַ

פאַל (קעיס) דאַרף זײַן דער לעצטער שריט; ער קען אָבער האָבן די פולע פעולה ערשט דאַן, ווען ער ווערט געמאַכט אין נאָמען פון אַ צענטראַלער, אַלגעמיין־רעספּעקטירטער, באַגלויבטער אינסטאַנץ. אַט צוליב די אַלע פונקציעס קען ווירקלעך אַ ייִדישער אַנטי־דיס־קרימינאַציע אָפיס האָבן גאַר אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער עקאָ־נאָמישער צוקונפט פון דער ייִדישער אַמעריקע.

אַזעלכע אָפיסעס וואָלטן אגב געקענט פאַראייניקט ווערן מיט די צענטראַלע ייִדישע קהלשע אַרבעט־פאַרמיטלונג ביוראָס (עמ־פּלאָימענט אָפיסעס), וואָס געפינען זיך הײַנט צו טאָג כמעט אין אַלע ייִדישע גרעסערע ישובים איבערן לאַנד, וואו נאָר עס זײַנען דאָ „דזשואיש סענטערס” און ענלעכע קהלשע אינסטיטוציעס.

4. צילן פון פאַרטיידיקונג־קאַמף

אין דער צײַט, ווען די אויסלענדישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אָדער היגע, אַמעריקאַנישע דעמאַגאָגן, פאַנאַטיקער און „רעקעטירס” (אויס־פּרעסער און אויסנאַרער פון געלט) טרײַבן פראַנק און פרײַ זייער אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע; און זוכן צו פאַרפלאַנצן די קערנדלעך פון אַנטי־ייִדישע מאַסן־באַוועגונגען אויפן אַמעריקאַנעם באָדן, איז אַט אַזאַ קריטישער צײַט ווערט כמעט קיין זאַך ניט אויפגעטאָן פון די אַמעריקאַנער ייִדן צו שאַפן אַ קעגנגיפט פאַר דעם סם, וועלכן די פאַרשפּרייטער פון פאַלשקײַטן האָבן שוין אַרײַנגעפירט אין אַמעריקאַנישן פאָלק־באַוואוסטזײַן.

אמת, די האָפענונגען פאַר דער צוקונפט זײַנען אַ ביסל בעס־סערע. אַט האָט דאָך דער יאַהודיש האַלב־אַסימילירטער בני־ברית אָרדן אָפּנים געביטן זײַן ביז־איצטיקע שאַ־שאַ פּאָליטיק אין באַ־צוג צום קאַמף מיט די אַנטי־ייִדישע רשעות און האָט אפילו באַ־שלאָסן צו שאַפן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, ספּעציעל פאַרן ציל פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. איז אָבער דאָ נאָך אַ סך רייִן־אינער־לעכע, פּסיכאָלאָגישע מניעות, וועלכע ס'איז זייער כדאַי אויפצו־קלערן און וואָס פריער זיי בײַצוקומען.

אַזוי, למשל, האָבן אַ סך פּראָגרעסיווע ניט־ייִדן, און נאָך מע־רער ייִדן, שטאַרק מורא שוין פאַרן וואָרט פּראָפּאַגאַנדע גופא, ווען

זיי הערן, אַז מען קלײַבט זיך פון די ייִדישע קרײַזן ענטפערן מיט אַ פּראָ־ייִדישער, ד. ה. ייִדנפרײַנטלעכער פּראָפּאַגאַנדע. געוויס איז די פּראָפּאַגאַנדע, ווי זי ווערט פאַרשפּרייט אין אייראָפּע דורך די געבעלסעס און שטרײַכערס, און בײַ אונדז אין אַמעריקע דורך די פּעלליס און עדמאָנדסאָנס, גאַנץ געוויס איז אַט אַזאַ מין אויסנו־צונג פון ליגנס, און אויך פון די נידעריקסטע אינסטיקטן פון המון, אַ זייער מיאוסער, אָפּשטויסנדיקער וואָפן פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אָבער בטבע דאַרף פּראָפּאַגאַנדע גאָרניט באַשטיין אין אַט אַזאַ מאַסן־פאַבריקאַציע פון דומהײַטן, שקרים און מענטשן־האַס. אין גרונט איז פּראָפּאַגאַנדע ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ סי־סטעמאַטישער מעטאָד פון דערגרייכן און באַאײַנפלוסן דאָס פאָלק מיט אַלע מיטלען פון אויפקלערונג און אַגיטאַציע. און מיר, ייִדן, אַ פאָלק, וואָס האָט געטראָגן געדאַנקען און אידייען טויזנטער יאָרן און אַנגעשטעקט מיט אַט די אידייען הונדערטער פעלקער, מיר דאַרפן שוין ענדלעך פאַרשטיין, אַז ניט נאָר האָבן מיר אַ כשר־רעכט, נאָר אַז ס׳ליגט אויף אונדז ממש אַ היסטאָרישע פליכט, אין גײַסט פון אונדזער טויזנט־יעריקער טראַדיציע צו זײַן די קעמפער פאַר אמת און יושר, אונטערצונעמען אַ נײַע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם שוץ פון ייִדישן נאָמען און כבוד. מיר האָבן אַ רעכט און אַ פליכט צו באַקענען די וועלט מיט אונדזער ענין, מיט דער „קעיס” פון ייִדנטום, דאָס מיינט מיט אַלע איינצלהײַטן און אומשטענדן פון דער מלחמה, וואָס דער נײַער אַנטיסעמיטיזם, אַט די שוואַרץ־ברוינע פּלאָג פון 20טן יאָרהונדערט, האָט פאַרפירט קעגן אונדז.

עס געפינען זיך אגב נאָך ניט ווייניק ייִדן, וואָס האַלטן, אַז ס׳וועט זײַן אַן אָפענער ווידערשפּרוך צו אונדזער נאַציאָנאַלן כבוד און זעלבסט־רעספּעקט, אויב מיר וועלן בכלל זוכן צו פאַרענטפערן זיך קעגן די שקרים און בלבולים, וואָס די שונאים פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט. זיי, די טרעגער פון אַזאַ ייִדישן נאַציאָ־נאַלן שטאָלץ, זאָגן, אַז ס׳וואָלט געווען אונטער אונדזער חשיבות ווי אַ פאָלק צו באַמיען זיך צו געפינען חן אין די אויגן פון די שכנישע פעלקער. איז דען ניט בלויז איין קורצער שריט פון אַזאַ מין פּאָליטיק פון דינען דעם לאָזונג „מה יאמרו הגויים” (וואָס די גויים וועלן זאָגן) צו דער אָפּשטויסנדער מה־יפית פּאָליטיק פון די עקסטרעמע

אַסימילאַטאָרן ? ! אַזוי פרעגן די אָנהענגער פון דעם פּרינציפּ פון אָפּהיטן דעם באַרעכטיקטן יידישן נאַציאָנאַלן שטאַנד. טאָ זאָלן מיר, אַלס שטאָלצע מענטשן און יידן, אפשר בכלל ניט ענטפערן, לחלוטין איגנאָרירן, ניט וועלן וויסן פון די שקרים און בלבולים ?...

פון דער צווייטער זייט אָבער איז ביי אַ טייל יידישע פּירער שוין פון לאַנג רייף דער געדאַנק, אַז מיר יידן מוזן קריגן שותפים, פאַרבינדעטע אין דעם שווערן קאַמף פאַר אונדזער רעכט און פאַרן אמת. דאָס איז אַ מער באַשיידענער און מער ניכטערער, רעאַליסטישער קוק אויפן פּראָבלעם פון קאַמף פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, אָבער אַזאַ קוק, וואָס רעכנט זיך מיטן פאַקט, אַז די עפנטלעכע מיינונג שפּילט פאָרט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין יעדן קאַמף פאַר גערעכטע צילן, וואָס פירט זיך אין די לענדער מיט אַלטע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס, ווי, למשל, ענגלאַנד, אַמעריקע אָדער פראַנקרייך. אָט דער צד האָלט געוויס ניט פון פאַרשוויגן אָדער איגנאָרירן די אַנטיסעמיטישע העצעס.

ווי אַ ביישפּיל פון אַזאַ פונדאַמענטאַלער מיינונג־פאַרשידנהייט קענען מיר דאָ דערמאָנען דעם שטרייט, וואָס האָט זיך אין די לעצטע עטלעכע יאָר אָפּגעשפּיגלט צווישן מענטשן פון די געהויבענע יידישע קרייזן (אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן זינען), וואָס שטייען נאָענט צו דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. דער שטרייט איז אָנגעגאַנגען אין פאַרבינדונג מיט דער אונטערזוכונג, וואָס דער פּראָמינענטער זשורנאַל „פאָרטשון" האָט געהאַט דורכגעפירט מכוח דער ראָלע, וואָס די יידן שפּילן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון אַמעריקע.[4]

די פאַרטרעטער פון יידישן „נאַציאָנאַלן־שטאַלץ שטאַנדפּונקט" האָבן אין אָט דעם שטרייט אַזוי געטענהט: דאַרפן מיר בכלל גאָר זוכן צו ווייזן די גוים, אַז מיר, יידן, זיינען ניט די הערשנדע גרופּע אין געוויסע אַמעריקאַנער פאַכן, פּראָפעסיעס און אינדוסטריעס ? מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אַלע אונדזערע פּאָזיציעס דורך כשרע מיטלען, טאָ צו וואָס זיך פאַרענטפערן ? איז עס ניט אונטער אונדזער כבוד און ווירדע ?

אַזאַ טענה וואָלט געווען אַ דורך און דורך ריכטיקע, אויב די

[4] גענויער וועגן אָט דער אונטערזוכונג און אירע אויספירונגען שרייבן מיר אין דעם אַרטיקל „יידן אין דעם געשעפט - לעבן פון אַמעריקע", אויבן זז. 277—296.

פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע וואָלט אין אַמעריקע, ווי אומעטום, געווען אויסגעקנאָטן פון הײלע שכל און לאָגיק. אין דער אמתן ווערן די ברייטע מאַסן באַהערשט פון געפילן, אינסטיקטיווע מאָטיוון און עמאָציעס, מיט איין וואָרט — פון סענטימענטן. און וואו די לאָגיק קומט אין קאָנפליקט מיט די ברייט־פאַרשפּרייטע סענטימענטן, איז דאָך שטענדיק דער לעצטער זיג דווקא אויף דער זײַט פון סענטימענטן. דאַרפן מיר, ייִדן, דעריבער, נאָך איידער מיר קענען אַפּעלירן צו דער ריינער לאָגיק, אָפּראַמען פון וועג אַט יענע שטערונגען אין דער פאָרם פון די פאַראורטיילן און פאַלשע באַגריפן, וואָס שפּײַזן די סענטימענטן, וואָס אויף זיי ווערן ניט מיד צו צימבלען אונדזערע שונאים — די פּעלליס און די עדמאָנסאָנס. נאָך קיינמאָל אגב איז ניט אַזוי לײַכט געווען צו איבערצײַגן די בעסטע טיילן פון דער ניט־ייִדישער געזעלשאַפט, אַז דער פאַשיזם, וואָס באַדראָט די פרײַהײַט פון געוויסן, גלויבן און געדאַנק, איז פּונקט אויף אַזוי פיל אַ ייִדישע ווי אַ קריסטלעכע פּראָבלעם.

מיר זעען פונדעסטוועגן, ווי די אַנטי־ייִדישע געפילן אין אַמע־ריקע שטײַגן גראַד אין אַ צײַט, ווען די אַנטי־נאַצי־סענטימענטן האַלטן אין וואַקסן. איז דאָך אין אַמעריקע, נאָך פאַרן אויפקום פון נאַציזם, געווען פאַרשפּרייט אַ שטאַרקער אַנטי־ייִדישער סענ־טימענט, אַזאַ וואָס איז געווען צום גרעסטנטייל אומאָרגאַניזירט, אָבער דאָך פאַרקערפּערט אין אַנטי־סאָציאַלע פאָרמען, ווי די דיס־קרימינאַציע און באָיקאָט אויף ייִדן אין עקאָנאָמישן און אין דעם פאַרווײַלונג און פרײַנדשאַפט וועזן (קלאָבס, האָטעלס, קור־ערטער א. ד. גל.). דווקא די גרויסע עקאָנאָמישע דעפּרעסיע האָט אָט די אונ־טערערדישע שטראָמען פון דעם אַנטי־ייִדישן געפיל צווישן די פּשוטע נאָרמאַלע אַמעריקאַנער בירגער נאָך ברייטער געמאַכט, און די מוט־נע וואַסערן צעטראָגן זיך איצט איבער אַלע גרעסערע שיכטן. אָט די זײַט פון אַנטיסעמיטיזם דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן מיט אַ באַ־נײַטער קראַפט, און אויך ווי אַ פראַגע, וואָס איז נוגע אַלע מיט־גלידער פון אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט. דאָס דאַרף איצט זײַן איינער פון די ערשטע קאַמף־צילן פון דער ייִדישער פאַרטיידיקונג קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זײַנע פאָרמען בײַ אונדז אין אַמע־ריקע.

ביבליאָגראַפישע הוספה

רשימה פון אויסגעקליבענע אַרבעטן פון דר. הערמאַן פראַנק צו דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע פון די יידן אין אַמעריקע.

א. ייִדישע סטאַטיסטק און דעמאָגראַפּע

1. ייִדישע דעמאָגראַפּיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן (אירע פּראָבלעמען, מעטאָדן, רעזולטאַטן). *אַמאָפּטייל* (ייִוואָ) *יאָרבוך*, ב. 1, 1938, ניו יאָרק, זז. 55—184.
2. די אידישע אַמעריקע אין ציפערן (לויט די צענזוס מאַטעריאַלן פון 1920) *צוקונפט*, ניו יאָרק, אַפּריל, יוני, סעפּטעמבער, דעצעמבער, 1928.
3. די צאָל און געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. *עקאָנאָמישע שריפטן* (פון ייִוואָ), ב. 2, ווילנע 1932, זז. 106—120.
4. אידישע שטערבלעכקייט אין ניו יאָרק. *צוקונפט*, דעצ. 1934, זז. 705—710.
5. אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. *אונזער שול*, ניו יאָרק, דעצ., 1935, יאַנ., פעבר., מערץ, אַפּר., מאַי, 1936.
6. אידיש אין אַמעריקע (1910—1920—1930). *צוקונפט*, פעבר. 1937, זז. 75—80.

ב. ייִדישע עקאָנאָמיק

7. אידשיע פאַרמעריי אין די פאַראייניקטע שטאַטן (איר אַנטוויקלונג און צושטאַנד). *צוקונפט*, אויגוסט, 1926, זז. 449—454; סעפּט., 1926, זז. 533—537; דעצ., 1926, זז. 694—698.
8. עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע (ווי אַזוי ער דריקט זיך אויס און ווי זאָל מען אים באַקעמפן). *צוקונפט*, יולי, 1934, זז. 398—402; אויג., 1934, זז. 457—461.
9. אַנטיסעמיטישער באָיקאָט אין די „פּאָבליק יוטיליטיס". *צוקונפט*, נ. י., פעברואַר, 1935, זז. 68—72.
10. סאָציאַל - עקאָנאָמישע איבערשיכטונג-פּראָצעסן אין אַמעריקאַנער ייִדנטום. *ווירטשאַפט און לעבן*, בערלין, דעצ., 1928, זז. 15—26; פעבר., 1929, זז. 1—12.

11. עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון יידישן מיטלשטאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן. י י ו ו אָ ב ל ע ט ע ר, ניו יאָרק, ב. 15, נומ. 1—2, יאַנ. —פעבר., 1940, זז. 103—123.

ג. אַרבעטער און קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

12. אידישע קאָאָפּעראַטיוון אין אַמעריקע (קלאַסיפיקאַציע, מעטאָדישע באַשרייבונג און איצטיקע לאַגע). צ ו ק ו נ פ ט, ניו יאָרק, אַפּר., מאַי, סעפּט., אָקט., דעצ., 1936.

13. דער אַנטוויקלונג-גאַנג פון אַרבעטער רינג (מיט 2 קאַרטאָגראַמעס און 6 דיאַגראַמעס). א. ר. ק אָ נ װ ע נ ש אָ ן ז ש ו ר נ אַ ל, פילאַדעלפיע, 1937, זז. 40—50.

14. די יידישע טרייד יוניאָן באַוועגונג אין אַמעריקע (1888—1938). אַ מ אָ פ ט י י ל ייוואָ) י אָ ר ב ו ך, ב. 2, 1939, ניו יאָרק, זז. 102—132.

ד. סאָציאַלע פאַרזאָרגונג

15. סאָציאַל-עקאָנאָמישער הוצאה-ביודזשעט פון אַמעריקאַנער יידנטום. ו ו י ר ט ש אַ פ ט א ו ן ל ע ב ן, בערלין, אויגוסט, 1930, זז. 48—63.

16. סאָציאַלע הילף - פּראָבלעמען ביי אידן אין אַמעריקע. צ ו ק ו נ פ ט, פעבר., 1930, זז. 119—122.

17. עלטער-פאַרזאָרגונג פּראָבלעמען ביי אידען אין אַמעריקע. צ ו ק ו נ פ ט, יוני, 1935, זז. 325—328.

18. עקאָנאָמישע אויסזיכטן פון דער יידישער יוגנט. א י ד י ש ע ר ק ע מ פ ע ר, ניו יאָרק, פעבר. 8, 1935; מערץ 1 און 15, 1935.

ה. קולטור-געזעלשאַפטלעכע פּראָגן

19. אידען אין די מעדיצינישע פּראָפעסיעס. צ ו ק ו נ פ ט, מערץ, 1935, זז. 148—152.

20. דער אידישער סטודענט אין אַמעריקע. צ ו ק ו נ פ ט, דעצ., 1937, זז. 738—742; מערץ, 1938, זז. 153—157.

21. „יידישע קאָמיוניטי צענטערס" אין אַמעריקע (זייער געשיכטע, אַנטוויקלונג און ראָלע). אין דרוק: ס פ ר ה ש נ ה, ת"ש (העברעאישער יאָרבוך: 1939—1940).

זוכצעטל

אדלער, עמנואל פּ. 291.
איטאַן, אַלען, 45 ג.
אַפּענהיימער, פראַנץ, 165.
אַקס, אַדאָלף, 291.
אַריסטאָטעל, 34.

באַגען, באַריס, 351.
באַק, פּוירל, 46.
באַריט, א. ע., 283.
ביסמאַרק, 52.
בלאַק, פּאַול, 291.
בלעיק, וויליאַם, 22.
ר' בנימין, 150.
בענטוויטש, נאַרמאַן, 89
בערגמאַן, הוגאָ, 150.
בערנשטיין, הערמאַן, 384.
בראַנפמאַן, ברידער, 288.

גאַדווין, וויליאַם 22 פּפּ.
גאָלדווין, סעם 293, 294.
געבעלס 394.

דאַרווין, טשאַרלס 56, פּ., 60.
דובנאָוו, שמעון 361.
דזשעפערסאָן, טאָמאַס 24.
דיואי, דזשאָן 361.
דיופּאָנטס 28.
דיללאָן 281.
דיללאָן, ריעד ענד קאָמפּ. 282.
דיק, סאָלאָמאָן 88.
דע מאַן, הענדריק 66, 67.
דרייפוס, טש. ענד קאָ. 284

האַקסלי, ט. 57.
הואווער, ה. 28, 47.
הורסט, וו. ר. 291, 364.
היטלער, אַדאָלף 59, 93, 187.
הירש, באַראָן 178, 255, 273.
הערצל, דר. טעאָדאָר 186, 243.

וואָלאַס, ה. ל. 32.
וואַקסמאַן, דר. 264.
וואַרבורג, פעליקס 281.
וואָרנער, דזשעק 294.
וואָרנער, ברידער 236, 293.
ווהאַיטעד, וואָלטער 386.
ווהעילען, גראָווער א. 288.
ווייסקאָפּף, דניאל ק. 288.
וועלס, ה. ג. 28 פּפּ.

זאַנגוויל, ישראל 186.
זאַקס, א. ש. 272.
זעליגמאַן, י. און וו. 289.
זעליגמאַן ענד קאָ. 281.
זעלצניק, לואיס 293.

טהאַלבערג 294.
טהאַלמאַן ענד קאָ. 281.
טיוטשעוו, איוואַן 59.
טרוי, דזש. 381.
טשעמבערלעין, נעוויל 191.

יאָפּע, יעקב ש. 264.
יוד, נחום 59.
יעסעלסאָן, א. 67.

כהן (קהאַן), האַנס 150.
כהן, מאַקס צ. 296.
כהן, משה 271.

לאַגוואַרדיאַ, פּ. 366.
לאַנג, יוהי 360 ג.
לאַנדויער, גוסטאַוו 51, 54.
לאַסקי, דזשעסי 293.
לאעוו, מאַקס 293.
לאַרילאַרד, פּ. 289.
לוביטש 294.
לונץ אייראָן ענד סטיל קאָ 284.
לוריע, ברידער, און קאָ. 284

לוריע, יוסף 150.
לינד, ראָבערט 354.
לינדער, מנחם 199.
ליעז, אַרנאָלד 386.
ליפּמאַן, יעקב 264.
לעהמאַן, ברידער 281.
לעמלע, קאַרל 293, 294.
לענין, נ. 52.
לעשטשינסקי, יעקב 199.

מאַגנעס, י. ל. 325.
מאַרגאַן (באַנקיר) 282.
מאַרקס, קאַרל 52.
מוסאָליני, בעניטאָ 52, 59, 186.
מינסטערבערג, הוגאָ 248.
מייער, לואיס ב. 293.
מיקאַעלס, יוסף ע. 284.
מעטראָ־גאָלדווין־מייער 293.

נאַפּאָלעאָן, ערשטער 52.
נאָרדוי, מאַקס 186, 243.

סאַבסאָוויטש, ה. ל. 256.
סאַרנאָף, דוד 292, 294.
סופי, אַבדול האַמיד 367.
סטאַיוויסענט, פּעטער 298.
סטאַלין, י. 28, 29, 59.
סימאַן, ערנסט 150.
סיערס, ראָובאַק קאָ. 290.
סמיט, אַל. 28.

עדמאַנדסאָן, ר. ע. 381, 394, 396.
עמברי, עדווין, ר. 46.
ענגעלברעכט, ה. ג. 384 ג.
עפּשטיין, מאַקס 283.

פּלאַטאָן 34.
פּעין, טאָמאַס 22 פּפּ.
פּעללי, וו. ד. 381, 394, 396.
פּרודאָן, פּ. זש. 51.

פאַקס, וויליאַם 293.
פאָרד, הענרי 29, 384, 385.
פיינסטאָן, מ. 378.
פישמאַן, שמעון 296.

צוקער, אַדאָלף 293.

קאַהן, אָטטאָ 281.
קאַלוואַריסקי, ח. 150.
קאַפּלאַן, מרדכי, פּראָפ. 340.
קאָפּערניק 56.
קאַרלין, יעקב 296.
קאַרפּף, דר. מאָריס 306, 315, 348 פּפּ.
קוהן, לאָעב ענד קאָ. 281.
קוידער, אוירווינג 296.
קולידזש, קאַלווין 26.
קראָפּאָטקין, פּ. 51, 56.

ראָבעספּיער, מ. 52.
ראָזאָף, שמואל 285.
ראָזענוואַלד, דזשוליוס 290.
ראָטשילד, באַראָן 178.
ראָקעפעלער 20.
ראָקער, רודאָלף 50 פּפּ.
רוזוועלט, פרענקלין ד. 26, 27, 29, 47, 357.
רוטענבערג, פּנחס 129.
רוסאָ, זש. זש. 52.

שולבערג 294.
שטערן, דוד י. 291.
שטרייכער, יוליוס 394.
שיף, יעקב 281.
שניידערמאַן, ה. 41.
שפּייער ענד קאָ. 281.

באַאמטע פון ביאַליסטאָקער בקור חולים צענטער פון ברוקלין

לואיס טאר, פרעזידענט
איזידאָר פען און היימאַן גאָלדשטיין, וויס פרעז.
הערמאַן ראָזענטאַל, פינאַנס סעק.
פיליפ קאהן, פראָטאָקאָל סעק.

טראַסטיס:	מאָריס פרידמאַן	דזשייקאָב סמיט
	חיים סלאָט	היימאַן זאַלאָוויטש
	הערי וואָטמאַן	

האָספיטעלער: סעם ווייס

עדיוקיישאָן קאָמיטע פון ביאַליסטאָקער בקור חולים צענטער פון ברוקלין

בענעט אבענאָווסקי, טשערמאַן
מאָריס פעלדער, פּאָרוס טשערמאַן
הערמאַן ראָזענטאַל, סעקרעטאַר
דזשייקאָב שאָפּס, טרעזשורער

לואיס פאָלטער,	היימע זאַלאָוויטש
פיליפ פליישער	היימאַן גאָלדשטיין
סעמועל קראָל	אברהם דזשאָנעס
מאָריס קראָל	דר. הערי קייזער
דזשוליוס אַלפּערט	דר. סידני ס. פידלער
הערי וואָטמאַן	

באַאמטע פון דער ליידיס אַקזילערי

פעני שענדלער, פרעזידענט
דאָראַ קינג און איידא גיבסאָן, וויס פרעזידענט
לינא פידלער, טרעזשורער
שרה קאַפּלאַן, פינאַנס סעק.
רעי נאסאוו, פּראָט. סעק.
מערי מאס, לינא מאנזער
דאָראַ פליקער, נעטי סאסער
פעני קאַפּעט, טראַסטיס
מאָלי זאַלאָוויטש, מאַרשאַל
איידאַ מאַרקוס און איידאַ גאָלדמאַן, האָספּיטעלער



ביאַליסטאָקער בקור חולים צענטער פון ברוקלין

5 לואיס עוועניו, ברוקלין　　　געגרינדעט אין 1897

סובסקרייבערס פון דעם בוך

דזשיי. וו. פריינק, דיטראָאיט, מיש.
איטשע העלער, קליװלאַנד
מאַקס סטיין, ניו דזשוירזי
נייטן סטיין, פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי
יהושע גערשוני, מאָנטרעאָל, קענעדע
עליס ראַוויץ, ברידזשפּאָרט, קענ.
טשאַרלס מאַראַנץ, ניו יאָרק
דר. בענדזשאַמין דייווידסאָן, ברוקלין
מאָריס קראָל, ברוקלין
סעמועל קראָל, ברוקלין
מר. און מרס. משה און עלקע שמוקלער, ברוקלין
מר. און מרס. דזשייקאָב שינדלער, ברוקלין
מר. און מרס. קאַפּלאַן, ברוקלין
היידא מאַרקוס
דר. סידני פידלער, ברוקלין
מר. שלמה ראָזענטאַל, ברוקלין
פיליפּ קאָהן, ברוקלין
אברהם פּאַלטער, ברוקלין
דזשייקאָב שאַפּס, ברוקלין
מר. און מרס. מאיר גאָלדמאַן, ברוקלין
דזשייקאָב סמיט, ברוקלין
מר. און מרס. ליאָן און דאָראַ גאָט־ליב, ברוקלין
מר. און מרס. היימאַן זאַלאָוויטש, ברוקלין
מר. איזידאָר זאַלאָוויטש, ניו יאָרק
לעסטער זאַלאָוויטש,
מ. לעוויט, ברוקלין
ר. קושנער, ברוקלין
פ. טשערניאַק, ברוקלין
ה. בעלל, ברוקלין
ל. סאַטין, ברוקלין

מר. און מרס. טשאַרלס פליישער
מר. און מרס. פיליפּ פליישער
נייטן לוטענבערג, ברוקלין
מרס. ראָאוז לוטענבערג, ברוקלין
מאָריס לעווין, ניו יאָרק
בענדזשאַמין לעווין, ברוקלין
איזידאָר פּען, ברוקלין
משה זינס, ברוקלין
איזע פּייערלינג, ברוקלין
דזשוליס גאָטליב, ברוקלין
דר. הערי קייזער, ברוקלין
הערי שייפער, ברוקלין
הערי און מאיר קירשעטבלום,
נייטן געלבערג, ברוקלין
באָרדיטשעווער סאָסייטי, ברוקלין
פיליפּ גאָרדאָן, ברוקלין
פיטער העללער
דזוליוס גאָטליב, ברוקלין
שאול סאָטען, ברוקלין
היימאַן פּערעלשטיין, ברוקלין
רובין גאָלדבערג, ברוקלין
מר. און מרס. אַלטער מיראָן, ברוקלין
מר. און מרס. סעם קייליש, ברוקלין
אברהם פויזנער, ברוקלין
אברהם מילער, ניו יאָרק
מר. און מרס. ליאָן פישער, ניו יאָרק
מר. און מרס. בענעט אַרענאָווסקי, ברוקלין
מר. און מרס. וויקטאָר שיינבערג, ברוקלין
שמואל שאַבאַדסקי, ניו יאָרק
דר. לואיס באַרענשטיין, ברוקלין
דזשייקאָב טוירקעל, ברוקלין
דזשאָזעף טוירקעל, ניו דזשוירזי
דזשאָזעף שלאָסבערג

ערשטע פֿאָלטאַווער בענעוואָלענט אַסס.

סעם אַבראַמסקי, ברוקלין
איק אַנטין, ברוקלין
א. גאָלדבערג, ברוקלין
ה. ליפשיץ, ברוקלין
מ. קויפמאַן, ברוקלין
א. סינגער, ברוקלין
מרס. א. גרובין ברוקלין
אב פוילעף, ברוקלין
דזשי ראָזענפעלד, ברוקלין
מר. און מרס. באַרנעט פערעלמאַן, ברוקלין
מר. און מרס. העריי חייט, ברוקלין
מרס. היידא גיבסאָן, ברוקלין
מאָריס פרידמאַן, ברוקלין
מר. און מרס. מאַקס נאָסאָוו, ברוקלין
אברהם דזשאַנעס, ברוקלין
אוירווינג דזשאַנעס, ווירדזשיניאַ
לואיס טאר, ברוקלין
מר. און מרס. דזשוליוס אַלפערט, ברוקלין
אַרטור קאהן, ברוקלין
אהרון ראַפאַלאָווסקי, ניו יאָרק.
טאַרטשינער, וואָלינער סאָסייטי ,יאָנג מענס אַסס, ברוקלין
טאַרטשינער יאָנג מענס סאָסייטי, ברוקלין
מאריס אַשביז, ניוו יאָרק
סאַול מעטץ, ניו יאָרק
היימאן מען, ניו יאָרק
מענדל קריסטאַל, בראָנקס
פרידא קריגער, ברוקלין

מאַקס וועבער, גרעיט נעק, נ. י.
יעטאַ שוואַרץ, ברוקלין
לואיס ליבערמאַן, ברוקלין
היימאַן דראַגאָוויטץ, ברוקלין
סעם פאַלק, ברוקלין
פֿאָלאַק
איזי קאַפּלאַן, ברוקלין
דזשייקאָב פינק, ברוקלין
וויליאַם אַבראַמסאָן, ברוקלין
לואיס רובענשטיין, ברוקלין.
פיליפּ ראָזענטאַל, ניו יאָרק
ערשטע ברוקלינער סאָסייטי, ברוקלין
יונייטעד פרענדס אָוו מיוטשואַל עיד סאָסייטי, ברוקלין
ווילנער בענעוועלענט סאָסייטי, ברקל.
סעם סלאָן, ברוקלין
דייוויד דובינסקי, ניו יאָרק
סעם ווייס, ברוקלין
לואיס טאר, ברוקלין
ראלף ווײן, ברוקלין
סעמועל דזשאַפע, ברוקלין
לואיס פֿלאַטאָוו
מר. און מרס. אייזענשטאַט, ברקלין
מר. און מרס. וואולף שאפּלאַנסקי, ברוקלין
דר. נאָרמאַן סמיט, ברוקלין
דזשאָדזש מ. קאַהן, ברוקלין
בענדזשאַמין פוקס, ברוקלין
דר. סידני פידלער
דייוו ליפשטיין, ברוקלין
מאָריס קראַווטשיק, ברוקלין